STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04153

OTSAR HA-DERUSH VEHA-HATAFAH

Samuel Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוצר הדרוש וההטפה

חלק ראשון — ספר בראשית

יו״ל חוברות חוברות וכל חוברת תפרד לשתי מחלקות

המחלקה הראשונה:

פון דער בימה

תכיל דרוש שלם בשפת יהודית המדוברת

מאת

הרב שלום ראבינאוויץ

המחלקה השניה:

חומר לדרוש

תכלול אגדות חז״ל, דרושים, ביאורים, מאמרים ומשלים
השייכים לענין הדרוש ההולך לפניהם.
נקלטו ונערכו מאת הרב הנ״ל.

OZAR HADRUSH V'HAHATAPHA

AN ENCYCLOPEDIA OF JEWISH HOMILETICS

by

RABBI SAMUEL RABINOWITZ
159 Marcy Ave., Brooklyn, N. Y.

1918

Copyright by Rabbi Samuel Rabinowitz, 1918.

אַ וואָרט צום לעזער.

די דרשות וועלכע איהר וועט לעזען אין דיעזער ווערק, אונטערשיידען זיך פון דעם דורכשניטליכען סאָרט דרשות אין די פערשיעדענאַרטיגקייט פון זייערע טהעמאַס און אין דעם כאַראַקטער פון זייער אינהאַלט — אויסער די אַלטע טהעמאַס, וועט איהר אויך געפינען אין דיעזע ווערק דרשות אויף אַזעלכע טהעמאַס וואָס זיינען ביז יעצט כמעט ניט בעריהרט געוואָרען אויף אַ אידישע בימה, אַזוי ווי צום ביישפּיעל: וויסענשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, קאַפּיטאַל און ארבייט, אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, נאַציאָנאַליזם און אַניטערנאַציאָנאַליזם, פּאַטריאָ־טיזם, טאָלעראַנץ, דעמאָקראַטיע, מיליטאַריזם, קריעג און פריעדען, א. ז. וו., א. ז. וו., א. ז. וו.*)

אַזעלכע ענינים זיינען ביז יעצט געבליבען אונבעריהרט אויף דער אידישער בימה — ניט ווייל זיי דאַרפען ניט בעריהרט ווערען פון אַ דרשן, פערקעהרט, דער יודענטהום איז געמיינט געוואָרען צו זיין אַ תורת חיים, דאָס מיינט, אַז אַלעס וואָס איז נוגע דאָס לעבען און די לעבעדיגע אין אַלע צווייגען פון מענשליכע טהעטיגקייט דאַרף אונטערזוכט ווערען פון אַ אידישען שטאַנדפּונקט, אָבער צום בעדויערען איז די אידישע האָמילעטיק (דרשנות) געוועזען בלוט־אָרעם אין וועלט־ליכע און וויסענשאַפטליכע זאַכען, און ווען אַ דרשן האָט אַ מאָל יאָ בעריהרט אַזעלכע ענינים, האָט ער בעהאַנדעלט די וועלט און די וויסענשאַפט ווי זיי זיינען געשטאַנען אכט הונדערט אדער טויזענד יאָהר צוריק.

דער אוצר הדרוש וההטפה ווען ער וועט אין גאַנצען פערפערטיגט ווערען, וועט זיין אַ פאָלקאָמענע ענציקלאָפּעדיע פון געדאַנקען איבער אַלערליי ענינים — אידישע און וועלטליכע — און יעדער ענין וועט בעהאַנדעלט ווערען אויף אַ מאָ־דערנעם אופן.

אויסער דעם וועט דער „אוצר" אויך ענטהאַלטען די בעסטע פּערלען פון אונזער ברייטע דרוש־ליטעראַטור פון אַלע דורות.

הערה — על ענינים כמו אלה אולי יאמרו המשכילים שאינם מסוגלים כלל לשכל ההמון — אבל לדעתי אין לך ענין שנולד במוחו של אדם אחד שיהיה למעלה משכל אדם אחר, אפילו אם גם אותו האחר הוא איש פשוט שלא למד תורה או חכמה, כי כל קושי ענין תורניי או פילוסופי תלוי על פי רוב בסבת קיצור או חוסר בירור בלשון — ואשר הועילו המפרשים אפילו בשיטת „מיפך והזמה" הוא שהעתיקו את הענין מלשון קצרה ללשון רחבה וברורה — ודי למבין.

צו דרשנים.

יעדער נומער פון **אוצר הדרוש וההטפה** וועט ענטהאלטען איין **גאנצען** דרוש, דיעזער דרוש וועט זיין געשריעבען אין אידיש, כדי צו בעהאלטען אין איהם דעם טעם וואס די צוהערער האבען געפיהלט ווען זיי האבען געהערט די לעבעדיגע ווערטער פון דער בימה — קיין איבערזעצונג, מעג זי אפילו זיין די בעסטע, קען נים איבערגעבען דעם אריגינעלען טעם פון די שפראך אין וועלכע א ליטעראַרישע ווערק איז פערפאסט געווארען (ואגב, התכוונתי ג"כ להרגיל את הדרשנים מדור הישן לדבר כן בשפת יהודית צחה וברורה — לא חצי־אשכנזית וגם לא שפת השוק).

יעדע פון די פערטיגע דרשות איז געמיינט געווארען צו פערנעהמען פון דרייפערטעל שטונדע ביז א שטונדע — דאס איז גאנץ גענוג פאר א פארטגעשריטענע געמיינדע — צו דער זעלבער צייט האט אבער דער פערפאסער גענומען אין אנבעטראכט די יעניגע געמיינדעס, וועלכע שלינגען דרשות אזוי ווי מען טרינקט אין נויארק סאדא וואסער — דאס הייסט, א גרויסע גלאז און ביליג — די סאלארי וואס זיי צאהלען זייער מגיד איז קוים גענוג אויף לחם צר ומים לחץ, אבער דרשות ווילען זיי לאנגע — צוליעב זיי, וועט נאך יעדע דרשה צוגעלייגט ווערען איין אבטהיילונג „חומר לדרוש" — דיעזער מאטעריאל וועט אימער זיין **פון זעלבען ענין** מיט די פערטיגע דרשה וועלכע געהט פאראוים אין זעלבען נומער — דאס וועט געבען דעם דרשן די מעגליכקייט „אויסצופילען" זיין דרשה און צו געבען זיין געמיינדע א „פולע מאס", אויב זי פערלאנגט עס — דיעזע אבטהיילונג וועט געשרייעבען ווערען אין העברעאיש.

עס איז ראטזאם פיר אלע בעזיצער פון "אוצר" צו היטען זארגפעלטיג זייערע איינציגע נומערען כדי זיי זאלען אם־ענדע האבען א כלי שלמה — שפעטער וועט זיין שווער צו קריגען איינציגע נומערען, ווייל מיר דרוקען נור א בעגרענעצטע צאהל פאר שטענדיגע אבאנענטען.

דער פערפאסער.

פון דער בימה.

על הדרשנות.

(אַנשטאָט אַ הקדמה).

הרב שלום ראַבּינאָוויץ.

I

עשה לך שתי חצוצרות כסף מקשה תעשה אותם והיה לך למקרא העדה ולמסע את המחנות: ותקעו בהן ונועדו אליך כל העדה אל פתח אהל מועד: ואם באחת יתקעו ונועדו אליך הנשיאים ראשי אלפי ישראל.

(במדבר י', א—ד).

אין אַ געוויסען ווינקעל פון דער גרויסער וועלט־שטאָדט נויארק שטעהען צוויי דרשנים אין צוויי שוהלען וועלכע געפינען זיך נאָהענט איינע צו די אַנדערע אין דער זעלבער גאַס — איינער איז אַ מגיד פון אַלטען שניט; זיין מעטהאָדע איז, אַז ער נעהמט אַ פּסוק פון תנ"ך אָדער אַ מאמר חז"ל פון די „רבה בר בר חנה'ס" אָדער פון די „סבי דבי אתונא" און ער פרעגט אַן דערויף אַ ים מיט קשיות ביז עס זעהט אויס אַז מען וועט דאָס שוין קיין קענען רעכט מאַכען — נאָכהער ציהט ער אַן אַ לאַנגע קייט פון אַנדערע מאמרי חז"ל, וועלכע זעהען אויס ניט צו האָבען קיין פערבינדונג מיט זיין ערשטע טהעמא, און ער שטעלט זיי אויס אין צייל ווי אַ רעגימענט סאָלדאַטען און ער קירעוועט זיי רעכטס און לינקס און דרעהט זיי אַהין און אַהער, ביז אַם ענדע — נאָך אַ צייט־פערלויף פון צוויי־דריי שעה — קעהרט ער זיך צוריק צו די פּסוקים אָדער מאמרים מיט וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען און ער „מאַכט גלאַט אַלע בערג און פילט אויס אַלע טהאָלען" און אַלע קשיות פאַלען אָרונטער פון זיך אַליין און פערשווינדען אַזוי ווי מיט אַ כשוף. (אַזוי מיינט ער).

דער צווייטער איז אַ מאָדערנער רעדנער, אָדער ווי ער זעלבסט בעטיטעלט זיך: „אַ פאָלקס־רעדנער" — אַז איהר וועט איהם רופען „מגיד" אָדער „דרשן", וועט ער אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין די „בעליידיגונג" — זיין מעטאָדע איז אינ־גאַנצען אַנדערש פון דעם אַלטען סטייל מגיד — ער ציהט ניט אַן קיינע פּסוקים און קיינע מאמרי חז"ל, פערקעהרט, ער לאַכט דערפון: „וואָס בין איך פאַר אַ

מחותן", זאגט ער, „מיט מדרש פליאה'ס? האב איך געמאכט א קאנטראקט מיט'ן רבונו של עולם צו פערענטפערען די רעטענישען פון תלמוד און מדרשים אדער די שווערע פסוקים פון תנ"ך? אויב א איד וויל פערשטעהן שווערע אגדתא'ס זאל ער זיך זעצען ביין טיש וואו עס ווערט געלערנט עין יעקב, און אויב ער וויל לערנען תנ"ך, זאל ער ווערען א מיטגליעד פון "חברה מקרא". איך זאג ניט קיין דרשות, נור איך האלט „רעדעס", „לעקטשורס" און „פרעדיגטען", און דיזע ווערען „מאנופעקטשורט" אין גאנצען אהן פסוקים אדער מאמרים פון תלמוד".

דיזע צוויי דרשנים האבען א רעכטע צייט געלעבט גאנץ פריינדליך צווישען זיך, ביז דער דרשן פונ'ם אלטען שניט האט בעמערקט אז זיין „עולם מאווט ביס־לאכוויים ארוים פון זיין שוהל און ציהט זיך אריבער צו זיין קאנקורענט דעם „רעדנער", און אזוי ווי קיין מענש איז קיין מלאך ניט, האט איהם די זאך זעהר געקריינקט, און ער האט בעשלאסען ביי די ערשטע געלעגענהייט ארונטערצורייסען די מאסקע (ווי ער האט דאס אנגערופען) פון דעם נייען סארט דרשנות און צו בעווייזען דעם עולם ווי פוסט און ווערטלאז זי איז.

אין זיין דרשה דעם נעכסטען שבת האט ער אנגעשטעלט זיינע שווערסטע קא־נאנען געגען די ניי־מאדרנע רעדנער און זייערע מעטאדען. — צווישען אנדערע זאכען האט ער געזאגט:

„יעצט פערשטעה איך דעם מאמר חז"ל (שבת ק"כ) ובביתי אין לחם ואין שמלה, לא מקרא ולא משנה ולא גמרא, — דאס געהט אויף די מאדערנע „רעדנער", איך געדענק אין מיין קינדהייט פלעגען מיינע חברים אין חדר דערצעהלען א מעשה'לע ווי אזוי א געוויסער רייזענדער, וועלכער איז געווען האלב פער־הונגערט און פערפראָרען איז אנגעקומען אין א פראכטפאלען פא־לאַץ, וואו ער האט געפונען טישען געגרייט מיט אלערליי טייערע שפייזען און בעטען פערבעט מיט ווייכע קישענס און פערשפרייט מיט קאסטבארע דעקעס — אבער ווען ער האט אויסגעשטרעקט די האנד צו נעהמען א שטיקעל ברויט, האט ער געפונען אז די ברויט איז א פערבלענדניש און אז מען וויל דאס נעהמען אין האנד געפינט מען אז דאס איז פוסטע לופט און ווינד. — דאן האט ער אמוועניגסטען זיך געוואלט צולעגען אברוהען אויף איינע פון די בעטען און זיך צו דעקען מיט די דעקעס זיך א ביסעל צו דערוואַרעמען, אבער ער האט געפונען אז דיזע זיינען אויך נור געמאכט פון לופט און ווינד, און די האנד געהט דורך דורך זיי אזוי ווי דורך א שאטען, — פונקט די זעלבע סצענע זעהען מיר זיך אבשפיעלען ביי די דרשות פון די מאדערנע רעד־נער. הונדערטער אידען זיצען צוזאמענגעשפארט ווי הערינג אין א בארעל און קוועלען אז פון די גייסטיגע פייערווערק וואס

דער „קונצען מאכער" בעוויזט זיי, אבער ווען זיי קומען אהיים געפינען זיי, אז זיי האבען קיין זאך ניט מיטגעבראכט מיט זיך — און דעריבער האבען די חכמי התלמוד גע'דרשנ'ט אויף זיי "ובביתי אין לחם ואין שמלה, לא מקרא ולא משנה ולא גמרא".

„און איך קען אויך גאנץ לייכט פערשטעהן ווארום די יונגע דרשנים'לעך האבען זיך אזוי אנגעכאפט אן דיזען נייען סארט „רעדנעריי", ווייל זי פאדערט ניט קיין תורה און קיין חכמה, קיין מיה און קיין מאטערניש — און דאס איז פיליכט דער מיינונג פון די חכמי התלמוד וואס זיי זאגען אז „פה האתון נברא בערב שבת בין השמשות" — איהר וועט בעמערקען, אז בלעם'ס אייזעל איז פיליכט געוועזען דער ערשטער „מאדערנער רעדנער", ווייל ער האט ניט דערמאנט אין זיין רעדע דעם נאמען פון גאט אדער אווארט פון דער תורה — און דעריבער האבען די חז"ל אויף איהם געזאגט אז זיין „מויל", דאס הייסט, זיין רעדנער קונסט, איז בעשאפען געווארען פרייטאג פאר נאכט — מיינענדיג דאמיט, אז וועהרענד דרשנים פון אלטען סטיל, וועל־כע האבען געזאגט תורה האבען זיך געמוזט מאטערען אויף זייער דרוש א גאנצע וואך, קען א מאדערנער רעדנער פון דעם קלאס פון בלעם'ס אייזעל פערפאסען זיין דרשה פרייטאג צו נאכט — צווישען די לאקשען" און „צימעס" גיט ער זיך א רייב דעם שטערען און ער האט שוין א דרשה".

„דיעזע דרשנים האדעווען אויס א דור עמי־הארצים, און אויף זיי געהט דער מאמר חז"ל „לא יהי' בך עקר", עקר מן התלמידים (בכורות) — ווייל די אידען וואס הערען א דרשה פון אן אלטען סטייל מגיד זיינען אין א געוויסען זינן פון ווארט געווארען זיינע תלמידים, דאס הייסט, זיי האבען עטוואס געלע־רענט פון איהם, ענטוועדער אן ערקלעהרונג פון א פסוק אדער א חידוש אויף א מאמר חז"ל, — אבער דער מאדערנער רעדנער איז א גייסטיגער „עקר", ער האט ניט קיין תלמידים, ווייל זיינע צוהערער געהען אוועק פון איהם לעדיג, און אויף זיי קען מען זאגען "בכו בכה להולך".

ווען מען האט איבערדערצעהלט דעם מאדערנעם רעדנער די דרשה וואס זיין קאלעגע האט וועגען איהם געהאלטען, האט ער לכתחילה געוואלט פערשווייגען די גאנצע זאך, ווייל ער האט זיך געטרייסט מיט'ן אלטען גלייכווערטעל (א רייכער איך איז א מאל געפאהרען אויסען שטאדט אין זיין אטאמאביל מיט אנאנדער אידען א פריינד, — אויף זייער וועג זיינען זיי פערביי געפאהרען איין איירישמאן, וועלכער איז

געזעסען אויף דער ערד און געהאַקט שטיינער צו פיקסען די וועג — ווען דער איירישמאַן האָט דערקענט נאָך זייער פּנים נאָך אַז זיי זיינען פון די „זרע ברך ד׳“ האָט ער זיי גערופען דעם ידוע׳דיגען שימפף־נאָמען וואָס הוליגאַנעס רופען אַ אידען אין דיעזע לאַנד. איינער פון די רייזענדע איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט און האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען און מאַכען אַ געשלעג מיט׳ן איירישמאַן, אָבער זיין פריינד האָט איהם צוריקגעהאַלטען און האָט צו איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעל: „נעהם זיך ניט אַזוי צום האַרצען, ווי לאַנג מיר זיצען אין אויטאָמאָביל און ער האַקט שטיינער, דאַרף אונז ניט שטאַרק אַרען וואָס ער זאָגט אויף אונז“), — אַזוי האָט געטראַכט דער מאָדערנער רעדנער, „ווילאַנג מיין שוהל איז פול און זיינע איז ליידיג, מעג ער זיך רעדען וואָס ער וויל“, — אָבער אין אַ קורצע צייט האָט ער גענומען בעמערקען, אַז זיין עולם ווערט ביסלעכווייז צוגאַנגען און אַז זיין קאָנקורענט פאַנגט אָן צו זיין מעהר פּאָפּולער — (די אורזאַכע דאַפון איז געווען ווייל אונזערע אחינו בני ישראל האָבען ליעב צו הערען ווי מען „קריטיקירט“ איינער דעם צווייטען — איהר וועט בעמערקען, אַז וואָס מעהר א אידישע צייטונג גרייפט אָן איהרע קאָנקורענטען, אַלץ גרעסער ווערט איהר צירקולאַציאָן, און מיר האָט דערצעהלט אַ שרייבער אַז מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט אויסגעבראָכען אַ קריעג צווישען צוויי אידישע צייטונגען, און זיי זיינען אַרויפגעפאַלען איינע אויף די אַנדערע מיט זלזולים, קללות און חרמות, האָבען די אַרויסגעבער פון ביידע צייטונגען דערפיהלט אַז זייער צירקולאַציאָן שטייגט אונגעהויער, — וואָס האָבען זיי געטהאָן, זיינען זיי צוזאַמענגעקומען און האָבען אָבגעמאַכט צווישען זיך „אויסצוציהען“ די קריעג אויף דריי יאָהר, — די דריי יאָהר האָבען געהאַלטען אין אויסגעהן, האָבען זיי זיך אונטערגעאיילט און בעניייט די מלחמה אויף נאָך דריי יאָהר. דאָס איז אויך געווען די אורזאַכע וואָס די פּאָלק האָט זיך פּלוצלונג גענומען ציהען צום אַלטען מגיד) — דער יונגער רעדנער האָט דאָס גאַנץ גוט פערשטאַנען און ער האָט זיך געפונען געצוואונגען זיך צו בענוצען מיט די זעלבע כלי זין, — אַלזאָ דעם נעכסטען שבת איז ער אַרויף אויף זיין בימה, און ער האָט געעפענט זיינע שווערע אַרטילעריע אויף די פעסטונגען פון זיין קאָנקורענט. — צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער געזאָגט פאָלגענדעס:

„מיין קאָלעגע בעריהמט זיך מיט זיין תורה, אָבער דער אמת איז, אַז די „חידושי תורה“ וואָס ער זאָגט אין זיינע דרשות זיינען ניט קיין אייגענע, און איך דענק אַז מען טאָר אפילו אויף זיין דרשה קיין קדיש ניט זאָגען, ווייל דער דין איז אַז „מצוה גזולה אסור לברך עליה“ (ירוש׳) — און דאָס וואָס ער בעשולדיגט מיר, אַז איך ברענג אויף אַ דור פון עמי הארצים, בעשולדיג איך איהם, אַז ער בריינגט אויף אַ דור פון אפיקורסים. איך וועט געוויס וואונדערען צו הערען אַזאַ בעשולדיגונג אויף אַ דרשן פון אַלטען דור, אָבער ווען איך וועל אייך ערקלעהרען מיינע רייד, וועט איהר אַלע זעהן אַז איך בין גערעכט — איהר

ווייסט דאך געוויס דעם שטייגער פון דעם אלטען סארט מגידים, פריער טשעפעט ער זיך צו צו א געוויסע פרשה פון דער תורה אדער צו א מאמר התלמוד (וועלכער איז גאנץ גלאט על דרך הפשט) און פרעגט אן דערויף תלי תלים קשיות, — און דאס מוז מען צו געבען, אז אין קשיות־פרעגען זיינען זיי ספעציאליס־טען די אלטע דרשנים, און זייערע קשיות אויף דער תורה און אויף משה רבינו'ן און אויפ'ן רבונו של עולם אליין זיינען האר־בער פאר די קשיות פון אינגערסאל אדער טהאמאס פיין, — נאכהער ווען ער האט שוין צומאלען און צוריבען זיין טעקסט אויף פוידער זאגט ער „יעצט וועלען מיר אוועקלעגען די פרשה (אדער מאחז״ל) אן א זייט און איך וועל אייך מקדים זיין אייניגע הקדמות ביז מיר וועלען צוריק קומען צו אונזער ענין און אלעס וועט בעזרת השם רעכט ווערען. — דער עולם איז זעהר נייגיעריג צו הערען ווי אזוי דער גאנצער בארג מיט קשיות וואס ער האט אנגעפרעגט וועט ארונטערגעגראבען ווערען, אבער ווען זייווארטען א שטונדע און זיי זעהען אז דער מגיד „בלאנדזשעט נאך אלץ ארום אין דער מדבר״, ווערען זיי אומ־רוהיג, און ווען זיי ווארטען נאך א שעה און זיי זעהען אז דער מגיד האט נאך ערשט אנגעפאנגען „פאנאנדערצונעהמען די הענד״ גליצען זיי זיך ביסלעכוויז ארויס, (און פיליכט דערפון ווערט דער אלטער־סטייל מגיד א „שארפער״ למדן, ווייל מיר געפינען (ערובין י״ג) „רבי אומר הא דמחדדנא דחזיתא לרבי מאיר מאחוריה״ (דאס וואס מיין מח איז אזוי שארף איז ווייל איך האב געזעהן ר׳ מאיר'ן פון הינטען און אזוי ווי דיזער מגיד זעהט זיין גאנצען עולם פון הינטען (ווען זיי פערלאזען די שוהל אין מיטען פון זיין דרשה) ווערט ער דאך געוויס א שארפער למדן) ווען דער מגיד ווערט שוין ענדליך מיעד און נעהמט זיך דער־נעהנטערען צום סוף וואו ער דארף אבראמען דעם בארג קשיות וואס ער האט פריער אויפגעשטעלט, דאן איז זיין עולם אזוי קליין אזוי ווי דער „רבים״ פון רבן גמליאל (כמה רבים? ר״ג אומר שלשה — כתובות ע״ה) און די זעלבע דריי שלאפען אויך,— אלזא דער רעזולטאט פון דעם אלעם איז, אז דער גאנצער עולם האט געהערט א לאנגען ליסט מיט קשיות על ד׳ ועל משיחו, אבער די תירוצים האבען זיי ניט געהערט, איז דאס ניט גענוג צו בעשאפען א וועלט מיט אפיקורסים?״

ווען מען האט איבערגעגעבען דיעזע דרשה צום אלטען מגיד האט ער געזאגט:

„דאס וואס ער האט געפונען אין מיר אז עולה אז איך זאג פרעמדע תורה, קען איך ברענגען אַ בפירוש'ע גמרא, אז איך מעג דאס טהאן "מחנה היוצאת למלחמת הרשות מותרת בגזל עצים" (ערובין י"ז), אַלזאָ איך, וואָס איך געה ארויס יעדען שבת מלחמה האַלטען מיט אַזעלכע אפיקורסים ווי ער איז, האָב איך געוויס די רעכט זיך צו בענוצען מיט גע'גנב'עטע תורה — און וואס ער וואַרפט מיר פאַר אז מיין עולם געהט אוועק בעפאַר די ענדע פון מיין דרשה, וועהרענד זיין „אוידיענס" בלייבט זיצען ביז ענדע איז שוין אויך לאַנג ערקלעהרט געוואָרען ביי די חכמי התלמוד, וועלכע האָבען געזאָגט: „לא יפטור אדם מחברו לא מתוך שיחה ולא מתוך צחוק ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך דבר הלכה" (ברכות ל"א), דער איינפאַכער פשט פון דיעזען מאמר איז גוט בעוואוסט, אָבער איך פערטייטש דיעזען מאמר אין אַ הומאָריסטישע וועג אויף פאָלגענדען אופן: ווען דו ווילסט פטור ווערען פון אַ וויזיטאָר וועסטו פון איהם ניט לויז ווערען זאָלאַנג דו זאָגסט יענעם וויצען אָדער רעדסט צו איהם דברים בטלים, אויב דו ווילסט אין אמת'ן לויז ווערען פון איהם, זאָג איהם אַ דבר הלכה, וועט ער אנטלויפען וואו פעפער וואַקסט... יעצט וועט איהר שוין לייכט פערשטעהן וואָרום מיינע צוהערער אנטלויפען אין מיטען פון מיין דרוש, און זיינע לייטע שטעהען ביז סוף — מיינע דרשות זיינען דורכגעוועבט מיט תורה, זיינע זיינען „צחוק" און „דברים בטלים".

ווען מען האט איבערגעגעבען די לעצטע ווערטער צום יונגען רעדנער, האט ער געזאָגט:

„איך שעם מיך גאר ניט מיט דעם וואס איך בענוץ זיך אין מיינע דרשות מיט הומאָר און וועלטליכע רייד, ווייל איך געפין אז דאס איז זעהר ווירקזאַם צו ברענגען מיינע צוהערער נעהנטער צום יודענטהום, און די חכמים האָבען שוין לאַנג געזאָגט: „כל פטטיא בישין ופטטיא דאוריתא טבין" (ירושלמי, הרואה) און איך פערטייטש עס: „געוועהנליך זיינען פוסטע רייד שלעכט, אָבער ווען די פוסטע רייד זיינען געציעלט צו פערשטאַרקען אָדער צו ערקלעהרען די תורה, זיינען זיי גוט".

II

אַלזאָ, ליעבע לעזער, ווי איהר זעהט האָבען זיך די צוויי רעליגיעזע פאַרשטעהער גאַנץ גוט געגעבען, און מען קען זאָגען אז קיינער פון זיי האט ניט געהאט קיין פאָלשטענדיגען זיעג, — ווען איהר לעזט די טענות פון איינעם דאַכט זיך

אוים אז ער איז גערעכט, אבער ווען דער צווייטער לעגט פאר זיינע טענות פיהלט איהר אז ער איז אויך ניט אומגערעכט. איך נעהם זיך דעריבער די פרייהייט ארייינצומישען זיך אין זייער דיספוט און ארויסצוזאגען מיין מיינונג אלס א דריטע פארטיי.

עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז די ערשיינונג פון די מאדערנע „מטיפים" אין די אידישע רעליגיעזע וועלט האט פיעל אויסגעבעסערט דעם כאראקטער פון די דרשנות אין אלגעמיין. ערשטענס האבען זיי פערוואנדעלט די צובראכענע, פערדארבענע און פערגרעבטע שפראך פון די אלט-פריינקישע מגידים אין א מעהר-ווייניגער ליטערארישען אידיש, — מיר טארען ניט פערגעסען אז מיר זיינען ארומ-גערינגעלט מיט די אייראפעאישע ציוויליזאציאן און מיר מוזען זיך בענוצען מיט אייראפעאישע מעטאדען, — און דאס איז אן אלטער כלל צווישען קאמפעטענטע רעדנער פון אלע פעלקער, אז די שפראך וואס ווערט בענוצט פון א רעדנער פיר א פובליקום מוז זיין שעהנער, ריינער און איידעלער אלס די שפראך וואס דער פעבעל רעדט אויפ'ן גאס.

(וכן אמרו גם חז"ל: „לעולם יספר אדם בלשון נקיה" (פס', ג'). וכן „איזהו עם הארץ כל שאינו אוכל חולין בטהרה" — ובאמת לא היה חוב כלל על איזה איש מישראל לאכול חולין על טהרת הקודש, כי כל הטומאות, אפילו אבי אבות הטומאות, כמו מת ושרץ, לא נאמרו אלא לענין טומאת מקדש וקדשיו (ר"ל לענין אכילה או נגיעת בקדשים) ובכל זאת אמרו חז"ל שאיש חבר צריך לפרוש עצמו מן הטומאה לפנים משורת הדין — ובזה לוטה מליצה יפה שאפילו מעשה חול שלנו, כמו דיבור פשוט, צריך להיות בטהרה).

און ניט נור צוליעב די געזעצע פון עסטהעטיקא (שעהנקייט) דארף א דרשן קענען גרינדליך די שפראך מיט וועלכע ער בענוצט זיך, נור אויך צוליעב אנ-אנדערע און פיעל וויכטיגערע אורזאכע, נעמליך, ווייל עס פאדערט גרויס פינקט-ליכקייט איבערצוזעצען אדער צו ערקלעהרען א דבר תורה, און אזוי געפינען מיר אין קדושין מ"ט, "ר' יהודה אומר, המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי והמוסיף עליו הרי זה מחרף ומגדף" (דער וואס איבערזעצט א פסוק ווערטליך (ווארט פאר ווארט) איז א ליגנער, — ווייל א ווערטערליכע איבערזעצונג פון איין שפראך אין די אנדערע קען ניט זיין ריכטיג — און דער וואס לייגט צו אייגענע, איז א גאט'ס לעסטערער) — דאפון קענט איהר זעהן, אז דער דרשן וואס וויל טהאן זיין פליכט געפינט זיך צווישען צוויי פלאמען, ער טאר ניט פארטייטשען ווערטערליך און ער טאר ניט צולייגען, נור ער מוז געבען אן ערקלעהרונג וואס זאל זיין גאנץ קלאהר צו זיינע צוהערער — און דיעזעס איז אונמעגליך אויב ער בעזיצט ניט פאלשטענדיג די שפראך וועלכע ער געברויכט.

די דרשנים פון אלטען דור האבען דיעזען צווייג פון זייער פראפעסיאן אין גאנצען פערנאכלעסיגט, ווייל אידיש אלס ליטעראַרישע שפראך איז קיינמאל ניט אונטעררריכטעט געווארען צו די אידישע קינדער, — אפטמאל האבען די דרשנים

געברויכט אויפ׳ן בימה אַ פּראָסטערען סאָרט אידיש ווי די אידיש וואָס איז געברויכט געוואָרען אויפ׳ן גאַס, — ווייל די פּראָסטע אידען וואָס האָבען געמאַכט געשעפטען איינער מיט׳ן צווייטען אויפ׳ן מאַרק האָבען געהאַט אַ געוויסע געלעגענהייט צו ענטוויקלען זייער שפּראַך פּיעל־וועניג, וועהרענד די ישיבה בחורים האָבען גערעדט זייער אידיש געמישט האַלב אויף האַלב מיט גמרא לשון — און דעריבער האָט גאַנץ אָפט געטראָפען אַז אַ מגיד פלעגט נעהמען איין אויסגעצייכענטע זאַך פון אַ דרוש ספר אבער אין אַרויסגעבען די זאַך פאַר׳ן פובליקום פלעגט ער איהר אַזוי פערדאַרבען, אַז מען האָט איהר ניט געקענט דערקענען, און די אורזאַכע איז געווען פשוט, וואָס עס האָט איהם געפעהלט אַ ריינע און לאָגישע שפּראַך. זעלבסט־פערשטענדליך, אַז אימיצער וואָלט געוואָגט איהם צו זאָגען אַז ער קען קיין קלאָהרע אידיש ניט ריידען, וואָלט ער זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט — „געהערט אַביסעל", וואָלט ער געזאָגט, „איך, וואָס איך האָב געלערענט פינפאונצוואַנציג יאָהר אין די ישיבות און מען שרייבט אויף מיר „הרה"ג", וואָגט ער אויף מיר צו זאָגען, אַז איך קען קיין אידיש ניט ריידען!" — אָבער טראָץ זיין שטאַרקען פאַר־איבעל, האָט ער דאָך במחילה שטאַרק געהונקען אויף ליטעראַרישע אידיש.

אויסער דעם האָט די אַלטע מגידים געפעהלט דער לאָגישער און קריטישער געפיהל און די נויטיגע קענטניס אין די געזעצע פון דער העברעאישער שפּראַך, זיי האָבען אָנגעפּרעגט אַ ים מיט קשיות וואו עס זיינען גאַר קיין קשיות ניט געווען און זיי האָבען געענטפערט תירוצים, וועלכע האָבען פערקריפּעלט די שפּראַך און פערגוואַלטיגט דעם געדאַנק — זיי האָבען בעהאַנדעלט די הויך־פּאָעטישע אויס־דריקע פון אונזערע נביאים אויף אַ פּראָזאאישען אופן און דאַן זיינען זיי זעלבסט־פערשטענדליך אויסגעקומען „כולו מוקשה" — זיי האָבען גענומען די פילאָזאָפישע אגדות פון תלמוד און מדרשים און זיי צופּאַלמעסט אַזוי ווי מען טהוט מיט טויטע קערפּערס אין אַ קליניק, און ווען עס איז געקומען צום צוריקצוזאַמענשטעלען, האָ־בען זיי אַריינגעטהאָן אין זיי ווילדע אָדער משונה׳דיגע כוונות וואָס זייערע פאַר־פאַסער האָבען קיין מאָל ניט גע׳חלומ׳ט. — זייערע דרשות זיינען געווען לאַנג ווי דער אידישער גלות, אָבער עס איז אין זיי קיין טאַלק און קיין אָרדנונג ניט געווען — פתח בכד וסיים בחבית. — פון אַזעלכע חטאים זיינען די מאָדערנע רעדנער געווען ריין, זיי האָבען ניט געבראַכען קיין פסוקים און מאמרים און אַלזאָ האָבען זיי ניט געהאַט וואָס צו „פיקסען". — זיי פערדולען ניט די קעפּ פון זייערע צוהערער מיט דריי־שטונדיגע דרשות, און די ביסעל וואָס זיי זאָגען, האָט אַ לאָגישען המשך פון אָנפאַנג ביז סוף.

דאָס איז די גוטעס וואָס די מאָדערנע דרשנים האָבען אַריינגעבראַכט אין זייער הייליגע פּראָפעסיאָן און פאַר דיזעס פערדיענען זיי גרויס אָנערקענונג.

אָבער דערפאַר האָבען זיי גרויס שאָדען געבראַכט דעם כאַראַקטער פון די דרשנות, און מען קען אויף זיי זאָגען „יצא שכרם בהפסדם" דאָמיט וואָס זיי האָבען נאָכגעקרימט די קריסטליכע פּרעדיגער און האָבען אָנגעפילט זייערע דרשות מיט

הייא און שטרוי. — זיי האבען אויסגעביטען די פסוקים פון דער תורה און די בריליאנטענע מאמרים פון תלמוד אויף שעהנע ווערטער און פוסטע פראזען.

נון, שעהנע ווערטער און קלינגענדע מליצות זיינען אז און פאר זיך גאנץ אנגענעהם צו הערען — ואין הקב"ה מקפח אפילו שכר שיחה נאה (נזיר כ"ג) — משלים און בילדער פון לעבען זיינען אויך גאנץ נויטיג פאר א דרשן, און עס איז א פאקט אז די דרשנים פון אלע דורות האבען זיך דאמיט בענוצט (מי לנו גדול מר' יעקב דובנא שהפיץ אור על כמה מקראי קודש ומאמרי חז"ל אך ורק ע"י משליו הגאוניים ועליו נוכל לאמר שבין ממשלי משלים לא קם כמוהו) אבער דער געפאהר איז אז די שעהנע פראזען און מליצות און משלים זאלען ניט פערנעהמען דעם ארט וואס די תורה דארף פערנעהמען אין א אידישען דרוש.

עס איז א בעוואוסטער פאקט, אז יעדער איד פון אלטען דור האט פיעל וועניג געהאט א ידיעה אין דער תורה, און ווען מען האט איהם געזאגט א מאמר חז"ל איז דאס ביי איהם ניט אויסגעקומען ווי כינעזיש. — וואו האט ער דאס געלערענט? ניט אין חדר. — די גרויסע מאסע אידישע קינדער האבען פערלאזען דעם חדר גאנץ יונג. — דאס האט זיך צוגעקלעפט צו איהם פון די מגידים וואס ער האט זיך אנגעהערט, און וואס זייערע דרשות זיינען געווען דורכגעקנאטען און דורכגעפלאכ־טען מיט דברי תורה. — אלזא, אויב די נייע־מאדנע רעדנער וועלען פערטרייבען די תורה פון זייערע דרשות, וועלען זיי איהר אויך פערטרייבען פון צווישען אידישען פאלק.

דעריבער זאג איך צו יעדען דרשן אדער מטיף, ווען די תורה איז ליעב, אין די ווערטער פון חמב"א „אחוז בזה וגם מזה אל תנח ידיך" — איהר מעגט זיך פריי בענוצען מיט מליצות, שעהנע אויסדריקע, און בילדער פון לעבען, אבער סוף דבר זאלט איהר אימער שטרעבען צו בעפעסטיגען און בעשטעטיגען אייערע רייד מיט א פסוק אדער א מאמר חז"ל (דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים בעלי אספות), ווייל דאס גיט א טאן פון אויטאריטעט צום ארגומענט פון דרשן און פלאנצט אויך איין אין די הערצער פון די צוהערער ליעבע און אכטונג צו דער תורה. (וכן מצינו בשבת פ"ז „מתחילה כתיב וישב משה את דברי העם ואח"כ ויגד משה את דברי העם מלמד שדבר אליהם תחילה דברים שמושכין ושמושיבין את הלב ואח"כ דברים קשים כגידים").

און יעצט קענען מיר לייכט פערשטעהן די פסוקים וואס מיר האבען גענומען אלס טעקסט פאר דיזער אבהאנדלונג. — די רעדנער־קונסט ווערט אנגערופען אין ביבלישער שפראך בדרך מליצה „חצוצרה" אדער „שופר", צום ביישפיעל, „כשופר הרם קולך" *) — און די תורה האט געהייסען נעהמען צוויי חצוצרות אלס סימבאל פאר די צוויי סארטען דרשנות, וועלכע מיר האבען אויבען בעשפראכען — אונז אנצודייטען אז מען מוז האבעןביידע צוזאמען — "והיו לך למקרא העדה ולמסע

*) שיפורא חצוצרתא חצוצרתא שיפורא (שבת ל"ו).

המחנות" — ביידע צוזאמען וועלען אויפטהאן צוויי זאכען, זיי וועלען פערזאמלען דאס פאלק נעהענטער צום אוהל מועד, ד. ה. צו גאט, צוליעב דעם „מאור תורה" וואס איז אין זיי, און זיי וועלען אויך פיהרען דאס פאלק אויפ'ן וועג פון פראגרעס („למסע" המחנות) דורך דעם רעדנער־קונסט פון מאדערנעם רעדנער — „ותקעו בהן ונועדו אליך כל העדה". — ווען דער דרשן וועט זיך בענוצען מיט ביידע מע־טהאדען, וועט ער ווירקען אויף אלע קלאסען פון פאלק — „ואם באחת יתקעו", אבער אויב דער דרשן וועט זיך נאר בענוצען מיט איין מעטהאדע — דאס הייסט, מיט דברי תורה אליין („אחת" רמז על התורה שנאמר עליה „אחת דבר ד'", וגם המלה „אחת" הוראתה החשובה שבשניהם, וכן „אחד" העם). „ונועדו אליך הנשיאים ראשי אלפי ישראל" — דאן וועלען די רייד נאר ווירקען אויף די יחידי סגולה וואס האבען געלערענט די תורה און ווייסען ווי איהר אבשאצען, אבער ניט אויף די גרויסען מאסען פון פאלק.

יהי רצון שיקוים בנו גם סופא דקרא „ונזכרתם לפני ד' אלהיכם ונושעתם מאויביכם — אמן.

חומר לדרוש.

על הדרשנות.

מאמרי חז"ל.

דרש ר' שמואל בנו של רבי בון „חכם בעיניו איש עשיר ודל מבין יחקרנו" (משלי כ"ח, י"א) „חכם בעיניו איש עשיר" זה בעל גמרא „ודל מבין יחקרנו" זה בעל אגדה. משל לשנים שנכנסו לעיר, ביד זה עשתות של זהב (חתיכה גדולה של זהב) וביד זה פרוטרוט, זה שבידו עשתות של זהב אינו מוציא וחיה (אינו יכול להוציא אותה על הוצאותיו כדי לפרנס את עצמו — מחמת שלאוו כל אדם מבין ערך העשתות, ולאוו כל אדם יכול לקנות אותה אפילו אם מבין את ערכה) וזה שבידו פרוטרוט מוציא וחיה (ור"ל שדבר אגדה מקובל בין כל שדרות העם אבל לא כן דבר הלכה שצריך אתה למצא את היחידים השרידים היודעים את ערכה).

רבי אבהו ור' חייא בר אבא איקלעו לההוא אתרא ר' אבהו דריש באגדתא, ר' חייא בר אבא דריש בשמעתא, שבקוהו כולי עלמא לר' חייא בר אבא ואזול לגביה דר' אבהו, חלש דעתיה (דר' חייא) אמר ליה (ר' אבהו) אמשל לך משל, למהד"ד לשני בני אדם אחד מוכר אבנים טובות ואחד מיני סידקית (דברים פחותים שנמכרים בזול) על מי קופצים? לא על זה שמוכר מיני סידקית (סוטה דף מ').

רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם למוד אגדה. (ספרי).

אמר ר' יצחק: בראשונה שהיתה הפרוטה מצויה היה אדם מתאוה לשמוע דבר משנה ודבר תלמוד, עכשו שאין הפרוטה מצויה אדם מתאוה לשמוע דבר מקרא ודבר אגדה (פס' דר"כ, ומובא בילקוט).

כבר התגדרו במאמר הנ"ל הרבה מן המפרשים, אבל יתכן לפי פשוטו שכוונת התנא היה לומר שלפנים בעת שכל העם היו למודי ד' היה אפשר לדרוש לפניהם בדבר הלכה שהדורש היה יכול לסמוך על הכלל שבודאי יבינו את דבריו, אבל עכשיו שאין דבר ד' נפרץ בין העם צריך לדרוש לפניהם במקרא או אגדה שאין צריך הכנה יתרה להבינם — והמבטאים „פרוטה מצויה" ו„אין פרוטה מצויה" הם אך משלים על מצב התורה כשהיא נפוצה בין העם, ולהיפך, כשאינה נפוצה בין העם, כמו שאומרים על כסף מדינה: "in circulation" (המחבר).

הערה — באגדות חז"ל ומאמרים המובאים מספרים אחרים הרשה המחבר את עצמו להעתיק מלשון ארמית לעברית או לקצר במקום שבאו ברוב עניין.

אַל יהי המשל הזה קל בעיניך, שעל ידי המשל אדם יכול לעמוד על דברי תורה, משל למלך שאבד זהוב מביתו או מרגליות טובה, לא ע"י פתילה באיסר (נר דקה שנקנית במטבע קטנה) הוא מוצא אותה? כך המשל הזה לא יהא קל בעיניך, שע"י המשל אדם עומד על דברי תורה. (שהש"ר).

„ויותר שהיה קהלת חכם עוד למד דעת את העם ואזן וחקר תקן משלים הרבה" (קהלת י"ב ט'). ר' יוסי אמר משל לקופה (סל) גדולה מלאה פרות ולא היו לה אזנים ולא היתה יכולה להטלטל, ובא פקח אחד ועשה לה אזנים והתחילה להטלטל, כך עד שלא עמד שלמה לא היה העם יכול להשכיל דברי תורה וכיון שעמד שלמה התחילו הכל סוברין דברי תורה — ר' חנינא אמר משל לבאר עמוקה מלאה מים מתוקים וטובים ולא היתה בריה יכולה לשתות ממנה (מחמת עומק הבאר) בא אדם אחד וקשר חבל בחבל, משיחה במשיחה ודלה ממנה ושתה, התחילו הכל דולין ושותין — כך מדבר לדבר ממשל למשל, עמד שלמה על סודה של תורה.

אומן קונה בשבח כלי.

באחת הקהלות נתאספו ראשי הקהלות בחדר הקהל לסדר סכום ההערכה של כל אנשי הצבור לשנה הבאה כדרכם בכל שנה לחדש ההערכה לפי השנויים של מצבי אנשי הקהל במשך השנה ויהי כאשר הזכירו אחד השמות שהיה בשנה העברה בסוג פחות מהבינונים, והנה קמה תנועה בין הנאספים להוסיף על הערכתו ולהעמידו בסוג האמידים, ויהי כאשר גדל הויכוח ביניהם, זה מזכה וזה מחייב, ויחליטו לקרא לאחד מבני הישיבה שהיה סמוך על שלחן בעה"ב המדובר בכל יום שבת ולשאל את פיו אודות מצב הבעה"ב הנ"ל לפי ראות עיניו ביום השבת — ויען הבחור ויאמר: „זה לי שש שנים שאני חובש ביהמ"ד נזדמן לי להיות כמה שבתות על שלחן בעה"ב הזה, ולדעתי הוא עשיר גדול, כי ראיתי על שלחנו כלי כסף הרבה כלים מכלים שונים, ובכל פעם הוא מחדש כליו היפים" — נשענים על דברי הבחור הנ"ל מהרו הנאספים ויעמידו את הבעה"ב הנ"ל בין העשירים.

אחר האספה פגש האיש המדובר באחד ממודעיו וזה האחרון ברך אותו בברכת מז"ט על אשר הועל למדרגת העשירים — האיש נבהל, כי ידע מרת נפשו שהוא עני ואביון — וישאל את ידידו: הגידה לי שאהבה נפשי, במה זכיתי לכל הכבוד הזה, שיחשבוני במספר העשירים. — ויען האיש: באשר שבחור אחד מבני הישיבה העיד עליך שביתך מלא כלי כסף וכלי זהב הראוים לגדולי העשירים. — האיש בשמעו זאת פרץ בשחוק אדיר ויאמר: דע לך אדוני, כי עני ואביון אנכי, אין לי משלי כלום, ורק צורף כסף אנכי, ואנשים עשירים נותנים על ידי את כליהם היקרים לתקנם, ומחמת שאני סובר כמ"ד "אומן קונה בשבח כלי", אני מרשה בעצמי לפעמים לעטר בהם את שולחני ביום השבת.

כן רבותי גם אנכי המחבר באתי לגלות אזן הקורא, שבאם ימצא לפניו שלחן ערוך ומסודר בהקדמות ישרות וסברות נכוחות, ידע שאומנתי בכך, וכל ענין טוב ומקובל שמצאתי בספרי הדרוש מדורות שקדמוני, קבלתי וסדרתי אותם לפי העת והזמן והמקום, והנני גם אנכי לטען טענת „אומן קונה בשבח כלי", ולפי זה כולם שלי. (הרב ר' אליהו בהרה"ג ר' יצחק אייזיק בהקדמתו לספרו „עוגת אליהו").

ולפ"ז נכון מה שקוראים לכותב ספר „מחבר", מחמת שלוקח דברי אחרים ומחברם ומדביקם זה לזה ועושה מהם ענין שלם ומסודר. (המחבר).

לגבי משה מלתא זוטרתא היא.

הנה תראה אם עני בא לבקש איזה בקשה מאחד ממיודעיו מקודם יכוין העת שיהיה עת רצון, ואח"כ יגש אליו בהכנעה גדולה ויציע לפניו ברוב ענין גדול ההכרת שלו, ומרבה דברי תחנונים. לא כן אם יבוא עשיר אל רעהו הגביר ללוות מאתו כמה מאות רו"כ הולך ישר אל הגביר ובמלים קצרים אומר לו „תן לי סך חמש מאות רו"כ על ימים אחדים" — כן הדבר בענין התוכחה. לפנים היו המוכיחים קדושים וטהורים וגם העם אשר שמעו מוסרם היו מלאים מצוות ומעשים טובים ולכן לא היה שום צורך להרבות בדברים אליהם, לא כן עתה, שהמוכיחים בעצמם יודעים מך ערכם והעם הנאספים לשמוע לקחם רחוקים מתורה ונעורים ממצות, לכן על הדרשנים אשר בימינו להרבות בדברים וראיות ומשלים המושכים את הלב, אולי בזה יצליחו להשיב את שומעיהם לאביהם שבשמים. — הדברים האלה יאירו לנו נתיב להבין מה שאמרו חז"ל (ברכות ל"ב) אמר רבי חנינא הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, שנאמר ועתה ישראל מה ד' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה, אטו יראה מלתא זוטרתא היא וכו', אין לגבי משה מלתא זוטרתא היא (ר"ל משה רבנו העשיר ביראה כשבא לבקש מבני דורו שהיו ג"כ מלאים רוח ד') שיזהרו במדת היראה לא היה צריך להרבות בדברים אליהם, כי אצלם היה הדבר הזה מלתא זוטרתא — כעשיר המבקש הלואה מעשיר) דאמר ר' חנינא משל לאדם שמבקשים ממנו כלי גדול ויש לו (ר"ל יש להמבקש עושר ונכסים) דומה עליו (להאיש המתבקש) ככלי קטן — קטן ואין לו (ר"ל להמבקש אין כל, שהוא עני) דומה עליו (להמתבקש) ככלי גדול, וק"ל. (הגאון ר' נח בהר"ר יחיאל מיכל בהקדמתו לס' „תולדות נח" חלק שני).

נאה דורש ונאה מקיים.

יש נאה דורש ואין נאה מקיים ויש נאה מקיים ואין נאה דורש, ואתה נאה דורש ונאה מקיים (ר' יוחנן בן זכאי אמר את המאמר הנ"ל לר' אלעזר בן ערך, במס' חגיגה י"ד).

ור"ל, ביזמן ששומעי המוסר זכאים, אז די בזה שהמורה יש לו אפילו רק מדה אחת משתי המידות האלה, כמו שמצינו שר' מאיר קבל תורה מאחר, שהי' אך „נאה דורש" אבל לא „נאה מקיים". וכן להיפך ראינו בעינינו שאבותינו בדור העבר קבלו תורה מרבני הדור הישן שהיו אך „נאה מקיימים", אבל רובם לא היו דרשנים כלל — לא כן בדור כדורנו, דור עקש ופתלתול, וגם דור ששופט את שופטיו, בדור כזה צריך הדרשן שיהי' נאה דורש ונאה מקיים, שאם לא יהיה נאה דורש לא יכירו אותו לרב כלל (כידוע שאין רבנות בארץ הזאת בלי דרשנות) ואם לא יהי' נאה מקיים יאמרו אליו „טול קורה מבין עיניך". לכן בדור הזה צריך שיהיה הדרשן נאה דורש וגם נאה מקיים.

וסימנך: ובערת הרע מקרבך (מקרב עצמך — ואח"כ) וכל ישראל ישמעו ויראו. (המחבר).

מבית ומחוץ תצפנו, אמר רבא מכאן לת"ח שאין תוכו כברו שאינו ת"ח (יומא, דע"ב, ב').

אין מים אלא תורה.

על הדרשות שדורשים "המטיפים הלאומיים" בזמן הזה, צריך לסרס את דרשת חז"ל „אין מים אלא תורה" ולאמר „אין תורה אלא מים" (כי רובי תורתם וחכמתם אינם אלא מים, ולפעמים קרובות, המכים עכורים...) לפנים התפארו תלמידי חכמים „שיצקו מים" על-ידי מוריהם גאוני דורם — בזמן הזה הרבנים והדרשנים „הנאורים" גם כן יוצקים מים — על ראש צאן מרעיתם. (המחבר).

לא ירבה לו סוסים.

„שום תשים עליך מלך", מאן מלכי רבנן (מדרש פליאה), ור"ל שהכתוב שום תשים עליך מלך קאי על התמנות רב או מ"מ — מקשים העולם, א"כ היכא דמי לא ירבה לו סוסים ולא ירבה לו נשים? — אבל כשתתבונן בדרכי הרבה מ„רועי העדה" בארץ הזאת תראה שמתאמצים בכל כחם למצא חן בעיני הנשים ובעיני הפחותים שבעדתם, ובדרשותיהם מסתפקים בלצנות ודברי הבאי, כי כל כוונתם עשות מטעמים לנשים ולבני אדם הדומין לבהמה — עליהם שפיר קאי הצווי „לא ירבה לו סוסים ולא ירבה לו נשים"...

(המחבר.)

חובת המטיפים בזמן הזה.

לפנים כשרצו להגן על עיר מפני אויב הקיפו אותה בחומה בנויה מאבנים או לבנים בעובי שבעה או שמונה רגל ודי היתה להגן על העיר, מחמת שאז היו כלי המלחמה קטנים ורפויי כח, כל כלי התותח לא הרחיקו לירות יותר משני מיל, וגם הכדור היה קטן מאד, אבל עתה כאשר יוצרך לבצר איזה עיר יבנו מגדלים סביב העיר ארבעה עשר מיל מכל רוח, ומקומות־סתר בין ההרים סביבות העיר וכו' יען כי כלי התותח התגדלו באד וכדוריהם גדולים וקשים והולכים למרחק רב, ולכן אי אפשר עוד להסתפק בחומות לבנים ואבנים — כן ג"כ מלחמתנו את היצר צריכה להשתנות ממה שהיתה לפנים, בדורות שעברו היו בני ישראל מאמינים בני מאמינים, ולכן הוצרכו המטיפים אך להורות להם ח ו ב ת איש ישראלי וכן פתח הגאון החסיד רמח"ל את ספרו מסילת ישרים ב„יסוד החסידות ושורש העבודה התמימה שיתברר ויתלבן אצל האדם מה ח ו ב ת ו בעולמו" — אבל בזמננו זה בעוה"ר עלינו ראשית כל לשרש ולחזק את האמונה בלב איש הישראלי, כי רבים וחזקים מאד הכדורים ואבני הקלע המרופפים את האמונה בלב העם, ולכן נצרכים מבצרים יותר חזקים והמצאות חדשות להגן על הדת בארץ הזאת ובזמן הזה. (הרב ר' חיאל מיכל בהקדמתו לספרו „מיכל מים").

דרוש וקבל שכר.

פעם אחת בשבת ר' יעקב דובנא בין המון בעלי בתים שבאו לקבל פניו, שאל אותו לץ אחד: רבי, היכן מצאתם ההיתר לקבל ממון בעד דרשות, הלא אמרו חז"ל „מה אני בחינם אף אתה בחינם"? אמר לו אמשל לך משל: בעיר אחת היה בית חולים חפשי (דיספענסערי) ששם היו נותנים רפואות לעניים חינם — פעם אחת בא עני אחד לבית החולים הנ"ל ואחר שבדקוהו הרופאים נתנו לו סם־מרפא למחלתו, — אבל האיש הזה היה מפונק ביותר וא יכל לשתות את הסם הנ"ל — הרופאים לשו את הרפואה ב"פילים" כדי שיבלעם בכף מלא מים, אבל גם באופן זה לא היה יכול לבלעם. — שאלו אותו אם יש איזה משקה שעל ידה היה יכול לבלוע את סם־המרפא, ואמר שמדמה שיכול לבלוע אותה ביין, וכאשר הביאו לו בקבוק יין הריק אותה בכי טוב בנחד עם הסם, — אח"כ עמד ממקומו ונתן תודה לרופאים ויבקש ללכת לדרכו, אבל הרופא אמר: „חכה נא מעט, ידידי! עליך לשלם מקודם בעד היין אשר שתית", — ויען האיש: „מה ביני ובין החולים האחרים? הלא אתם נותנים רפואות לכולם בלי מחיר?" — ענה הרופא: „הרפואות אנו נותנים בלי מחיר, אבל יין אין אנו מחויבים לתת בחנם".

כן הדבר אדות השאלה ששאלת, התורה סם־מרפא לנפש — אם תרצה לקחת אותה כמו שהיא, הרי היא לפניך, קח אותה בכל אות נפשך — אבל אתה הלא לא תחפוץ בזה, כי תשאל אותי שארקת את הכתובים והמאמרים במשלים וציורים — ובעד זה הרשות אתי לקבל תשלומין.

משל על יצירת המשל.

פעם אחת כאשר נתארח ר' יעקב דובנא בבית הגר"א והתעלסו בתורה ובשיחת חולין של תלמידי חכמים, שאל אותו הגר"א במה כחו גדול לבאר כתובים או מאמרים קשים ע"פ משל ולקלוע השערה ולא יחטא, — ויען ר' יעקב דובנא, אמשל לך משל על יצירת המשל: פעם אחת כאשר הלך רובה קשת ידוע לשוט בשדה, מצא קרש־מטרה (ציעל־ברעט) מוצבת על הארץ ועליה מצוירים עיגולים למטרה, כאשר יעשו להם המורים בקשת להתרגל ביריה, ובאמצע כל עיגול, בתוך הנקודה התיכונה ממש, כאילו נמדד במחוגה, היה תקוע חץ — ויתמה הרובה מאד, ויאמר אל לבו, אני כליתי את ימי בתרגילים ליריה, ובכל זאת אין לאל ידי להתכוון בדיוק נמרץ כזה ולירות בכל פעם אל תוך נקודת המטרה, מי הוא זה איפוא הרובה הדגול מרבבה הלזה. — בתוך כך ראה כפרי אחד הולך וקרב וישאל את פיו, אולי ידוע לו שם הרובה? ויען הכפרי: „אני בעצמי יריתי את החצים האלו". — „אתה בעצמך!" קרא הרובה בתמהון, „אם כן אתה הרובה היותר אמן בתבל". — „לא אדוני!" ענה הכפרי, „ליריתי אין צורך באמנות גדולה — אני אינני מתנהג כדרך המורים האחרים שעושים את העיגולים תחילה ואח"כ מורים את החצים אל תוכם — אני יריתי את החצים תחילה ואח"כ ציירתי את העיגולים סביבותיהם.

„מלאכתי ג"כ נעשית באופן כזה", אמר ר' יעקב דובנא, „אני מבאר את הפסוק או את המאמר תחילה על דרך האמת, ואח"כ אני מצייר את המשל סביבותיו, כדי לשבר את האוזן או להמשיך את הלב".

סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים.

„סמכוני באשישות אלו ההלכות רפדוני בתפוחים אלו האגדות" (מדרש חזית) — למה המשיל את ההלכות לאשישות (כוסות) ואת האגדות לתפוחים? נאמר בביאור הענין, כי ההבדל בין הלכה ואגדה הוא ממש כמו ההבדל בין כוס יין לתפוח. תתבונן כי כוס יין יש חפץ לבעליו בו ובמה שבתוכו, כי אף אם יורק ממנו היין יצליח להכיל עוד הפעם יין או דברים אחרים ולכן לא ישליכנו בכלי אין חפץ בו, — לא כן התפוח, אף כי גם בו תמצא שני דברים, התוך והקליפה, עכ"ז הקליפה אין בה מועיל אחרי הלקח המאכל הפנימי ממנה, כי הקליפה אין עניינה רק לשמור את הפרי בהיותו טמון בחובה, אולם בהיות הקליפה מופשטת, גלודה וגלמודה, אין לבעל הפרי שום חפץ בה, — את ההבדל הנ"ל ממש תמצא בין ההלכות והאגדות, כי המצוות הנתונות לבעבור יעשה אותם האדם, אף כי גם הם מכילים סודות ומוסרים, בכ"ז הם כמו כוס המקיף ליין, שגם הקליפה (הפשט הפשוט) וגם התוך שניהם שקולים כאחד. — אמנם האגדות אף שגם בעניינם יש פנימי וחיצון, החיצון הוא המאמר או המשל המסופר מפי הדורש והפנימי הוא המושכל המרוצף, בכ"ז הסיפור הוא אך בגדר קליפה לפרי שאין בה לבדה שום צורך בהיותה נפרדת מן המכוון. — וזהו כוונת רבותינו ז"ל בהמשילם את ההלכות לאשישות והאגדות לתפוחים. (אפיקי יהודה, דרוש "פוטר מים").

הדרשן והאופה.

הדור אתם ראו, הלא גם מן האופה תקנו לחם אף שלא חידש לכם בו מאומה, כי מלאכת האפיה גם בידכם היא, גם אתם תוכלו ללוש את הקמח ולהסיק את התנור ולאפות בו את הלחם, והאופה לא חידש לכם במלאכתו כלום, רק מנע אתכם מטרחת הלישה, והקל מעליכם עמל ההסקה והסיר מכם יגיעת האפיה. — ככה גם אנכי בדברי אשר הבאתי לכם פה. כמוני כמוכם תדעום אם תשימו לבבם עליהם במפרשים, אך טרדות הזמנים לא

יניחו לכם זמן לעיין בדבריהם, או מחמת העיון והיגיעה בש"ס ופוסקים וכדומה, הם ימנעו אתכם מלעיין במפרשי התורה — ועתה אם אנכי לאופה נמשלתי, אחת אבקש מכם, היו גם אתם עמי כמו הקונה לחם מן האופה, והיה אם לא ינעם לחכו לחסרון המלח והתבלין, אין מן הדרך להשליכו מידו לבלתי נגוע בו, רק יטעימהו ויתקנהו ובמלח ימלחהו, או ישטח על פניו חמאה או דבש או שמן כאשר תאוה נפשו, ככה תעשו גם אתם, אם תמצאו דבר אשר לא ייטב בעיניכם בהשקפה ראשונה, נא אַל תמהרו להרחיקו מעל גבולכם, רק תתבוננו בו פן מקיצור הלשון נמנע המכוון בו, וגם תוכלו להוסיף עליו מעט תבלין ומעט דבש וחלב שתחת לשונכם, אולי יכשר וינעם עי"ז. (בהקדמה לס' שער בת רבים).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

עץ הדעת טוב ורע.

(דרוש לפ' בראשית).

הרב שלום ראבינאוויץ.

I

די ביבלישע געשיכטע פון עץ הדעת טראגט אויף זיך אלע סמנים, אז אין איהר איז איינגעוויקעלט א טיעפער פילאזאפישער געדאנק — אבער דער געדאנק איז אזוי בעהאלטען און פערדעקט, אז קיינער פון די מפרשים קען ניט זאגען מיט געוויסהייט, אז ער האט ענטדעקט דעם אמת.

פון דעם גרויסען בארג קשיות, וואס די מפרשים האבען אנגעפרעגט אויף דיזער געשיכטע וועל איך אויסקלייבען נאר צוויי:

1) ווי עס זעהט אויס איבערפלעסיג, האט דאך די פרוכט פון עץ הדעת געבראכט גרויס נוצען דעם מענשען, נעמליך, עס האט אויפגעעפענט זיינע אויגען און האט איהם געגעבען די קענטניס צו אונטערשיידען צווישען גוטעס און שלעכטעס, און אויב אזוי איז דאך שווער צו פערשטעהן, ווארום האט גאט אין אמת'ען ניט געוואלט אז דער מענש זאל פערזוכען דערפון?

2) ווי אזוי איז עס גאר פיזיש מעגליך, אז דורך די פרוכט פון עץ הדעת האט דער מענש אנגעפאנגען צו וויסען גוטעס און שלעכטעס, ווען קיין שלעכטעס האט דאן לחלוטין ניט עקזיס־טירט אין דער נאטור — אזוי ווי דער פסוק זאגט עדות: וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד?

ערשטענס, מוזען מיר ענטפערען אויף דער פראגע צו איז עס טאקע א פאקט, אז אלעס וואס גאט האט בעשאפען איז טוב מאד, ווייל עס זיינען פאראן לייטע וואס זאגען, אז אויב זיי וואלטען געווען דערביי ווען דער רבונו של עולם האט בעשאפען זיין וועלטעל, וואלטען זיי געקענט אנצייגען אויף פיעלע „אימפרואור־מענטס" וואס מען וואלט געקענט מאכען דערינען — און זעהענדיג ווי כמעט אלע געזיכטער זיינען פערוואלקענט, ווי יעדער האט זיך זיין פעקעל צרות, ווי טויזענ־דער בעגעהען זעלבסט־מארד יעדען יאהר א. ז. וו. מוז מען ניט ווילענדיג צוגעבען, אז עס איז ניט גאנץ גלאט מיט אונזער וועלט.

נאר פונדעסטוועגן זאלט איהר זיך נים איילען צו קומען צום בעשלוס, אז די בעהויפטונג פון פסוק, אז אלעם וואס גאט האט געמאכט איז „טוב מאד“ איז פאלש. — ווען א מענש קומט צו אייך און דערצעהלט אייך, אז א געוויסע פירמע האט איהם בעשווינדעלט, דארפט איהר בעטראכטען וואס פאר א פירמע דאס איז, — אויב דאס איז א פירמע וואס האט שוין אזא זאך געטהאן צו אנדערע קאסטימער, מעגט איהר איהם גלויבען, אבער אויב די פירמע איז אזעלכע, צוםביישפיעל, ווי די „באנק און ענגלאנד“, וועלכע זייט זי עקזיסטירט האט אזא זאך נים געטהאן צו קיין קאסטימער, דאן מעגט איהר זיכער זיין, אז דער מאן האט אייך נים געזאגט דעם אמת.

יעצט לאמיר אנווענדען די זעלבע לאגיק צו דעם ענין וואס מיר בעהאנדלען היער. — ווי געזאגט, געפינען זיך לייטע, וועלכע בעהויפטען, אז די בעקוועמליכקייטען וואס גאט האט צוגעגרייט פאר׳ן מענשען אין זיין וועלטעל זיינען נים גאר טוב מאד — אבער אזוי ווי דער זעלבער גאט האט אויסער דעם מענשען נאך א סך ״קאסטימערס״ אין זיין וועלט, נעמליך, אלע פערשיעדענע בעשעפעניסע וואס געפינען זיך אויף דער יבשה און אין ים און אין דער לופט, לאמיר זיך צוקוקען ווי אזוי דער זעלבער גאט האט זיי בעהאנדעלט.

ווען איהר קוקט זיך גוט צו צו דעם לעבען פון די נידעריגערע ברואים, וועט איהר געפינען, אז גאט האט זיי בעזארגט מיט אלעם וואס איז נויטיג צו זייער עקזיסטענץ, קיין זאך פעהלט זיי נים. — בעטראכט, למשל, די פויגעלעך און זעהט ווי גאט האט זיי גענעבען א פאלקאמענע פליה־מאשין, מיט וועלכער זיי קענען פליהען אפילו גענען א שטארקען ווינד — א זאך, וואס דער מענש מיט זיין גאנצע חכמה האט נים געקענט ערפינדען אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען, און מען קען פיליייכט בעהויפטען אפילו יעצט, אז דער מענש וועט קיין מאל נים פערפאלקאמענען זיין נייע־ערפונדענע פליה־מאשין, אז זי זאל זיין אזוי זיכער און עפעקטיוו און דויערהאפט און אונקאסטבאר ווי די נאטירליכע פליה־מאשין וואס גאט האט געגעבען יעדע פויגעל ביי איהר געבורט. — און איהר וועט אויך בעמערקען, אז דער סארט פויגעל וועלכע געפינט איהר שפייז אין יעדען פלאץ, קען נאר פליהען א קליינע שטרעקע, וועהרענד די פויגעל וואס דארף אפט פליהען גרויסע שטרעקען צו געפינען איהר שפייז אדער די מאטעריאל וואס זי געברויכט צו בויען איהר נעסט, בעזיצט א גרעסערע קראפט און געשיקטקייט צום פליהען. — איהר וועט אפט זעהן א פויגעל שוועבענדיג גאנץ הויך, די פליגלען אויסגעשפרייט פלאך אהנע צו בעוועגען א פעדער, און זי קען אזוי אבפליהען הונדערטע מיילען אהן אברוהה, און ווען זי קומט צו דעם פלאץ וואו עס געפינט זיך די זאך וואס זי דארף און וואס זי זוכט — מעג זי דאן זיין טויזענדע פיס הויך פון דער ערד — וועט זי עס גלייך דערזעהן אדער דערשמעקען אדער דערפיהלען און ווי א פייל פון בויגען זיך געבען א לאז דערצו.

די יעניגע פויגעלעך, וואס דארפען ארויסבעקומען זייער שפייז פון וואסער, האט זיי גאט איינגעריכטעט שווים־געצייג אין זייערע פיסעלעך, מיט וועלכע זיי בענוצען זיך ווי א פישער אין א לאדקע בענוצט זיך מיט זיינע לאפעטקעס. — די וועלכע דארפען זוכען זייער שפייז אין פלאכע וואסערען וואו עס איז ניט בעקוועם צום שווימען (אזוי ווי זומפען, אדער טייך־ברעגען), האט זיי גאט געשאנקען לאנגע פיס צום בראדזשען, — אבער אזוי ווי צוליעב זייערע לאנגע פיס וואלט דאך זיי אויסגעקומען אונבעקוועם ארונטערצובויגען די קעפלעך צום גרונד אנצונעהמען זייער שפייז, האט זיי גאט צוגעגעבען א צוגאב א לאנגע האלדז, פונקט נאך די מאס נאך פון זייערע פיס. —

אויב איהר האט ווען בעזוכט א טהיער־גארטען, האט איהר געווים בעמערקט אין דער אבטהיילונג פון געפעדערטע בעשעפעניסע, פויגעלעך געקליידעט אין אלע פארבען פון רעגענבויגען, — איהר האט געווים בעוואונדערט זייער שעהנהייט, אבער איך צווייפעל אויב איהר האט פיעל נאכגעקלעהרט וועגען דעם צוועק פון דיזע פיעל־קאלירטע קליידער. — אויב איהר האט געדענקט, אז גאט האט זיי אזוי פראכטפאל אויסגעפוצט כדי צו אמוזירען אייער אינגעלע אדער מיידעלע וואס איהר האט דאן געפיהרט ביים הענטעל, האט איהר געמאכט א גרויסען טעות — דער פאקט איז, אז דער לעבען פון יענע פויגעלעך הענגט אב אן זייערע געקאליערטע פעדערען, ווייל דורך דיזע ווערען זיי גערעטעט פון די יעגער און רויב פויגלען. — די יעניגע פויגעלעך, וועלכע האלטען זיך אויף אין בלומען־גערטנער, האט זיי גאט געגעבען דעם עכטען קאליער פון די בלומען, צווישען וועלכע זיי געפינען זיך, זא דאס א יעגער קען זיי ניט דערקענען אפילו ווען ער שטעהט נאר איניגע טריט פון זיי. — פויגעלעך, וועלכע לעבען אין גרינעם גראז, אדער צווישען די גרינע בלעטער פון צווייגהאפטע בוימער, האט זיי גאט געגעבען א גרינעם קאליער. — פויגעלעך, וועלכע וואהנען אין מדבריות בעדעקט מיט ברוינע זאמד, האבען אליין אויך דעם זעלבען ברוינעם פארב, פונקט ווי די זאמד, אויף וועלכע זיי שטעהען. — קוקט אייך צו צו די געלב־גאלדענע זינג־פויגעלעך, וועלכע שפרינגען ארום אין זייערע שטייגעלעך ביי אייך אין הויז, ניט אומזיסט האט זיי גאט געגעבען דיזען געלב־גאלדענעם קאליער — זיי לעבען אין זייער פרייען צושטאנד צווישען צייטיגע תבואה (וועלכע האט פונקט דעם זעלבען קאליער), און ווען אזא פויגעלע וויעגט זיך אויף די קעפלעך פון די צייטיגע זאנגען, קען אפילו די בעסטע אויג איהר ניט בעמערקען.

קוקט אייך צו צו די פיש וואס שווימען ארום אין די וואסערען און בעמערקט דעם געבוי פון זייערע קערפער — זיי האבען ניט קיינע גליעדער און אפילו קיין שולטערען אויף זייערע קערפער ווי אלע לאנד־בעשעפעניסע. — ווארום איז דאס אזוי? כדי ווען זיי שווימען געגען שטראם, זאל דאס וואסער ניט האבען אן וואס זיך אנצונעהמען און זיי שטופען צוריק.

בעטראכט גוט די הויז־פליעג, ווי זי שפּאַציערט אַרום אויף אייער סילינג, — אַז אימיצער וואָלט אייך געפרעגט, ווי אַזוי קען זי דאָס געהן די קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף און ניט אַרונטערפאַלען? וואָלט איהר געזאָגט: „אויך מיר אַ קשיא! עס איז דאָך אַ פליעג, איהר קערפּערעל איז אַזוי גרינג, אַז עס פאַלט ניט אַרונטער". — אָבער ווען איהר וועט ריכטיג בעמערקען די געזעצע פון דער נאַטור, וועט איהר זעהן, אַז אַפילו די לייכטעסטע שטיקעל פּוך קען זיך ניט האַלטען אַז סילינג סיידען עס איז צוגעקלעפּט אָדער צוגעטשעפּעט, אויב ניט וועט עס לאַנגזאַם אַרונטערפאַלען. — וואָרום זשע פאַלט די פליעג ניט אַרונטער? דער פאַקט איז, אַז גאָט האָט געגעבען די פליעג אַ וואונדערבאַרע מאַשין, וואָס האַלט איהר צו־געקלעפּט צום סילינג. — אויף יעדע פיסעלע האָט זי אַ בעכערעל מיט אַ לופט־פּומפּ, ווי נאָר זי לעגט צו דאָס מיילעלע פון בעכערעל צום סילינג, ציהט זי אַרויס די לופט פון אינוועניג און עס ווערט, וואָס מען רופט אין וויסענשאַפטליכער שפּראַך, אַ „וואַקיוואום", און דאַן קלעפּט זיך צו די פיסעלע צום סילינג ווי אַ באַנקע צו פלייש, און די פליעג בלייבט הענגען.

איך וואָלט אייך געקענט געבען הונדערטע אַזעלכעביישפּיעלע, נאָר איהר קענט זיי אַליין געפינען אין ביכער פון נאַטור געשיכטע, וועלכע זיינען היינט דאָ אין אַ גענוגענדער צאָהל אין אַלע שפּראַכען.

פון דיזע ביישפּיעלען קענט איהר זעהן, אַז גאָט האָט בעשאַנקען יעדע בע־שעפּענים מיט אַלע מתנות וואָס זיינען נויטיג פאַר איהר עקזיסטענץ. — און נאָך אַ זאַך וועט איהר בעמערקען, אַז יעדע בעשעפּענים קריגט די מתנות וואָס זיינען בעשטימט פאַר איהר אָהן שום מיה און מאַטערנים און אָהן אירגענד וועלכע שוהל־אונטעררייכט. — אַ פליעג איין טאָג אַלט קען אַזוי גוט אַרומגעהן אויפ׳ן סילינג ווי זיין טאַטע און זיין זיידע. — די פויגעלע וואָס האָט נאָר וואָס געקראָגען פע־דערען אויף די פליגעלער קען פליהען, און אַ קליין פישעלע קען אַזוי גוט שווימען אין וואַסער ווי אַ גרויסע.

II

יעצט לאָמיר זעהן אויב גאָט האָט געשאַנקען דעם מענשען געוויסע מתנות ביי זיין בעשאַף, און אויב יאָ, וואָס זיינען די מתנות?

גאָט האָט בעשאַנקען דעם מענשען מיט פיעל טייערערע מתנות אַלס אירגענד וועלכע אַנדערע בעשעפּעניסע, און וואָס די מתנות זיינען, איז גאַנץ קלאָהר אַרויס־געזאָגט געוואָרען אין דער פּרשה: „מלאו את הארץ וכבשוה ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובחית הארץ". — וואָס איז די ריכטיגע בעדייטונג פון די ווערטער „מלאו את הארץ" (פילט אָן די ערד)? מיינט עס, אַז גאָט האָט געוואָלט, אַז מענשען זאָלען זיך אַזוי פערמעהרען ביז יעדער אינטש פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד וועט זיין בעדעקט מיט זיי און זיי וועלען שטעהן צוזאַמענגעפּרעסט ווי סאַרדינס אין אַ באָקס? די אמת׳ע בעדייטונג פון די אויבענגענאַנטע ווערטער איז, אַז גאָט האָט געמיינט דעם מענשען צו געבען די מעגליכקייט צו וואַהנען

אין יעדען טהייל פון דער וועלט וואס ווען איהם געפעלען (א מעלה וואס קיין בעשעפענים האט ניט — ווי עס איז גאנץ גוט בעוואוסט, אז יעדע בעשעפענים מוז האבען איהר געוויסען אקלים, דער ווייסער בער אין די קאלטע נארטה, דער לייב און דער טיגער אין די הייסע סאוטה, און די הויז־טיער אין א מעסיגען אקלים). — דער ווארט „וכבשוה“ בעצייכענט די צווייטע מעלה וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען, נעמליך, די קראפט צו בעזיעגען די עלעמענטען פון דער נאטור. — אויב דער מענש וואלט ניט געהאט דיזען כח, וואלט ער קנאפע נוצען געצויגען פון דעם וואס ער קען פערטראגען אלע אקלימען, ווייל ער וואלט ניט געקענט איבערגעהן פון איין וועלט־טהייל אין דעם צווייטען צוליעב דעם ים וואס איז מפסיק צווישען זיי, — אבער ווען גאט האט איהם צוגעגעבען דעם כח צו בעזיעגען די עלעמענטען, איז דער ים קיין אבהאלט ניט פאר איהם — ער געהט איהם אריבער שלאפענדיג **אין קאיוטע פון א דאמפף־שיף**. — דריטענס, האט איהם גאט געמאכט פאר א קעניג איבער אלע אנדערע לעבעדיגע בריאים (ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובחית הארץ) אפילו איבער אזעלכע וואס זיינען הונדערט מאל גרעסער און שטארקער ווי ער, און אפילו איבער אזעלכע וואס שווימען אונטער'ן וואסער אדער וואס פליהען הויך אין דער לופט וואו דער מענש קען אויף א נאטירליכען וועג ניט צוקומען, — האט איהם אבער גאט געגעבען א שכל אויסצוגעפינען געקינסטעלטע מיטלען זיי צו בעזיעגען.

און אזוי ווי מיר זעהען ביי די נידעריגערע בעשעפעניסע אז די מתנות וואס גאט האט בעשטימט פאר זיי, בעקומען זיי אהן שום מיה אדער שטודיום, אזוי קריגט אויך דער מענש די דריי מתנות מיט וועלכע גאט האט איהם בעשאנקען, אינסטינקטיוו אהן מיה און מאטערניס. — ווען קאלומבוס איז אנגעקומען אין אמעריקא, האט ער געפונען אז די אינדיאנער, די נאטור־קינדער פון דער לאנד, וועלכע האבען ניט געוואוסט פון קיין בוך און קיין כתב, פון קיין סקוהל און קיין חכמה, האבען פונדעסטוועגען געהאט אלע אייגענשאפטען וואס איך האב אויבען אויסגערעכענט, — זיי האבען געקענט פערטראגען יעדען אקלים פון די עקסטרעמע נארטה ביז די עקסטרעמע סויטה; זיי האבען זיך געשיפט אויפ'ן וואסער מיט א וואונדערבארע שנעליגקייט אין קליינע לאדקעס, געמאכט פון קארע פון בוימער; זיי האבען געקענט ארונטערשיסען פויגעלעך אין מיטען פליהען מיט זייערע פייל און בויגען, און זיי האבען געקענט כאפען פיש מיט נעצען, אדער מיט ווענדקעס, פונקט ווי אונזערע פישער היינט.

III

און ווען דער מענש וואלט זיך בעגנוגענט מיט די מתנות וואס גאט האט איהם געגעבען — אזוי ווי אלע אנדערע בעשעפעניסען האבען געטהאן — וואלט ער אויך געפונען, אז אלעס וואס גאט האט געמאכט איז **טוב מאד**, — אבער **דער שלאנג** האט זיך פער'גנב'עט ביי איהם אין הארצען און האט איהם אנגערעדט, ער זאל אנפאנגען צו פערלאנגען זאכען וואס גאט האט איהם ניט געגעבען און וועלכע

זיינען ניט נויטיג פאר זיין נאטירליכען עקזיסטענץ אדער וואהלזיין, און דאן האט ער אויף זיך ארויפגעבראכט א ים מיט צרות. — שטעלט זיך פאר, אז די פיש וואלטען זיך אריינגענומען אין זייערע קליינע קעפעלעך צו וועלען פליהען אין דער לופט אדער די פויגעלעך צו וועלען שווימען אונטער'ן וואסער, ווי אומגליקליך זיי וואלטן געווען!

דער מענש האט צופעליג דערזעהן דעם בליאסק פון גאלד און דעם בליץ פון געוויסע קליינינקע שטיינדעלעך, וועלכע קענען איהם קיין שום נוצען ניט ברענגען און עס האט זיך אין איהם צופלאקערט די תאוה, אז ער מוז עס קריגען, — איהם האט זיך אויך פערוואלט איינצוואוויקלען זיין קערפער אין די פעלבעלעך פון מינק אדער סייבעל אדער סילס. — ער האט אויך דערזהן א געוויסען קליין ווערימעל, וואס שפינט א שעהנעם סארט שפינוועבס, (וואס ער האט א נאמען גענעבען „זייד" אדער „סילק") און עס האט זיך איהם פערגלוסט צו מאכען קליידער דער־פון, — ער האט זיך פערוואלט טרינקען וויין, און דוקא אלטען וויין — און דאן האבען זיך אנגעפאנגען פאר איהם געברענטע ליידען. — ערשטענס, וועט איהר בעמערקען, אז דיזע זאכען זיינען לחלוטין ניטא אויף דער וועלט אין אזא אנ־צאהל אז־ער מאסע, אז עס זאל זיין גענוג צו בעטהיילען אלע מענשען פון דער וועלט, — איין דימאנט קען אויסקומען פיליכט נאר פאר איינעם פון צעהן טויזענד, אז אונץ גאלד פאר איינעם פון טויזענד, א סילס־סקין פאר איינעם פון פינף הונדערט, א שטיקעל זיידענצייג פאר איינעם פון הונדערט. — אלזא, דער איינער וואס האט עס געקראגען, האט זיך פיליכט אויף א ווײלע געפיהלט גליקליך, אבער די איבעריגע צעהן טויזענד האבען זיך געפיהלט העכסט אומגליקליך, — אפילו די ביסעלע וואס האבען דאס יא געקראגען, האבען אויך דעם אמת'ען גליק ניט געפונען — ערשטענס, האבען זיי אוועקגעגעבען די בעסטע יאהרען פון זייער לעבען און גרוי און אלט געווארען אהן א צייט ביז זיי האבען דאס געקראגען — אפטמאל האבען זיי פערקויפט זייערע נשמות, אומגעבראכט לעבענס, אדער אומ־גליקליך געמאכט מענשען בעפאר זיי האבען עס געקראגען — און ווען זיי האבען עס שוין ערדייכט, קענען זיי נעכט ניט שלאפען אויס מורא, טאמער נעהמט דאס אימיצער אוועק אדער שווינדעלט עס אויס פון זיי.

דאס איז די בעדייטונג פון די פערבאטענע פרוכט וואס האט געבראכט דעם טויט אויף דער וועלט.

IV

יעצט קענט איהר לייכט פערשטעהן די בעדייטונג פון דער געשיכטע וועגען עץ הדעת, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה. — אלס הקדמה דערצעהלט די תורה, אז גאט האט אריינגעזעצט דעם מענשען אין גן עדן און אז אין גן עדן האבען זיך געפונען אלערליי פרוכט־בוימער, וועלכע זיינען געווען פראכטפאל צום אויג און גוט צום עסען, און אז דער גן עדן איז געווען גוט בעוואסערט מיט א טייך וואס האט אויסגעשפרייט זיינע צווייגען אין אלע פיער זייטען (שלכאורה כל הדברים

האלה מיותרים, שהלא עיקר הדבר שרצה לספר הוא שנטע עץ מיוחד וצוה על האדם לבלתי אכול ממנו, ולמה לא ספר את העיקר הזה בלא שום הקדמה אודות העצים האחרים?) מיט דיזער הקדמה האט די תורה געמיינט אנצוצייגען, אז אלע בעדערפניסע וואס זיינען באמת נויטיג פאר'ן מענשען, האט גאט צוגעגרייט אין דער וועלט אויף אזא אופן, אז עס זאל זיין גענוג פאר אלעמען און אז יעדער זאל עס קענען קריגען אהן מיה און אהן מאטערניס. און ווען דער מענש וואלט זיך בענוגענט דערמיט, וואלט ער טאקע געפונען, אז די וועלט איז א וואהרער גן עדן און אז דער גאנצער בעשאף איז „פאלקאמען גוט" אהן א שום חסרון, — אבער אין מיטען פון זיין גן עדן האט דער מענש פלוצלינג דערזעהן א בוים, וועלכער טראגט אן אנדער סארט פרוכט — די פרוכט פון לוקסוס — און דער שלאנג האט איהם אנגערעדט צו עסען דערפון.

ווי נאר די מענשען־קינדער האבען פערזוכט פון דיזע פערבאטענע פרוכט, האבען זיי גלייך אנגעפאנגען צו פיהלען, אז זיי זיינען נאקעט, דאס הייסט, אז זיי האבען ניט גענוג, — זיי קענען האבען פולע שראנקען מיט קליידער, וועט איהר זיי הערען זיך בעקלאגענדיג „ניטא וואס אנצוטהאן!" (וזהו כוונת דברי חז"ל בבר"ר: „ויעשו להם חגורות", א"ר אבא בר כהנא „חגורה" אין כתיב כאן אלא „חגורות", ר"ל חגורי חגורות, אסטיכנא, גליון, סדינים, כשם שעושים לאיש כך עושים לאשה, צלצלין, קולסין, סבכין" — ר"ל שלא ידעו שבעה — וכל הדברים האלה אנו רואים גם היום בינינו).

און דעריבער הייסט דער בוים פון לוקסוס עץ הדעת טוב ורע, ווייל דורך איהם איז דעם מענשענס לעבען געווארען א מיש־מאש פון שמחה און צער, גליק און אומגליק — (תתבונן שבתורה לא נמצא כלל „עץ הדעת" גרידא בלי צירוף המלים „טוב ורע", וגם הציגו טעם מפסיק על המלה "עץ" (פעם א' „זקף גדול" ופעם ב' „רביעי") להפרידה מן המלים הבאים אחריה, כדי שלא יטעה הקורא לבאר כאלו נכתב "עץ הדעת" בחיבור, ור"ל „עץ שנותן דעת ושכל במוח האדם להבחין בין טוב לרע בכלל" — שחלילה לחשוב שהקב"ה לא רצה שיהיה לאדם בינה ודעת — אבל ביאור המלים הוא „עץ שעל ידו האדם מתחיל להרגיש טוב ורע ביחד" — ובזה סרו קושיות רבות שהקשו מפרשי התורה והרמב"ם במורה על הענין הנ"ל). — אין דער מינוט ווען דער מענש דערגרייכט א געוויסע תאוה, פיהלט ער א מאמענטאלע הנאה, אבער אין א גאנץ קורצער צייט ווערט אויף איהם מקוים די קללה פון בעצבון תאכלנה (מיט טרויער וועסטו דערפון געניסען), ענטוועדער ווייל ער געפינט אז דער בעזיץ פון דער זאך נאך וועלכער ער האט זיך געיאגט איז גאר ניט אזא גליק ווי ער האט זיך פארגע־שטעלט, אדער ווייל ער האט שוין פערלארען זיינע כחות און זיינע הייסע בלוט אין דער לאנגער צייט וואס האט איהם גענומען צו דערגרייכען זיין תאוה, און יעצט האט ער שוין קיין כח ניט און קיין לוסט עס צו געניסען, אדער ווייל ער האט דערגרייכט זיין תאוה אויף אן אונעהרליכען אופן און יעצט פלאגט איהם דער געוויסען, אדער ווייל עס שרעקט איהם דאס הארץ שטענדיג, טאמער וועט ער עס

צוריק פערליערען, — אלענפאלס וועט איהר כמעט קיין מאל ניט זעהן, אז דער וואס (אין דעם מיינונג פון דער וועלט) האט שוין אריינגעכאפט דעם גליק, זאל זיך פיהלען גליקליכער ווי די איבעריגע פון זיינע מיטמענשען, — דאס רוב זעהט איהר נאך א פיעל שווארצערען וואלקען אויף זיין געזיכט. (ואולי ע"ז יורה ענין החרב המתהפכת, שע"י תהפוכות בני האדם מתהפך להם כל טוב הבריאה לרועץ).

V

איך פיהל, אז דא קענט איהר מיר שטעלען א שווערע פראגע — איהר וועט זאגען: „נאך דיין מיינונג נאך קומען אלע אומגליקען אויפ'ן מענשען צוליעב זיין לוסט נאך לוקסוס-זאכען, אויב אזוי, וואס ווערסטו זאגען וועגען די מיליאנען וואס ארבייטען צוועלף שטונדען א טאג אין די מיינס און פעקטאריעס און ארבייטען קוים אויס ברויט מיט וואסער פאר זייערע פאמיליען; מיליאנען אנדערע וואס זוכען א דזשאב און האבען קיין געלעגענהייט אפילו דאס צו פערדיענען? דיזע וואלטען זיך געשעצט גליקליך, אז מען וואלט זיי געגעבען די מתנות וואס גאט האט געמיינט, אז אלע מענשען זאלען האבען, און וואלטען קיין לוקסוס ניט געוואלט?

אבער אז איהר וועט צולעגען א ביסעל די קאפ, וועט איהר זעהן, אז דיזע אלע צרות שטאמען אויך פון דעם גרויסען פעהלער, וואס דער מענש האט געמאכט ווען ער האט אנגעפאנגען זיך צו יאגען נאך זאכען וואס גאט האט פאר איהם ניט בעשטימט.

אום דיזעס קלאהר צו מאכען פאר אייך, וועל איך אייך צוריקפיהרען אויף א קורצע ווײלע צו די קינדהייט יאהרען פון דער מענשליכער ראסע.

אזוי ווי די ערשטע מענשען האבען אנגעפאנגען לוסט האבען צו די אלע זאכען וואס איך האב פריהער אויסגערעכענט (די געלע מעטאל, פינקלענדע שטיינדעלער, זיידענס, ווייכע פעלכעלעך פון טהירען א. ז. וו.), האבען זיי גלייך בעמערקט, אז די זאכען זיינען ניטא גענוג אין דער נאטור, אז מען זאל קענען אלעמען בעטהיילען דאמיט, און זיי האבען אויך פערשטאנען, אז טויזענדער מענשען וועלען מוזען ארבייטען ביז מען וועט געפינען איין דיימאנד, — הונדערטער, ביז מען וועט ארויסבעקומען איין קערענדעל גאלד, אדער איין פעלכעלע פון א מינקס אדער א סיל — און נאך אלעמען וועט נאר איינער דאס קענען געברויכען; ווער זאל זיין דער איינער? זעלבסט-פערשטענדליך, אז אין יענע פרימיטיווע דורות, ווען מענשען האבען נאך ניט געהאט קיין אהנונג פון מאראל אדער יושר, איז דער איינער געווען דער שטארקערער. — עס האט געטראפען פיעל מאל, אז טויזענדער מענשען האבען געארבייט טעג נאכאנאנד ארויסצובעקומען א שטיקעל גאלד אדער א פינקלענדען שטיינדעל פון דער ערד, און נאכדעם אז זיי האבען עס שוין געהאט, איז געקומען איינער וואס צוליעב די הויך פון זיין קערפער אדער די ברייטקייט פון זיינע פלייצעס האט ער געווארפען א מורא אויף זיי און האט

דעם אוצר צוגענומען פון זיי. — אין פערלויף פון צייט, ווען די שוואכערע האבען שוין געהאט בייגעוואהנט אזא זאך פיעל מאל, האבען זיי אנגעפאנגען צו זאגען: „מה לנו לצרה הזאת?“ ווארום זאלען מיר זיך גראבען אין דער ערד צו זוכען גאלד און דימענטען, אויב מיר האבען ניט קיין זיכערקייט, אז מיר זעלבסט וועלען דערפון געניסען? — און אלזא האבען זיי געוואלט אויפהערען צו זוכען דיזע זאכען.

אבער די שטארקע האבען שוין פערזוכט דעם טעם פון די גוטע זאכען, אויף וועלכע זיי האבען ניט געהארעוועט און זיי האבען דאס ניט געוואלט אזוי לייכט אויפגעבען — זיי זיינען יעצט געגאנגען א שריט ווייטער און האבען געזאגט צו זיך: אזוי ווי מיר האבען געקענט צונעהמען פון זיי וואס זיי האבען אויפגע-ארבייט, אזוי קענען מיר זיי יעצט נויטען זיי זאלען פאר אונז ארבייטען, — און אזוי האבען זיי טאקע געטהאן.

אויף דיזער ארט און ווייזע איז ענטשטאנען די ערשטע און איינפאכע פארמע פון שקלאפעריי, וועלכע האט טויזענדע יאהרען געהערשט און וועלכע הערשט נאך היינט אין דער גאנצער וועלט. — אין פערלויף פון צייט האט שקלאפעריי אנגענומען פערשיעדענע פארמען, אזוי ווי „פעאדאליזם“ (פאנשטשינע) און אין אונזער צייט „לוין ארבייט“, אבער דער רעזולטאט איז געבליבען דער זעלבער. — יעצט ארבייטען אויך מיליאנען מענשען צו פראדוצירען זייד און גאלד און ליכטיגע שטיינדעלעד פאר א הייפעלע אנדערע מענשען צו געניסען. — דער איינ-ציגער אונטערשיעד וואס וועט זיך אייך ווארפען אין די אויגען איז, אז אונטער'ן יעצטיגען עקאנאמישען סיסטעם איז דער ארבייטער פריי צו פערלאזען זיין „באסס“ ווען ער וויל, — אבער דאס איז אויך א טעות, — ער קען ניט פערלאזען זיין באסס, אויב ער וועט עס טהאן, וועט ער צוריקגעטריבען ווערען צו דער ארבייט מיט'ן בייטש פון הונגער און קעלט. — אפילו בייטען באסעס קען ער אויך ניט גאנץ לייכט.

זעלבסטפערשטענדליך אז די מענשהייט האט גענומען זוכען מיטלען ווי אזוי ארונטערצוווארפען פון זיך דעם יאך פון איהרע אונטערדריקער, — ביסלעכווייז האט זיך די מאסע ארגאניזירט און עס האט אויסגעזעהן, אז אט-אט וועלען די „פיעלע“ אראבווארפען פון זיך דעם יאך פון די „ווניגע“, — אבער די „ווניגע“ האבען זיך געכאפט אין צייט און האבען בעשאפען א ריעזיגע מאשינע וואס זאל אויף אייביג זיכער מאכען זייער הערשאפט אין דער וועלט — דאס איז דער מיליטאריזם *). — ניט אלע האבען פערשטאנען דעם אמת'ען צוועק פון די אונ-געהייערע שטענדיגע ארמעען וואס די הערשער פון דער אלטער וועלט האבען שטענ-דיג אויפגעהאלטען. — פיעל האבען זיך טאקע געלאזט איינרעדען, אז דאס איז גע-מיינט געווען צו בעשיצען די לאנד פון אויסערע אטאקעס — דער אמת'ער ציעל פון דיזע ארמעען איז געווען צו אונטערדריקען אינערליכע אויפשטענדע פון ארבייטער.

*) געגען ווענען די נייע וועלט איז יעצט ארויס אין קאמפף.

— ווען איהר וועט אונטערזוכען די שטאאטס־דאקומענטען פון יעדע איינע פון יענע לענדער, וועט איהרזעהן, אז פאר יעדען איינציגען מאָל וואס די ארמעע איז גע־ברויכט געוואָרען געגען אן אויסערליכען שונא, איז זי געברויכט געוואָרען צעהן מאָל געגען די ארבייטער פון דער לאנד גופא.

אלזא, איהר זעהט דערפון אז דער אונגאטירליכער געיעג נאך זאכען וואס ברענגען באמת קיין נוצען, האט צוטהיילט די מענשהייט אין דריי קלאסען:

1) די קלאסע פון ארבייטער, וועלכע שפינען און וועבען און בויען און שאפען פאר דעם געניסט פון אנדערע — פאר זיך קריגען זיי נאר וואס עס איז נויטיג זייער לעבען צו דערהאלטען.

2) די גליקליכע קלאסע וואס ארבייט גאר ניט און געניסט פונדעסטוועגען דאס בעסטע פון דער לאנד (און היער מוז איך ווארנען דעם לעזער, ער זאל ניט אריינרעכענען אין דיזער קלאסע אזעלכע געשעפטס־לייטע, וועלכע גיבען אליין אב זייער צייט און ארבייט צו זייער געשעפט — ווייל דיזע זיינען אליין ארבייטער און אפטמאל שווערע ארבייטער. — מען קען אויך ניט אריינרעכענען אין דעם אויבענגענאנטען קלאס אזעלכע וואס האבען געארבייט אין דער יוגענד און האבען אבגעשפארט פון זייערע פער־דיענסטען אויף דער עלטער זא דאס יעצט קענען זיי פערברענגען די לעצטע עטליכע יאהר פון זייער לעבען אהן ארבייט, — דיזע פערדיענען לויב אנשטאט פערדאמונג, ווייל א מענש וואס האט פערבראכט זיינע יונגע יאהרען אין נוצבארע ארבייט פערדיענט א וואקיי־שאן אויף דער עלטער, און הלואי וואלטען אלע געקענט נאכטהאן זייער ביישפיעל און ניט ארבייטען ביז דעם לעצטען טאג פון זייער לעבען אדער ביז זיי פאלען אין סטריט. — אין דיזען קלאס זיינען נאר אריינגערעכענט אזעלכע וואס ארבייטען יעצט ניט און האבען ניט געארבייט, און אויב זייער געלד איז אינוועסטעט אין ביזנעס ווערט די ביזנעס געפיהרט פון אנדערע).

3) די מיליטערישע קלאסע וואס האלט אויף דיזען סיסטעם, — ווען ניט די מורא פאר דיזער קלאסע וואלט זיך אזא סיסטעם ניט געקענט לאנג האלטען.

דיזע דריי קלאסען זיינען דייטליך סימבאליזירט ביי למך׳ס דריי זיהן — יבל, יובל און תובל קין.

„יבל״ מיינט א **צו־ברענגער** (כמו „מי יובילני עיר מצור״), דאס איז דער סימבאל פון די ארבייטער קלאסע וואס זי ברענגט אלעס צו צו די הערשענדע קלאסע, — און אזוי ערקלעהרט טאקע דער פסוק דייטליך: „הוא היה אבי יושב אהל ומקנה״, ער איז געוועזן דער פאטער פון אלע וואס וואהנען אין געצעלטען און גיבען זיך אב מיט פיה־צוכט, — דאס איז געוועזן די הויפט בעשעפטיגונג אין יענער צייט.

„יובל״ (על משקל פועל) מיינט דער יעניגער צו וועמען עס ווערט צוגעבראכט פון אלעם פערטיגעז (וכן „יובל שי״), דאס מיינט מען די גליקליכע הערשענדע קלאסע, — און אזוי ערקלעהרט טאקע דער פסוק בפירוש: „הוא היה אבי כל

תופש כנור ועוגב", ער איז געווען דער פאטער פון אלע וואס האלטען א פיעדעל אדער הארפע אין האנד, — דאס הייסט די וואס לאזען זיך וואויל געהן.

„תובל קין" *) איז דער סימבאל פון דעם פראפעסיאנאלען מיליטאריזם אזוי ווי דער פסוק ערקלעהרט וויטער: „לוטש כל חורש נחושת וברזל", א שלייפער פון בראנזענע און אייזערנע אינסטרומענטען — און צוליעב זיין פראפעסיאן איז טאקע זיין צווייטער נאמען קין.

(ולפי כל האמור תבינו בנקל את הנאום שנאם למך לנשיו: כי איש הרגתי לפצעי וילד לחבורתי" ואשר כל המפרשים נבוכו בפירושו—דבריו מוסבים על התוצאות הרעות של חלוקת בני האדם לעבדים ושרים והילים, שעי"ז נהרגים הגדולים במלחמה והילדים גועים ברעב או מכלים את כחם בנקרות-האדמה (מינען) או בבתי חרושת (פעקטאריעס) כידוע שתחת המצב האיקונומי הנוכחי האדונים אינם מסתפקים בעבודת הגדולים אבל מעבידים עבודה גדולה גם את הקטנים — והוסיף את המלים „לפצעי" ו"לחבורתי" לאמר שאין לאדם כל צדקה להתרעם על ההשגחה מחמת שהוא בעצמו עשה את הפצע והחבורה בבשרו).

יעצט וועט איהר שוין ניט פרעגען די קשיא, וואו האט זיך גענומען די שלעכ־מעס אויף דער וועלט, זעהענדיג אז אלעס וואס גאט האט בעשאפען איז „טוב מאד", — די שלעכטעס האט דער מענש בעשאפען.

דאס איז די מיינונג פון דעם פסוק „זה ספר תולדות אדם ביום ברא אלהים אדם בדמות אלהים עשה אותו" (שלכאורה קשה למה חזר על העובדא הזאת שכבר מפורשת לעיל?) — דיזער פסוק האט א טיעפע און וויכטיגע בעדייטונג, וואס די מפרשים האבען ביז יעצט ניט דערגרונטעוועט — דער פסוק מיינט אונז צו זאגען פאלגענדעס: „אין דיזען ספר, דאס הייסט אין תנ"ך, וועסטו געפינען פיעלע ערצעהלונגען וועגען עוולות און רציחות, אזוי ווי ברודער־מארד, שקלאפעריי א. ז. וו. און עס וועט דיר פיליכט וואונדערען ווי אזוי קומט עס אויף דער וועלט, סטייטש עס ווערט דאך בעהויפטעט אויבען אין דער זעלבער פרשה, אז אלעס וואס גאט האט געמאכט איז „טוב מאד" — זאלסטו זיך אויף דעם ניט וואונדערען; „זה ספר תולדות אדם", דיזער ספר בעשרייבט די מעשים פון מענשען וואס זיי האבען געטהאן איינער צום אנדערען, אבער גאט האט ניט געמיינט, אז מענשען זאלען פערברענגען אזא סארט לעבען אויף דער וועלט — „ביום ברא אלהים אדם בדמות אלהים עשה אותו", ווען גאט האט בעשאפען דעם מענשען האט ער געמיינט, ער זאל האבען א געטליכען געשטאלט, דאס הייסט, אז ער זאל לעבען א ריינעם און אומשולדיגען לעבען אויף דער וועלט, און די צרות האט דער מענש אויף זיך אליין געבראכט ווען ער האט אנגעפאנגען צו געהן געגען דער נאטור.

*) המלה „תובל" תורה על הובלה הכרחיות כמו: „תובל למלך" — ורצה להורות בשם הנ"ל שהוא המכרית את יבל להוביל, ומפקד עליו: תובל! (עס זאל געבראכט ווערען!)

חומר לדרוש.

עץ הדעת טוב ורע.
אגדות חז"ל.

ר' עקיבא היה אומר „מה רבו מעשיך ד'" — יש לך בריות גדלות בים ויש לך בריות גדלות ביבשה: שבים — אלמלי עולות ליבשה מיד מתות: שביבשה — אלמלי יורדות לים מיד מתות. יש לך בריות גדלות באור ויש לך בריות גדלות באויר: שבאור — אלמלי יורדות לאור מיד מתות. מקום חיותה של זו מיתתה של זו, ומקום מיתתה של זו חיותה של זו, — מה רבו מעשיך ד'! (חולין, קכ"ז).

יתיב (אלכסנדרוס מוקדון) אההוא מעיינא וקא אכיל נהמא הוו בידיה גלדנא דמלחא (דגים קטנים מלוחים) בהדי דמחוורי להו (כששטפם במים) נפל בהו ריחא (ריח טוב) אמר ש"מ האי עינא מגן עדן אתי וכו' עלה עם המעיין עד דמטא לפתחא דג"ע, רמא קלא: פתחו לי בבא (פתחו לי הפתח) אמרו ליה זה השער לד', אמר להו אנא נמי מלכא אנא מחשיב חשיבנא (גם אני חשוב) הבו לי מידי (תנו לי דבר מה) יהבו ליה גולגלתא חדא, אתיא תקליה לכוליה דהבא וכספא דידיה בהדיה (שקל כנגד הגולגולת כל כסף וזהב שלו) לא הווה מתקליה (ולא הכריעו את הגולגולת) אמר להון לרבנן: מאי האי? אמרי גולגלתא דעינא דבשרא ודמא (גלגל עינו של בשר ודם) דלא קא שבע, אמר להו ממאי דהכי הוא? שקלי קלילי עפרא (קומץ עפר) וכסיוה, לאלתר תקליה (מיד הכריע הכף). (מס' תמיד, ל"ב ע"ב).

תניא ר' שמעון בן אלעזר אומר, מימי לא ראיתי צבי קייץ וארי סבל ושועל חנוני והם מתפרנסים שלא בצער והם לא נבראו אלא לשמשני ואני נבראתי לשמש את קוני — מה אלה מתפרנסים שלא בצער אני אינו דין שאתפרנס שלא בצער, אלא הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי, כמ"ש עונותיכם הטו (ירמי'). (קדושין, דף פ"ב ע"ב).

„ויתחבא האדם ואשתו", א"ר לוי גרעה קומתו וכו', „ויקרא ד' אלהים אל האדם איכה", איך היית אתמול לדעתי ועכשיו לדעתו של נחש, אתמול מסוף העולם ועד סופו ועתה בתוך עץ הגן (בר"ר) — (ור"ל בדרך מליצה שע"י האכילה מעץ הדעת (המותרות) נתקטן ונתמעט באיכות ונדמה ל„עץ השדה").

א"ר יצחק, משל לאחד שהיה עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת, אמר, תאמר שהבירה הזו בלא מנהיג? הציץ עליו בעל הבירה ואמר, אני הוא בעל הבירה! כך היה אברהם אבינו אומר, תאמר שהעולם הזה בלי מנהיג? הציץ עליו הקב"ה ואמר: אני הוא בעל העולם! (בר"ר פ' "ט).

ור"ל שהיה א"א מתבונן בכל העולם וראה שהיא בירה יפה מאד ואין מום בה, אבל היא „דולקת", ר"ל האנשים שבתוכה בוערים תמיד בנהרי נחלי אש הצרות והתלאות, ואז הקשה את הקושיה העולמית שנראה כאלו עזב ד' את העולם ביד המקרה, — אבל ד'

הציץ עליו ואמר: אל תחשוב מחשבות כאלה, אני הוא בעל הבירה! והגם שא תבין את כל העשוי בתוכה, בכל זאת תהיה בטוח שד' עשה את העולם ישר, וסוף שהכל על מקומו יבוא בשלום. (המחבר).

מאד זה מלאך המות.

„טוב זה מלאך החיים מאד זה מלאך המות" (ילקוט) ולקרב הענין אל השכל נראה בשום לב אל מוצא הטוב והרע נמצא כי מוצאם ומובאם מקום אחד להם וממקור אחד נובעים, והוא כאשר נתבונן בעסקי האדם במאכלו ומשתהו נמצא, כי השיעור הראוי להם הוא משובח והמותר אך זה לי, וכן גם במשאו ומתנו אם יעבור בהם על השיעור הראוי לא ינקה רע כמאה"ח „אץ להעשיר לא ינקה" — ומהם תקיש על כל עניני האדם ועסקיו שהשיעור הראוי בהם משובח והמותר הוא מקור משחת מבוע הרעה — וזהו: „טוב זה חיים", כלומר, אם תקח את העולם כדי הטוב והיאות הוא חיים „מאד זה מה"מ", ר"ל אם תבקש מותרות הנכנסים תחת תואר „מאד" תפול ברעה. (אוהל יעקב, בראשית).

המלחמה האיקונומית הראשונה.

"ויאמר קין אל הבל אחיו" — אמר קין אל הבל: בא ונחלק את העולם. אמר לו: הן. נטל הבל את הצאן וקין את הקרקעות, והתנו ביניהם שלא יהא לזה על זה כלום. התחיל הבל לרעות את הצאן. אמר לו קין: אדמה זו שאתה עומד עליה שלי היא. אמר לו הבל: צמר זה שאתה לובש שלי הוא. זה אומר: חלוץ את בגדי, וזה אומר: פרח באויר. מתוך כך: „ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו (פדר"א), והיא התמונה היותר יפה ואמיתית למצב האיקונומי של העולם בזמן הזה.

ביאור ענין הגן עדן.

„ויטע ד' אלהים גן בעדן מקדם", הוא העולם השפל אשר ברא בו כל עדן ועונג שלא יחסר כל בו מכל תאוה, „וישם בה את האדם אשר יצר", למען הוא בבחירת נפשו ישים מעצור לתאותו ויהיה בה עד שיבא לבית אביו שבשמים, „ויצמח וגו' כל עץ נחמד למראה וטוב למאכל", הם הדברים המותרים אשר לא יזיקו לנפש האדם באכלו מהם. „ועץ החיים בתוך הגן" היא התורה אשר עץ חיים היא למחזיקים בה. „ועץ הדעת טוב ורע" הם המה התאוות והדברים האסורים אשר טוב ורע מעורב בהם, כי טובים הם לגופו אבל רעים לנפשו. „ונהר יוצא מעדן וגו' ומשם יפרד והיה לארבעה ראשים", הן המה ארבעה כתות בני אדם הנפרדים בדעותיהם — כת אחת הם ב"א אשר מטרתם רק למלאות זהב חוריהם („פישון" — מלשון פשה יפשה, שלא ידע שבעה — והוא הסובב את כל ארץ החוילה אשר שם הזהב) והכת השניה המה ההולכים אחרי כבוד לבנות להם היכלות ולקנות עבדים ושפחות („חדקל", הוא ההולך קדמת אשור — שידוע שאשור היה שטוף בתאוה הנ"ל ורצה לכבוש את העולם) והכת השלישית הם אשר תכליתם רק לאכול ולשתות כעגלי מרבק ("גיחון" — מלשון „גחון" ר"ל שכל מגמתם למלאות את בטנם, והוא הסובב את כל ארץ כוש, כידוע שתושבי כוש שהיא באקלים חם שקועים בתאוות גופניים), והכת הרביעית המה המעטים אשר ישימו כל מעינם רק בתורת ד' („פרת" — כי התורה מפרה ומרבה את האדם בזה ובבא), „ויצו ד' אלהים וגו' מכל עץ הגן אכל תאכל", ר"ל כי מותר לו לאדם להשתמש מכל דבר העולם כדי צרכו. „ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו", המה התאוות ודברים האסורים והמותרות, מהם לא יאכל ולא יתור אחריהם, „כי ביום אכלך ממנו מות תמות" ר"ל כי מות ומשכלת בהם. „לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו", רמז על היצר טוב העוזר את האדם לכבוש את יצרו. „ויפל אלהים תרדמה על האדם", רמז על מה ששוכח האדם בצאתו לאויר העולם כל מה שלמד בבית אביו במרום. (ס' „אורח חיים" מאת הרמ"צ טאקסין).

לא מות תמותון.

„ויאמר הנחש לא מות תמותון" — הכח היותר חזק של הנחש (שבלב האדם בכל הזמנים) הוא מה שמצליח ליישנהו על ברכיו ולהשכיח ממנו את יום המות — כי אלו היה האדם זוכר תמיד לאן הוא הולך לא היה ביד היצר הכח להטותו לרע — כמאחז"ל „לא נצחו יזכיר לו יום המיתה".

אבל סוף דבר, כשרואים האדם ואשתו שבא יומם להגרש מן הגן עדן התחתון הזה שדמו שישבו בו לעולם, אז "ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי ערומים הם"— ר"ל בשעה האחרונ ה לחייהם מכירים את האמת כי ערומים ישובו לעומת שבאו, ולא ירד אחריהם כבודם. (המחבר).

מפני מה אתה מצוי בין הגדרות.

אמרו לנחש מפני מה אתה מצוי בין הגדרות, אמר להם מפני שפרצתי גדרו של עולם" (ויקר"ר), רצונם: שאלה אחת יש, מדוע יבוש בעל התאוה בתאותו ויעשה תמיד במחשך מעשהו, ולא יעשה מעשיו בגלוי בקומה זקופה ובאומץ הלב מבלי בוש? וזהו מליצתם „מפני מה אתה מצוי בין הגדרות?" למה תתמוד לעשות מעשיך בין הגדרות מקום שאין רואין ולא בדרך הרבים לעין כל? והתשובה ע"ז מפני שגם האיש המתמכר לתאותו מרגיש שהוא חוטא נגד החיים, וזהו מליצתם: „אמר להם מפני שפרצתי גדרו של עולם", ר"ל מפני שאני הולך נגד החיים, נגד הכללים והגדרים שהחיים דורשים מן האדם. (דרשות הרמ"ה).

והעוף ג׳ במסורה.

„והעוף" ג׳ במסורה — והעוף ירב בארץ; והעוף אוכל אותם מן הסל; זאת תורת הבהמה והעוף — והענין דיש מן המתוכחים האחרונים שאומרים שסיבת מיעוט הפרנסה בעולם הוא בדרך הטבע מחמת ריבוי אנשים בעולם — אך באמת זה טעות, כי אין לנו מין רב בעולם יותר מהעופות ומ"מ הם מתפרנסים בלא טורח ויגיע (כמו שהוכחתי בגוף הדרוש „עץ הדעת טוב ורע") והם אוכלים ומתענגים בזה יותר מאשר יתענגו בנ"א ביין משתיהם, מזה ראיה, דהאדם בעצמו הסב ברעתו. (וכמאחז"ל המובא לעיל „מימי לא ראיתי צבי קייץ וכו׳) וכמ"ש בתורה: „אם בחוקותי תלכו וכו׳ ואכלתם לחמכם לשובע" — וז"ש „והעוף ירב בארץ" — אע"פ שהעופות רבים מאד בעולם בכ"ז: „והעוף אוכל אותם מן הסל" — ר"ל מתפרנס בנחת ולא בצער. וא"כ „זאת תורת הבהמה והעוף"— ר"ל מהבהמות והעופות נוכל ללמוד מוסר השכל אשר הפרנסה תלויה אך בכשרון מעשינו, (חתן סופר).

כי ביום אכלך ממנו מות תמות.

"כי ביום אכלך ממנו מות תמות" — יבואר ע"פ מ"ש קהלת „ויום המות מיום הולדו" ופירשו יודעי חן שר"ל דמיתת הגוף מתחיל מיום לידת האדם ויום יום יחלשו כחותיו וילכו הלוך וחסור עד הלקחו מן העולם לגמרי ולזה כפל הלשון: „מות תמות", כלומר בכל שעה ושעה. ואולי זהו ג"כ מליצת דוד באמרו: „עני אני וגוע מנוער". (המחבר).

בזיעת אפך תאכל לחם.

„בזיעת אפך תאכל לחם עד שובך אל האדמה" — חומר ממון אחד שמע כי בארץ אופיר שם עפרות זהב לו, וישא רגליו וילך הלוך ונסוע יום ולילה באין מנוח, שמלתו בלתה מעליו ורגלו בצקה (כי רחוק היה המקום מאד). ולסוף, כאשר הגיע אל מחוז חפצו מהר לחפור בכל כחותיו וימצא באמת עפרות זהב בין רגבי העפר, וכל אשר התעמק באדמה היה הזהב מתרבה, — אבל אהה! כי מרוב עבודה ספו תמו כחותיו בהיותו בעומק

האדמה וימת שם, — כן הודיע ד׳ את עונש האדם העובד עבודה רבה בזיעת אפיו למלאות תאותו, כי סוף שישוב עי״ז אל האדמה בלא עתו. (כפלים לתושיה).

„ויהי בונה עיר״ — לא אמר „ויבן עיר״ אלא „ויהי בונה״, לשון הווה, להורות שהיה קין בונה והולך כל ימיו ולא היה יכול לגמור בנינו לעולם, כידוע מטבע כל אוהב ממון „יש לו מנה רוצה מאתים״, וכל ימיו אין לו מנוחה גם בלילה לא שכב לבו. (כפלים לתושיה).

המותרות מתהפכות להכרחיות.

„מפנק מנוער עבדו ואחריתו יהי׳ מנון״ (משלי כ״ט), ביאור זה כי חפצי האדם שנים המה, ההכרחיות כמו לחם ומים, והמותרות, כמו בשר ויין ושאר דברים ערבים אשר בהעדרם לא יחסר לאדם מאומה. — אמנם כ״ז בתחילתם, אבל אחר ההרגל באורך הזמן יתהפכו המותרות להכרחיות, כי אם ירגיל אדם עצמו בבשר ויין, ירגיש כאילו לא יוכל לחיות עוד בלעדם, והכלל הזה סובל כל אופני התענוגים, כולם אחר ההרגל יתהפכו להכרחיים — וזהו כוונת החכם במאמרו „מפנק מנוער עבדו ואחריתו יהי׳ מנון״ — כי התאוה בתחילתה היא בבחינת ״עבד״ לאדם, ר״ל שהוא ימשל בה ויטיה לכל אשר יחפוץ, אבל באחריתה, ר״ל אם יתרגל בה תתהפך לבחינת אדון („מנון״, אדון) ר״ל שהיא תמשל בו. (ספר המדות, דובנא).

הושיעה נא והצליחה נא.

„והיכן היו מנענעין? באנא ד׳ הושיעה נא, ובש״א באנא ד׳ הצליחה נא, אמר ר׳ עקיבא צופה הייתי בר׳ גמליאל ור׳ יהושע שכל העם היו מנענעין בהצליחה נא, והם לא היו מנענעין אלא בהושיעה נא״ — שיש להבין באמת למה שינו הם מהעם? — והביאור הוא זה: שהישועה היא להוציא איש מעוני וצרה, לא כן ההצלחה שתורה על ההתנשאות של האדם בשפע יותר מדאי, כמו שמצינו ביוסף, ויהי איש מצליח, וע״כ היה העם מנענע בהצליחה נא, כבקשת רוב האדם על העושר וההון במידה גדושה, לא כן באלו השלמים שהבינו כי המותרות לא יביאו טובה לאדם, הם נענעו בהושיעה נא — כלומר דיו לאדם להיות חפשי מצער ועוני, ואין לו חפץ במותרות. (תהלוכות עולם).

למה תשקלו כסף בלוא לחם.

„למה תשקלו כסף בלוא לחם״ — מלת „בלוא״ נכתבת בוא״ו וגם באל״ף — כי הנה השגת הכסף הוא באמת דבר הכולל ב׳ המעלות, גם ערב גם מועיל — המועיל כי עי״ז יוכל להתפרנס בכבוד ויהיה אפשר בידו ללמוד תורה בהרחבת הדעת ולעשות מצוות ומעשים טובים — אבל רוב האנשים הרודפים אחר ההון אינם משימים את ההון סיבה להשגת המועיל, והעד מי שהוא זקן וכביר ימים והוא עשיר גדול ואם יחי׳ עוד שנים הרבה יספיק לו הונו לאכול ולשתות ולכלכל שיבתו בכבוד, ועכ״ז עינינו רואות גודל תאותו להרבות הון ועושר כאלו אין לו מאומה — וזהו „למה תשקלו כסף בלוא לחם?״ ר״ל בלא כוונת לחם שאתה צריך לקנות, והעד על זה „בלו לחם״, ר״ל כי יש לו לחם די מחסורו בהרחבה ועכ״ז הוא רודף אחר הכסף ולא ישקוט ולא ינוח, בע״כ כי אין כוונתו למעלת המועיל כי אם לאהבת הערב. (אוה״י, פ׳ שלח).

והפכתי אבלם לששון.

הנה כבר ידענו מכל חכמי לב האמתיים, כי הטוב והעונג שישיג האדם במלאות תאותו, אם אמנם יערב לו מאד, אבל השקר טמון בחובו, כי כל טובת העוה״ז המה הנאות מדומיות, כי אותו שמרגיל עצמו לחיות עם פת חרבה יחי׳ חיים ערבים כאותו שהוא רגיל בבשר שמן, וקח לך עדים כל המוני הברואים שהמה חלוקים בתאותם, זה מתאוה לבשר וזה לעשב השדה ואם תתן לפניו בשר ימאס בו, כי אין לו רוח המתאוה לזה, ומזה

תדע כי כל ההנאות אינו אמתיות, רק מדומיות, מצד תולדות רוח המתאוה, ואם תאמין זאת תנצל מכמה מיני יסורין שישיגו אותך על חסרון מלוא תאותך, כי כמו אשר בהשגתם שקר ההנאה כן בהעדרם שקר הצער, ולעתיד ישמחנו ד' יתברך בתתו לנו רוח זך ודעת שלמה וחכמה אמתיית לדעת ולהבחין ולהבדיל בין הטוב האמתי ובין הטוב המדומה, אז נשכיל לדעת ונתעורר להודות למפרע על כמה צרות שנצטערנו בהעדר מלוא התאוה, ונודה ונשבח לד' על אשר מנע אותם מאתנו — למשל אם תסגור את השכור ותמנע ממנו יי"ש, הוא יצעק וישאג על הרעה אשר אתה עושה עמו. אָמנם כאשר יפוג יינו ויתעורר משנתו אָז יתן לך אלף תודות על אשר מנעת אותו מלשתות עוד, וזהו ענין הכתוב (ירמי' ל"ח) „והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם", פי' ישמחו למפרע על היגון שהי' הכל לטוב נשגב, רק אז לא ליו מבינים פעולתו וסגולתו. (אוה"י, פ' בלק).

ש"י עולמות.

„אמר ריב"ל עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות, שנאמר: להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא (משנה סוף עוקצין) — המשנה תדבר פה אודות אי־אפשרות ה„יש" בעולם ההוה כי נשמע תמיד תלונות בנ"א על החוסר אשר להם ואם גם יצברו כסף וישכנו בהיכלי שן וארמונות מובטחים גם אָז עיניהם לא תשבענה מלבקש עוד, ואין איש אשר יאמר: תודות לאל כי חנני בהון ועושר ויש לי די. וע"ב אמרה המשנה כי לעתיד יתקן ד' את המעוות הזה וימלא את חסרון ה"יש". כי עתיד הקב"ה לתת לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות, ומפרש דבריו של עצמו, כי אין כוונתו בזה כי באמת יתן ד' לאיש אחד עולמות רבים כאלו, כי האיש אשר רצ"ט עולמות לא יספיקו לו לא יועילוהו גם ש"י עולמות, אך כוונתו הוא על ענין ה„יש", אשר יהי' במציאות בעולם העתיד, וזהו: להנחיל אוהבי י ש ואוצרותיהם אשר היו ריקים (לדעתם) עד כה, אמלא אותם. (דברי חכמים).

תענוגי העוה"ז.

שתי נערות באו לעיר ובדעתם להיות משרתות בבית הנגידים, ותלך האחת ברחוב אחד והשניה ברחוב אחר, ותבוא האחת אל בית בעה"ב אחד שהי' אומנתו לנגן בכנור והוא מבני הכל"ז אשר בעיר, בעלת הבית הושיבה אותה על הכסא לימינה והתחילה לדבר אתה אודות מקח השכירות, ובתוך כך בעה"ב עם בני חבורתו התחילו לנגן על כלי השיר, אָז אָמרה בעלת הבית: הלא בכל יום תשמע כמו אלה, ועבור זה צריכה אַת לפחות מן המקח. הנערה התבוננה והתחילה לחשוב: הנה היא זוכרת כשהולכת לחתונה משלמת א' זהוב עבור שמנגנים איזה רגעים, א"כ עתה אם תשמע יום יום נגונים ערבים חדשים לבקרים, כמה הוא שוה! לכן התרצתה להשאר בבית הזה עבור חצי המקח. — אבל כאשר באה אל רעותה ותספר לה את אשר עשתה, ותשחק עליה ועל דבריה, ותאמר לה: הוי סכלה, מה עשית? אַף פרוטה אחת לא היה לך להפחית מן המקח, הן היום היות חפשית ממלאכה ומלובשת בגדי יו"ט, ותשבי על הכסא לימין בעלת הבית, ולכן היה נעים לך לשמוע את הנגונים, אבל בעת אשר תהיי עיפה ויגעה מעמל העבודה, ובשרך תסמר מקרת עת תכבסי את הבגדים על הנהר, האם יערב לחכך לשמוע קול שיר? — על הדרך הזה היצה"ר מטעה את האדם, הנער בראשית ימי חלדו, בעוד הוא פנוי מכל עסקים, יבוא היצר ויסיתהו כי כל טוב עוה"ז יתן בידו וכי יתענג על כל מחמדי תבל אם רק ישמע לקולו לילך בדרכיו, אבל האדם ישכח כי אימתי יתכן להיות זאת, רק אחרי עבודה רבה אשר יעבוד האדם ואחרי אשר ישבע דאגה על כל צעד וצעד, ואז לא ירגיש שוב בתענוגי העוה"ז, כי הוא עיף ויגע מרוב עבודה. (תולדות נח ח"ב).

אוצר הדרוש והחטפה.

פון דער בימה.

נח בתבה — ישראל בגולה.

(דרוש לפרשה נח).

הרב שלום ראבינאָוויץ.

I

די מבול געשיכטע איז ביז ניט לאַנג צוריק געוועזן איינע פון די טהעמאַס, מיט וועלכע פריידענקער האבען זיך בענוצט צו מאכען חוזק פון תנ"ך, — זיי האבען דיזע געשיכטע געשטעלט אויף איין ברעטעל מיט די מעשות פון טויזענד און איין נאכט, — זיי האבען בעהויפטעט, אז א וועלט־פערפלייצונג איז גאָר א זאך דער אונמעגליכקייט. — ערשטענס, האבען זיי געזאגט, איז ניטאַ אזוי פיעל וואסער ניט אין ים און ניט אין דער לופט (פון וואנען רעגען קומט) צו בעדעקען דעם גאַנצען ערד־קוגעל אויף אזוי הויך, אז די שפּיצען פון די העכסטע בערג (אונגעפעהר 29,000 פוס) זאלען זיך ניט ארויסזעהן און צווייטענס, איז עס אונמעגליך אריינצונעהמען צוויי פון יעדען מין (און פון פיעלע מינים, צו זיעבען פּאָר) אין א געביידע פון דער מאָס וואס ווערט אנגעגעבען אין דער תורה.

אין דער לעצטער צייט אבער זיינען די הויפט פאקטען פון דער מבול־געשיכטע בעשטעטיגט געוואָרען אלס היסטאָרישע פּאַסירונג דורך די נייעסטע ענטדעקונגען פון וויסענשאַפט. — מען האט געפונען אויף די העכסטע בערג אונבעשטרייטבאַרע צייכענס, אז זיי זיינען אמאָל געוועזן אונטער'ן וואסער, — עס איז אויך יעצט אנגענומען אלס אמת פון אלע נאַטורפאָרשער, אז אין די פריהסטע יונגענד פון דער וועלט זיינען די מינים פון די בעשעפעניסע געוועזן פיעל וועניגער ווי זיי זיינען יעצט און עס איז דעריבער לייכט מעגליך, אז זיי האבען געקענט געפינען פּלאַץ אין אזא געביידע ווי די תבה. — דער פאקט, אז די מבול געשיכטע געפינט זיך אין די פאלקס־זאגען פון אלע פּרימיטיווע פעלקער אין אלע פערוואָרפענע ווינקלען פון דער וועלט (און דאָ האבען זיי ניט געהאט קיין מיטלען זיך צוזאמענצורעדען) האט אויך א גרויסע בעדייטונג. — זעלבסט־פערשטענדליך, אז דאס איז נאך אלץ ניט גענוג צו צופריעדענשטעלען די „מאָדערנע קריטיקער“ — דיזע וועלען ניט נאכגעבען ביז מען וועט זיי ניט ציינען נח'ס סיטיזען־פּייפּערס אָדער זיין געז־ביל, אָדער א פעדער פון זיין ווייבס העט, — אבער דער דורכשניטליכער מענש מיט א געזונדען פערשטאנד צווייפעלט ניט מעהר, אז אזא סאָרט קאַטאַסטראָפע האט

אמאל פאסירט אויף דער וועלט — און עס קען נאך זיין, אז די קלענערע איינ־צעלהטייען פון דער געשיכטע, ווי עס ווערט אנגעגעבן אין דער תורה, זאלען נאך בעשטעטיגט ווערען דורך ווייטערע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען אין דער צוקונפט.

אבער דאס וואס דער מבול ווערט ביסלעכווייז אנערקענט אלס א היסטארישער פאקט דארף אונז ניט אבהאלטען פון אויסנוצען די זעלבע געשיכטע אין א פארמע פון א משל אדער אלעגאריע, — צ. ב. ש. איהר געהט אין וועג אין א הייסען זומער־טאג מיעד און פערברענט פון די פייערדיגע שטראהלען פון דער זון און פלוצלינג דערזעהט איהר ביים זייט וועג א גרויסען בוים מיט ברייטע געדיכטע צווייגען, איהר ווייסט אז די וואס האבען געפלאנצט דיזען בוים האבען אייך געוויס אין זינען ניט געהאט — זיי האבען איהם געפלאנצט צוליעב זייערע אייגענע אינ־טערעסען, — אבער דאס האלט אייך ניט אב פון געברויכען דיזען בוים אלס זונען־שירעם אייך אבצוקיהלען א ביסעל פון די היץ פון טאג. — דאס גלייכען מעג א דרשן נעהמען א פרשה פון דער תורה וואס האט א גאנץ קלאהרע בעדייטונג אלס היסטארישער פאקט און דאס געברויכען אלס משל פאר א רעליגיעזען אדער מאראלישען געדאנק.

II

די ערשטע סצענע וואס די תורה וויקעלט אויף פאר אונזערע אויגען איז א צולאזענע וועלט, פול מיט פערדארבענהייט, רויב און מארד, און אין מיטען פון דיזער פערדארבענער וועלט שיינט ארויס איין פיגור, נח, וועלכער איז א „צדיק תמים“ און וועלכער איז דער איינציגער צווישען אלע זיינע שכנים וואס האט געפונען „חן אין די אויגען פון גאט“, — דיזע סצענע איז אונז ניט פרעמד; עפעס קומט זי אונז פאר קענטליך — וואו האבען מיר איהר געזעהן? **אין דער פאר־צייטיגער היסטאריע פון אונזער פאלק**, — אין מיטען פון א פערדארבענער וועלט פול מיט רויב און מארד און אויסגעלאסענהייט איז געווען דאס אידישע פאלק די איינציגע וואס האט געפיהרט א מאראלישען לעבען און וועלכע האט פונקט ווי נח געפונען חן אין די אויגען פון גאט (כמו שמעיד הכתוב: „מצא חן במדבר עם שרידי חרב“), — פון איין זייט איז געזעסען גריכענלאנד, וועלכע איז געווען איינגעטונקט פון קאפ ביז די פיס אין די צרעת פון אויסגעלאסענהייט — פון טעמפעל פון די געטער ביז דעם געצעלט פון פאסטוך איז די איינציגע טהעמא געווען אויסגעלאסענהייט און ווילדע תאוות — און די פערדארבענהייט איז גע־פראקטיצירט געווארען עפענטליך פאר דער שיין פון דער זון — אזוי ווי עס קלייבען זיך אויף אין דיזער לאנד צעהנדליגע טויזענדער צו זעהן א גיים פון בייס־באלל, אזוי זיינען דאן צוזאמענגעלאפען הונדערטער טויזענדער בייצואוואהנען די אויסגעלאסענע ספארטס פון די גריכישע יונגע לייט, אין וועלכע די שפיעלער האבען אנטהייל גענומען אין אדם וחוה׳ס קליידער, — פון דער אנדערער זייט איז געזעסען רוים, וואס איהר ספעציאליטעט איז געווען „שפיכות דמים“ — די ארבייט פון רוימישען פאלק איז געווען אנצופאלען אויף שוואכע פעלקער, אויס־

שלאכטען אדער פערשקלאפען די איינוואהנער און צונעהמען פאר זיך זייער האב און גוטס — ווי נאר זי האט געענדיגט מיט איין פאלק, האט זי זיך גענומען צו א צווייטע, — די איבעריגע פעלקער פון יענער צייט, אזוי ווי צור און צידון, האבען זיך אבגעגעבען הויפטזעכליך מיט רויבעריי ענטוועדער אויף דער יבשה אדער אויפ'ן ים — דאס זיינען געווען זייערע נאציאנאלע פרנסות.

און אין מיטען פון דיזער פערדארבענער וועלט איז דאס אידישע פאלק געווען די איינציגע וואס האט ניט געהאט אויף זיך קיינע פון דיזע פלעקען — (עס איז אמת, אז אין די נביאים געפינען מיר אז ביי אידען זיינען אויך געווען פערברעכער; ד נביאים רעכענען אוים אויף זיי ניט קיין קליינעם צעטעל פון חטאים; אבער ווען איהר פערגלייכט זיי צו די פעלקער צווישען וועלכע זיי האבען געוואהנט, זיינען זיי געווען צדיקים, און מען קען זאגען אויף זיי ווי גאט האט געזאגט אויף נח'ן, צדיק תמים היה „בדורותיו", אין פערגלייך מיט זיינע דורות איז ער געווים געווען א צדיק).

III

די הויפט סצענע אין נח'ס לעבען איז דער מבול, און ווי אזוי נח איז ארומ־געשוואומען אין זיין תבה — אין דיזער געשיכטע פון נח און זיין תבה זעה איך א וואונדערבארען משל אויף דאס אידישע פאלק אין גלות.

אזוי ווי די תבה איז ארומגעשוואומען פון איין ארט אויף א צווייטען, א שפיעל־געצייג צו די וועללען, אזוי האט ישראל ארומגעוואנדערט פון איין לאנד אין דער אנדערער און האט אין ערגעץ ניט געפונען קיין מנוחה.

אזוי ווי די איינוואהנער פון דער תבה זיינען געווען צוזאמענגעפרעסט אין איין איינגען קאסטען, וואו מען האט קוים דעם אטהעם געקענט ציהען, — אזוי האט ישראל אין גלות אימער געוואהנט אין א בעזונדערען איינגען קווארטעל, — אין נח'ס צייטען האט מען דאס גערופען „תבה", אין די צייטען פון מיטעל־אטלער האט מען דאס גערופען „גהעטא", אין רוסלאנד אין די צייטען פון די ראמאנאווס האט מען דאס גערופען „טשערטא אסעדלאסטי" — אן אלטע מכה, נאר מיט אימער נייע נעמען.

איהר וועט בעמערקען, אז די פארמע פון די „תבה" איז אן אונגעוועהנליכע — נידעריג און שמאל, נאר גאנץ לאנג — דאס איז אויך אן אויסגעצייכענטער סימבאל אויפ'ן אידישען גלות. כמעט יעדע פאלק האט אין דעם פערלויף פון איהר געשיכטע פערזוכט דעם טעם פון צרות אדער גלות, אבער זייער גלות איז קיין מאל ניט געווען אזוי שרעקליך און דערצו האט ער דאס רוב געהאט א שנעלע ענדע, — דער אידישער גלות איז געווען שרעקליך איינג און דערצו זעהר לאנג.

(ובזה אני מבין את דברי הפייטן בסליחות: „בראותי כל עיר על תלה בנויה" — שקשה למה אמר "על תלה" הלא לא כל עיר בנויה על „תל" או „הר"? — אבל לפי מה שאמרתי הביאור מובן. „תל" הוא משל בכל הלשונות על חורבן והריסה, כמו „תל עולם שממה", וכן ביהודית אומרים „עס איז געווארען פון דער זאך א תל" — וכוונת הפייטן להשמיענו

שהגם שכל עיר נחרבה ונעשית לתל עולם באיזה זמן מן הזמנים — כן רומה וכן אַטהענס — אבל כל עיר נבנתה והוקמה מחדש ע ל ת ל ה, ר״ל על חורבנה, לא כן עיר האלהים שהיא מושפלת עד היום, וד״ל).

די גרויסע ליידען וואָס נח האָט געליטען איז געווען צוליעב דעם וואָס ער האָט געמוזט וואַהנען צוזאַמען מיט ווילדע חיות, אזוי ווי דער תלמוד גיט די איינצעלהייטען פון די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון זיי — ער האָט דעם לייב אזוי גיך עסען ניט געגעבען, איז ער ארויפגעפאַלען אויף איהם, ער האָט דעם שלאַנג ניט אזוי גוט נוהג כבוד געווען, האָט ער איהם איינגעביסען. אַנדערע חיות האָבען איהם זאָגאַר חושד געווען אז ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף זייערע ווייבער. —

דאָס איז אויך אַ סימבאָל אויף די שרעקליכע לאַגע פון ישראל צווישען די פעלקער, — מיר האָבען אויך געהאַט ווילדע חיות פיר שכנים און גאַנץ אָפט זיינען זיי ארויפגעפאַלען אויף׳ן אָרימען אידען און געביסען און געריסען וויפיעל זייער האַרץ גלוסט — און אזוי געהט עס נאָך ביז היינטיגען טאָג נור מיט אַ „שינוי השם״ — אַמאָל האָט מען דאָס גערופען „גזרות״ אָדער „שמדות״, היינט רופט מען דאָס „פּאָגראָמען״ אָדער „רייאָטס״.

IV

דער אידישער גליק איז געווען וואָס דער גלות האָט ניט אָנגעהאַלטען מיט די זעלבע שטאַרקייט נאָכאַנאַנד, נור גאַנץ אָפט האָט דער גיהנום זיך אָבגעקיהלט אויף אַ ווייל און זיי געגעבען צייט אָבצואָטהעמען — די חכמי התלמוד זאָגען, אז יעקב האָט שוין דערויף תפלה געטהאָן — אויף דעם פסוק „ורוח תשימו בין עדר לעדר״ זאָגען די חז״ל: „אמר יעקב לפני הקב״ה כשיהיו צרות באות על בני לא תביא אותם זו אחר זו״ (יעקב האָט געבעטען גאָט אַז ווען די צרות וועלען יאָ קומען אויף אידען זאָלען זיי ניט קומען איינע נאָך די אַנדערע) און גאָט האָט ערפילט זיין געבעט — אין מיטען פון ים צרות אין וועלכען ישראל איז ארומגעשוואומען האָבען זיך אָפט געפונען גרינע אינזלען וואו דער איד האָט אויף אַ ווייל געקענט אָבציהען דעם אָטהעם — אזוי איז געווען שפּאַניען און פּוילען אויף אַ ווייל. —

דיעזער פאַקט געפינט זיך אויך אין די ערצעהלונג פון נח מיט זיין תבה — גאָט האָט געזאָגט צו נח׳ן „קנים״ תעשה את התבה״ — ער האָט ניט געזאָגט „וחדרים״ אָדער „אוהלים״, נור „קנים״, **נעסטען** (מלשון „קן צפור״) — דאָס מיינט נאָך אונזער בעהאַנדלונג פון נח מיט זיין תבה אַלס משל אויף „ישראל בגולה״, אז אין די לאַנגע וואַנדערונג פון די אידישע פאָלק אין גלות האָט זי צו געוויסע צייטען געפונען „נעסטען״ וואו זי האָט זיך געקענט אויף אַ ווייל אָברוהען (גם צפור מצאה בית ודרור קן לה).

און אין פיעלע הינזיכטען איז דער אידישער לעבען אין גלות געווען גלייך צו אַ פויגעלשען נעסט — אזוי ווי דער פויגעל־נעסט הענגט אויף אַ דינינקען צווייגעלע און אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט איהם אוועק, אזוי איז דער אידישער

לעבען שטענדיג געהאנגען אויף א האר — און דער אידישער לעבען איז אויך געווען אזוי הפקר ווי דער פויגעל־נעסט — האט איהר ווען געזעהן א לאנד וואו עס איז דא א קלאגער און א ריכטער אדער א דין און א משפט וועגען פערניכטען א פויגעלשען נעסט? אזוי איז אויך געווען דער אידישער בעשטאנד צווישען די פעלקער — זייער לעבען און זייער אייגענטהום איז געווען הפקר.

און די אורזאכע צוליעב וואס פעלקער האבען אפט רואינירט דעם אידישען לעבען איז אויך געווען די זעלבע צוליעב וועלכע א צולאזענער איינגעל צוברעכט א פויגעלשען נעסט — עס איז א מאדנער פאקט אז די פויגעל'ס נעסט ווערט דאס רוב צובראכען **אוים ליעבע** — צוליעב וואס קלעטערט דער צולאזענער איינגעל אויף א בוים אדער אויף א גלייכען וואנד אויסצוראבירען א נעסט? מיינט ער עפעס צו מאכען א תכלית פון די פויגעלעך? קענען זיי איהם עפעס נוצען? ניין! ער טהוט עס **אוים ליעבע צו די פויגעלעך** — ער ליעבט צו האלטען א פויגעלע אין האנד און איהר צו גלעטען — הגם אפט גלעט ער איהר אזוי לאנג ביז זי בלייבט א דערשטיקטע אין זיין האנד... אזוי איז אויך דער איד אפטמאל רואינירט געווארען אוים ליעבע — **אוים ליעבע צו זיין נשמה** — די פעלקער האבען איהם אזוי ליעב, אז זיי ווילען איהם ניט אנדערש ארייננעהמען אין זייער גן עדן און אט דיעזע „גרויסע ליעבע" האט געבראכט טויט און פערניכטונג צו הונדערטע טויזענדע אידישע פאמיליען — ווען מען האט געפיהרט די אידישע מארטירערין פראצעסקא מאדערא צו פערברענען אויפ'ן אויטא דע פע איז די שפאנישע קעניגין געשטאנען דערביי און פערגאסען הייסע טרערען — פאר'ן טויט האט איהר די קעניגין אומגעארמט און האט צו איהר געזאגט: „מיין קינד, ניט אוים שנאה לאז איך דיר פערברענען, נור **אוים ליעבע**, אז דו וועסט קומען אויף די אמת'ע וועלט וועסטו דאס אויסגעפינען" — ווען דיעזע ליעבע איז געווארען צו הייס... האבען די שפאנישע אידען געמוזט אין גאנצען פערלאזען די לאנד — און אויף זיי האבען געפאסט די ווערטער פון נביא: „כצפור נודדת מקנה כן איש נודד ממקומו" — אזוי ווי א פויגעלע ווערט פערוואגעלט פון איהר נעסט (צוליעב די צו גרויסע ליעבע פון די גאסען־אינגלעך) אזוי איז נעבאך דער מענש פערוואגעלט געווארען פון זיין ארט (אויך אוים ליעבע).

און אין נאך א הינזיכט איז דער אידישער לעבען צווישען די פעלקער געווען גלייך צו א קן־צפור — אין דער תורה געפינט זיך א מצוה „שלוח־הקן", דאס הייסט, אז איינער טרעפט אן א נעסט מיט פויגלעך זאל ער פריהער אוועקשיקען די מוטער דאן מעג ער צונעהמען די קינדער — די גוים וואס זאגען אז זיי גלויבען אויך אין אונזער ביבעל, הגם זיי היטען ניט וואס שטעהט אין איהם, האבען אויפ־געכאפט דיעזע מצוה פון „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך" און האבען איהם גאנץ אפט מקיים געווען אויף זייער אייגענעם אופן, — אין שפאניען און אין פארטוגאל האבען זיי ארויסגעטריעבען די אידישע טאטעס און מאמעס, אבער זייערע קינדער האבען זיי צוגענומען צו זיך און אבגע'שמד'ט.

V

דער עקאנאמישער לעבען פון די אידישע פאלק אין גלות ווערט אויך גאנץ גוט געשילדערט אין די געשיכטע פון נח מיט זיין תבה — „וירבו המים וישאו את התבה ותרם מעל הארץ" — אין תנ"ך ווערען „צרות" אפט בעטיטעלט מיט'ן ווארט „מים" (וכן אפפוני מים — אפפוני משברי מות) — ווען די אידישע צרות האבען זיך געשטארקט האבען זיי אבגעריסען דעם אידען פון דער ערד — דאס הייסט פון ערד ארבייט — גאנץ אפט הערט איהר ווי די גוים ווארפען אידען פאר אז זיי נעהמען זיך צו לייכטע פרנסות און ווילען ניט זיין קיין ערד־ארבייטער — אבער זיי האבען פערגעסען אז זיי האבען דעם אידען אליין געבראכט דערצו.

אלזא, אז ניט ער־ארבייט פון וואנען זאל דער איד מאכען א לעבען? זאגט גאט: „ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל" — דו וועסט זיך מוזען כאפען צו אירגענד וועלכע פרנסה פון וואס דו קענסט עסען א שטיקעל ברויט — זאל דאס זיין שמאטעס,ביינער, אלטע קליידער, אלטע מעטאלען, גלאז, א. ז. וו.

אבער דאס האט מען דעם אידען אויך ניט פערגונען — זיי האבען זיך ארומ־געזעהן אז צו וואס דער איד נעהמט זיך זאמעלט ער אן געלט, און זיי האבען אנגעפאנגען צו שרייען דעם אלטען געשריי „לקח יעקב את כל אשר לאבינו" — ער איז געקומען פון דער היים אהן א פעני און דא האט ער אנגעזאמעלט א פער־מעגען — וועמעס איז דאס אויב ניט אונזערע?

דער בעסטער תירוץ אויף דיעזע אנטיסעמיטישע טענה געפינט זיך אין די ביבלישע געשיכטע פון נח'ן מיט זיין תבה — וואס איז דער בעסטער תירוץ אויף דיעזען אלטען געשריי פון די פעלקער? ווען א גוי דערמאנט אייך אז א איד ווערט צו גיך רייך זאלט איהר עס ניט אבלייקענען — עס איז אמת! אבער דאס איז אויך אמת, אז פאר יעדען טאלער וואס דער איד מאכט פיר זיך, ברייננט ער איין א סך טאלערס צו דער לאנד אין וועלכע ער וואהנט — עס איז א בע־וואוסטער פאקט, אז די טריידס פון וועלכע אידען האבען געמאכט געלט, אזוי ווי צ. ב. ש. די קלאדהינג און דזשאנק טריידס אין אמעריקא, האבען די אידען אליין בעשאפען און ענטוויקעלט — פאר יעדען טאלער וואס דער איד האט געמאכט אז דיעזע געשעפטען אין אמעריקא האט ער א טובה געטהאן די לאנד אין טויזענדע טאלערס, און הונדערטע טויזענדע קריסטען עסען ברויט צוזאמען מיט איהם פון דיעזע פרנסות.

אט דיעזע אמת'ע פערטהיידיגונג פון דעם אידען אויף דעם עקאנאמישען געביעט ווערט שארף און קלאהר ארויסגעזאגט אין דעם פסוק וואס מיר האבען יעצט דערמאנט: „ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל" — דו וועסט מוזען אויס־געפינען אלערליי פרנסות פון וועלכע צו עסען א שטיקעל ברויט — „ואספתו אליך", אויסזעהען וועט עס אז דו זאמעלסט אן א פערמעגען דערפון נור פיר זיך אליין, אבער אין אמת'ן, „והיה לכם ולהם לאכלה", דאס הייסט, זיי (די גוים) וועלען עסען דערפון ברויט גלייך מיט דיר.

און א וואונדערליכע זאך האט פאסירט — גראדע די פעלקער וואס זיינען גע־ווען איינגעווארצעלט אין זייערע אייגענע לענדער; גראדע די יעניגע וואס האבען געהאט א בעשטאנד אויף ערד־ארבייט, זיינען אונטערגעגאנגען, און די פאלק ישראל, וואס שווימט אזוי ווי אויפ'ן וואסער איז געבליבען ביז היינטיגען טאג — דיעזען אורטהייל האט שוין גאט אויך לאנג ארויסגעגעבען אין די פרשה פון נח מיט זיין תבה — „כל אשר בארץ יגוע", אלעס וואס איז איינגעווארצעלט אין דער ערד וועט אונטערגעהן, „וימח את כל היקום", גראדע די יעניגע וואס האבען געהאט א בעשטאנד — אויף ערד־ארבייט — זיינען אבגעמעקט געווארען פון דער וועלט, „וישאר אך נח וכל אשר אתו בתבה", נור דער איד מיט זיין פאמיליע וואס זיינען געווען אבגעריסען פון דער ערד און זיינען ארומגעשוואומען אין גלות אזוי ווי נח אין זיין תבה, זיי זיינען געבליעבען!

די אורזאכע פון דיעזע וואונדערבארע ערשיינונג ווערט ארויסגעזאגט גאנץ קלאהר אין דעם פסוק „ויגוע כל בשר הרומש על הארץ" — עס איז איין איי־זערנער כלל אין דער נאטור, אז אלעס וואס איז געמאכט פון בשר, דאס הייסט, פון מאטעריאל, מוז פערניכטעט ווערען — און יעדע פאלק וואס לעבט נור פאר מאטעריעלע צוועקען מוז דעריבער אויך אונטערגעהן — אזעלכע פעלקער קען מען רופען בשר הרומש על הארץ" (אין פאעטישע שפראך רופט מען א מענשען וואס האט ניט קיין אידעאל „א בעשעפעניש וואס קריכט אויף דער ערד" און פערקעהרט, דער מענש וואס לעבט און שטרעבט פיר איין אידעאל, הייסט „א מענש וואס האט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, צום הימעל") — דאס איז דער פאעטי־שער זינן פון פסוק: „ויגוע כל בשר הרומש על הארץ", די יעניגע פעלקער וואס זיינען געווען אין דעם קלאס פון „בשר רומש על הארץ" זיינען אונטער־געגאנגען — „וישאר אך נח", די אידישע פאלק אליין איז געבליבען, ווייל דער איד האט אלע מאל געלעבט און געשטרעבט פאר העכערע זאכען ווי קערפערליכע פערגניגען.

VI

ווי קומט עס אז דאס אידישע פאלק האט געקענט לעבען אן אידעאלען לעבען זייענדיג ארומגערינגעלט מיט אזוי פיעל מגושמ'דיגע נאציאנען?

דערויף געפינען מיר צוויי תירוצים אין דער פרשה פון נח מיט זיין תבה — דער ערשטער תירוץ געפינט מען אין גאט'ס פערזאג: „צוהר תעשה לתבה" — די תבה, ד. ה. דער גלות האט געהאט א פענסטער דורך וועלכע עס האט אריינגע־שטראהלט א שטראם ליכט און האט בעלויכטען דעם אידישען לעבען מיט הייליג־קייט, דאס איז די תורה — אין די צייטען ווען פון פאבליק סקוהלס האט מען ניט געוואוסט; ווען צווישען אנדערע פעלקער האבען נור די גליקליכע רייכע זיך געקענט פערגינען צו נעהמען א פריוואט לעהרער פיר זייערע קינדער, זיינען ביי אידען אין יעדער שטעדטעל און אין יעדען דארף געווען חדרים און פרייע תלמוד תורה'ס — און די תורה, וועלכע איז צוליעב דעם געווען פערשפרייט צווישען אלע

קלאַסעו פון פאָלק האָט זיי ניט געלאָזט אַריינגעהן אין דעם כלל פון „כל בשר הרומש על הארץ".

צווייטענס, האָט דערצו געהאָלפען די אידישע אָבגעשלאָסענהייט, דאָס הייסט, וואָס אידען זיינען געווען איין „עם לבדד" און האָבען זיך ניט צומישט מיט די פעלקער דורך הייראַט — דיזער פאַקט ווערט אויך גאַנץ קלאָהר אַרויס־געזאָגט אין אונזער פרשה, אין דעם פסוק „ויסגור ד' בעדו" — גאָט האָט דעם אידען איינגעשלאָסען.

גאָט האָט דעם אידען אָבגעשלאָסען פון די פעלקער מיט צוויי שלעסער — איהר וועט דיזע ווערטער בעסער פערשטעהן דורך פאָלגענדען משל: איין אורח איז אַ מאָל געקומען אין אַ אידישע אכסניה — שבת פאַר נאַכט זעהט דער בעל־הבית ווי דער אורח הייגנט אויף אַ גרויסען הייגנ־שלאָס אויף זיין טראַנק — זאָגט דער בעל הבית: „אַז דו הייננסט אויף אַ שלאָס מוז איך אויך אויפהייגען אַ שלאָס" — דער אורח האָט איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט, „סטייטש, וואָס האָסטו אויפצוהייגנען אַ שלאָס אויף מיין טראַנק?" — זאָגט דער בעל הבית: „דו הייננסט דאָך דעם שלאָס כדי איך זאָל ניט אַרויסנעהמען דיינע זאַכען, מיט וואָס בין איך זיכער אַז דו וועסט ניט נעהמען מיינע זאַכען און לעגען אין דיין טראַנק? דעריי־בער מוז איך אויך אַנהענגען אַ שלאָס". — אַזוי אויך ווען גאָט האָט געוואָלט אַז עס זאָל ניט זיין קיין מעגליכקייט אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך פערמישען מיט די אַנדערע פעלקער, האָט ער זיי אָבגעשלאָסען מיט צוויי שלעסער — דער ערשטער שלאָס איז דאָס וואָס ער האָט פערזאָגט זיין פאָלק ישראל „לא תתחתן בהם, את בתך לא תתן לבנו ואת בתו לא תקח לבנך" — אָבער דאָס אליין איז ניט גענוג, ווען די גוים וואָלטען שטאַרק געוואָלט ווערען מחותנים מיט אונז, וואָלטען זיי אונז לייכט איבערגערעדט — יענקעל האָט זעהר ליעב אַ חניפה'לע פון אַ גוי, און ווער רעדט נאָך ווערען אַנ'אמת'ער מחותן מיט איהם איז געווים אַ כבוד צו וועלכען אַ איד וואָלט שטאַרק חשק געהאַט — וואָס האָט גאָט געטהאָן, האָט ער אויפגעהאַנגען נאָך אַ שלאָס, דאָס איז די פעראַכטונג פון די פעלקער צו אונז — טאָמער וועט שוין יעקב יאַ צופריעדען זיין מיט'ן שידוך, וועט עשו ניט וועלען... (וזהו כוונת המדרש על „ויוגד לאברהם העברי", למה נקרא שמו עברי? מפני שכל העולם מעבר אחד והוא מעבר אחר).

VII

איהר זעהט אַלזאָ אַז די גאַנצע אידישע היסטאָריע אין גלות איז איינגעוויי־קעלט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן אין די געשיכטע פון נח מיט זיין תבה — איין זאַך פעהלט נאָך: די אידישע האָפנונג אויף דער גאולה, און דאָס ווערט אויך אַרויסגעזאָגט ביי דער ענדע פון דער מבול־געשיכטע: „ויזכור אלהים את נח" — גאָט האָט זיך ענדליך דערמאָנט אַן נח'ן און איהם בעפרייט פון זיין תבה (ובעבור הרמז על גאולת ישראל הלוט בכתוב הנ"ל קבעו אותו חז"ל בתפילת ראש השנה בזכרונות: „וגם את נח באהבה זכרת וכו'").

ווי וועט די זאך צושטאנדע קומען? איך דיינק אז מיר געפינען די שליסעל צו דיעזע געשיכטע אין דעם זעלבען פסוק פון די מבול־געשיכטע: „**ויעבר אלהים רוח על הארץ וישכו המים**" — אייגענטליך זיינען די ווערטער אביסעל אונפערשטענדליך; אז מען וויל איינשטילען א ים ברייננט מען א שטורעם־ווינד? מיר זעהען דאך פערקעהרט, אז א ווינד מאכט נאך דעם ים מעהר קאכען און זידען — אבער אין די טיעפערע בעדייטונג וואס מיר האבען געגעבען די מבול־געשיכטע, און אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע פאסירונגען וואס קומען יעצט פאר אויף דער וועלט, שיינט אויף א שטראהל פון ליכט אויף דיעזע ביז יעצט אונפערשטענדליכע ווערטער — מיר זעהען פאר אונזערע אויגען ווי אזוי א גרויסער שטורם האט פלוצלונג אויסגעבראכען אויף דער גאנצער וועלט — איך מיין די גרויסע מלחמה — און ווי אזוי דיעזער שטורם האט אויף איין אונערווארטעטען אופן געפיהרט דערצו אז די שטארקע פעלקער פון דער וועלט זאלען זיך ערקלעהרען צו גונסטען פון די צוריקקעהרונג פון דאס אידישע פאלק צו איהר לאנד — איז דאס נים די פראפעטישע בעדייטונג פון די הייליגע ווערטער **ויעבר אלהים רוח על הארץ וישכו המים** — גאט האט געבראכט א שרעקליכען שטורעם וואס האט אויפגעטרייסעלט די וועלט, אבער דיעזער שטורעם וועט האפענטליך מאכען אן ענדע צו אידישע צרות, און גאט וועט באלד זאגען צו די אידישע פאלק ווי ער האט א מאל געזאגט צו נח'ן „**צא מן התבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך**". — **אמן.**

חומר לדרוש.

נח בתבה — ישראל בגולה.

אגדות חז"ל.

קשה היא גלות, שהיא שקולה
כנגד כל הקללות שבתורה.
(ספרי, עקב).

„ואתכם אזרה בגוים" — זו מדה קשה לישראל: שבזמן שבני המדינה גולים ויושבים במקום אחד, רואים זה את זה ומתנחמים, וכאן הוא אומר: „ואתכם אזרה בגוים" — שאפזר אתכם בין אומות העולם ואין אחד מכם קרוב אצל חברו, כאדם שזורה את השעורים במזרת ואין אחת מהן נוגעת בחברתה. (ילק"ש בחוקותי).

„גלתה יהודה" — וכי אומות העולם אינם גולים? אלא אעפ"י שגולים אין גלותם גלות, אבל ישראל שאין אוכלים מפתם ואין שותים מיינם גלותם גלות. (איכ"ר).

„ורוח תשימו בין עדר ובין עדר" — אמר יעקב לפני הקב"ה: רבש"ע, אם יהיו צרות באות על בני לא תביא אותן זו אחר זו (ב"ר פ' ע"ה) — „צדקת פרזונו בישראל", צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות (פס' פ"ז) — „אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפלטה" אלו אחינו שבגולה' (מדרש).

„על משכבי בלילות", אמרה כנ"י לפני הקב"ה: רבש"ע, לשעבר היית מאיר לי בין לילות ללילות — בין לילם של מצרים ללילם של של בבל, בין לילם של בבל ללילם של מדי, בין לילם של מדי ללילם של יון, ובין לילם של יון ללילם של אדום: ועכשו נסמכו לי לילות ללילות. (שהש"ר).

אמר ר' יוסי: כל ימי הייתי מצטער על מקרא זה: "והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפלה" — אמרתי: וכי מה איכפת לו לעור בין אפלה לאורה? עד שבא מעשה לידי. פעם אחת הייתי מהלך באישון לילה ואפלה, וראיתי סומא שהיה מהלך בדרך ואבוקה בידו. אמרתי לו: בני, אבוקה זו למה לך? אמר לי: כ"ז שאבוקה בידי בני אדם רואים אותי ומצילים אותי מן הפחתים ומן הקוצים ומן הברקנים (מגילה כ"ד:) — ולפ"ז ביאור הכתוב „והיית ממשש בצהרים וכו'" הוא שישראל בגולה יהיו במצב העור שאין בידו אבוקה, ר"ל, שבני אדם לא ישגיחו בו ולא ירחמו עליו.

אמר רב יהודה אמר שמואל: עיר אחת יש להם ברומי: אחת לשבעים שנה מביאים אדם שלם ומרכיבין אותו על אדם חגר, (רמז שעשו השלם בגופו הוא אדון ומושל על יעקב הצולע על ירכו) ומלבישין אותו בגדי אדה"ר ומניחין לו בראשו קרקפלו של ר' ישמעאל, ותולין לו בצוארו משקל ארבעה זוזים של פז, ומחפין את השוקים בנופך,

ומכריזין לפניו: „סך קורי פלסתר", — אחיו של אדוננו זייפן — מי שראה (את החג הזה) ראה, מי שלא ראה לא יראה (כי הוא אך אחת לשבעים שנה), מה הנאה לרמאי ברמאותו ולזייפן בזייפנותו — ומסיימין בו כך: אוי לו לזה כשיקום זה (ע"ז י"א:).

אמר אנדריגוס קיסר לר' יהושע: גדולה הכבשה העומדת בין שבעים זאבים. א"ל: גדול הוא הרועה שמצילה ושומרה ושוברם לפניה — הה"ד: כל כלי יוצר עליך לא יצלח (תנחומא).

„רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה, על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם" — מי שיש לו חמה יכלנה באוהבו? — למה הדבר דומה לאדם שנושה בשני בני אדם, אחד אוהבו ואחד שונאו. אוהבו נפרע ממנו מעט מעט, שונאו נפרע ממנו בבת אחת (ע"ז ח.)

"ד' אל באפך תוכיחני" — א"ר חנינא: משל למלך שכעס על בנו, והיותה לפניו אבן גדולה, ונשבע המלך שהוא זורקה על בנו, כשנתפייס חזר ואמר: אם אני זורקה שוב אין לו חיים, ולבטל גזרתי אי אפשר. מה עשה המלך? צוה וכתתו את האבן לצרורות קטנות, והתחילו זורקן עליו אחת אחת, נמצא בנו נצל ושבועתו מתקיימת (מדרש שו"ט).

„היתה כאלמנה" — א"ר יהודה: „כאלמנה" ולא אלמנה ממש, אלא כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור אליה (תענית כ').

„ודמה לך לצבי" — מה הצבי הזה הולך לסוף העולם וחוזר למקומו, אף ישראל, אע"פ שנתפזרו בכל העולם עתידין לחזור (ילק"ש שה"ש).

„ידוע תדע כי גר יהיה זרעך" — „ידוע" שאני מפזרם, „תדע" שאני מכנסם; „ידוע" שאני ממשכנם, „תדע" שאני מפרקם; „ידוע" שאני משעבדם, "תדע" שאני גואלם (ב"ר).

אמר ר' יוחנן אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר חכה לו (למשיח), שנאמר: „כי יבוא כנהר צר", וסמוך לו: „ובא לציון גואל" (סנ' צ"ח.).

„זאת אשיב אל לבי ע"כ אוחיל" — ר' אבא בר כהנא משום ר' יוחנן אמר: משל למה הדבר דומה? למלך שנשא מטרונא וכתב לה כתובה מרובה, ואמר לה: כך וכך חופות אעשה לך וכו'. הניחה המלך והלך לו למדינת הים. נכנסו שכנותיה אצלה והיו מקניטות אותה ואומרות לה: המלך אינו חוזר אליך עוד, והיתה בוכה ומתאנחת. וכיון שנכנסה לתוך ביתה מוציאה כתובתה וקוראת בה: כך וכך חופות אני נותן לך וכו'. מיד היתה מתנחמת. לימים בא המלך, אמר לה: בתי, אני תמה, היאך המתנת לי כל אותן השנים? אמרה לו: אדוני המלך: אלמלא הכתובה המרובה שנתת לי כבר היו השכנות מאבדות אותי. — כך אומות העולם מקניטין את ישראל ואומרים: אלהיכם הסתיר פנים מכם, עוד אינו חוזר אליכם — והם בוכים ומתאנים, אבל כיון שנכנסים לבתי כנסיות ולבתי מדרשות וקוראים בתורה, ומוצאים שכתוב: „ופניתי אליכם והפריתי אתכם... ונתתי משכני בתוככם... והתהלכתי בתוככם"... הם מתנחמים. — למחר כשיבוא קץ הגאולה, אומר להם הקב"ה לישראל: בני, אני תמה מכם, היאך המתנתם לי כל אותן השנים? והם אומרים לפניו: רבש"ע, אילולי תרה שנתת לנו כבר אבדונו האומות. (איכ"ר).

אשריכם ישראל.

ת"ר מעשה בר"י בן זכאי שהיה רוכב על החמור והיה יוצא מירושלים, והיו תלמידיו מהלכים אחריו, ראה ריבה אחת שהיתה מלקטת שעורים מבין רגלי בהמתן של ערביים, כיון שראתה אותם נתעטפה בשערה ואמרה לו: רבי, פרנסני, א"ל: בתי, בת מי את? אמרה לו: בתו של נקדימון בן גוריון, וכו'. בכה ר' יוחנן ואמר: אשריכם ישראל! בזמן שעושין רצונו של מקום אין כל אומה ולשון שולטין בהם, ובזמן שאין עושין רצונו של מקום, הקב"ה מוסרם ביד אומה שפלה, ולא ביד אומה שפלה בלבד אלא גם ביד בהמתן של אומה שפלה. וקשה, איך יתכן לומר „אשריכם" על האופן השני? — אבל יבואר ע"פ מה שאמרו חז"ל במדר"ר: „ולא מצאה היונה מנוח", הא אם מצאה מנות לא הזרה, הה"ד „ובגוים ההם לא תרגיע" — כי בנ"י אימתלא ליונה, וכמו היונה חזרה אל התיבה אך באשר שלא מצאה מנוח, כן ישראל ע"י שלא ימצאו מנוח הם חוזרים להשי"ת. — וזהו שכיוון ר"י באמרו: אשריכם ישראל וכו' ובזמן שאין עושים רצונו של מקום הקב"ה מוסרם ביד אומה שפלה וכו' ומוכרחים לשוב בתשובה.

תן לי הנפש והרכוש קח לך.

„ויאמר מלך סדום אל אברם תן לי הנפש והרכוש קח לך" — את המאמר הזה אומרים כל שונאי ישראל בכל דור, אם אך תתן לנו את הנפש — ר"ל אמונתך ודתך — אז כל רכוש והצלחת העולם יהי' שלך, וכל הרדיפות יחדלו — אבל ישראל עונה בכל דור: „הרימותי ידי לאל עליון!" — אחת נתתי ידי לד' ולא אשוב ממנה. (דמעת העשוקים).

„אם מחוט ועד שרוך נעל" כידוע שבעת השמדות הדין למסור נפש אפילו על ערקתא דמסאנא (המחבר).

אלמלא נתנה רשות לעין לראות.

אלמלא נתנה רשות לעין לראות אין כל בריה יכולה לעמוד מפני המזיקין. אמר רבא האי דוחקא דהוי בכלה (בעת הדרשה בביהכ"נ) מיניהו (ברכות ו' ע"א). — המזיקים הם האנטישמיים שבכל דור, והם מחפשים תמיד עצות וחוקקים חוקים לא טובים להעיק על ישראל למען השמידם מגוי, ומה יעשה אדם בעת שיגדרו עליו כל הדרכים? הוא מחפש ומוצא איזה דרך נסתרה להשיג מחיתו באופן שלא יתפשוהו שומרי החוקים המעיקים האלה (כי זהו חוק החיים אם תגדור לאיש את הדרך הישרה יוכרח ללכת ארחות עקלקלות) וה„עין" הנזכרת במאמר הנ"ל הוא עין המזיקין, ר"ל אלמלא באמת ראו המזיקין האלה את כל הנעשה לא היה כל בריה יכולה לעמוד מפניהם. —

אבל רבא מראה באצבע על דבר טוב היוצא לישראל מרדיפות „המזיקים" האלה, והוא כי ע"י הרדיפות ישראל מוכרחים תמיד להתפלל על נפשם, ובתי כנסיות מלאים מהם (ובאמת כאשר יקל עליהם יד המציק בתי כנסיות מתרוקנים) וזהו: האי דוחקא דהוי בכלה מינייהו, וד"ל. (המחבר).

כד חם גביה אתהפיך.

ארבב"ח: זימנא חדא הוה קא אזלינן בספינתא, וחזינן ההוא כוורא דיתבא ליה חלתא אגביה וקדח אגמא עילויה סברינן יבשתא הוא וסלקינן ואפינן ובשלינן אגביה, וכד חם גביה איתהפיך, ואי לא דהוה מקרבא ספינתא הוה טבעינן (בבא בתרא).

בסדר מסעי ישראל בין העמים יקרה לפעמים שיבואו לאיזה ארץ שהעם היושב בתוכה יאירו להם פנים, ויאמרו להם, הנה ארצנו לפניך, בטוב בעיניך שב, ונדמה לישראל כאלו באמת באו אל המנוחה ואל הנחלה, ומתחילים לאפות ולבשל ולחיות חיים טובים, וזה דבר ידוע כי כישצליחו ישראל במסחר אז טוב ג"כ לעם הארץ אשר בקרבו ישבו — אבל

ראה זה פלא „כד חם גביה איתהפיך", ר"ל כאשר יוטב לעם הארץ וכאשר יעשו עושר ויצליחו בגלל היהודים היושבים בתוכם, תחת להכיר להם טובה, מתהפכים מאוהב לאויב — כן קרה לבית יעקב במצרים; כן קרה ליהודים בספרד, וכן תראה את המחזה הזה חוזר חלילה בכל ארצות גלותנו. „ואי לא דהוה מקרבא ספינתא הוה טבעינן" — ר"ל אלמלא היו שערי תשובה תמיד פתוחים לפנינו, וקרוב ד' לקוראיו, לא היה נשאר חו"ש שריד ופליט משונאיהן של ישראל. (המחבר).

אימה חשכה גדולה.

„והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו", במס' נדרים דל"ב מבואר שקאי על הד' גליות ע"ש — אבל בדרך פשט יבואר שקאי על גלות בבל, מצרים ורומה — א י מ ה זה גלות בבל שהיה אך אימה לבד אבל לא קשה ולא ארוך, ס"ה שבעים שנה וגם שם חיו ברוב טוב — ח ש כ ה זה גלות מצרים שהיה קשה ביותר, וגם ברוחניות הלכו חשכים (הללו עוע"ז והללו עוע"ז), אבל לא היה ארוך ביותר — ג ד ו ל ה קאי על הגלות הנוכחי שהוא הארוך שבכל הגליות — ומה שזכר את הג' גליות הנ"ל שלא כסדרן הוא מפני שהלך מן הקל אל הכבד, וד"ל. (המחבר).

טעם על ענין הגלות.

ע"ד כלל צריך לנו לתת טעם על ענין הגלות. מה ראה הקב"ה לפזר את ישראל ולהגלותם מעל פניו, היבצר ממנו לענוש אותם בבתיהם, בעריהם, במושבתם? — הדמיון בזה לעשיר אחד שהיה פזרן גדול על מצות הכנסת אורחים עד שהיה מספיק לכל האורחים הבאים אל ביתו לכלכלם די שבעם, והיה לו לזה בית מיוחד, ומדתו היתה לתת לכל אורח מאכל הנאות לו לפי מזגו, לפי הבחנתו בו, והיה מראה לכל אחד מקום שישב שמה בסעודתו כ"א לפי ערכו. — פעם בא אליו איש אחד מלובש ומעוטף והיה נראה בעיניו כי הוא איש ענוג, והנה לעת האוכל הראה מקום לאיש הנ"ל שישב בראש. ויהי בתת המאכלים לפני האורחים נתנו לפניו קערה עם אורז, ואח"כ למטה מזה הציגו לפני האורחים האחרים קערה עם מאכל גרוע, ולמטה מזה קערה עם קטניות, ולמטה יותר, קערה עם ירקות. — ויהי כאשר ראה האורח הנ"ל את הקערה עם אורז וירח בה ולא אכל כי לא ידע מה הוא. ובראותו בקצה השלחן את הקערות האחרות המלאים מאכלים גרועים הושיט את ידו למטה עד הקצה האחרון של השלחן ולקח עם הכף את הירקות אשר שם ואכל, וכן עשה פעם שניה ושלישית על כל ראשי האורחים העוטרים את השלחן. — כשראה זאת בעה"ב, בא ואמר לו: ידידי, קום נא מן הכסא אשר אתה יושב ולך אתי אל המקום אשר אראך שם בקצה התחתון של השלחן. — וכאשר ראה בעה"ב שהאורח מתפלא ע"ז ונראה במתבייש, א"ל: חו"ש, אין כוונתי לבייש אותך רק כל ישעי וחפצי לתת לכל איש כחפץ לבבו ואני חשבתי עליך כי מזגך רך, לכן הושבתי אותך במקום אשר דרכי להעלות על השלחן מאכלים דקים, אך עתה בראותי כי תבחר בירקות יותר מבאורז, מה לך לשבת פה ולהושיט את ידך ממעל לראשי האורחים האחרים, קח לך מקומך אצל הירקות ויהיו מזומנים לפניך על יד ימינך.

הנמשל מבואר ע"פ הילקוט על „עמד וימודד ארץ" שהקב"ה מדד כל הארצות ומדד כל העמים ונתן מקום לכל עם ולשון איש כפי מזגו וטבעו כי כל מדינה מיוחדת בסגולתה ובתכונתה, זו מוצלחת לכשפים וזו לסוסים, זו נפישי בה רוצחים וכו' והאומה הישראלית שקל ד' את סגולתה ומזגה ויקר ענינה שהיא מוכנת לנכבדות, לאמרות ד' אמרות טהורות, והמקום הנאות אל ענין נכבד זה אינו רק למעלה ראש בראש פנה בירושלים וכל גבולותיה, מקום המוכשר לנבואה ורוה"ק, וכמאמרם ז"ל (במדבר רבה) „חבלים נפלו לי בנעימים",

כמו שהם נאים אל המדינה כן המדינה נאה להם, וזה „אף נחלת שפרה עלי". אבל בראותו יתב' כי פנו עורף אל התורה והתחילו לחלל עבודת מלכם בקודש, ובשבתם בירושלים עיר הקודש נטו כף למצרים להשיג משם סוסים, ולמקום אחר להשיג מהם כשפים וכו', אז אמר הקב"ה: א"כ מה לכם הקערה על יד ימינכם, ואז פזר אותם והושיב את כל אחד במקומו הראוי לו למציאות תאוותו. (אוה"י בחוקותי).

טעם אחר על ענין הנ"ל.

מלבד חטאת אבותינו, היתה הפרידה מארץ ישראל בטבע פעולת הדור ההוא, כי הבט ימין וראה ואחור וקדם התבונן, כי בכל המקומות אשר על תושביו לא נגה אור ההשכלה, אם מפאת עצלותם, או מטבע האקלים לגדל אך פראים, אז בני העם הזה שוכנים פרודים למשפחותיהם, רב המקום ביניהם, כי כן יסד מלכו של עולם, לפי שיודע אלהים שאם ישבו קרובים זה זה יזיקו איש את רעהו ואשה רעותה ברוע תכונתם ומעלליהם... ע"כ הכין הש"י בטבע בחכמתו שלא לבד כי יתפרדו כל פועלי און, זולת גם לא יפרו ולא ירבו כ"כ. לא כן במדינות אשר בטבעם או בחריצות יושביהם מגדלים חכמי לב בעלי נימוסים ישרים, שם תכיל הטבע להרבות כצאן אדם כי לא ירעו ולא ישחיתו זל"ז. לכן תחזינה עינינו כי במדינות אשכנז, צרפת, אנגליה וכדומה, על כברת ארץ מתפרנסים אלפי אנשים אשר בארצות בארבאר היו צריכים כמה פרסאות למחית בשרם — והנה גם עתה לא מצאנו בכל הארץ ובגלילות הגוים ארץ אשר כמותה לא יגיע לאלף פרסאות מרובעות [היא מדת ארץ ישראל באורך ורוחב כנודע למביט במפה של מדינה זו] שיחיו עליה ברוחה ערך שש או שבע מאות רבבות עם (כן היה מספר היהודים בזמן החורבן לפי סופרי זולתנו) ועכ"ז לא אמר אדם צר לי המקום... כמארז"ל: „כד רחימתון הוי עזיזא אפומא דספסירא שכיבן (סנ' ז') וכן: כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם... אמנם כשקלקלו מעשיהם נגד הקב"ה ונגד דת הנימוס ההולך למישרים... אז ממילא מצד הטבע נסתמו מקורי המחיה והכלכלה ונתחייבו בזה להפיצם מעל מקום מצומצם ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדיו וקצר המצע מהשתרע — וזה ג"כ כוונת רז"ל, שיראה לפי פשוטו כדברי הבאי, שארז"ל: „ארץ צבי" כתיב, מה צבי זה עורו אינו מחזיק את בשרו אף ארץ ישראל בזמן שיושבין עליה רווחא ובזמן שאין יושבין עליה גמדא (גטין נ"ז ע"א), ולפי דרכנו דברי חכמים בנחת נשמעים, כי כל זמן שישראל ישבו בה ישיבת קבע שלא חטאו נגד הבורא יתב', היו עם חרוץ ומשכיל, והיו מרחיבין את הארץ בשקידתם ובחריצותם, ועמל ידיהם (מצורף עם ברכת ד') גרם שתהא הארץ רחבת ידים די והותר לכלכל אלפי רבבות, אבל כשיצאו ממנה ופראים ישבו בה הרי היא כאלו נתקצרה ממדתה. (קול אומר קרא, פ' מטות).

ואני כחרש לא אשמע.

„ואני כחרש לא אשמע וכאלם לא יפתח פיו ואהי בעיניו כאיש אשר לא שומע ואין בפיו תוכחות" (תהלים ל"ח) — וכי מי הוא שאינו יודע שהחרש אינו שומע והאלם לא יוכל לדבר? — אמנם דוה"מ ע"ה יתאר את מצב האומה הישראלית בגולה, איך ינאץ צר את היהודי בכל מיני בזיונות, ועוד יחרף צר גם את שם אלקי ישראל לאמר כי אלהים עזבם ולא יוסיף לגאלם, וכרצח בעצמותיו כאשר יחרפהו צר, ונאלץ הוא עוד בל לענות לצורריו דבר ולבלום את פיו ולשתוק (האויב בראותו כי שותק, יחשוב שנסתממו טענותיו ואין לו מה לענות) וזהו שיתאר דוד ע"ה שעל בזיון עצמי „ואני כחרש לא אשמע", עושה אני א"ע כחרש אשר לא אשמע ואינני מרגיש בבזיוני וגם על מחרפי אל ההכרח יאלצני שאעשה א"ע „כאלם לא יפתח פיו" שאינו יכול להשיב לחורפיו דבר מחמת יראה, אבל האויב אחרת יחשוב, בראותו אותי שותק על בזיון עצמי „ואהי בעיניו כאיש אשר

לא שומע" באמת, כי יחשבני לשוטה כ"כ שאינני מרגיש בבזיוני, כי נאבד ממני רגש אנושי, ואת אשר אינני עונה אותו על חרפו את דתי ואמונתי יחשוב „שאין בפי תוכחות", ר"ל שלא אוכל לענות אותו מחמת שהצדק אתו, ולא בעבור זה שאיני רשאי לענות אותו מחמת יראה. (עטרת חכמים).

במה אדע כי אירשנה.

„ויאמר אליו אני ד׳ אשר הוצאתיך מאור כשדים לתת לך את הארץ הזאת לרשתה. ויאמר אדני ה׳ במה אדע כי אירשנה, ויאמר וגו׳ ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם וגו׳" (בראשית ט"ו) — וקשה כי התשובה אינה ממין השאלה — אמנם הביאור הוא זה: אברהם לא היה בספק אף רגע כי ד׳ מצדו יקיים את דברו ויתן את הארץ המדוברת לבניו, אבל היה ירא שמא אחרי בואם לארץ לא ישבו בה לעולם ועד, כי אולי יעזבו אותה וילכו להם לשבת בארצות אחרות כאשר רואים אנו מעשים בכל יום שבני עמים אחרים היושבים על אדמתם עוזבים את ארץ מולדתם ומתישבים בארצות אחרות, וזהו כוונתו באמרו: „במה אדע כי „א י ר ש נ ה" (ר"ל אתה אמרת את המלה „לרשתה" שזה מורה על ה ת נ ח ל ו ת ע ו ל מ י ת, אבל במה אדע כי לא יעזבו אותה בני מצדם ויתישבו בארצות אחרות?) וע"ז ענהו ד׳ „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם" — ר"ל בכל פעם שידורו בארצות לא להם יחשבו לגרים, וזה הדבר יגרום שאפילו אם יתישבו בארצות נכריות יכספו תמיד לשוב לארצם — וכן נראה באמת שנתקיים דבר ד׳ בכל הארצות ובכל הזמנים. (המחבר).

ופתח התבה בצדה תשים.

„ופתח התבה בצדה תשים" — אם ה„תבה" תורה על הגלות „פתח התבה" יורה על הגאולה — וכוונת הכתוב בדרך מליצה ששערי ישועה תמיד פתוחים לפנינו וגאולתנו מבין העמים תמיד בידינו אם אך נשוב אל ד׳ וירחמנו (זכו אחישנה). (המחבר).

שומר מה מלילה שומר מה מליל.

„שומר מה מלילה שומר מה מליל אמר שומר אתא בוקר וגם לילה אם תבעיון בעיו שובו אתיו" — ישראל שואלים ד׳ שהוא שומר ישראל מדוע יתארך כ"כ הגלות הנקרא לילה. וא"ת משום שאין אנו חוזרים בתשובה אין אנו ראוים לגאולה, למה יגרע הגלות הזה מן הגלות הנקרא במקרא "ליל" (בלא ה"א) והוא גלות מצרים, כמ"ש „ליל שמורים" שגם בגלות הנ"ל לא חזרו בתשובה כמשחז"ל הללו עוע"ז והללו עוע"ז ובכל זאת לא נתארך הגלות אלא רד"ו שנה — „אמר שומר", משיב להם ד׳: הסבה לזאת היא „אתא בוקר וגם לילה" — ר"ל מחמת שאחר הגאולה הראשונה הוצרכתי עוד הפעם להביא עליהם גלות — ודבר זה דומה לחולה שנתרפא והוא לא נזהר ואכל מאכלים רעים ונפל שוב למשכב, שאז החולי הב׳ גרועה ומסוכנת יותר מן הראשונה — ובכל זאת, „אם תבעיון בעיו שובו אתיו", אם תחזרו אל ד׳ בתשובה שלמה תשובו ותבואו עוד הפעם לארצכם — אכיה"ר. (בשם הגאון ר׳ גבריאל זאב מרגליות).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

אברהם — א כאראקטער־בילד.

(דרוש לפ' לך לך).

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

יחוס האט געשפיעלט א גרויסע ראָלע ביי אונזערע עלטערען אין די אַלטע לענדער — א שדכן האט זיך ניט געשעהמט צו קומען צום גרעסטען אידישען גביר און פארשטעלען א שידוך פאר זיין זוהן מיט א מלמד'ס א טאָכטער — און אויב דער מחותן איז אויפגעשפרונגען און געזאגט: „סטייטש, מיר געהט איהר רעדען א שידוך אהן נדן!" — פלעגט דער מלמד ענטפערען מיט כעס: „וואס? פון ר' שמעיה'ן ווילט איהר נדן? ער דארף קיין נדן ניט געבען; זיין יחוס איז זיין נדן! פערגעסט ניט אז ר' אבלי זכרונו לברכה איז געווען זיין זיידע, און דער אלטער מגיד, נשמתו עדן, איז געוועז זיינער א לייבליכער עלטער־פעטער, און ר' לייבציג דער שוחט איז געווען מיט איהם שני בשלישי פון זיין מוטער'ס צד! — ווי ביליג איהר ווערט שאצען ר' אבלי'ן איז ער ווערטה אין נדן טויזענד רובעל, דער אלטער מגיד ז"ל אויך טויזענד רובעל, דער שוחט פאר א מציאה פינף הונדערט קערבלעך — אט האט שוין די כלה פינף און צוואנציג הונדערט רובעל נדן — ווילט איהר פאר אייער תכשיט נאך מעהר ווי 2,500 רובעל נדן?" — געגען אזא ארגומענט זיינען דעם רייכען מחותן'ס טענות אין גאנצען בטל געווארען און דער שידוך איז געווארען למזל טוב.

צייטען און אומשטענדען האבען זיך געביטען — דער קורס פון די ר' אבלי'ס און די אלטע מגידים און שוחטים איז שטארק געפאלען — איך צווייפעל אויב אין אמעריקא וואלט ר' אבלי מיט'ן אלטען מגיד מיט'ן שוחט צוזאמען געבראכט מעהר ווי 50 טאלער — אבער דער געפיהל פון יחוס איז ניט אבגעשטארבען — ווייל דאס איז איינגעווארצעלט טיעף אין דעם מענשען'ס נשמה — אלא וואס דען, אין די אלטע לענדער האט מען זיך גע'יחס'ענט מיט דער תורה און דא יחס'ענט מען זיך מיט'ן טאלער — אנשטאט זיך צו ריהמען מיט א זיידען א ר' אבלי'ן און מיט א פעטער אז אלטען מגיד, ריהמט מען זיך דא מיט א זיידען א „ריעל־עסטייטניק" און מיט א פעטער א „ריטייירד־מערטשענט".

האט יחוס אין אמת׳ן עפּעס א ווערדע אדער ניט? — די העברעאישע משכילים פון לעצטען דור האבען גאנץ אפט געשאסען שארפע סאטירישע פיילען אויף די וואס נעהמען זיך איבער מיט יחוס און האבען געשריען געוואלד, אז נור „יחוס עצמו” האט א ווערדע — אבער פון דער אנדערער זייט געפינען מיר, אז אונזערע תנאים און אמוראים, גאונים און חכמים לייגען גרויס געוויכט אויף יחוס אבות — וואס פאר א שטעלונג זאלען מיר נעהמען צו דיעזער פראגע?

מיין מיינונג איז, אז אין יעטווידערען בעזונדערען פאל מוזען מיר אנאליזי־רען און גוט בעטראכטען אין וואס די גרויסקייט פון די מענשען מיט וועלכע מיר ווילען זיך ריהמען איז בעשטאנען — און אויב די גרויסקייט פון אונזערע עלטערען אזי געווען א גייסטיגע; א גרויסקייט פון דער נשמה; דאן האבען מיר ניט נור א רעכט, נאר עס איז אונזער פליכט שטענדיג צו געדענקען, אז מיר זיינען זייערע קינדער, כדי די שטראהלען פון זייער גרויסע ליכט זאלען אויך עטוואס בעלייכ־טען אונזער לעבען. —

דאס איז די אורזאכע וואס דאס אידישע פאלק ריהמט זיך נאך היינט מיט די אבות, און איבערהויפּט מיט אונזער ערשטען פאטער אברהם.

II

אברהם איז דער אמת׳ער טיפּ פון א פאלקאמענעם אידען ווי גאט האט געוואלט ער זאל זיין.

ווען איהר שטעלט די פראגע, וואס איז דער כאראקטער־שטריך פון אנ׳אמת׳ען אידען? ווערט איהר קריגען פערשיעדענע אנטווארטען פון פערשיעדענע סארטען אידען — דער איד פון אלטען דור ווערט אייך זאגען: „א איד הייסט אזעלכער, וואס דיענט גאט; אזעלכער וואס לייגט תפילין אלע טאג, וואס האט א מזוזה אויפ׳ן טהיר, וואס היט אב כשרות, א. ז. וו.:” — פערקעהרט, דער איד פון היינטי־גער וועלט ווערט אייך געבען אנ׳אנדער אנטווארט: „א איד הייסט א מענש מיט א אידישע הארץ; תפלות און מזמורים בריינגען קיינעם קיין נוצען ניט; ערליכ־קייט אין ביזנעס, רחמנות אויף הילפלאזע און געדריקטע, א. ז. וו., דאס זיינען די צייכענס פון אנ׳אמת׳ען אידען”.

אין אמת׳ען האט יעדער פון זיי נור ארויסגעזאגט א האלבען אמת (וואס דאס איז אפטמאל ערגער ווי א גאנצער ליגען) — א איד וואס לייגט תפילין און זאגט א סך תהילים און צו דערזעלבער צייט בעראבעוועט ער זיינע מיטמענשען, און האט קיין רחמנות ניט אויף יתומים און אלמנות, וואלט שוין פיעל בעסער גע־טהאן ער זאל קיין תפילין אויך ניט לייגען אדער ער זאל זיך אין גאנצען אבּ־שמד׳ען, ווייל דורך זיין ביסעל כלומר׳שט׳דיגע אידישקייט בריינגט ער שאנדע אויף אידען און אויפ׳ן יודענטהום — די אויסערע וועלט קען דערפון שליסען, אז דער יודענטהום ערלויבט אזעלכע זאכען, והראיה, אט זעהען זיי דאך א אידען וואס מיט איין האנד לייגט ער תפילין און מיט די צווייטע גנב׳עט ער פון די

פּאַקעטס — צו דיזען סאָרט אידען האָט שוין ישעי׳ הנביא לאַנג אויסגעשריען: „כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי... ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם גם כי תרבו תפילה אינני שומע" — פערקעהרט, דער איד וואָס איז פיין און עהרליך און גוט צו דער וועלט, נור ער גלויבט ניט אין דער תורה און וויל ניט וויסען פון זיין פאָלק און פון די אידישע גייסטיגע אוצרות, איז גלייך צו איין עלעקטרישע ליכט־גלעזעל (bulb) אין וועלכער דער דינינקער דרעטעלע האָט געפּלאַצט — אויסוועניג זעהט די גלעזעל אויס גאַנץ און איהר קענט אין איהר קיין שום חסרון ניט זעהן, אָבער קיין ליכט וועט זי שוין ניט געבען — אזוי אויך דיזער איד מעג זיך זיין אַ גאַנץ גוטער און עהרליכער מענש, אָבער די ליכט פון גאָטהייט און אידעאַל וואָס אברהם׳ס קינדער טראָגען אַרום איבער דער וועלט זייט טויזענדע יאָהרען און גיבען איהר איבער צו די פעלקער מיט מסירת נפש, דיזע ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען ביי איהם אין האַרצען — פאַר דער וועלט וועט זי שוין מעהר ניט שיינען. אַלס מענש קענט איהר זאָגען אַז ער עקזיסטירט, אָבער אַלס איד איז ער געשטאָרבען.

אברהם איז געוועזען דער טיפּ פון דעם **גאַנצען אידען** (כמו שאמר לו ד׳: התהלך לפני והיה **תמים**) — זיין אידישקייט איז געוועזען געגרינדעט אויף צוויי זיילען — **אַ טיעפע אמונה אין גאָט און אַ שטאַרקע ליעבע צו די מענשהייט.**

III

אין זיין אמונה צו גאָט איז אברהם געוועזען אַ „סעלף־מייד־מען" (אַ זעלבסט אַרויפגעאַרבייטער מענש) — אברהם האָט געקראָגען זיין אמונה פּונקט ווי איין אימיגראַנט וועלכער קומט אָהן אַ פּעני אין אַמעריקאַ און דאָ אַרבייט ער זיך אַרויף מיט זיינע אייגענע צעהן פינגער און ווערט איין עושר, און דעריבער האָט זיך טאַקי די אמונה אַזוי שטאַרק געהאַלטען ביי אברהם׳ען — איהר וועט בעמערקען אַז דער מענש וואָס האָט גע׳ירש׳ענט זיין געלד פון אַ רייכען טאַטען ווייס ניט ווי איינצוהאַלטען זיין געלט — ניט איין רייכער יורש איז געשטאָרבען אין פערעמדע תכריכים — אָבער דער מענש וואָס האָט אַליין געשפּאָרט און געקליבען אַ טאַלער צו אַ טאַלער און געלעבט אַן איינפאַכען און אָרימען לעבען ביז ער האָט אָנגעקליבען זיין פערמעגען, דיזער וועט ניט אזוי גיך פערשווענדען זיין פערמעגען, ווייל אין יעדען טאַלער איז איינגעקנאָטען אַ טהייל פון זיין מח און כח — דאָס זעלבע איז אויך מיט רעליגיאָן — מיר פון דער הייגטיגער צייט האָבען גע־ירש׳ענט אונזער אמונה פון אונזערע עלטערען, און דעריבער טרעפט עס גאַנץ אָפט, אַז דער קלענסטער ווינטעל קומט און בלאָזט עס אַוועק פון אונז — דער דורכשניטליכער איד איז אַ איד ווי לאַנג עס לאָזט זיך, דאָס הייסט, ווי לאַנג די אידישקייט קאָסט ניט קיין צופיעל געלד און זי מישט זיך ניט צופיעל אין זיינע געשעפטען, אָדער אין פאַמיליען לעבען — קוים אָבער נעהמט זי זיך צופיעל פּלאָנ־טערען אונטער די פיס, נעהמט ער איהר אָהן צערעמאָניעס און שליידערט איהר

אוועק אז א זייט. — אט, למשל, האט א אידישער יונגערמאן, דוקא פון אידיש־געזאנגענע עלטערען געמאכט א ביזנעס אין א קאנטרי־שטעדטעל, און נאכדעם ווי ער האט שוין אלעס איינגעריכטעט און אריבערגעמופט זיין פאמיליע, האט ער זיך געכאפט אז אין דער שטעדטעל איז ניטא ניט קיין מקוה פאר א אידישע פרוי און ניט קיין חדר פאר זיינע קינדער — די געשיכטע פערדריסט איהם א ביסעל, אבער אויב איהר דענקט אז צוליעב דעם וועט ער ארויסמופען, האט איהר א טעות — נישקשה, ער געוואהנט זיך צו ביסלעכוויים און אין א קורצע צייט וועט ער שוין די זאכען אין גאנצען ניט דארפען...

אדער נעהמט אנ׳ערד די טויזענדער אידען מיט יארמולקעס וואס זיצען שבת אין די שעפער און „קלאפען" אויפ׳ן מאשין — אנפאנגס האט זיי אביסעל די הענט געציטערט און דער פנים געפלאמט — אבער דאס האט ניט לאנג גענומען — יעצט שטעהען שוין ביי זיי שבת און מיטוואך אויף איין ברעטעל, און אויב זיי האבען שבת ניט אזוי פיעל אויסגעארבייט ווי מיטוואך, זיינען זיי נאך אויפ׳ן שבת שטארק ברוגז...

דאס קומט דערפון, וואס מיר האבען אונזער אמונה גע׳ירש׳ענט פון אונזער עלטערען, און אזוי ווי דער געבאלעוועטער יורש בריינגט גאנץ גיך אום זיין טאטעס רייכטהום, אזוי מאכען מיר א תל פון יודענטהום.

אברהם אבינו איז געווען א „סעלף־מייד־מען" אין רעליגיאן, ער האט די גאטהייט מיט זיין אייגענעם שכל אויסגעפונען און דעריבער האט קיין שטורעם ווינד ניט געקענט ארויסרייסען זיין אמונה פון זיין הארצען — גאט אליין האט געפרואווט מיט׳ן נסיון פון דער עקדה אבשוואכען אברהם׳ס אמונה, און ער אליין כביכול האט אויך ניט אויסגעפיהרט.

פיעלע פערשטעהען ניט די אמת׳ע בעדייטונג פון דעם נסיון פון דער עקדה, און דעריבער זאגען זיי אז דאס איז א קנאפער נסיון — „א שפאס!" זאגט איינער פון די היינטיגע חכמים צו מיר, „אויך מיר א נסיון! אז גאט זעלבסט וואלט נעקומען אפילו צו איין איינפאכען אידישען גאסען־מענשען און איהם בעפוילען מקריב צו זיין זיין זוהן צו איהם וואלט ער איהם אויך געפאלגט — א ברירה וואלט ער געהאט? אויב ער וועט דאס ניט טהאן מיט גוטען, וועט גאט דעם זוהן אליין צונעהמען". —

אבער דיעזע איראנישע בעהויפטונג קומט דורך א מיספערשטענדניס פון דעם גאנצען עניין פון דער עקדה — דער נסיון פון דער עקדה איז ניט געווען קיין קערפערליכער, נור א גייסטיגער — גאט האט געפרואווט א טרייסעל געבען דעם גאנצען פונדאמענט פון אברהם׳ס אמונה און צו זעהן אויב זיין אמונה וועט ניט אומפאלען — די הויפט אורזאכע וואס האט בעוואויגען אברהם׳ן אוועקצוא־ווארפען די געטער פון זיין פאטער איז געווען ווייל זיי האבען געפאדערט מענשען־קרבנות — און דאס רוב פון דיעזע געטער (אזוי ווי דער „מולך") האבען דוקא געפאדערט (דאס הייסט, זייערע פריסטער האבען געפאדערט פאר זיי), אז עלטע־

רען זאָלען מקריב זיין זייערע קינדער אויף זייערע מזבחות — אברהם האט דיזע העסליכע געטער טאקי דעריבער אוועקגעוואָרפען, און האט זיך געקעהרט צום הימלישען גאט, וועלכער פאָדערט ניט קיין מענשליכע קרבנות — און פּלוצלונג קומט דיזער גאט אויך מיט די זעלבע פאָדערונג: „נעהם דיין איינציגען זוהן יצחק און זיי איהם מקריב פאַר א קרבן עולה אויף מיין מזבח!" — וואָלט אברהם געווען א איד פון היינטיגער צייט, וואס האט גע'ירש'ענט זיין אמונה פון זיינע על־טערען, וואָלט דאס געווען גענוג צו פערלעשען יעדען פונק פון זיין אמונה — „וויבאלד אז דיזער גאט וויל אויך מענשען־אָפּפער, טאָ מיט וואס איז ער בעסער פאַר די געטער פון מיין פאָטער?" — אָבער אברהם איז געווען א „סעלף־מייד־מען" אין זיין אמונה און דעריבער האָט ער איהר ניט אזוי לייכט ארויסגעלאָזען פון האנד — ער האָט גוט געקענט זיין גאָט (הכיר את בוראו) און ער האָט בע־שלאָסען, אז דיזער גאָט איז ניט גלייך צו יענע געטער — זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האָט דאָך ניט געוואוסט אז גאָט מיינט דאס איהם צו פּרובירען — ער האָט בלויז געפיהלט, אז אויב גאָט פערלאַנגט א מענשען־לעבען, מעג מען איהם טרויען אז ער האָט דערביי א גרויסען ציעל וואס איז ווערטה דער פערלוסט פון א מענשען־לעבען — (ובזה יבואר מה שאמר ד' לאברהם: „עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה ולא חשכת את בנך את יחידך ממני", שנראה כאלו מדבר משני דברים נפרדים (ירא אלהים אתה „וגם" לא חשכת וכו') ולכאורה היצ"ל „עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה „יען" אשר לא חשכת וכו'", שהוא דבר וסבתו (וכמ"ש להלן באותה פרשה) — אבל באמת מדבר הכתוב משני דברים נפרדים — וכוונתו: כי לאדם פשוט היה נראה כאלו האמונה בד' והציווי להקריב בן ע"ג המזבח הם ב' דברים הסותרים זה את זה (כי אם אלהים הוא למה ידרוש קרבנות אדם?) אבל אמונת אברהם היתה כ"כ חזקה, עד שהיה מוכן לשחוט את בנו ע"ג המזבח וגם להשאר ירא אלהים כאשר היה קודם לכן, וד"ל).

IV

אין זיינע בעציהונגען צו זיינע פערוואַנדטע איז אברהם אויך בייגעשטאַנען א גרויסען נסיון — דער נסיון פון וואָהנען מיט זיי צוזאַמען און בלייבען גוטע פריינד — קוקענדיג אויף זיך אַליין אין אונזער צייט זעהען מיר, אז די ליעבע און פריינדשאַפט צווישען קרובים איז שטאַרק נאָר ווי לאַנג זיי וואָהנען ווייט איינער פון דעם אַנדערען — אין בעזונדערע שטעדט אָדער אין בעזונדערע ווינקלען פון די זעלבע שטאָדט — דאַן שרייבט מען זיך „לאהובי" בריוועלעך, און אַמאָל טאַקי רייסט מען זיך אָב פון די ביזנעס און מען פאָהרט צוגאַסט איינער צום צווייטען און דאָרט פאַלט מען זיך אַרויף אויף די העלזער קושען און מען דער־צעהלט אוים איינער דעם צווייטען די האַרץ א. ז. וו. — אָבער קוים וואָהנען קרובים אין איין הויז, און ווער רעדט נאָך אויב זיי טהוען די זעלבע ביזנעס, אָדער אויב זיי זיינען חס ושלום פּאַרטנערס, וועט איהר געפינען אז זיי זיינען ביטערע שונאים און וואָלטען וועלען איינער דעם אַנדערען אויפ'ן פייער ברענגען,

(ולדעתי זהו כוונת המשורר באמרו „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד" — שמלת „גם" נראית כמיותרת לגמרי — אבל לפי מה שאמרנו ניחא: דהנה אנו רואים בעולם המציאות שכמעט ישבו אחים יחדיו בדירה אחת או עוסקים במסחר אחד, מיד בטלה האהבה והאחוה ביניהם, לכן אם יקרה לפעמים שאנו רואים אחים נשארים באהבתם אפילו כשישבו יחדיו אנו מביטים על המקרה הזה כעל מחזה טוב ונעים — וזהו כוונת המשורר: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים (בשלום) ג ם (כשהם) יחד" — ר"ל בבית או במסחר אחד) — אברהם האט געוואהנט מיט זיין נעפע לוט אין איין הויז, און זיי האבען ביידע געטהאן די זעלבע ביזנעס — פיה־צוכט — און פונדעסטוועגען איז אברהם'ס ליעבע צו זיין קרוב אויף א האר ניט געמינערט געווארען — נור ווען עס האט אויסגעבראכען א קריעג צווישען זייערע פאסטוכער (ויריבו רועי אברם עם רועי לוט) און אברהם האט מורא געהאט אז פון דעם זאל ניט ארויסקומען א קריעג צווי־שען איהם און זיין קרוב, האט ער געמאכט דעם פארשלאג אז זיי זאלען זיך שיידען. (וזהו ביאור „אל נא תהי מריבה ביני ובינך" — שלכאורה קשה, הלא לא מצינו שהיתה מריבה בין הקרובים עצמם? — אבל ר"ל אל נחכה עד אשר תפרוץ מריבה גם ביני ובינך ע"י המריבה בין רועי ובין רועיך).

און אין דעם פארשלאג גופא קענט איהר אויך ארויסזעהן אברהם'ס ערהא־בענעם כאראקטער — איך האב שוין אין מיין לעבען געזעהן ווי זיהן האבען זיך געטהיילט ירושה מיט רעוואלווערס אין די הענד; איך האב אויך געזעהן ווי פארט־נערס האבען זיך געטהיילט אין די געריכט־הייזער און די לאיערס האבען צוגענו־מען מעהר וויפיעל עס איז איבערגעבליבען פאר די פארטנערס — אין דיעזען פאל האט זיך געהאנדעלט ווער עס זאל בלייבען אויף זיין ארט און ווער עס זאל נעהמען זיינע שטאדעס שאף און רינדער און געהן זוכען נייע לאנקעס — און דאס איז געווען ניט לייכט צו געפינען אין די ווילדערניש פון אראביען — ווען אברהם דער אלטער מאן וואלט געבעטען אז איהם זאל ערלויבט ווערען צו בלייבען אויף זיין ארט און לוט, דער יונגער מאן, זאל געהן זוכען א נייעם פלאץ, וואלט אויך קיין גרויסע עוולה ניט געווען — ווען ער וואלט פארגעשלאגען מען זאלווארפען גורל ווער עס זאל בלייבען אויף זיין ארט און ווער עס זאל אויסוואנדערען, וואלט ער שוין געטהון לפנים משורת הדין — אבער אברהם האט געהאנדעלט מיט איהם ווי א טאטע האנדעלט מיט א קינד (אב המון גוים) — ער האט אן זיך אין גאנצען פערגעסען און ער האט געזאגט צו לוט'ן, קלייב זיך אויס וואס איז פאר דיר בעסער — מיר מעגסטו אין גאנצען פערגעסען — און לוט האט טאקי אויסגע־קליבען דעם בעסטען און פעטסטען פלאץ און האט אברהם'ן אפילו קיין דאנק ניט געגעבען — פונקט אזוי ווי אונזערע קינדער נעהמען אן פון אונז אלע טובות און עס פאלט זיי גאר ניט איין אז עס קומט אונז א דאנק — וואס הייסט געבען א טאטען א דאנק? ער איז דאך א טאטע! — טאקי אמת ער האט געשפארט פון זיך און געצאהלט פאר מיין עדיוקיישאן, א. ז. וו. — אבער ער האט נור „געצאהלט ווי א טאטע" — א טאטע דארף צאהלען און צאהלען און דערפאר קיין

דאנק ניט קריגען! — און פונקט מיט דעם זעלבען געפיהל האט לוט אנגענומען אברהם׳ס פארשלאג — פיר זיך האט ער אויסגעקליבען דאס בעסטע, אי, וואס, אברהם? זאל ער פיטערען זיינע סטאדעס אויף דערנער, ער איז דאך א טאטע!

און שפעטער, ווען עס האט זיך אויסגעלאזען אז גראדע אויף דעם פלאץ וואס לוט האט זיך אויסגעקליבען איז פארגעקומען א גרויסע מלחמה און לוט איז געווארען א מלחמה־געפאנגענער, איז עס פיליכט אברהם׳ען איינגעפאלען צו זאגען „ווי דו האסט געזעעט אזוי האסטו געשניטען“, אדער „ווי דו האסט געזארגט פיר מיר אזוי וועל איך זארגען פיר דיר“? — ניט איין זעקונדע האט אברהם געקלעהרט נור באלד ווי ער האט זיך דערוואוסט פון דעם אונגליק וואס האט געטראפען זיין קרוב, האט ער צוזאמענגענומען די גאנצע מאנשאפט פון זיין הויז, אין גאנצען דריי הונדערט און אכטצעהן פערזאן, און ער איז ארויס שטרייטען געגען די ארמעען פון פיער מלכים! — פונקט ווי א פאטער געהט רעטען זיין קינד פון טויט אפילו ווען ער ווייס געוויס אז ער קען דערביי זיין אייגענעם לעבען פערליערען — און לוט האט איהם וויעדער קיין דאנק ניט געגעבען — ווער דאנקט עס א טאטען?...

V

אבער די ריינע גאלד פון אברהם׳ס כאראקטער שיינט ערשט ארויס אין זיינע בעציהונגען צו גאנץ פרעמדע מענשען — אנטיסעמיטישע געלעהרטע האבען פיעל מאל געמאכט די בעהויפטונג, אז דער וואס ליעבט זיין פאמיליע צו היים, דער איז קאלט און גלייכגילטיג צו די איבריגע מענשען פון דער וועלט, און אזוי ווי דאס אידישע פאלק איז בעוואוסט מיט איהר אויסערגעוועהנליכע „אהבת המשפחה“, איז דערפון געדרונגען, אז זיי אינטערעסירט ניט דער וואהלזיין פון די איבעריגע נאציאנען (מיט עטליכע יאהר צוריק האט א אידישער אנטיסעמיט מיט׳ן נאמען עדווארד קוה געמאכט איין עהנליכע בעשולדיגונג אין „אטלאנטיק מאנטהלי“) — אבער דער איד אברהם מאכט אט דיעזע אלע געלעהרטע המנ׳ס צו ליגנער — זעהט נור ווי דיעזער הייסער פאמיליען־פריינד האט געהאנדעלט מיט ווילד־פרעמדע — ווען גאט האט איהם געהאלפען און ער האט בעזיעגט די פיער מלכים און ער האט צוריקגעבראכט די געפאנגענע און די רויב פון זייערע בעזיעגטע געגנער, און דער קעניג פון סדום, וועלכער איז געווען א גאנץ פרעמדער און פון איין אנדער נאציאן האט איהם אנגעבאטען דיעזע גאנצע רייכטהום אלס בעלאהנונג פאר רעטען די נפשות, האט ער זיך געפונען שטארק בעליידיגט און האט אויפגעהויבען די הענד צו גאט און האט געשווארען אז ער וועט ביי איהם אפילו א שוה־סטרינג ניט נעהמען!

אדער בעמערקט די סצענע ווי דער אלטער אברהם זיצט קראנקערהייט אויפ׳ן שוועל פון זיין טהיר אין א גאנץ הייסען טאג און דערזעהט פון וויטען דריי אראבער געהען זיך זייער וועג (כערביים נדמו לו) — דער ערשטער געדאנק וואס וואלט געקומען אין זינען פון א געוועהנליכען פארמער וואלט געווען, אכטונג צו

געבען די טרעמפס זאלען ניט גנב'ענען זיינע משיקענס. — אבער אברהם איז ניט קיין געוועהנליכער מענש — גלייך ווי ער דערזעהט זיי פערגעסט ער אן זיין קראנקהייט; הויבט זיך אויף פון זיין ארט און לויפט זיי אנטקעגען און בעט זיך ביי זיי רחמים זיי זאלען איהם חס ושלום ניט פערבייגעהן — און ווען זיי זיינען שוין געווען אזוי גוט און אריינגעקומען אונטערען שאטען פון זיין דאך, לויפט ער פון שמחה אזוי ווי א יונגער אינגעל צו זיין סטאדע און הייסט זיינע מענשען אויסקלויבען א יונגע און פעטע קאלב און איהר שעכטען פאר די אורחים — און באלד לויפט ער צוריק אין הויז און זאגט: „שרה מיין ווייב, נעהם אויף גיך דריי מאס פון די בעסטע מעהל וואס דו האסט אין הויז און באק אויס קובענס" — און ווען אלעס איז פערטיג געווארען האט ער דאס אלעס אוועקגעשטעלט פאר די אונערווארטעטע געסט, און ער האט זיך אוועקגעשטעלט דערביי און האט נחת געקליבען ווי זיי האבען געגעסען... זיין גליק איז געווען וואס די אראבער זיינען אין אמת'ען געווען מלאכים — אז זיי וואלטען געווען אמת'ע דורכגעהער וואלטען זיי שוין פון זיין הויז קיינמאל ניט אוועקגעגאנגען — און איך האב א חשד אז די 318 מענשען וואס האבען זיך שטענדיג אויפגעהאלטען אין זיין הויז, זיינען דאס געווען ארומגעהער, וועלכע ער האט אויך אויף דעם זעלבען אופן פערבעטען צו זיך צו גאסט, און זיי זיינען שוין פערבליבען ביי איהם אייביגע קעסטניקעס...

אברהם'ס ליעבע צו די מענשהייט האט קיין גרונד ניט געהאט, זיין הארץ איז אויסגעגאנגען צו אלע אומגליקליכע אהנע אונטערשיעד צו זיינען זיי צדיקים אדער רשעים — ווען גאט האט איהם אויסגעזאגט וואס ער האט אין זינען צו טהאן מיט די פערדארבענע איינוואהנער פון סדום, האט ער ניט געזאגט ווי א היינטיגער „צדיק" וואלט געזאגט: „א רעכט אויף זיי די אפיקורסים! כן יאבדו! באבוד רשעים רינה!" א. ז. וו., נור ער איז אבגעשטאנען א גאנצע נאכט און האט פאר זיי תפילה געטהאן אין די שעהנסטע ווערטער וואס זיינען ווען עס איז פערפאסט געווארען אין אירגענד וועלכער שפראך.

אזא מענש איז דער אמת'ער טיפ פון איין אמת'ען אידען — א איד צו זיין גאט; א איד צו זיין פאמיליע; און א איד אפילו פאר פרעמדע — און דעריבער האט טאקי גאט געביטען זיין נאמען פון „אברם" אויף „אברהם", וועלכער האט די בעדייטונג „אב המון גוים" — דער פאטער פון פיעלע פעלקער. —

ווען איהר קוקט זיך צו צו דעם אידישען כאראקטער וועט איהר געפינען אז מיר האבען נאך ניט פערלארען אלע סימנים פון אברהם'ען — אזוי ווי אונזער פאטער אברהם, האבען מיר אויך געבראכט גרויסע קרבנות פאר אונזער אמונה; אזוי ווי ער איז געווען צוגעבונדען צו זיין פאמיליע, אזוי איז אויך דער צובונט גע־בליבען ביז היינטיגען טאג צווישען די איינציגע מיטגליעדער פון אידישען פאלק; און אזוי ווי ער האט ליעב געהאט די גאנצע מענשהייט, אזוי האט אויך דער איד פון היינט ליעב אלע גרים און אלע פרעמדע, אלע שוואכע און אלע נויטבעדערפטיגע,

אהן אונטערשיעד פון ראסע אדער הויט־קאליר. — און דעריבער האבען מיר דאס רעכט זיך צו יחס'ענען מיט איהם, און אזוי האבען מיר איהם טאקי אויסגע־קליבען פון אלע אבות און איהם אליין בעטיטעלט מיט'ן נאמען „אברהם **אבינו**".

יהי רצון שנוסיף להשתדל להיות כמוהו — והגם שנדע שמעולם לא נשיג את מדרגתו, בכל זאת טוב לנו להביט עליו תמיד כעל סמל האידעאל שלנו.

חומר לדרוש.

אברהם.

אגדות חז"ל.

אמר ר' אבא בר כהנא: בנוהג שבעולם אדם שיש לו קורה חזקה — היכן הוא נותנה? לא באמצע טרקלין? — כדי שתסבול קורות שלפניה וקורות שלאחריה — כך, למה ברא הקב"ה את אברהם באמצע הדורות, כדי שיסבול דורות שלפניו ודורות שלאחריו (בר"ר).

אמר נמרוד לאברהם: השתחוה לאש ותנצל. אמר לו אברהם: וא"כ אשתחוה למים שמכבים את האש. א"ל נמרוד: השתחוה למים. א"ל אברהם: א"כ אשתחוה לענן שטוען את המים. א"ל: השתחוה לענן, א"ל אברהם: א"כ אשתחוה לרוח שמפזר את הענן. א"ל השתחוה לרוח. א"ל אברהם: א"כ אשתחוה לבן אדם שסובל את הרוח. א"ל נמרוד: אתה משיאני בדברים — אני איני משתחוה אלא לאור — הרי אני משליכך לתוכו, ויבוא אלהיך שאתה משתחוה לו ויצילך הימנו. (בר"ר ותדב"א).

אמר ר' שמעון: אברהם אבינו אב לא למדו ורב לא היה לו, ומהיכן למד את התורה? אלא זימן לו הקב"ה שתי כליותיו כעין שני כדים והיו נובעות ומלמדות אותו תורה והכמה כל הלילה (בר"ר) — ור"ל שלמד מעצמו — שהכליות יועצות.

א"ר יצחק: משל לאחד שהיה עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת (מאירה בנרות הרבה), אמר: תאמר שבירה זו בלא מנהיג? הציץ עליו בעל הבירה — א"ל: אני הוא בעל הבירה. — כך היה אברהם אומר: תאמר שהעולם הזה בלא מנהיג? הציץ עליו הקב"ה ואמר לו: אני הוא בעל העולם. (בר"ר). (פירוש לזה באופן דרושי תמצא ב„חומר לדרוש", חוברת ב').

„לך לך מארצך וממולדתך" — למה היה אברהם דומה? לצלוחית של פוליטין (שמן בושם) שהיתה מוקפת צמיד פתיל ומונחת בזוית ולא היה ריחה נודף, כיון שנטלטלה ממקומה היה ריחה נודף — אף כך אמר הקב"ה לאברהם: אברהם, הרבה מעשים טובים יש לך, הרבה מצות יש לך, טלטל עצמך ממקום למקום ושמך מתגדל בעולמי. (שהש"ר).

„התהלך לפני והיה תמים" — למה אברהם דומה? לאוהבו של מלך שראה את המלך מהלך במבואות האפלים, והתחיל מאיר עליו דרך החלון. הציץ המלך וראה אותו, אמר לו: עד שאתה מאיר לי דרך החלון — בוא והאיר ל פ נ י. כך אמר הקב"ה לאברהם: עד שאתה מאיר לי ממספוטמיא ומחברותיה — בוא והאר לפני בארץ ישראל. (בר"ר).

„כה יהיה זרעך" — א"ר לוי בשם ר' יוחנן למה הדבר דומה? למי שיצא לדרך והלך במדבר כמה ימים ולא נמצא לו עיר או פונדק, לא אילן ולא מים ולא בריה, ואחר שהלך עשרה ימים צפה אילן אחד מרחוק ומצאו עומד על המים וערב לו ושבת עליו. כיון שעמד לילך אמר לאילן: אילן, אילן, במה אברכך? — שיהא עצך נאה? נאה הוא; שיהא צלך נאה? כבר נאה הוא; שיהיו ענפיך נאים? כבר נאים הם; שיהיו פירותיך מתוקים? מתוקים הם; שיהא מעין יוצא מתחת שרשך? כבר מעין יוצא מתחת שרשך; שתהא עומד במקום חביב? במקום חביב אתה עומד. במה אברכך? אלא כל הנטיעות היוצאות ממך יהיו כמותך. — כך כשברא הקב"ה את העולם עמדו עשרים דור ולא היה בהם תועלת ולא עמד מהם צדיק. אחר עשרים דור צפה הקב"ה את אברהם שהיה נתון בארץ כשדים, ועמד בנסיונו וקדש שמו של הקב"ה — אמר הקב"ה: אברהם, אברהם, מה יש לי לומר לך ובמה אברכך? שתהא שלם וצדיק לפני, או שתהא שרה אשתך צדקת לפני? צדיק אתה ושרה אשתך צדקת לפני; או שיהיו כל בני ביתך צדיקים? צדיקים הם לפני. — מה יש לי לברכך? אלא שכל בנים שעתידים לעמוד ממך יהיו כמותך. (ב"ר פ' אמור).

עשרה דורות מנח ועד אברהם להודיע כמה ארך אפים לפניו שכל הדורות היו מכעיסים ובאים עד שבא אברהם אבינו וקבל שכר כולם (אבות פ"ה).

„וד' ברך את אברהם בכל", ר"א המודעי אומר אצטגנינות היתה בלבו של אברהם אבינו שכל מלכי מזרח ומערב משכימים לפתחו; ר' שמעון בן יוחאי אמר: אבן טובה היתה תלויה בצוארו של אברהם אבינו, שכל חולה שראה אותה מיד נתרפא, ובשעה שנפטר מן העולם נטלה הקב"ה ותלאה בגלגל חמה. אמר אביי: היינו דאמרי אינשי: אדלי יומא אדלי קצירא (עלה היום נתרפא החולה). (ב"ב ט"ז).

„ואת הנפש אשר עשו בחרן" — מלמד שהיה א"א מכנים בני אדם לביתו ומאכילם ומשקם ומאהיבם ומקרבם ומגירם ומכניסם תחת כנפי השכינה. הא למדת שכל המכנים בריה אחת תחת כנפי השכינה מעלין עליו כאילו הוא בראה ויצרה ורקמה. (שהש"ר).

"והיה ברכה", והיה בריכה, מה בריכה מטהר את הטמאים, אף אברהם אבינו מטהר ומקרב את הרחוקים. (מדרש).

אמר רב חנן בר רבא אמר רב: אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי אומות העולם בשורה ואמרו: אוי לו לעולם שאבד מנהיגו! ואוי לה לספינתא שאבד קברניטה. (ב"ב צ"א).

מעשי אבות סימן לבנים.

„מעשי אבות סימן לבנים" — ובמקום אחר: „מה שאירע לאבות אירע לבנים" — ור"ל במליצתם שבחיי האבות ומקריהם המסופרים בתורה יוכל איש יהודי לראות כמו בראי מוצק את כל תולדות חיי האומה — וכמו אשר אדם יחיד ישתמש בעבר שלו ללמוד ולהשכיל מה לעשות בעתיד, כן גם כל האומה תוכל ללמוד מחיי האבות ותולדותיהם איך להתנהג בכל הזמנים והדורות.

ועפ"ז נוכל פרש ג"כ את הכתוב „ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה" — ידוע שלא בנקל ישיג האדם מים וביחוד בארץ חרבה שצריך עבודה גדולה וחפירה עמוקה

באדמה בטרם יוציאו מים — ולכן כשישיגו את המים לא ישאבו אותו בששון — אבל לפעמים ימצא האדם מים נובע ממעין טבעי או מבאר שכרוהו אחרים שאין צריך לעמול עליו כלום, ואז ישאב את המים בששון, ומעיינות כאלה יכנה המשורר „מעיני הישועה“.— כן הדבר ג"כ בנסיונות החיים שמהם ישאב האדם וישתמש בהם להורות לפניו הדרך בעתיד. — הנסיונות האלה ג"כ לא ישיג האדם בנקל, כי רבות רעות ויסורים סבל עליהם בעת בואם, ולכן לא יוכל לשמוח על הלקח שלמד מהם — לא כן הלקחים שאדם לומד מנסיונות שעשו אחרים וכתבו את נסיונותיהם בספר לדור אחרון, עליהם יוכל האדם לשמוח כאותו האיש השואב מים ממעיני הישועה — ר"ל ממעינות מוכנים ע"י אחרים — מעינות כאלה הם הספורים מחיי האבות הנמצאים בתורה.

ועפ"ז יבואר לנו מאחז"ל: „לך לך מארצך“ אמר הקב"ה לאברהם: צא וכבוש את הדרך לפניהם — ור"ל שצפה הקב"ה בעתיד וראה את כל התלאות אשר יעברו על בני ישראל וכל קושי השעבוד ורצה לתת להם דמיון קטן מכל זה בחיי האבות למען ישתמשו בנסיונותיהם לבור להם את הדרך אשר ילכו בה, וכאשר תתבונן בכל קורות האבות כמסופר בתורה תמצא אשר כעין זה קרה ג"כ לבנ"י — וזהו ביאור „צא וכבוש להם את הדרך“. ממש כאשר עושים דרך חדש הרצוף באבנים מנופצות החדים ביותר, כל אשר יעבור עליו ראשונה ימחץ רגליו, אבל כאשר יעברו עליהם עגלות עמוסות הן בכבדותם מרביצים ומחליקים את האבנים וחד פניהם יקקלו, ואז ההולך אחריהם לא יגוף רגליו, וד"ל. (אוה"י ובשינוי לשון).

ב"י נמשלו לעפר, לכוכבים ולחול.

„ושמתי את זרעך כעפר הארץ וגו׳“ — בברכה משולשת ברך ד׳ את אברהם אבינו, כי ישים את זרעו כעפר הארץ, וירבה צאצאיו ככוכבי השמים, ויהיו כחול אשר על שפת הים — אם נתבונן על ג׳ טבעי דברים האלה אז נבין כי לא לחינם נמשלנו להם. — ראשית ידענו, כי העפר ידבק יחד, ולזה רמז לו בברכת עפר כי גם בניו יהיו מדובקים ומאוחדים זה בזה ובצר לאחד יצר גם לשני — וכאשר העפר אינו מקבל עליו צורה אחרת, כי מכל דבר שבעולם נוכל לעשות כלי למעשינו חוץ מן העפר שלא נוכל להטותו לחפצנו ולעולם ישאר כמו שהוא, כן גם בני ישראל לעולם לא יפשטו צורתם ולא ימירו שם ישראל לעולם אף אם מגולה אל גולה יהלכו ואלפי שנה עליהם יעברו — וכאשר אין דבר שפל בעולם כמו העפר, כי הכל דורסים עליה, אבל לסוף העפר תכסה את הכל והאיש אשר דרך עליה הוא ישכון תחתיה והיא עליו, כן רמז לו שגם בניו יהיו בזוים ושפלים בגוים וכעפר לעוברים, אבל לסוף גם המה יכסו ארץ וכל באי עולם יכירום לזרע ברך ד׳ — וכאשר ברזל מעפר יוקח זהב וכסף ממנו יזוקו וכל אבן יקרה בה ימצאו, כן ימצאו בבניו כל דבר יקר וטוב, — ונמשלו לכוכבים כי יזהירו ככוכבים לעולם ועד ולאור גוים יהיו, וכאשר הכוכבים לא יקבלו השחתה וכליון לעד, ואף אם יעיב עליהם עב הענן לא ידעכו אורם, כי יבוא רוח ד׳ ויפיץ העננים ויטהר הרקיע והכוכבים יאירו כבתחילה, כן גם בניו לא יקבלו עליהם השחתה וכליון וכל לשון תקום אתם למשפט ירשיעו, ואף אם ימצאו אנשים רעים בכל דור אשר יקדירו את נוגה זרחם ויתפיאו עליהם דברים אשר לא כן, אכן יעביר אלהים רוח דעת ע"פ הארץ ויפוצו העננים ויכירו כל הגוים כי בנים המה לד׳ והמה יזהירו ככוכבים לעולם ועד — ונמשלו לחול שעל שפת הים, כי הנה ידענו כי חול שם גבול לים ואף אם יתגעשו הגלים ויהמו המשברים וישאו ימים דכים לשטוף תבל ומלואה, אבל כאשר יעלו כן ירדו ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הארץ, כי בעת אשר יגיעו לחול שעל שפת הים יהדפו אחור, כן הבטיח ד׳ לאברהם אבינו כי לא יראו ולא יפחדו בניו מאומה פן יעשו האויבים אתם כלה, כי אף אם

רבים עליהם יקומו ויפערו פיהם לבלעם חיים, שטף המים הזדונים לא ישטפם כי נדמו לחול שעל שפת הים, כאשר יאמר דוד המלך ע"ה „נשאו נהרות ד' וגו' מקולות מים רבים אדירים משברי ים אדיר במרום ד'. (אורח חיים).

ותרדמה נפלה על אברם.

"ותרדמה נפלה על אברם והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו" — הראה ד' לאברהם מה שיהיה בדור הנוכחי, והוא, כי לפנים בישראל עוד היה קול נביא נשמע בינינו והיה מביאם להתעוררות התשובה, או כי ישא עליהם תפילה וירפא למשובתם. לא כן עתה, שאין מי שיעיר לב העם להשיבם לתוכחתו, ואנחנו נגועי התנומה, מוכי התרדמה ושנת האולת, וזאת רמז הקב"ה לאברהם בתרדמה זו, וע"כ אחזתו רעדה ואימה חשכה גדולה נופלת עליו, כי ע"י מה שקרה אותו דבר כזה לעת כזאת היתה חתת אלהים עליו לאמר אין זה אלא מעשי אבות סימן לבנים אשר לעת יהיה קול דודי דופק פתחי לי וכו' תרדמה תפול עליהם. (אוה"י ובקיצור לשון).

אלהי אבי אברהם.

„ויאמר יעקב אלהי אבי אברהם ואלהי אבי יצחק" הא לעשו לא? אלא הבוחר בדרכיהם ועושה כמעשיהם אני מתקיים עליו, (מדרש וישלח), הורו לנו ז"ל שלא היה ביד עשו לאמר אלהי אבי אברהם וכו' כי אינם נחשבים אבות זולת לאלה הבנים האוחזים מעשיהם הטובים בידיהם ולא אל האוחז מעשים זרים וההולך בדרכים אחרים, כי הוא מפריד ממנו קרבת אבותיו. (אוה"י).

וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי.

„ידוע תדע כי גר יהי' זרעך בארץ לא להם וגו', וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי" — משל למהד"ד לזאב אשר הלך בדרך ועמדה שם האנקה הקטנה שגופה מכוסה במחטין, וירע בעיניו שהחיה הקטנה הנ"ל לא קמה ולא זעה מפניו, ויאמר הזאב: אם אין את הולכת מזה אני בולע אותך. ותען האנקה: הן אמת שתוכל לבלוע אותי, אבל ספק גדול הוא אם תשבע נחת מזה שאבוא אל קרבך, — כן עם בנ"י שעליו אמר ירמי': „קודש ישראל לד' ראשית תבואתו כל אוכליו יאשמו רעה תבוא עליהם נאום ד' — וע"ז יורה ג"כ הכתוב הנ"ל „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי". (מנחת יהודה).

התהלך לפני והיה תמים.

אברהם נקרא ת מ י ם (התהלך לפני והיה תמים) מחמת שקיים גם שניהם המצות שבין אדם למקום ושבין אדם לחברו — ולכן נקראת התורה ג"כ תורת ד' ת מ י מ ה, כי הלוחות ג"כ היו נחלקות לשתים, על האחת היו המצות שבאדל"מ, ועל השניה המצות שבאדל"ח, ומי שמקיים שניהם הוא התמים. (מנחת יהודה).

אברהם ונמרוד.

נמרוד התאכסן אצל אברהם וקבל אותו בסבר פנים יפות ונתן לו אכילה ושתיה לערך חודש ימים, אח"כ כאשר רצה נמרוד לילך מאתו וליסע לביתו ונתן לו תודה עבור גודל טובתו עמו, א"ל אברהם: איה הכסף עבור האכילה ושתיה? א"ל נמרוד הלא שמעתי עליך לאמר, כי אתה מכניס אורח גדול ואתה נותן לכל אורח אכילה ושתיה בחינם אם דל ואם עשיר ומדוע אהיה אני אצלך הגרוע מכולם? א"ל אברהם: אמת הדבר שאני זן לכולם, אבל רק לבני אדם, אמנם אתה נמרוד אומר שאתה אלוה, והאלוה מוכרח

לשלם. א"ל נמרוד: כמה מגיע לך ואשלם לך! א"ל אברהם: אני רוצה אלף כסף. א"ל נמרוד: איך תוכל להונות אותי לשלם לך סך רב כזה, הלא כתיב: לא תונו איש את עמיתו? האם דבר זה הוא יושר? ואיך נהפכת לגזלן? א"ל אברהם: אין זה גזל, כי הלא אני נתתי אכילה ושתיה לכל אדם בחנם, ולא לקחתי מהם אף פרוטה אחת, אבל לקחתי מהם ברכות שברכו אותי קודם פרידתם ממני, ומה היא הברכה אשר יברכו למכניס אורח? „ד' ימלא חסרונך ויחזיר לך בכפלים", ועתה אם דק בפנקסי תביט תמצא רשום שם ההוצאות אשר הוצאתי על אורחים עולים ס"ה חמש מאות שקל, לכן עתה הנה השגתי אותך בידי (ואתה אומר שאתה האלהים) ומוכרח אתה לשלם לי בכפלים עבור כל האורחים האלו (כמו שברכו אותי) ובאם לאו, אז אקח את מרכבתך וחמוריך ואפשוט מעליך את בגדיך בגדי מלכות. א"ל נמרוד: הנה לע"ע אין כסף בידי, רק לאחר זמן אשלם לך. א"ל אברהם: א"כ איך אתה אלוה? והלא כתיב: „לי הכסף ולי הזהב וגו'?" — לכן אם תתן לי כתב אשר אין אתה אלוה אמחול לך ותפטור ממני, והוכרח נמרוד לעשות כן, ואז הניחו אברהם לשוב לביתו, ואז נתפרסם הדבר, כי ד' הוא האלהים. (מובא בס' שער בת רבים בשם דרשן אחד).

צדיקים בתוך העיר.

„אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר" — מחמת שיש כמה אנשים שיתפללו באמת בדבקות נפלא, ובעת שהם בביהמ"ד הם צדיקים, אבל מיד כאשר ילכו בשוק יעשו כשרירות לבם לגנוב ולגזול. הכזה יקרא צדיק וז"ש ב ת ו ך ה ע י ר, כלומר, בעת שהולכים לעסוק בעסקים שבין אדם לחברו הם ג"כ צדיקים ועוסקים במו"מ באמונה, וזהו שאמר דוד: ל כ ו בנים שמעו לי" (והל"ל "בואו בנים") אך באמת בעת אשר החכם דורש ומוכיח אָז השומעים חוזרים בתשובה ומתחרטים על העבר, אַך מיד כאשר ילכו לביתם ישכחו כל הדברים ויחזרו על החטא, לז"א: ל כ ו בנים", ר"ל אף כשתלכו מזה לביתכם שמעו לי, וזהו ג"כ שכיוון הנביא הושע בדבריו: „קחו עמכם דברים", ר"ל קחו את הדברים שאני דובר אליכם אתכם, ותנו אותם על לבכם גם במשא ומתן שאתם עוסקים בו כל היום. (אהבת דוד).

והיה כצדיק כרשע.

„חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע והיה כצדיק כרשע השופט כל הארץ לא יעשה משפט" (תתבונן שהמלים „והיה כצדיק כרשע" נראים כמיותרים) — הענין שיש ב' מיני צדיקים בעולם, א' צדיקים אמתים, ב' צדיקים צבועים, אשר רק לפני בני אדם הרואים לעינים לצדיקים יחשבו, אבל ד' הרואה ללבב יודע כי הם מלאים מרמות ותוך („וצדיקים" כאלה נכללים בתואר „כצדיק" — ר"ל שנראה כצדיק) ועליהם התפלל אברהם שלא יתחלל ש"ש על ידיהם כי בעיני העם הם נחשבים לצדיקים, (ואם יענשו, יאמרו עם הארץ: זו חסידות וזו שכרה ומקרה אחד לצדיק ולרשע) וזהו מה שאמר אברהם בתפילתו: חלילה לך וכו' להמית צדיק (אמתי) עם רשע וגם חלילה לך שיהיה „כצדיק" (ר"ל אותו שנראה כצדיק) כרשע, מחמת שאז יאמרו העם ששופט כל הארץ לא יעשה משפט הו"ש. (בספרים אחדים).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

סדום והיום.

(פ' וירא).

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

ת"ר אנשי סדום לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב"ה, ומה כתיב בהם: ארץ ממנה יצא לחם וכו' מקום כפור אבניה ועפרות זהב לו וכו' אמרו וכי מאחר שארץ ממנה יצא לחם ועפרות זהב למה לנו עוברי דרכים שאין באים אלא לחסרנו, בואו ונשכח תורת רגל מארצנו וכו': דעבר במברא ניתיב חד זוזא דלא עבר במברא ניתיב תרי: דהוה ליה דרא דליבני אתא כל חד וחד שקיל חדא א"ל אנא חדא שקלי: ארבעה דייני היו בסדום וכו' דפדע ליה לחבריה אמרי ליה הב ליה אגרא דשקל לך דמא: דעבר במברא יהיב ארבעה זוזי דעבר במיא יהיב תמנא זוזי וכו': הויא להו פורייתא דהוה מגני עלה אורחין כי מאריך גייזי ליה כי גוץ מתחי ליה וכו': כי הוה מתרמי להו עניא יהבו ליה כל חד וחד דינרא ובתיב שמיה עליה וריפתא לא הוו ממטי ליה כי הוה מית אתי כל חד וחד שקיל דידיה. (סנהדרין ק"ט).

די וויכטיגסטע פאַסירונג וואָס ווערט דערצעהלט אין היינטיגע סדרה (פ' וירא) איז אהן צווייפעל די צערשטערונג אָדער די „איבערקעהרעניש" פון די פיער זינדיגע שטעדט: „סדום ועמורה אדמה וצבוים" — אין מיין פאַנטאַזיע קען איך זעהן דיזע אומגליקליכע שטעדט אַזוי ווי זיי וואָלטען געשטאַנען פאַר מיינע אויגען אין דיזען מאָמענט — אויסגעלעגט ווי אַ פיעל־פאַרביגער מאָזאַאיק אויף דעם פראַכטפאָלען בלומען־בעדעקטען „פליין" פון ירדן, און איינגעראַמט אין אַ ראַם פון פאַלמען און קאַסטאַניען גערטנער, ערשיינען דיזע שטעדט אין זייער גאַנצע אָריענטאַלישע שעהנקייט אַזוי ווי פרישע בילדער נאַר וואָס אַרויס פון אונטער'ן פענזיל פון אַ גרויסען קינסטלער — זייערע מערק רוישען מיט האַנדעל און זייערע גאַסען בעוועגען זיך מיט לעבען אַזוי ווי אַ ביענשטאָק מיט ביענען — ווער וואָלט עס דאַן געטרוימט, אַז סדום ועמורה, די „לאָנדאָן" און „פּאַריז" פון יענער צייט, וועלען באַלד פערוואַנדעלט ווערען אין אַש־בערגלעך און פערשוואַרצטע רואינען! אַבער אַזוי איז געווען דער דעקרעט פון אַלערהעכסטען ריכטער.

אין א געווויסען הייסען זומער טאג בעוויזט זיך גאט צו אברהם אבינו און דערצעהלט איהם, אז „דער אויסגעשריי געגען סדום ועמורה איז גרויס, און זייער זינד איז שווער״, און אז ער האט בעשלאסען אבצוואווישען דיזע שטעדט פון דער וועלט. — אברהם, דער מלאך אין מענשען־געשטאלט, ווען ער האט געהערט דיזע טרויעריגע נייעס, איז נעבאך געשטאנען א גאנצע נאכט און תפילה געטהאן פאר זיינע מיטמענשען ביז ער האט אויסגעווירקט א צוזאג, אז די שטעדט וועלען ניט פערניכטעט ווערען אויב עס וועלען זיך געפינען אין זיי כאטש צעהן צדיקים — אבער נאך אלעמען איז זיין תפילה געווען אומזיסט, ווייל צווישען די גאנצע בעפעלקערונג פון דיזע שטעדט האט מען ניט געקענט געפינען אפילו צעהן רעכטע מענשען — און „ווי נאר די זון איז אויפגעגאנגען אויף דר׳ערד, האט גאט אויסגעגאסען אויף סדום ועמורה א רעגען פון שוועבעל און פייער, און ער האט איבערגעקעהרט דיזע שטעדט און דעם גאנצען פלאץ און אלע איינוואהנער פון דיזע שטעדט און אלע פלאנצונגען פון דער ערד — און ווען אברהם איז אויפגעשטאנען אין דער פריה און האט געווארפען זיין בליק אין די ריכטונג פון סדום ועמורה און אויף די גאנצע לאנד פון יענעם פליין האט ער געזעהן ווי א געדיכטער רויך איז אויפגעגאנגען פון דער ערד אזוי ווי דער רויך פון א קאלך־אויוועו״.

II

נו, פרעגט זיך די פראגע: אין וואס זיינען איינענטליך בעשטאנען די פערברעכענס פון סדום ועמורה, וועלכע האבען פערדיענט פאר יענע שטעדט אזא שרעקליכע ענדע? — ווען די תורה דערצעהלט די שטראף פון אדם הראשון, גיט זי צו דער זעלבער צייט אן אויספיהרליכע ערקלעהרונג אין וואס זיין זינד איז בעשטאנען — נעמליך, ער האט געגעסען פון עץ הדעת. ווען קין איז פערשאלטען געווארען צו זיין אן אייביגער וואנדערער אין דער וועלט, געפינען מיר אויך אין דער זעלבער פרשה אין וואס זיין פערברעכען איז בעשטאנען, נעמליך, ער האט ערמארדעט זיין ברודער. ווען גאט האט בעשלאסען צו ברענגען דעם מבול אויף דער וועלט, האט ער אויך געגעבען די אורזאכע דאפאן, נעמליך, ווייל די וועלט איז פול געווארען מיט רויב — וואס האט געקענט זיין די זינד פון סדום ועמורה, וועלכע ווערט אנגעגעבען אין דער תורה נאר אויף א דונקעלע וועג אין דער ווערטער „דער אויסגעשריי געגען זיי איז גרויס און זייער זינד איז זעהר שווער״?

אבער וואס עס איז פערשוויגען געווארען אין תורה שבכתב, ווערט פערעפענטליכט אין תלמוד — אין מסכתא סנהדרין ק״ט געפינען מיר א לאנגען ליסט פון חטאים, וועלכע די איינוואהנער פון סדום זאלען האבען בעגאנגען — די שווערסטע פון זיי זיינען פאלגענדע:

1) זיי האבען ניט געוואלט האבען אין זייער מיטע קיינע מענשען פון פרעמדע לענדער.

2) אין מיטען שטאָדט איז דורכגעלאָפען א טייך און דיזער איז געווען געשפּאַנט מיט א בריק — דאָס געזעץ איז געווען, אז דער יעניגער, וועלכער איז געגאַנגען איבער'ן בריק האָט גע־צאָהלט איין גאָלדשטיק, וועהרענד דער וואָס האָט געוואָלט איינ־שפּאָרען און געבראָדזשעט איבער'ן טייך צופוס, האָט געמוזט צאָהלען צוויי גאָלד שטיק.

3) אז איינער האָט געהאַט א רייהע ציגעל צונויפגעלעגט אויף זיין הויף איז יעדער געקומען און אוועקגענומען איינעם ביז עס איז גאָר נישט געבליבען, און ווען דער אייגענטהימער האָט יעמאַנדען פון זיי בלאָמירט פאַר דעם אומרעכט וואָס ער האָט איהם געטהאָן, האָט ער געענטפערט: „וואָס האָב איך געטהאָן? איך האָב דאָך נאָר גענומען איין ציגעל".

4) אז איינער האָט דעם צווייטען געבראַכט פאַר א ריכטער אויף דער קלאַגע, אז יענער האָט איהם אטאַקירט און צובלוטיגט, פלעגט דער ריכטער זאָגען צום קלעגער: „בעצאָהל איהם פאַר דער אַרבייט, ווייל ער האָט געטהאָן די אַרבייט פון א דאָקטאָר, ער האָט דיר בלוט געלאָזען".

5) די לייטע פון סדום האָבען געהאַט א בעט פון א גע־וויסער לענג, און יעדען אורח וואָס איז געקומען אין זייער שטאָדט האָבען זיי געלעגט שלאָפען אין דיזער בעט. אויב דער אורח איז געווען לענגער ווי די בעט, האָבען זיי איהם קירצער געמאַכט, און אויב ער איז געווען קירצער, האָבען זיי איהם אַזוי לאַנג געצויגען ביז ער איז געוואָרען די זעלבע מאָס ווי די בעט.

6) ווען אַן אָרימאַן איז געקומען אין שטאָדט האָט איהם יעדער איינוואָהנער געגעבען א מטבע מיט זיין נאָמען אויס־געקריצט דערויף, אָבער שפּעטער ווען דער אָרימאַן האָט געוואָלט קויפען שפּייז דאַפיר האָבען זיי איהם ניט פערקויפט — זעלבסט־פערשטענדליך, אז ער איז געשטאָרבען פאַר הונגער, דאַן איז יעדער געקומען און צוגענומען זיין מטבע.

ווען מיר וואָלטען געפונען אַזעלכע ערצעהלונגען אין א מעשה־ביכעל פאַר קינדער, וואָלטען מיר זיי אַנגענומען אַלס גאַנץ גוטע גלייכוווערטלעך — אָבער וואָס זאָלען מיר זאָגען, ווען מיר געפינען זיי אין תלמוד? יעדער וואָס האָט נאָר אַמאָל געשטודירט דעם תלמוד ווייס אז אונזערע חכמים האָבען זיך ניט אָבגעגעבען מיט פוסטע גלייכווערטלעך — פערקעהרט, אויב מיר זאָלען דיזע ערצעהלונגען אַננעהמען אַלס ווירקליכע פאַקטען, וועלען מיר זיך נאָר מאַכען לעכערליך אין די אויגען פון דער וועלט, די קריסטליכע וועלט וואָלט געטייטעלט אויף אונז מיט די פינגער און געזאָגט: „קוקט נאָר אז די אידען וואָס זאָגען אז זיי קענען ניט גלויבען אין

נייעם טעסטאמענט, ווייל זיי געפינען אין איהם אונגלויבליכע זאכען, אבער זעהט נאר וואסערע אונגלויבליכע זאכען זיי גלויבען ווען זיי געפינען עס נאר אין זייערע אייגענע ביכער!"

דער אמת איז, מיינע ליעבע לעזער, אז די אויבענאויסגערעכענטע ערצעהלונגען זיינען ניט קיין גלייכווערטלעך און אויך ניט קיין ווירקליכע פאקטען, נאר משלים.

דער וואס האט נאר אמאל געשטודירט דעם תלמוד ווייס גאנץ גוט ווי אפט דער תלמוד דריקט זיך אויס אין אן אלעגארישען וועג און נעהמט זיך אפילו ניט די מיה צו ערקלעהרען אויספיהרליך דעם נמשל דערפון — די חכמי התלמוד האבען גערעדט צו די קלוגע און עס האט זיי וועניג געארט אויב נאראנים וועלען זיי מיס־פערשטעהן.

אין דיזע ערצעהלונגען, וואס איך האב אויבען געבראכט ווערען די זינד פון סדום ועמורה גאנץ דייטליך ערקלעהרט צו אלעמען וואס האבען אויגען צו זעהן און א שכל צו פערשטעהן — נאך מעהר, אויב מיר וועלען גוט נאכדענקען וועלען מיר געפינען, אז די זינד פון סדום ועמורה זיינען נאך אפילו היינטיגען טאג אין גאנצען ניט אבגעמעקט געווארען פון דער וועלט.

III

די לייטע פון סדום האבען ניט געוואלט האבען קיין פרעמדע מענשען אין זייער מיטע.

דאס איז כאראקטעריסטיש פון דעם טהירישען געפיהל וואס איז איבער־געגאנגען צו די מענשהייט פיינד צו האבען פרעמדע — וואס טהוען העגער צו א פרעמדען האז וואס ווערט פלוצלינג אריינגעבראכט אין זייער קרייז? זיי פאלען אן אויף איהם און ווילען איהם אויף טויט צופיקען. מענשען זיינען קליגער און פעהיגער; זיי בעשאפען געקינסטעלטע גרענעצען און שטעלען אן מחנות בעאמטע וואס זאלען קיין פרעמדע לחלוטין ניט אריינלאזען אדער וואס זאלען מאכען פאר זיי אזעלכע שוועריגקייטען אז זיי זאלען אליין ניט וועלען קומען. — סדום איז געווען די ערשטע אין די אלטע צייטען וואס האט אנגענומען דיזע פאליסי, און פון דאן ביז היינט איז דאס געווען די ערגסטע קללה וואס האט געפלאגט די מענש־ליכע ראסע. — די בוואפענטע גרענעצען און די צאלל־הייזער און די אימיגראציאנס־געזעצע זיינען געווען די ערשטע און גרעסטע סבה כמעט פון אלע מלחמות אין מאדערנע צייטען. און די מלחמות וועלען זיך ניט ענדיגען ווי לאנג דיזע וועלען ניט אבגעשאפט ווערען*). — די תורה פאנגט אן די געשיכטע פון דער מענשהייט מיט אדם וחוה, איינצופלאנצען אין מענשען'ס הארצען די איבערצייגונג אז וויסע,

*) זעלבסטפערשטענדליך, אויף א געזעצליכען וועג, דורך א פריעדליכען אבמאך צווישען נאציאנען.

שוואַרצע, געלע, אין איין וואָרט, אַלע מענשען־קינדער שטאַמען פון איין פאָטער און מוטער און האָבען אַ רעכט זיך צו בעזעצען און צו האַנדלען אין אירגענד וועלכען טהייל פון דער וועלט וואָס געפעלט זיי, אָהנע אָבצוגעבען דין וחשבון צו אירגענד וועלכע מענשען אָדער גרופּעס פון מענשען — ווען דיזער פּרינציפּ וועט אַנערקענט ווערען פון אַלע פעלקער, וועט מען שוין מעהר ניט דאַרפען זוכען מיטלען צו פערמיידען מלחמות אויף דער וועלט, ווייל עס וועט ניט זיין מעהר צוליעב וואָס מלחמה צו האַלטען.

(וזהו כוונת בן עזאי שאמר על הכתוב „זה ספר תולדות אדם“ שהוא כלל יותר גדול ופתגם יותר נכבד מן הכתוב „ואהבת לרעך כמוך“ — שבהשקפה ראשונה נראה תמוה מאד — אבל לפי מה שאמרנו בזה יזהירו דבריו כזוהר הרקיע כי בן עזאי ברוח קדשו חדר אל תוך הוראת הכתוב „זה ספר תולדות אדם ביום ברוא וכו׳“ (שנראה כמיותר לגמרי) ודלה מרגניתא מתותיה שכוונת הכתוב הנ״ל להורות לנו שכולנו בני אב אחד נתנו ושחביב אדם שנברא בצלם אם לבן או שחור או ירוק או נחושתן (קופּער־קאָליער) מראהו — ולכן הכתוב הנ״ל באמת כולל יותר מן הכתוב „ואהבת לרעך כמוך“ שיש לומר עליו שהמלה „רעך“ באה למעט נכרים — וד״ל).

IV

אַז איינער האָט געהאַט אַ רייהע ציעגעל צונויפגעלעגט אין זיין הויף איז יעדער געקומען און אַוועקגענומען איינעם ביז עס איז גאָר נישט געבליבען, און ווען דער אייגענטהימער האָט יעמאַנ־דען פון זיי בלאַמירט פאַר דעם אומרעכט וואָס ער האָט איהם גע־טהאָן, האָט ער געענטפערט: „וואָס האָב איך געטהאָן? איך האָב דאָך נאָר גענומען איין ציעגעל“.

דאָס איז געמיינט געוואָרען אַנצודייטען אויף דעם קלאַס פערברעכענס, וואָס ווערען בעגאַנגען פון פעבעל אָדער ווי מען רופט עס אין ענגליש „מאָב“ — אַזוי ווי צום ביישפּיעל פּאָגראָמען, לינטשינגס א. ז. וו. — גאַנץ אָפט ווערען בע־גאַנגען פערברעכענס פון פעבעל, וועלכע זיינען אַזוי ברוטאַל און בעסטיאַליש, אַז דער מוח קען ניט בעגרייפען ווי אַזוי מענשען האָבען עס געקענט בעגעהן — די ערקלעהרונג דאַפון איז, אַז יעדער פון זיי פאַר זיך אַליין וואָלט טאַקע אַזאַ פער־ברעכען בשום אופן ניט געקענט בעגעהן, אָבער ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען אין אַ „קראָוד“ האָבען זיי עס געפונען גאַנץ לייכט צו טהאָן, ווייל יעדער פון זיי האָט זיך געקענט ריינוואַשען פאַר זיין געוויסען, אַז ער אַליין האָט נאָר געטהאָן אַ גאַנץ קליינע טהייל פון די אַבשייליכע אָדער גרויזאַמע טהאַט, און אַז זיין טהאַט אַליין וואָלט ווייט ניט גענוג געווען צו האָבען דעם שרעקליכען רעזולטאַט וואָס דער טהאַט פון גאַנצען מאָב האָט געהאַט — צ. ב. ש. ווען דער געוויסען זאָל אָנפאַנגען צו פּלאָגען איינעם וואָס האָט אַנטהייל גענומען אין אַ „לינטשינג“, וועט ער זיך לייכט קענען טרייסטען מיט די ווערטער: „וואָס האָב איך געטהאָן? איך האָב דאָך נאָר געבראַכט די שטריק, אָדער אַ געשריי געטהאָן: לינטש הים! אַ שטריק

אליין אדער א ווארט אליין האט ניט בכח צו פערניכטען א מענשען לעבען, די איבעריגע האבען דאך אנדערע הענט געטהאן, זאלען זיי זיך פערענטפערען פאר זייער געוויסען".

אט דיזע מעטהאדע פון בעגעהן פערברעכען אויף א „קא־אפעראטיוועו" באזיס און נאכהער זיך ריינצוואשען מיט אן „אינדיווידועלע" טענה, האט מען אויסגעטראכט צום ערשטען מאל אין סדום ועמורה, און די היינטיגע פאגראמ־שטשיקעס און לינטשערס זיינען נאר נאכאהמערס...

V

אין מיטען שטאדט האט געפלאסען א טייך און דיזער איז געווען געשפאנט מיט א בריק — דאס געזעץ איז געווען אז דער יעניגער וואס איז געגאנגען איבער'ן בריק האט געצאהלט איין גאלד־שטיק, ווערהענד דער וואס האט געוואלט איינשפארען און געהן איבער'ן טייך צופוס האט געמוזט צאהלען צוויי גאלדשטיק.

דיזען משל קען מען גאנץ לייכט פערשטעהן ווען מען בעדענקט זיך, אז די פארצייטיגע פילאזאפען האבען גאנץ אפט פערגליכען די וועלט צו א ברויזענדען ים (ים זועף) אדער צו א פליסענדען טייך — און אין אמת'ן זיינען די קאכענדיגע וואסערען און די וויטהענדע כוואליעס פון ים דער בעסטער שפיגעל פון דעם מענשענ'ס לעבען אויף דער וועלט.

יעדער פון אונז מוז אריבערגעהן דעם ברויזענדען טייך פון לעבען; נאר פונדעסטוועגען איז פאראן א גרויסער אונטערשיעד ווי אזוי פערשיעדענע מענשען געהען איהם אריבער — די מאריאריטעט פון אונז בראדזשענען צופוס און זיינען געצוואונגען צו פיהרען א קאמפף מיט די כוואליעס פון לעבען אויף יעדען טריט — דאס איז די ארימע און די מיטעלע קלאסע פון די מענשהייט — אבער א קליינע מהייל פון די געזעלשאפט געהט אריבער דעם טייך פון לעבען אויף א **גאלדענעם בריק** — דאס איז די רייכע קלאסע, וועלכע ארבייט ניט און שמוצט ניט איין די הענט און נעצט ניט איין די פיס און קריגט אלע גוטע זאכען פון דער וועלט צוגעבראכט צו דער האנד אהן מיה און אהן מאטערניס.

יעצט וועט איהר לייכט פערשטעהן דעם טיעפזיניגען משל פון תלמוד, וועלכער ערקלעהרט אז די יעניגע אין סדום, וועלכע האבען געבראדזשעט דעם טייך צופוס האבען געמוזט מאכען גרעסערע אבצאהלונגען ווי די וואס זיינען געגאנגען איבער'ן בריק — דאס איז געמיינט געווארען צו ערקלעהרען אז די ארימעלייט האבען געהאט גרעסערע לאסטען צו טראגען ווי די רייכע. —

און טאמער וועט איהר זאגען, אז איהר קענט ניט פערשטעהן, ווי אזוי אזא זאך איז מעגליך, זאלט איהר זיך ארומקוקען אין אייער אייגענע וועלטעל און איהר וועט זעהן אז די אומשטענדען האבען זיך ניט פיעל געביטען פון דאן ביז יעצט...

לאמיר אנפאנגען פון די היים — אן ארימער יונגערמאן הייראטעט אן ארימע מיידעל — גלייך נאך דער חתונה פאנגען זיי אן צו צאהלען רענט, און איהר מעגט כמעט ווי זיכער זיין אז זיי װעלען שוין צאהלען רענט יאהר איין און יאהר אוים ביז'ן קבר — אויב דיזע פאר־פאלק וועט אויסלעבען די זיעבעציג יאהר וואס גאט האט צוגעטהיילט דעם מענשען, וועלען זיי האבען אויסגעצאהלט פון פופצעהן ביז צוואנציג טויזענד דאלער, און וואס האבען זיי געהאט דאפיר? פיער אדער פינף קליינע רומקעס ווי באקסעס, שוין ניט צו דערמאהנען די צרות און קאסטען וואס זיינען פערבונדען מיט „מואווען" פון איין הויז אין די אנדערע (דורכשניט האבען זיי געווים געמואווט צעהן אדער פופצעהן מאל).

צו דער זעלבער צייט מיט זיי האט אויך חתונה געהאט א רייכע פאר־פאלק — זיי האבען בעצאהלט די זעלבע פופצעהן ביז צוואנציג טויזענד דאלער פאראוים און האבען דערפאר געקראגען א פראכטפאלע הויז אין א שעהנע און שטילע גאס — א היים וועלכע זיי אליין קענען פערוואהנען און נאכהער איבערלאזען צו זייערע קינדער ווען עס וועט קומען זייער צייט אוועקצוגעהן פון דער וועלט.

דאס זעלבע איז אויך מיט קליידונג — דער רייכער מאן לאזט מאכען זיינע קליידער אויף בעשטעלונג, און אויסער דעם וואס זיי ליעגען אויף איהם ווי אויס־געגאסען, זיינען זיי שטארק און דויערהאפט — דער ארימאן קויפט פערטיגע קליידער, וועלכע זיינען אויפגעשטריגעוועט געווארען פון א הויפען הונגעריגע שניידער אין א סוועטינג שאפ — דער רעזולטאט איז, אז זיין ראק איז צו שמאל פון פאָרענט און צו ברייט פון הינטען; איין פאלע איז לענגער ווי די אנדערע; דער קאלנער ליעגט ווי א כאמוט אויף א דארען פערד, און די פאלבען אונטער יעדען ארעם זעהען אוים ווי א וויבערשע ספאדניצע — זיין איינציגער גליק איז, אז לאנג וועט דער בגד ניט האלטען — ער איז געמאכט פון רעגס און אין גיכען וועט פון איהם צוריק ווערען רעגס.

דאס זעלבע איז אויך מיט שפייז ארטיקלען — דער רייכער מאן קויפט די פראוויאנט פאר זיין טיש פאר „קעש", און נאטירליך קריגט ער דאס בעסטע פון דער לאנד — דער ארימאן נעהמט „אויפ'ן בוך", און איהם קומט אן די אייער וואס זיינען עלטער ווי די היהנער וועלכע האבען זיי געלעגט; קעז וועלכע געד־דענקען די מלחמות פון ערשטען נאפאלעאן, און פוטער וואס איז געמאכט גאט וויים פון וועלכען מאטעריאל — פון שמעטענע געווים ניט — נאר איין זאך איז גוט אין דיזע ארטיקלען: דער פרייז איז א גוטער.

דאס איז די מיינונג פון די חכמי התלמוד ווען זיי זאגען אז אין סדום איז געווען איינגעפיהרט, אז די וועלכע האבען געבראדזשעט דעם טייך פון לעבען צו־פוס האבען געמוזט טראגען שווערערע לאסטען ווי די וועלכע זיינען אריבערגע־נאנגען זייער וועלטעל אויף א בריק (פון גאלד) — מיר זעהען דאס זעלבע מיט אונזערע אייגענע אויגען היינטיגען טאג.

VI

אַז איינער האָט דעם צווייטען געבראַכט פאַר אַ ריכטער אויף דער קלאַגע אַז יענער האָט איהם אַטאַקירט און צובלוטיגט, פלעגט דער ריכטער זאָגען צום קלעגער: „בעצאָהל איהם פאַר דער אַרבייט, ווייל ער האָט געטהאָן די אַרבייט פון אַ דאָקטאָר — ער האָט דיר בלוט געלאָזען".

אויבערפלעכליך זעהט דיזע געשיכטע אויס ווילד, משונה'דיג, מיר קענען זיך קוים פאָרשטעלען ווי אַזוי אַ געזעלשאַפט האָט געקענט עקזיסטירען ווען דאָס געזעץ זעלבסט האָט געהייסען די בירגער בעצאָהלען פאַר די אומרעכט וואָס איז זיי געטהאָן געוואָרען — אָבער דורך אַ צופאַל האָב איך אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן דעם ריכטיגען מיינונג פון דיזען משל. — איך האָב אַמאָל געוואָהנט אין אַ שטאָדט וואו די בעאַמטע זיינען געווען בעוואוסטע כאַבאַרניקעס אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקא „גרעפטערס", וועלכע האָבען געצויגען גוטע סאַלאַריעס פון די שטאָדט קאַסע און צו דער זעלבער צייט האָבען זיי פערקויפט די אינטערעסען פון די בירגער צו רויבערישע קאָרפּאָריישאַנס און טראַסטס, און אויף פיעל אַנדערע אופנים האָבען זיי אויסגעלייזדיגט די פּאַקעטס פון די בירגער. — ענדליך האָט זיך געגרינדעט אַ רעפאָרם-פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעפאַנגען איהר פּלאַטפאָרם מיט די ווערטער: „בירגער! ווי לאַנג נאָך וועט איהר לאָזען אַ באַנדע באַנדיטען צאַפּען אייער בלוט און דערצו נאָך בעצאָהלען גוטע געלד דערפאַר?" מיינט איהר אפשר די בירגער פון יענער שטאָדט זיינען קליגער געוואָרען? די זעלבע באַנדע גרעפטערס ווערען נאָך היינט בעצאָהלט ביי די זעלבע שטאָדט פאַר זייער געשיקטע אַרבייט אין בלוט-לאָזען זייערע עלעקטאָרס... עס איז טאַקע אמת אַז די אַמאָליגע סדום איז איבערגעקעהרט געוואָרען, אָבער איהרע אינסטיטושאַנס און מנהגים זיינען ניט אונטערגעגאַנגען. — נאָך לאַנג לאַנג וועט מען בלוטיגען די גרויסע בייבי וואָס הייסט „פּובליקום", דערצו וועט מען איהר מאַכען בעצאָהלען גוטע געלט דאָפיר...

VII

די לייטע פון סדום האָבען געהאַט אַ בעט פון געוויסער לענג און יעדען אורח וואָס איז געקומען אין זייער שטאָדט האָבען זיי געלעגט שלאָפען אין דיזער בעט, אויב דער אורח איז געווען לענגער ווי די בעט האָבען זיי איהם קירצער געמאַכט, און אויב ער איז געווען קירצער האָבען זיי איהם אַזוי לאַנג געצויגען ביז ער איז געוואָרען די זעלבע מאָס פון דער בעט.

דיזער איז דער שעהנסטער און שאַרפסטער משל אויף די אונטאָלעראַנץ פון די מאַיאָריטעט וועלכע וויל ניט אַנדערש נאָר אַז יעדער איינער זאָל טראַכטען און ריידען ווי זי וויל, און טאָמער געפינט זיך איינער וואָס האָט דעם קוראַזש זיך צו ערקלעהרען ניט איינשטימיג מיט די מאַיאָריטעט, ווערט ער פערפאָלגט און גע־

מאטערט און זעהר אפט בעצאהלט ער מיט'ן לעבען פאר זיין געוואגטען שריט.—אזוי האט עס פּאסירט מיט אונזערע נביאים, און אזוי אויך להבדיל צווישען די אומות העולם, מיט סאקראטעס, העסס, ברונא, גאלילעא, א. ז. וו.

די מאסע פּאדערט, אז יעדער איינער זאל זיין אין איין גרויס מיט איהר, און אויב זי געפינט אז יעמאנד וואגט צו האבען אן אייגענע מיינונג מיט וועלכע דער „קראוד" איז ניט צופריעדען, מאכט זי איהם מיט א קאפּ קירצער, אדער זי ציהט איהם אויס גליעד פאר גליעד...

VIII

וועז אן ארימאן איז געקומען אין שטאדט האט איהם יעדער איינוואהנער געגעבען א מטבע מיט זיין נאמען אויסגעקריצט דער־רויף, אבער שפּעטער ווען דער ארימאן האט געוואלט קויפען ברויט דאפיר, האבען זיי איהם ניט פערקויפט. — זעלבסטפערשטענדליך, אז ער איז געשטארבען פאר הונגער, דאן איז יעדער געקומען און צוגענומען זיין מטבע.

דיזער אקט זעהט אויס צו זיין דער גרויזאמסטער פון אלע מעשים תעתועים וואס זיי האבען געפּראקטיצירט אין סדום — און דאך, אויב איהר וועט זיך גוט ארומזעהן, וועט איהר געפינען אז פיעלע זאגענאנטע פילאנטראפען פון היינטיגער צייט האנדלען פונקט אויף אן ענליכען אופן. — ווען איהר עפענט א צייטונג געפינט איהר אז מר. נ—ן האט געגעבען אזוי פיעל מיליאנען פאר „טשאריטי"; מר. ב—ג האט איבערגעלאזען זיין גאנצען פערמעגען פאר „טשאריטי", א. ז. וו. — אז א מענש פון אן אנדער לאנד וועלכער איז אומבעקאנט מיט אונזער ציוויליזא־ציאן וואלט דאס לעזען, וואלט ער זיך געטראכט, אז די יעניגע וואס לעבען ביי אונז פון טשאריטי מוזען זיין די גליקליכסטע מענשען אין דער וועלט, זעהענדיג ווי די מיליאנערען פון אונזער לאנד פּלייסען זיך אריבערצושיגען איינער דעם צווייטען אין אוועקגעבען זייער געלד פאר טשאריטי — אבער אויב ער וועט לעזען א ביסעלע ווייטער אין די זעלבע צייטונגען, וועט ער זיין ערשטוינט צו געפינען, אז מר. ד—ל איז בעגאנגען זעלבסטמארד ווייל ער האט ניט געהאט קיין ברויט פאר זיין פאַ־מיליע, און די אלמנה מרס. ר—ש איז געפונען געווארען אין איהר רום טויט פון הונגער, און א אינגעלע פון 7—8 יאהר איז געפונען געווארען אויף די טרעפּ פון א טענעמענט הויז שטייף ווי א האלץ פערפרארען אויף טויט פון קעלט. — דער פרעמדער וואלט זיך דיזע רעטעניש בשום אופן ניט געקענט ערקלעהרען. — אויף איין זייט זעהט ער ווי אזוי מיליאנען ווערען אויסגעשאטען טעגליך מיט א פרייע האנד פאר „טשאריטי", און אויף דער צווייטער — הונדערטער נפשות פערהונגערט אדער פערפרארען צום טויט! אבער מיר, וואס מיר וויסען די פאלשקייט, צבוע'אצטווא און ביליגען גלאנץ פון אונזער ציוויליזאציאן, וואונדערען זיך גאר ניט דערויף — אונזערע מיליאנערען גיבען נאר צדקה מיט גלעקלעך... איינער

בויט ליבעררים, א צווייטער — אוניווערזיטעטן, א דריטער — דול־הייזער. — אויף די ווענט פון דיזע אינסטיטושאנס ווערען אויפגעהאנגען בראנזענע טאוולען, וועלכע וועלען דערצעהלען זייערע שבחים אויף דור דורות — אבער אז זיי וועלען געבען ברויט אדער קוילען צו ארימע לייט, וועט עפעס בלייבן א זכר דערפון? די ארימע לייט וועלען עס דאך אויפעסען אדער פערברענען...

אלזא, ווי איהר זעהט, האט די וועלט א קנאפע פעולה געטהאן פון סדום ביז היינט. — אין אונזערע צייטען גיבען די פילאנטראפען ליבעררים און אוני־ווערזיטעטען; אין די צייטען פון סדום האבען זיי דאס געטהאן א ביסעל איינ־פאכער, זיי האבען געגעבען הארטע מטבעות — אבער פאר'ן ארימאן איז דער רעזולטאט דער זעלבער; קיין ברויט גיט מען איהם ניט...

* * *

און טאמער פרעגט איהר, ווארום דער זעלבער גאט וואס האט איבערגע־קעהרט סדום ועמורה פערשוויגט אונזערע זינד, וועלכע זיינען גאנץ עהנליך צו זייערע, זאלט איהר ווארפען אייער בליק אויף דעם שרעקליכען בראנד וואס וויטהעט אויף יענער זייט ים שוין באלד פיער יאהר און איהר וועט ערהאלטען אייער אנטווארט — און אויב איהר וועט געפינען אז די איבערקעהרעניש פון די פיער זינדיגע שטעדט אין אברהם'ס צייטען איז געווען נאר א קינדער־שפיעל אין פערגלייך מיט דיזען חורבן, וועט איהר אויך מוזען קומען צום בעשלוס, אז די זינד פון סדום איז געווען א קינדער־שפיעל געגען די זינד פון אונזער היינטיגער געזעלשאפט.

חומר לדרוש.

סדום והיום.

אגדות חז"ל.

„השופט כל הארץ לא יעשה משפט" — אמר: אם עולם אתה מבקש אין דין, ואם דין אתה מבקש אין עולם, אתה תופס את החבל בשני ראשים; אתה מבקש עולם ומבקש דין. אם אין אתה מוותר קמעא, אין העולם יכול לעמוד. (ב"ר פ' מ"ט).

אנשי סדום לא נתגאו וכו' — עיין לעיל ראש הדרוש „סדום והיום".

אמר ר' ירמי' בן אלעזר: עיקר שלותה של סדום לא היתה אלא חמשים ושתים שנה, ומהן עשרים וחמש שנה היה הקב"ה מרעיש עליהם הרים ומביא עליהם זועות כדי שיעשו תשובה, ולא עשו, עד שלבסוף הפכה. זהו שנאמר: „המעתיק הרים ולא ידעו — אשר הפכם באפו". (ב"ר פ' מ"ט).

„ותבט אשתו מאחריו ותהי נציב מלח" — ר' יצחק אמר: שחטאה במלח. באותה הלילה שבאו המלאכים אל לוט מה היא עושה? הולכת אל כל שכנותיה ואומרת להן: „תנו לי מלח שיש לנו אורחים" — והיא מתכוונת כדי שיכירו בהם אנשי העיר, לפיכך „ותהי נציב מלח". (שם).

האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית, ויש אומרים: זו מדת סדום. (אבות ב').

„ארדה נא ואראה" — א"ר אבא בר כהנא: מלמד שפתח להם הקב"ה פתח של תשובה (ב"ר פ' מ"ט).

ר' יהודה אומר הכריזו בסדום כל מי שהוא מחזיק בפת לחם לעני ואביון ישרף באש — פלוטית בתו של לוט היתה נשואה לאחד מגדולי סדום, ראתה עני אחד מדוקר (ברעב) ברחוב העיר ועגמה עליה נפשה, מה היתה עושה? בכל יום כשהיתה יוצאת לשאוב מים היתה נותנת בכד שלה מכל מה שבביתה ומאכלת לאותו עני — אמרו: מאין חי העני הזה? וכשידעו בדבר הוציאוה לישרף — אמרה: רבון העולמים עשה משפטי ודיני! ועלתה צעקתה לפני כסא הכבוד — אמר הקב"ה: ארדה נא ואראה אם צעקת הנערה הזאת עשו אנשי סדום אהפוך יסודותיה — „הכצעקתם" אינו אומר אלא „הכצעקתה" (ר"ל צעקת אותה נערה) — פד"א פכ"ה.

„ויהפוך את הערים האלו" — ר' לוי בשם ר' שמואל בר נחמן: חמשה כרכים האלה יושבים על צור אחד, שלח המלאך את ידו והפכן — הה"ד „בחלמיש שלח ידו". (ב"ר פ' נ"א).

זעקת סדום ועמורה כי רבה.

„ויאמר ה׳ זעקת סדום ועמורה כי רבה" (וקשה שנראה כאלו אנשי סדום היו צועקים ולא אחרים עליהם) — ואחשוב בהבנת הענין עם מה שנודע מחילוקי טבעי בני האדם כי שונות זמ"ז. יש אשר מעודו לא נסה בסבלת מכאובים ותחלואים ולא שמע קול נוגש מעולם, ולכן אך יתן אדם ידו עליו יפער פיו ויצעק: הוי, הוי! כאלו הכהו מכה רבה. לא כן האיש אשר עדו ועברו עליו כמה פגעים וקורות מכאיבות, לא ישאג בלתי אם תכבד עליו מכת מכהו למאד — והנה בסוג הראשון אף כי ישאג וירעים בקול גדול לא יחתו השומעים לרוץ אליו להצילו מרעתו, בידעם כי מטבעו הוא להיות צועק וגונח, ואין רע, לא כן אם האיש מסוג השני יתן בקולו, רבים יחרדו לעומתו, בידעם כי אין מטבעו להיות צועק בלתי אם נגע בו החרב עד הנפש. — וע"ד זה עצמו היה ענין הסדומים כי כולם גזלו וחמסו איש את רעהו, וא"כ ודאי שלא היה מדרכם לצעוק כי אם על רעה רבה, וזהו: זעקת סדום ועמורה כי רבה (כלומר, אם בסדום יזעקו מרה כ"כ, באין ספק) ש„חטאתם כבדה מאד" (אוה"י).

האף תספה צדיק עם רשע.

„ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע: אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר האף תספה ולא תשא למקום למען חמשים הצדיקים אשר בקרבה: חלילה לך מעשות בדבר הזה להמית צדיק עם רשע והיה כצדיק כרשע, חלילה לך, השופט כל הארץ לא יעשה משפט: (בר׳ י"ח—כ"ד, כ"ה).

יש לדקדק במקראי קודש האלו: א) שבאמרו „ולא תשא למקום בעבוד וכו׳" הלא כוונתו להציל הרשעים בזכות הצדיקים, אבל תוך כדי דבור סותר את עצמו באמרו „חלילה לך להמית צדיק עם רשע" — הלא יאמר ד׳: אין כוונתי לעשות כזאת אלא הנפש החוטאת היא תמות? ב) איך עלה על דעת אברהם שה׳ יעשה חו"ש עול כזה להמית צדיק עם רשע, ומי חשוד קוב"ה וכו׳? ג) המאמר „והיה כצדיק כרשע" נראה כמיותר לגמרי, ד) למה תלה התמיה ב„שופט כל הארץ", וכי מי שהוא שופט אדם אחד א"צ לעשות משפט אמת?

והענין, כי בערך רוממות גדולתו יתב׳ הבלתי סוף אין שום נברא בעולם שיצא ידי חובתו נגדו, כמ"ש כי לא יצדק לפניך כל חי, ולכן הוא יתב׳ ברצותו לזכות את האדם הוא מעריך את ההולכים בדרך טוב מול הארציים הנוטים אחרי תאוות גופם ואינם יכולים למשול על יצרם כלל. — והנה זאת ידע אברהם כי צדיקים גמורים אינם נמצאים בסדום, אבל היה חושב אם תעריך אותם מול רשעים גמורים יהיו נחשבים לצדיקים לז"א: „האף תספה צדיק עם רשע?" — ר"ל אותם שהם צדיקים כשהם נערכים ביחד עם הרשעים — „חלילה לך מעשות כדבר הזה וכו׳ והיה כצדיק כרשע" — ר"ל שאם תעשה זאת, הצדיק יחליט שלא יהיה לו שום יתרון בצדקתו (שתלא צדיק גמור בעיני השם יתב׳ אי אפשר לאדם להיות ואך „צדיק כשהוא נערך עם רשע" יכול להיות ואם יראה שצדיק כזה לא נחשב בעיניו לטוב מרשע גמור, יחליט בנפשו לנטות גם הוא אחר תאוותיו כשכנו הרשע גמור — וזהו: „והיה כצדיק כרשע") — „חלילה לך השופט כ ל ה א ר ץ וכו׳", ר"ל אתה ד׳ שדרכך לשפוט את כל הארץ ביחד בהעריך אותם זה מול זה, חלילה לך שלא תעשה משפט כזה גם עם אנשי סדום — וד"ל (בני יששכר בספרים אחרים).

השופט כל הארץ לא יעשה משפט.

תתבונן שאברהם בהתפללו על אנשי סדום בקש „משפט", לא כן משה, בכל עת שהוצרך להתפלל בעד ישראל בקש „רחמים", הלא דבר הוא? — אבל יובן ע"פ משל:

סוחר אחד עושה מסחר למיליונים בא פעם אחת למקום שלא היו מכירים אותו ונכנס לחנות לקנות דבר מה בהקפה — בעל החנות שלא ראה את פניו מימיו שאל אותו על שמו ועל מקום מושבו וכו', ואפילו כאשר הגיד לו מי הוא, לא רצה בעל החנות להאמינו עד שנתן לו שטר על מחיר הסחורה, ואז מלא את בקשתו בכבוד וגם בקש סליחה ממנו על שלא רצה להאמין לו — אבל הסוחר ענה שהסליחה אך למותר כי בדין לא רצה להאמינו מחמת שמעולם לא עשה סחורה עמו — הסוחר הלך לדרכו ובמשך יום או יומים פרע את הקפתו ומני אז עשה מסחר עם בעל החנות הנ"ל כמה שנים עד שנתעשר בעל החנות ממנו.

לימים מת בעל החנות ובנו ירש את בית מסחרו, ועוד הפעם בא הסוחר העשיר אל החנות הנ"ל לקנות סחורה בהקפה, אבל הבן היורש שהיה שוטה ונבהל על ממונו מאן לתת לו את הסחורה עד שיתן לו שטר תעודה כמו שראה שנתן לאביו לפני כמה שנים — בפעם הזה כעס הסוחר מאד, ויאמר: הוי סכל! בשלמא אביך שראה אותי בפעם הראשונה היה לו הצדק לדרוש ממני שטר תעודה, אבל אתה שראית אותי כמה פעמים בבית מסחר אביך וגם ידעת שאביך נתעשר ממני איך מלאך לבך להסתפק באמונתי?

הנמשל מובן — אברהם שהתפלל על אנשי סדום שמעולם לא ראו את מעשה ה' ונפלאותיו, טען שבדין צריך ה' להאריך להם אפו, לא כן משה שהתפלל על ישראל שראו את מעשה ד' על ים בים סוף וגם קבלו את תורתו ובכל זאת הקשו עורף ולא רצו להאמין בו, לא היה לו כל פתחון פה לבקש עליהם משפט ולכן בקש רחמים, וד"ל (המחבר).

וא"ת מדוע באמת העניש ד' לאנשי סדום (וכן לדור המבול) והלא היה עדיין קודם מתן תורה ולא הוזהרו כלל על עשיית הצדק — הענין יובא ע"פ דמיון: כי נראה אם בעה"ב אחד עשה אוצר גדול להחזיק בו תבואה ופירות יקרים, ולאחר זמן ראה והנה נמצאו בו תולעים ועכברים המפסידים את התבואה והפירות, אז מה עושה הבעה"ב? מעשן את האוצר ומזלגו ברותחין כדי שימותו — היתכן שיאמר הרואה זאת לבעה"ב: מדוע אתה ממיתם? מה הם חייבים בדבר והלא כך נבראו בטבעם? כי הבעה"ב ישיב לו שאין כוונתו לנקום מן השרצים ורמשים אלא לנקות את האוצר — כן בענין הזה: הקב"ה המית את האנשים החטאים האלה לא מחמת נקמה או עונש רק עבור שהם במעשיהם הרעים השחיתו וטמאו וטנפו את העולם החדש והיקר שברא ה' לכן הוכרח ה' לבער אותם כדי לטהר ולנקות את עולמו (כנפי נשרים).

טרם ישכבו.

„טרם ישכבו ואנשי העיר אנשי סדום נסבו על הבית מנער ועד זקן כל העם מקצה (בר' י"ט—ד').

יובן ע"פ מה שמבואר בס' אהבת יהונתן על „צדק ילין בה וכו'" — דאיתא (סנ' ל"ב) דיני ממונות גומרין בו ביום בין לזכות בין לחובה, אבל דיני נפשות גומרין בו ביום לזכות, פי' אם זיכוהו ביום ראשון פוסקין את דינו מיד והולך לו, אבל אם לא מצאו לו זכות ביום ראשון אין פוסקין את דינו לחובה אלא מלינין את הדין עד למחר שמא ימצאו לו זכות בלילה — אבל בירושלים בימי קלקולה היו עושים ההיפך, אם קרה

להם משפט צדק בדיני ממונות היו מלינים ומאחרים אותו לאמר לך היום ובוא מחר, אבל אם היה להם ההזדמנות להרוג נפש היו עושים זאת תומ״י בלי שום איחור וישוב הדעת — וזהו כוונת מכתוב: „צדק ילין בה (ר״ל הצדק היו מלינים) ועתה (לעת עתה, בלי איחור) מרצחים״, ודפה״ת.

וכן התנהגו ג״כ אנשי סדום, בהריחם שעת הכושר למעשה רצח לא אחרו את הדבר אבל „ט ר ם י ש כ ב ו וכו׳״.

וא״ת שהרגלים הממהרות לרעה היו מבני האספסוף, אבל בעלי הבתים החשובים עמדו מנגד, ואולי היטב חרה להם על זה — לכן כפל הכתוב: „ו א נ ש י העיר א נ ש י סדום וכו׳״, ר״ל האנשים החשובים שבסדום לקחו חלק באסיפה הזאת.

וא״ת למה לא חס הקב״ה על הילדים שבסדום (כמו שמצינו ביונה שחס על נינוה בעבור השנים עשר רבוא שלא ידעו בין ימינם לשמאלם — ר״ל הילדים) וכן היה לו לחוס על הזקנים שלא היו יכולים לקחת חלק במעשה סדום מחמת זקנותם וחולשתם — לכן מעיד הכתוב שבין הסובבים את הבית היו „מ נ ע ר ו ע ד ז ק ן״, ולכן בראותנו שהיה בהם כח להרע הדין נותן שישאו את עונם ג״כ.

וא״ת אולי היו בני האסיפה הזאת מן הגברים האלימים ו„בעלי הדעה״ שבעיר ואולי היו בעיר כמה אנשים ישרים שרע בעיניהם המעשה הזה, אבל לא היו יכולים להושיע מחמת שהיו מבני העניים או החלשים שאין משגיחים עליהם — לכן מסיים הכתוב: „כל העם מקצה״ (והמלה „מקצה״ משמשת בעברית על החלשים, וכן „ומקצה אחיו לקח וכו׳״, פירש״י מן החלשים שבהם), ר״ל באסיפה הזאת לקחו חלק כל שדרות העם, החשובים והפחותים, החזקים והחלשים. (המחבר).

מדוע ענש את סדום במהפכה.

„כמהפכת סדום ועמורה וכו׳ אשר הפך ה׳ וכו׳״ — מדוע נענשו במהפכה? יען כי נהיו לדור תהפוכות האומרים לרע טוב ולטוב רע, כי לקבל אורח בביתם היה להם לרעה, ולעושים רעות גדולות נתנו אותות הכבוד, לכן נענשו במהפכה. (מטה אהרן).

ויאמרו גש הלאה ויאמרו וכו׳.

„ויאמרו, ויאמרו״ שתי פעמים למה? — אבל יתכן שהיו בסדום אנשים שעירערו על החוק לסגור את הארץ בפני עוברי דרכים (אולי לא מטוב לב אבל מפני שראו בזה חסרון כיס, שידוע לכל כי עוברי דרכים מביאים פרנסה למדינה) ולהפך המפלגה שדעתה היתה נוחה מן החוק הזה טענה כי ההפסד שיצא למדינה מעוברי דרכים רב יותר מן השכר, ולכן כשאירע להם שאחד מן הגרים — לוט — עשה מעשה שהיתה נגד חוקי סדום שהכניס אנשים הביתה ומרד כנגדם, מצאה המפלגה הזאת שעת הכושר להביא ראיה מן העובדא הנ״ל שאתם הצדק ושטוב לסגור את המדינה בפני עוברי דרכים. ועתה יובנו הפסוקים היטב: „ויאמרו גש הלאה״, ר״ל אל לוט אמרו: ברח לך מכאן, ואח״כ פנו אל אלה שחפצו לפתוח את שערי המדינה לעוברי דרכים, ויאמרו: „האחד בא לגור וישפוט שפוט!״, ר״ל ראו את התוצאות הרעות שיבואו לכם מעוברי דרכים, הנה הרשינו לאיש אחד להתישב בתוכנו והנה עשה את עצמו לשופט ומושל עלינו ומזה תוכלו לשער את אשר יקרה אתכם אם תפתחו את שערי המדינה לכל הרוצה לבוא — והמאמר „האחד בא לגור וגו׳״ לא נאמר בלשון שאלה או תמיה, אבל בניחותא. (המחבר).

מדה בינונית ומדת סדום.

האומר שלי שלך ושלך שלי זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום (אבות ב׳) — וקשה היתכן שרחקו קדושי עליון זה מזה כ״כ בדעותיהם עד שאחד אמר על איזה הנהגה שהיא מדה בינונית והשני הוציא משפט שהיא מדת סדום?

אבל יזדמן שיטענו שני בני אדם טענה אחת ובלשון אחת, ובכל זאת בנידון הא׳ תהיה הטענה הנ״ל מדה בינונית ובנידון השני תהיה הטענה כעין מדת סדום, למשל: איש אחד הציל נכסים של חברו מן הנהר ומן הלסטים, שמן הדין יכול לאמר: לעצמי הצלתי, ואם הוא אומר שלך שלך, ואינו רוצה לקחתם ומשיבם לחברו, זו מדה טובה, וזו היתה מדתו של אברהם אבינו שהחזיר את השלל למלך סדום, אבל אם האיש שאבד את הנכסים טוען שמגיע לו הדברים בדין, מה שאין כן, שהלא הבעלים כבר נתיאשו, הוא אוחז בידו מדת מלך סדום שגם הוא טען תן לי הנפש, ודפח״ח (מלבי״ם).

ארדה נא ואראה.

ארדה נא ואראה וכו׳, לא אחתום גזר דינם עד שאשלח לשם מלאכי לראות את מעשיהם שם במקום הרשע, כי בזה נעלה משפט ה׳ ממשפט בני אדם, כמ״ש: „ועוד ראיתי תחת השמש מקום המשפט שם הרשע ומקום הצדק שם הרשע, אמרתי אני בלבי את הצדיק ואת הרשע ישפוט האלהים כי עת לכל חפץ ועל כל המעשה שם", ר״ל, שמשפט ה׳ נבדל ממשפט בני אדם תחת השמש, שבמשפט בני אדם לא יביטו רק על המעשה לבדה, וכפי המעשה יחרצו את הדין, וז״ש שתחת השמש (ר״ל בעולם התחתון של בני האדם) אפילו „במקום המשפט והצדק" (ר״ל בבתי דינין) לא יביטו רק על „הרשע", ר״ל על המעשה עצמה, אבל במשפט האלהים יביט על הצדיק ועל הרשע, ר״ל יבחן את הפועל, את הרשע ותכונתו, וגם יבחן את העת באיזה עת הרשיע, וענין החפץ של הפועל, שעל זה אמר: „כי עת לכל חפץ", וגם יביט על כל המעשה בכללו, ובצירוף המקום שנעשה שם המעשה, שעל זה אמר: „ועל כל המעשה שם". — למשל: במשפט של סדום שכלאו רגל עובר אורח מארצם וענו את העוברים בתועבת רצח, ויד עני ואביון לא החזיקו, לפי מה שעלה זעקת הנעשקים למרום היו חייבים כליה, אבל ברדת השופט העליון למטה להשקיף על תכונת נפש הפועל יתבונן אולי הם בטבעם כליים שלא השליטם האלהים לאכול מעשרם ועי״כ קפצו ידם מתת לדל, או אולי רבו אורחים עניים כארבה לרוב, או אולי הוא עת רעב, או אולי הוא עת מלחמה שאז יקפידו שלא יעברו זרים לרגל את ארצם ומה שעינו את האורחים במשכב תועבה אולי היה מפני גודל תאותם כמו שהיה בגבעה, וכדומה, שכ״ז יקל ענשם, וכמו שפירש זאת יחזקאל (י״ז, מ״ט, נ׳) „הנה זה היה עון סדום, גאון שבעת לחם ושלות השקט היה לה ולבנותיה, ויד עני ואביון לא החזיקה, ותגבהינה ותעשינה תועבה לפני ואסיר אתהן כאשר ראיתי" — באר שלא היה זה מפני רעב, שהיה לה שבעת לחם, ולא מפני הכילות, כי היה לה גאון שבעת לחם, ולא מפני מלחמה כי השקט היה לה, ולא מפני שהאורחים רבו עליה, שהיה לה שלוה, ר״ל שלוה פנימית, וכן מה שעשתה תועבה מה שאמרה: „הוציאם אלינו ונדעה אותם", לא היה מפני התאוה רק מפני גבהות לב להבזות את האורחים ולענותם, לכן ואסיר אתהן כאשר ראיתי, רומז על מה שכתוב: „ארדה נא ואראה", שכ״ז ראו המלאכים בבואם לסדום, שהשקיפו על כל הפרטים האלה, ועל זה אמר: „ארדה נא ואראה", ואז כשאביט על תכונת הפועלים, והעת, ויתר ענינים, ואם אראה שבכל זאת „בצעקתה הבאה אלי עשו", שגם למטה (במקום הרשע) נמצאו כל אלה לרוע,

אז תהי' הפקודה שיעשו כ ל ה ויהפכו משורש ערים, „ואם לא", אם למטה ימצאו ענינים המקטנים רשעתם לפי תכונת העושים ומקומם וזמנם ויתר פרטים, אז „אדעה" ואשגיח איך להענישם ולא אעשה כלה. (והולך ומפרש את הפרשה באופן שלא היה אפשר למצא לאנשי סדום שום זכות מן הענינים הנ"ל, למשל שאנשי סדום נסבו על הבית „טרם ישכבו", שלא היה עת האוכל כלל, הרי לך שלא הקפידו על האוכל כלל, וכן כשמאנו לקחת את בנות לוט תמורת האנשים הוכיחו בזה שלא למען מלא תאותם נסבו על הבית אלא מחמת טבעם להרע) — מלבי"ם.

ותבט אשתו מאחריו ותהי נציב מלח.

למה צוה אותם שלא להביט מאחריהם? למה אמר: ותבט אשתו „ מ א ח ר י ו ", ולא „ מ א ח ר י ה "? למה העניש אותה בעונש כ"כ משונה שהיתה לנציב מלח?

נראה לי בהבנת הענין ש„הבטה לאחור" יש לה שתי הוראות, הא' כפשוטה והב' על ג ע ג ו ע י ם ע ל ה ע ב ר, או על המקום שהיה חונה שם בעבר (וכן באמת דרך בני אדם העוזבים מקום שהיה יקר להם שמחזירים את ראשיהם לאחוריהם ומביטים על המקום שיצאו משם עד שמרחיקים ללכת והמקום אינו נראה עוד) — ואמרו המלאכים ללוט ולאשתו שלא יעשו כזאת, שיראו המלאכים פן יחר בהם אף ה' על שיש להם געגועים על משכן רשעים הנ"ל. —

והנה אשת לוט מצד עצמה לא היה אהבתה יותר חזקה למקום הזה משאר מקומות, כי האשה בכל מקום שבעלה יושב שם היא ג"כ חפצה לשבת (וכן אמרו נשי יעקב לבעלן בעת שבישר להם שרוצה לעזוב את בית אביהן), אבל כאשר זכרה אשת לוט את כל הכבוד שהנחיל בעלה בשבתו בסדום (כידוע שעשוהו לשופט עליהם) היה לבה עליה דוי על כבוד בעלה שגלה ממנו. וזהו מליצת: „ותבט אשתו מ א ח ר י ו " ר"ל הגעגועים שהיו לה בעזבם את סדום היו ב ע ב ו ר ו.

ועתה יובן ענין ענשה המשונה — דהנה בודאי היה מגיע לה עונש מחמת שאלו היה בידה לבחור היתה בוחרת להשאר בסדום (אף שאנשי סדום היו רעים וחטאים לה' מאד ועלולים להשחית גם את מדות בניה) למען הכבוד שנחל שם בעלה, אבל היה מקום ג"כ לצדד בזכותה מחמת גודל דאגתה לכבוד בעלה, לכן הטיל ה' עליה עונש שהוא ממש מדה כנגד מדה — דהנה המלח הוא סמל הקרבת האדם את עצמו בעד אחרים, כי המלח הוא החומר האחד במאכלי בני אדם אשר ימס למים ולא ישאר ממנו מאומה — שהרי לפעמים הרבה תשמע ב"א המסובים על השלחן מהללים את הבשר או את המרק, אבל מעולם לא תשמע אותם מהללים את המלח, הגם שידוע שבלי המלח כל המאכל לא היה ראוי לאכילה.

לכן אמר ה' לאשת סדום: הנה את ראויה לעונש מחמת הגעגועים שיש לך על סדום, אבל גם יש לספר בשבחך ולאמר: הביטו נא וראו אשה אחת מני אלף שדואגת על בעלה יותר מעל עצמה! לכן אעשה אותך נציב מלח (אַ שטאַטוע פון זאַלץ) לזכר עולם על הקריבך את נפשך בעד אחרים. (המחבר).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

אמונה און געוויסען.

(דרוש לפ׳ חיי שרה).

הרב שלום ראבינאָוויץ.

I

ואשביעך בד׳ אלהי השמים ואלהי הארץ אשר לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו וכו׳, ויאמר ד׳ אלהי אדוני אברהם הקרה נא לפני היום ועשה חסד עם אדוני אברהם וכו׳. (בראשית כ״ד).

א קורצע צייט צוריק בין איך געווען אנוועזענד אויף א אידישע שמחה אין די הויז פון א שעהנעם בעל הבית. ווי די מאָדע איז אין אמעריקא, האָט מען נאָכ׳ן עסען בעשטימט א טאָסט־מייסטער וועלכער האָט מכבד געווען אלע געסט מיט „ספּיטשעס״. — ווען מען האָט מיר איינגעלאַדען צו רעדען, האָב איך געהאַלטען א רעדע וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר יענע פערזאַמלונג, נעמליך, א פערזאַמלונג וועלכע האָט שוין געמאַכט עטליכע לחיים׳ס. — צו אַן עולם וואָס פיהלט שמחת־תורה׳דיג קען מען ניט זאָגען קיין טיעפע תורה אָדער הויכע פילאָזאָפיע — אַלזאָ האָב איך געהאַלטען א לייכטע הומאָריסטישע רעדע און פּטור.

דער נעכסטער רעדנער אין דער פּראָגראַמע איז געווען אַן אמעריקאַנער יונגערמאַן מיט א גלאַט־ראַזירטען פּנים — אָבער ווען ער האָט געעפענט זיין מויל האָט ער מיר אין אמת׳ן איבערראַשט; ער האָט געהאַלטען א פייערדיגע רעדע וועגען יודענטהום. ער האָט אויסגעשריען מיט גרויס התלהבות, אַז דאָס יודענטהום איז די שעהנסטע און הייליגסטע פון אַלע רעליגיאָנען, און ער האָט געמאַכט א שטאַרקען אַפּיעל צו די אַנוועזענדע, אַז זיי זאָלען אַנווענדען אַלע קרעפטען אויפצוהאַלטען דעם יודענטהום.

איך מוז אייך מודה זיין, אַז איך האָב מיך געשעהמט — איך, אַן אָפיציעלער פערטרעטער פון יודענטהום, האָב געהאַלטען א לייכטע וועלטליכע רעדע, און ער, אַן אמעריקאַנער געבאָרענער יונגערמאַן, האָט געהאַלטען א בעגייסטערטע רעדע פאַר׳ן יודענטהום! — דאָס איז דאָך שוין אָבער א זאַך וואָס פאַרפאַלען. אַלזאָ האָב איך וועגען מיין אייגענע פערלעגענהייט גיך פערגעסען, נאָר וועגען יונגען

רעדנער האָב איך בעשלאָסען, אַז אַזאַ יונגענמאַן דאַרף מען ערמוטהיגען; מען דאַרף איהם וויזען אַז זיין ליעבע און אויפאָפּפערונג פאַר'ן יודענטהום ווערט אנערקענט. — ווען דער באַנקעט איז געווען פאַראיבער בין איך צו איהם צו־געגאַנגען און איהם וואַרים בעדאַנקט פאַר זיין רעדע; איך האָב איהם געזאָגט: „אַז מיר וואָלטען געהאַט אַ סך אַזעלכע יונגע לייט ווי איהר, וואָלט דער יודענטהום גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָרגען“.

„אַה, גיט מיר ניט קיין צו גרויסע קאָמפּלימענטען“ — זאָגט ער — „איך בין גאָר ניט אַזאַ צדיק ווי איהר מיינט“.

„צדיקים געפינען זיך היינטיגע צייטען גאַנץ ווייניג“ — זאָג איך — „אָבער אַ הייסער איד זייט איהר געוויס. — וועלכע שוהל בעזוכט איהר?“ — האָב איך איהם צופעליג אַ פרעג געטהאָן.

„איך בעלאַנג ניט צו קיין שוהל“ — איז געווען זיין אַנטוואָרט.

„זייט איהר וואַהרשיינליך אַ רעפאָרמער?“ — פרעג איך איהם ווייטער.

„ניין“ — זאָגט ער — „איך בין קיין אָרטאָדאָקס און קיין רעפאָרמער“.

„טאָ וואָס דען פאַר אַ יודענטהום האָט איהר דאָס אַזוי הייס געליעבט און פערטהיידיגט?“ — פרעג איך איהם פערוואונדערט.

„מיין יודענטהום“ — זאָגט ער — „בעשטעהט ניט פון צערעמאָניעס און פון תפלות, פון וויקלען רצועות און פון קושען די מזוזה. — מיין יודענטהום מיינט אַ אידישע האַרץ, אַ גוטען כאַראַקטער, עהרליכקייט, סאָוועסט, א. ז. וו. דאָס איז מיינע אידישקייט“.

יעצט וועל איך אייך געבען אַ בילד פון אַן אַנדער סאָרט אידען וואָס איז פונקט דער קאָנטראַסט פון איהם. — ווען איך בין געווען אַ אינגעל האָב איך אַמאָל געלערענט אין אַ קליין שטעדטעל אין וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ גרופּע אידען, וועלכע האָט ניט געבראַכט קיין פיעל כבוד דעם אידישען פאָלק — זיי זיינען געווען פערד גנבים. — און ווען איך זאָג „פערד גנבים“ מיין איך ניט, אַז זיי האָבען דוקא מקפיד געווען צו גנב'ענען פערד — ניין, זיי האָבען גענומען וואָס עס מאַכט זיך; זיי האָבען אויפגעבראָכען קלייטען, פּריוואַט הייזער, א. ז. וו. א. ז. וו. — זיי האָבען אויך ניט מקפיד געווען צו גנב'ענען דוקא ביי גוים ווי מען דערצעהלט אויף אַנדערע אידישע גנבים — דיזע זיינען גראַדע געווען העכסט ליבעראַל און אונפּאַרטייאיש; זיי האָבען בעהאַנדעלט אַלעמען גלייך אָהן אונ־טערשיעד פון ראַסע אָדער רעליגיאָן. — ווען עס איז זיי אויסגעקומען האָבען זיי בע'גנב'עט דעם ראש הקהל, דעם רב, דעם דיין, אַזוי גוט ווי זיי האָבען געטהאָן להבדיל צו די מוזשיקעס אין דאָרף. — דעם וואונדער וואָס איך וויל אייך דער־צעהלען וועגען זיי איז, אַז וואָס אַנבעלאַנגט צו גאָט, זיינען זיי געווען אַזוי פרום, און פּילייכט פרימער ווי די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָדט; זיי האָבען אָב־

געהיט אַלע דינים ומנהגים; זיי האָבען געהאַט אַן אייגענעם קלויז (מען האָט דאָס ניט גערופען דער „פערד־גנבים קלויז", נאָר בלשון נקיה דער „פערד־הענדלער קלויז" — דער נאָמען איז ניט געווען קיין פאַלשער, ווייל נאָכדעם ווי זיי האָבען גע'גנבע'עט די פערד האָבען זיי זיי טאַקע שנעל פערהאַנדעלט). — אין פערד־הענדלער קלויז האָט מען יעדען טאָג געדאַווענט עטליכע מנינים; בין מנחה למעריב האָט מען געלערענט חיי אדם און עין יעקב; שבת ביי טאָג האָבען זיי געזאָגט אַ סך תהלים. — דער פאַקט איז געווען, אַז וואָס מעהר „ביזנעס" זיי האָבען געהאַט אָנגעגרייט אויף נעקסטע וואָך, אַלץ מעהר תהלים האָבען זיי געזאָגט אַז גאָט זאָל זיי מצליח זיין. — אין שטאָדט האָט מען שוין געוואוסט, אַז מען זאָגט אַ סך תהלים אין פערד־הענדלער קלויז דאַרף מען אויפהענגען שטאַרקערע שלעסער אויף די טהירען און דינגען אַן עקסטראַ וועכטער...

II

איך האָב אייך דערצעהלט דיזע צוויי געשיכטעס, ווייל זייערע העלדען שטעלען פאָר צוויי געוויסע קלאַסען אידען. — דער יונגערמאַן וואָס האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע פאַר'ן יודענטהום און צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז ער היט ניט אָב קיינע פון די מצוות פון דער תורה נאָר ער זאָגט אַז זיין יודענטהום ליעגט ביי איהם בעהאַלטען טיעף אין האַרצען, איז דער טיפּ פון אַ קלאַסע אידישע יונגע לייט און יונגע פרויען וועלכע געפינען זיך ביי אונז אין די טויזענדע און פיליכט אין די הונדערטע טויזענדע — וועלכע האַלטען אויך פּונקט די זעלבע מיינונג, אַז אַ איד איז יוצא מיט סאָוועסט, גוטהערציגקייט, א. ז. וו. — אויף ווי וויים זיי זיינען גערעכט, וועל איך אייך שפּעטער בעווייזען.

פערקעהרט ווידער די פערד־גנבים פון יענער שטעדטעל וועלכע האָבען אָבגעטהאַן אַלע מעשים רעים צו זייערע מיט־מענשען און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען פרומע גאָט'ס־פאַרכטיגע תהלים־זאָגער, שטעלען פאָר דעם טיפּ פון אַן אַנדער סאָרט אידען וועלכע צעהלען זיך אויך אין די טויזענדע. — זעלבסטפערשטענדליך, אַז ניט אַלע פון זיי זיינען פערד־גנבים — פּראָסטע גנבה בעצאָהלט זיך ניט אין אמעריקאַ, און איז אויך צו געפעהרליך — דאָ גילט אַן איידעלערע סאָרט גנבה, און צו אונזער שאַנדע מוזען מיר געשטעהן, אַז עס זיינען דאָ פיעלע פון אונזערע אחינו בני ישראל וואָס אין ביזנעס זיינען זיי ניט בעסער ווי יענע פערד־גנבים, און פונדעסטוועגען צו גאָט זיינען זיי גאַנץ פרומע אידען — און זיי זיינען ניט קיין צבוע'קעס, ווי אַנדערע קענען דענקען, זיי מיינען דאָס ערנסט — זייער מאָטאָ איז: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטען איז צו לייטען — גאָט גיעב איך אָב דאָס זייניגע אין שוהל, אָבער ווען איך קום אין מיין סטאָר אָדער פעקטאָרי איז גאָט דאָרטען קיין שום מחותן ניט — איך געה ניט אין זיין רשות און ער האָט ניט קיין ביזנעס אין מיין רשות".

III

איך האב גענומען דיזען ענין היינטיגען שבת ווייל עס איז א מאָדנער פאַקט, אזביידע צדדים אין דיזען אַלטען דיספוט אין דער פראַגע וואס הייסט אידישקייט, בענוצען זיך מיט היינטיגע סדרה צו פערשטאַרקען זייערע געגענגעזעצטע טענות. — איך בין אַמאָל געווען אַנוועזענד ווי א יונגערמאַן האָט דיספוטירט מיט א אידען פון אַלטען דור טאַקע וועגען דיזען ענין — זאָגט דער יונגערמאַן צום אַלטען: „איך וועל דיר ברענגען א ראיה פון דיין אייגענע תורה, אז אידישקייט מיינט גוטהערציגקייט — ווייסט דאָך געוויס די געשיכטע ווי אברהם האָט ארויסגעשיקט זיין קנעכט זוכען א פאַסיגע פרוי פאַר זיין זוהן — נו, בעמערק נאָר וואס פאַר א פראַגע האָט אליעזר אַנגעווענדעט אויסצוגעפינען אויב רבקה איז א גוטע אידישע טאָכטער? האָט ער געטרייט אויסגעפינען אויב זי בענשט ליכט, אָדער נעהמט חלה? קיין איינע פון דיזע זאַכען — ער האָט איבערהויפּט געוואָלט זעהן אויב זי וועט געבען א דורשטיגען דורכרייזענדען א טרונק וואַסער — איז דאָס ניט דער בעסטער בעוויז, אז דער עיקר פון יודענטהום איז גוטהערציגקייט?

זאָגט דער אַלטער צו איהם: „עם הארץ! וואָרום נעהמסטו א לעהרע פון אברהם׳ס קנעכט וואס ער האָט אפילו ניט געשטאַמט פון אידען? לערען זיך בעסער פון אברהם׳ן זעלבסט. — ווען אברהם האָט בעאויפטראַגט אליעזר׳ן צו געהן אין דזיע שליחות, האָט ער איהם דען דערמאָהנט איין וואָרט וועגען כאַראַקטער, סאָוועסט, א. ז. וו.? ער האָט איהם דאָך נאָר געזאָגט אז ער וויל האָבען א פרוי פאַר זיין זוהן פון א אידישע פאַמיליע און מעהר גאָר נישט — אדרבה, פון דיזע געשיכטע קען מען זעהן, אז כאַראַקטער, גוטהערציגקייט, א. ז. וו. האָבען ביי אברהם׳ן קיין שום ראָלע ניט געשפּיעלט, ווייל אויב יאָ אַזוי וואָלט ער דאָך געקענט געפינען א גוטע פרוי פאַר זיין זוהן אין די פאַמיליען פון זיינע אינטימע פריינד „ענר אשכול וממרה“, אָדער ער וואָלט געקענט נעהמען די טאָכטער פון אליעזר׳ן זעלבסט, וועלכע האָט זיך געהאָדעוועט אין זיין הויז און האָט געוויס גע׳ירשנ׳ט די מדות פון אברהם ושרה — אָבער דיזע מעלות האָבען קיין געוויכט ניט געהאַט מיט אברהם — ער האָט נאָר געקוקט אויף די רעליגיעזע זייט פון דער פראַגע, צו איז זי א אידיש קינד אָדער ניט, און ביי איהם איז רעכט געווען אז זיין איינציגער זוהן זאָל בלייבען זיצען אונפערהייראַט איידער ער זאָל נעהמען א טאָכטער פון אַן אַנדער פאָלק אפילו ווען דיזע זאָל בעזיצען די שעהנסטע מדות אין דער וועלט (ואם לא תאבה האשה ללכת אחריך ונקית משבועתי זאת רק את בני לא תשיב שמה) — איז דאָס ניט א בעוויז אַז דער עיקר פון יודענטהום איז ניט אַנדערש נאָר די ריין רעליגיעזע זייט?“

איך וועל אייך בעווייזען שפּעטער אז דעם ריכטיגען פשט פון דיזער פרשה האָבען זיי ביידע ניט פערשטאַנען — אָבער צום אַלעם ערשטען וויל איך אייך בעווייזען אז אין דער הויפּט פראַגע וועגען וועלכע זיי האָבען דיספּוטירט — דאָס

הייסט „וואס איז יודענטהום?" זיינען אויךביידענס מיינונגען געווען פאלש. — יעדע פון די צוויי קלאסען אידען, וועלכע איך האב אייך פריהער פארגעשטעלט האט נאר א העלפט פון יודענטהום — און אין דיזען פאל איז א העלפט פון דער זאך אזוי גוט ווי גאר נישט. — עס זיינען פאראן פיעל זאכען אין דער וועלט וואס אז יעמאנד האט בלויז א העלפט פון זיי האט ער אזוי גוט ווי גאר נישט. — איך וועל אייך אנכאפען א קליינינקייט: א „שעהר" — אז איינער האט איין קלינגעל אדער זייטעל פון א שעהריל האט ער אזוי גוט ווי גאר נישט. — דער יודענטהום בעשטעהט אויך פון צוויי זייטען: דאס געטליכע און דאס מענשליכע — ווער עס האט בלויז איינע פון דיזע צוויי העלבע האט אזוי גוט ווי גאר נישט — דער איד וואס איז פרום צו גאט און האט צו דער זעלבער צייט א פערדארבענעם כאראקטער איז שוין לאנג פערדאמט געווארען פון אלע נביאים. — דער יונגערמאן ווידער וואס בענוגענט זיך מיט גוטהערציגקייט און כאראקטער האט אויך גאר נישט

איך וויים אז דערין וועט איהר נים לייכט איינשטימען מיט מיר; איהר וועט זאגען אז דיזער לעצטער קלאס האט יא עטוואס וויכטיגעס, ווייל מיט זייער גוטען כאראקטער טהוען זיי דאך גוטעס צו זייערע מיט־מענשען — אבער דער אמת איז אז דאס איז נים גאנץ געוויס. — דעם מענשענ'ס כאראקטער לאזט זיך קנעטען אזוי ווי טייג; ווי לאנג דער מענש קומט נים „לידי נסיון", אדער ווען דער נסיון איז א גאנץ קליינער, וועט זיין געוויסען איהם האלטען ריין און ארענטליך, אבער ווען עס קומט איהם צו דער האנד א גרויסע תאוה, דאן רופט ער זיין שכל צו הילף, און ער געפינט שוין אוים מים קונצען און דרעהדלעך אז ער מעג די זאך טהאן על פי יושר. פערקעהרט ווידער דער וואס האט נים קיין מענשליכע הארץ נאר ער געהט כלומר'שט אין גלייכען וועג ווייל דער שלחן ערוך הייסט אזוי, וועט ער אויך גאנץ לייכט אויסזוכען א פשט'ל און זיך איינרעדען אז ער מעג דיזען מאל פערבויגען דעם שלחן ערוך. — נאר דער גאנצער איד וואס האט ביידע זאכען, יראה און כאראקטער, איז אומשטאנדע בייצושטעהן א גרויסען נסיון.

(וזהו כוונת חז"ל בסיפור הגר שבא לפני שמאי ואח"כ לפני הלל בבקשת: „גיירני על מנת שתלמדני את כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת" — היהדות עומדת על שני יסודות כמו שבארתי לעיל — האלהי והאנושי — במאמר הזה קורא את היסודות האלו בדרך מליצה „רגלים" — וכוונת הגר בבקשה הנ"ל היה שיגירוהו ע"מ שלא יהיה עליו חוב לשמור אלא אחד משני היסודות הנ"ל — האנושי לבד. — שמאי דחפו באמת הבנין שבידו, כוונו במליצתם ששמאי אמר לאותו הגר שאמונת ישראל דומה לבנין שלם שנמדד במדה (אמה) וממנו אין לגרוע, — הלל הסכים לעשות רצונו, אבל תוך כדי דיבור הודיע לו שהיסוד שהוא רוצה ללמוד אינו שוה מאומה אם לא יתובר אליו גם השני — למהד"ד למנעול שאבד המפתח שאין בו כל תועלת עד שימצא מפתח, וזהו שאמר הלל: היסוד שאתה רוצה בו הוא „מאי דעלך סני לחברך לא תעביד" אבל היסוד הנ"ל אינו שוה כלום עד שתלמוד את היסוד השני והוא היסוד האלהי ע"פ מצות התורה, וזהו: „ואידך פירושא הוא זיל גמור").

IV

צוויי פערזאנען ווערען בעשריבען אין תנ"ך וואס בעווייזען די ריכטיגקייט פון אונזער בעהויפטונג — יעדער פון זיי האט נאר געהאט איין האלבע פון יודענ־טהום און דעריבער זיינען זיי ביידע געבליבען פערשריבען אין תנ"ך אלס רשעים — איך מיין **בלעם און אחאב**.

דער כאראקטער פון בלעם איז זעהר דונקעל און אונפערשטענדליך; ער איז דאכט זיך געווען א „נביא" (בתלמוד מדברים אודותיו כאודות נביא ולא כמכשף), גאט האט זיך צו איהם בעוויזען, און ער האט דאכט זיך געשאטען מיט ברכות (והביע את הפסוקים היותר יפים בתורה כמו „מה טובו אהליך יעקב" וכו') און פונדעסטוועגען איז זיין אנדענקען געבליבען ביי אידען אלס „בלעם הרשע", און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האבען זיי איהם גע'הרג'עט מיט'ן שווערד! — א שליסעל צו דיזע רעטעניש געפינט זיך אין א מאמר פון מדרש תנחומא „במשה כתיב: הודיעני נא את דרכיך, ואלו בבלעם כתיב: ויודע דעת עליון", דער מדרש האט דערמיט געמיינט צו אקצענטירען דעם אונטערשיעד אין די כאראק־טערען פון דיזע צוויי — משה האט געבעטען ביי גאט ער זאל איהם לערנען **זיינע וועגען**, ד. ה. ער זאל איהם איינגעבען שכל ווי אבצוהיטען ביידערליי וועגען — די געטליכע און די מענשליכע — אבער וועגען בלעם'ן שטעהט אז ער האט נאר געוואוסט די געטליכע זייט (דעת עליון) אליין, אבער אין מדות און כאראקטער איז ער געווען איינער פון די ערגסטע מענשען אין דער וועלט — און אז איהר וועט גוט בעטראכטען די געשיכטע פון בלעם'ס בעציהונג צום אידישען פאלק ווי דאס ווערט אנגעגעבען אין פרשה בלק וועט איהר זעהן וואס פאר א טיעפען בליק די חכמי התלמוד האבען געהאט.

בלעם איז געווען א נביא, אבער ער האט געהאט א פערדארבענעם כאראק־טער — דאס קענט איהר זעהן פון זיין פערטיגקייט אנצונעהמען די איינלאדונג פון בלק'ן צו געהן שילטען די אידען. — אז ער וואלט געווען א מענש מיט גע־וויסען וואלט ער געזאגט צו בלק'ן: „שעהמען דארפסטו זיך צו וועלען פער־ניכטען א גאנצע פאלק בעפאר זיי האבען דיר נאך עטוואס שלעכטס געטהאן" (והוא יושב ממולי) — אבער בלעם האט געהאט א שטארקען אפעטיט צו די גאלד און זילבער וואס בלק האט איהם צוגעזאגט, און ער איז אויך פערבלענדעט גע־ווארען פון דעם קאמפלימענט „כי ידעתי את אשר תאור יואר ואשר תברך מבורך" און דעריבער האט זיך איהם שטארק געוואלט געהן. און הגם ער איז ניט גע־גאנגען ביז גאט האט איהם ערלויבט צו געהן, און ער האט געזאגט אז ער וועט ניט שילטען ביז גאט וועט איהם ערלויבען, זעהט מען דאך פונדעסטוועגען אז זיין הארץ האט שטארק געצויגען צו שילטען די אידען, והראיה ווען גאט האט איהם געצוואונגען צו בענשען די אידען אנשטאט שילטען, האט ער געפרואווט בייטען

זיין פּלאַץ אייניגע מאָל (משנה מקום משנה מזל), טאָמער וועט איהם דאָך גע־לינגען אריינצוּוואַרפען אַ פּאָר קללות.

(וזהו כוונת חז״ל באמרם: בלעם חיגר ברגלו אחת היה״ — כבר בארתי לעיל שחז״ל כוונו במליצת „רגל״, אחד משני היסודות שהדת נשען עליו — האלהי והאנושי — בלעם היה „חיגר ברגלו אחת״ ר״ל שחסר לו יסוד אחד והוא היסוד האנושי שבדת).

יעצט וועל איך אייך ווייזען אַ צווייטען טיפּ אין תנ״ך וואָס האָט אויך געהאַט נאָר איין העלפט פון יודענטהום — די פערקעהרטע זייט פון בלעם׳ן — און ער איז אויך געבליבען אַ פערדאָרבענער מענש — איך מיין **אחאב מלך ישראל**. אחאב׳ס כאַראַקטער איז אויך געבליבען דונקעל און ניט ערקלעהרט ביז יעצט — אין תנ״ך ווערט ער בעשריבען אַלס איינער פון די ערגסטע רשעים פון זיין צייט (ויוסף אחאב לעשות להכעים את ד׳ אלהי ישראל מכל מלכי ישראל אשר היו לפניו, מלכים ט״ז—ל״ג) — די מלכי ישראל זיינען כמעט קיינער ניט געווען קיין צדיקים און ער איז געווען דער ערגסטער — און פונדעסטוועגען זאָגען אויף איהם די חכמי התלמוד: „אחאב שקול היה״ (סנ׳ ק״ב), דאָס הייסט ווען די מלאכים זיינען געקומען מקטרג זיין אויף איהם פּאָר גאָט, ווי עס ווערט בעשריבען אין מלכים א׳ „ויאמרו זה בכה וזה בכה״ — זאָגט דערויף רב נחמן, אַז מען האָט גע־פונען אחאב׳ס זכיות האַלב־אויף־האַלב מיט זיינע רשעות — פרעגט זיך די פראַגע: וואו האָט אחאב גענומען זכיות ווען עס געפינט זיך קיין איין גוטער וואָרט אויף איהם ניט אין תנ״ך? — דעם אַנטוואָרט צו דיזע פראַגע גיט אונז רב יוסף (שם בגמרא), רב יוסף זאָגט: „אחאב ותרן בממונו היה״ — אחאב איז געווען פריי־גיעביג מיט זיין געלט — אין אנדערע ווערטער, ער האָט געהאַט איין העלפט פון יודענטהום: געוויסען, גוטהערציגקייט, א. ז. וו. אָבער עס האָט איהם געפעהלט די צווייטע העלפט — אמונה אין גאָט און אין זיין תורה.

און פיליייכט וועט איהר פרעגען, פון וואַנען האָט דאָס רב יוסף געוואוסט, ער האָט דאָך געלעבט הונדערטער יאָהרען שפּעטער ווי אחאב, און אין פּסוק איז דאָך קיין וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען אחאב׳ס פרייגיעביגקייט? וועל איך אייך בעווייזען דוקא פון איינע פון די שענדליכסטע מעשיות וואָס דער פּסוק דערצעהלט אויף איהם, אַז די מענשליכע זייט פון יודענטהום (סאָוועסט) האָט איהם גראָדע ניט געפעהלט.

„אַ געוויסער מאַן, נבות היזרעאלי, האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען נאָהענט צו אחאב׳ס פּאַלאַץ אין שומרון. האָט אחאב געזאָגט צו נבות: גיב מיר אָב דיין וויינגאָרטען, איך וויל מאַכען פון איהם אַ גרינס־גאָרטען, ווייל ער איז נאָהענט צו מיין הויז און איך וועל דיר געבען אַ בעסערען גאָרטען ווי דיזער, אָדער אויב דו ווילסט וועל איך דיר געבען די ווערדע דאַפון אין געלט. האָט נבות געענטפערט: חלילה! גאָט זאָל היטען, איך זאָל דיר פערקויפען די ירושה פון מיינע עלטערען. אחאב איז געקומען אַהיים און האָט זיך געלעגט צו בעט און האָט ניט געגעסען. ווען

ער האט דערצעהלט זיין ווייב איזבל די געשיכטע האט זי צו איהם געזאגט מיט שפאט: „דו ביסט טאקע פעהיג צו פיהרען א מלוכה ביי אידען! שטעה אויף, געה עסען, און איך וועל דיר שוין געבען נבות׳ס וויינגארטען. — די ענדע וואר אז זי האט געמאכט א פאלשען בלבול פון פעררעטה אויף נבות׳ן, האט איהם גע־בראכט בעפאר די העכסטע געריכט, און מיט די הילפע פון פאלשע עדות האט מען איהם פער׳משפט צום טויט, און מען האט איהם פערשטיינט מיט שטיינער. דאן איז איזבל געקומען צו אחאב׳ן און געזאגט: שטעה אויף ירש׳ע אב נבות׳ס וויינגארטען וואס ער האט דיר ניט געוואלט פערקויפען פאר געלט — וויל נבות איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניטא — ער איז טויט״ (מלכים א׳ כ״א).

נון, פון דיזען ספור זעלבסט, וועלכער זעהט אויס אויבערפלעכליך אז אחאב האט קיין כאראקטער און קיין מענשליכע הארץ ניט געהאט וויל איך אייך בעווייזען פונקט פערקעהרט, אז ער איז גראדע געווען א ליבעראלער און סאוועסטנער מענש.— אחאב האט געלעבט אין א צייט ווען קעניגע האבען געקענט טהאן וואס זייער הארץ האט גלוסט ניט נאר מיט די אייגענטהום פון זייערע אונטערטהאנען, נאר אפילו מיט זייער לעבען. — ווען אז אנדער קעניג האט זיך פערוואלט א וויינ־גארטען פון זיינעם אן אונטערטהאן האט ער עס צוגענומען און דער בערויבטער האט אפילו מורא געהאט די מויל צו עפענען, אפילו היינט אז אן אריענטאלישען קעניג פערוויל זיך עטוואס וואס בעלאנגט צו זיינעם אן אונטערטהאן נעהמט ער עס פשוט, און אויב ער איז א פיינער מאן בעצאהלט ער איהם דאפיר — אחאב האט ניט אזוי געטהאן, נאר ווי א „העכסט סאוועסטנער מאן״ (?!) האט ער זיך געבעטען ביי נבות׳ן דיזער זאל איינשטימען צום מסחר — אפילו ווען נבות האט איהם שוין ענטזאגט און אחאב איז קראנק געווארען פון הארץ־וועהטאג, איז איהם נאר פונדעסטוועגען ניט ארויף אויפ׳ן זינען צו צונעהמען דעם וויינגארטען מיט געוואלט. — דער פאקט אליין אז נבות האט געוואגט אזוי ענטשלאסען צו ענט־זאגען דעם קעניג׳ס פערלאנג און ער האט קיין מורא ניט געהאט טאמער וועט איהם דער קעניג טויטען און צונעהמען דעם וויינגארטען, בעווייזט אז אחאב האט געהאט א רעפוטאציאן אין זיין צייט אלס א מענש מיט יושר וואס איז ניט פעהיג צו בעגעהן אזא פערברעכען — אבער דא קומט דער בעסטער בעוויז, אז כאראקטער אליין איז ניט גענוג אבצוהאלטען א מענשען פון בעגעהן אפילו די שענדליכסטע מעשים — וויל, ווי אויבען געזאגט, דער געוויסען פון א מענשען לאזט זיך בויגען און קנעטען אזוי ווי טייג פון זיין ווילען און פון זיינע תאוות. — אחאב איז געווען א העכסט ארענטליכער מאן; א מענש וואס אין געוועהנליכע אומשטענדען וועט ער ניט אנריהרען א פליעג אויפ׳ן וואנד — נאר דא איז געקומען אן אונגעוועהנ־ליכער נסיון — ער האט געקראגען א געוואלטיגען חשק צו א געוויסען וויינגארטען און דער אייגענטהימער דאפון האט עס בשום אופן ניט געוואלט פערקויפען, און פון הארץ־וועהטאג איז ער קראנק געווארען — דא איז געקומען זיין ווילען און גענומען ארבייטען אויף זיין געוויסען — דער ווילען האט גערופען דעם שכל צו

הילף, און דער שכל האט באלד געפונען גענוג ארגומענטען געגען נבות היזרעאלי — ערשטענס, איז ער דאך א מורד במלכות, וואס הייסט? דער קעניג פערלאנגט א זאך און דו זאגסט „ניין!" — א מורד במלכות קומט מיתה אפילו נאך די לאנדס־געזעצע — צווייטענס, אננעהמענדיג אז עס איז אן אומרעכט איהם צו טויטען, קען עס דאך אבער זיין אז דורך איהם זאל דעם קעניג'ס קראנקהייט און בענקעניש נאכ'ן וויינגארטען איהם טרייבען צום טויט — נו, איז ניט בעסער אז אן איינ־פאכער מענש זאל שטארבען איידער דער קעניג אליין וואס זיין טויט קען האבען א שלעכטען עפעקט אויפ'ן גאנצען פאלק? — און נאך אלעמען — זאגט זיין שכל צו איהם — וועט דאך דיין האנד ניט פערגיסען זיין בלוט; איזבל וועט דאך אבטהאן דעם „דזשאב", און ביי איהר איז קיין נאווינע ניט צו פערגיסען בלוט; האט זי דען ניט אויסגע'הרג'עט אלע נביאים פון גאט ווען איהר האט זיך פער־וואלט? לאז זיך דאכטען אז זי האט דאן גע'הרג'עט מיט א מענשען מעהר! — און נאכהער אז נבות וועט שוין זיין טויט (ניט דורך דיין האנד) ווערסטו איהם דאך ירש'ענען אויף א רעכטליכען וועג נאך די געזעצע פון לאנד וואס לויטען, אז דער אייגענטהום פון „הרוגי מלכות" בעלאנגען צום קעניג (או כפי' אחר של רש"י שם שנבות היה בן אחיו) — און אזוי האט אחאב דער „פיינער סאוועסטנער מאן" ענדליך ביי זיך רעכט געמאכט צו בעגעהן דעם שענדליכסטען פערברעכען אין דער וועלט. — דאס איז די פרוכט פון יושר אהן אמונה.

(הביאור הנ"ל יפיץ אור גדול על כמה פסוקים קשים בסיפור הענין הנ"ל שם במלכים א' — א) כשפגע אליהו את אחאב א"ל: „הרצחת וגם ירשת?" (וקשה מדוע הוסיף „ירשת", הלא זה הדבר קל מן „רצחת" ודרך כל הלשונות ללכת מן הקל אל הכבד?) ב) כשראה אחאב את אליהו אמר: „המצאתני אויבי?", ואליהו ענה: „מצאתי!" (מה כיוון בזה? האם התחבא אחאב ממנו?) אבל ע"פ הנ"ל יבואר היטב — שני אנשים הפכיים כאחאב ואליהו; הראשון החזיק אך בחלק האנושי שבדת והשני מחזיק בכל מאדו ביחוד בחלק האלהי (כמו שאמר: קנא קנאתי לד' וכו') בוודאי היו להם ויכוחים תמידיים אודות הענין הנ"ל; אליהו נסה להשיבו אל ד' והוא אמר: „מה צורך לי בזה? אם לשפוט את עמי בצדק, מובטח אני בעצמי שרגש היושר הנטוע בלבי ימנעני מעשות שום רע לשום אדם — אבל אליהו טען שלא די ברגש היושר לבד; והזהיר אותו שיבוא יום שימצא אחאב בעצמו שבלי אמונה לא יוכל איש לגבור על יצרו — וכן היה באמת — כשבא מעשה לידו בענין נבות, שהרג נפש וגזל וחמס וגם הצדיק את נפשו שירש ירושה ע"פ דין — ולכן אמר ד' אל אליהו לאמר: „כה אמר ד' הרצחת וגם ירשת?" — ר"ל הלא אתה אמרת שרגש היושר ישמרך מעשות רע והנה אתה רואה שאפשר לאדם מנומס לרצות נפש ולגזול את מאודו וגם להאמין שבאה לו הגזלה בירושה! — כשמצא אחאב את עצמו נלחץ אל הקיר אמר: „המצאתני אויבי?" ר"ל זאת הפעם תפשת אותי בכף, ואליהו ענה: „מצאתי!" ר"ל תפשתיך. וד"ל).

V

יעצט קענען מיר לייכט פערשטעהן דעם ריכטיגען אינהאלט פון די שליחות וואס אברהם האט אנגעטרויט צו אליעזר'ן און די פראבע וואס דיזער האט געמאכט

מיט רבקה'ן (שקשה הלא אברהם הקפיד ביחוד שלא יקח אשה לבנו מבנות הכנעני, והיה לאליעזר לבקש סימן שיוכיח בעיקרו על הדבר הזה, ומה אנו מוצאים שבקש סימן רק על טוב לבה — ואיך יפול דבר אם העלמה הזאת שתתן לו לשתות מכדה תהיה כנענית או שפחה? (חז"ל כבר אמרו „שאליעזר שאל שלא כהוגן, והיה העלמה היוצאת, אפילו תגרית אפילו סומא?" — אבל גם הם לא הזכירו העיקר, שמא כנענית היא) — ואם תאמר שעל זאת כבר התפלל: „הקרה נא לפני היום וכו'"? קשה אם סמך על התפילה לבד למה בקש סימנים? הלא היה יכול לבוא אל בית משפחת אברהם ולסמוך שד' יורה דרכו את מי לקחת כמו שהורה את שמואל את מי לבחור מכל בני ישי — יש ג"כ להקפיד על לשון הכתוב „ואשביעך בד' אלהי השמים ואלהי הארץ" (מדוע הזכיר כאן שד' הוא אלהי השמים ואלהי הארץ?)

איך האב אייך פריהער געוויזען צוויי ביבלישע פערזאנען וואס זיינען גע־בליבען פערדארבענע מענשען ווייל יעדער פון זיי האט נאר געהאט א העלפט פון יודענטהום — דיזע פרשה אבער האנדעלט מיט אברהם'ן וואס האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פאלקאמענהייט, ווייל אין איהם האבען זיך פעראייניגט ביידע זייטען פון יודענטהום, די געטליכע און די מענשליכע, אין העכסטען גראד (ווי איך האב שוין אנגעצייגט אין א פריהעריגע דרשה) — אזא מענש ווען ער האט גענומען זוכען א פאסיגע פרוי פאר זיין זוהן האט געווים געוואלט אז זי זאל זיין ביידע זאכען — פרום צו גאט און גוט צו לייטען, און דעריבער האט ער געזאגט „ואשביעך בד' אלהי השמים ואלהי הארץ" דערמיט האט ער איהם געוואלט אנווינקען אז אזוי ווי גאט איז דער הערשער פון ביידע זאכען, הימעל און ערד, אזוי מוז מיין זוהנ'ס פרוי פעראייניגען אין זיך די געטליכע און מענש־ליכע זייט פון רעליגיאן.

ווען אליעזר איז ארוים אין וועג וועגען דיזע שליחות און ער האט אנגעפאנ־גען נאכצודענקען וועגען אברהם'ס ווערטער, האט ער באלד איינגעזעהן אז וואס עס אנבעלאנגט דעם פונקט פון אמונה, איז דאס א זאך וואס מען קען אין פינף מינוטען ניט אויסגעפינען, ווייל דאס איז א דבר המסור ללב — מען מוז מיט א מענשען וואהנען צוזאמען יאהרען לאנג ביז מען קען זאגען א מיינונג וועגען זיין רעליגיעזיטעט און במחון אין גאט — דעריבער האט ער געזאגט: „ד' אלהי אדוני אברהם" — רבונו של עולם! וואס אנבעלאנגט דיר גאט, דער גאט פון אברהם, דאס הייסט וועגען די פרומקייט פון יצחק'ס כלה, מוז איך זיך פערלאזען אויף א נס אז דו וועסט שוין צושיקען א פרוי וואס מיט איהר פרומקייט וועט זי פאסען פאר אברהם'ס פאמיליע (הקרה נא וכו' ועשה חסד עם אדוני אברהם), אבער וואס אנבעלאנגט די מענשליכע זייט, דאס הייסט כאראקטער, גוטהערציגקייט, א. ז. וו. דערויף דענק איך ביז אויך א מבין — און אויף דעם האט ער געמאכט די ידוע'דיגע פראבע, וועלכע האט זיך איהם איינגעגעבען ווי געוואונשען *).

---

*) קצת מן הדרוש הזה נמצא בספרים, אבל כידוע, אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד.

חומר לדרוש.

אמונה ויושר.

(אמונה און געוויסען).

אגדות חז"ל.

„אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו" (ישעי' ג') — וכי יש צדיק טוב ויש צדיק שאינו טוב? אלא טוב לשמים ולבריות, זהו צדיק טוב: טוב לשמים ורע לבריות, זהו צדיק שאינו טוב — כיוצא בדבר אומר: „אוי לרשע רע כי גמול ידיו יעשה לו" (שם י"א), וכי יש רשע רע ויש רשע שאינו רע? אלא רע לשמים ורע לבריות, זהו רשע רע: רע לשמים ואינו רע לבריות, זהו רשע שאינו רע (קיד' מ').

אל תאמין בעצמך עד יום מותך, שהרי יוחנן כהן גדול שמש בכהונה גדולה שמונים שנה, ולסוף נעשה צדוקי (בר' כ"ט).

וכבר היה ר' טרפון וזקנים מסובים בעליית בית נתזה בלוד, נשאלה שאלה זו בפניהם: תלמוד גדול או מעשה גדול? נענה ר' טרפון ואמר: מעשה גדול. נענה ר' עקיבא ואמר: תלמוד גדול. נענו כולם ואמרו: תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה (קיד' מ' ע"ב).

אמר רבה בר רב הונא: כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצוניות לא מסרו לו — האיך יכנס? הכריז ר' ינאי: חבל על מי שאין לו חצר ושער לחצר עושה! (שבת ל:).

„העצמות היבשות" אלו בני אדם שאין בהם לחלוחית של מצוה (סנ' צ"ב).

„למען תזכרו ועשיתם אל כל מצותי" — משל לאחר מושלך אל תוך המים, הושיט הקברניט את החבל ואמר לו: תפוש חבל זה בידך ואל תניחהו, שאם תניחהו אין לך חיים. אף כך אמר להם הקב"ה לישראל: כל זמן שאתם מדובקים במצוות „ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כולכם היום" (מ"ר פ' י"ז).

„נר ה' נשמת אדם" (משלי כ' כ"ז) — אמר הקב"ה יהי נרי בידך ונרך בידי. ואיזו נרו של הקב"ה? זו תורה, שנאמר: „כי נר מצוה ותורה אור" (שם ו' כ"ג), מהו „כי נר מצוה"? אלא כל מי שעושה מצוה הרי הוא כאילו מדליק נר לפני הקב"ה ומחיה נפשו שנקראת גר, שנאמר: „נר ה' נשמת אדם". (שמו"ר פ' ל"ו).

אמר ר' אלעזר: אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ, שנאמר: „אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי" (פס' ס"ה).

ר' אלעזר בן עזריה אומר: אם אין תורה אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ אין תורה (אבות פ"ג).

„כי נר מצוה ותורה אור" (משלי ו' כ"ג) — משל למי שעומד באפלה, בא להלך, מצא אבן ונכשל בה, מצא ביב נופל בו, הקיש פניו בקרקע. למה? שלא היה בידו נר. כך הדיוט שאין בידו דברי תורה, מצא עברה ונכשל בה ומת, אבל אותם שעוסקים בתורה דומים למי שעומד באפלה ונר בידו, שנאמר: „נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי" (שמ"ר פ' ל"ו).

כל שישנו במקרא ובמשנה ובדרך ארץ לא במהרה הוא חוטא, ועליו הכתוב אומר: „והחוט המשולש לא במהרה ינתק".

דרש בר קפרא: כל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ, דור הנאה ממנו, שנאמר: „ובמושב לצים לא ישב". (קיד' מ', מ"א).

ועוד דרש (רבי אלעזר בן עזריה): דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים בעלי אסופות נתנו מרועה אחד" (קהלת י"ב, י"א), למה נמשלו דברי תורה לדרבונות? לאמר לך: מה דרבון זה מכוון את הפרה לתלמיה להוציא חיים לעולם, אף דברי תורה מכוונים את לב לומדיהם מדרכי מיתה לדרכי חיים (חג' ג').

באדל"מ ובאדל"ח תלוים זה בזה.

„ועשיתם את חוקותי וכו' וישבתם על הארץ לבטח" — חנוני אחד שהיה לו חנות מסחורות שעושים מהם בגדים שאל לחייט אם יש לו פרנסה טובה — א"ל החייט: זאת תוכל לדעת ממסחרך, אם אתה מוכר סחורה הרבה אז גם לי יש פרנסה טובה מתפירת הבגדים, וענין שלי תלוי בך — כן חלקי המצות שבין אדם למקום ושבין אדם לחברו תלוים זה בזה, ומצוה גוררת מצוה וכו' — וזשה"כ: כאשר „ולא תונו איש את עמיתו", אז אני מבטיח לכם כי „ויראת מאלהיך", ר"ל תשמור את המצות שבאדל"מ ג"כ, גם אופן השני כאשר „ועשיתם את חוקותי" במה שבאדל"מ אז תהיו בטוחים אשר „וישבתם על הארץ לבטח", באין שוד וחמס בין אדם לחברו (כפלים לתושיה).

בענין הנ"ל.

„ותשחת הארץ לפני האלהים ותמלא הארץ חמס" — כלל זה בידינו, אם יאמרו לך: העיקר להיות אדם בין אדם לחברו שלא להונות ולא לעשות עול במשפט במדה ובמשורה, אבל מה איכפת לך, אם חברך מניח תפילין או לא וכו', אל תאמין לדברים האלו, כי מי שאין יראת ה' בלבבו גם מצדק ומשפט הוא רחוק, כי יצר לב האדם רע מאד ורק יראת הרוממות מתשת כח היצר, וז"ש: „ותשחת הארץ לפני האלהים", ר"ל כמעט אבדה האמונה, „ותמלא הארץ חמס", וד"ל (מנחת יהודה).

בענין הנ"ל.

„אין אדם נקרא צדיק אא"כ הוא טוב, אמר רב טביומא: צדיק והוא טוב נמשל לפעמון של זהב ומקישו של מרגליות, רשע והוא חוטא נמשל לאשה כעורה ותוטמה מעלה פוליפוס" (ילקוט) — ור"ל שיש צדיק באדל"מ, משכים ומעריב לביהמ"ד, מדקדק במצות, שומר פיו ולשונו, וגם עיניו בל יתבוננו על בתולה, אולם באחת היצר מושל עליו, שקופץ

ידיו מעשות טוב לעניים, זה נקרא צדיק שאינו טוב, והוא דומה לפעמון של זהב אך חסר המקיש ע"כ אין קולו הולך (ר"ל אין קול מוסרו נשמע מן הבריות כי אומרים לו קשוט עצמך וכו'), אבל אם הוא גם פזרן בממונו, אז הוא דומה לפעמון של זהב עם מקיש של מרגליות, ר"ל קולו קול עז נשמע מכל אדם — וכן יש רשע מחלל שבת ועובר בשאט נפש על דברי תורה ודברי חכמים, אולם אם לכל הפחות טוב לבריות אין הכיעור ניכר כ"כ, אך אם הוא גם רע לבריות דומה ממש לאשה כעורה שיש לה פוליפוס על חוטמה, וז"ש: אמרו צדיק כי טוב וכו', אברהם אבינו היה צדיק וטוב, כמשה"כ: „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט" — לא רק צדקה ומשפט אלא גם דרך ה', מה הוא רחום אף אתה רחום וכו' (שם).

את שבתותי תשמרו וכו'. אל תפנו אל האובות

האמונה שיש גבוה מעל גבוה שומר הוטבעה בלב האדם מבטן ומלדה ומהריון, והראיה, שלא נמצאה מעולם אומה ולשון שלא היה לה איזה אמונה, אם בכוכבי השמים, או באש, או במים, אם בשעירים או אשרים, או שאר אלהים אחרים, אשר בדו מלבם, ומאז הכיר אברהם את אלהי האמת, בני אדם נחלקים לב' כתות: בעלי אמונת האמת, ועובדי עבודה זרה — אבל כל האומר שאינו מאמין בשום אלהות, שקר ענה בעצמו, כי האדם בטבעו אם אינו מאמין ומתפלל לה' בהכרח פונה אל אלהים אחרים, וכמאמר החכם: „וואו דער גלויבע אויפהערט, פענגט דער אַבערגלויבע אָן" — ובזה יובן סמיכת המאמרים בכתוב: „את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו אל תפנו אל האובות ואל הידעונים" — ר"ל אם לא תראו ממקדשי וכו' בהכרח שתפנו אל האובות והידעונים, וד"ל (שם).

וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'.

קשה במה כח הציצית גדול שיזכירו את האדם את כל מצות ה'? ובתלמוד מצינו שבאמת פעלו הציצית פעולה כזאת על לב יהודי שרצה לחטוא כמו שמצינו (מנ' מ"ד.) מעשה באדם אחד וכו' באו ארבע ציציותיו וטפחו לו על פניו, הלא דבר הוא!

הציצית היו לבנים ועליהם נתון פתיל תכלת; צבע לבן הוא סמל הטהרה והנקיות מחטא וצבע התכלת הוא סמל הקדושה העליונה הבאה ממרום (תכלת דומה לרקיע), והוראת הציצית א"כ היה לומר לאדם: אם תרצה שיהיו מעשיך לבנים (ר"ל מנוקים מכל חטא) תתן עליהם פתיל תכלת ר"ל אפילו בעשית הטוב אל תעשה את הטוב מצד יושר לבבך אלא מחמת שכן גזר עליך הקב"ה — והטעם הוא כמו שהוכחתי בדרוש ההולך לפנינו שהאיש העושה טוב מישרת לבבו עלול להטות את ישרתו אל כל אשר יטהו לבבו ולומר אין רע, וכן בודאי אותו האיש שהלך אל הזונה ושלא היה באמת רועה זונות מעודו (והראיה שהיה מלובש בציצית) בודאו פתהו יצרו שאינו עושה בזה כל רע לשום אדם ואינו עובר במלא השערה על חוקי היושר והמוסר, אבל פתאום באו ציציותיו וטפחו על פניו, ר"ל הופיעו לפני עיניו, וזכר הוראתם שכל מעשי ב"א יהיו ע"פ גזרת השם יתב' ואז מובטח לו שלא יטעה, וזכר ג"כ שה' אסר את הזונות על כל פנים, ולא יועיל לזה שום אמתלא, וחדל מן החטא.

ועתה יזהירו לעינינו דברי הכתוב: „וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וכו'" — ר"ל פתיל התכלת שעל לובן הציצית יזכיר אתכם את כל מצות ד' (משום שתכלת דומה לרקיע, כנ"ל) ועשיתם אותם לא מחמת יושר לבב, אלא משום שכן צוה הקב"ה — ועי"ז „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", שאל"כ אפילו האדם הישר עלול לנטות אחרי לבבו ואחרי עיניו, כמו שהוכחתי לעיל, וד"ל. (המחבר).

רק אין יראת אלהים במקום הזה.

„כל מי שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, ומי שחכמתו קודמת ליראת חטאו אין חכמתו מתקיימת", כי אם חכמתו קודמת בעיניו ליראתו ואשר תישר בעיני שכלו אותו יקרב, ואם שכלו מתנגד לדבר ירחיקו, אז אין חכמתו מתקיימת, כי סוף שכלו להמשך אחרי רצונו ולהתעותו בתוהו לא דרך. אבל אם יראתו קודמת לחכמתו, והוא מאמין באמונה שלמה באמיתת וישרת החוקים, רק יבוא אחריהם בשכלו להבינם ולדעתם, ואם פעם תקצר בינתו מהבין את החוק, ידע כי בינתו קצרה, ולא יבעט במצות ה׳ בהשענו על בינתו, אז לא רק שיראתו תתקיים, כי אם גם חכמתו תתקיים, כי החוקים יגנו על שכלו שלא יט הצדה בהמשכו אחרי רצונו ועל חכמתו שלא תתבלע באשמת יצרו הרע המכהו בסנורים.

כדברים האלה אנו שומעים במענה אברהם אבינו שענה לאבימלך על שאלתו: „מה ראית כי עשית את הדבר הזה?" — שתוכן שאלתו: האם ראית אצלנו חומסים וגוזלים ורוצחי נפש עד שהוכרחת לאמר על אשתך כי אחותך היא? ויענהו אברהם: „כי אמרתי רק אין יראת אלהים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי" — ר"ל, אמנם כן הוא כי בארצך שוררים חוקים ומשפטים צדיקים, אין חומס ואין גוזל, אבל כל משפטיכם הם בנוים רק על יסוד השכל, והוא יסוד רעוע, אם אין האמונה והיראה בעזרתו, לכן אמרתי אם „רק אין יראת אלהים במקום הזה" לא יועילו החוקים והסדרים השוררים, ויש לירא „פן יהרגוני על דבר אשתי" בהתגבר עליהם יצרם הרע, כי תאותם תעבירם על דעתם, ושכלם יטה אחר תאותם ולא יהיה מעצור לרות תאותם. (ישראל ותורתו).

ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו.

„ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה: ויפגע במקום וכו׳ ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וכו׳ ויחלום וכו׳" — „ויקח את האבן", אז"ל (חולין צ"א) התחילו האבנים מריבות זו עם זו, זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וכו׳ מה עשה הקב"ה, עשאן אבן אחת, זשה"כ: „ויקח את האבן".

הנה יעקב במקלו עבר את הירדן בערום ובחוסר כל (אם כדברי רז"ל אשר אליפז בן עשו גזל ממנו את כל העושר אשר הביא מבית אביו, אם כדברי הא"ע בפ׳ תולדות שיצחק עני היה וע"כ לא היה לאל ידו ליתן ליעקב כאשר יצא מביתו עושר רב כאברהם בשלחו את אליעזר עבדו) ויהי בדרך כאשר הלך לו בלב נשבר ונדכא אנוס ע"י שנאת עשו, ויתרוצצו הרעיונות בקרבו, מדוע עשה ה׳ ככה? מפני מה צדיק ורע לו רשע וטוב לו? מה פשעי ומה חטאתי שאנכי אנוד מבית אבי ואחי עשו הרשע ישאר בשלוה על מקומו — ובהשקיעו א"ע ברעיונות כאלה אין להפליא אשר „ויפגע במקום" כביכול, מחשבותיו ורעיונותיו התחילו להטיח דברים כלפי מעלה — כאמרם ז"ל, משה, חנה, אליהו הטיחו דברים כלפי מעלה (בר׳ ל"ב). — ואולי ז"ש ז"ל (במ"ר פ׳ ס"ח) „ויפגע במקום", ר׳ הונא בשם ר׳ אמי מ"מ מכנין שמו של הקב"ה וקוראין אותו מקום שהוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו, דכתיב: „הנה מקום אתי", ע"כ — ולהנ"ל ר"ל, ויפגע במקום כביכול, שאל בלבו שאלות כאלו חו"ש אין התנהגות עולמו טוב וישר, באשר צדיק ורע לו ורשע ואוהב חמס יושב שקט ושאנן בבית אביו — „וילן שם כי בא השמש", לן בעומקה של הלכה ורעיוניו על משכבו סליקין, הפליא עצה אולי ימצא היתר ספקותיו, תשובה על שאלותיו — ושב אל לבו „צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור", אך גם בזה לא מצא מרגוע, כי הלא יודע צדיק בנפשיה אי צדיק גמור הוא (בר׳ ס"א) ולא עוד הלא

גם אביו צדיק בן צדיק וצדיק גמור ובכל זה יושב סגי נהור בביתו, ונשי עשו היו מורת רוח לו ולאמו — וישיבהו רוחו: „צדיקים תחילתן יסורים וסופן שלוה", אך גם בזה לא עלתה לו, הלא יש צדיק אובד בצדקו — ויאמר עוד: „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" (קיד' ל"ט) יבואו ימי הטובה ביום שכולו טוב ויקבל את שכרו משלם — ויבוא השטן ויאמר לו: „מי הגיד לך כזאת, אולי אין דין ואין חשבון? אולי במתים חפשי, אין דורש ואין מבקש והיה כלא היה — אלו השאלות והתשובות הן היו האבנים אשר שם מראשותיו, כי היה ראשו עליו דוי מלא שאלות, „וישכב במקום ההוא" — ר"ל מרוב צערו ורעיונות שונות תרדמה נפלה עליו וישן.

„ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" — החלום היה מהרהורי דיומא — מלאכי אלהים העולים ויורדים בסולם הם הם התלמידי חכמים שחושבים לעלות על במתי עב ולידע מחשבות יה — כמו אחר ובן עזאי ובן זומא ור"ע שנכנסו לפרדס להבין אמרי אל ולידע דעת עליון, ומהם אך ר"ע יצא בשלום והנשארים „ירדו בו" נפלו מאיגרא רמא לבירא עמיקתא — ע"כ למה זה הבל תיגע לעלות, הלא סכנה גדולה לעלות על זה הסולם, כי רוב מן המלאכים (הת"ח הדומים למלאכי ה') ירדו בו!

„והנה ה' נצב עליו" — בכ"ז בא לו התשובה בחלום בחזיון לילה: דע שה' נצב עליך! אל תירא ואל תיחת ישראל, קוה אל ה', נאמן הוא בעל מלאכתך שישלם שכר פעולתך, „אני ה' אלהי אברהם ואלהי יצחק" — אין לך תשובה גדולה מזו — החזק בחבל הקבלה וממנה לא תזוע; אמונה היא התשובה על הכל — מי שמאמין בה' לילה כיום יאיר לו; החזק באמונה אשר מאתו לא תצא הרעות — כל מה דעביד רחמנא לטב עביד — לפניו נגלו כל תעלומות והמון נסתרות — הלא אדם מאדמה אתה, יליד אשה, קצר ימים ושבע רוגז, במופלא ממך אל תדרוש — כל האבנים, אבני המקום אשר שמת מראשותך הבל המה, אין אחת מאלו האבנים ראויה לבנות עליה בנין תפארת אמונתך — „אנכי אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק", היא התשובה הנצחית, האבן פנה הראויה שישים עליה צדיק את ראשו, ר"ל שישען עליה — והיה אם תאמין שאנכי אלקי אביך אז „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה" — וזשז"ל: „ויקץ יעקב משנתו" ממשנתו (מ"ר), ר"ל אז כאשר החזיק בחבל האמונה אז היתה משנתו שלמה. (מנחת יהודה).

הנקודה התיכונה.

שאלו לרמב"ם מה יתרון הפילוסופיה של חכמי ישראל על חכמי היונים, ומה כחם שיבואו אחרי הענקים הגדולים כאריסטו ואפלטון, האם באמת יקוו לעשות חדשות בענינים שהקדמונים לא יכלו להשיג? ויען הרמב"ם: פעם אחת ראיתי שני עיגולים שנחרתו על לוח משני בני אדם, האחד היה איש חד השכל וגם חכם חרשים, אבל בעת שעשה העיגול לא היה מחוגה בידו ולכן אף שהשכיל לעשות בכל זאת לא היה האפשרות בטבע שיהיה העיגול שעשה שלם בתכלית השלמות — השני היה איש פשוט, אבל הוא עשה את העיגול במחוגה, ר"ל תחב רגל אחת של המחוגה בתוך הלוח וברגל השנית חריץ חריץ סביב הנקודה התיכונה עד שהגיע אל המקום שהתחיל בו, ובהכרח שיצא עיגולו מתחת ידו שלם בתכלית השלמות.

הנמשל: חכמי הגוים נשענו בכל חקירותיהם באלהות על שכלם לבד ולכן בכל רוב חכמתם לא היה האפשרות בטבע שישיגו את האמת, לא כן חכמי ישראל שמתחילים את כל חקירותיהם מנקודת האמונה הטהורה שהיא מסורת בידם מאבותיהם הם עלולים יותר להשיג את האמת, וד"ל. (שמעתי מחותני הגאון ר' אהרן גאָרדאָן).

דמא בן נתינא.

וא"ת הלא מצינו מקרים בודדים בתנ"ך ובתלמוד אודות איזה נכרים שעמדו בנסיונות גדולים, כגון סיפור דמא בן נתינא האיך עמד בנסיון גדול והפסיד עושר רב ולא רצה לזלזל בכבוד אביו, והוא הלא בודאי לא עשה מה שעשה מחמת יראת ה' כי היה נכרי ולא נגה עליו אור ה' כלל? — על זה אף אנכי אענך במשל נודע: ארי אמר לבנו הנה מהיום והלאה לא אטרוף לך טרף רק אתה בעצמך לך והביא שבר רעבונך. ויתחנן הבן אל אביו ויאמר: אנה אני בא והיה כל מוצאי יהרגני? ויען אביו: לא תירא מאומה כי הארי הוא מלך כל החיות והוא הגבור מכל, ומי יתיצב לפניו? כשמעו שאין צריך לירא משום בריה, הלך מעיר לעיר עד שבא לפני שער אחד שהיה מצויר עליו דוד המלך הורג את הארי ואת הדוב, ושער ב' מצויר עליו שמשון הגבור שוסע את הארי כשסע הגדי. ויחרד מאד, ויאמר אלכה ואשובה אל אבי כי התל בי. — וישב אליו רעב וצמא, ויעמוד לפניו ויצעק לאמר: אבי מדוע רמיתני? הלא כזאת וכזאת ראיתי בעיני? א"ל אבא: שוטה ופתי אתה, מדוע לא תבין בעצמך כי אלו לא היה דבר זה פלא לא היו מציירים אותו על השערים לדבר חידוש לדור דורים לזכרון? אלא לפי שהארי גבור מכל לכן כאשר קרה פעם אחת כי אדם אחד הגדיל לעשות למעלה מן הטבע וינצח את הארי, הציגו את הדבר לזכרון לדורות עולם, ע"כ (המשל נמצא בספרים) — כדבר הזה ג"כ אני אומר על המקרים הבודדים המסופרים בתנ"ך ותלמוד אודות אנשים שלא נגה אליהם אור התורה ובכל זאת עמדו בנסיון, שלבעבור זאת שמו את הסיפורים האלה בספר מחמת שהוא מקרה בלתי רגיל ויוצא מגדר הטבע. (המחבר).

והיה אמונת עתיך.

אולי חזה הנביא מראש את דורנו החכם בעיניו המאמין אמונה שלמה בכחו ועוצם ידו, וגם מאמין בחכמות הטבע והחקירה כמו המצאות עדיסאן וניקולי טעסלא, ופילוסופיא של קאנט ולייבניץ וכו', אבל אמונה ויראת ה' מונחת בקרן זוית, סחורה כזאת אין דורש ואין מבקש, לכן קרא אליהם הנביא את הקריאה הזאת לאמר: „והיה אמונת עתיך", ר"ל בזמנך ובדורך תהיה אמונת בני האדם תלויה בישועה הבאה לאדם ע"י חסנו ועוצם ידו (חוסן ישועות) וגם ב„חכמות ודעת", אבל באמת, „יראת ה' היא אוצרו" — וד"ל. (המחבר).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

די צוויי ברידער.

(דרוש לפ׳ תולדות).

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

ויגדלו הנערים ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה ויעקב איש תם יושב אוהלים (בראשית כ״ה, כ״ז).

די לעבענס־בעשרייבונג פון די צוויי ברידער, יעקב און עשו, און זייערע סכסוכים צווישען זיך זעהען אוים אויבערפלעכליך ווי קינדערשע מעשה׳לעך — רבקה האט געבארען א צווילינג, צוויי אינגעלעך, איינער א ווייסינקער, איינער א רויטינקער — די מאמע האט ליעב געהאט דעם ווייסינקען, דער טאטע — דעם רויטינקען, — די מאמע צוזאמען מיט׳ן ווייסינקען האבען אבגענארט דעם טאטען מיט׳ן רויטינקען, א. ז. וו.

אבער דער פאקט איז, אז אין דיזע ערצעהלונג איז דער פונדאמענט פון רעליגיאן און עטהיקס (תורת המוסר).

איהר וועט בעמערקען, אז אזוי ווי די מיליאנען געזיכטער פון דער מענשהייט זיינען פערשיעדען איינע פון די אנדערע, אזוי זיינען זייערע כאראקטערע אויך פערשיעדען איינע פון די אנדערע. — איינער איז א כעסן, דער צווייטער איז גוטמוטהיג, איינער איז א רויבער, דער צווייטער איז עהרליך, איינער איז א מערדער, דער צווייטער איז א פילאנטראפ, א. ז. וו. — פרעגט זיך די פראגע: פון וואנען נעהמט זיך דיזע גרויסע פערשיעדענהייט צווישען מענשען? מיר זעהען דאך ביי די נידעריגע בעשעפעניסע אז אלע איינציגע פון יעדער זשאנער (מין) האבען פונקט דעם זעלבען נאטור. — איז איין וואלף א מערדער, זיינען אלע וועלף מערדער; איז איין שעפס א שטילע בעשעפענים און עסט קיין פלייש ניט, זיינט איהר זיכער אז אלע שעפסען זיינען פונקט פון זעלבען נאטור! פון וואנען זשע קומט די פערשיעדענהייט צווישען די אינדיווידועלען פון די מענשען־ראסע?

די פרייע וויסענשאפט (וועלכע אכטעט ניט קיין רעליגיאן) מאכט דערויף פערשיעדענע ערקלעהרונגען — איין אנטווארט איז, אז די פערשיעדענע כאראק־

טערן פון מענשען קומט בירושה פון פערשיעדענע עלטערן וועלכע זיינען אזוי בעשאפען געווארען אין ששת ימי בראשית (בעלי הדעה החפשית הזאת אינם מאמינים שכל בני האדם השונים באים מאב אחד ואם אחת) — אין אנדערע ווערטער, כעסנים שטאמען אב פון כעסנים, גזלנים קומען ארויס פון גזלנים, גוטהערציגע קומען ארויס פון גוטהערציגע, א. ז. וו. ביז דעם אנפאנג פון די מענשהייט. — דיזע טהעאריע הייסט אין ענגליש „הערעדיטי", (ירושת המדות).

אבער דא קומען אנדערע נאטור־פארשער און פרעגען: סטייטש, מיר זעהען דאך גאנץ אפט אז פון גוטע, געלאסענע עלטערן קומען ארויס שלעכטע, הייס־בלוטיגע קינדער אדער פערקעהרט? — דעריבער האבען דיזע געלעהרטע אויסגע־קלעהרט אן אנדער טהעאריע, וועלכע זיי רופען „טרעינינג" אדער „עדיוקיישאן" (ערציהונג) — אין אנדערע ווערטער, **מענשען זיינען דאס וואס זייערע עלטע־רען האבען געמאכט פון זיי.** — נאך דיזער טהעאריע איז שוין גאנץ רעכט וואס פון גוטע עלטערן קומען אפטמאל ארויס שלעכטע קינדער אדער פערקעהרט, ווייל קינדער־ערציהונג איז א גרויסע חכמה און נים אלע עלטערן קענען דאס ריכט אויפפאסען — עס זיינען דא אויף דער וועלט גוטע עלטערן **פאר זיך,** אבער די פעהיגקייט אדער וויסענשאפט פון קינדער־ערציהונג פעהלט זיי אין גאנצען, דעריבער איז עס גאנץ וואהרשיינליך אז זיי זאלען אויפברענגען א דור פון פערדארבענע מענשען — פערקעהרט עס קענען זיך געפינען עלטערן וועלכע זיינען אליין פערדארבען, אבער זיי האבען גראדע א בעגריף פון די חכמה פון קינדער־ערציהונג, און אזוי ווי אלע סארטען עלטערן, אפילו פערדארבענע, ווילען אז זייערע קינדער זאלען זיין בעסער ווי זיי זעלבסט, איז עס זעהר מעגליך, אז פון דיזע זאלען ארויסקומען צדיקים.

און טאמער וועט איהר פרעגען: סטייטש, מיר זעהען דאך גאנץ אפט, אז **די זעלבע טאטע מאמע** האדעווען אויס איינעם א גוטען קינד און א צווייטען א שלעכטען? — פערענטפערען די געלעהרטע דיזע פראגע מיט פערשיעדענע תירוצים — למשל, עס קען געמאלט זיין אז דער שלעכטער קינד איז געווען דער ערשטער ביי דיזע עלטערן, און דער גוטער איז געבארען געווארען אין זייערע שפעטערע יאהרען (דאס רוב איז אזוי), נון, ווען א באי מיט א מיידעל הייראטען אין עלטער פון צוואנציג אדער איין און צוואנציג יאהר, זיינען זיי נאך אליין קינ־דער, דער שכל איז מחייב אז צו יענער צייט בעזיצען זיי געוויס נים די פעהיגקייט צו ערציהען קינדער, אלזא טרעפט עס אפט אז די קינדער וואס זיינען געבארען געווארען ביי זיי צו יענער צייט־אלטער וואקסען אויס ווילד (דערצו איז אויך די ליעבע צו די ערשט־געבארענע קינדער שטארקער, און עלטערן זיינען דאן מעהר געניינט נאכצוגעבען און צובאלעווען אזעלכע קינדער) — פערקעהרט די יעניגע קינדער וואס ווערען געבארען ביי עלטערן אין זייערע שפעטערע יאהרען האבען א דאפעלטען פארצוג — ערשטענס, וואס די עלטערן זעלבסט זיינען מעהר „צייטיג"

געוואָרען, און צווייטענס, וואָס זיי האָבען שוין פּראָפּיטירט פון די „מיסטייקס“ וואָס זיי האָבען געמאַכט אין די ערציהונג פון זייערע פריהערדיגע קינדער.

אָפּטמאָל קען מען אויך פּערענטפּערען די אויבענגענאַנטע קשיא (ווי אַזוי עס קענען זיך אויסהאָדעווען קינדער מיט פּערשיעדענע כּאַראַקטערע ביי די זעלבע עלטערען) דורך די פערשיעדענהייט אין די עקאָנאָמישע אומשטענדען פון די על־טערען אין די פערשיעדענע צייטען פון זייער לעבען — צ. ב. ש. עס האָט געקענט טרעפען אַז אין דער צייט ווען איין קינד האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיי זיינען זיי געווען אָרעם, און האָבען ניט געהאַט די געלעגענהייט צו געבען זייער קינד די נויטיגע אויפמערקזאַמקייט און צו טראָגען די קאָסטען פון אַ גוטע ערציהונג, וועהרענד אין דער צייט פון דעם צווייטען קינד זיינען זיי געווען רייך און זיי האָבען אויסגענוצט אַ טהייל פון דיזע רייכטהום פאַר די ערציהונג פון זייער קינד.

אויב איהר געפינט אַ געוויסען פאַל וואו צוויי קינדער זיינען געבאָרען געוואָרען ביי די זעלבע עלטערען, אין זייער זעלבען צייט־אַלטער און אונטער די זעלבע אומשטענדען, און פונדעסטוועגען איז איינער גוט און דער צווייטער שלעכט, האָבען די געלעהרטע אַן אַנדער תירוץ — זאָגען זיי אַזוי ווי יעדער קינד האָט דאָך אַ טאַטען מיט אַ מאַמען, און אַזוי ווי עס קען דאָך טרעפען (און דאָס רוב טרעפט זיך עס טאַקע) אַז טאַטע און מאַמע זיינען פערשיעדען אין זייערע נאַטורען, אַנשויאונגען אָדער פעהיגקייטען פון קינדער־ערציהונג, קען עס טרעפען אַז איין קינד קומט אַרונטער אונטער דעם איינפלוס פון פאָטער און אַ צווייטער אונטער דעם איינפלוס פון די מוטער, און דערפון קומט אַרויס די פערשיעדענהייט אין די קינדער.

II

איהר וועט בעמערקען אַז דיזעביידע טהעאָריען גראָבען אונטער דעם פונ־דאַמענט פון רעליגיאָן. — דער פונדאַמענט פון רעליגיאָן איז דער פּרינציפּ פון „שכר ועונש“, ד. ה. אַז יעדער מענש ווערט בעלוינט פאַר זיינע גוטע טהאַטען און בעשטראָפט פאַר זיינע זינד אָדער פערברעכען — דיזע בעלוינונג אָדער שטראָף האָט ער כשר פערדיענט, אויב מיר זאָגען אַז אַ מענש האָט די ברירה זיך אויס־צוקלייבען די גוטע אָדער שלעכטע וועג אין לעבען, אָבער אויב איהר וועט אָנ־נעהמען אַז צדקות אָדער רשעות קומט צום מענשען בירושה, אָדער אַז דאָס איז די פּרודוקט פון ערציהונג, דאַן איז דאָך דער מענש אין גאַנצען ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים — אַ פערברעכער איז גאָר נעבאַך אַ קראַנקער, אַן אומגליקליכער — פערקעהרט דער גוטער מענש איז געבאָרען געוואָרען מיט זיין גוטען כאַראַקטער אַזוי ווי אַ מענש ווערט געבאָרען מיט אַ גוטע שטימע, אָדער מיט שעהנע אויגען, א. ז. וו.

נאָך ביידע פון דיזע טהעאָריען האָבען גאָר די שלעכטע קינדער אַן אמת'ע תביעה צו זייערע עלטערען — זיי קענען זאָגען, איהר האָט אונז דאָס איבערגע־

געבען די פערדארבענהייט (ענטוועדער מיט די מילך וואס מיר האבען געזויגען אדער מיט דעם סארט ערציהונג וואס איהר האט אונז געגעבען).

אבער באמת זיינען ביידע טהעאריען פאלש — דער כאראקטער פון א מענשען קומט ניט צו איהם בירושה און אויך ניט דורך עדיוקיישאן, נאר דורך זיין אייגענעם ווילען און זיין אייגענע אנשטרענגונג — אין אנדערע ווערטער: דער מענש איז דאס וואס ער מאכט פון זיך אליין, און דעריבער איז ער פער־אנטווארטליך פאר זיינע מעשים.

דאס לערענט אונז די ערצעהלונג אין היינטיגע סדרה — צוויי קינדער זיינען געבארען געווארען ביי איין טאטע מאמען וועלכע זיינען ביידע געווען צדיקים פון די העכסטע מדרגה און פונדעסטוועגען זיינען די קינדער געווען אין גאנצען פער־שיעדען אין זייערע נאטורען — איינער איז געווען א „יעקב“ און דער צווייטער אן „עשו“.

און אין דיזען פאל קען מען ניט ערקלעהרען זייער פערשיעדענהייט מיט די ערקלעהרונג אז זיי זיינען געבארען געווארען אין פערשיעדענע צייט־אלטער פון די עלטערען, אדער ביים געבורט פון איינעם זיינען די עלטערען געווען ארעם און ביים צווייטען רייך, ווייל די קינדער זיינען גראדע געווען א צווילינג.

און טאמער וועט יעמאנד זאגען אז זייער פאטער יצחק איז נאך געווען צו יונג און האט ניט געוואוסט ווי צו ערציהען קינדער, — זאגט דער פסוק עדות: „ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם“ (יצחק איז געווען זעכציג יאהר אלט ווען זיי זיינען געבארען געווארען — בן ששים לזקנה).

און טאמער וועט איהר דאס וועלען ערקלעהרען מיט די טהעאריע אז איינער פון דיזע קינדער איז ארונטערגעקומען אונטער דעם איינפלוס פון טאטען וואס איז געווען א צדיק בן צדיק און דער צווייטער איז ערצויגען געווארען פון די מאמען וואס האט געהאט א פאטער בתואל און א ברודער לבן הארמי — קומט דער פסוק און דערצעהלט אז דא איז געווען פונקט פערקעהרט „ויאהב יצחק את עשו ורבקה אוהבת את יעקב“ (גראדע דער צדיק בן צדיק האט זיך אבגעגעבען מעהר מיט עשו הרשע, און רבקה וואס איז געווען לבן הארמי׳ס שוועסטער איז געווען מעהר אינטימנע מיט יעקב׳ן דעם צדיק).

ווי קען מען דאס ערקלעהרען? — ניט אנדערש נאר אז יעדער פון דיזע צוויי קינדער האט אליין געבוים און ענטוויקעלט זיין אייגענעם כאראקטער — ווי דער פסוק זאגט עדות: „ויגדלו הנערים ויהי האחד וכו׳“ (עס שטעהט ניט אז יצחק זייער פאטער האט איינעם געמאכט פאר א „יושב אוהלים“ און דעם צווייטען פאר א „יודע ציד“, נאר עס שטעהט: „ויהי האחד וכו׳“, ד. ה. ער איז אליין געווארען).

III

אבער דא וועלען קומען יענע טהעאָריסטען און טענה׳ן: ווער זאגט דאס דיר אַז יעקב איז געוועזן דער צדיק און עשו דער רשע — מיר זאגען פערקהערט, אַז יעקב וועלכער האָט אויסגעשווינדעלט די בכורה און די ברכות פון זיין ברודער איז טאַקע געווען געראָטען אין זיין מאַמע׳ס ברודער לבן הארמי, און עשו דער אונשולדיגער נעבאך וואס האָט קיין חכמות ניט פערשטאַנען איז טאַקע געווען געראָטען אין זיין טאַטע׳ן דעם צדיק.

קריסטליכע ביבעל־קריטיקער האָבען טאַקע אָנגענומען דיזער ערקלעהרונג אַלס אַן אמת׳ע — ביי זיי איז טאַקע יעקב געבליבען דער שווינדלער און עשו דער בעשווינדעלטער נעבאך.

נו, איך וואָלט עס ניט געפונען פאַר נויטיג זיך אָנצונעהמען יעקב׳ס קריוודע — ער דאַרף ניט האָבען מיין פערטהיידיגונג — אָבער די צרה איז, אַז די פער־לוימדער פון אונזער פאָטער יעקב געהען נאָך אַ טריט ווייטער און זאָגען אַז יעקב׳ס אייניקלעך זיינען אויך געראָטען אין זייער זיידען און זיי בע־שווינדלען תמיד זייער פעטער עשו׳ס אייניקלעך...

אויף דיזער פערלוימדונג ענטפערט דער נביא אין היינטיגע הפטרה:

אהבתי אתכם אמר ה׳ ואמרתם במה אהבתנו? הלא את עשו ליעקב נאום ה׳ ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי וכו׳
(מלאכי א׳ ב—ג).

(„איך האָב איך ליעב!" — זאָגט גאָט — און טאָמער וועט איהר זאָגען מיט וואָס האָסטו אונז ליעב? (איז דער אַנטוואָרט) עשו איז דאָך געווען אַ ברודער צו יעקב, און דאָך האָב איך ליעב געהאַט יעקב׳ן און עשו׳ן האָב איך פיינד געהאַט).

איהר וועט בעמערקען אַז די ווערטער זעהען אויס זעהר אונלאָגיש, ווייל די פראַגע בלייבט דאָך אַלץ וואָרום האָט גאָט טאַקע ליעב געהאַט יעקב׳ן און עשו׳ן פיינד געהאַט?

אבער אין דיזע פסוקים ליעגט דער אַנטוואָרט אויף די אַלטע טענה אַז עשו׳ס כאַראַקטער זעהט אויס נאָך די בעשרייבונג אין חומש צו זיין שעהנער ווי יעקב׳ס.

באמת זעהט עס אויס אַזוי נאָר אויבערפלעכליך — אַז איהר וועט אונטער־זוכען דעם ענין טיעפער וועט איהר געפינען אַז יעקב איז געשטאַנען גייסטיג העכער פאַר זיין ברודער אַזוי ווי דער הימעל איז העכער פון דער ערד.

צוליעב וואָס האָט דאָס יעקב בעשווינדעלט עשו׳ן, צוליעב געלט? אָדער צוליעב אַנדערע מאַטעריעלע אייגעננוצען? — ניין! נאָר צוליעב אַן אידעאַל וואָס עשו האָט ניט געקענט פערשטעהן אָדער ריכטיג אָבשאַצען. — עשו איז געווען אַ מבין אויף אַ גוטען מאַלצייט, אָבער וואָס טויג איהם אַ בכורה? (הנה אנכי הולך

למות ולמה זה לי בכורה) — נאר נאכדעם ווען ער האט בעמערקט וועלכע אנ־שטרענגונגען יעקב האט געמאכט דאס צו קריגען האט ער זיך בעדענקט: „אז דאס איז גוט פאר יעקב'ן פיליכט איז דאס טאקע וואס ווערטה?" — און דאן איז ער איהם געווארען א שונא דאפיר.

אלזא יעקב'ס שווינדעל מיט וועלכען ער האט אויסגענארט די בכורה פון עשו'ן איז פון דעם זעלבען סארט וואס א געוויסער איד איז בעגאנגען ווען ער האט אויסגענארט פון א גוי א פאר תפילין וואס יענער האט ערגעץ פאפארעט און האט דאס געוויזט אלס שפאנגעציג פאר זיינע פערד...

און נאכדעם ווען דער קריעג האט שוין אויסגעבראכען צווישען זיי, לאמיר זעהן ווי אזוי די צוויי ברידער האבען אנגעפיהרט דיזען קריעג — דער ערשטער געדאנק וואס איז ארויפגעקומען עשו'ן אויפ'ן זינען ווען ער האט אויסגעפונען אז זיין ברודער האט איהם בעשווינדעלט (ווי ער האט דאס גערופען) איז געווען מארד (יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב) „זאלען זיך נאר דערנעהענטערען די טעג פון מיין פאטער'ס אבלות וועל איך די ערשטע זאך ערמארדען יעקב'ן!" — נון, ווען עס קומט צו מארד וואלט דאך יעקב דאכט זיך אויך געקענט אויספיהרען אזא בריה'שקיים — דערשטעכען מיט א מעסער אין דער פינסטער קען דאך א שוואכער אזוי גוט ווי א שטארקער — אבער יעקב האט בעסער אויסגעקליבען צו פערלאזען זיין פאטער'ס הויז און אוועקצוגעהן אין א ווייטע און געפעהרליכע וועג — וויל בלוט־פערגיסונג איז אבשטויסענד צו יעקב'ס כאראקטער.

אלזא דער אונפארטייאישער פארשער פון דיזע צוויי כאראקטערע ווי זיי ווערען געמאלט אין דער תורה מוז קומען צום בעשלוס אז וואס זעהט אוים אויבער־פלעכליך ווי חסרונות אין יעקב'ס כאראקטער זיינען גאר מעלות — יעקב'ס שווינ־דעל מיט די בכורה ציינט ארוים זיין אידעאליזמוס, און זיין אנטלויפען פון זיין פאטער'ס הויז ציינט ארוים זיין ווייכען עדלען כאראקטער, און פונקט דאס זעלבע וועט דער אונפארטייאישער פארשער אויך ענטדעקען ווען ער וועט ציהען א פאראלעל צווישען די „בני יעקב" און די „בני עשו".

געגען די בני יעקב, דאס אידישע פאלק, האבען די בני עשו אויך גאנץ אפט אויפגעהויבען די קלאגע פון „שווינדעל", אבער דאס רוב איז דאס אזא סארט שווינדעל פון וועלכען ניט מיר נאר אונזערע שונאים דארפען רויט ווערען פון שאנדע — דער איד איז אפטמאל געווען געצוואונגען צו גנב'ענען זיינע רעכטע דורך א הינטער־טהיר; צום ביישפיעל אין רוסלאנד אונטער די בארבארישע רע־גיערונג פון די ראמאנאווס האט מען צוגעמאכט די טהירען פון שוהלען און אוניווערזיטעטען פאר אידישע קינדער, אבער אזוי ווי דער איד קען זיך ניט בע־געהן אהן בילדונג ווי א פיש אהן וואסער האט ער געמוזט אויסטראכטען געוויסע געקינסטעלטע פלענער ווי אזוי אויסצונארען די נויטיגע בילדונג פאר זיינע קינדער — ווען די „בני עשו" האבען דאס אויסגעפונען האבען זיי געמאכט א ליארם, א

געשריי: „שווינדלער! דו האסט אונז אבגענארט!" — אבער מיט אזעלכע שווינדעל שעהמען מיר זיך נים, אזוי ווי מיר שעהמען זיך נים מיט אונזער פאטער יעקב'ס שווינדעל ווען ער האט אויסגענארט די בכורה.

און היער איז נאך א אידישער חסרון וואס איז באמת א מעלה — אנטי־סעמיטען פון אלע דורות האבען פארגעווארפען דעם אידען אז ער אנטלויפט פון א „פייט" — זיי זאגען אז דער איד איז בטבע א פייגלינג, והראיה ביי יעדער פאלק האט זיך געפונען צו א געוויסער צייט א קריעגס־העלד וואס האט זיך אריינגענומען אין זינען צו בעזיעגען די וועלט — ביי די בבליים א נבוכדנצר, ביי די פערזיאנער א דריוש, ביי די גריכען אן אלכסנדר מוקדון, ביי די רוימער א יוליוס צעזאר — נאר ביי אידען געפינען מיר נים אזא ערשיינונג.

אבער אונזער אנטווארט איז אז אנשטאט זיך צו שעהמען מיט דיזען פאקט שטאלצירען מיר מיט איהם — דער איד וויל נים איינגעהמען די וועלט דורך בלוט־פערגיסונג. און אויב די נביאים האבען יא נביאות געזאגט אז דער איד וועט אמאל בעזיעגען די וועלט האבען זיי געמיינט דערמיט גאר אן אנדער סארט זיעג — א זיעג פון גייסט, א זיעג פון אידעאל איבער מאטעריאל (זה דבר ה' אל זרובבל לאמר לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד' צבאות) — און דעריין איז דער איד אויך עהנליך צום ערשטען יעקב'ן — יעקב האט אויך געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג אויסצומיידען בלוט־פערגיסונג.

IV

יעצט דענק איך קענען מיר פערשטעהן די פסוקים פון אונזער הפטרה וועלכע איך האב פריהער ציטירט — „אהבתי אתכם אמר ה'" (איך האב אייך ליעב, זאגט גאט) „ואמרתם במה אהבתנו" (און אויב איהר וועט פרעגען ווארום האסטו אונז ליעב? אדער אין אנדערע ווערטער: „פאר וועלכע מעשים טובים?" — מען זאגט דאך גאר אויף אונז אז מיר זיינען ערגער פאר אנדערע פעלקער?) — וועט איהר געפינען איין אנטווארט אויף אייער פראגע אין דעם אלטען סכסוך צווישען אייער אור־אלטען פאטער יעקב און זיין ברודער עשו. — אייגענטליך זעהט עס דאך אוים אז עשו איז געווען דער ברודער צו יעקב'ן (הלא אח עשו ליעקב) והראיה ער איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז קושען א. ז. וו. אבער יעקב האט זיך גאר נים געפיהרט מעשה ברודער צו עשו'ן, ער האט אויסגענארט פון איהם די בכורה און די ברכות א. ז. וו. — אזוי האט עס אויסגעזעהן אין די אויגען פון דער וועלט, אבער איך גאט וואס איך לעז די אינערע מחשבות און כוונות פון מענשען, האב דאן אויך ליעב געהאט יעקב'ן און עשו'ן האב איך פיינד געהאט (ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי) ווייל איך האב געזעהן דעם אמת וועגען די „שווינדלען" וואס יעקב איז בעגאנגען געגען זיין ברודער און איך האב געוואוסט אז זיי שטאמען נים פון האבזוכט און קנאה, נאר פון זיין שטרעבען צו א הויכען

אידעאל — דאס איז אויך די סיבה וואס איך האב היינט ליעב יעקב׳ס קינדער הגם עשו׳ס קינדער בעשולדיגען זיי היינט אויך אין דעם זעלבען סארט שווינדעל (שווינדעל צוליעב בילדונג, צוליעב מענשליכע רעכטע, א. ז. וו.).

V

אלזא ווי איהר זעהט פון דיזע ערקלעהרונג האבען אונזערע חכמים קיין טעות ניט געמאכט וואס זיי האבען געקרוינט יעקב׳ן מיט׳ן טיטול „צדיק“ און ווען זיי האבען דערמאהנט עשו׳ן האבען זיי אימער געזאגט „עשו הרשע“ — און דאס פערשטארקט דעם וויכטיגען לעסאן וואס אונזער פרשה ענטהאלט — נעמליך, אז א גוטער אדער שלעכטער כאראקטער קומט ניט בירושה פון די עלטערען, און אויך ניט פון גוטע אדער שלעכטע ערציהונג, נאר פון יעדען מענשען׳ס אייגענעם ווילענס־קראפט — והראיה אט האט איהר צוויי ברידער פון איין טאטע מאמען געבארען צו דער זעלבער צייט און אונטער די זעלבע אומשטענדען, און פונדעסט־וועגען איז איינער אויסגעוואקסען אן „איש תם“ און דער צווייטער אן „איש יודע ציד“. — און טאמער וועט יעמאנד בעהויפטען אז איינער פון זיי איז ערצויגען געווארען פון טאטען און דער צווייטער פון די מאמען, האט גאט אזוי געמאכט אז גראדע דער צדיק איז געווען דער ליעבלינג פון די מוטער וועלכע איז געווען די טאכטער פון בתואל און די שוועסטער פון „לבן הארמי“, און פערקעהרט דער רשע האט זיך שטענדיג געפונען ביי דער זייט פון פאטער וועלכער איז געווען א צדיק בן צדיק. — דאס בעווייזט אז דער מענש איז דער ארכיטעקט פון זיין אייגענעם כאראקטער.

חומר לדרוש.

בחירה חפשית.

(די צוויי ברידער).

אגדות חז"ל.

דרש ר' חנינא בר פפא: אותו מלאך הממונה על ההריון לילה שמו, ונוטל טיפה ומעמידה לפני הקב"ה ואומר לפניו: רבש"ע טיפה זו מה תהא עליה — גבור או חלש, חכם או טפש, עשיר או עני? ואלו רשע או צדיק אינו אומר. וכן אמר ר' חנינא: הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, שנאמר: „ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה (נדה ט"ז:).

„אמר אלהי ישראל לי דבר צור ישראל מושל באדם צדיק" (ש"ב כ"ג) — אמר ר' אבהו: אמר אלהי ישראל: אני מושל באדם, מי מושל בי? צדיק, שאני גוזר גזרה והוא מבטלה (מו"ק ט"ז:).

„ה' אוהב צדיקים" (תהלים קמ"ו) למה הקב"ה אוהב צדיקים? שאינם נחלה ואינם משפחה, אתה מוצא הכהנים בית אב הם, הלוים בית אב הם, שנאמר „בית אהרן ברכו את ה', בית הלוי ברכו את ה'" (שם קל"ה) — אם מבקש אדם להיות כהן אינו יכול — לוי, אינו יכול, למה? משום שלא היה אביו לא כהן ולא לוי, אבל אם מבקש אדם להיות צדיק, אפילו גוי, יכול הוא, שאינו בית אב (ר"ל שאין הצדקות באה בירושה) לכך הוא אומר: „יראי ה' ברכו את ה'" — „בית יראי ה'" לא נאמר, אלא „יראי ה'" — שאינו בית אב, אלא מעצמם נתנדבו ואהבו את הקב"ה, לפיכך הקב"ה אוהב אותם (במ"ר פ' ח').

„מעוות לא יוכל לתקון וחסרון לא יוכל להמנות" (קהל' א') — בעולם הזה מי שהוא מעוות יכול להתקן ומי שהוא מחוסר יכול להמנות, אבל לעתיד לבוא מי שהוא מעוות אינו יכול להתקן ומי שהוא מחוסר אינו יכול להמנות (קה"ר).

„כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" (שם ט') — בעולם הזה מי שהוא כלב יכול לעשות ארי, ארי יכול לעשות כלב, אבל לעתיד לבוא מי שהוא כלב אינו יכול לעשות ארי, ומי שהוא ארי אינו יכול לעשות כלב (ילק"ש קהלת).

הלל היה אומר: אם אין אני לי מי לי? וכשאני לעצמי מה אני? ואם לא עכשיו אימתי? (אבות פ"א).

בכה רבי ואמר: יש קונה עולמו בכמה שנים ויש קונה עולמו בשעה אחת (ע"ז י"ז).

אמר ריש לקיש: טובה מרדות אחת בלבו של אדם יותר ממאה מלקיות, שנאמר: „תחת גערה במבין מהכות כסיל מאה" (בר' ז').

אמר ר' שמואל בר נחמני א"ר יונתן: מהו שנאמר „על כן יאמרו המושלים בואו חשבון" (במ' כ"א) — „המושלים" אלו המושלים ביצרם. (ב"ב ע"ח).

משה אמר: „פוקד עון אבות על בנים", בא יחזקאל ובטלה, שנאמר: „הנפש החוטאת היא תמות" (מכות כ"ד).

הרשעים הם ברשות לבם אבל הצדיקים לבם ברשותם (ב"ר פ' ל"ד).

„ויגדלו הנערים" — ר' לוי אמר: משל להדס ועצבוניות (קוץ) שהיו גדלים זה על גבי זה, וכיון שהגדילו והפריחו זה נותן ריחו וזה חוחו: כך, כל שלש עשרה שנה שניהם הולכים לבית הספר ושניהם באים מבית הספר, לאחר שלש עשרה שנה זה הולך לבתי מדרשות וזה הולך לבתי עבודה זרה (ב"ר ס"ג).

כי לא ירש בן האמה הזאת.

„כי לא ירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק" — קשה האם באמת הקפידה שרה אמנו כ"כ על הירושה שלא יפול עשרו של אברהם בידי ישמעאל חו"ש? לכן נראה לי שלא דברה שרה כלל אודות כסף נמבזה, ודבריה מוסבים על ירושת המדות, וכוונתה, פן ואולי יאמר אברהם: אל תשים לב אל מעשי תעתועים של ישמעאל בילדותו, כי סוף סוף בני הוא ועל כרחו ירש איזה מן המדות והדרכים הטובים שראה בבית אביו, לכן אמרה שהתבוננה היטב ונוכחה לדעת כי לא ירש שום דבר טוב מאביו בשוה עם בנה עם יצחק, ולא ילך בדרכי אברהם כאשר יצחק עושה. (המחבר).

בן חכם ישמח אב.

„משלי שלמה, בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו: לא יועילו אוצרות רשע וצדקה תציל ממות" (משלי י' — א', ב') — קשה, א) איזה סמיכות יש במאמרים האלה, וב') הלא המאמרים האלה הם פתגמים או דברי מוסר, ולמה קרא אותם „משלי שלמה"? — אבל באמת הכתוב הראשון הוא משל על השני — דהנה יש אנשים שאהבתם לבניהם גדולה כ"כ עד שאין מסתפקים במה שמספיקים את כל צרכיהם כ"ז שהם (האבות) חיים על הארץ אלא שמקמצים מפיהם ומקבצים אגורה לאגורה ולפעמים עושים עול במסחר למען הניח ירושה גדולה לבניהם אחריהם, בחשבם שהירושה הנ"ל תציל את בניהם מכל צרה וצוקה בעת שלא יהיה להם על מי להשען — אבל באמת טעות גדול הוא, כי הלא אנו רואים שאפילו את מדותיהם לא יורישו אבות לבנים, ואוצרותיהם לא כל שכן — וז"ש: „בן חכם ישמח אב (ר"ל, החכמה לא תבוא מאבות לבנים בירושה אלא אם חכם הבן ישמח האב כאלו מצא מציאה בהיסח הדעת, ואם כסיל הוא, אמו מתאבלת עליו כאלו באה אליו איזה פגע ומחלה במקרה (שעל דבר הבא בהכרח אין מקום לשמחה ותוגה) ומכל שכן, ש„לא יועילו אוצרות רשע" שמניחים האבות לבנים, שיוכל להיות שיאבד את האוצרות האלו בענין רע „וצדקה תציל ממות", ר"ל ויוכרח לחיות את נפשו מן הצדקה שיתנו לו נדיבי לב. (המחבר).

טבע האדם אינה תלויה באקלים.

„בכל מקום עיני ה' צופות רעים וטובים" (משלי ט"ו—ג') — דהנה יש מן דורשי חכמת הטבע שתולים השינוים במדות ודעות בשינוי האקלימים והארצות. למשל: יאמרו שהאיטלקים נוטים לרציחה מחמת שנולדים בארץ חמה שמרתחת את דמם, ובני הסינים

אנשים שלוים ושקטים מחמת שאויר ארצם ממוצע, ובענין הזה הם הולכים ומפרשים את טבעי כל העמים השונים, — לכן אמר החכם מכל האדם שכל התפלספותם מאפע; שאם תתבונן היטב תמצא בכל ארץ רעים וטובים, שקטים ונמהרים, נדיבים ונבלים — וז״ש „בכל מקום עיני ה׳ צופות רעים וטובים״. (המחבר).

מקלל אביו ואמו.

„מקלל אביו ואמו ידעך נרו באישון חושך״ (משלי כ׳—כ׳) דהנה יש אנשים חוטאים בנפשותם אבל רוצים לחפות את אשמתם על אחרים ובמצאם איזה מן המלומדים אומרים שהמדות והמעלות באים לאדם בירושה או ע״י חנוך, קופצים על המציאה הנ״ל ומקללים אביהם ואמם שלפי דבריהם הם גרמו למעשיהם הרעים —אבל הטוענים טענה כזאת הלא מודים בעצמם ששכל עצמם אינו מועיל להם כלום ודומים כאלו מכבים את אור נשמתם בידיהם — וז״ש: „מקלל אביו ואמו (מחמת שמדמה שירש את רשעתו מהם) ידעך נרו באישון חושך״, ר״ל מכבה את נר שכלו בידיו, וד״ל. (המחבר).

הפכפך דרך איש וזר.

„הפכפך דרך איש וזר וזך ישר פעלו״ (משלי כ״א—ח׳) — החכמ״א נותן כאן את הראיה היותר חזקה שמעשי האדם אינם מוכרחים מטבעו — שאם היה האדם טוב או רע בטבע אז בהכרח שכל מעשיו היו ממין אחד — טובים או רעים והיינו יכולים לשפוט מראש איך יתנהג האיש הזה תחת מקרים ידועים — אבל כפי אשר אנחנו רואים ומתבוננים במעשי כל איש נמצא שמשתנים מעת לעת ואפילו בעותה עונה — פעם רך כקנה ופעם קשה כארז, פעם קמצן ופעם פזרן וכו׳, מזה הוכחה גדולה שרות האדם בידו ואל כל אשר יחפוץ יטנו — וז״ש: „הפכפך דרך איש וזר״ (ר״ל אנחנו רואים הפוכים גדולים ומעשים מוזרים בדרך כל איש, ומזה ראיה שהוא המושל על רוחו) „וזך ישר פעלו״ (ר״ל שאלו היה זך בטבעו היה פעלו ישר ושוה וממין אחד בכל ימי חייו). (המחבר).

שמע בני מוסר אביך.

„שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך: כי לוית חן הם לראשך וענקים לגרגרותיך״ (משלי א׳—ח׳, ט׳) — וקשה המקשה אם הדבר כן הוא שהמעלות והמדות אינם ירושה לאדם ואינם נקנים ע״י חנוך אלא ע״י רצון האדם בעצמו, א״כ מדוע הפליגו הנביאים והמשוררים והחכמים כ״כ את החנוך הבא מאבות לבנים ולמה הזהירו כ״כ על ההאזנה למוסר הורים ומורים? — אבל הענין יובן ע״פ דמיון: ידוע שאיש מכוער לא יהפך ליפי תואר ע״י תכשיטים וכן בעל פנים יפים לא יכוער בהעדר תכשיטים, ובכל זאת הכל מודים שהתכשיטים מוסיפים לוית חן לאדם — כן הדבר בחנוך הורים ומורים. באמת לב כל איש מסור בידיו ואל כל אשר יחפוץ יטנו, אבל הכל מודים שהחנוך והמוסר יעזרו לאדם להיטיב דרכו — וז״ש „שמע בני מוסר אביך וכו׳״ — וא״ת מה יושיעני זה, הלא בענין מדות ודעות אני בעצמי המושל בכל אשר לי? לכן אומר: „כי לוית חן הם לראשך וענקים לגרגרותך״, ר״ל כמו שהתכשיטים האלו מוסיפים חן לאדם כן החנוך וההאזנה למוסר יוסיפו בך כח לעמוד בנסיון ולעשות הטוב והישר. (המחבר).

ברא מזכי אבא.

„ברא מזכי אבא ואין אבא מזכי ברא, דכתיב: ואין מידי מציל, אין אברהם מציל את ישמעאל ואין יצחק מציל את עשו״ (סנ׳ ק״ד.) — זרות נתבונן בדרכי החיים

וביחוד בארץ הזאת שמה שלא יוכלו (או לא יאבו) האבות לעשות בעד הבנים, הבנים עושים בעד האבות — ישנם אנשים מבני הדור החדש שכבר הרחיקו ללכת ממחנה ישראל והכריזו בפומבי שאין להם חלק באלהי ישראל, ובודאי שלא חנכו את בניהם ללכת בדרך ה׳, ובכל זאת ראה זה פלא! לפעמים קרובות הבנים האלה שבאמת דומים לתינוק שנשבה בין העכו״ם באים בחברת צעירים אחרים אשר לא נקטפו עדנה מעץ החיים, ועל ידם הם נקשרים בחבלי אהבה לדתם ועמם, ולא עוד אלא שבאים לבית אבותם ודורשים מהם שיסירו את אלהי הנכר מביתם, ויבראו להם סביבה יהודית, — מובן מאליו שלא בנקל יפעלו פעולה נמרצה כזאת להפוך משורש את כל מחשבות ודעות אבותיהם בעניני אמונה ודת, אבל אחרי מלחמות גדולות וארוכות יצליחו באמת לשנות את דרכי אבותיהם ולהסב את פניהם מול עמם ודתם אשר עזבו זה כמה — וזה מראה בעליל כי יותר מה שהאב פועל על בנו הבן פועל על האב — חז״ל במבטם החודר כבר התבוננו על זה בימיהם, ולכן הוציאו משפט: „ברא מזכי אבא אין אבא מזכי ברא״. (המחבר).

ידיעה ובחירה.

האמונה שה׳ ית׳ יודע כל מעשי בני אדם עד סוף כל הדורות ושבכל זאת הכח ביד כל איש לעשות את כל הישר בעיניו היא מן הענינים העומדים ברומו של עולם, והרבה מן התלמידים שלא שמשו כל צרכם הציצו ונפגעו בהבנת זה הענין. לכן אמרתי אציגה פה תמצית דברי הרמב״ם ז״ל בזה הענין והיו למאור עינים ומשיב נפש לאלה שלא קראו את דבריו במקומם:

הדבר המוסכם עליו כי הבורא ית׳ לא יתכן להתחדש בו מדע כגון שתאמר שיודע עתה מה שלא ידע קודם זה ולכן אמרנו כי אלה הדברים אשר יתחדשו ידע אותם קודם היותם ולא יחדל לדעת אותם ועל כן לא יתחדש לו מדע בשום פנים... ואם נתחדש דבר מה לא נוסף בו (בה׳ ית׳) מדע ולא חידוש מה שלא היה ידוע אבל התחדש מה שהיה ידוע לו מקודם... ומה שנכשלו בו רבים בזה הענין סבתו בעבור ששמו ערך בין מדענו ובין מדע הבורא... ובאמת אין המדע ההוא ממין מדענו, כמו שנסבור עליו ממנו, אבל הוא דבר נבדל ורחוק מאד... וממה שהתבאר אצלי מפסוקי התורה כי ידיעת הבורא ענין כל המציאות לא יוציא את האפשר מטבע האפשרות בשום פנים... זהו עיקר מעיקרי משה ע״ה אין ספק בו, ולולא זה לא היה יכול לאמר: ועשית מעקה לגגך פן יפול הנופל ממנו, וכן פן ימות במלחמה ואיש אחר יקחנה (שנראה כאלו אפשר שימות ואפשר שלא ימות, ובכל זאת ה׳ ידע בראש כל הדורות, טרם נוצר זה האיש, אם ימות או לא ימות וכן כל התורה והצווי והאיסור חוזר לזה העיקר והוא כי ידיעת הבורא במה שעתיד להיות לא יוציא האפשר ההוא מטבעו... ולפי דעתנו נתחיב להבדיל מדעו ממדענו כהבדל עצם השמים מעצם הארץ, וכבר אמרו הנביאים זה: כי לא מחשבותי מחשבותיהם (ישעיה נ״ה, ח׳) וכמו שלא נשיג אמיתת מציאותו כן לא נשיג אמיתת מדעו...

הפרש גדול יש בין מדע האומן במה שהוא עשה ומדע זולתו בהעשוי... כי האומן כשיעשה תבה אשר יתנועעו בה כלים אשר יריקו מים לדעת מהם מה שעברו משעות היום והלילה (מורה שעות ע״י נטיפת מים שהיה במציאות בימי הרמב״ם), כל אשר יזלו בהם המים וכל חוט אשר ימשך וכל אבן נופלת הכל היה ידוע אל עושהו, והמדע הזה לא בא לו מפני התנועות המתחדשות עתה אבל הדבר הפך, כי התנועות ההם לא התחדשו אלא על כוונת דעתו נעשו, אבל איש אחר המתבונן במכונה הנ״ל אי אפשר לו לדעת שום תנועה מהתנועות ההם קודם היותם, אבל כשיראה את התנועות יתחדש לו מדע, וכל אשר יוסיף

להתבונן יוסיף מדעו להתחדש ראשון ראשון עד אשר ישיג לדעת כל הכלים ההם... וכן הענין בכל המציאות כשתעריכהו למדענו ולמדעו ית', כי אנחנו נדע כל מה שנדע מפני שנתבונן במציאות וע"כ דעותינו מתחדשות כפי הדברים אשר מהם למדנו המדע, והבורא ית' אינו כן, כי הוא ית' לא ידע הדברים מכחם אבל הם נמשכים אחרי מדעו כי הוא הקודם להם והמשער אותם (מראש) כפי מה שהם (עתה)...

וההשגה ההיא אי אפשר שנשיגנה אנחנו בשום פנים, ואלו ידענו איך הוא, או היה לנו השכל להשיג זאת ההשגה, נהיה כביכול כמוהו, וזה לא ימצא במציאות אלא לבורא יתב' והוא עצמו, והבין זה כי אני אומר כי הוא נפלא מאד וסברא וכוונה אמיתית כשנדקדק אותה, ולא ימצא בה דבר מן הטעות או מן הזיוף. (מורה נבוכים ח"ג, פ' כ' וכ"א — העתקת אלחריזי).

מאמר בחירה חפשית.

מאת המחבר.

אי לאו דמסתפינא הייתי אומר שבעשרת הדברות יש אבות ותולדות, והדבור ל א ת ח מ ו ד אב לכולם (ר"ל לאלה שבאדל"ח) — כי אם לא יחמוד איש את שאינו שלו לא היה אפשר לגנבה, גזלה, רציחה וכו' שיהיו במציאות.

מספרים על מלך אחד שבקר בית האסורים ושאל את כל אחד מן האסירים שם מה חטאתו ששמו אותו בבור, וכולם הודו על חטאים שונים עד אשר בא אל האחרון וישאל גם אותו את השאלה הזאת. — „אני כלוא בבית הסוהר", אמר זה האחרון, „מחמת שמטבעי אהבתי להביט על כלי הכסף והזהב הערוכים בחלונות של הצורפים". — המלך בשמעו זאת קרא בחמתו: „מי הוא זה ואיזהו אשר העיז לעוות משפט במדינתי ולשים איש נקי וצדיק כזה בבית האסורים?" — האסיר צחק צחוק גדול בשמעו את הדברים האלה, ויאמר: „אל תרגז ככה אדוני המלך, אני רק את הסבה הראשונה הזכרתי, אבל שכחתי להזכיר עוד קטנה, והיא, כי מתחילה ה ב ט ת י ואח"כ כשדמיתי שאין רואים, ל ק ח ת י"...

וכן תמצא בכל אשר תפנה שהתאוה והחמדה הם המביאים את האדם לידי כל חטא ועון.

אבל השאלה היא אם אפשר בטבע שאזהרת „לא תחמוד" תהיה לה הכח לעצור את האדם מן החטא. הלא ידוע שיש אברים בגוף העושים מעשיהם וממלאים את תפקידם אפילו נגד רצון האדם — למשל: אם תאמר לאיזה אדם עשה כך וכך, ואם הוא ירא ממך בודאי ימלא את רצונך, אבל אם תצוה על לבו שתנוח מדפיקותיה, או על דמו שלא תיזול בעורקיו, או על האיצטומכא שלו שלא תעכל את המזון, אפילו אם הציווי בא ממלך אדיר אל אחד ממשרתיו היותר שפלים דבריו ישארו מעל, מחמת שהאדם אינו מושל על עצמו בענינים כאלה — ונראה כאלו ה„חמדה" היא ג"כ מסוג הזה. — הנה אתה מצוה לאיש „לא תחמוד!" והוא מנענע לך בראשו, אבל כמעט יצא מאתך ורואה איזה דבר שלוקח את לבבו, והנה נפשו כלתה אליו וכל דברי מוסרך יפלו לארץ מחמת שאין האדם שולט ברוחו.

אם הדבר היה כן אז היה לבעלי תאוה טענה שאין עליה תשובה, אבל באמת אין לטענה הזאת כל יסוד והיא מגדל הפורח באויר. — ההנחה שהם מניחים שתאוות האדם אינם בידו כמו בישול האיצטומכא או דפיקת הלב. היא שקר בעיקרה.

השיטה הזאת הורתה ולידתה באמונה טפלה שכבר עבר עליה כלח, והיא, שיש קשר אמיץ בין מבנה גוו האדם ובין דעותיו ומידותיו. — מתחילה האמינו בחכמת היד (ר"ל שהשרטוטין שבכף יד אדם מורים על טבעו ועל עתידותיו), אח"כ המציאו את חכמת האסטרולוגיא (שמזל האדם תלוי בכוכבים ידועים). — בראשית המאה העברה כבר אבדו האמונות האלה את כל כחם, וכמעט כל באי עולם הכירו ששקר בימין האמונות הטפלות האלה. — אבל בימים ההם קם חכם אחר מחכמי האומות, לאוואטער שמו, והמציא את חכמת הפרענולוגיא (לאמר: שטבע האדם ומדותיו תלוים במבנה ראשו), ואת הדעה הזאת קבלו כל העמים בימים ההם כאמת מוחלט.

והדעה הזאת תחתור חתירה עמוקה תחת העיקר של שכר ועונש ותחת היסוד של כל אמונה ודת, שאם מעשי האדם, אם טובים ואם רעים, תלוים במבנה ראשו, אין מקום שישולם לו גמול בעד מעשים טובים או שיענש בעד מעשים רעים, כי היה מוכרח בטבעו לעשות מה שעשה. — וכן באמת בנה החכם היהודי לומברוזו סיסטעם שלם שכינה „קרי־מינולוגיא" שבה התאמץ להוכיח שאין „חוטאים" כלל בעולם, אלא „חולים", ושצריכים רפואה בבתי חולים הבנוים לדבר, כשאר חולים.

אבל תורתנו הקדושה מנחת ליסוד מוסד שכל הדעות האלה כוזבות הן ושהאדם מושל בנפשו, שאל"כ לא היה אפשר לאמר: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וכו' או ואהבת את ה' אלהיך, או ואהבת לרעך כמוך, שיוכל האדם לטעון עליהם שהם דברים המסורים ללב ואי אפשר לו לשנות את טבעו, אבל באמת גלוי וידוע לנותן התורה שרצון האדם הוא המושל על כל כחות נפשו, וכמאה"כ: כי קרוב אליך הדבר מאד ב פ י ך ו ב ל ב ב ך ל ע ש ו ת ו — וכדי לחזק את הדעה הזאת בלב כל איש ישראל ספרה התורה סיפורים הרבה מקדושי וגדולי ישראל שעמדו בנסיונות קשים ונצחו את יצרם ואת תאותם. — לדוגמא: נסיון יוסף הצדיק, וכן נסיון בועז כאשר מצא בחצי הלילה והנה אשה שוכבת מרגלותיו (והתבונן על גודל הבטחון שהיה לנעמי ורות שבודאי יעצור כח לכבוש את יצרו, כי לולא זאת בודאי לא היו עושות את התחבולה הנ"ל), וכן דוד שהתאוה מאד לשתות מים מבאר בית לחם, אבל כשהבקיעו שלשת הגבורים במחנה פלשתים ויביאו לו את המים בחרף נפשם, נסך את המים לה', כי אמר: „חלילה לי ה' מעשותי זאת, הדם האנשים ההולכים בנפשותם" (אשתה?) (שמ' ב', כ"ג), וכאלה הרבה בתנ"ך.

ותתבונן שכל הדעות הכוזבות שתלו את מעשי האדם בכוכבים ומזלות וכו' כבר נפלו מאליהם ולא יוסיפו קום, ובטוח אני שגם חכמת הפרונולוגיא שלעת עתה עוד יש לה אחיזה על הרבה בני אדם תלך גם היא בדרך כל הארץ, כי אין אמת בימינה, ושקר אין לו רגלים. — ואם תרצה לראות בעיניך שאין כל יסוד לחכמת הפרונולוגיא לך אל בית עקד מעשה חרש וחושב (Museum of Fine Arts) והתבונן על ראשי גדולי מין האנושי המצוירים שם בששר או המחוטבים באבן, ותמצא שהרבה מהם היו מחויבים ע"פ חכמת הפרונולוגיא להיות גנבים, רוצחי נפש או בעלי תאות נמבזות — הרי לך ששקר ענה לאוואטער.

אלישע בן אבויה.

א"ל וכל הדא חכמתא אית בך א"ל בחילי (במ"כ גרס לית בחילי) א"ל למה א"ל רוכב הייתי על הסוס ומטיל אחורי בית המקדש ביום הכפורים שחל להיות בשבת ושמעתי בת קול מצפצפת ואומרת שובו בנים שובבים שובה אלי ואשובה עליכם חוץ מאלישע בן אבויה שהיה יודע כחי ומרד בי (קהלת ז' א').

יש אנשים רבים אשר גם אם האמונה כבר נכרתה מלבם ובעת שבתם וקימתם ולכתם יראת אלהים לא תפעמם עוד עכ"ז לפעמים יתעורר גם בקרבם הרגש הדתי והזיק המעומם

יתלהט ויכה ניצוצות ושביבים ולפעמים יהיה גם לאש בוערה, וההתעוררות הזאת תוכל לבוא מפאת ה ז מ ן ומפאת ה מ ק ו ם. מפאת הזמן כיצד? אדם שציור האמונה שלו היא כהה וחלושה ובעת עסקו בצרכי עצמו ובמלחמת קיומו ישכח מכל וכל את אלהיו ודתו עכ"ז יום השבת בקדושתו יפעל עליו ויתעורר גם הוא לאיזה פעולה דתית ואם לא יעשה זאת בפועל עכ"ז כעין רוח סער יעבור על בשרו ולבו ידאב על אשר אחרים ימלאו את חובתם באמונה והוא לא יעשה מאומה. ויש אנשים אשר ענין השבת לא יעשה עליהם רושם כלל ולא יקיצו מתרדמתם עכ"ז יש יום אשר גם אותם רעדה תאחזם והוא יום הכפורים אשר בו גם שוכחי אלוה הכי גדולים ילכו בחרדת קודש לבית הכנסת להתפלל. ומפאת המקום כיצד? יש אנשים החיים בהמון קריה של הערים הגדולות והמה נסחפים בזרמים השונים הסואנים שמה ורבים מהם ישחקו לכל אמונה וקדושה עכ"ז כאשר ילכו במקרה דרך בית ד' הבנוי לתלפיות בהוד והדר אז לבו יכה ויפעם ומבלי משים רגליו מוליכות אותו אל הבית הנהדר הזה וכעין זעזוע קדושה תרעיד את מיתרי נפשו ויתפלל גם שם. אמנם מעטים המה האנשים אשר לא יתפעלו כלל מהם ולא ירגישו מאומה הן בלב כל איש יושב ניצוץ דתי גם מבלי ידיעה והניצוץ הזה מתלהט גם בלא חפץ אם יש רק סבות המעוררות אותו. והנה כאשר אמר ר' מאיר לרבו אלישע כי יחזור בתשובה השיב לו ל י ת ב ח י ל י (עס ליעגט ניכט מעהר אן מיינער קראַפט) אין בכחי עוד לשוב. וסיפר לו מעשה אשר קרה לו ומזה רצה להוכיח לו כי כבר אבד ממנו כל זיק קודש ואין עוד תקוה כי ישוב לאמונתו. ואמר לו דמה נא בעצמך פעם אחת הייתי רוכב על הסוס ומטייל אחורי ב י ת ה מ ק ד ש ב י ו ם ה כ פ ו ר י ם שחל להיות ב ש ב ת הנה היו כל השלשה מאמענטים אשר בכל אחד יש כח לפחת את הזיק הדתי המעומם ביחד, הנה עשיתי עבירה ביום ובמקום כזה ולא נזדעזעתי כלל, הוד המקדש לא הרהיבוני, קדושת השבת לא תקפתני ופחד היום הקדוש של יום הכפורים לא התרידני כי לבי נשאר כמו אבן מבלי רגש ומבלי התנועעות כלל ומזה שפטתי על עצמי כי כל ענין התשובה היא רק ל ב נ י ם ש ו ב ב י ם לאותם אשר רק בולמוס התאוה אחזתם וע"י סרו מן הדרך הטוב רק אנשים כאלו החוטאים מבלי ידיעה יכולים להתעורר ע"י מחזות כאלו יען רגשי דתם עוד לא נ כ ב ה רק ע ו מ ם אמנם אנכי אשר לא זוהמת התאוה ונעימות החיים סתפתני רק חטאתי מכח ידיעתי והכרתי אני לא אוכל לשוב עוד ואם אלף פעמים תרב הקדושה בקסמיה לא תפעול עלי. וזה: ושמעתי בת קול מצפצפת ואומרת שובו בנים ש ו ב ב י ם אותם ששובבות התאוה אחזתם חוץ מאלישע בן אבויה שהיה י ו ד ע כחי ומרד בי.

ולדעתי כפר אלישע בהבחירה האנושית כמו רבים מן השטאים אשר עסק בפילוסופיא שלהם כי לדעתו אין להאדם יתרון על הבהמה רק בהכרתו וידיעתו אמנם לא בכח המוסרי, ואין יכולת ביד האדם אם נולד בנטיות רעות לרכוש לו את יושר המדות וכן מי שנטיותיו טובות לא יוכל לרכוש לו את הרע, כי הצדיק כמו הרשע המה נולדים עם תכונותיהם ונטיותיהם והמה אצלם כמו האינסטינקט אצל בעלי החיים שהארי הוא עריץ וטורף ודורס והשה הוא רך המזג ונרדף ואינו כועס. ונביא איזה מאמרים מדברי חז"ל המדברים מענין הזה:

א"ר יוחנן משום רבי בנאה מה דכתיב אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור אשריהם ישראל בזמן שעוסקים בתורה ובגמילות חסדים יצרם מסור בידם ואין הם מסורים ביד יצרם שנאמר אשריכם זורעי וכו' (ראה התוס' ד"ה יצרם שכתבו דריש ליה ממשלחי רגל השור והחמור) (ע"ז דף ה' ע"ב).

אמר רבא בקש איוב לפטור את כל העולם כולו מן הדין אמר לפני רבש"ע בראת שור פרסותיו סדוקות בראת חמור פרסותיו קלוטות בראת ג"ע בראת גיהנם בראת צדיקים

בראת רשעים מי מעכב על ידך ומאי אהדרו ליה חבריה דאיוב אף אתה תפר יראה ותגרע שיחה לפני אל ברא הקב"ה יצר הרע ברא לו תבלין תורה (ב"ב ט"ז).

דע כי ענין הבחירה הוא יסוד גדול באמונתישראל כי זה הוא עיקר גדול אצלינו כי להאדם יש בחירה חפשית הוא יכול לבחור בטוב או ברע כחפצו והוא מקרא מלא בתורה: ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע ובחרת בחיים. (והוא היפך דעת רוב מהנוצרים ורוב מהמחמדים). ויסוד ההנהה הזאת הוא הכרחית לכל בעל דת אמתי אשר חוקי ההגיון לא זרו לו וציוריו הדתים בנוים על יסודות השכל והתבונה כי איך יתכן שיענש האדם על עשותו הרע ויקבל שכר על עשותו הטוב אם הוא אין לו חלק במעשיו ועשה אותם רק לפי האינסטינקט שלו? ובאמת דעת רבים מהפילוסופים שאין להאדם בחירה חפשית. דעתם הוא כי גם האדם יפלס את מעשיו לפי הסבות אשר תניעינה אותו, ומה שהבע"ח עושה לפי האינסטינקט שלו עושה האדם ע"י הסבות המניעות אותו לזה והוא מוכרח אל המעשה מפאת הסיבות המכריחות אותו. והנה לפי ההשקפה הזאת הנה בטל ענין הגמול והעונש מכל וכל כי לא יתכן שיענש האדם על מעשיו הרעים וכן שיקבל הצדיק שכר בעד עשותו הטוב אחרי שהמה מוכרחים לזה מפאת תכונותיהם ונטיותיהם. וזה שאמר רבא בקש איוב לפטור את כל העולם מן הדין כי אם אין בחירה אז גם אין שכר ועונש כי לא יתכן שיגונה עושה הרע וישובח עושה הטוב אם המה מוכרחים על מעשיהם, כי אמר איוב כשם שבראת שור ופרסותיו סדוקות (שהוא סימן טהרה) וחמור ופרסותיו קלוטות (שהוא סימן טומאה) ואין זאת מפאת מעשה הטוב של השור שיש לו סימן טהרה וכן אין זאת אשמת החמור שיש לו סימן טומאה רק שהמה נבראו כן ואין להעניש את החמור על סימן הטומאה שלו וכן אין לגמול טוב להשור על סימן הטהרה שלו, כן בראת צדיקים בראת רשעים אתה בעצמך בראת אותם את הצדיקים ואת הרשעים כי את נטיותיהם הביאו אתם מרחם אמם כי אתה נטעת אותם ומי מעכב על ידך מי יוכל לעכב על ידך ולשנות את אשר נברא פעם אחת כן? אמנם חבריו השיב לו בהשכל ודעת, כי גם שפינוזא אשר עורר את הרעיון הזה הוא אומר כי להאדם לחפש אחרי סיבות אשר יניעו אותו שתהיינה לפי חוקי החכמה ועי"ז ילחוץ את הסיבות הבאות מהאפקעקטים מהנטיות הרעות כי גדול כח השכל לכבוש את האפקטים ע"י שיגבר את הסבות הטובות עליהם. וזה שהשיבו לו בראתי יצר הרע (הנטיות הרעות הנטועים מטבע) בראתי תבלין זו תורה כי ע"י ההכרה נוכל לכבוש אותם.

וזה שדרש ר"י בשם ר' בנאה אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור אשריהם ישראל שבזמן שעוסקים בתורה ובגמילות חסדים יצרם מסור בידם ואין הם מסורים ביד יצרם לאמר שאינם מוכרחים לעשות לפי תכונתם והנחותיהם אשר להם מצד הטבע ולא כאותם המשלחים ומביאים ראיה מרגלי השור והחמור שאומרים שכמו שהסימן טהרה של השור שפרסותיו סדוקות וכן סימני טומאה של החמור שפרסותיו קלוטות אינם זכות (דאס פערדיענסט) שלהם בעצמם יען שכן נבראו כן יאמרו שגם להאדם אין זכות בזה שעושה הטוב וכן להיפך לא כן הוא כי כאשר עוסקים בתורה אז יצרם מסור בידם כי הבחירה היא חפשית ביד האדם. ואמרו עוד חז"ל הרשעים הם ברשות לבם ויאמר עשו בלבו ויאמר המן בלבו ויאמר ירבעם בלבו אמר נבל בלבו אבל הצדיקים לבן ברשותן והנה היא מדברת על לבה ויאמר דוד אל לבו וישם דניאל אל לבו דומין לבוראם ויאמר ד' אל לבו (ב"ר פרשה ס"ז). ראה עוד במדבר רבה פרשה י"ח: ויקח קרח אין ויקח אלא לשון פליגא שלבו לקחו וכענין שנאמר מה יקחך לבך. ודבריהם אלו עמוקים ונאים למי שאומרם.

וזה הדעת מענין ההכחשה בבחירה החפשית היה דעת אלישע בן אבויה. ראה ש"ס חגיגה ט"ו ע"א. (דברי חכמים).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

דער אידעאַליסט.

(דרוש לפ׳ ויצא).

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

וידר יעקב נדר לאמר אם יהיה אלהים עמדי ושמרני בדרך הזה אשר אנכי הולך ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש ושבתי בשלום אל בית אבי והיה ה׳ לי לאלהים. (בראשית כ״ט—כ׳, כ״א).

אמר ר׳ יהושע דסיכנין בשם ר׳ לוי, נטל הקב״ה שיחתן של אבות ועשאן מפתח לגאולתן של בנים. אמר לו הקב״ה: אתה אמרת, „והיה ה׳ לי לאלהים״, חייך שכל הטובות והברכות שאני נותן לבניך איני נותן אלא בלשון הזה, שנאמר: „והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים״ (זכריה י״ד), „והיה ביום ההוא יוסיף ה׳ שנית ידו לקנות שאר עמו״ (ישעיה י״א), „והיה ביום ההוא יטיפו ההרים עסים״ (יואל ד׳), „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול״ (ישעיה כ״ז) — בר״ר פ׳ ע׳.

איינזאם און פערלאַזען שלעפּט זיך יעקב אַ גאַנצען טאָג אין די הייסע זאַמד פון אַראַבישען מדבר — ביי נאַכט ווען ער לעגט זיך שלאָפען חלומ׳ט זיך איהם אַ זאַנדערבאַרער חלום, און ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף שרעקט איהם דאָס האַרץ און ער טהוט זיך אַ נדר צו גאָט: „אויב גאָט וועט זיין מיט מיר, און ער וועט מיר היטען אין דיזען וועג אין וועלכען איך געה, און ער וועט מיר געבען ברויט צו עסען און אַ בגד אנצוטהאָן, און איך וועל זיך צוריקקעהרען געזונדערהייט צו מיין פאָטער׳ס הויז, דאַן וועט דער הערר גאָט זיין מיין גאָט״ (המאמר „והיה ד׳ לי לאלהים״ נסתפקו בו המפרשים אם קאי למעלה או למטה — רוב המפרשים אומרים שהמאמר הנ״ל קאי למעלה והנדר היה על המצבה — שאל״כ נראה כאלו תלה אמונתו בד׳ בהצלחת דרכו חו״ש — אבל לפי״ז קשה הלא כבר אמר „אם יהיה אלהים עמדי״, וגם וא״ו החבור של „והאבן״ מיותר).

די חכמי התלמוד האָבען געלעגט גרויס וויכטיגקייט אויף דיזע ווערטער וואָס יעקב האָט געזאָגט. — זיי האָבען געברויכט דיזען פּסוק אַלס האָקען, אויף

וועלכע אנצוהענגען אלע הבטחות וואס גאט האט צוגעזאגט די נביאים וועגן די צוקונפט פון אידישען פאלק:

„ר׳ יהושע פון סוכנין זאגט אין נאמען פון ר׳ לוי: גאט האט גענומען די געוועהנליכע רייד פון די אבות און ער האט עס געברויכט אלס שליסעל צו די ערלעזונג פון זייערע קינדער. גאט האט געזאגט צו יעקב׳ן: דו האסט געברויכט די ווערטער „והיה ד׳ לי לאלהים" איך שווער ביי דיין לעבען אז אלע גוטע זאכען און אלע ברכות וואס איך וועל אמאל געבען צו דיינע קינדער וועל איך זיי צוזאגען נאר מיט דיזען אויסדרוק, אזוי ווי מיר געפינען טאקע אין די פסוקים פון די נביאים: „והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים" (און עס וועט געשעהן אין דיזען טאג וועלען ארויספליסען קוואל־וואסער פון ירושלים), „והיה ביום ההוא יוסיף ד׳ לקנות שאר עמו" (און עס וועט געשעהן אין דיזען טאג וועט גאט נאך אמאל ערווערבען דאס רעסט פון זיין פאלק), „והיה ביום ההוא יטיפו ההרים עסים" (און עס וועט געשעהן אין דיזען טאג וועלען די בערג טריפען זיסען וויין), „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול" (און עס וועט געשעהן אין דיזען טאג וועט שאלען דער גרויסער שופר).

דער אמת איז, אז אין די אויבענגענאנטע פסוקים פון אונזער פרשה און אין דעם מאמר וואס ר׳ יהושע דסכנין זאגט אויף זיי ליעגט אן אנטווארט אויף די אייביגע קשיא אין דעם לעבען פון אונזער פאטער יעקב און אויך אין דעם לעבען פון זיינע קינדער, דאס אידישע פאלק. — די קשיא איז **וואס האט זיי געגעבען די מאכט אריבערצוטראגען אזוי פיעל צרות און בלייבען לעבען?**

בעטראכט נאר דעם איידעלען בחור׳ל וואס וואנדערט דארט אין דער מדבר! בעדענקט אייך נאר אין וועלכע רייכטהום ער איז געבארען און ערצויגען געווארען. — אויף זיין פאטער האט די וועלט געזאגט: „די מיסט פון יצחק׳ס שטאלען איז מעהר ווערטה ווי די גאלד און זילבער פון אבימלך (דער קעניג פון יענער לאנד). — זיין זיידע אברהם איז אויך ניט געוועזן קיין ארימאן, ווי דער פסוק זאגט עדות אויף איהם: „ואברהם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב" — אין דער היים האט יעקב געוויס געהאט א מחנה משרתים וואס זאלען איהם בעדיענען — ביי זיין זיידען אין הויז זיינען געוועזן ניט ווייניגער אלס דריי הונדערט און אכטצעהן משרתים — און יעצט זעהען מיר דיזען זוהן פון א פרינצליכע פאמיליע (כמו שאמרו לזקנו: „נשיא אלהים אתה בתוכנו") וואנדערענדיג עלענד און איינזאם אין דער מדבר אהן א פריינד אדער בעגלייטער. פון די גאנצע רייכטהום פון זיין פאטער׳ס הויז איז איהם געבליבען בלויז דער שטעקען וואס ער האלט אין האנד און ווען ער דארף זיך לעגען שלאפען ביי נאכט לעגט ער א שטיין צוקאפענס!

ערוואַרטעט איהם אין זיין פעטער'ס הויז — דאָרטען מוז ער ווערען אַ איינפאַכער פאַסטוך, און טאָמער האָט זיך בעוויזען אַ שטראַהל פון ליכט אויף זיין פינסטערען הימעל — דאָס איז זיין ליעבע צו רחל — האָט איהם זיין ליעבער פעטער געמאַכט אַרבייטען פאַר איהר זיבען יאָהר! און ווען די זיבען יאָהר זיינען געווען פאַר־איבער האָט ער איהם אָבגעטהאָן אַ שפּיצעל, דורך וועלכען ער איז געצווּנגען געוואָרען צו הייראַטהען אַן אַנדערע און צו אַרבייטען נאָך זיבען יאָהר פאַר דער פרוי וואָס ער האָט געוואָלט! און יעקב דער פרינץ טהוט די אַרבייט פון אַ פאַסטוך טאָג איין און טאָג אויס און איהר הערט ניט פון איהם קיין וואָרט פון בעקלאָגונג (אך בלחוץ אותו לבן מאד, ובהיותו בסכנה ממנו, חזר על תולדות חייו ואמר „הייתי ביום אכלני חורב וכו' ותחליף את משכורתי עשרת מונים").

וואָס האָט איהם געגעבען די אייזערנע געדולד אַריבערצוטראָגען אַזוי פיעל צרות ביז ער האָט ענדליך דערלעבט אַ בעסערע צייט?

די זעלבע קשיא און נאָך מיט מעהר שטאַרקייט בליצט אויף אין אונזער געדאַנק ווען מיר לעזען די היסטאָריע פון דאָס אידישע פאָלק.

ווי עס איז שוין בעוויזען געוואָרען אויבען אין דיזען ווערק זיינען די לעבענס געשיכטען פון די אבות געמיינט געווען צו זיין אַזוי ווי אַ נבואה פאַר זייערע קינדער (מעשה אבות סימן לבנים ומה שאירע לאבות אירע לבנים) — איבער־הויפּט איז דער לעבען פון יעקב אבינו אַזוי ווי אַ שפּיעגעל צו דער געשיכטע פון דאָס אידישע פאָלק — און דעם וואונדער וואָס מיר זעהען אין זיין לעבענס גע־שיכטע זעהען מיר אויך אין דער געשיכטע פון דאָס אידישע פאָלק — ישראל האָט אויך פערלאָזען זיין פאָטער'ס הויז שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר — ישראל האָט אויך געוואַנדערט אין דער ווילדערניס וואו מענשען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין שלאַנגען אָדער רויב־טהיערע — מען האָט איהם געטריבען פון לאַנד צו לאַנד — אויף אַ ווייל'ע האָט מען איהם געלאָזט אָנזאַמלען אַ ביסעל רייכטהום און נאָכהער האָט מען דאָס אָוועקגערויבט פון איהם — מען האָט אָוועקגעריסען זיינע אייגענע קינדער פון איהם — מען האָט איהם בעליידיגט אויף יעדער שריט און טריט — און ישראל האָט דאָס אַלעס איבערגעלעבט, און זיינע קינדער זיינען נאָך היינט אַ גרויסע און שטאַרקע פאָלק, און אין דער לעצטער צייט האָבען זיך נאָך בעוויזען סימנים, אַז עס איז מעגליך אַז עס זאָל מקוים ווערען אויף איהם אין גיכען דער פּסוק „ושבתי בשלום אל בית אבי" (איך וועל זיך אומקעהרען אין פריעדען צו מיין פאָטער'ס הויז).

און עס פרעגט זיך די זעלבע אויבענגענאַנטע פראַגע: **וואָס האָט דעם אידען געגעבען די קראַפט אַריבערצוטראָגען אַזוי פיעל צרות און צו בלייבען לעבען ביז היינטיגען טאָג?**

II

דיזע ערשיינונג איז א גרעסערער וואונדער ווי די זיעבען וואונדער פון דער פארצייטיגער וועלט — די געלעהרטע פון אלע דורות האבען זיך געבראכען די מוחות צו ערקלעהרען דיזע אייביגע רעטעניש, אבער אהן ערפאלג.

איין געלעהרטער גיט אן די אורזאכע פון אידישען אויסדויער אויף א פיזישען אופן — ער זאגט אז ער האט ענטדעקט אין די בלוט פון דער אידישער ראסע א סארט מאטעריאל וואס שוואכט אב זיין עמפפינדונגס־קראפט, זא דאס ער קען איבערלעבען מיט גלייכגילטיגקייט אזעלכע צרות וואס וואלטען גענוג געווען צו טרייבען אין קבר א קינד פון אן אנדער פאלק — אבער דיזע בעהויפטונג האט קיין פונדאמענט אין פאקט, איהר וועט בעמערקען אין דעם לעבען פון די׳ יעניגע אידען מיט וועלכע איהר קומט טאג טעגליך אין בעריהרונג אז עס איז פונקט פער־קעהרט, דער איד האט א טבע צו זארגען און זיך נעהמען צום הארצען מעהר ווי אלע פעלקער פון דער וועלט — דער איד נעהמט ניט קיין אנטהייל אין די לוסטיגע „ספארטס״ פון אנדערע פעלקער — ער איז ניט פעראינטערעסירט אין קיין „פערד־רייסעס״ אדער „באלל־גיימס״ — איהר וועט גאנץ זעלטען הערען א הויכען געלעכטער פון א אידען פון אלטען דור.

אן אנדער געלעהרטער ערקלעהרט דעם אידישען אויסדויער מיט די אלטע בעהויפטונג אז דער איד זוכט זיך אויס לייכטע פרנסות, און אז ער לעבט מיט מעהר בעקוועמליכקייט ווי דער דורכשניטליכער גוי — אבער דאס זעהט נאר אויס אויבערפלעכליך פאר די ניט ערפאהרענע אויג — דעם אידענ׳ס פרנסה איז אזעלכע וואס טריקענט אויס די מארך און מאכט גרוי די האר און לעגט אויס פאלבען אויפ׳ן פנים גיכער ווי אלע פרנסות — עס ווערט בעוויזען מיט סטאטיסטישע ציפערען אז עס גיעבען מעהר טויטען פעלע דורך זעלבסט־מארד און אפאפלעקסיע אין די סוחר׳ישע קלאסע ווי אין די ארבייטער קלאסע.

די אמת׳ע ערקלעהרונג פון דעם וואונדערבארען אידישען אויסדויער איז די גרויסע מאס אידעאליזם וואס ער בעזיצט.

גאט האט דעם אידען אזוי בעשאפען, אז אויסער די מאטעריעלע וועלט אין וועלכע ער לעבט בויט ער זיך אויס פאר זיך אן אייגענע גייסטיגע וועלטעל, וועלכע ער האלט בעהאלטען אין זיין מוח אדער איינגעשלאסען אין זיין הארצען, און ווען נאר עס ווערט איהם ענג אין זיין מאטעריעלע וואכעדיגע וועלט שפרייט ער אויס די פליגעל פון זיין גייסט און פליהט אוועק אין זיין אידעאלע וועלט און דארט געפינט ער רוה און גליק ביז דער שטורם געהט פארביי.

אט וועל איך אייך געבען איינינע בילדער פון לעבען צו בעשטעטיגען מיין בעהויפטונג:

צווישען מיינע גוטע פריינד געפינט זיך מיינער א לאַנדסמאַן, וועלכער איז א למדן און א משכיל און אין דער היים האָט ער געשפּיעלט די ראָלע פון א שטאָדט־פיהרער — ווען איך בין געקומען אין אמעריקא, איז ער שוין געווען אין דיזער לאַנד מעהרערע יאָהרען — איך האָב ערוואַרטעט אַז איך וועל איהם דאָ אויך געפינען צווישען די כלל־טהוער אָדער לכל הפּחות צווישען די „בעלי־בתים חשובים" פון ניו יאָרק — ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען ווען איך האָב געפונען אַז ער איז א פּרעסער אין א שניידער־שאַפּ, און ער האָט מיר דערצעהלט גלייכגילטיג אַז ער אַרבייט ביי דיזער מלאכה זייט ער איז אין אמעריקא און אַז ער מאַכט דערביי א געמאַטערטען לעבען — איך האָב בעשלאָסען צו שטודירען דיזען מענשען אויס־צוגעפינען ווי אַזוי א מענש פון זיין אַמאָליגען שטאַנד קען אַריבערטראָגען דעם לעבען פון א פּראָסטען שווערען אַרבייטער און עס זאָל איהם ניט אָנפאַלען א געדאַנק פון זעלבסט־מאָרד! — אָבער ווען איך בין גוט בעקאַנט געוואָרען מיט איהם און אָנגעפאַנגען אָפט אַריינצוגעהן אין זיין הויז, האָב איך געפונען אַז אויסער זיין מאַטעריעלע וועלט אין וועלכער ער איז א פּראָסטער פּרעסער, האָט ער אויך זיין אייגענע גייסטיגע וועלט, די וועלט פון תורה והשכלה — איך האָב אויסגעפונען אַז פון זיינע אָרימע „ווידזשעס" רייסט ער אָב עטוואָס יעדע וואָך און קויפט ספרים — און יעדען אָבענד ווען ער קומט פון שאַפּ און עסט אָב זיין אָרימען סאַפּער פערטיעפט ער זיך באַלד אין זיינע ספרים — דאַן מעגט איהר ריידען צו איהם און ער הערט אייך ניט — און ווען די ווייב פאַנגט אָן מיט דער אייביגער פראַגע: „יענקל! וואָס'ט זיין מיט רענט און מיט קוילען?", מעג זי ריידען פון היינט ביז מאָרגען — זיינע אויגען דאַכט זיך קוקען אויף איהר און זיינע אויערען זיינען אָפען, אָבער זיין נשמה הערט ניט קיין וואָרט פון איהרע רייד, זי איז אַוועקגעפלוי־גען ווייט, ווייט, אין אַן אַנדער וועלט וואו מען ווייס ניט פון קיין רענט און פון קיין קוילען — זי ווייס שוין נעבאַך פון דיזע טעגליכע „עליית נשמה" און דעריבער בעלעסטיגט זי איהם ניט צופיעל...

אָדער איך וועל אייך געבען אַן אַנדער בילד:

איך קען א געבילדעטען יונגען מאַן וואָס איז אין דער היים געווען א פּאָעט און א טרוימער און א וועלט־פערזאָרגער — זיין טהעטיגקייט צווישען פאָלק האָט ניט געפונען קיין גרוים חן אין די אויגען פון דעם צאַר און זיינע משרתים און ער האָט ענדליך געמוזט פערלאָזען די לאַנד — א פּאָר יאָהר צוריק האָב איך איהם צופעליג געטראָפען אַלס פּרעסמאַן אין א דזשאָב־פּרינטינג אָפיס — דער אייגענ־טהימער פון די ביזנעס איז אפילו ניט געווען קיין אָרימאַן, זעהענדיג אַז ער האָט געהאַט פיער דרוק־מאַשינען און האָט געהאַלטען עטליכע אַרבייטער, אָבער קיין עלעקטרישע קראַפט האָט ער ניט געברויכט אין זיין שאַפּ — צו וואָס זאָל ער צאָהלען געלט פאַר עלעקטרישע קראַפט ווען ער קריגט לעבעדיגע מאַשינען וואָס זיינען וויליג צו טהאָן צוויי מלאכות אויף א מאָל — טרייבען די מאַשין מיט די

פים און אטענדען צו די דרוק־ארבייט מיט די הענט? ! (און בעצאהלען בעצאהלט ער נאר פאר איין מלאכה)—די ארבייט וואס דיזער יונגער מאן האט געטהאן איז אזא סארט וואס מאכט דעם ארבייטער א טהייל פון דער מאשין — ער שטעהט אויף איין פוס און טרעט די מאשין מיט דער צווייטער; דערצו ארבייט ער מיטביידע הענט — מיט איין האנד לעגט ער אוועק דעם ווייסען קארד און מיט דער צווייטער כאפט ער ארויס די אבגעדרוקטע — זיינע אויגען מוזען אויך זיין צוגעקלעפט צו זיין ארבייט, און זיינע מחשבות טארען אויך אויף קיין מינוט ניט אוועקוואנדערען פון דער מאשין — אזא מענש ווען ער געהט אהיים פון דער ארבייט און איין פוס איז ביי איהם אבגענומען ווי א שטיק האלץ פון א גאנצען טאג טראגען זיין קערפער, און די צווייטע פוס איז געשוואלען פון טרעטען מיט איהר א גאנצען טאג, האב איך געדענקט אז זיין וועלט איז איהם פינסטער און אז ער האט בעת מעשה דעם זעלבען געפיהל וואס דער פערד וועלכער שלעפט די הארס־קאר פיהלט נאך זיין טאג ארבייט — אבער אמאל האט דער צופאל געבראכט אז איך בין גראדע גע־גאנגען מיט איהם צוזאמען צו איהם אהיים נאך זיין ארבייט און איך בין ער־שטוינט געווארען צו זעהן א גליקליכען שמייכעל אויף זיינע ליפען און א שטראהל פון גרוים צופריעדענהייט און גליקליכע ערווארטונג אויף זיין פנים — ווען מיר זיינען געקומען נאהענט צו זיין הויז האב איך ענטדעקט דעם סוד פון דיזער רע־טעניש — איך האב געפונען אז ער האט אין זיין היים א פרוי מיט צוויי קליינע קינדערלעך — און די קינדער האבען ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער מיט שפא־נענדע ערווארטונג — און ווען די חברה האבען איהם דערזעהן פון וויטען איז געווארען א פאטשעריי מיט די קליינע הענטעלעך און א פרעהליכער אויסגעשריי: „דער פאפא קומט!" — און ווי נאר ער האט געעפענט די טהיר איז מען ארויפ־געפאלען אויף איהם און זיך צוגעקלאמערט צו איהם מיט טויזענד קושען — מיר איז שוין יעצט גאנץ קלאהר געווארען די אורזאכע פון זיין גליקליכען שמייכעל — איך האב ענטדעקט, אז אויסער זיין מאטעריעלע וועלט מיט די פיער אייזערנע פרעסעס, האט ער א צווייטע וועלט — א וועלט פון מלאכים אין מענשען־געשטאלט, און דיזע גיט איהם קראפט איבערצוטראגען דעם טאג־טעגליכען גיהינם.

און דיזע גייסטיגע וועלטען וואס איך האב אייך דא געוויזען האבען כאטש א ממשות אין דער ווירקליכקייט — אבער עס גיעבען קינדער פון אונזער פאלק וואס זייער גייסטיגע וועלט איז אין גאנצען א חלום, אן „עולם הדמיון" וואס האט גאר ניט קיין עקזיסטענץ אין דער ווירקליכקייט, און פונדעסטוועגען ציהען זיי דערפון גייסטיגען פערגעניגען און קראפט אריבערצוטראגען די לײדען פון אלטעג־ליכען לעבען — למשל: איך קען א געוויסען אידען וועלכער דענקט אז ער האט ערפונדען א נייע מאשין פון גרוים וויכטיגקייט — איך ווייס ניט צו איז דאס אן אויטאמאביל וואס זאל געהן אהן גענזאלין, אדער אן אויוועז וואס זאל ווארימען אהן קוילען — ווייל ער איז קײנעם ניט מגלה זיין גרויסען סוד — שוין צוואנציג יאהר ווי ער זאגט זיינע גוטע פריינד אז עס פעהלט איהם נאר איין קליינינקער

שרייפעלע, און דאן וועט זיין מאשין אנפאנגען צו טהאן איהר ארבייט און זיין נאמען וועט ווערען בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט — די וועלט לאכט פון איהם און האלט איהם פאר א שטיקעל משוגע'נעם, און עס איז העכסט־וואהרשיינליך אז ער וועט שטארבען און דער שרייפעלע וועט נאך אלץ בלייבען אונענטדעקט — אבער דער פאקט בלייבט אז דיזע ניט געענדיגטע ערפינדונג האט איהם געבראכט גליק און האפנונג ווי לאנג ער האט געלעבט — דאס איז געווען זיין גייסטיגע וועלט.

און אז אנדערער שרייבט א ספר — וועלכער, נאך זיין מיינונג נאך, וועט ווייזען דער מענשהייט די וועג ווי אזוי אבצושאפען אלע צרות און פלאגען פון דער וועלט און צו פערוואנדלען דעם גיהינם אין א גן־עדן — און אזוי זיצט ער טאג און נאכט איינגעבויגען אין דרייען און ער שרייבט און שרייבט — א קורצע ווילע גלייכט ער אויס זיינע גליעדער און דאן בעווייזט זיך א צופריעדע־נער שמייכעל אויף זיינע ליפען — „ווארט נאר א ווילע!“, שעפטשעט ער צו זיך אליין, „עס וועט שוין לאנג ניט נעהמען ביז מיין נאמען וועט קלינגען פון איין ברעג וועלט ביז דעם אנדערען ברעג, און ווען איך וועל זיך נאר בעוויזען אין גאס וועט מען טייטלען אויף מיר מיט די פינגער און זאגען: אט געהט ער דער גרויסער שרייבער און דענקער — זעהר מעגליך, אז זיין בוך וועט ניט קריגען קיין פאבלישער, אדער אויב ער וועט יא געדרוקט ווערען וועט קיינער פון איהם קיין הנאה ניט האבען אויסער די מייז אויפ'ן טאפ־פלאר וואס וועלען מאכען שעהנע עטליכע מאלצייטען פון די באנדעלס געדרוקטע פאפיער וואס מען האט פלוצלינג פאר זיי אוועקגעלעגט — אבער זיין ארבייט איז ניט געווען ארויסגעווארפען — ער האט געלעבט אין אן אנדער וועלט, א וועלט פון אידעאל, ווען ער האט געשריבען זיין ווערק.

און אט איז א אידישע מוטער וואס רייסט אב פון זיך דעם לעצטען ביסען ברויט און לאזט איהר זוהן געהן אין אוניווערזיטעט — און זי טראכט זיך אין הארצען: עס וועט לאנג ניט נעהמען און מיין באי וועט זיין א דאקטאר... א לאנגע רייהע אויטאמאבילס וועלען שטעהן ביי זיין טהיר, רייכע הערען און דאמען וועלען איהם ברענגען געלט מיט כבוד... און דאן וועט ער שוין אבצאהלען זיין מאמען פאר אלע פינסטערע טעג וואס זי האט דורכגעמאכט איידער זי האט איהם געבראכט צו אזא שטופע — מעגליך אז ער וועט גאר קיין מאל קיין דאקטאר ניט זיין און מעגליך אז ער וועט יא זיין א דאקטאר נאר ער וועט זיך שעהמען מיט זיין מאמען די פיש־הענדלעריז אדער פושקארט פעדלערקע... אבער דערווייל האט זי יאהרען נאכאנאנד געלעבט אין א וועלט פון גליקליכע פאנטאזיע, — דאס האט איהר געגעבען כח אריבערצוטראגען איהרע פאקטישע לאסטען.

III

יעצט אויב איהר וועט פרעגען וואס איז געווען די קראפט, וועלכע האט געהאלפען יעקב'ן אריבערצוטראגען אזא פאק מיט צרות, וועל איך אייך אנטוואר־

טען איז א פאר ווערטער: **די אידעאלע וועלט אין וועלכער ער האט געלעבט!**

איך האב אייך בעוויזען אז **דער אידעאל** (אפילו ווען ער האט ניט קיין ממשות און פאקט) האט אויך א גרויסען כח אריינצוגעבען לעבען און האפנונג אין א ליידענדען מענשען — פיעל שטארקער און מעכטיגער איז אבער דער אידעאל ווען ער איז טאקע באזירט אויף א פונדאמענט פון אמת — יעקב׳ס אידעאל איז געווען אן אמת׳ער אידעאל — ער איז געווען דער יורש צו די וויכטיגע הבטחות וואס גאט האט מבטיח געווען זיין פאטער און זיין זיידען — ער האט געהאט די אמת׳ע אמונה אז דיזע הבטחות מוזען מקוים ווערען — און אויב זיי מוזען מקוים ווערען, דאן איז עס דאך אויך זיכער אז ער וועט אלעס איבערטראגען און בלייבען לעבען, ווייל אהן איהם קענען זיי דאך ניט מקוים ווערען — **דיזע אמונה אין גאט האט איהם געגעבען כח איבערצולעבען א וועלט מיט צרות.**

יעצט קענען מיר לייכט פערשטעהן יעקב׳ס ווערטער: אם יהיה אלהים עמדי וכו׳ — ער האט אזוי געמיינט: אויב גאט וועט מיר העלפען און איך וועל דורכלעבען אלע צרות וואס שטעהען מיר פאר און איך וועל זיך ענדליך אומקעהרען צו מיין פאטער׳ס הויז, זאלט איהר וויסען אז איך האב דאס אלעס געקענט אריבער־טראגען **ווייל גאט איז געווען מיין גאט!** (המלה „והיה" אינה משמשת פה בעתיד ע״י „וא״ו המהפך", אלא בעבר — כמו: „והיה בכזיב בלדתה אותו").

IV

די חכמי התלמוד, וועלכע האבען גוט פערשטאנען דיזע טיעפע ווערטער פון אונזער פאטער יעקב האבען געפונען אין זיי א תירוץ אויף דער נאך שווערערער פראגע: **וועלכע קראפט האט אויפגעהאלטען דאס אידישע פאלק און זיי דורכגעטראגען דורך אזא שווערען און לאנגען גלות?**

דער אנטווארט איז אויך דער זעלבער: דאס אידישע פאלק האט אויך אין אלע צייטען געהאט א גייסטיגע וועלט אין וועלכער זי האט זיך איבערגעטראגען ווען עס איז איהר ענג געווארען אין דער מאטעריעלער וועלט צווישען די פעלקער — כדי דיזען פאקט צו בעווייזען האט ר׳ יהושע דסיכנין איינגעטהיילט די אידישע היסטאריע אויף פיער פעריאדען און האט אנגעדייטעט (אזוי ווי בדרך נבואה) אז אין יעדען פון דיזע פעריאדען האט דאס אידישע פאלק געהאט אן אנדער סארט אידעאלע וועלט.

די ערשטע פעריאדע בעצייכענט די אידישע לאגע ווען זיי זיינען נאך געזעסען אין זייער אייגען לאנד, א קורצע צייט בעפאר דעם חורבן בית שני — דאן האבען שוין זייערע שטארקערע שכנים פון ארום, איבערהויפט רוים, אנגע־פאנגען צו שמיעדען די קייטען פאר דאס אידישע פאלק — גאנץ אפט איז שוין דער אידישער שטאלץ געטראטען געווארען אונטער די פיס און גאנץ אפט האט

זיך שוין אידישע בלוט געגאָסען אין די גאַסען — דער אידישער מוטה איז געוואָרען שטאַרק געבראָכען און אַ געפיהל פון פערצווייפלונג האָט אָנגעפיהלט יעדע אידישע האַרץ — אָבער דאַן ווען די פינסטערע געדאַנקען האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו דריקען פלעגט געבען אַ שיין דער גליקליכער געדאַנק אַז ירושלים שטעהט נאָך אין גאַנצען אין איהר פולען פּראַכט, דער בית המקדש שטעהט נאָך אויף זיין אָרט, און די עבודה ווערט נאָך געטהאָן אין איהם פון די כהנים אין זייערע געטליכע בגדי כהונה, א. ז. וו. — דיזער געדאַנק איז גענוג געווען צו פערטרייבען אַלע זייערע פינסטערע מחשבות און אריינצוגעבען אין זיי נייעם לעבען. — די גדולי ישראל וואָס האָבען דאַן געלעבט אין ירושלים האָבען אויך פיעל בייגעטראָגען צו ערמונטערען דעם גייסט פון דאָס אידישע פאָלק דורך זייערע אידעאַלע לעהרען און דברי נחמה וואָס זיי האָבען פערשפּרייט צווישען פאָלק. — אויף דיזער פּעריאָדע זאָגט ר׳ יהושע דעם פסוק: „והיה ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים" — דאָס הייסט אין יענער צייט איז געקומען די וואַסער פון לעבען און האָפנונג פאַר דאָס אידישע פאָלק פון דעם געדאַנק אַז ירושלים שטעהט נאָך אויף איהר אָרט און אַז פון איהר גלאַנץ איז נאָך קיין האָר ניט געמינערט געוואָרען און אויך פון די הייליגע לעהרען וואָס האָבען ארויסגעפלאָסען פון ירושלים.

די צווייטע פּעריאָדע איז געווען גלייך נאָכ׳ן חורבן ווען די פערפאַלגונגען און אונטערדריקונגען זיינען געווען אַזוי שרעקליך אַז זיי האָבען געקענט טרייבען דאָס גאַנצע פאָלק צו פערצווייפלונג — אָבער די צרות אַליין האָבען בעשאַפען זייער רפואה — אַ נייע גייסטיגע וועלט האָט זיך געעפענט פאַר די אידען פון יענער צייט, דאָס איז געווען זייער שטאַרקע האָפנונג אויף ביאת המשיח — זיי האָבען דאַן געגלויבט אַז אַזוי ווי דער פריהערדיגער גלות בבל האָט געדויערט בלויז זיעבעציג יאָהר, אַזוי וועט דיזער גלות אויך זיין אַ קורצער, און יעדען טאָג האָבען זיי געוואַרט, אָט־אָט קומט אַ גואל צדק, וועלכער וועט זיי אויסלייזען פון די רוימער, זיי צוריקברענגען אין ארץ ישראל, בויען אויפ׳ס ניי דעם בית המקדש, א. ז. וו. — עס איז אמת אַז מען האָט זיי פיעל מאָל אָבגענאַרט; זעהענדיג אַז דאָס פאָלק וואַרט אַזוי אומגעדולדיג אויף משיח׳ן האָבען זיך געפונען שווינדלער אָדער טרוימער וואָס האָבען זיך פּראָקלאַמירט אַלס משיחים און האָבען פיעל מאָל געבראַכט גרויס אומ־גליק אויף דאָס אידישע פאָלק — ווי עס איז אַלעמען בעוואוסט די קאַריערען פון דוד אלראי, בר כוכבא, א. ז. וו., אָבער ־ער גלויבען אין דיזע פאַלשע משיחים איז ניט געווען אין גאַנצען אהן נוצען — דאָס אַליין האָט אריינגעבלאָזען אין דעם אידען האָפנונג און לעבען; דער איד וואָס איז געטראָטען געוואָרען אונטער די פיס האָט זיך געטרייסט: אָט־אָט, באַלד קומט משיח, און דאַן וועלען מיינע אונטערדריקערס קומען צו מיר און פאַלען צו מיינע פיס איך זאָל זיי מוחל זיין! — אויף דיזער פּעריאָדע ברענגט ר׳ יהושע דעם פסוק: „והיה ביום ההוא יוסיף ה׳ שנית לקנות שאר עמו" — דאָס הייסט אין יענער צייט איז געווען די אידישע נחמה, אַז אָט־אָט וועט גאָט ווידער אַמאָל אויסלייזען דאָס „שארית ישראל".

די דריטע פעריאָדע — נאָך דעם ווי דאָס אידישע פאָלק האָט זיך עטליכע מאָל אָבגענאַרט מיט די פאַלשע משיחים און זעהענדיג אַז דער גלות פערציהט זיך אהן אַ סוף איז דאָס אידישע פאָלק ווייטער אריינגעפאלען אין אַ מרה שחורה — און ווען אַ פאָלק פאַלט אַריין אין אַ יאוש מיינט עס פשוט אַ שנעלע אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציאָן — אָבער דאָן האָט דאָס אידישע פאָלק געפונען אַ נייע גייסטיגע וועלט אין דעם טיעפען ים התלמוד מיט זיינע נושאי כליו. — ווען רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן רוימישען קעניג (דאָן פעלד־מאַרשאַל) אספּסינוס און ער האָט געפונען אַזוי פיעל חן ביי איהם אַז דיזער האָט צו איהם געזאָגט: „פערלאַנג פון מיר וואָס דו ווילסט און דיין ביטע וועט ערפילט ווערען“, האָט ר' יוחנן געבעטען ערלויבנים צו בויען אַ ישיבה אין יבנה — די היינטיגע משכילים זיינען שטאַרק ברוגז אויף ר' יוחנן און זאָגען אַז ער איז געווען אַ בטלן — „סטייטש!“, זאָגען זיי, „דו האָסט געהאַט אַזאַ גאָלדענע געלעגענהייט, וואָרום האָסטו דאָס ניט אויסגענוצט צו בעטען אַ וויכטיגערע זאַך פאַר דאָס אידישע פאָלק?“ — אָבער דיזער אידישער גייסטיגער ריעז האָט בעסער געוואוסט וואָס עס איז נויטיג געווען פאַר זיין פאָלק — ער האָט געפיהלט אַז אַזוי ווי זייער מאַטעריעלע וועלט איז חרוב געוואָרען מוז פאַר זיי בעשאַפען ווערען אַ גייסטיגע וועלט, אויב ניט וועלען זיי אונטערגעהן — און אַזאַ וועלט האָט ער טאַקע בעשאַפען. — פאַר אַ צייט־פערלויף פון הונדערטע יאָהרען זיינען די תנאים און אמוראים געווען פאַר דאָס אידישע פאָלק דאָס וואָס די קעניגע, כהנים און נביאים זיינען געווען פאַר זיי בעפאָר דעם חורבן. — ווען זיי האָבען געלערענט די מסכתות פסחים, זבחים, מנחות, פאה, תרומות ומעשרות, א. ז. וו. האָבען זיי געפיהלט אַזוי ווי זיי וואָלטען מקריב געווען דיזע קרבנות און געבראַכט תרומות ומעשרות אין בית המקדש. — אויף דיזער צייט זאָגט ר' יהושע דסכנין: „והיה ביום ההוא יטיפו ההרים עסים“ (די חכמי התלמוד ווערען אָנגערופען בדרך מליצה „הרים“ — בערג — אַזוי ווי מיר געפינען: „מה לך להכנים ראשך בין ההרים האלה“) דאָס הייסט אין יענער עת צרה ווען ישראל האָט זיך פלוצלינג געפונען אין אַ ים פון שרעקליכען פערצווייפלונג האָבען די „גרויסע בערג“, די גדולי ישראל, אָנגעפאַנגען אריינצוטריפען טראָפּענס פון זיסקייט אין זיין ביטערען בעכער — דערמיט וואָס זיי האָבען איהם אַרויסגעהויבען פון זיין ביטערער מאַטעריעלער וועלט און איהם איבערגעטראָגען אין אַ זיסע גייסטיגע וועלט.

די פיערטע פעריאָדע איז די השכלה פעריאָדע ווען די אידישע יוגענד האָט אַוועקגעוואָרפען ביידע זאַכען, די אמונה אין משיח'ן און אויך דעם שטודיום פון תלמוד — דער בליאַסק פון פרעמדע חכמות און פרעמדע קולטור האָט זיי פערבלענדעט — אַלעס וואָס איז אידיש האָט זיי אָבגעטרייסעלט און אַלעס וואָס קומט פון פרעמדע קוועלען האָט זיי צוגעצויגען — צוליעב דעם בליאַסק פון אַ מעשענעם קנעפּעל אָדער צוליעב אַ קאָמפּלימענט פון אַ קריסטליכען בעאַמטען איז רעכט געווען אַז טויזענדער אידישע קינדער זאָלען זיך אויס'שמד'ען; אין פיעלע

פעלע האָבען זייערע אייגענע עלטערען זיי געפיהרט צום שמד, און אידישע פאַר־שטעהער האָבען אָפען ערקלעהרט אַז די אידישע ישועה וועט קומען דורך אַסימי־לאַציאָן — אָבער גראָדע דאַן האָט פּלוצלינג אַ שיין געטהאַן אַן אַנדער אידעאַלע וועלט פאַר דאָס אידישע פאָלק — דער ציוניזם — איהר מעגט יאָ גלויבען אָדער ניט גלויבען אין פּאָליטישען ציוניזם, אָבער איין זאַך איז גאַנץ קלאָהר און אונ־בעשטרייטבאַר, און דאָס איז, אַז די ציוניסטישע בעוועגונג האָט געראַטעוועט מיליאָ־נען פון אידישען יוגענד פון אַסימילאַציאָן. — אויף דיזער פּעריאָדע לייענט ר׳ יהושע דעם פּסוק: „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול“ — דאָס הייסט אין דיזער צייט איז דאָס אידישע פאָלק געראַטעוועט געוואָרען פון אונטערגאַנג דורך די האָפנונג אַז באַלד וועט שאַלען דער גרויסער שופר און וועט רופען דאָס אידישע פאָלק צוריק צו איהר לאַנד.

דאָס איז ר׳ יהושע׳ס מיינונג ווען ער זאָגט אַז גאָט האָט גענומען יעקב׳ס ווערטער (והיה ה׳ לי לאלהים) און האָט געמאַכט פון זיי אַ שליסעל צו די ערלעזונג פון דאָס אידישע פאָלק — ער האָט געמיינט דאַמיט אַז אַזוי ווי יעקב אבינו האָט געהאַט צו פערדאַנקען זיין לעבען און אויסדויער צו אַן אידעאַלע קראַפט — זיין אמונה אין גאָט — אַזוי האָט דאָס אידישע פאָלק אויך צו פערדאַנקען איהר לאַנגען לעבען און אויסדויער צו דעם פאַקט, אַז צו יעדער צייט ווען זיי האָבען געהאַלטען ביים אונטערגאַנג האָט זיך געעפענט פאַר זיי אַ גייסטיגע וועלט וואָס האָט זיי געמאַכט פערגעסען זייערע צרות (ור׳ יהושע כוונת המקראות דרש, והמלה „והיה“ אסמכתא בעלמא היא, וכמ״ז רבים בהלכה ואגדה).

חומר לדרוש.

איש הרוח.

(דער אידעאַליסט).

אגדות חז"ל.

הראה הקב"ה ליעקב שרי כל מלכות ומלכות, שנאמר „ויחלום והנה סולם מוצב ארצה"; הראה לו כמה מלכים וכמה איפרכין וכמה שילטונין עומדין מכל מלכות ומלכות, וכשם שהראה לו אותן עומדין כך הראה לו אותן נופלין, שנאמר: „והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו" — א"ל הקב"ה: עלה אף אתה — א"ל יעקב מתירא אני שמא ארד כשם שירדו אלו — א"ל הקב"ה: אל תתירא, כשם שאני איני יורד מגדולתי כך לא אתה ולא בניך יורדים מגדולתם, שנאמר: „והנה ה' נצב עליו" (מדר"ר משפטים).

התבן והקש והמוץ מריבים זה עם זה, זה אומר: בשבילי נזרעה השדה, וזה אומר בשבילי נזרעה השדה. אמרו החטים: המתינו עד שתבוא הגורן ואנו יודעין בשביל מה נזרעה השדה. באו לגורן ויצא בעה"ב לזרותה, הלך לו המוץ ברוח, נטל את התבן והשליכו על הארץ ונטל את הקש ושרפו, נטל את החטים ועשה אותם כרי, וכל מי שרואה אותן מנשקן — כך עכו"ם הללו אומרים: אנו עיקר ובשבילנו נברא העולם, והללו אומרים: בשבילנו נברא העולם. אמר להם ישראל: המתינו עד שיגיע היום ואנו יודעים בשביל מי נברא העולם, הה"ד (מלאכי ג') „כי הנה היום בא בוער כתנור וכו'", ועליהם הוא אומר: „תזרם ורוח תשאם וסערה תפיץ אותם", אבל ישראל: „ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל" (בר"ר סוף פ' פ"ג).

בשעה שהיו יעקב ומיכאל מתאבקים רצה כת של מיכאל לסכנו, אלא שנגלה עליהם הקב"ה, וכיון שראה מיכאל את הקב"ה, תשש כחו, שנאמר: „וירא כי לא יכול לו ויגע בכף ירכו". א"ל הקב"ה למיכאל: וכי יפה עשית שעשית כהן שלי בעל מום? א"ל: רבש"ע, והלא אני כהנך? א"ל: אתה כהני ברקיע והוא כהני בארץ. מיד קרא מיכאל לרפאל, א"ל: חברי! בבקשה ממך, עמוד עמי בצרה, שאתה ממונה על הרפואות — ירד ורפאו (מדרש אבכיר).

כשהיו יעקב ועשו במעי אמם אמר יעקב לעשו: עשו אחי! שני בנים אנחנו לאבינו, ושני עולמות יש לפנינו: העולם הזה והעולם הבא. העוה"ז יש בו אכילה ושתיה ומשא ומתן, אבל העוה"ב אינו כן. רצונך, טול אתה העוה"ז ואני אטול העוה"ב. באותה שעה נטל עשו בחלקו העוה"ז ויעקב נטל בחלקו העוה"ב. — וכשבא יעקב מבית לבן וראה עשו שיש ליעקב נשים ובנים ועבדים ושפחות ובהמות וכסף וזהב — מיד אמר לו: יעקב אחי, לא כך אמרת לי שתטול אתה העוה"ב ואני אטול העוה"ז — ומנין לך כל העוה"ז, נשים ובנים וממון ועבדים ושפחות? למה אתה משתמש ונהנה מן הדברים שבעוה"ז כמותי? א"ל יעקב לעשו: זה מעט הרכוש שנתן לי הקב"ה להשתמש בו לפי

הצורך שלי בעוה"ז — באותה שעה האמיד עשו בדעתו ואמר: ומה העוה"ז שאין ליעקב חלק בו, כך נתן לו הקב"ה; העוה"ב שהוא חלקו על אחת כמה וכמה (תדב"א זוטא).

כל זמן שישראל בירידה התחתונה הם עולים, ראה מה כתיב: „ועלה מן הארץ" (שמו"ר פ' א').

למה נמשלו ישראל לזית? לומר לך: מה זית אינו מוציא שמנו אלא ע"י כתישה אף ישראל אין חוזרים למוטב אלא ע"י יסורים (מג' נ"ג:).

ר' שמעון בן לקיש בשם ר' ינאי אמר: שתף הקב"ה שמו הגדול בישראל. משל למלך שהיה לו מפתח של פלטרין קטנה, אמר המלך: אם אני מניחה כמו שהיא, אבודה היא, אלא הריני עושה לה שלשלת, שאם אבדה השלשלת תהא מוכחת עליה — כך אמר הקב"ה: אם מניח אני את ישראל כמות שהם, נבלעים הם בין הגוים, אלא הרי אני משתף שמי הגדול בהם והם חיים, זהו שנאמר: „ומה תעשה לשמך הגדול" — שהוא משותף בנו (ירוש' תענית פ"ב).

אמר ר' אחא: נמשלו ישראל לזית, שנאמר: „זית רענן יפה פרי תואר קרא ה' שמך" (ירמי' י"א ט"ז), ונמשל הקב"ה בנר — „נר ה'" — מה דרכו של שמן להנתן בנר והם מאירים שניהם כאחד, כך אמר הקב"ה לישראל: בני, הואיל ואורי הוא אורכם ואורכם הוא אורי, אני ואתם נלך ונאיר לציון, זהו שנאמר: „קומי אורי כי בא אורך" (פסיק').

מיתת דוד.

„כל יום השבת היה יושב ועוסק בתורה, ואותו היום שהגיעה שעתו למות, עמד מלאך המות לפניו ולא נצחהו, שלא פסק פיו מלעסוק בתורה, אמר: מה אעשה לו? היה שם גן מאחורי הבית. בא מלאך המות ועלה ונער באלנות, יצא דוד לראות, היה עולה במעלות, נשברה המעלה תחתיו ויצאה נשמתו ומת" (שבת ל'). — ידוע שבהרבה מקומות לקחו חז"ל את דוד לסמל העם כולו, ובאגדה זו לוטה מליצה עמוקה לומר לנו שכל זמן שישראל עוסקים בתורה ובדברים רוחניים אין המיתה והכליה שולטת בהם, אבל כמעט שיפתה היצר את ישראל להיות גם הוא ככל הגוים, לירד בגנים וללקוט שושנים, וכמעט שמתאוה גם הוא לעלות במעלות אל רום שמי ההצלחה הארציית ככל שכניו, אז נשמתו (ר"ל יתרון הרוח על החומר) עוזבת אותו, והוא מת ונאבד מן העולם ע"י הטמיעה בגוים. (המחבר).

יעקב היה מוכן לברכות.

מה שנוכל להגן על אבינו הזקן ישראל סבא קדישא מלשים בו תהלה כי לקח בערמה את הברכות מפי האב בצווי אמו, הוא שבודאי לא היה דעת אביו יצחק לברך את מי שאין בו ההכנה הנאותה שתחול עליו הברכות, אבל מאשר ראה עוצם השתדלות בנו בכורו בקיום כבוד אב, בהביאו לו ציד ועשות לו מטעמים, חשב בדעתו: אם יפה כח הבן בהשתדלות דבר בלתי הכרחי (כי היבצר מאיש שזרע ומצא מאה שערים לצוות לעבדיו ואמהותיו לעשות לו מטעמים כאשר אהב) כמה וכמה תגדל תשוקתו וחריצותו בקיום דברים עקרים אשר נפש צדיק אותה בם, ואם כי ידע שבנו השני שוקד על דלתי בית הספר והעיון בחכמה, בכל זאת יקרה בעיניו פעולת הולך אורח צדק גם בדרכי עוה"ז... אמנם הצדיקת רבקה היתה פקוחת עינים לראות כי אי אפשר שיחול שפע ברכת יצחק על עשו... ע"כ עשתה מה שעשתה בהבטחת לבה שהמוכן לברכה יבורך מה' מברכת הורו, ואם שברות יעקב וענותו התעורר הספק, אם נמצא בידו ההכנה הטבעית אל ברכת שמים, ואמר: „אולי ימושני אבי והייתי בעיניו כמתעתע, כלומר, פן יחפש אבי אחר מעשי ולא ימצאם

שמכינים אותי אל הברכה, ולכך אמר „כמתעתע" ולא גנב ורמאי וכדומה, זולת „כמתעתע" מבנין התפעל הוא פעל החוזר, דהיינו שתועה בתכונת עצמו וחושב שהוא ראוי והוא אינו ראוי, עכ"ז שמע לדברי אמו, באשר ידע שאחיו ודאי אינו ראוי לקבלם, ודי בזה להציל את אבינו הזקן ממחרפהו... ולמדנו מזה כי המברך או המקלל הוא כנופת באש פחם במקום אשר נמצאו זיקי אש טמון באפר כירה מוכן, או בגחלים עוממות, כן תעורר ותקיץ תרדמת הברכה והקללה לאיש הנושאם בתכונתו. (קול אומר קרא).

ויתן לך.

„ויגש וישק לו וירח את ריח בגדיו ויברכהו ויאמר ריח בני כריח השדה אשר ברכו ה' ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ" — חז"ל פירשו שהברכה מתחלת מויתן לך, ויש לדקדק למה מתחיל „ויתן לך" בוא"ו החבור? — ושמעתי מפי הדרשן החסיד הרב מו"ה פיו"ש פישמאן זצ"ל, דיש לדקדק מדוע התמהמה עשו (אשר בודאי ידע היטב מלאכת הציד) כ"כ עד שרבקה עם יעקב בנה עשו כל התחבולה, שחט גדי העזים ולבש ובשל ובא אל אביו וקבל ברכתו ויצא והלך לו, ועוד קשה יצחק הצדיק האיך ברך את יעקב (בחשבו שהוא עשו בנו הגדול) מטל השמים ורוב דגן ותירוש, ולא ברך אותו ברכה רוחניית שישב לו בביתו על התורה ועל העבודה? — היה לו לאמר: בני רחימי! יברכך ה' לעבדו בכל לבבך, יאר ה' פניך בתורה, ישא ה' פניך לדעת לעות את יעף דבר ולקרב בני אדם אל אביך שבשמים, להרביץ תורה ברבים וכו', ברכה כזאת היתה ראויה ליצחק, ולא ברכה גשמית רוב דגן ותירוש — אולם נראה, שבאמת יצחק היה בדעתו לברך את בנו עשו שיזכה לברכה רמה ונשאה ברכת הנשמה, אך כשבא יעקב ואתו ריח גן עדן, אז חשב בלבו: מה לי לברך את בני שישב על התורה ועל העבודה, הלא בלי ספק הבית מדרש הוא מושבו, ונפשו ונשמתו זכה בלי חטא ועון, דאל"כ לא היה ריח ג"ע דבוק בו, ע"כ „ויגש וישק לו וירח את ריח בגדיו" — הוא ריח ג"ע אשר בא אתו אל החדר פנימה — ויאמר: „ראה ריח בני כריח השדה אשר ברכו ה' " — זו הגן עדן — א"כ הג"ע אתך וכל טוב אדוניך בלבך — אילן אילן במה אברכך, אם בתורה הלא למדת, אם ביראה הלא יראת ה' הוא רוחך, אם בגמ"ח הלא בלי ספק גם אלו בידך אחר שזכית שהג"ע בא אתך — ע"כ רק אחת אוכל להוסיף — מטל השמים ומשמני הארץ (והוראת וא"ו החבור הוא שהברכה היא נוספת על ברכות שמים שכבר יש לו) — והנה עשו כאשר אמר לו אביו שיביא לו ציד ובעד זה יברך אותו, חשב בלבו: בלי ספק אבי יברכני לישב בד"א של הלכה ולעבוד את ה' — לקבל ברכה כזה עוד חזון למועד! — וילך אחר הציד כל היום ולא מהר להביא אותו, רק בבוקר הוא הולך ובערב הוא שב לביתו אחר שעשה יעקב כל התחבולה ואביו כבר אכל ושתה וברך את יעקב — ויהי כאשר שמע מאביו שכבר היה יעקב שם וקבל ברכתו, לא אחזתו שום רעדה, כי חשב שבודאי ברכו אביו לישב כל הלילה וללמוד ש"ס ומפרשים — וזאת היה מוחל לאחיו במחילה גמורה — ע"כ אמר: הברכה אחת לך אבי ברכני גם אני אבי" — ר"ל, את אחי בל"ס ברכת ברכה רוחנית, ברך אותי בברכה שניה שיש לך, לאכול ולשתות הרבה דגן ותירוש וכו' — ויען לו אביו: הן גביר שמתיו לך וכו' ודגן ותירוש סמכתיו — לא ברכתי אותו בתורה ויראה כי אם באותה הברכה השניה, דגן ויין וכו', ולך „איפוא מה אעשה בני", אז: „ויצעק עשו צעקה גדולה ויבך" — על זאת חרה לו מאד, חבל על דאבדין ולא משתכחין, על תירוש ויין, בשר ודגן שנאבד ממנו. (מנחת יהודה).

מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל.

בסדר קריאת שמע שעל המטה אנו אומרים: „מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל ומלפני אוריאל ומאחורי רפאל ועל ראשי שכינת אל" — מבלי התעקש על המאמר הנ"ל

הלקוח מזוהר הקדוש אנסה את ידי לבאר אותו בדרך מליצה על השאיפה הרוחנית שבלב כל איש ישראל. — ארבעה שרי מעלה האלו מציירים ארבע שאיפות ותקוות שיוכלו לתפוש את לב האדם — „מיכאל" הוא סמל האמונה באלהי אמת, שעל זה יורה שמו, „מי—כאל" — „גבריאל" הוא סמל הגבורה, כהוראת שמו — „אוריאל" הוא סמל החכמה, המשולה בכתבי הקודש ובתלמוד ל א ו ר כ י ד ו ע — „רפאל" מורה על הישועה מצרות ופגעי הגוף, כמו רפאות תעלה מנגע ומחלה.

ולכן כשתקנו חכמים תפילה לבני ישראל בשעה היותר קדושה ורוממה, בעת שמפקידים את נפשם ביד ה', הציגו את „מיכאל" (סמל האמונה) לימין, ואת „גבריאל" (סמל גבורת הגוף) לשמאל, את „אוריאל" (סמל החכמה) לפנים ואת „רפאל" (סמל הישועה מנגע ומחלה בעוה"ז) לאחוריו, וגבוה מעל גבוה מכולם, שכינת אל — לאמר שבכל בקשותיו ותפילותיו צריך היהודי להקדים את צרכי הרוח על הגשם. (המחבר).

כח הרוח.

„ותחל רוח ה' לפעמו בין צרעה ובין אשתאל" (שופ' י"ג) — אמר ר' שמואל בר נחמן: מלמד שנטל שני הרים והקישם זה לזה, כאדם שנוטל שני צרורות ומקישם זה לזה. ר' יהודה אומר: בשעה שהיתה רוח הקודש שרויה עליו היה פוסע פסיעה אחת מצרעה ועד אשתאל (ויקר"ר ח').

במאמר הנ"ל הליטו חז"ל רעיון נשגב בענין כח האדם כשהוא עובד או לוחם בעד איזה מטרה רוחנית — שמשון היה לו מטרה רוחנית לשבור עול הפלשתים מעל צוארי עמו, כמו שמעיד הכתוב „כי תואנה הוא מבקש מפלשתים ובעת ההיא פלשתים מושלים על ישראל" — ולא פליגי, אבל כל אחד מהם מראה את כח הרוח בפנה מיוחדת — ר' שמואל ב"ר נחמן מראה בעליל שע"י כח הרוח שלבשה את שמשון נצח את נצחונותיו הנפלאים על עמים חזקים (וז"ש במליצתו „שנטל שני הרים והקישם זה לזה") ור' יהודה מדבר מכח הרוח בפנה אחרת — בנפש האדם עצמו — שמתחילה היה צעיר רודם שלא יכול למשול בתאוותיו, ולבסוף קדש השם במסרו נפשו ביחד עם פלשתים בבית תפילתם למען הראות לכל העמים שאין כח ביד דגון אלהיהם להציל את הנוהים אחריו — וז"ש ר' יהודה: שע"י רוח הקודש היה פוסע פסיעה אחת מצרעה ועד אשתאל — ר"ל שקדש וטהר את עצמו והחליף את טבעו מנער רודף אחרי אהבת נשים לקדוש ה' — וזהו בודאי פסיעה גדולה. (המחבר).

כתבו לכם על קרן השור.

ידוע מאחז"ל על מלכות יון שאמרו לישראל: „כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל" — ותמהו המפרשים על מליצת „כתבו לכם על קרן השור", מדוע דוקא על קרן השור? — וכבר נסו רבים לבאר את המאמר הנ"ל, ואמרתי אענה אף אני חלקי — דהנה ידוע שהמלחמה והשנאה הכבושה שבין בני יון הקדמונים וישראל סבא מקורה בשתי נטיות הפכיות בנפש שני העמים האלה — ישראל היה גבור הרוח וחדר בכל עוז להפיץ את אמונתו באל רוחני ותורה רוחנית, ולעומתו בני יון הגשימו את האלהות והעריצו את הגשם — כידוע מאלפי אלפים שיקוצי המיטולוגיה שבראו להם על כל הר גבוה ושלפי דבריהם היה כל עסק אלהיהם בתאוות נמבזות, כידוע — ומובן מאליו שהם בעצמם לא היו טובים מאלהיהם, כידוע מן המשחקים הפרועים לשמצה שהיו עוסקים בהם היוגים בימים האלה — מובן מאליו ששני עמים הפכיים בטבע, כישראל ויון, לא היו יכולים לדור בכפיפה אחת, ומלחמה ארוכה התחוללה ביניהם מלחמת הגשם נגד הרוח — והנה ידוע כי סמל הרוח הוא האדם וסמל הגשם — השור (וכשחטאו ישראל אמר עליהם

המשורר: „וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב") — ואולי במלחמותם היו היונים מציירים על הדגל שלהם (פלאַג) תבנית שור או קרן שור — ועתה יהיל אור גדול על המאמר הנ"ל שהצגתי למעלה — ר"ל שהיונים רצו להכרית את ישראל לעזוב את אלהיהם הרוחני ולכתוב את ידיהם „על קרן השור" — ר"ל לקבל עליהם את עבודת הגשם. (המחבר).

מרכזי הרוח.

אמרו ליה לר"י איכא סבי בבבל תמה ואמר למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כתיב אבל בחוצה לארץ לא כיון דאמרי ליה דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא אמר היינו דאהני להו וכו'. (ברכות ח' ע"א).

החפץ אל ההתקיימות (דער ערהאַלטונגסטריעב) של עם ישראל היה כ"כ חזק עד אשר עלה בידו לעשות לו מרכזים מלאכותיים תחת המרכזים אשר לקחו ממנו ונאבדו מאתו. הנה למשל מרכז הארץ לא לבד שהתאמצו לקיים את המרכז הזה במחשבה ובלב (ע"י זכרון אהבת הארץ והתקוה לשוב אליה) כ"א גם בראו לם מרכז מוחשי שהיה להם כעין ארץ מולדת חדשה והוא הבתי כנסיות ובתי מדרשות. הבתים החשובים האלה לא היו רק מקומות לתפילה וללימוד כי הם היו גם מקומות כאלו אשר בהם מצא ישראל מנוח ועונג וישאף שם רוח ברוחה. היו ימים אשר לא נתנו לבני ישראל ללכת בחוצות, נערים עזי פנים השליכו עליהם אבנים ושיקוצים והעם העם צעקו אחריהם, ובני ישראל הלכו קודרים ושחוחים וישאו ויסבלו שם בחוץ, אולם כאשר בא לבית הכנסת ולבית המדרש שם התמודד וישות את ערפו והרגיש את עצמו כאלו הוא בביתו ובחומותיו שם בארץ מולדתו. וע"כ דרש רבא על הפסוק ד' מעון אתה היית לנו אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות ור"א הקפר אומר עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל (מגילה כ"ט ע"א). וע"כ תמה רבי יוחנן אשר ישב בארץ ישראל והרגיש את הנועם והחן והחביבות של ארץ מולדתו על אותם שבחו"ל איך יכולים המה להאריך ימים הלא למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כתיב רצ"ל בארץ מולדתו יוכל איש להאריך ימים ולהתקיים ואיך יחיו המה בארצות זרים במקום אשר זרים יקראו להם, אך כאשר אמרו לו כי המה מקדמי ומחשכי בבי כנישתא כי ערב ובוקר המה יושבים בבכנ"ס ובמד"ר וחביבים עליהם הבתים מאלו מאד מפני כי שם ירגישו עצמם כמו בבתים ע"כ אמר היינו דאהניא להו יען שם מצאו ארץ מולדת חדשה.

ומה היה הכח המושך אשר לבתים האלו? רק התורה, האהבה אליה היתה חמדתם ותפארתם של בני ישראל היא ית' שעשועם וגאונם ומשושם, והיא אשר נתנה להם עוז ותעצומות לעמוד במערכה מול הגוים אשר שאפו לבלוע אותם ולהשחיתם כשאול חיים. ראה ש"ס מכות י' ע": אריב"ל מה דכתיב עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים מי גרם לרגלינו שיעמדו למלחמה שערי ירושלים שהיו עוסקים בתורה. היא התורה אשר שמרה את אוצר הסגולות הנפשיות אשר בהם ישראל יתפאר והמה רגשי החסד והחמלה והרחמים וחנינה, היא התורה אשר עשתה את הלב הישראלי (דאס יודישע הערץ) ואשר הצילה את הלב הזה במשך ימי הגליות מחלודה ומהשחתה. כי בנוהג שבעולם הקדמון אם עם או שבט נגרש מארצו היה המה לעבדים תחת יד כובשיהם ולא הניחו להם לקחת חבל וחלק בעניני זכות המדינה ובמשך העת השפלו גם בעיני עצמם ויאבדו את כל רגש נימוס ומוסר כמו הפאריאס באינדיען והצוענים באייראפא אולם עם ישראל עם כל תלאותיו ומצוקותיו ועם כל חפץ העמים להשפילו לא לבד שלא אבד את סגולת תכונת נפשו כי גם עוד העמיק והרחיב אותם. וכ"ז עשתה התורה. (דברי חכמים).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

קטנתי

(דרוש לפ' וישלח).

הרב שלום ראבינאוויץ.

I

קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר
עשית את עבדך כי במקלי עברתי את הירדן
הזה ועתה הייתי לשני מחנות.
(בר' ל"ב — י"א).

ווען יעקב האט דערהערט אז עשו געהט איהם אנטקעגען מיט פיער הונדערט מאן, האט ער זיך שטארק דערשראקען — אזוי ווי דער פסוק זאגט עדות: „וויירא יעקב מאד ויצר לו" — פרעגט זיך די פראגע: ווי קומט עס אז אזא מאן ווי יעקב אבינו זאל אזוי גיך זיין קוראזש פערליערען? וואס איז געווארען פון דעם העלדענמוטה פון זיינע עלטערע, דער קוראזש פון זיין זיידען אברהם וועלכער האט זיך געשטעלט מיט א הויפען מענשען געגען די ארמעען פון פיער מלכים און האט זיי בעזיעגט? וואס איז געווארען פון זיין בטחון אין גאט וועלכער האט איהם שוין מעהרערע מאל געהאט פערזיכערט אז „ער וועט זיין מיט איהם" (וגם בתפילתו בפרשה הנוכחית מזכיר יעקב את ההבטחה הנ"ל)? דאכט זיך אז גאט זעלבסט וואלט קומען אפילו צום ניעדריגסטען מענשען און איהם זאגען: „געה אין פייער אדער אין וואסער!", און ווען ער וואלט געוואוסט אויף זיכער אז דער וואס רעדט צו איהם איז גאט, וואלט ער געווים קיין מורא ניט געהאט איהם צו פאלגען, ווייל ער וואלט דאן זיכער געוועזען אז דער פייער וועט איהם ניט פערברענען און דער וואסער וועט איהם ניט דערטרינקען!

דעם אנטווארט צו דיעזער פראגע קען מען געפינען אין די ווערטער וואס יעקב האט נעברויכט אין זיין תפילה צו גאט ביי דיעזע געלעגענהייט:

„קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך".

יעקב האט זיך ניט געטרויט; ער האט געטראכט: פיליכט בין איך ניט דער זעלבער יעקב וואס איך בין געווען דאן ווען גאט האט צו מיר ארויסגעוויזען אזוי פיעל ליעבשאפט — דאן בין איך געווען א יעקב וואס האט געשלאפען אויף א שטיין אין א מדבר; א יעקב וואס זיין גאנצער פערמעגען איז בעשטאנען אין דעם שטעקען מיט וועלכען ער איז אריבער דעם ירדן. און נאכהער ביי לבן'ן אין הויז בין איך געווען אן ארימער פאסטוך; שטענדיג אין סכנת נפשות פון זיינע בנים — היינט אבער בין איך א יעקב וועלכער איז א רייכער גוטס־בעזיצער; א יעקב וועלכער איז אומשטענדע צו געבען א מתנה פון איבער פינף הונדערט שטיק בהמות — טראכט ער: פיליכט פון גרויס רייכטהום בין איך ערגער, פראסטער, קלענער געווארען ווי בעפאר? פיליכט פערדין איך שוין מעהר ניט אז גאט זאל מיר אזוי בעשיצען ווי אמאל?

סטייטש, יעקב! ווי קומט עס אז דו זאלסט האבען אזעלכע מחשבות? מה־דאך אז ווען דו ביזט געווען ביין רשע אין הויז ביזטו געבליבען א צדיק (עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי), א פשיטה שוין יעצט ווען דו ביזט רייך און אינדעפענדעט און קיינער קען דיר ניט פערווערען. דארף דאך נאכ'ן שכל נאך דיין פרומקייט און גוטסקייט פיעל גרעסער זיין ווי פריער? — אדרבא רעדט מיט א געוועהנליכען ארימאן און פרעגט איהם: „וואס וואלט געווען אז גאט וואלט דיר פלוצלונג געהאלפען און דו וואלסט געווארען א גרויסער עושר, וואלסטו ערגער אדער בעסער געווארען? — וועט ער זאגען: „וואס רעדט איהר! גאט איז מיט אייך! ווי פאלט אייך דאס איין אז איך וואלט ערגער געווארען? אדרבא, אז איך וואלט רייך געווארען וואלט איך געווען א בעל־צדקה אז די וועלט וואלט מיט מיר געקלונגען; איך וואלט געטהיילט קוילען, האלץ, קליידער; איך וואלט געגרייט טישען פאר ארימע לייט, א. ז. וו., א. ז. וו. — וואס אנבעלאנגט גאט, וואלט איך אויסגעבויט א שוהל ביי מיר אויפ'ן הויף; איך וואלט אוועקגעזעצט עשרה בטלנים; איך וואלט געלאזט שרייבען ספרי תורה'ס; איך וואלט... איך וואלט... איך וואלט...

אבער יעקב אבינו האט געקענט די מענשליכע נאטור בעסער ווי מיר קענען עס; ער האט געוואוסט אז די מאראלישע און רעליגיעזע זייט פון מענשען ווערט ערגער, ניט בעסער, פון צופיעל רייכטהום — הגם וואס אנבעלאנגט איהם זעלבסט, האט ער אומזיסט מורא געהאט; ער אליין איז ניט פערפיהרט געווארען פון דעם גלאנץ פון זיין רייכטהום — אבער אויב זיינע ווערטער האבען ניט געפאסט אויף איהם זעלבסט, פאסען זיי אויסגעצייכענט אויף אונז זיינע קינדער.

מיט אונז, די קינדער פון יעקב, האט פאסירט פונקט די זעלבע געשיכטע ווי מיט איהם. אונזער זיידען — מיר זיינען אויך אזוי ווי ער פערוואגעלט געווארען פון אונזער פאטער'ס הויז און זיך געוועלגערט א לאנגע צייט אין גלות;

מיר זיינען געוועזן ארעם און שפל און שטענדיג אין סכנת נפשות; אונזער לאגע איז געוועזן ערגער ווי קיז'ם — ווייל קין'ען האט גאט געמאכט א צייכען „לבלתי הכות אותו כל מוצאו", אבער אויף אונז איז מקוים געווארען „והיה כל מוצאי יהרגני" — אבער פלוצלונג איז געקומען א גוואלדיגע ענדערונג אין אונזער לאגע — משיח איז נאך אפילו ניט געקומען; מיר וואוינען נאך אלץ אין פרעמדע לענדער, אבער אונזער מצב האט זיך בעדייטענד פערבעסערט; אין די מעהרסטע אייראפעישע לענדער האבען אידען געקראגען גלייכע רעכטע; מעגען שוין וואהנען וואו זיי ווילען; זיך בעשעפטיגען מיט וואס זיי ווילען, אין איין ווארט, אידעלאך זיינען רייך און גרויס געווארען און האבען כמעט אין גאנצען פערגעסען די אמאליגע שלעכטע צייטען — אפילו אין די לענדער וואו אידען האבען נאך ניט קיין גלייכע רעכטע איז אויך זייער מצב פיעל בעסער געווארען און מען קען עס גאר ניט פערגלייכען צו זייער צושטאנד 3 — 4 הונדערט יאהר צוריק — מיר אידען אין אמעריקא קענען זאגען טאקי אין די זעלבער ווערטער וואס אונזער זיידע יעקב האט געברויכט: „כי במקלי עברתי את הירדן הזה ועתה הייתי לשני מחנות".

יעצט פרעגט זיך די זעלבע פראגע אויב דיזע אלע חסדים, ישועות ונחמות וואס זיינען געקומען אויף אונז אין די גלות־לענדער האבען אונזער פאלק גרעסער אדער קלענער געמאכט, אורטיילענדיג פון א מאראלישען שטאנדפונקט?

II

דיעזע פראגע איז ניט גאנץ לייכט צו ענטפערען, ווייל דערצו מוז מען האבען דעם ריכטיגען מאס־שטאב מיט וועלכען צו מעסטען די גרויסקייט פון א פאלק. און דאס איז ניט גאנץ לייכט צו געפינען.

עס איז ארויסגעקומען א מאדע אין די לעצטע צייטען און איבערהויפט אין דיעזע לאנד, צו מעסטען די גרויסקייט פון דעם אידישען פאלק נאך דער צאהל „גדולים" וואס זיי האבען ארויסגעגעבען. דער ערשטער אין דיעזער לאנד וואס האט ארויסגעבראכט דיעזע מאדע, איז געוועזן א קריסטליכער גייסטליכער מיט'ן נאמען: Madison C. Peters וועלכער האט אנגעשריבען דעם בעוואוסטען בוך: "Justice to the Jew" (גערעכטיג־קייט צום אידען) אויפצווייזען אז אידען זיינען פאטריאטען און האבען גע־בראכט נוצען צו דער לאנד — דער בוך בעשטעהט איבערהויפט פון א לאנגען ליסט אידישע אפיצערען, קאפיטאנען און אדמיראלען וועלכע האבען געדיענט אין דער אמעריקאנער ארמיי אין דער צייט פון דער בעפרייאונגס־קריעג אונטער וואשינגטאן און אין דער בירגער־קריעג; אידישע באנקירען וועלכע האבען גע־ליהען געלד צו דער רעגיערונג ווען זי איז געוועזן אין נויט; אידישע דיפלאמא־

טען און סתם אידישע גדולים אין די פעלד פון קונסט און ליטעראטור — פון איהם האבען זיך אבגעלערענט אלע פערטהיידיגער פון די אידישע פאלק; ווען נור יעמאנד וויל שרייבען אדער ריידען עפּוואס צו גונסטען פון אידען, געהט ער אוועק אין א ביבליאטהעק, זוכט אוים אין די אידישע געשיכטע אלע גרויסע העלדען, דיפּלאמאטען, סאלדאטען, שרייבער, קינסטלער, אקטיארען, א. ז. וו., וואס אידען האבען ביז יעצט ארויסגעגעבען, שטעלט זיי אוים אין צייל; בעפּוצט זיי אביסעל מיט שעהנע מליצות און פוסטע פראזען, און ער האט א פארטיגען ארטיקעל!

זיי זיינען אויך ניט פיעל מקפיד, דיעזע גוטע מליצים אונזערע, וועגען די אידישקייט פון די העלדען וואס זיי שטעלען אוים אין זייער ליסט — דיעזע מעגען זיין האלבע אדער פערטעל אידען; זיי מעגען אפילו זיין משומדים וואס זיינען אינגאנצען אוועק פון אידישען לאגער, אזוי ווי היינע און בערנע, א. ז. וו. — אונזער אייגענער איזראעל זאנגוויל געהט נאך אביסעל ווייטער אין דיעזען הינזיכט — אין דעם ליסט פון אידישע גדולים וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט אין א געוויסען צייטונגס־ארטיקעל, געפינען זיך א היבשע צאהל „איירישמען", ענגלענדער און דייטשען מלדה ומבטן — עס ווייזט אוים אז ער האט זיי געמאכט פאר אידען גאר אהן זייער ידיעה...

ווען מיר וואלטען אויך אנגענומען דיעזען מאס־שטאב צו מעסטען די גרויסקייט פון אונזער פאלק, דאן וואלטען מיר געווים געקומען צום בעשלום אז ניט „קטנתי" נור „גדלתי" מכל החסדים האלה — ווייל פון דער צייט וואס די גוים האבען געגומען ארויסווייזען דיעזע חסדים צו אונז זיינען ביי אונז אויסגעוואקסען אפיצערען, מעמבערס און פארליאמענט, פריים־מיניסטערס, שרייבער, קינסטלער, א. ז. וו. אזוי ווי שוועמלאך — אבער מיינע ליעבע לעזער, דאס איז ניט די מאס צו מעסטען די גרויסקייט פון א פאלק!

א שפּין און א ביען האבען אמאל געהאט אן עהנליכען דיספּוט וועגען זייער רעלאטיווע גרויסקייט — זאגט דער שפּין: „מיט מיר ווילסטו זיך מעסטען גרויסקייט? ווייסטו דען ניט אז מיין זיידע האט געראטעוועט דוד המלך פון טוידט? (ווען שאול המלך האט ארומגעזוכט דוד'ן איהם צו טויטען איז ער אמאל אנגעקומען צו א געוויסער הייל וואו דוד איז געווען בעהאלטען און ער וואלט איהם געוויס געפונען אבער דאן איז געקומען א שפּיען און האט פערוועבט דעם אריינגאנג צו דער הייל מיט שפּינוועבס, זא דאס ווען שאול'ס בעדינטע זיינען אנגעקומען האבען זיי זיך געטראכט: אין דיעזער הייל איז קיין פעולה ניט צו זוכען ווייל די שפּינוועבס אויפ'ן טהיר בעווייזט אז דא איז קיין מענש געווים ניט געווען שוין א לאנגע צייט — אלף בית דבן סירה), און ווייסטו דען ניט אז מיין עלטער באבע האט געהאלפען דעם גרויסען קעניג שארלמאן בעזיעגען זיינע שונאים (עס איז פאראן אן אלטע לעגענדע, אז אין איינע פון די מלחמות וואס שארלמאן האט געפיהרט האט

זיין חיל אויסגעפעהלט שטריקלאך צו זייערע פייל־און־בויגענס, אָבער דאַן זיינען זיי אָב־געקומען אין אַ פּלאַץ וואו עס האָט זיך געפונען זעהר פיעל שפּינוועבס און זיי האָ־בען דערפון געמאַכט שטריקלעך).

דער ביען האט דאס אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און האט געענטפערט: „דעם אמת מוז איך מודה זיין אז אזוי קלאר אין היסטאריע בין איך ניט און איך ווייס ניט אויב איך האב געהאט אזעלכע גרויסע זיידעס און באבעס, נור איין זאך ווייס איך אז מיר ביענען גיבען האניג — און ניט נור אונזערע זיידעס און באבעס, נור אַלע פון אונז גיבען האניג“...

דאָס זעלבע זאג איך אויך וועגען די גרויסקייט פון א פאלק — עס איז נארעש אנצונעהמען אלס מאס־שטאב דעם צאהל פון גדולים וואס א פאלק האט ארויסגע־געבען ווייל נאך דעם חשבון נאך זיינען אלע פעלקער צוגלייך גרויס. עס איז ניטא א פאלק וואס האט ניט ארויסגעגעבען א גרויסע צאהל גרויסע מענשען — און ספּעציעל אין דעם פאל פון אזא אלטע פאלק ווי דאס אידישע איז דאס געוויס קיין וואונדער ניט וואס זי קען אנצייגען א גרויסען ליסט פון גדולים — אבער די גדולים זיינען זיך גדולים פאר זיך — ווען מען רעט וועגען די גרויסקייט פון א פאלק וויל מען וויסען וואס דאס פאלק אלס א גאנצעס האט אויפגעטהאן פאר די גאנצע מענשהייט.

III

די אמת'ע גרויסקייט פון די אידישע פאלק ליעגט איבערהויפּט אין די פאל־גענדע דריי פּונקטען:

1) אין זייער רעליגיאָן און ליטעראַטור. — פרעגט א געלערענטען קריסט: „וואס איז די וויכטיגסטע זאך וואס די אידישע פאלק האט געגעבען די מענשהייט?“ וועט ער אייך אויפ'ן שטעל ענטפערען: „דער תנ"ך!“ — אין דער צייט וואס די גאנצע מענשהייט האט געדיענט צו די שטומע געטער פון דער מיטהאלאגיע, האט די אידישע פאלק פּראקלאמירט דעם לעבעדיגען גאט; ווען אנדערע רעליגיאנען האבען איינגע־פלאנצט אין מענשען ברוטאליטעט און אויסגעלאסענהייט, הא־בען די אידען געגעבען זייערע מיט־מענשען די ערשטע לעקציאָן אין „ואהבת לרעך כמוך“ און „קדושים תהיו!“

2) אין זייער ריינעם און הייליגען פאמיליען לעבען.— די גרעסטע פאעטען פון דער וועלט האבען בעזונגען דעם אידי־שען פאמיליען־לעבען; די טרייהייט צווישען מאן און ווייב; די געהארכזאמקייט פון אידישע קינדער צו זייערע עלטערען,

א. ז. וו. — די גרעסטע קינסטלער פון דערוועלט האבען געמאלט בילדער פון אידישע פאמיליע־גרופען זיצענדיג צום סדר, אדער ווי דער פאטער בענשט די קינדער ערב יום כיפור — אונזער אייגענער הייליגער משורר דוד המלך האט בעשריבען דעם אידישען פאמיליען־לעבען .אין קורצע אבער פייערדיגע ווערטער: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך: אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך: בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך".

8) אין זייער וואונדערבארע מסירת נפש פיר'ן ריינעם אמת. — צוויי טויזענד יאהר האבען אידען געליטען די מאטערנים פון גיהנם צוליעב אן אידעע — עס איז ניטא א פאלק אין דער וועלט וואס האט ארויס געוויזען אזוי פיעל מאראלישע גבורה און קוראזש און ווילענס־קראפט אין א מלחמה פאר אן אידעאל (אדער אין אירגענד וועלכע מלחמה, אפילו פאר א לאנד אדער פאר נאציאנאלע אונאבהעניגקייט) וויפיעל די אידישע פאלק האט ארויסגעוויזען אין איהר לאנגע מלחמה פאר איהר גאט און פאר איהר תורה — דאס איז א פאקט וואס די גאנצע וועלט בעוואונדערט, און עס איז דא וואס צו בעוואונדערען, ווייל דאס איז איינע פון די גרעסטע פאסירונגען פון דער וועלט.

אבער דאס איז אלץ געווען איידער די „מאדערנע ישועות ונחמות" זיינען געקומען אויף אונז — די גרויסע ענדערונג צו בעסער וואס האט שטאטגעפונען אין אונזער מאטעריעלען צושטאנד אין אונזער צייט האט כמעט אינגאנצען אוועקגערויבט פון אונז אט דיעזע אלע מעלות.

דער תנ"ך ווען מיר האבען געבראכט אויף דער וועלט און מיר האבען ערהאלטען ביים לעבען ביז יעצט גליצט זיך ביסלעכוויים ארויס פון אונזערע הענד אין דער לעצטער צייט — אין אמאליגע צייטען אז א גוי האט זיך פערוואלט צו לערנען די אידישע תורה האט ער געמוזט אנקומען צו אידישע מלמדים — אין דער צייט פון מיטעל־אלטער האבען די פאבסטען און קארדינאלען געדונגען פאר זיך אידישע רביי'ם צו לערנען דעם תנ"ך און די העברעאישע שפראך — ווייסט איהר אבער ווער עס זיינען אין אונזער צייט די גרעסטע געלעהרטע אין תנ"ך און אין דער העברעאישער שפראך? גוים! — די גרעסטע ביבלישע קאנקארדאנציעס און העברעאישע ווערטער־ביכער און ספרי דקדוק זיינען פערפאסט געווארען פון קריסטליכע געלעהרטע, אזוי ווי די בוקסדארף'ס (דריי דורות, א פאטער, זוהן און אייניקעל), גזעניוס, הויפט, א. ז. וו. די קריסטליכע פראסטע פאלק, און אפילו זייערע יונגע קינדער זיינען אויך היינטיגען טאג קלעהדער אין תנ"ך ווי די אידישע — ווען די פרינציפאלס אדער לעהרער פון די פובליק סקוהלס שטעלען זייערע תלמידים א פראגע וואס איז פערבונדען מיט

ביבלישע געשיכטע בלייבען אונזערע קינדער שטום, וועהרענד זייערע קריסטליכע חברים הויבען אויף די הענד און גיבען דעם ריכטיגען אנטווארט.

וואס איז די אורזאכע פון דיזע געוואלטיגע ענדערונג? קיין אנדער זאך נור די ישועות וואס די מאדערנע צייט האט אונז געבראכט אין די גלות לענדער — אין דער צייט וואס די קריסטען האבען פערשלאסען פיר אונזערע קינדער די טהירען פון זייערע לעהר-אנשטאלטען, האט זיך אין אונז ערוועקט דער געפיהל פון זעלבסט-רעספעקט און מיר האבען בעשאפען אייגענע לעהר-אנשטאלטען (תלמוד תורה'ס, ישיבות און בתי מדרשים) און איין אייגענטהימליכע העברעאישע ליטעראטור — אבער ווי נור גוים זיינען גוטהערציג געווארען און געעפענט פאר אונזערע קינדער די טהירען פון זייערע סקוהלס און קאלעדזשעס, האבען זיך באלד פערמאכט די טהירען פון אונזערע אייגענע ישיבות און בתי מדרשים!

נו, האבען מיר דעם לעבערליכען און שענדליכען פאקט אז מיר וואס אונזער גאנצע גרויסקייט אין די אויגען פון די פעלקער בעשטעהט אין דעם וואס מיר האבען געגעבען די וועלט די תורה, אזוי ווי משה רבנו האט געזאגט: „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", האבען מיר שוין דיזע תורה גאר כמעט אין גאנצען אוועקגעווארפען!

די לעבערליכע זייט דערפון איז, אז די גוים האבען דאס נאך ניט אויסגעפונען, און זיי האלטען אונז אין איין לויבען, אז מיר זיינען דער „עם הספר", די פאלק פון תנ"ך! — ווען מיר קומט אוים צו הערען אט דיזען קאמפלימענט פון א קריסטליכען רעדנער ביי א אידישע פערזאמלונג, פיהל איך אזוי ווי א מענש וועמען מען איז געקומען אנזאגען אז זיין צעטעל האט געוואונען דעם גרעסטען געווינס, און צו דער זעלבער צייט ווייס ער ביי זיך אז ער האט א קורצע ווייל צוריק פערקויפט זיין צעטעל צו אן אנדערען...

דארפען מיר ניט זאגען אויף דיזען פאקט:

קטנתי מכל החסדים האלה!

דער אידישער פאמיליען-לעבען איז שוין אויך ניט וואס אמאל געווען — אידישע יונגע לייט פון נייעם דור זיינען געקומען אין נאהענטע בעריהרונג מיט זייערע קאזינס, די בני עשו, און זיי האבען זיך א רעכט ביסעל אבגעלעהרענט פון זייערע מדות — ווען דוד המלך וואלט געלעבט אין אונזער צייט וואלט ער וועגען פיעלע אידישע פאמיליעס פילייכט פערפאסט א גאנץ אנדערען „שיר המעלות" וואס וואלט זיך געלייענט אז ערך אזוי: „דער מאן זיצט אין א פרעמדע הויז און שפיעלט אין פויקער א גאנצע נאכט: אשתך כאלמנה חיה בוכיה בירכתי ביתך: בניך כקוצים מכאובים סביב לשלחנך", א. ז. וו.

דאס האבען נאך אויך דערוייל די גוים ניט אויסגעפונען — עס טרעפט גאנץ אפט אז א קריסטליכע מיידעל איז זיך מגייר און הייראטהעט א אידישען בחור בלויז צוליעב דעם ווייל זי גלויבט אז דער איד איז א גוטער און געטרייער פאמיליען־פאטער, ער טרינקט ניט, געמבעלט ניט, שלאגט ניט און שימפפט ניט די ווייב א. ז. וו. אבער צום אונגליק טרעפט עס גאנץ אפט אז עס לאזט זיך אוים פונקט פערקעהרט; זי די געוועזענע גויה וואלט טאקי געוואלט היטען די אידישע אמונה און פיהרען אן אנשטענדיגען פאמיליען־לעבען, נור ער איז ביידע זאכען: א פאררעטהער צו זיין אמונה און א הולטיי און שארלאטאן צו זיין פאמיליע. און זי קומט נעבאך צום זעלבען רב ואס האט איהר מגייר געווען פרעגען די קשיא, סטייטש, ווי קומט אזעלכער צווישען אידען?

טאקי ווי קומען צווישען אונז געמבלער, שכורים, אדער פרויען־הענדלער, דאס איז דאך אין גאנצען געגען דעם אידישען נאטור?

ברידער, דאס האבען מיר צו פערדאנקען די חסדים וואס די בני עשו האבען מיט אונז געטהאן אין די גלות־לענדער אין די לעצטע צייט — זייהאבען אונז גענעבען די האנד און געזאגט: וואס געווען איז געווען, לאמיר זיין ברידער, און פיעלע פון אונז זיינען געווארען אזוי ווי פער׳שיכור׳ט פון דיעזע פריינדליכקייט און זיינען טאקי געווארען עשו׳ם ברידער אין גייסט . . .

דענקט איהר ניט אז מיר דארפען זאגען אויף דעם:

קטנתי מכל החסדים האלה!

אונזער וואונדערבארע לאנג־יעהריגע מלחמה פאר אידעאל איז אויך לעצטענס פיעל אבגעשוואכט געווארען. — ערשטענס, איז עס אן אפענער סוד אז די גרויסע מאסע פון די אידישע יוגענד איז גאנץ גלייכגילטיג (אויב ניט אין גאנצען פרעמד) צו דעם אלטען אידעאל פאר וועלכען אונזערע עלטערען האבען זיך מוסר נפש געווען — זיי פערשטעהען איבערהויפט ניט די מיינונג פון ווארט „אידעאל״ — זייער אידעאל איז „הלעיטני נא!״ — זיי דענקען אז יעקב איז גאר ניט געווען אזא חכם וואס ער האט אוועקגעגעבען א גוטען טאפ לינזען פאר אזא אוננוציגע זאך ווי א „בכורה״... און ווען זיי וואלטען זיך בעגעגענט מיט זייער פעטער עשו׳ן וואלטען זיי זיך גערען אבגעביטען מיט איהם...

אפילו די „שרידים היחידים״ פון אונזער יוגענד וואס פערשטעהען נאך יא די וויכטיגקייט פון דעם אידעאל פאר וועלכען מיר האבען אזוי לאנג געקעמפפט, האבען אבער אנגעווארען די גרויסע אידישע גבורה צו ליידען צרות צוליעב זייער אידעאל און אויסצוהאלטען ביי זייער עקשנות — דער נייער דור איז זעהר איידעל און קען קיין וועהטאג ניט פערליידען — ווען דיעזע יונגע לייט געפינען אז זייער אידישקייט שטערט זיי אריינצוקומען אין גימנאזיעס און אוניווערזיטעטען

אדער אין די העכערע קריסטליכע געזעלשאפט, שאקלען זיי ליכט אב פון זיך זייער אידישקייט אזוי ווי דער בוים ווארפט אראב פון זיך זיינע בלעטער אין הערבסט. אין היינטיגער צייט ווען די גוים זאגען צו אידישע יונגע־לייט: „צא טמא!“, זיינען דיעזע יונגע־לייט גאנץ ליכט מקיים דעם פסוק: „ורחץ בשרו במים וטהר“ . . .

פון וואנען איז דאס געקומען צו אונז? וואס האט אוועקגענומען פון אידען דעם כח צו ליידען און טראגען און בלייבען ביי דאס זייניגע? — די חסדים פון דער קריסטליכער ציוויליזאציאן!

דער אידישער דור פון יעצטיגער צייט איז אין פיעלע הינזיכטען גלייך צו שמשון הגבור נאך דעם ווי מען האט איהם אבגעשארען די האר. — שמשון הגבור איז געוועזען א מענש מיט א איבערנאטירליכע קראפט; איינער אליין האט ער געקעמפפט געגען גאנצע מחנות פון פלשתים און האט זיי בייגעקומען; ער האט אויפגעהויבען די טויערען פון א שטאדט אויף זיינע פלייצעס; ער האט צעריסען די שטריק מיט וועלכע מען האט איהם געבונדען אזוי ווי מען צורייסט איבער־געברענטע שטרוי, — אבער ווען די טאכטער פון א פרעמדען פאלק האט איהם פערשלעפערט אויף איהרע קניע און האט איהם אבגעשארען זיינע האר און האט איהם געמאכט אויס־נזיר, האט זיך אבגעטאן פון איהם דער כח, און דאן האבען איהם די פלשתים גענומען און געטאן מיט איהם וואס זיי האבען געוואלט.

די ביאגראפיע פון שמשון הגבור איז געווים א היסטארישער פאקט (ווייל די געשיכטען פון תנ"ך זיינען אמווענינגסטען אזוי בעגלויבט ווי די געשיכטעס פון די גויעשע היסטאריקער העראראטוס, טאציטוס, א. ז. וו.). אבער די זעלבע געשיכטע קען אונז אויך דינען אלס סימבאל אויף די אידישע פאלק. — די אידישע פאלק האט בעוויזען פונקט אזא איבערנאטירליכען כח ווי שמשון הגבור — זיי האבען אויך מלחמה געהאלטען איינער אליין געגען די מחנות פון אלע פעלקער פון דער וועלט; זיי האט מען אויך געבונדען מיט שטריק און איינגעמויערט אין די ווענט פון בנין (אזוי ווי דלילה האט איינגעוועבט שמשון'ס האר אין איהר וועב־מאשין), און דער איד האט דאס אלעס אויסגעהאלטען אזוי לאנג ווי ער איז געבליבען ווי שמשון א נזיר אלהים; אבגעשיידט פון דעם אונמאראלישען לעבען פון זיינע שכנים און פון זייערע אויסגעלאסענע וועגען — אבער ווען די נייע צייט איז געקומען און האט דעם אידען פערשלעפערט אויף די קניע פון די קריסטליכע ציוויליזאציאן, און האט איהם בעטרונקען מיט די ווין פון מאטעריעלע פערגניגען, און האט איהם געמאכט אויס נזיר, האט זיך אב־געטאן פון איהם זיין מאראלישער כח — ער קען ניט מעהר קעמפפען און ליידען פאר זיין אידעאל ווי אמאל.

אלזא, מיר מוזען מודה זיין אז אין אלע הינזיכטען קענען מיר זאגען:

קטנתי מכל החסדים האלה!

IV

מיר געפינען אז יעקב האט צוגעלייגט נאך צוויי ווערטער: „ומכל האמת" — ווען מיר לעזען דיעזע צוויי ווערטער אין חומש לאזען מיר זיי פערביי אונבעמערקט, ווייל מיר זיינען איינגעוואהנט צו געפינען „חסד" און „אמת" געהענדיג זייט ביי זייט, אין פיעלע פלעצער פון תנ"ך, אבער אין אמת'ן זיינען די ווערטער „ומכל האמת אשר עשית לעבדך" אין גאנצען אונפערשטענדליך אין דיעזען פלאץ.

מען קען דיעזע ווערטער ערקלעהרען אין דעם זעלבען זינן פון אונזער טהעמא:

יעקב איז געווען איינגעוואהנט ביז יעצט אז ער האט געמוזט געהן מיט רמאות ארויסצוקריגען דאס וואס איהם האט באמת געקומט על פי דין און על פי יושר, — ווען ער וואלט ניט געהאנדעלט מיט רמאות מיט עשו'ן און מיט לבן'ן,וואלט ער קיין דריי טעג ניט געקענט עקזיסטירען מיט זיי. — פלוצלונג איז ער ארויסגעגאנגען „מעבדות לחירות" און ער האט געפיהלט דעם ערשטען מאל אין זיין לעבען אז ער קען געהן מיט'ן אמת; ער קען ווייזען זיין רייכטהום פאר דער גאנצער וועלט, און קען געניסען דערפון אהן מורא. — אזא פלוצליכע ענדערונג אין א מענשען'ס לאגע פערדארבט אמאל זיין כאראקטער.

איך האב א קורצע צייט צוריק געלעזען אין די צייטונגען ווי אזוי א געוויסער קאשיר איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע אז ער האט ביסלעכוויים בערויבט די קאסע פון דער פירמא ביי וועלכע ער האט גערינט אויף א סומע פון פופציג טויזענד דאלאר. — אין זיין פערטהיידיגונג האט ער געזאגט אז זיין ווייב האט דאס פערלעבט און ער האט ניט געהאט קיין הארץ איהר צו זאגען אז זי זאל לעבען קארג. — ווען א רעפארטער האט איהר בעזוכט און געפרעגט וועגען דעם, האט זי געגעבען פאלגענדע ערקלעהרונג: „ער איז ביי מיר דער צווייטער מאן. דער ערשטער איז געווען אזא סארט מענש וואס איך האב מיין גאנצען לעבען געמוזט געהן מיט איהם מיט רמאות; אז איך האב געוואלט האבען א דאלאר פאר זיך אויף פערזענליכע אויסגאבען האב איך געמוזט לייהען ביים גראסערימאן אדער ביים בוטשער און זיי בעטען זיי זאלען דאס ארויפשטעלען אויף'ן ביל, כדי מיין מאן זאל זיך ניט כאפען; מיין לאגע איז געווען זייער א ביטערע. פלוצלונג האט זיך דאס אלעס געענדערט; ווען איך האב געהייראטעט מיין יעצטיגען מאן (דעם קאשיר) האב איך באלד אויסגעפונען אז מיט איהם קען מען געהן מיט'ן אמת. ער האט צו מיר געזאגט: „מעגסט נעהמען וואס דו דארפסט און וויפיעל דו דארפסט און איך וועל בעצאהלען די בילס! מעגסט בעטען געלד אויף אלע דיינע הוצאות און איך וועל קיין שאלות ניט פרעגען און גליך אויסשרייבען א טשעק!" פון דיעזער פלוצליכער ענדערונג בין איך אזוי ווי בעטרונקען געווארען;

דורך די מעגליכקייט צופריעדענצושטעלען מיינע פערלאנגען אין דער עפענטליכ־קייט און אהן רמאות האב איך איבערגעכאפט די מאס; איך האב אנגענומען ביים בוטשער, גראסער, מילינער, דרעס־מייקער, א. ז. וו. פיעל מעהר ווי איך האב אין אמת׳ן געברויכט".

דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט אונזער פאטער יעקב׳ן. ער האט געמוזט דעם גאנצען לעבען געהן מיט רמאות מיט זיין ברודער עשו׳ן און מיט זיין פעטער לבן׳ן אז ניט וואלט ער ניט געקענט לעבען אויף דער וועלט. — פלוצלונג האט זיך זיין לאגע אזוי געביטען אז ער איז געווארען אומשטאנדע ארויסצוווייזען זיין רייכטהום פאר דער גאנצער וועלט אהן א שום מורא. דיעזע ענדערונג האט יעקב דעם צדיק געשראקען. ער האט מורא געהאט פיליכט האט ער איבערגע־כאפט די מאס און האט צופיעל שטאלצירט מיט זיין רייכטהום, אדער פיליכט האט ער אנגעווארען זיין בטחון אין גאט און האט זיך אנגעפאנגען צו שטיצען אויף זיין רייכטהום; פיליכט דורך די מעגליכקייט ארויסצוווייזען דעם אמת וועגען זיין רייכטהום, האט ער צופיעל פערשווענדעט אויף לוקסוס; אט דאס איז וואס ער האט געמיינט ווען ער האט געזאגט: „קטנתי מכל האמת!"

זעלבסט־פערשטענדליך אז יעקב האט זיך אומזיסט חושד געווען. מיר ווייסען אז ער איז ניט געווארען גייסטיג קלענער דורך דעם וואס ער האט צו יענער צייט געקענט זאגען דער וועלט דעם אמת. — אבער דערפאר זיינען די ווערטער מקוים געווארען אויף אונז, זיינע קינדער. — מיט אונז האט אויך פאסירט די זעלבע געשיכטע; הונדערטע יאהרען האבען מיר געמוזט געהן מיט אונזערע שכנים מיט רמאות; עס איז געווען געפעהרליך פאר׳ן אידען ארויסצואווייזען זיין רייכטהום פאר די קריסטליכע וועלט. ווייל די דאמאלסטיגע קריסטליכע וועלט וואלט ניט לאנג געקלעהרט און אהן צערעמאניעס דאס אוועקגערויבט פון איהם. — דיעזע געצוואונגענע בעשיידענהייט איז געווען די אורזאכע וואס אידען האבען ניט פערשווענדעט צופיעל אויף לוקסוס־זאכען; וואס איז די פעולה פון ציערונג און טייערע קליידער אז מען קען זיי ניט ציינען פאר דער וועלט? — אבער פלוצלונג האט זיך אונזער לאגע געביטען אין די מייסטע לענדער; עס איז געקומען א צייט וואס דער איד קען ארויסווייזען דעם אמת וועגען זיין רייכטהום פאר דער גאנצער וועלט אהן א שום מורא. נון, האבען מיר אזוי ווי יענע פרוי אריבערגעכאפט די מאס. דער העכסטער אידעאל פון די אידישע אריסטאקראטיע איז געווארען צו פאראדירען זייער רייכטהום פאר די קריסטליכע וועלט; זיך צו יאגען מיט זיי אין רייסעס, צו ווערען מיטגליעדער אין זייערע קלאבס, א. ז. וו. דער העכסטער אידעאל פון אידישע פרויען איז געווארען אריבערצויאגען זייערע קריסטליכע חבר׳טעס אין דעם ענין פון דרעסעס, דיימאנדס און פעדערס.

די שטראהלען פון דיעזען פלוצלונגען „אמת" האבען אויסגעברענט און אויס־

געטריקענט די לעבעדיגע וואסער פון אונזער אלטער תורה און אידישע מאראל, און מיר מעגען מיט רעכט אויסרופען:

„קטנתי מכל החסדים ומכל האמת!"

V

דאס מיינט אבער ניט אז אונז דארף פערדריסען די אלטע גוטע צייטען פון די געטהאס, די אינקוויזיציעס א. ז. וו., עס מיינט נור אז מיר דארפען וויסען ווי אומצוגעהן מיט די ניי־געוואונענע פרייהייט. — א רעוואלווער איז געווים א בע־סערע וואפען ווי א פייל־און־בויגען, אבער מען דארף זיין מעהר פארזיכטיג דערמיט. — א איד מעג און דארף זיך בענוצען מיט אלע רעכטע און פריווילעגיעז וואס ער קען נור קריגען, און צו וועלכע ער האט אן אבסאלוטע רעכט צוגלייך מיט די גאנצע מענשהייט. אבער ווען עס קומט צו ענינים פון רעליגיאן אדער מאראל מוז ער געהן פאר זיך אליין אין די וועג וואס די תורה האט פאר איהם אנגעצייכענט. און אויב עס טרעפט אפילו אז דיעזע וועג שטערט איהם אביסעל צו זיין פראגרעס אין וועלט־זאכען, זאל ער זיין וויליג צו אפפערען זיין מאטעריעלען פאר זיין מאראלישען פראגרעס. — ווארום איהר מוזט ניט פערגעסען אז ווען דער איד וואלט געוואלט אויפגעבען זיין אמונה אדער זיינע אידעאלען כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון די בני עשו וואלט ער דאך שוין לאנג געקראגען גלייכע רעכטע אין אלע לענדער אין איין טאג!

מיר קענען נעהמען אלס ביישפיעל אונזער פאטער יעקב'ן וואס האט אנגע־נומען אזא פאליסי מיט זיין ברודער עשו'ן און איז ניט דורכגעפאלען. — ווען עשו האט צו איהם געזאגט: „נסעה ונלכה ואלכה לנגדך" (לאמיר געהן צוזאמען האנד אין האנד), האט איהם יעקב געענטפערט: „אדוני יודע כי הילדים רכים וכו'" — בעמערקט אז ער האט ניט געזאגט „צעירים" (יונג) נור „רכים" (ווייך), ער האט געמיינט דערמיט צו זאגען אז די אידישע יונגע־לייט זיינען ווייך אין כאראק־טער; זיי לאזען זיך לייכט בויגען און קנעטען. — „איך אליין", זאגט יעקב, „וואלט קיין מורא ניט געהאט צו וואוינען מיט דיר צוזאמען, און געהן מיט דיר האנד אין האנד אין אלעס. און איך פיהל אז איך וואלט געבליבען דער זעלבער יעקב, אבער „הילדים רכים", די קינדער זיינען „ווייך", ד. ה. גייסטיג שוואך, און פאר זיי האב איך מורא „ודפקום יום אחד", טאמער גיט מען זיי א „קלאפ" אין א געוויסען טאג (א פערפאלגונג, א פאגראם, א. ז. וו.), „ומתו כל הצאן" קענען חס ושלום די שוואכע שעפעלאך אינגאנצען אבשטארבען א „מיתה־רוחנית". „דעריבער", זאגט יעקב, „אייל איך זיך ניט אזוי שטארק מיט מיין מאטעריעלען פראגרעס, „יעבר נא אדוני לפני עבדו", איך בין צופריעדען דו זאלסט מיך אי־

בעריאגען אין וועלטליכע אנגעלעגענהייטען „ואנכי אתנהלה לאטי“, איך בין צופריעדען צו בלייבען אַ ווייליע הינטערשטעליג אין דיעזע זאַכען — אָבער דאָס וועט אויך ניט זיין אויף לאַנג, „עד אשר אבא אל אדני שעירה“, איך וועל דיר ענדליך דעריאַגען, שרעק זיך ניט“. — און דער פסוק זאָגט טאַקי עדות באַלד אויף׳ן אָרט אַז צוליעב דיעזע פאָליסי, „ויבא יעקב שלם עיר שכם“, און ווי די חכמי התלמוד פערטייטשען דיעזען פסוק: „שלם בגופו, שלם בתורתו, שלם בממונו“, דאָס הייסט אַז מיט דיעזע פאָליסי וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט אָנגענומען האָט ער זיך ערוואָרבען ביידע וועלטען: די גייסטיגע און די מאַטעריעלע צוזאַמען — ווייל אויב עס איז אפילו אמת וואָס אַנדערע זאָגען אַז די אידישע אמונה ליינט אַרויף קייטען אויף׳ן אידען, איז עס אָבער אויך אמת אַז דעם אידען׳ס גוטע קאָפּ גיט איהם די מעגליכקייט אַריבער צו יאָגען זיין ברודער עשו׳ן אפילו מיט די הענד געבונדען אַהינטער . . .

דיעזע פאָליסי פון אונזער פאָטער יעקב דאַרף אויך זיין אונזער פאָליסי, און דאַן וועלען מיר מעהר ניט דאַרפען קלאָגען:

„קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך!“

חומר לדרוש.

קטנתי

אגדות חז"ל.

באותה שעה שקרא יעקב אבינו לעשו הרשע אדוני, אמר הקב"ה אתה השפלת את עצמך לפני עשו וקראתו „אדוני", חייך אני מעמיד מבניו שמונה מלכים לפני מלוך מלך בישראל כנגד שמונה פעמים שקראתו „אדוני", שנאמר „ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום וגו'" (מדרש אגדה פ' וישלח).

ר' יהודה ב"ר סימון פתח: „מעין נרפש ומקור משחת צדיק מט לפני רשע (משלי כ"ה) כשם שאי אפשר למעין להרפש ולמקור להשחת, כך א"א לצדיק למוט לפני רשע, וכמעין נרפש וכמקור משחת כך צדיק הממיט עצמו לפני רשע, א"ל הקב"ה ליעקב לדרכו היה עשו מהלך ואתה משלח אצלו ואומר לו „כה אמר עבדך יעקב". רב הונא פתח: „מחזיק באזני כלב עובר מתעבר על ריב לא לו" (שם כ"ו) משל לארכיליסטים שהיה ישן בפרשת דרכים עבר הד ושרי מעיר לו (התחיל לעורר אותו) א"ל קום לך דבישא שכיח הכא (דבר רע נמצא כאן) קם ושרי מקפה ביה (התחיל להכות אותו), א"ל ינער בישא (הרע הקיץ משנתו) דמיך הוה (ישן הייתי) ועוררתני, כך א"ל הקב"ה: לדרכו היה (עשו) מהלך ואתה משלח אצלו ואומר לו „עבדך" יעקב? ! (ב"ר פע"ה).

„ויאמר ה' אל יעקב שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך ואהיה עמך", שאין הקב"ה מיחד שמו בתוך עובדי ע"ז אלא „ונקדשתי בתוך בני ישראל" (ויקרא כ"ב). שלא תתחבר לרשעים, שאין הקב"ה מיחד שמו בתוכם, תדע לך שהוא כן, אמר ר' אלעזר בן פדת בשם ר' יוסא בן זמרא, כל זמן שהיה לוט דבוק עם אברהם אין אתה מוצא שנתייחד הדיבור אל אברהם, כיון שפירש לוט ממנו נתייחד אליו הדיבור, שנאמר „וה' אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו (ב"ר י"ג), וכן אתה מוצא בשעה שיצא יעקב לארם נהרים והלך אצל לבן עשה אצלו עשרים שנה, וכל תימים שהיה בביתו של לבן לא דיבר עמו הקב"ה, והיה יעקב מהרהר ואמר, כך הניחני הקב"ה? לא כך אמר לי והנה אנכי עמך? א"ל הקב"ה אתה מבקש שאהיה עמך, הפרש עצמך מלבן הרשע ואהיה עמך, מניין? ממה שקראו בענין, „ויאמר אלהים אל יעקב וגו'" (תנחומא).

„ואכלת ושבעת השמרו לכם פן יפתה לבבכם", אמר להם, הזהרו שלא תמרדו בהקב"ה, שאין אדם מורד בהקב"ה אלא מתוך שביעה, שנאמר, פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת ובקרך וצאנך ירביון וכסף וזהב ירבה לך", מהו אומר אחריו? ורם לבבך „ושכחת את ה' אלהיך", כיוצא בו אתה אומר, „כי אביאנו אל האדמה אשר נשבעתי לאבותיו ארץ זבת חלב ודבש ואכל ושבע ודשן ופנה אל אלהים אחרים", (דברים ל"א). כיוצא בו, ויקם העם לאכל ושתה ויקומו לצחק", (שמות ל"ב). וכן אתה מוצא באנשי דור המבול שלא מרדו אלא מתוך שביעה, שנאמר בהם, שורו עיבר ולא יגעיל תפלט פרתו ולא תשכל וגו', ישאו בתוף וכינור וישמחו לקול עוגב יבלו ימיהם בטוב ושנותיהם

בנעימים", והוא גרם להם, „ויאמרו לאל סור ממנו (איוב כ"א). וכן אתה מוצא באנשי המגדל שלא מרדו בהקב"ה אלא מתוך שביעה, שנאמר, „ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים ויהי בנסעם מקדם וימצאו בקעה בארץ שנער וישבו שם (ב"ר י"א), אין ישיבה האמורה כאן אלא אכילה ושתיה, כמו שנאמר, וישב העם לאכול ושתה ויקומו לצחק", והיא שגרמה להם שאמרו „הבה נבנה לנו עיר ומגדל וראשו בשמים ונעשה לנו שם", מה נאמר בהם? „ויפץ ה' אותם משם על פני האדמה". וכן אתה מוצא באנשי סדום שלא מרדו אלא מתוך שביעה, שנאמר בהם, „ארץ ממנה יצא לחם תחתיה נהפך כמו אש וגו' (איוב כ"ח), אמרו סדום הרי מזון אצלנו נעמוד ונשכח תורת רגל (הכנסת אורחים) מבינינו, אמר להם המקום, בטובות שהיטבתי לכם אתם מבקשים לשכח תורת רגל מביניכם? אני משכח אתכם מן העולם, מה נאמר בהם ? פרץ נחל מעם גר הנשכחים מני רגל דלו מאנוש נעו" (שם). וכן הוא אומר, הנה זה היה עון סדום אחותך גאון שבעת לחם ושלות השקט היה לה ולבנותיה ויד עני ואביון לא החזיקה וגו' ואסיר אתהן כאשר ראיתי. (יחזק' ט"ז) — ספרי.

לקח יעקב את כל אשר לאבינו.

„וישמע את דברי בני לבן לאמר, לקח יעקב את כל אשר לאבינו ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה". לכאורה סוף הפסוק נראה כמיותר. ונראה לי בזה לומר בדרך מליצה, דהנה עשו צעק הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים ומן עשו הראשון עד עשו שבזמננו עוד לא פסק הצעקה שיעקב גנב ורמאי הוא, והוא עושה עושר לא במשפט וצדקה, רק בערמתו הוא לוקח את האוכל מהעמים שכניו, ומאשר להם עשה את כל העושר הזה, ויען שיש עוד איזה יחידים אשר שנאתם לישראל לא לקח את לבבם, ולכן מדברים הם טובות על יעקב ומראים בעליל את צדקתו ובור לבבו וכשרון מפעליו, כי אין עולתה בו, על כן מצא עשו הכילי דברים להשיבם, כי באמת יעקב רמאי הוא, אך ערמה יתירה יש בו, שמכסה ערמתו בשאון עד שלא די שלא ניכר ערמותו לעין רואים, אלא שעוד נראה כאלו, הוא מתכוון לטובה וכאלו הוא עושה בזה דבר טוב וישר, ולכן הוא נוחל עוד (עבור מעשה ערמותו) כבוד שם טוב, ועל זה יצעקו חמס ושוד, הן גם במתננו יש רמאים וגנבים, אך כלם יכירו אותם שהם גנבים ורמאים וינחלו חרפה ובוז, אבל יעקב יעקבנו זה פעמים, את בכורתי לקח ומאשר לנו עושה עושר ולא במשפט רק בערמה ומרמה, וגם את ברכתי לקח, שעוד מברכין אותו, כי נראין מעשיו כאלו הם טובים ורצוים, ולכן הוא נוחל כבוד וברכה. אפס גם טענתם זאת איננו חדש כי כבר טענו בני לבן על יעקב אבינו לאמר „לקח יעקב את כל אשר לאבינו" כל הרמאות והערמות שיש לאבינו לבן יש גם ביעקב, גם הוא רמאי וגנב כמותו, אך על זאת חרה לנו על יעקב, כי את לבן אבינו כלם מכירים שהוא רמאי ולא יאבו לעמוד עמו במשא ומתן, אכן יעקב ערמה יתירה יש בו שמכסה ערמתו מתחת מסוה הצדק והיושר עד שכלם יכבדוהו, ויש לו שם בגדולים שהוא איש תם וישר. נפלא האיש הזה, כי „מאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה", גם ממעשי ערמותו אשר לקח מאבינו גם מזה ינחל כבוד ופאר! אך ד' היודע תעלומות לב ראה את עני יעקב אבינו ואת צרותיו מבני לבן, ויאמר ד' לו שוב אל ארץ אבותיך, וד' אלקים יראה את עני יעקב עמו וישיב גם אותם אל ארץ אבותיהם כימי עולם וכשנים קדמוניות. (הרב ר' בנימין ברוך גוטה בס' פל"ב).

ויאבק איש עמו עד עלות השחר.

בגמרא חולין (פרק שביעי) „מלמד שהעלו אבק עד כסא הכבוד", ר"ל כי ע"י שישראל שוכן במיעוטו בין עמים רבים ובכל מקום הוא המעט מכל העמים, ואע"פ שישראל

בריה הוא ואינו בטל, כמ"ש, „וירא כי לא יכול לו", אעפי"כ נתאבק יעקב וגם נתאבק הכסא הכבוד שלו. נתאבקה האמונה וטהרתה ונכנסו גרגרי חול ואבק מחוץ ואויר העמים, אמנם כל מקום שגלו ישראל שכינה גלתה עמהם, אבל כל מקום שגלו הכניסו אבק גם לתוך שכינתם וזמורת זר מדתיהם ומנהגיהם וכו', שמות החדשים העלו מבבל, שמות המלאכים מפרס, ריפורם מאשכנז, קלות בטהרת המשפחה מצרפת, הממון למעלה מכל דבר קדוש מאמעריקא, וכן הכניסו כמה דברים לתוך הדת מאשר קלטו בצרפת, ספרד, רוסי, אמעריקא וכו' וכו', וכשיעלה השחר ותזרח השמש על אופקינו אז יסור האבק מכל הקדוש והחולין ושמשו של ישראל תזרח בכל טהרתה כאור שבעת הימים.

(פרפראות לחכמה, הר"ש סאדאווסקי).

ועתה הייתי לשתי מחנות.

רמז לנו על העת הנוכחית שחלק לבב ישראל ויהיו לשני פלגות, אורתודוקסים וריפורמים, ומה גרם את הקרע הזה? העושר שהשפיע ה' לבניו בארץ הזהב, כמו שידוע לכל בעל עינים פקוחות שהסיבה הראשית שעוררה את היהודים העשירים בארץ הזאת ליסד להם בתי תפילה מיוחדים לא בהשקפה דתית יסודה אלא פשוט כן דרך העשירים להבדל מן העניים בכל דרכי חייהם, וכמו שמיליאנער פלוני לא יהיה חבר „בכלוב" אחד עם פלוני הרצען כן לא יתפלל אתו בבית תפילה אחד (כי למי יראה את השוחם היקר המתנוסס על חזהו, ליוחנן הסנדלר? ומי יתפעל מן השביסים והשהרונים אשר על צוארי אשתו ובנותיו, אשת משה החייט?) ועל דורנו יוכל המתאונן לשאת את הקינה הנ"ל ממש בלשון יעקב סבא: „כי במקלי עברתי את הירדן הזה", בעת שעברנו ארחות ימים לבוא אל הארץ הזאת היינו כולנו שווים בעושר; כל עשרנו היה המקל אשר בידנו; אבל אז היה לב אחד, לב ישראל, לכולנו ("עברתי" לשון יחיד) אבל עתה ע"י העושר שהשיגו איזה מאחינו „הייתי לשתי מחנות". וד"ל. (המחבר).

יעבר נא אדוני לפני עבדו.

„יעבר נא אדוני לפני עבדו", א"ל מבקש אתה שאהיה שותף עמך בעולמך? א"ל, יעבר נא אדוני לפני עבדו, א"ל ואין אתה מתירא מדוכסין ומן אפרכויי? א"ל, ואני אתנהלה לאטי, ד"א בפנים כרוכות אני מהלך. (מדר"ר)

הכוונה הלוטה במאמר הנ"ל היא שעשו בקש את יעקב להתדמות אליו בכל עניני העוה"ז, וע"ז ענהו יעקב „יעבר נא אדוני לפני עבדו", ר"ל אני מוחל לך את כל הדברים האילו, ובעניינים כאילו תוכל להעבירני ולהתפאר עלי שהקדמתני בהם. א"ל ואין אתה מתירא מדוכסי אפרכויי? כלומר, אם לא תתחבר אתי בעניני העוה"ז אז יפול דבר שבני עשו יאספו בידיהם את כל העושר ויחזיקו בתורן הממשלה ומהם יהיו כל המושלים והדוכסים (וכן היה באמת כמשאה"כ: ואלה המלכים אשר מלכו באדום לפני מלך מלך בישראל וגו'"), א"ל „ואני אתנהלה לאטי", כלומר, אינני חפץ בגדולה פתאומית ונוח לי להתרומם לאט ממדרגה למדרגה — ד"א. בפנים כרוכות אני מהלך, ר"ל באמת גם בעושר ונכסים ישראל לא נופל מעשו אחיו, אבל זה טבע יעקב שלא לקשקש בשקליו לפני כל עובר, ולכסות את רב עשרו ופרשת גדולתו במסוה הצניעות. (המחבר).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

די פשרה-מאכער.

(דרוש לפ' וישב).

הרב שלום ראבינאוויץ.

I

ווען יוסף איז אריינגעפאלען צו זיינע ברידער אין די הענד, האבען זיך די ברידער פאנאנדערגעטהיילט אין דריי קלאסען: די גרויסע מאיאריטעט פון זיי האבען אהן צערעמאניעס איהם געוואלט אבראמען פון דער וועלט; ראובן האט געזוכט פלענער ווי אזוי איהם אומצוקעהרען צוריק צום פאטער; אבער יהודה האט געמאכט א פשרה צווישען דיעזע צוויי מיינונגען מיט זיין פארשלאג אז מען זאל יוסף'ן פערקויפען פאר א קנעכט. און זיין פארשלאג איז טאקי אנגענומען געווארען.

ווען איך האב געלעהרענט דיעזע געשיכטע אין חדר בין איך שטארק צופריעדען געווען פון יהודה'ס האנדלונג — ווייל איך האב זיך געטראכט: ווער ווייסט אויב ראובן'ס פלאן איהם איינגאנצען צו רעטען וואלט זיך איהם איינגעגעבען; און דעריבער האט מיר יהודה'ס פלאן אויסגעזעהן מעהר פראקטיש. אבער ווען איך בין עלטער געווארען און האב אנגעפאנגען לערנען גמרא האב איך געפונען אז רבי מאיר האט גאר געלייענט אויף יהודה'ן דעם פסוק: „ובוצע ברך נאץ ד'" און ער האט פערטייטשט דיעזען פסוק: „דער וואס לויבט יהודה, דעם פשרה-מאכער, איז א גאט-לעסטערער!"

נו, פרעגט זיך די פראגע ווארום האט ר' מאיר פערדאמט דעם פשרה-מאכער? סטייטש, א פשרה פיהרט דאך צו פערשטענדיגונג, צו פריעדען, צו איינינגקייט?

דער תירוץ איז אז אין געלד זאכען איז א פשרה א גאנץ גוטע זאך. אבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען א מענשען'ס לעבען אדער וועגען א וויכטיגען פרינציפ טאר מען קיין פשרות ניט מאכען *). — אין א קאמפף פאר אן

הערה. — וכן מוכח שם בגמרא (סנ' ו' ע"ב) מן המחלוקת של ר"א בנו של ריה"ג ור' יהושע בן קרחה, הראשון אומר אסור לבצוע והשני אומר מצוה לבצוע. — והמחלוקת

אידעע טאר זיך א מענש ניט צופריעדען שטעלען מיט א האלבען געווינס, און אפילו ווען ער איז איינער געגען ארבים און ער ווייס קלאהר אז ער קען געגען זיי ניט אויספיהרען, איז עס זיין פפליכט צו קעמפפען ביז ענדע, און בעסער פער־ליערען די מלחמה איידער איינגעהן אויף א פשרה און אבגעבען מיט׳ן גוטען ווילען א טהייל פון דעם אמת אדער פון די גערעכטיגקייט.

דיעזער כלל איז זעהר וויכטיג פאר אונז צו געדענקען. — מיר לעבען אין א צייט ווען דער מענשליכער כאראקטער איז געווארען ווייך ווי טייג; אין א געזעלשאפט וואס איז ניט קאלט און ניט ווארעם, ניט מילכיג און ניט פליישיג; א געזעלשאפט וואס האנדעלט מיט אידעאלען אזוי ווי מיט אלטע קליידער; מען דינגט זיך און מען לאזט נאך, און מען קומט דורך פאר העלפט פרייז . . .

גאנץ אפט ווערט איהר הערען ווי אאיד בעריהמט זיך אז ער קען גאט צו דאנקען אויסקומען מיט אלעמען — „קום איך צווישען ארטהאדאקסען בין איך אן ארטהאדאקס, צווישען רעפארמער בין איך א רעפארמער, צווישען סאציאליסטען בין איך א סאציאליסט״ א. ז. וו. און די וועלט האלט איהם פאר א חכם עתיק; „אט דאס הייסט א מענש פון היינטיגער וועלט!״ — פערקעהרט, דער וואס קעמפפט פיר זיינע אידעען הייסט ביי די וועלט א „קרענק״. — „געהערט אביסעל״, זאגען זיינע בעקענטע, „א מענש זאל זיך קריעגען מיט די גאנצע וועלט! און איבער וואס? איבער אן אידעע וואס איז ניט זיין ציעג און ניט זיין חנוכה ליכט!״

אבער באמת איז די זאך פערקעהרט. דער מענש וואס שאקעלט צו מיט׳ן קאפ צו יעדען׳ס מיינונג איז ענטוועדער א פוסטע קאפ וואס האט אליין קיין פעסטע מיינונג ניט ווענגען אירגענד וועלכע פראגע, זא דאס ביי איהם איז אלעס רעכט, אדער ער איז א היפאקריט און ער פערשטעלט זיך אז ער איז מסכים מיט אלעמען כדי צו געווינען די גוטע מיינונג פון דערוועלט. פערקעהרט, דער יעניגער וואס נאכדעם ווי ער האט געפאסט א בעשלוס ווענגען א וויכטיגע פראגע, קעמפפט ער פאר איהר מיט זיין גאנצע קראפט און איז גרייט מקריב צו זיין זיין

הזאת כמעט יחידה במינה, שע״פ רוב מצינו זה אומר „אסור״ וזה „מותר״, אבל זה אומר „אסור״ וזה אומר „מצוה״ לא מצאתי בתלמוד זולתי זאת. ומסיק שם בגמרא שר״א בנו של ריה״ג קאי על לאחר שנגמר הדין ור׳ יהושע בן קרחה על קודם שנגמר הדין. — אבל לדעתי שני התכמים האלה אינם חולקים כלל (וכן נראה מזה שקבעו מאמרים אחרים בין דברי שניהם ואינם קבועים זה אחר זה כדרך כל פלוגתות הש״ס, ע״ש) ר׳ יהושע בן קרחה קאי בדיני ממונות ובענין בזה פוסק שמצוה לבצוע, כי מה מנו יהלך אם האחד רוצה לוותר משלו למען השלום? אבל ר״א בנו של ריה״ג קאי בעניני אמונות ודעות (ומוכח כן ממה שאמר: „וכן משה היה אומר יקוב הדין את ההר״ — והיכן מצינו שמשה אמר כן? במעשה העגל, שאמר: „שימו איש חרבו על ירכו וכו׳ והרגו איש את אחיו וכו׳) שבעניגים כמו אלה אסור לעשור פשרות.

לעבען פאַר זיין אידעע. דיזער „קרענק“ (ווי די וועלט רופט איהם) איז אין אמת׳ן איינער פון די גייסטיגע ריזען פון זיין צייט — צו אזעלכע העלדען האבען מיר צו פערדאַנקען דעם גאַנצען פּראָגרעס פון דער מענשהייט. — ווען נים זיי וואָלט די וועלט געשטאַנען אויף איין אָרט.

II

און נאָך אַ זאַך. — אבוואהל עס זעהט אויס אויף אַ ווייל אַז דיזע קעמפפער פאַר׳ן אמת פערליערען די מלחמה, איז דאָס נור אַ צייטווייליגע אילוזיאָן; די ענדע איז אַלע מאָל אַז זייער קאַמפף ווערט געקרוינט מיט אַ זיעג. און פערקעהרט די יעניגע וואָס בויגען די קאָפּ און געהען איין אויף אַ פּשרה, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ וויכטיגען פּרינציפּ, ברייגגען אונגליק אויף זיך און אויף די וועלכע זיינען זיי ליעב.

דיזע בעהויפּטונג קען בעשטעטיגט ווערען פון פיעלע פאַקטען אין אונזער היסטאָריע.

מרדכי, און אזוי אויך די חשמונאים, האבען נים געבויגען די קאָפּ אָדער געזוכט צו מאַכען פּשרה׳ס מיט די טיראַנען פון יענער צייט. — די שוועכליגגע פון יענער צייט האבען געוויס פערדאַמט דיזע העלדען און זיי אַנגערופען קנאים און פאַנאַטיקער, וועלכע שטעלען דעם לעבען פון זייער פאָלק אין געפאַהר. אַבער מיר ווייסען שוין אַז די עקשנות פון יענע העלדען האבען געבראַכט, פערקעהרט, לעבען און נאַציאָנאַלען גליק פאַר זייער פאָלק.

פערקעהרט, די אידען פון שפּאַניען האט געפעהלט דיזע עקשנות און ווען מען האט זיי צוגעדרוקט און געזאָגט: בוק זיך צום צלם! האבען פיעלע פון זיי געמאַכט אַ פּשרה — זיי האבען אַנגענומען דעם קריסטענטהום פאַר דער שיין פון דער וועלט און פערבאָרגענערהייט האבען זיי געפּרואווט היטען אידישקייט. אַבער דיזע פּשרה האט נור געבראַכט אונגליק פיר זיי זעלבסט און פאַר זייערע קינדער נאָך זיי — מיט דיזע פּשרה האבען זיי זיך אינגאַנצען אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט; די אידען האבען זיי געהאַלטען פאַר קריסטען און די קריסטען האבען געקוקט אויף זיי ווי אויף אידען. און אַזוי האבען די „מאַראַנען“ געקראָגען אַ נאָמען אַלס די אויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט. און זייער טהאָט האט צום ערשטען געבראַכט אויף זיי זעלבסט די פערפלוכטע אינקוויזיציאָן, און צום סוף אויף זייער גאַנצע פאָלק דעם „גירוש שפּאַניא“.

דאָס גלייכען געפינען מיר אין די מאָדערנע צייט. אַז די אידען פון די סלאַ־ווישע לענדער, הגם זיי האבען געליטען און ליידען נאָך יעצט שרעקליכע רדיפות, האבען פונדעסטוועגען נים נאָכגעגעבען קיין האָר פון זייער גייסטיגע ירושה. און דער רעזולטאַט איז אַז זיי זיינען היינטיגען טאָג דער „רוב מנין און רוב בנין“ פון די אידישע אומה. — פערקעהרט, די אידען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, אי־

טאליען א. ז. וו. האבען געמאכט א פשרה; זיי האבען ארונטערגעלאזען אביסעל פון זייער אידישקייט כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון די גוים. נון, וואס זיי האבען געזוכט האבען זיי טאקי געקראגען; אין א קורצע צייט האבען דיעזע לענדער איינע נאך די אנדערע געגעבען זייערע אידען גלייכע רעכטע. אבער דיעזער בארגיין האט געקאסט יענע אידן זייער נאציאנאלער לעבען; די אידישע בע־פעלקערונג פון יענע לענדער איז געשטארבען א מיתה רוחנית; פון די גרויסע גאונים און חכמים פון יענע לענדער זיינען נור געבליבען קברים און עטליכע צובראכענע מצבות, און פון די אידישע מאסען וואס האבען זיך אמאל מוסר נפש געווען פאר זייער אמונה אין יענע לענדער זיינען נור געבליבען א הויפען „יהודים" מיט קאלטע נשמות, און א רעכט ביסעל גוים מיט אידישע נעמען אויף וועלכע מען איז משער אז זיי שטאמען פון אידען . . .

(ואולי זהו כונת האגדה בבר"ר סוף פ' ל"ח: הוה תמן הרן קאים פליג (בשעת הויכוח בין אברהם ונמרוד היה שם הרן והיה מחולק בדעתו ולא הראה פנים לכאן או לכאן) אמר מה נפשך, אם נצח אברהם אנא אמר מן דאברהם אנא ואם נצח נמרוד אנא אמר דנמרוד אנא, כיון שירד אברהם לכבשן האש וניצול אמרין ליה דמאן את? אמר להם מן דאברהם אנא (שהיה סבור כשם שהאש לא שלט באברהם כן לא תשלוט גם בו) נטלוהו והשליכוהו לאור ונחמרו בני מעיו ויצא ומת על פני תרח אביו הה"ד וימת הרן על פני תרח אביו, ע"כ.

כוונת האגדה הנ"ל הוא להוכיח כי התקיף ועומד בדעתו אפילו אם נראה לעין כאילו נגזר עליו כליה (יורד לכבשן האש) לסוף ניצול, והפשרן המחולק בדעתו הוא גרוע מן הרשע הגמור. שהרי תראה שהרן המחולק בדעתו מת קודם תרח אביו שהיה עובד ע"ז לעין כל, וכל זה בא עליו על ידי שפסח על שתי הסעיפים).

III

אויב איהר אנערקענט די ריכטיגקייט פון מיין שטעלונג אין בעצוג צו די פשרה־מאכער וועט איהר אנפאנגען צו קוקען מיט אנדערע אויגען אויף פיעלע פאסירונגען פון אונזער צייט.

אט, למשל, האט זיך אויפגעהויבען א נייע בעוועגונג אין די אידישע רעליגיאן אין די לעצטע צייט צו גונסטען פון א מיטעל־וועג צווישען ארטהאדאקסי און רע־פארם; זיי רופען עס דער „קאנסערוואטיווער יודענטהום".

נאכדעם ווי איך האב ערנסט נאכגעפארשט און נאכגעדענקט וועגען דיעזע נייע ערשיינונג אין די אידישע וועלט, בין איך געקומען צום בעשלוס אז די האלבע רעפארמער זיינען פאר אונז געפעהרליכער ווי די גאנצע. *)

*) דיעזע ווערטער זיינען ניט געציעלט געגען די יעניגע פארגעשריטענע ארטאדאקסישע געמיינדען וועלכע האבען איינגעפיהרט גוטע ארדנונג, קאנגרע־

די ארטהאדאקסען און די רעפארמען זיינען מחולק וועגען א געוויסען פעסטען פרינציפּ — די ארטהאדאקסען גלויבען אהן חכמות אין דעם עיקר פון „תורה מן השמים”, און אלזא זאגען זיי: אזוי ווי דער מענש האט ניט קיין מאכט איבערצומאכען אדער איבערצוארדנען די שטערען פון הימעל, אזוי האט ער אויך ניט קיין רשות איבערצוענדערען די ווערטער פון גאט. — די רעפארמער ווידער זאגען, אז רעליגיאן איז ווי א בגד וואס מען קען צושניידען עס זאל פאסען יעדען מענשען נאך זיין פיגור. — ביי אונז קומט עס אוים אז זיי זיינען אין גאנצען אומגערעכט (און מיר וועלען נאך ריידען וועגען זיי אין א ספּעציעלע דרשה), אבער זיי האנדלען אמוועניגסטען נאך א געוויסען פרינציפּ. — נו, קומט צו געהן א נייע פּארטיי און זאגט, איך וועל מאכען א פשרה צווישען אייךביידען; מיר וועלען מאכען דעם דאוונען קירצער אבער ארויסווארפען אינגאנצען וועלען מיר איהם ניט; דעם „ולירושלים עירך” וועלען מיר ארויסווארפען, דעם „שמע קולנו” וועלען מיר איבערלאזען; מענער מיט פרויען מעגען דאווענען צוזאמען, אבער קיין ארגאן וועלען מיר ניט לאזען שפּיעלען אין אונזער שוהל א. ז. וו., א. ז. וו.

(עליהם אמרו חז"ל; „כל האומר הקב"ה ותרן יותרו מעוהי” — וקשה הלא אין זה מדה כנגד מדה וגם הלשון „יותרו מעוהי” קשה להולמו — אבל נראה שכיוונו על אותם האומרים שמודים בתורה מן השמים וכו' אבל מצד שהתורה ארוכה מארץ מדה טוענים שהקב"ה לא יחשב להם עון אשר חטא אם יקצרו אותה מעט; הלא הרבה לנו ד' תורה ומצות ומה מני יהלך אם יחסרון תרי"ג מצותיו עשרה או עשרים? האם ידאג איש שיש לו אלף כסף על אבדן איזה פרוטות? — עליהם אמרו חז"ל את המשל ממעי האדם; תתבוננו כי יש הרבה בני מעים בתוך גוף האדם והרבה שפופרות דקות ארוכות כמה עשרות אמה, ובכל זאת אם יבא אדם ויאמר לו: תן לי במתנה אחד מבני מעיך או אמות אחדים מן הדקים שיש בבטנך! הלא בוז יבוז לו, כן הדבר אודות תרי"ג המצות; אמת כי יש הרבה מהם, אבל כל אחת נחוצה למטרה ידועה, וא"א לנו לותר מהם. וזה כוונת חז"ל במאמרם: כל האומר הקב"ה ותרן וכו', ר"ל אם יאמר לך איש שהקב"ה יוותר על איזה ממצותיו מחמת שיש לו הרבה מהם, תשאל לו אם הוא היה רוצה לוותר איזה מבני מעיו, וד"ל).

דיעזער האלב רעפארם יודענטהום איז געפעהרליכער ווי דער גאנצער רעפארם — פרעגט א פאסטור וועט ער אייך זאגען אז א ניעדעריגער פארקאן ארום א פעלד איז ערגער ווי גאר אהן א פארקאן, די אורזאכע איז וווייל שאף האבען ליעב צו שפּרינגען איבער'ן צוים, אלזא ווען עס איז דא א הויכער צוים קענען זיי ניט אריבערשפּרינגען און ווען עס איז גאר קיין צוים ניטא האבען זיי קיין יצר הרע ניט

גיישאנעל סינגינג, א. ז. וו. אין זייערע שוהלען און צו דער זעלבער צייט האבען זיי ניט אבגעטראטען פון אלטען סדר התפילה, און ניט געבראכען קיינעם פון די דיני ומנהגי ישראל — אויף זיי קען מען זאגען: אדרבא תבא עליהם ברכה!

צו געהן אויף פרעמדע פעלדער, אבער ווען עס איז יא דא כלומר'שט א צוים נור ער איז ניעדריג געהמט זיי אן א שטארקער יצר הרע אריבערצושפרינגען...

די צאן קדשים אונזערע אחינו בני ישראל האבען אויך דעם זעלבען נאַטור — פון ארטהאדאקסישען יודענטהום צום קריסטענטהום אדער צום רעפארם יודענטהום (וועלכער איז גאנץ עהנליך צום קריסטענטהום) וועלען זיי ניט שפרינגען ווייל דער צוים איז צו הויך, אבער ווען די האלבע רעפארמער קומען און מאכען דעם צוים ניעדריגער קריגען זיי א שטארקען יצר הרע אריבערצושפרינגען צו זיי...

אלס א ביישפיעל קען אונז דיענען ר' סעדיה גאון און זיינע חברים וועלכע האבען געלעבט אין דער צייט ווען די קראים האבען אויפגעהויבען די קעפ און עס וואלט גאנץ לייכט מעגליך געווען צו מאכען א פשרה צווישען די קעמפפענדע צדדים ווען די רבנים וואלטען זיך עטוואס געלאזט בויגען. און עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אז עס האבען זיך געפונען גענוג קורצזיכטיגע מענשען אין יענער צייט וועלכע האבען טאקע געראטהען אזוי צו טהון. אבער די גאונים פון יענער צייט האבען זיך ניט געלאזט פערפיהרען פון זייערע לייכטזיניגע צייטגענאסען נור זיי האבען געקעמפפט מיט זייער גאנצע מאכט געגען די נייע בעוועגונג, און האבען איינגאַנצען אויסגעשלאסען די מיטגליעדער פון דער נייער סעקטע פון כלל ישראל, און טאקי דורך דיעזע ענטשלאסענע האנדלונג האבען זיי געראטעט דעם ריינעם יודענטהום. און אויך די קראים זעלבסט וועלכע זיינען ביסלעכווייס צוריק געקומען אין אידישען לאגער און זיינען געבליבען טרייע קינדער פון זייער פאלק, נור א קליינע הייפעלע עקשנים זיינען געבליעבען ביי זייער טעות ביז היינטיגען טאג — פיללייכט טאקי אלס א שרעקליכער ביישפיעל פאר די קומענדע דורות...

IV

דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען פשרה'ס וואס איינציגע אידען פון דיעזער לאנד האבען אנגעפאנגען צו מאכען מיט זייער געוויסען.

אט שטעהט א איד שבת אין שוהל און דאווענט גאנץ ערנסט, און זינגט זיך צו מיט א שעהנעם נגון. — נאכ'ן דאווענען בעגריסט ער זיינע בעקענטע מיט א ברייטען „גוט־שבת" און לאזט זיך געהן פון שוהל מיט די ברייטע גאס וואס פיהרט צום צענטער פון שטאט. — דאס געהט ער ניט א היים עסען די צווייטע סעודה און מקיים זיין „שינה בשבת תענוג", ניין! דאס געהט ער אין זיין ביזנעס. — גאס האט ער שוין אבגעגעבען דאס זייניגע אין שוהל, און יעצט געהט ער אבגעבען דעם שטן דאס זייניגע אין סטאר. — דארטען וועט ער קודם כל אבעפענען און דורכלעזען זיינע ביזנעס לעטערס און נאכהער וועט ער טהאן אלעס וואס ער וועט געפינען פאר נויטהיג; רייסען, ברעכען, שרייבען, רעכענען א. ז. וו.

שא! אט געהט דער פרעזידענט פון שוהל, ער געהט ניט אין די ווענדונג פון די ביזנעס־סטריט. חלילה! ער געהט טאקי אהיים, און דארטען זעצט ער

זיך טאקי אנידער אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע און געניסט א גאנץ ברייטע און לאנגע סעודה, און זינגט זיך צו „השומר שבת, הבן עם הבת". — נאכ'ן עסען לייגט ער זיך טאקי צו שלאפען און ניט ערגעץ אויף א באנק אויף א ווייליע נור טאקי אויף א ווייכע בעט און אויף גאנצע דריי שטונדען.

א פיינער איד דאכט זיך, הא?

האט ער אבער א פעקטארי אין אן אנדער ווינקעל פון שטאדט, און דארטען זיצען דריי הונדערט אידען און ארבייטען פאר איהם אום־שבת, און ווען דער פרעזידענט שטעהט אין שוהל ביים ספר און טייטעלט דעם בעל קריאה מיט'ן זילבערנעם יד די ווערטער „ושמרו בני ישראל את השבת", שטעהען זיי און האמערען אוים פאר איהם דאלארס צו בעצאהלען פאר זיין אויטאמאביל און צו שיקען זיי ווייב אין די מאונטינס...

אדער אט זיצט אן אלטער מאן אין שלאף־ראק שבת גאנץ פריה און לייענט מיט א שעהנעם נגון די סדרה „שנים מקרא ואחד תרגום". — פלוצלונג גיט ער זיך א הויב פון זיין ארט; געהט צו צו א טהיר פון א בעד־רום און גיט א פאר פעסטע קלעפ; דאס וועקט ער זיינע ערוואקסענע קינדער. — מיינט איהר אפשר צו געהן אין שוהל? האט איהר א טעות. — דאס וועקט ער זיי צו דער ארבייט! די קינדער טראגען צוזאמען אריין פופציג דאלאר א וואך, דאס איז א סך געלד... דאס קען מען ניט איינלאזען... אי וואס, זיי זיינען מחלל שבת? דאס וועט ער שוין זארגען גוט צו מאכען מיט זיין תורה און תפילה...

אדער אט נעהמט א שעהנער איד ערב יום כיפור צו מנחה; ער שטעלט זיך אב ביים טיש וואו די צדקה־טעלערס שטעהען אויסגעשטעלט און טהיילט און טהיילט מיט אן אפענער האנד; צעהן דאלאר פאר ר' מאיר בעל נס, פינף פאר צדקה גדולה, א דרייערעל פאר'ן רב און טאקי נאך א דרייערעל פאר'ן חזן, א הארטען דאלאר פאר'ן שמש און א הויפען זילבער פאר תלמוד תורה א. ז. וו. א. ז. וו.

„אט דאס הייסט אן אפענע האנד!" — זאג איך — „גאט זאל איהם נור מצליח זיין אין זיין פרנסה".

„ווייסט איהר דען וואס זיין פרנסה איז?" — זאגט צו מיר א דערביי שטעהענדער איד.

„אדרבא" — זאג איך — „איך בין טאקי נייגעריג צו וויסען".

„ער איז א פראצענטניק — ער לייהט געלד נור אויף דזשועלרי — ער נעהמט ניט מעהר ווי 30 פראצענט — דאס איז אויב מען נעהמט ענדליך ארויס דעם משכון — אבער דאס רוב בלייבט ביי איהם דער משכון אין גאנצען"...

דיעזער איד דענקט אז ער קען א גאנץ יאהר זויגען די בלוט פון ארימע מענשען און נאכדעם איינשטילען דעם צארען פון זייער פאטער אין הימעל דערמיט

וואס ער וועט לאזען אבטריפען עטליכע טראפענס פון דיעזען בלוט אויף די צדקה־טעלערס ערב יום כפור...

צו אזעלכע פשרה־מאכער האט דאס אליהו געזאגט: „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים אם ד׳ הוא האלהים לכו אחריו ואם הבעל לכו אחריו" — עס שיינט אז אין זיינע צייטען זיינען אויך געווען אידעלאך וועלכע האבען געמאכט פשרה׳ס צווישען גאט און דעם טייוועל — איין טאג האבען זיי געדיענט גאט און דעם צווייטען דעם טייוועל, אדער מיט איין האנד האבען זיי געקוילעט מענשען און מיט די צווייטע געגעבען צדקה. — האט אליהו צו זיי געזאגט אז איידער צו מאכען אזעלכע פשרות איז שוין גלייכער זיי זאלען אינגאנצען איבער־געהן צום טייוועל...

V

די פשרה־מאכער אין כלל־זאכען זיינען אויך א קללה און ניט קיין ברכה פאר די מענשהייט.

אט למשל, עקזיסטירט א אידישע געמיינדע אין א געוויסע אמעריקאנער שטאדט, וועלכע פערדיענט ניט צו טראגען דעם נאמען קהילה ווייל זי פערמאגט ניט קיין זאך וואס א אידישע קהילה דארף פערמאגען, און די ביסעל אידישקייט וואס געפינט זיך כלומרשט אין איהר איז אויסגעקעהרט אויף׳ן לינקען זייט. זי האט דאכט זיך יא א שוהל און דוקא ניט קיין מאוס׳ע, אבער די שוהל איז געראטען אין די שטאדט יריחו; זי איז „סוגרת ומסוגרת אין יוצא ואין בא. — קיין תלמוד תורה איז אינגאנצען ניטא נור עפעס א „הילצערנער" איד וואס זאגט „יאר" אנשטאט „איד", לויפט ארום פון הויז צו הויז אלע אוועגד נאך פובליק סקוהל און זאגט עפעס אב אויף גיך מיט די באיעס אזוי ווי דער שמש זאגט אב מיט די ווייבער די ברכה פון אתרוג בענשען ווען ער איז זעהר ביזי. — וועגען א מקוה האט מען שוין געמאכט עטליכע מיטינגען נור אויסגעלאזען האט זיך דאס יעדען מאל מיט א „פינאקל", ווייל חברה האט אז אלטען מנהג, אז ווען א מיטינג פערציהט זיך מיט צו לאנגע דעבאטען מאכט איינער פון די מעמבערס א „מאושאן" מען זאל גאר מאכען א „פינאקל", און אזא „מאושאן" ווערט גאנץ גיך אנגענומען איינשטימיג. — די כשרות ליגט אינגאנצען אויף די פלייצעס פון א הינקעדיגען בוטשער ביי וועמען א שוחט איז אמאל איינגעשטאנען לאזשי און האט איבערגעלאזען די חלפים ווען ער האט ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען זיין ביל.

און די איבריגע אידישע אינסטיטושאנס קענט איהר זיך שוין אליין פאר־שטעלען.

פלוצלונג קומט אז אין יענער שטאדט א רב וועלכער פעראייניגט ביידע זאכען תורה און יראת שמים, און פאנגט אז די ריעזיגע ארבייט אויסצוקעהרען דיעזע אלע אינסטיטושאנס אויף׳ן רעכטען זייט. זעלבסטפערשטענדליך אז ער בעגעגענט

באַלד אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן. דער הילצערנער מלמד און דער הינקענדיגער בוטשער און די „פּינאַקל״ העלדען געפינען אַלע אַז זייערע קאַריערען שטעהען אין געפאַהר און אַלזאָ מאַכען זיי יד אחת מלחמה צו האַלטען מיט'ן רב ביז לעצטען טראָפּען בלוט.

ווען די שעהנערע בעלי בתים דערפיהלען אַז אַ גרויסע מחלוקת האָט זיך צופלאַקערט ביי זיי אין שטעדטעל, נעהמען זיי זיך גלייך לייגען אין דער לייננ און אין דער ברייט איינצושטילען די מחלוקה. — זיי קלעהרען גאַר ניט אום וואס דאָ האַנדעלט זיך, און וואס דער רב וויל אויפטהאָן, און וואס דער רעזולטאַט וואלט מיינען פאַר דער שטעדטעל, נור זיי שטרעבען צו איין ציעל, נעמליך, צוריקצוברענגען רוהע אין שטעדטעל. זיי זיינען אין די פּאָזיציע פון אַ בייזען טאַטען וואס האָט זיך צוגעליינט כאַפּען אַ דרעמעל שבת ביי טאָג, און פּלוצלונג וועקט איהם אויף אַ קריעג צווישען זיינע אינגעלאך — דער בייזער טאַטע קלעהרט גאַר ניט ווער פון זיי איז גערעכט און ווער איז אונגערעכט, אָדער ווער עס האָט אָנגעפאַנגען די קריעג, נור, פּיטש! פּאַטש! רעכטס און לינקס ביז זיי צופאַלען יעדער אין זיין ווינקעל און שווייגען גאַנץ שטיל . . . דיעזע שעהנע בעלע בתים האָבען אויך נור דעם איין צוועק אין זינען, נעמליך, מען זאָל זיי לאָזען שלאָפען ווי בעפאַר. און אַלזאָ, לייגען זיי זיך אין דער לייננ און אין דער ברייט צו מאַכען אַ „פּשרה״ צווישען די קעמפּפענדע צדדים. אָבער דאָ געפינען זיי צו זייער ערשטוינען אַז דער רב איז אַ האַרטערער נוס צו קנאַקען ווי דער מלמד און דער בוטשער — דיעזע זיינען וויליג איינצוגעהן אויף אַ פּשרה (נעגעוועהנליך אויף דעם תנאי אַז פון זייערע „רעכטע״ זאָל ניט געמינערט ווערען), אָבער דער רב זאָגט אַז ער קעמפּפט פאַר אַ פּרינציפּ אָדער פאַר אַ דין פון דער תורה און אין אַזאַ קאַמפּף טאָר ער ניט און קען ניט אַיינגעהן אויף קיין פּשרה. אַלזאָ פאַלט זיי איין אַז מען וועט שוין ניט קענען ברייננען קיין שלום אין שטעדטעל ווי לאַנג דיעזער רב וועט זיצען אויפ'ן טהראָן. אָבער זיי זיינען דאָך שעהנע בעלי בתים, און ווי פּאַסט עס פאַר זיי ארויסצוטרייבען אַ רב פון זייער שטאָדט און נאָך חס ושלום בעשריעבען צו ווערען אין די „פּייפּערס״ דערפאַר? פאַלט זיי איין אַז מען מוז דאָ מאַכען אַ פּשרה, די ציעג זאָל זיין זאַט און די קעפּיל קרויט זאָל בלייבען גאַנץ. — דער פּלאַן איז אַ גאַנץ איינפאַכער, מען זאָל דעם רב אָנבאָטען עטליכע הונדערט דאָלאַר פאַר'ן אָבליידיגען דעם כסא הרבנות (שליסעל־געלד בלע"ז); אין די צייטונגען וועט עס הייסען אַז דער רב האָט רעזיגנירט און אַז די שטעדטעל ווייגט נעבאַך אויס די דריטע אויג וואס זייער מורה־דרך געהט אַוועק פון זיי נור זיי מוזען זיך צוגעוועהנען צו זייער גרויסען פערלוסט וויסענדיג אַז דער אַקלים טויג ניט פאַר איהם און אַז די דאָקטוירים האָבען איהם פעראָרדנעט אַוועקצופאַהרען וואס שנעלער . . .

דער רב, זעהענדיג אַז ביידע צדדים זיינען שוין איינגעגאַנגען אויף דיעזע

„פשרה", האט געבאך קיין ברירה נים און נעהמט אז זיין גלות־אורטהייל באהבה. און די שעהנע בעלי בתים בעריהמען זיך אז א דאנק זייער חכמה איז צוריק שלום ושלוה אין שטעדטעל... אבער דאס איז דער שלום פון טויט... און די קלוגע בעלי בתים וואס האבען געבראכט דיעזען שלום, האבען אנגעווענדעט ־עם זעלבען מיטעל וואס די אינדיאנער דאקטוירים פלעגען אנווענדען צו צאהן־ווייטאג, נעמ־ליך, אז איינער האט זיך בעקלאגט אז א צאהן טהוט איהם וועה ־אבען זיי איהם אבגעשניטען די קאפ און דאן האט ער שוין מעהר קיין צאהן־וועהטאג נייט גע־פיהלט . . .

VI

די געדאנקען וואס זיינען אויסגעדריקט געווארען ביז יעצט איזדיעזע אבהאנד־לונג ווארפען א שטארקע ליכט אויף א שווערען מאמר פון תלמוד:

בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה עליו שרטון ועליו נבנה כרך גדול שברומי (שבת נ"ו ע"ב) (ווען שלמה המלך האט געהייראטעט די טאכטער פון פרעה מלך מצרים איז דער מלאך גבריאל ארונטערגעקומען און האט אריינגעשטעקט א שטעקעל אין ים אויף וועלכען עס האט זיך אנגעקליבען ערד און שפעטער איז אויף דיעזע ערד געבויט געווארען די גרויסע שטאדט רוים).

אויף דיעזען מאמר שטעלט זיך די פראגע וואס פאר א צוזאמענהאנג קען האבען שלמה המלך'ס הייראטה מיט די שטאדט רוים? — איך וועל פערענטפערען דיעזע פראגע מיט נאך א פראגע (א איד ענטפערט אלע מאל איין פראגע מיט א צווייטע פראגע; אז מען פרעגט א אידען וואס מאכט איהר? ענטפערט ער: וואס זאל מען מאכען? אז מען פרעגט איהם: ווי געהט עס אייך אין ביזנעס? ענטפערט ער: ווי געהט עס אייך? א. ז. וו.) — מיין פראגע איז: ווי קומט עס טאקי אז שלמה המלך וואס איהם האט גאט אויסגעקליבען צו בויען דעם בית המקדש, זאל הייראטהען די טאכטער פון פרעה, און זאל זיך איבערהויפט אריינלאזען אין היי־ראטהען פיעל פרויען?

דיעזער ענין קען ריכטיג פערשטאנען ווערען ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צו די שידוכים וואס ווערען געשלאסען צווישן קעניגליכע פאמיליען אין היינטיגע צייט — איהר וועט בעמערקען אז אין אזעלכע שידוכים שפיעלען די נאטירליכע געפיהלען און נייגונגען פון חתן כלה א גאנץ קליינע ראלע; שידוכים ווערען געשלאסען אין אזעלכע פעלע נאך די פאדערונגען פון דיפלאמאטיע, ווי עס ווערט בעשטימט ביי די פיהרער פון די בעטרעפענדע קעניגרייכען.

נו, דער הויפט־פרינציפ פון שלמה המלך'ס רעגירונג איז געווען אויפצוהאל־טען דעם פריעדען מיט די דערבייאיגע פעלקער — ווייל טאקי צוליעב דעם האט

גאט אויסגעקליבען שלמה'ן צו בויען דעם בית המקדש (עיין דברי הימים א' כ"ב ו—ט) — און כדי עס זאל איהם מעגליך זיין אויסצופיהרען זיין אויפגאבע האט ער אנגענומען די אלטע אויסגעפּרובירטע מעטאדע פון פערבינדען זיך מיט די הערשער פון די ארומיגע לענדער דורך שידוכים מיט זייערע טעכטער. און אזוי ווי אין יענע צייטען זיינען די לענדער געווען איינגעטהיילט צווישען פיעלע קליינע שבטים און יעדער שבט האט געהאט זיין אייגענעם הערשער איז אויסגעקומען אז שלמה המלך האט זיך געפונען געצוואונגען צו הייראטהען א גרויסע צאהל פרויען. איבערהויפּט האט ער זיך געפיהלט פערפליכטעט צו געווינען די פריינדשאפט פון דעם מעכטינ־סטען פון אלע קעניגע פון יענער צייט — פרעה מלך מצרים — און צו דיעזען צוועק האט ער געהייראטהעט זיין טאכטער.

אי, וואס? די תורה האט פערזאגט אז א אידישער קעניג טאר ניט האבען קיין צו פיעל ווייבער (לא ירבה לו נשים)? האט ער גערדיינקט אז צוליעב זיין גוטע כוונה אויפצוהאלטען שלום אין זיין מדינה מעג ער פערבויגען א פרינציפּ פון דער תורה.

אבער גאט וויל ניט אז א מענש זאל אויפאפּפערען זיינע פרינציפּען פון דרך שלום ווענען. און דעריבער האט ער בעוויזען אז די גאנצע חכמה פון שלמה המלך האט איהם ניט געהאלפען. און דוקא דורך דעם זעלבען שריט וואס ער האט גע־מאכט אויפצוהאלטען דעם שלום, נעמליך, זיין הייראטה מיט די טאכטער פון פרעה, האט ער בעשאפען דעם גרעסטען שונא און ענדליכען פערניכטער פון די אידישע לאנד — רוים — ווייל כדי זיך צו בעשיצען געגען דעם מעכטיגען פערבאנד פון שלמה המלך און פרעה מלך מצרים, די מעכטיגסטע הערשער פון יענער צייט, האבען די שבטים פון איטאליען זיך פעראייניגט און געגרינדעט נאך א גרעסערע מאכט, די מאכט פון די רוימישע אימפּעריע, וועלכע האט בימער געהאסט די אידישע נאציאן אז עס איז אונמעגליך געווען פארביידען צו עקזיסטירען אין איין וועלט (כמו שאמרו חז"ל: אם יאמרו לך ירושלים חרבה ורומא קיימת תאמין, רומא חרבה וירושלים קיימת תאמין, שניהם קיימין אל תאמין).

דיעזע געדאנקען האבען דאס די חכמים אויסגעדריקט אין זייער שעהנע אלע־גארישע שפראך: „בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועליו נבנה כרך גדול שברומי" *) — בעווייזענדיג דערמיט אז ווען שלמה האט געבראכען א פרינציפּ פון דער תורה כדי אויפצוהאלטען דעם שלום, האט זיך גאר אויסגעלאזען דערפון אז דאס האט געבראכט גרעסערע און געפעהרליכע מלחמות אויף דער אידישער לאנד.

---

*) לפי דעת חז"ל במאמר הזה היה ראשית התיסדות ממשלת רומה בימי שלמה. ואף כי הדעה הזאת איננה מתאמת עם דעות סופרי העמים אין לנו כל זכות לבכר דעת הירדטוס או ליוויוס על פני דעת סופרי ישראל.

* * *

יעצט איז שוין פערענטפערט די פראגע ווארום ר' מאיר האט פערדאמט יהודה'ן פאר די פשרה וואס ער האט געמאכט אין דעם פאל פון מכירת יוסף.

א פשרה איז געמיינט גוואורען אויפצוהאלטען דעם שלום, און אלס אזעלכע איז זי זעהר גוט און ווינשענסווערטה וואו עס האנדעלט זיך וועגען כבוד אדער געלד, אבער אין דיזען פאל האט זיך עס געהאנדעלט וועגען א מענשען־לעבען און אין אזא פאל קענען קיין פשרה'ס ניט געמאכט ווערען נור יעדער מענש וואס וויל פערדיענען דעם נאמען מענש מוז קעמפפען מיט זיינע אלע קרעפטען פאר די גערעכטיגקייט און פאר'ן אמת.

חומר לדרוש.

בעלי הפשרה

אגדות חז"ל.

„יד ליד לא ינקה רע", בא וראה שתי ידים יש לו לאדם, אם גונב באחת ועושה צדקה באחת לא ינקה לעתיד. א"ר יוחנן, משל לאדם שעבר עברה, ולא הספיק לעשותה עד שפגע אדם אחד ונתן לו צדקה, חשב בעצמו אילולי לא רצה הקב"ה לכפר חטאתי לא היה שולח לי אותו עני לתת לו צדקה, ובודאי כפר לי על אותו עון, א"ל הקב"ה, רשע ! לא תחשוב כך, אלא לך למוד מחכמתו של שלמה שאמר יד ליד לא ינקה רע.
(ילקוט שמעוני).

(רשע ירא דבר ה') ויקח שש מאות רכב בחור משל מי היו ? אם תאמר משל מצרים והלא כבר נאמר „וימת כל מקנה מצרים", ואם תאמר משל פרעה ? והלא כבר נאמר „הנה יד ה' הויה במקנך", וא"ת משל ישראל ? והלא כבר נאמר „וגם מקננו ילך עמנו", אלא משל „הירא את דבר ה' מעבדי פרעה". (תנחומא).

„וירד יהודה מאת אחיו", ירידה היא לו שקבר את אשתו ובניו, ר' יהודה בר סימון ור' חנין בשם ר' יוחנן, כל מי שהתחיל במצוה ואינו גומרה קובר את אשתו ואת בניו, ממי אתה למד ? מיהודה, „ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע וגו' היה לו להוליכו על כתפו אצל אביו מה גרם לו ? קבר את אשתו ובניו. (ב"ר).

צדקיהו ואחאב נביאי השקר היו סרסורין לעבירה, היתה אשה מעוברת ושאלה לנביא שקר לומר להם אם יולדת זכר או נקבה, הוא אומר לה זכר, והולך לשכנותיה

ואומר שפלונית תלד נקבה, והיה אם ילדה זכר, היתה אומרת פלוני הנביא אמר לי בן, ואם ילדה נקבה היו השכנות אומרות לה כך אמר לנו הנביא אלא שלא רצה לצערך.
(תנחומא).

א"ר לוי בשעה שאמר הקב"ה לנח כנוס לך שנים שנים מכל מין ומין בתבה נכנסו כל אחד עם זיווגו, אתא שיקרא בעא למיעל, א"ל נח, לית את יכול למיעל אלא א"כ נסבת לך זיווג, הלך ופגע בפחתא (מזל רע), א"ל פחתא לשיקרא מהיכן אתה בא? א"ל מן גביה נח דאזלית ובעי למיעל לתיבותא ולא שביק לי אלא א"כ אית לי בן זוג, ואי את בעי תהוי לי זיווגי. א"ל פחתא לשיקרא, מה את יהיבו לי? א"ל שיקרא אנא מתקן עמך דכל מה דאנא מכנים את תהא נסבא וכל מה דאת מכנים אנא נסבא, עיילון תרווייהו לתיבותא, כד נפקין מן תיבותא הוה שיקרא מכנים ופחתא נסבא, אח"כ אזל שיקרא א"ל מאן אינון כל סגלתא (למי כל העושר הזה)? הב לי כולן, וכי לא כך התניגו בינינו דכל מה דאת מכנים אנא נסבא? לא הוה ליה פתחון פה (והיה מוכרח להחזיר לו את כל העושר, ואח"כ טען פחתא את הטענה הנ"ל וממילא היה העושר חוזר חלילה, משיקרא לפחתא ומפחתא לשיקרא.) לכך כתיב "הרה עמל וילד שקר", שיקרא מוליד שיקרא. (מדרש תהילים).

קטנתי מכל החסדים ומכל האמת.

יעקב היה ירא פן ירד ממדרגתו הקודמת ע"י שבבית לבן היה מוכרח תמיד לעשות פשרות בין דרכי לבן דודו ובין התורה שלמדוהו אבותיו, ומצא את עצמו נלחץ אל הקיר, גדר מזה וגדר מזה — מעבר מזה עמדו לנגד עיניו **החסדים** שעשה אתו דודו, כי במקלו בא אל ביתו ודודו נתן לו את בנותיו לנשים וגם סיבב לו את כל עשרו והאיך יוכל להעיז וללחום כנגדו בעניני אמונות ודעות, ומעבר השני התיצבה לנגד עיני רוחו **תורת אמת** שלמד מאבותיו ותבעה שלא ימוש ממעמדו אפילו כחוט השערה — אנחנו בזמן הזה נדע נאמנה שיעקב לא עשה שום פשרות בין „החסדים" האלו ובין „**האמת**", ואדרבה לא מש ממקומו וישאר נאמן לתורת אבותיו למרות כל החסדים שעשה אתו לבן, אבל יעקב אבינו גם בעצמו לא האמין והיה חושד א"ע אולי נפחת ערכו ע"י המלחמה הארוכה שהתחוללה בלבו תמיד בין „החסדים" „והאמת".
(שמעתי מחותני הרב ר' אהרן גארדן).

בין הגדרות.

אמרו לו לנחש מפני מה אתה מצוי בין הגדרות? אמר להם אני פרצתי גדרו של עולם.
(תנחומא, חוקת).

מגונים הם הרשעים ומאוסים העבריינים הגלויים וידועים לנו, אבל נוראים ומפחידים המה אלה שבערפל התולתם, דרכבי אתרי ריכשי ועומדים על „פרשת" הדרכים שמראים פנים לכאן ולכאן... אל „תתירא" מן הפרושים ולא ממי שאינם פרושים אלא מן הצבועים „שדומים" לפרושים כו' (סוטה דף כ"ב) מאלה תאחזני פלצות, אלה ממחנות פלשתים מזרעו של גלית „איש הבינים" (ש"א י"ז) משבטו של נחש הקדמוני שאין לו גדרים וסיגים תחומים וגבולים, מפורצי גדרו של עולם הבריאה והיצירה, א"ל לנחש מפני מה אתה מצוי „בין" ? הגדרות ? כאין מצב איתן וקים, באין צד רשום ומסוים— א"ל „אני פרצתי גדרו של עולם" לי אין אמת המידה, לי אין כל מיצרים וחוקים

„יצר הרע דומה לזבוב ויושב „בין" שני מפתחי הלב" (ברכות דף ס"א), הוא השמן המשחית ומפסיד יושב „בין" המפתחות... **שותפו של גלית"...**

היצר הרע המסית והמדיח, שדעתו לקלקל ולהפסיד לעות את היושר ולהניא את לבבנו מן הטוב והמועיל, ראו זה פלא! מטיל אך „באמצע" הרחוב אין לו כל ימין ושמאל, אין לו כל רוח מארבע הרוחות, אין לו כל „מלבר", הוא בא אך לפני ולפנים... מלגו... אין יצה"ר מהלך לצדדין אלא באמצע פלטיא" (מ"ר בראשית פ' כ"ב). מתחפש הוא באדרת שער, לבו מלא מצודות וחרמים... בעושה שלום מתראה, כמקרב את הרחוקים, בעומד על אם הדרך וקורא: אתך אני, מכל מקום, חברך ואיש בריתך, שמעני נא ואיטב לך... ראה נא מהלכי באמצע פלטיא, אין לי כל פניה ונטיה צדדית... אין לי הכרעה לשום כף.. „כי יהיה להם דבר בא אלי ושפטתי „בין איש „ובין" רעהו גו' (שמות י"ח) אך משה איש האלהים ישפוט ב י ן איש ו ב י ן רעהו, שאר רוח לו להסתכל גם מ ב י ן השורות לקרוא אף הכתב ש ב י ן הגוילים ולא קם עוד כמשה צופה באספקלריא מאירה כזו ומביט גם מ ב פ נ י ם...

ויש הבאים עלינו ומופיעים ל נ ג ד ע י נ י נ ו בדמות מלאכי השלום מלאכים מושיעים... לעשות שלום „בעליונים" „ובתחתונים", להשיק ארעא ורקיעא בהדי הדדי, לפשר „בין" החרדים והמתקנים... מסתכל אני בצורתם, ולפני — נחשים מתפתלים „בין" הגדרות... צפעונים המתגלגלים „באמצע" פלטיאות ואירא ואחרד לנפשי, כי אוי להן לבריות שפגעו בהן אלה, ש ל ח י ש ת ן לחישת שרף ונשיפתן שפיפונית, ושפתי נעות בתפלה קצרה: והסר שטן מלפנינו ומאחרינו... שטן המרקד „לפנינו" מעבר מזה, ממולינו, מן הנקל לנו להשמר ממנו נסוג אחור, נפרד ממנו, אם ימין ונשמאילה; גם מהשטן „מאחרינו" אפשר לנו להזהר, נחגור כחותינו ונרוצה נמהרה, בצעדי ענק ובפסיעות גסות קדימה נצעוד להתרחק ממנו ביותר. אבל שטן שבא גם מלפנינו ומאחרינו" יחד שבא לתפוס החבל בשני ראשיו שמקיפנו כתנורו של עכנאי שאין לו כל מצב ברור ויחידי ומזה ומזה מתפתל והולך מה כח איש כי ייחל להסירו? והוא מלא עינים ואין נסתר ממנו, לו דרושים רחמי שמים להמיטו, אך הצופה לרשע ומי יכול יסירו אך הפוצה את דוד עבדו מחרב ר ע ה חרב פ י פ י ו ת בעלת דו פרצופין — אך בידו הוא לבדו להצילו משטן נורא ואיום כזה.

מה „בין" תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע כו' (אבות פ"ה) כרגע נבדיל בין אברהם אבינו ע"ה לבלעם, גם התלמידים נכיר אבל חכם המשנה שואל בחכמתו: מה ב י ן תלמידיו? את אלה ה מ מ ו צ ע י ם אנשי ה ב י נ י ם שנעים לכאן ולכאן העומדים על „אם הדרך" באין כל מקום מסומן ומצוין, זו היא שאלה הצריכה לחקירה ודרישה רבה ועמוקה. מה "בין"... גם תלמידי אברהם כרבם, עמוד העולם טוב להם בעוה"ז ובעוה"ב ותלמידי אותו הרשע יורשים גיהנם אף הם ויורדים לבאר שחת. תחומים גדולים ומיצרים רחבים מפסיקים לתלמידים שלהם עין טובה, ורוח נמוכה ונפש שפלה, או שלהם עין רעה ורוח גבוהה ונפש רחבה. ניכרים הם למיניהם ולדגליהם, אבל חדה נעלמה היא מה ש ב י ן אלה לאלה... שאלו נא לחכמים ולא יפרשוה ולבעלי בינה ונפלאת היא בעיניהם.

„ושבתם וראיתם „בין" צדיק לרשע „ובין" עבד אלקים לאשר לא עבדו" (מלאכי ג) אפשר להכיר את הקלא-אילן והתכלת ומה גם את השחור או הלבן. אפשר להבדיל בין החשך והאור בין המר והמתוק, אבל את אלה המתוכים ב י נ י ה ם את ה מ מ ו צ ע י ם בתוכם שהכל באנדרלמוסיא, אור וחשך משתמשים יחד, מר ומתוק בלולים ומזוגים בערבוביא. איה שוקל איה סופר ומונה, איה מודד ותוכן לעמוד על

שרש דבר. „ושבתם" וראיתם בארח ישר ובדרך סלולה אי אפשר לראות ולדעת מה „בין"... גם אם בשבע עינים יביט האדם לא יראה נכחות פנים הנטויות לכאן ולכאן — ואך בדרך ת ש ו ב ה במקום שבעלי תשובה עומדים שאין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בה (ברכות דף ל"ד) ו ש ב ת ם ו ר א י ת ם מ ה ב י ן צדיק לרשע, ב י ן ע ב ד גו', הסתכלות בהירה דרושה, ואספקלריא מאירה כאור שבעת הימים לדעת מה „בין"... להבין גם „מבין" הגוילים... (אור חדש למטיפים, הרב"צ אייזענשטאדט).

השמיר ונופת צופים.

משחרב בית המקדש בטל השמיר, ונופת צופים ופסקו אנשי אמנה (סוטה מ"ח), יש להתבונן במאמר הזה, שאין כמוהו בכל המאמרים הדומים לו, שנזכרו במשנה ובברייתות, שבכלם יש איזה יחס ודמיון בין הענינים שהזכירו ביחד, ובמאמר הזה אין שום יחס ודמיון בין שלשה הענינים שחברו יחדיו, כי מה ענין נופת צופים אל שמיר ומה ענין „אנשי אמנה" אל שניהם? ואמנם יתכן בעיני כי גם ביניהם יש איזה יחס ע"ד מליצה, כי הנה איש אשר הוא זוכה להקרא „איש אמנה", איש אשר הכל מודים שהוא איש נאמן, הנה איש כזה צריך להיות „טוב לשמים וטוב לבריות" עד קצה האחרון! שאלמלא כן לא היה זוכה להיות אהוב לכל שדרות העם, עד שלא יסתפקו באמונתו! על איש כזה להיות ירא וחרד לדבר ד' וכל כסף וזהב שבעולם כאין לפניו, מול מצוה קלה שבינו לבין קונו, על איש כזה להיות קשי עורף לעמוד מוצק כברזל מבלי ינוד אף נימא ממה שנתברר לו לאמת וישר, על איש כזה להיות קשה „כשמיר", חזק מצור לעמוד בפרץ לבלי לעבור על קוצו של יו"ד, וכל רוחות שבעולם לא יזיזו אותו מדעתו! ואולם בשאר ענינים בדברים שבינו לבין הבריות עליו להיות רצוי ועלוב, נוח ורך כקנה, להתנהג עם כל אחד בדרך אומן ואמונה, באהבה ורעות, לבטל רצונו מפני רצון אחרים, לסלוח ולמחול, ולעשות שלום ולחיות עם כל אחד ואחד בשלום ובמישור, ואז רק אז יהיה אהוב ונחמד ומעלה ולמטה וכלם יודו „שאיש אמנה" הוא! והנה התאחדו באיש הזה תכונת „השמיר" וגם תכונת „נופת צופים" באשר בעניני התורה והמצוה הוא חזק ותקיף בדעתו „כשמיר", חזק מצור, וביתר הענינים בינו לבין הבריות הוא נוח וערב „כנופת צופים" המתוק לחיך, וכאשר חרב בית המקדש וגברו הצרות על ישראל, ובעקבן בא גם קלקל המדות, ובטלו כל המדות הטובות והמשובחות האלה, ולא נמצא עוד „חזקת השמיר" לעמוד בפרץ לשמור משמרת הקודש ולא יש איש הולך עם אנשים ביושר ואהבה ובמתיקות „נופת צופים" ולכן פסקו „אנשי אמנה"! (דברי חכמים).

מצדיק רשע ומרשיע צדיק.

מצדיק רשע ומרשיע צדיק תועבת ה' גם שניהם (משלי י"ז) — הנה זה דרך בעלי הפשרה בראותם שני אנשים נצים לא יתהקו על שרשי הדבר לדעת מי הוא הצדיק בריבו, ולאמר לרשע בלשון משרע"ה : „רשע למה תכה רעך ?" — אלא יתהפכו כחומר חותם ויערימו מזימות לתוך ביניהם בזה שיגרעו מעט מצדקת הצדיק ומרשעת הרשע. — הנה לדוגמא, מעשה שהיה : מחלוקת פרצה באחת מערי השדה שבאמעריקה בין הרב ומנהל הת"ת דהתם ; הרב טען שנתברר לפניו שהמנהל הנ"ל הוא אפיקורס גמור המשגה את הילדים שתחת ידו מדרך היהדות, והמנהל טען שאמנם כן הוא איננו יהודי־דתי אבל הוא יהודי־נאציאנאלי, ולפי דעתו הרב ההוא ממורדי האור ההולכים אחורנית (רעאקציונרים). ויהי כאשר התלקחה אש המחלוקת ותאכל על כל סביבותיה קראו אויבי

העיר אספה רבה ויחליטו להביא מנויארק איש אחד הידוע לחכם חרשים בענינים כאלה לעשות שלום בעיר. ויהי כאשר בא האיש הנ"ל העירה וכל העם התאספו לשמוע את הכמתו ולראות את כח מעשיו, עלה הבמתה וישא את משלו "מן החכם והרשע שבאגדה, והעלה את המסקנא שהכמת החכם ורשעת הרשע גם שניהם היו ממדרגה נמוכה, והנמשל מובן מאליו: שר"ל שהרב המערער איננו צדיק כ"כ והמנהל איננו רשע כ"כ, וממילא נשארו שניהם על מעמדם בתוספת תקנה אחת שעשה הפשרן, והוא, שמהיום והלאה אל ידרוך הרב על מפתן התלמוד תורה וממילא לא יהיה מקום למחלוקת בינו לבין המנהל... על פשוה כזאת אמר החמכ"א במשלי: „מצדיק רשע ומרשיע צדיק תועבת ה' גם שניהם", (ר"ל אפילו כשהם באים שניהם ביחד) (המחבר).

„צדיק" עושה שלום בין שודדים.

„מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק: ואומר רזי לי רזי לי! אוי לי! בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו: פחד ופחת ופח עליך יושב הארץ". (ישעיה כ"ד ט"ז).

הדברים האלה הם כספר החתום, מהו הרז הזה שהנביא קורא ואומר, „רזי לי", ר"ל אני יודע הסוד הזה? ומדוע בדעתו את הסוד והרז הזה הנביא צועק „אוי לי!?", ומה שאמר, „בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו" הם דברים כפולים ואין להם המשך וביאור, וגם המליצה „פחד ופחת ופח עליך יושב הארץ" צריכה ביאור.

והענין הוא כי הנביא יצייר כי מכנף הארץ אשר שמה משכנות השודדים הבורחים מן הישוב, כמ"ש (איוב כ"ד כ"ה) „הן פראים במדבר יצאו בפעלם משחרי לטרף וגו'", משם נשמע קול זמירות שהם מזמרים ונותנים צבי ותפארת לצדיק — והנה כל השומע משתאה ומשתומם לשמוע שיר תהילה לצדיק מפי שודדים, ומדמה במחשבתו כי כבר הגיעו ימות המשיח! אבל, יאמר הנביא: „רזי לי, רזי לי!" אני יודע פשר הדבר הזר הזה, ושהוא לא אות לטובה, רק „אוי לי!" כי נהפוך הוא — כאשר אבאר לכם: הנה זהו דבר ידוע שהשלום לשודדים טוב להם (כי בלא זה היו מוסרים איש את רעהו למלכות) אבל רע לעולם, כמובן מאליו, והנה פעם אחת קרה שהשודדים שללו הון רב ובבואם לחלק שלל פרצה ביניהם מריבה גדולה עד כי רצו למסור איש את רעהו למלכות, (וזהו: „כי בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו", ר"ל בתחילה בגדו באחרים ואח"כ בגדו איש ברעהו) ורויח והצלה היה נשקף לכל בני המדינה, אולם, אהה! כי חפץ ראש השודדים הצליח בידו לעשות שלום ביניהם, וזה היה קול הזמירות שנשמע ממשכנות השודדים שהיו נותנים „צבי לצדיק" שעשה שלום והפיח רוח חיים ביניהם! — ועתה, אמר הנביא: „פחד ופחת ופח עליך יושב הארץ!", ר"ל אל תשמחו אל השלום שנעשה בין השודדים, כי אדרבא יש לכם לדאוג על זה מאד, כי בזה תתקיים חברתם ולא יהיה מנוס מהם. — והנביא מכנה את השודדים במליצתו בשמות הכינוים שמכנים איש את רעהו, כי זה טבע השודדים לכנות את כל אחד מחברתם לפי מעשיו שהצטיין בהם במלאכת השוד והחמס, למשל את האכזר כיעינים יקראו „פחד" מחמת שמטיל אימה, את הערום כשועל יקראו „פח" מחמת שלוכד את טרפו בתחבולות ובמזימה, וכן כלם, ועתה כאשר נעשה שלום ביניהם וכלם הם באגודה אחת אין מנוס מהם, וז"ש: „והיה הנס מקול הפחד יפול אל הפחת והעולה מתוך הפחת ילכד בפח". (נזר הנצחון, הרח"י פלענסבערג).

אוצר הדרוש והחטפה.

פון דער בימה.

פך השמן

(דרוש לחנוכה).

הרב שלום ראבינאוויץ.

מאי חנוכה? דת"ר בכ"ה בכסלו יומי דחנוכה תמניא אינון וכו' שכשנכנסו עובדי כוכבים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן גדול ולא היה בו אלא להדליק יום אחד נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים, לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה.
(שבת כ"א ע"ב)

I

ווען איהר בעגעגענט א אידישען יונגען מאן, וואס זאגט אייך, אז ער גלויבט ניט אין גאט, זאלט איהר איהם ניט גלויבען — ער האט א טעות אין זיך אליין.

א איד קען ניט אויסקומען אהן א גאט אפילו איין איינציגען טאג. די תורה זאגט דאריף עדות: „וירא העם כי בושש משה לרדת מן ההר ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו קום עשה לנו אלקים" — ווי נור דאס פאלק האט דערזעהן אז משה פערזאמט זיך עטוואס ארונטערצוגעהן פון בארג, און ווי נור זיי האבען גע־קראגען א פערדאכט אז אט אט בלייבען זיי אהן א גאט... זיינען זיי גלייך צוגעשטא־נען צו אהרן'ען ער זאל זיי מאכען אן אנדער גאט, מעג ער אפילו זיין א קאלב, אבער אין גאנצען אהן א גאט קענען מיר ניט זיין...

אנמערקונג:

דיעזע דרשה איז שוין אמאל פערעפענטליכט געווארען אונטערען נאמען „די צובראכענע געטער" אין מאנאטליכען זשורנאל "דער אידישער וועכטער" וואס דער פער־פאסער האט ארויסגעגעבען מיט אייניגע יאהר צוריק, אבער צוליעב איהר וויכטיגקייט האט דער פערפאסער געדענקט אז זי טהאר ניט פעהלען אין אוצר. אגב, זיינען געמאכט געווארען אין איהר וויכטיגע ענדערונגען וואס די לעצטע וועלט־פאסירונגען האבען נויטהיג געמאכט.

דאס איז פיעלייכט די ערקלעהרונג, וואס אידען האבען אויסגעדיענט אזוי פיעל עבודה זרה'ס אין ביבלישע צייטען. — אנדערע פעלקער ווען זיי האבען אנגע־ווארען די אמונה אין זייערע געטער, זיינען זיי געבליבען אין גאנצען אהן א גאט, אפילו אין אונזערע אייגענע צייטען זעהען מיר דיזע ערשיינונג ביי אנדערע פעל־קער. גאנץ אפט וועט איהר בעגעגענען גוים וואס וועלען אייך זאגען: „אי העוו נא רעלידזשיען" (איך האב קיין רעליגיאן) און איהר מעגט זיי גלויבען. — דער אידישער נאטור דערלאזט ניט אזא זאך. דער איד קען אהן א גאט ניט עקזיסטי־רען. ווי דער תנ"ך זאגט עדות פיעל מאל: „ויעזבו את ד' וילכו אחרי אלהים אחרים", ווי נור זיי האבען פערלאזען דעם אמת'ען גאט, האבען זיי גלייך גע־נומען נאכפאלגען פרעמדע געטער.

און אזוי האט זיך די געשיכטע ווידערהאלט אונצעהליגע מאל. ניט אלע מאל זיינען די געטער, וואס מיר האבען זיך בעשאפען געווען געצען פון שטיין און פון האלץ אויסגעשניצטע אין די פארמע פון א מענשען ווי מיר זעהן דאס היינט ביי די הייזענישע פעלקער. דער אידישער גייסט איז צו עדעל פאר אזעלכע גע־טער. די אידישע אבגעטער איבערהויפט אין די מאדערנע צייט, זיינען געווען פערשידענע אידעאלען, וועלכע די אידישע יוגענד האט פערגעטערט פון צייט צו צייט און גאנץ אפט זיך מוסר נפש געווען פיר זיי פונקט ווי זייערע עלטערע פון אלטען דור האבען זיך מוסר נפש געווען פאר'ן אמת'ן גאט פון זייערע עלטערען*)

אנטיסעמיטען בעשולדיגען דעם אידען גאנץ אפט אין מאטעריאליזמוס; זיי זאגען אז דעם אידען'ס נשמה ליעגט אין זיין פאקעטבוך. זיי זאגען, אז ער האט ניט קיין אידעאל און קיין בענקען און שטרעבען נאך עטוואס גייסטיגעס. דאס איז איינע פון די ליעגענס וואס צייגט דייטליך ארויס די אונוויסענהייט פון די אידען־פרעסער אין דעם אידישען לעבען און אידישען נאטור. דער פאקט איז פונקט פער־קעהרט. ווי איך האב אויבען ערקלעהרט, אז דער איד קען ניט לעבען אהן א גע־וויסען אידעאל, אזוי ווי א פיש קען ניט לעבען אהן וואסער. עס איז אמת אז ער ביים גאנץ אפט זיינע אידעאלען, אבער קוים.ווארפט ער אוועק איין אידעאל מוז ער זיך גלייך בעשאפען אן אנדערען צו פערנעהמען דעם פלאץ. ואס איז לעדיג געבליעבען אין זיין נשמה, אז ניט פיהלט ער, אז עטוואס פעהלט איהם און אז זיין לעבען איז פוסט און צוועקלאז.

דיעזער אידישער נאטור האט זיך אבגעשפיעגעלט אין זיינע אמת'ע קאלירען אין אונזער געשיכטע פון דעם לעצטען יאהרהונדערט. — אין אנפאנג פון נייג־צעהנטען יאהרהונדערט ווען דער גייסט פון אטהעאיזמוס (אונגלויבינקייט, אפיקורסות) וואס איז בעשאפען געווארען מיט די פראנצויזישע רעוואלוציאן האט דורכגעדרונגען אלע אייראפעאישע פעלקער, האט ער אויך ניט פערפעהלט צו בע־זוכען דעם אידישען לאגער. — א גרויסע טהייל פון די אידישע יוגענד פון יענעם דור האט אוועקגעווארפען די אלטע אמונה פון זייערע עלטערען און האט זיך פלוצים געפונען אהן א גאט. די אנדערע פעלקער פון אייראפא ווען זיי האבען זיך געפונ־נען אין אזא פאזיציאן, האבען גאנץ ווייניג געזארגט, ווייל, ווי געזאגט, זיי קענען אויסקומען אין גאנצען אהן א גאט. אבער דער איד קען א טאג ניט פער־בלייבען אהן א גאט. אלזא, ווי נור די אידישע יוגענד האט אנגעווארען די אמונה אין דעם גאט פון זייערע עלטערען האבען זיי זיך באלד בעשאפען אן אנדערען גאט אויף זיין פלאץ. דער נייער גאט איז געווען די השכלה.

דער העכסטער אידעאל פון די אידישע יוגענד פון יענעם דור איז געווען שטודירען, און דער וואס האט שוין זוכה געווען אויסצושטודירען דאקטאר אדער אינזשעניר איז פערגעטערט געווארען און בעטראכט געווארען אלס „אדם העליון" „איבערמענש". עס האט אפט געטראפען אז איינער פון דיזע „געשטודירטע" האט געפיהרט אן אויסגעלאסענעם לעבען אדער האט אבגעטהאן אנדערע מעשים תעתועים, אבער דאס האט ניט פערקלענערט זיין כבוד צווישען די העלדען פון דער השכלה. ערשטענס, האבען זיי אויף א „געשטודירטען" קיין שלעכטס ניט געקענט גלויבען. גאר להבדיל ווי די גמרא זאגט אויף דוד'ן „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה". און אויב זיי האבען דעם פאקט ניט געקענט אבלייקענען, האבען זיי אפען געזאגט, אז א „געשטודירטער" איז א פריוויליגירטע פערזאן וואס א פראסטער מענש טהאר ניט מעג א געשטודירטער יא.

ווען א משכיל האט זיך דערדיענט און איז געווארען א שרייבער פון מעשהביכלעך אין לשון קודש אדער זשארגאן, האט ער אבגעמאלט דעם געשטודירטען אלס האלבען מלאך מיט א כאראקטער ווייס ווי שנעע, און פערקעהרט, ווען ער האט געדארפט האבען א „וויללעין" (א פערדארבענעם מענשען, איין אינטריגאנט) האט ער אויסגעקליעבען א אידען פון אלטען דור און האט איהם פארגעשטעלט אלס א איד וואס שיט נאכאנאנד מיט תורה און אין דער שטיל איז ביי איהם רעכט אומצובריינגען מענשען פון דער וועלט. — די יעניגע פון מיינע לעזער וואס האבען געלעזען דעם „שווארצען יונגען מאנטשיק" אדער „אבן נגף" אין זשארגאן, „עיט צבוע" אדער „התועה בדרכי החיים" א. ז. וו. אין העברעאיש, דארפען קיין בעווייזע ניט האבען צו מיינע רייד.

ווען א משכיל פון יענער צייט איז געווארען א "משורר" ביי אידען (און ווער פון די פארצייטיגע משכילים איז דאס ניט געווען קיין משורר?) האט ער בענוצט זיין מוזע הויפטזעכליך צו זינגען שירים ותשבחות צו די **השכלה בת השמים**. אלע משוררים פון יענער צייט האבען געזונגען אויף איין טהעמא, נעמליך: "כאפ זיך אויף מיין פאלק, ווי לאנג וועסטו שלאפען... פערלאז דעם אלטען בית מדרש מיט זיינע פערשטויבטע ספרים... געה ארויס אין די ליכטיגע וועלט און זיי א מענש מיט לייטען גלייך... נעהם זיך צו בילדונג, לערן זיך אויס די לאנדעשפראכע, נעהם אן די מאניערען פון דיינע קריסטליכע שכנים. און דאן וועלען זיי דירענטגעגען קומען מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס, וועלען זאגען צו דיר „אחינו אתה!" און דו וועסט לויז ווערען פון גלות און פון אלע דיינע צרות"...

ניט אזוי לייכט איז זיי אנגעקומען צו געווינען דאס פאלק אויף דער זייט פון זייער נייעם אבגאט. אבער ביסלעכווייז האט זיך ישראל'יק געלאזט איבעררעדען, ער האט פערלאזען דעם בית המדרש, פערזוכט די אייראפעאישע בילדונג, האט געקראגען גרויס לוסט צו איהר. און האט זיך צוגעכאפט צו איהר נאך מיט גרעסערע התלהבות ווי די משכילים האבען עס ערווארטעט.

אבער זעהט וואס אויף דער וועלט קען פאסירען. נאכדעם ווי די משכילים האבען ערררייכט א פאלשטענדיגען זיעג, נאכדעם ווי קיינער האט שוין ניט געוואגט צו עפענען א מויל געגען די השכלה בת השמים (א חוץ עטליכע פאנאטיקער, וואס די משכילים האבען זיי מבטל געווען כקליפת השום) — האבען פלוצלונג אלע דערפיהלט אז דער אבגאט האט פערלארען זיין כח, אדער בעסער געזאגט ער האט גאר קיינמאל קיין כח ניט געהאט...

די משכילים האבען אויסגעפונען, אז זיי האבען געמאכט דעם זעלבען טעות, ווי יענער קליינשטעדטעלדיגער שדכן — אן אלטער מלמד פון א קליין שטעדטעל איז א מאל געקומען צום רבי'ן און האט איהם דערצעהלט אז ער איז אן עני מדוכא, א מטופל מיט א „השובה אשה, וגם בבנים חמשה", און אלעם וואס איז געווען אין הויז איז שוין פער'משכון'ט, און עס איז ניטא קיין האפענונג ארויסצונעהמען א. ז. וו., א. ז. וו. —

דער רבי האט דעם פארשוין גאנץ גוט בעטראכט און האט איהם אן עצה געגעבען, ער זאל ווערען א שדכן.

דער מלמד איז אוועקגעפאהרען אהיים און האט בעשלאסען צו מאכען זיין ערשטע אפעראציאן אויפ'ן נגיד פון זיין שטעדטיל, וועלכער האט געהאט א בת יחידה א מיידעל אין שידוכים, אבער וואו נעהמט מען א חתן, וואס זאל פאסען פאר איהר? קיין צווייטער נגיד איז אין גאנצען שטעדטיל ניט געווען, פאלט איהם איין אז תורה איז די בעסטע סחורה, און אזוי ווי עס זיצט אין בית המדרש א סלאבאדקער בחור, וואס די גאנצע שטאדט ווייסט אז ער איז א גרויסער מתמיד און א ירא שמים, דארף מען ניט האבען קיין שעהנערען חתן ווי ער איז, אבער דא פאלט אן אויפ'ן שדכן א מורא, טאמער וויל דער בחור ניט? עפעס מורמעלט מען אויפ'ן גביר, אז ער איז ניט קיין גרויסער ירא שמים, מען האט איהם געזעהען עסענדיג אום אסתר־תענית, און אויף זיין טאכטער זאגט מען אז מען האט איהר געזעהען טראגען א נאז־טיכעל אהן איין עירוב. — טראכטענדיג וועגען דיעזע זאכען האט איהם אזש ארויסגעשלאגען א קאלטער שוויים, אויב דער „סלאבאדקער" האט געהערט פון דיעזע זאכען — טראכט זיך דער שדכן — וועט ער געוויס ניט וועלען הערען פון אזא שידוך.

שעהנע עטליכע טעג איז ער ארומגעגאנגען און זיך געבראכען דעם מוח וועגען דעם, ביז ער האט אויסגעקלעהרט א גאנצען „קעמפיין" ווי ער זאל מיט'ן סלאבאדקער רעדען, נעמליך: ער זאל איהם געבען צו פערשטעהען, אז ער האט דא א געלעגענהייט מחזיר למוטב זיין א גאנצע פאמיליע. מילא די טאכטער וואס וועט ווערען זיין ווייב וועט דאך געוויס ווערען א גאטס־פארכטיגע אידישע טאכטער. עס שטעהט דאך בפירוש „והוא ימשל בה", נור אפילו דער גביר אליין מיט זיין גאנצער פאמיליע וועלען אויך געוויס ווערען בעלי תשובה ווען זיי וועלען אריינקריעגען אזא ירא שמים אין דער פאמיליע.

בעוואפענט מיט אזא שטארקען ארגומענט איז ער געקומען צום ישיבה בחור, אבער צו זיין גרויסער פרייד האט ער מיט'ן בחור גאר נישט געדארפט אזוי פיעל טענה'ען. „דער סלאבאדקער" האט אויסגעהערט דעם ענין מיט גרויס נייגירדע און האט געזאגט אז פון זיינעט וועגען מעג מען שרייבען תנאים אפילו היינט.

דער שדכן איז אוועקגעלאפען אהיים מיט גרויס שמחה: — ברײנע — זאגט ער צו זיין ווייב — מיר מעגען זיך ביידע אבגעבען מזל טוב. איך האב ברוך השם אויסגעפיהרט אן ענין וואס וועט מאכען אן ענדע צו אונזער ארימקייט. אונזערע זילבערנע לעפעל זיינען שוין אזוי גוט ווי ארויסגענומען פון מלוה און אונזערע קישענס נעכטיגען די לעצטע נאכט אין גמילת חסדים. — וואס איז? — פרעגט די ווייב מיט ערשטוינונג — האסט געפונען אן אוצר? — נאך בעסער — זאגט דער שדכן — איך האב געפונען א חתן פאר יוסיל דעם נגיד'ס טאכטער, אלעס איז שוין אבגעמאכט איך דארף נור אריבערלויפען צו יוסל'ען „גומר" זיין דעם ענין. —

פאר שמחה האט די ווייב אוועקגענומען די האנד פון הארצען און איהם געגעבען א בעסערען סאפער ווי געוועהנליך.

נאך סאפער האט דער שדכן אנגעטהאן די שבת'דיגע קאפאטע און אוועק מיט א פרעהליכען הארצען צו יוסיל דעם נגיד.

וואס דארטען איז פארגעקומען גלויב איך אז איהר פערשטעהט שוין אליין, איידער דער שדכן האט נאך פאספייעט פארצולעגען דעם ענין מיט אלע פרטים, האט איהם יוסיל גאנץ געלאסען אנגענומען פאר'ן קאלנער און איהם ארונטערגעווארפען פון אלע טרעפען.

די העלדען פון דער השכלה האבען געהאנדעלט פונקט ווי יענער שדכן. זיי האבען אוועקגעלעגט זייער גאנצע מיה איבערצורעדען יעקב'ען אז עס לוינט איהם צו ווערען א מחותן מיט עשו'ן. יעקב האט זיך בלומר'שט געלאזט בעטען, אבער א איד איז דאך קיין גזלן ניט. ער האט זיך ענדליך געלאזט איבעררעדען. אבער דאן, ווען די משכילים האבען זיך שוין קאנגראטולירט, אז דער ענין איז שוין נגמר געווארען בכי טוב, האבען זיי זיך פלוצים ארומגעזעהען אז עס זיינען דא צוויי צדדים אין א שידוך, און אז פועל'ן ביי איין צד מיינט נאך ניט אוסגעפיהרט דעם שידוך.

אויפ'ן פעטער ישו האט ד השכלה א גאנץ קנאפען איינדרוק געמאכט. די זעלבע שנאה וואס ער האט פריהער געהאט צו יענקלען", האט ער איצטער געפיהלט צו „יאקאב'ן אדער צו „דזשייקאב'ן". פיעלייכט נאך מיט מעהר פרישקייט. און טאמער איז דאס נאך ניט גענוג געווען, האבען א ביסעלע שפעטער אויסגעבראכען די פאגראמען אין רוסלאנד און אין אנדערע פינסטערע לענדער.

דאס איז געווען דער אנטווארט פון עשו'ן אויף די מחותנים'שאפט וואס יענקעל האט גענומען ארויסווייזען צו איהם אין דער לעצטער צייט...

די אידישע יוגענד האט פלוצים דערזעהען איהר אבגאט השכלה ליעגענדיג צובראכען ביי איהרע פיס. זיי זיינען וויטער געבליעבען אהן א גאט. אבער אהן א גאט קען דאך א איד ניט זיין, האבען זיי אויף גיך בעשאפען א נייעם גאט.

דער צווייטער אבגאט פון די אידישע יוגענד איז געווען פאליטישע פרייהייט. מיט די גאנצע התלהבות פון דער אידישער נשמה האבען זיך אונזערע יונגע לייט אריינגעווארפען אין דער מלחמה צו בעפרייען די מענשהייט פון פאליטישען רעספאטיזמוס, פונקט ווי זייערע עלטערען האבען זיך א מאל געלאזט ווארפען אין פייער און מאטערען מיט די פאלטער־מאשינען פון די אינקוויזיציאן צוליעב זייער אמונה, אזוי האבען אונזערע מאדערנע מארטירער זיך געלאזט שיסען און הענגען און שמאכטען אין די קאזעמעטען פון סיביריען צוליעב דיעזען נייעם אבגאט. ווען אימיצער האט זיי געפרעגט: „סטייטש, וואס גיט איהר אוועק אייערע כחות און אייער לעבען פיר פרעמדע, ווערענד אייער אייגען פאלק איז פערשקלאפט און פערפאלגט און נויטהיגט זיך אין אייערע דיענסטע, — האבען זיי געענטפערט: „דאס אידישע פאלק וועט געהאלפען ווערען ווען די גאנצע מענשהייט וועט געהאלפען ווערען, ווען דער פאליטישע דעספאטיזמוס וועט פאלען וועט ממילא אויך פאלען דער אייזערנער וואנד וואס טהיילט פעלקער פאנאנדער און מאכט זיי פאר שונאים איינע צו די אנדערע.

מיט דיעזע געדאנקען אין זינען האבען אידישע יונגע לייט געקעמפט אין די ערשטע רייהען פון אלע רעוואלוציאנערע און רעפארם־בעוועגונגען, וואס זיינען

אנגעפיהרט געווארען אין פערשיעדענע לענדער אין די לעצטע צייט. אין געוויסע פעלע האט די אידישע יוגענד אליין בעשאפען דיעזע בעוועגונגען, און הגם זיי האבען נאך דערוויילע די וועלט אין גאנצען ניט איבערגעמאכט, האבען זיי דאך אריינגעבראכט א גרויסע מאס ליכט און פרייהייט אין פיעלע פינסטערע ווינקלען פון דער וועלט.

אבער דאן האבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז פון זייער האפנונג, דאס די בעפרייאונג פאר אנדערע פעלקער וועט אויך ברענגען א ישועה אויף זייער אייגענע אונגליקליכע פאלק, האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען.

ווען די רוסישע „דומא", וועלכע די אידישע יוגענד האט בעשאפען מיט איהר בלוט, האט זיך אין די לעצטע צייט ארויסגעוויזען אין איהרע אמת'ע פארבען, נעמליך: אלס אויסגעצייכענטע פאלקס-בימה פאר אנטיסעמיטישע פראפאגאנדא, האט א געוועזענער אידישער דעפוטאט געזאגט אויף איהר פאלגענדען משל:

א אידישער בעל־הבית פון א קליין שטעדטעל איז א מאל אויפגעשטאנען שבת פארטאג און האט געוואלט אריינקוקען אין א ספר, אבער וואס טהוט מען אז עס איז פינסטער? פאלט איהם איין א פלאן, ער וועט אויפוועקען זיין נאכבאר יעפים און איהם אריינרופען מאכען א שנאפס (דאס איז ער געווען זיכער, אז מאכען א שנאפס וועט יעפים אויפשטעהען בשמחה רבה אפילו אין מיטען דער נאכט) און הגם מען טהאר א גוי ניט זאגען ער זאל אנצינדען פייער, ווייל "אמירה לנכרי שבות", אבער אז דער גוי וועט שוין זיין אין הויז וועט ער שוין געפינען אן עצה ווי צו מאכען, אז ער זאל אנצינדען פייער ניט געזאגטערהייט. אזוי האט ער טאקי געטהאן, און דער גוי, ווען ער האט דערהערט א שנאפס, האט זיך טאקי ניט געפוילט און איז אויפגעשטאנען, זיך אנגעקליידט, און אריין צום אידען אין הויז, — דער איד האט זיך כלומר"שט געמאכט אז ער קען ניט געפינען די שנאפס אין דער פינסטער, און דער גוי האט פערשטאנען, וואס מען מיינט און האט טאקע ארויסגענומען א מעטש און אנגעצונדען דעם לאמפ.

דער איד איז צופריעדען געווען וואס זיין פלאן האט זיך איינגעגעבען און אויס דאנקבארקייט האט ער אוועקגעשטעלט אויף'ן טיש די גאנצע פלעשעל, אזוי ווי איינער זאגט: נעהם וויפיעל דו ווילסט אליין. יעפים האט זיך טאקי ניט געלאזט בעטען און האט געמאכט אתח ושתים, אבער ווען ער האט געדענקט, אז ער האט שוין גענוג, האט ער זיך גאנץ גוט בעלעקט, אבגעווישט די וואנצעס, און גאנץ געלאסען גענומען און אויסגעלאשען די פייער. — זאגען א ווארט האט דער איד ניט געקענט ווייל עס איז דאך א בפירוש'ע משנה (שבת קכ"א) „עכו"ם שבא לכבות אין אומרים לו כבה ואל תכבה". און אזוי איז ער נעביד ווייטער געבליעבען אין דער פינסטער.

די אידישע סאציאל־דעמאקראטען האבען זיך געפונען נאך די רוסישע רעוואלוציאן פון 1905 פונקט אין דער זעלבער פאזיציאן. זיי האבען געשטעלט זייער לעבען אין קאן און האבען אויפגעוועקט דעם רוסישען קאצאפ, ער זאל אריינברענגען עטוואס ליכט אין זיין לאנד, דענקענדיג אז עס וועט זיין ליכטיג די רוסען וועט דאס אונגליקליכע אידישע פאלק אויך הנאה האבען פון זייער ליכט. אבער איוואן איוואנאוויטש האט זיך בענוצט מיט די ליכט נאר פון זיין אייגענער הנאה וועגען, דעם אידען האט ער געלאזען אין דער פינסטער פונקט ווי בעפאר...

אין 1914 איז די פערפוילטע רוסישע רעגיערונג פון די ראמאנאווס אריין אין קריעג מיט דייטשלאנד אונפארבערייטעט. מיט דעם רעזולטאט אז אין א משך פון א פאאר יאהר האט די גאנצע מדינה צוזאמענגעבראכען און דער פלאקער פון „רעוואלוציאן" האט ארומגעכאפט די גאנצע פאלק — זעלבסטפערשטענדליך אז די אידישע יוגענד האט פערנומען דעם אויבענאן אין די ערשטע רייהען פון די נייע בעוועגונג. דער ווארט „רעוואלוציאן" איז געווארען פאר זיי ממש א נייע רעליגיאן. זיי האבען געזעהן אין דיעזען פאלקס־קאמפף די בעפרייאונג פון די גאנצע מענשהייט בכלל און פון די אידישע פאלק בפרט.

די רעוואלוציאן איז געקרוינט געווארען מיט מעהר ערפאלג ווי מען האט געקענט ערווארטען. ווי א וויטהענדער שטורם האט זי דורכגעבראכען די אייזערנע ווענט פון די אלטע טיראניי און האט איבערגעגעבען די לייצעם פון הערשאפט אין די הענט פון די אונטערדריקטע מאסען פון פאלק.

עס האט אבער ניט לאנג גענומען און די אידישע קעמפפער האבען אויסגעפונען וויעדער א מאל אז דער נייער גאט פון רעוואלוציאן האט זיי אבגענארט. — אזוי ווי דער אלטער פרעה פון ביבלישע צייטען האט גאנץ גיך פערגעסען די דיענסטע וואס יוסף האט געלייסטעט זיין לאנד, אזוי האט דער מאדערנער איוואן איוואנאוויטש לייכט פערגעסען די מחנות אידישע אידעאליסטען וואס האבען מיט גרויס בעגייסטערונג אוועקגעלעגט זייער לעבען פאר דער רוסישער פרייהייט — די בעפרייעטע רוסישע מאסען האבען בענייט די אלטע הריגות און פאגראמען אויף אידען נאך מיט מעהר פרישקייט ווי אין די צייטען פון די ראמאנאווס.

ענדליך איז די אידישע יוגענד ווידער געבליעבען אהן א גאט...

אבער אזוי ווי אהן א גאט קען א אידישער יונגער מאן ניט זיין, האבען זיי זיך בעשאפען אן אנדער גאט.

דער נייער גאט פון דער אידישער יוגענד, איז געווארען **אידישע נאציאנאליזמוס**.

זעהענדיג אז די פעלקער ווילען ניט אנערקענען זייער פאטריאטיזמוס צו די פרעמדע לענדער, האבען זיך די אידישע יונגע לייט דערמאהנט אז זיי האבען ערגעץ אן אייגענע לאנד אין אזיען, און זעהענדיג, אז מען פערצאמט זיי דעם וועג צו פרעמדע שפראכען און פרעמדע ליטעראטורען, האבען זיי זיך דערמאהנט אז זיי האבען אן אייגענע שפראך און אז מען קען מיט איהר בעשאפען אן אייגענע ליטעראטור. דער קאמפף־געשריי איז געווארען: ווארום זאלען מיר קלייבען ברעקלעך אונטער פרעמדע טישען, ווען מיר קענען זיצען מיט לייטען־גלייך ביי אונזער אייגענעם טיש. די זעלבע התלהבות וואס זיי האבען פריהער ארויסגעוויזען אין די פרעמדע וועלט־בעוועגונגען האבען זיי יעצט איבערגעטראגען נאך מיט מעהר שטארקייט צו זייער אייגענע נאציאנאלע בעוועגונג, און אין א קורצע צייט האבען זיי טאקי בעוויעזען וואונדער. פון די שוואכע און צושפרייטע חובבי ציון חברה'לאך האבען זיי געמאכט א מעכטיגע פאלקס־ארגאניזאציאן און פון גאר נישט האבען זיי בעשאפען א בעדייטענדע העברעאישע ליטעראטור.

פון די אלע געטער וואס די אידישע יוגענד האט זיך בעשאפען איז דיעזער אהן צווייפעל דער שעהנסטער. איז אבער דער חיסרון אז מיר אידען זיינען עקס־טרעמיסטען. — גאנץ אפט ווערט א גוטע אידעע פערדארבען ביי אונז אין די הענד צוליעב דעם וואס מיר כאפען אריבער די מאס. אזוי איז עס אויך געגאנגען אין

דיעזען פאַל. — אין אַ קורצע צייט האָבען פיעלע פון די יונגע ציוניסטען אַנגע־הויבען אַרויסצואווייזען סימנים אַז זיי קענען אויסקומען מיט אַ „ירושלים" אָהן דעם „שוכן בירושלים" — אין זייער האַפענונג און מעטהאָדען ווי אַזוי צוריק־צוגעווינען ארץ ישראל פערנעהמט גאָט קיין פּלאַץ ניט; זיי לעגען פיעל מעהר געוויכט אויף אַ מיליאָן־דאָללאַר־פאָנד ווי אויף תשובה ותפילה; זיי גלויבען פיעל מעהר אין באַזעלער פּראָגראַם ווי אין תורת משה; זיי האָבען פערגעסען די ווערטער פון הייליגען משורר: „אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר".

דיעזע זיינען אַ גרויסע געפאַהר פאַר'ן יודענטהום — ווייל אויב זיי וועלען טאַקי ווערען אַ מאַכט אין די נייע ציון וירושלים וואָס מיר האָפען צו זעהן בבנינה בב"א וועלען זיי די שכינה פערטרייבען פון דאָרטען — זיי וועלען מאַכען פון דער הייליגער לאַנד אַ „פּאַלעסטינאַ" (ארץ פלשתים) אָבער ניט קיין „ארץ הקדושה". און זיי וועלען חו"ש ברענגען אַ דריטען חורבן מיט נייע קינות פאַר די קומענדע דורות...

דער אמת איז אַז אידישע נאַציאָנאַליזמוס איז נור אַ טהייל פון יודענטהום, אָבער בשום אופן ניט דאָס גאַנצע יודענטהום און אַזוי ווי עס איז אַ געפאַהר פאַר אַ לעבעדיגען קערפּער ווען איינער פון זיינע גליעדער נעהמט וואַקסען אויסער פּראָפּאָרציאָן, אַזוי האָט אונזער היסטאָריע שוין איינינע מאָל בעוויעזען אַז עס איז אַ געפאַהר פאַר אונזער אמונה אויסצוקלייבען איין מצוה אָדער אידעע פון דער תורה און אַנצוהייגען אַז איהר די גאַנצע האָפענונג און שטרעבונג פון דאָס אידישע פאָלק.

און דעריבער זאָג איך צו די אידישע יוגענד: אויב איהר מיינט אָבצושניידען פאַר זיך נור איין גליעד פון יודענטהום און די איבריגע איבערצולאָזען, ווערט איהר אין גיכען געפינען אויך דיעזען גליעד אַ טוידטען אין אייערע הענד... בעפאַר איהר קענט פירווירקליכען אייער האָפענונג אויף די אידישע לאַנד מוזט איהר פריהער טרינקען די וואַסער פון די אידישע אמונה.

איהר האָט געוויס געהערט די געשיכטע ווי אַזוי אַן אַלטער מאַן האָט אַ מאָל געוואָרפען אַן אומ'חן אויף זיין אַלטע ווייב. האָט איהר געג'גט און געהייראַט אַ מיידעל. געוועהנליך, האָט ער פון איהר קיין האָניג ניט געלעקט, און דער סוף איז געווען אַז ער האָט זיך געמוזט מיט איהר שיידען און איז אין גאַנצען געבליע־בען עלענד ווי אַ שטיין. דאַן האָבען זיך בערעכענט זיינע דערוואַקסענע קינדער און זיינען איהם געקומען ריידען אַ שידוך טאַקי מיט זיין אַלטע פלונית'טע, זייער מאַמען, און דער אַלטער האָט זיך לייכט געלאָזט איבעררעדען.

אָט מיט דעם זעלבען סאָרט שדכנות וויל איך קומען צו די אידישע אינטעלי־גענץ.

שוין מעהר ווי אַ יאָהרהונדערט זייט איהר האָט אַוועקגעוואָרפען די אַלטע פער־הייליגטע אמונה פון אייערע עלטערן און אַנגעפאַנגען צו דיענען אַנדערע געטער. אָבער איינעם נאָכ'ן אַנדערען האָט איהר אויסגעפונען אַז זיי זיינען געמאַכט פון ליים, און ביים קלענסטען שטויס וואָס זיי האָבען געקראַגען זיינען זיי צושאָטען גע־וואָרען פאַר אייערע פיס...

איך האָב פאַר אייך אַ אידעאַל וועלכער איז געמאַכט פון אַ בעסערען שטאָף

ווי דיעזער און וועלכען איהר וועט שיון ניט דאַרפען בייטען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

דער נייער אידעאַל וואָס איך שרכן אייך איז קיין אַנדערער אַלס דער אַלטער און אימער נייער יודענטהום!

דער יודענטהום איז אַ אידעאַל וואָס האָט צוגעקניפּט צו זיך דאָס האַרץ פון אונזער גאַנצען פאָלק פאַר אַ משך פון 4000 יאָהר: אַ אידעאַל וואָס האָט זיך ניט געביטען אין די פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע לענדער און אומשטענדען, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט: אַ אידעאַל, וואָס קיין פייער און וואַסער האָבען ניט געקענט פערניכטען און קיין צוואַנגען האָבען ניט געקענט אַרויסרייסען פון די אידישע האַרץ, ווי דער גרויסער משורר זאָגט: „מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה“.

די געטער וואָס איהר האָט ביז יעצט געדיענט זיינען געוועזען לייטענע שאַרבענס: די אידעאַלען וואָס איהר האָט ביז יעצט פערגעטערט זיינען גאָר קיין אידעאַלען ניט געוועזען, נור איינפאַכע געשעפטס־מעסיגע פּלענער צו פערבעסערען די לאַגע פון מענשען אויף דער וועלט; דער אמת׳ער אידעאַל איז אַ זאַך, וואָס איז פערבונדען מיט דער נשמה ניט מיט׳ן גוף. איין אידעע וואָס דער מענש ליעבט „שלא על מנת לקבל פרס“, אָהן אַ שום האָפענונג צו ציהען נוצען דאַפון, און אפטמאָל פערקעהרט, מיט אַ געוויסהייט אַז ער וועט ליידען דערפון.

אַט אַזאַ אמונ׳ער אידעאַל איז געוועזען דער יודענטהום. קיין נוצען אויף דער וועלט האָט דאָס אידישע פאָלק קיינמאָל פון איהם ניט געפאָדערט. פאַרקעהרט, ווען דאָס יודענטהום איז געשטאַנען אין געפאַהר זיינען טויזענדע אידען געוועזען פערטיג אָוועקצולעגען זייער לעבען פיר איהם.

אויף דיעזע געטליכע ליעבע, וואָס דאָס אידישע פלאָק האָט אימער אַרויסגעוויעזען צו זייער אמונה, זאָגט עדות אונזער לאַנגע און וואונדערבאַרע היסטאָריע. קיין בעוועגונג אויף דער וועלט קען ניט אויפווייזען, אַז מענשען האָבען דאַפיר אַזוי פיעל קרבנות געבראַכט, ווי די אידישע קדושים פאַר׳ן יודענטהום, און קיין אידעע אין דער וועלט האָט ניט בכח אַרויסצורופען דעם געפיהל פון מסירת נפש אין אידען׳ס נאַטור, אויסער דער אַלטער און הייליגער אידעאַל פון זיין תורה און אמונה.

אַט דאָס איז דער בעהאַלטענער געדאַנקען אין די געשיכטע פון פך השמן — דאָס אידישע נאַטור איז געוועזען די זעלבע אין אַלע צייטען; אין די צייטען פון נס חנוכה האָט אויך די אידישע יוגענד געשטרעבט נאָך פערשיעדענע אידעאַלען — די אידעאַלען אַליין האָבען געקענט זיין אונשעדליך, אַזוי ווי צום ביישפּיעל פּאָעזיע פילאָזאָפיע די שעהנע קונסט א. ז. וו. וועלכע זיינען גאַנץ אונשולדיג אַלס צייט־פערטרייב אָדער אַלס אַ מיטעל צו ענטוויקלען און צו שאַרפען דעם שכל. אָבער די פערדאָרבענע גריכען האָבען דיעזע חכמות און קינסטע אויסגענוצט צו פערשטאַרקען און פערברייטען זייער אונגעזונדיגע געצענדיענסט און דערמיט האָבען זיי דיעזע אידעאַלען פערשוועכט — אַזוי צום ביישפּיעל האָבען זיי בענוצט די קונסט פון מאַהלעריי און סקולפּטור צו מאַהלען אָדער אויסהאַקען פון שטיינער די פאָרמען פון געטער און געטינען, און די פּאָעזיע האָבען זיי בענוצט צו בעזינגען דיעזע געטער, און די פילאָזאָפיע צו בעווייזען אַז דיעזע געצענדיענסט איז די ריכטיגע רעליגיאָן — אַט דאָס האָבען די חכמי התלמוד אויסגעדריקט אין זייער שעהנע

מליצה: „טמאו כל השמנים" (ווייל חכמה, וויסענשאפט און אנדערע גייס־טיגע זאכען ווערען אין פיעלע ערטער אין תנ"ך פערגליכען צו בוים־אויל אזוי ווי „שמן תורק שמך" „לריח שמניך טובים" א. ז. וו. פערקעהרט קערפערליכע פערגע־ניגען ווערען פערגליכען צו וויין) דאס איז פיעלייכט די אורזאכע וואס מען האט געזאלבט א קעניג מיט אויל, אנצודייטען אז זיין הערשאפט זאל זיין א הערשאפט פון גייסט און אידעאל און ניט פון מאטעריאל.

נור איין אידעאל זיינען זיי ניט געווען מעכטיג גענוג מטמא צו זיין און דאס איז דער אידעאל פון יודענטהום — דיעזער אידעאל קען ניט פערדארבען ווע־רען ווייל עס איז פערזיעגעלט מיט'ן זיעגעל פון כהן גדול. — דער אלרהעכסטער הימלישער כהן גדול האט איינמאל ארויפגעזעצט זיין זיעגעל אויפ'ן יודענטהום, מיט'ן אויפשריפט „לא תוסיפו ולא תגרעו", דיעזער זיעגעל האלט דעם יודענטהום ריין און הייליג פון יעדע פערשוועכונג, זא דאס אפילו די אומריינע גריכען זיינען ניט געווען אימשטאנדע צו פערשוועכען איהר הייליגקייט, אויסגעזועהען האט עס אז דער יודענטהום קען לאנג ניט עקזיסטירען (ולא היה בו אלא להדליק יום אחד) אבער דורך די איבערנאטירליכע קראפט וואס זיצט אין יודענטהום איז זי ניט אונטערגעגאנגען ביז היינטיגען טאג (והדליקו ממנו שמונת ימים — ר"ל זמן הרבה).

די מאגנעטישע קראפט פון די אידישע אמונה איז ניט שוואכער געווארען און די אידישע הארץ איז ניט קעלטער געווארען, די אידישע יוגענד האט נור אויף א ווייל פערבלאנדזשעט אויף פרעמדע פעלדער... זיי זיינען געגאנגען רייסען בלומען אבער זיי האבען זיך צושטאכען די הענד אן די דערנער... זייער נשמה בענקט נאך עטוואס אבער זיי ווייסען ניט וואס, (על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי בקשתיו ולא מצאתיו...)

די אידישע יוגענד האט פרובירט זוכען איהר אידעאל אין פערשיעדענע בעווע־גונגען, וואס האבען צוטהאן מיט די אויסערע מאטעריעלע וועלט, אבער דאר־טען האבען זיי ניט געפונען קיין זאך, וואס זאל קענען צופריעדענשטעלען די אידישע הארץ. (אקומה נא ואסובבה בעיר בשוקים וברחובות אבקשה את שאהבה נפשי בקשתיו ולא מצאתיו...)

ווען זיי וועלען איינמאל פאר אלע מאל פארלאזען דיעזע פרעמדע געטער, און קומען אביסעלע נעהענטער צום אידישען לאגער וועלען זיי געפינען דעם אידעאל, צו וועלכען זייער הארץ ציהט. (כמעט שעברתי מהם עד שמצאתי את שאהבה נפשי...)

און דאן קען מען האפען, אז זיי וועלען זיך שוין מיט איהם קיינמאל ניט שיידען (אחזתיו ולא ארפנו וכו').

דער אידישער אידעאל פון דער צוקונפט מוז און דארף זיין דאס אלטע יודענטהום פו אמאל.

חומר לדרוש.

פך השמן

אגדות חז״ל.

”ואירשתיך לי באמונה וידעת את ה׳“, אתה מוצא שאין הגליות מתכנסות אלא בשכר אמונה, וכה״א, „אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי תשורי מראש אמנה“ שה״ש ד׳). גדולה האמונה לפני מה שאמר והיה העולם שבשכר האמונה שאהמינו ישראל שרתה עליהם רוה״ק ואמרו שירה, שנאמר, „ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו אז ישיר משה“ (שמות י״ד). וכן אתה מוצא שלא נגאלו אבותינו ממצרים אלא בזכות האמונה, שנאמר, „ויאמן העם“ (שם ז׳). אף אברהם לא ירש העוה״ז והעוה״ב אלא בזכות האמונה שהאמין, שנאמר „והאמין בה׳“ (ב״י ט׳). וכן הוא אומר „ואהרן וחור תמכו בידיו וגו׳ ויהי ידיו אמונה (שמות י״ז.) בבעלי אמנה מהו אומר, „פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים“ (ישעי׳ כ״ו). „אמונים נוצר ה׳“ (תהלים ל״א). וכה״א „טוב להודות לה׳ וגו׳ ואמונתך בלילות וגו׳ כי שמחתני ה׳ בפעליך“. (שם צ״ב), מי גרם לנו לבוא לידי שמחה זו אלא בשכר אמונה שהאמינו אבותינו בעוה״ז שכלו לילות, וכן יהושפט אומר לעם, „האמינו בה׳ אלהיכם האמינו בנביאיו והצליחו“ (דיה״ב כ׳). „ה׳ עיניך הלא לאמונה“ (ירמי׳ ה׳). „וצדיק באמונתו יחיה“ (חבקוק ב׳). וכה״א „ויאמינו בדברו ישירו תהילתו“ (תהילים ק״ו (מכילתא, ילק״ש).

כשנכנסו (משה ואהרן) ועמדו לפני פרעה אמר להם, מה אתם מבקשים? אמרו לו כה אמר ה׳ אלהי ישראל שלח את עמי ויחוגו לי במדבר, אמר להם, מי ה׳ אשר אשמע בקולו, לא ידעתי את ה׳ באותה שעה הוציא דפתרא (מגילה) שלו, התחיל לקרות, אלהי השטן, אלהי כושחית, אלהי גהינם, אלהי צידון ואלהי מואב, אמר להם והלא קראתי לכל אלהות של שדים ואין שם שם אלהיכם. אמרו לו, דבריך דומים לכהן שהיה לו עבד, יצא הכהן חוץ למדינה, הלך העבד לבקש את רבו בבית הקברות. התחיל צות לבני אדם ואמר להם, הראיתם את רבי בכאן? אמרו לו, רבך כהן הוא? אמר להם, הן. אמרו לו, שוטה! מי ראה כהן בבית הקברות? ! כן אתה פרעה, כל אלו אלהות כלם מתים, אבל ה׳ אלהינו הוא אלהים חיים ומלך עולם (מדרש אגדה, ילק״ש).

„ולא אותי קראת יעקב“, זשה״כ. ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה׳ ויעזבו את ה׳ ולא עבדוהו“, אפילו בשותפות לא עבדוהו. אמר ר׳ יוסי בר חנינא, אמר הקב״ה, לא עשו אותי בני כגריזמי (מין קינות סעודה) הזה שהוא בא באחרונה, אמר ר׳ אדן, משל לעבדו של מלך שעשה סעודה וזימן את כל בני המלך ולא זימן את המלך, אמר המלך, הלואי שהשוה אותי לבני ביתי (איכה רבתי, ילקוט).

„מורשה קהילת יעקב“, משל לבן מלכים שנשבה כשהוא קטן למדינת הים; אם מבקש לחזור אחר מאה שנים אינו בוש לחזור, מפני שאומר, לירושתי אינו חוזר. (ספרי).

חבית השייטים.

כאשר נתבוננה באדם ונסתכלה בעולם נראה כי האדם בגופו ונשמתו דומה לבן יקיר אשר מסר לו האב המחויב ללמדו לשוט במים חבית של שייטים או כדור מלא רוח: כל עוד שהבן ישתמש בו אך לשוט מעבר הנהר אל עברו השני ולא יעשה אתו מדחה, גם אם כנער אוילי יבעטהו לפעמים וידרכהו יטלטלהו ויקלעו מן עבר אל עבר, גם אז עוד יוכל אח"כ בהנחמו לשוב ולהשתרע עליו בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו ולעבור את נהר איתן, אך אוי לו ואוי לנפשו אם יקוב חור בחביתו או בכדורו להוציא הרוח העצורה בקרבו, או אז ירדו תהומות, הנער הבער עם הכדור יחדיו. עליו אמר חכם החכמים: "כבד אבן ונטל החול וכעס אויל כבד משניהם" (ההכבדה והמשא של החבית או הכדור לא ירעו ככעס האויל שעשה בו נקב). (לבני ישראל, ח"ב).

החשמונאים.

כך היא דרכם של הנאציונליסתים החדשים לרומם ולפאר את גבורת האגרוף של החשמונאים ולהציג אותם על במה אחת עם גבורי העמים האחרים כמו ווילהעלם טעלל, גיאורג וושינגטן, וכו' ועוברים בחשאי על ההבדל הגדול והעקרי שיש ביניהם, והוא שהחשמונאים סבלו בדומיה את עול היונים כ"ז שהלחץ נגע אך על **עצמם** ואל **בשרם**, ואימתי קמו? „כשעמדה עליהם מלכות יון הרשעה **להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך**", (ולכן גם הקב"ה התנהג עמם מידה כנגד מידה: הם סבלו בדממה כ"ז שהאויב לחץ את **עצמם** אבל קמו ולחמו נגדו בכל עוז בעת שנגע **במקדש ה'**, לכן הקב"ה „מצדו הפך את הסדר ומחל על כבודו והחשה בעת שטימא השונא **את מקדשו** — שהלא היה יכול לעשות מהם פגרים מתים תומ"י בעת שצרו על ירושלים, כמו שעשה למחנה אשור בימי חזקיהו — אבל הוא ית' האריך אפו על חילול מקדשו, ונקם אך את **נקמת ישראל** מאת היונים — וזהו שקבעו מתקני התפילות: „ואתה ברחמיך הרבים עמדת **להם** בעת **צרתם**, רבת את **ריבם**, דנת את **דינם**, נקמת את **נקמתם** וכו'" (אבל נקמת המקדש וקדשיו לא זכרו כלל).

ואח"כ כאשר שבו לירושלים מוכתרים בנזר הנצחון באיזה אופן חגו את חג נצחונם, האם ערכו שלחנות ושתו וסבאו ויצאו במחול משחקים? או אולי בנו שערי נצחון ויעברו בחוצות העיר ברכב ופרשים ושבויי המלחמה מרותקים אל מרכבותיהם, כדרך המנצחים במלחמה בין העמים האחרים? לא מצינו שעשו אף מאחת מאלה; ראשית עבודתם היה להסיר את שיקוצי היונים מן המקדש ולהחזיר את הקדושה למקומה הראשון, **„ואחר כך באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטיהרו את מקדשך"**.

וכשבאו לעשות אות זכרון לדורות מן המאורע הנ"ל, האם הציבו עמודי-נצחון (דענקמעלער) או חצבו פסילים כדמות מתתיהו ובניו ויציגום בשוקי העיר? או אולי בנו פאר-עמודים (פיראמידען) לזכרם כמעשי העמים האחרים? לא כאלה חלק יעקב, אלא: „וקבעו שמונת ימי חנוכה אלה **להודות ולהלל את שמך הגדול**".

והתבונן ג"כ שכשבאו מתקני התפילות לחבר תפילה לזכר הנס ולקבוע אותה בסדר התפילות לחנוכה לא אמרו דבר או חצי דבר מגבורת האגרוף של החשמונאים, ואדרבא דברו מהם כאלו היו אנשים עומדים מן הצד ואחרים לוחמים בעדם: **„בימי** מתתיהו כהן גדול חשמונאי ובניו וכו'", כאלו הדבר אך **קרה בימיהם** ולא הם סיבבו את הדבר — וזה היה כוונת מתקני התפילה הנ"ל באמת, שאם יקום דור האחרון ויחפוץ להעריץ את כח האגרוף של החשמונאים, ידעו שזה דרכם כסל למו; שבאמת לא בכחם

ועצם ידיהם עשו החשמונאים את כל החיל הזה אלא ד׳ לחם להם — ורק שבימיהם קרה הנס, וד״ל (המחבר).

מסירת נפש ממין הטוב וממין הגרוע.

(יומא כ״א) אש של מערכה, בבית ראשון רבוצה כארי ובבית שני רבוצה ככלב ע״כ, ולהבין מליצת חז״ל בזה ראיתי בא״ט דהנה בשני ברואים הללו „האריה והכלב״ הטביע הבורא טבע של מסירת נפש. אמנם האריה יודע עת לכל חפץ, הוא אמנם לא ישוב מפני כל, רק בהיות לפניו מטרה למצוא אוכל לנפשו ולנפש גורותיו, אבל בהיותו שבע לא ימסור נפשו כמו שכתבו הטבעיים, אך הכלבים נאמר בם (ישעיה נ״ו) „והכלבים עזי נפש לא ידעו שבעה״ שהם הורצים לשונם לכל עובר מבלי הבדל אם הם שבעים או לא. האריה הוא סמל דמות ההשתמשות במדת הגבורה ואומץ הרוח במקום ובזמן ובאופן הראוי. והכלב הוא סמל ההפקרות להפקיר את חייו בכל עת מצוא מבלי הבדל אם נחוץ הדבר או לא... ובזה נבין את החילוק אשר את זכר החשמונאים הננו מעריצים ומקדישים, ואת הגבורים בסוף בית שני אשר הערו למות נפשם וילחמו כגבורים עריצים, לא די שלא נקראם בשם „קדושים״ אלא שעוד נכנם בשם „בריוני״, הלא שניהם הערו למות נפשם בעד חופש עמם וארצם, וכי משא פנים יש בדבר ? אמנם ההבדל ביניהם הוא זה, היונים שלחו יד בקדשי בני ישראל ובתורתו ויצוו „כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל״ „ואנטיוכוס גזר על שבת, שחיטה ומילה״ וע״כ מסרו החשמונאים את נפשם על קדושת השם והתורה ויפה עשו וקדושים המה לד׳, אבל באחרית ימי הבית השני לא היתה המלחמה (בין רומי וישראל) על דברי דת ואמונה, כי לא היו הרומאים קנאים לדתם, ואדרבה רבים מגדולי רומא דבקו אז לאהבה את דת ישראל כנזכר בספרי קוראי הדורות, ולא היתה המלחמה רק מלחמת פוליטית, כי חפצו הרומאים לשפוך את רוח ממשלתם על הרי יהודה, ואלה הגבורים שהתיצבו נגדם, לא קנאת דתם אכלתם, כי לא היו כלל מפורסמים לחסידים ואנשי מעשה, והרי רוב גדולי ישראל וגדולי התורה ריב״ז וחביריו לא הסכימו עמם, וא״כ לא היתה זאת מלחמה לד׳ ולדתו, רק מלחמת החופש החמרי, ובעד דבר חמרי לא יתכן לשלומי אמוני ישראל לסכן את נפשם ונפש העם כלו, כי רק על התורה הורגנו כל היום, אבל בעניני החומר עלינו להשליך על ד׳ יהבנו, ולא יחרף נפש כל האומה בגללם !

זהו שרמזו חז״ל במליצתם „אש של מערכה״ שהוא סמל הכח הנפלא של מסירת נפש הנטוע בלב ישראל, „בבית ראשון רבוצה כארי, ובבית שני רבוצה ככלב״, בבית ראשון ידעו עת לכל חפץ „כארי״, למסור את נפשם רק על דברים ההכרחים, על הדת ועל האמונה, על התורה ועל המצות, שהם מקור חיינו, אבל בבית שני (בסופו) בזבזו את כחותיהם לריק וימסרו את נפשם בעד דברים חמריים שהם כחלום יעוף !

(הרב צבי הירש צאימאן בס׳ פל״ב).

קובר מתים הייתי.

תניא אבא שאול אומר ואיתימא ר׳ יוחנן, קובר מתים הייתי, פעם אחת רצתי אחר צבי ונכנסתי בקולית של מת ורצתי אחריו ג׳ פרסאות, וצבי לא הגעתי וקוליא לא כלתה, כשחזרתי לאחורי, אמרו לי של עוג מלך הבשן היתה. תנא אבא שאול אומר קובר מתים הייתי, פעם אחת נפתחה מערה תחתי ועמדתי בגלגל עינו של מת עד חוטמי, כשחזרתי לאחורי אמרו, עין של אבשלום היתה. ושמא תאמר אבא שאול ננס היה אבא שאול ארוך בדורו היה ורבי טרפון מגיע לכתפו. (נדה, כ״ד ע״א).

אבא שאול הציג לו למטרה ללחום נגד דעות נפסדות ואידעאלים שאין בהם רוח

חיים (ר״ל רוח ממרום) ולגלות את חרפתם לעיני כל, וע״ז אמר בדרך מליצה „קובר מתים הייתי״. ומתאר בדרך דוגמא שני האידעאלים החפכיים של שני המפלגות היותר אדירות בין היהודים אשר חיו בימיו — הצדוקים והאיסיים — הצדוקים העריצו את תענוגי העולם הזה, אבל בכל זאת התאמרו להיות אידעאליסטים, ואם התמכרו לאהבת נשים, אמרו שאין זה תאוה פשוטה אלא עבודת סמל הרוחני של החן והיופי, ואם שתו ושכרו אמרו שע״י עבודת „בכבוס״ אלהי היין משיגים דעה צלולה ועולים למדרגת חוזים מחזה שדי, וכינוי את שיטתם „צעידה קדימה״ ! (פראַגרעסס), ואת המערערים עליהם קראו „הולכי אחורנית (רעאקציאנערען) — ואמר אבא שאול שהוא בעצמו נסה ללכת בדרכיהם ולהתחקות על שרשיהם להוכח מאמיתת טענותיהם. „פעם אחת רצתי אחר צבי״— הצבי הקל ברגליו הוא סמל ההולך קדימה ומשליך את כל „העבר״ אחר גוו ואך אל „העתיד״ פניו מעידות, ור״ל גם אני הייתי להולך קדימה, ונכנסתי בקולית של מת ורצתי אחריו ג׳ פרסאות״, ר״ל אחזתי בדעתם הנפסדה ונהיתי אחריה לזמן ארוך כדי שיהיה לי פנאי לחקור אותה היטב מבפנים, „וצבי לא הגעתי וקוליא לא כלתה״, ר״ל לבסוף נוכחתי שהאידעע הנ״ל איננה צעד קדימה כלל, כי המטרה הרוחנית שהם מתפארים שרודפים אחריה לא השגתי כלל אבל העובדא הנשחתה שהרגילו את עצמם בה (למשל שיכרות) ושעל ידיה קיוו להשיג את המטרה הרוחנית, העובדא הנ״ל לא כלתה, כי הנוהים אחרי האידעע הנ״ל נשארו שיכורים ובעלי תאוה כל ימי חייהם, „כשחזרתי לאחורי אמרו לי של עוג מלך הבשן היתה״ — ר״ל כשעזבתי את בעלי־הדיעה הנ״ל נוכחתי שאין בה כל מטרה רוחנית כלל וכלל, ושבאמת כל עיקרה הוא תאות בשרים, והראשון שכסה תאוה פשוטה במסוה הצדק היה עוג מלך הבשן שרץ אל אברהם להודיעו שנשבה בן אחיו ונראה כאילו התכוין להציל נפשות אבל באמת היתה כוונתו שיהרג אברהם והוא ישא את שרה (מד״ר ומובא ברש״י פ׳ לך לך). וזהו כוונתם במליצת „של עוג מלך הבשן היתה״.

האיסיים להיפך התפארו שהשליכו כל תענוגי העוה״ז אחרי גוום וינועו ביערות ומדברות בנקרות הצורים וסעיפי הסלעים ויסגפו את גופותיהם ויגזרו מכל תאוות העולם. אבל ראה זה רעה חולה שהוכיחה על תחילת כוונתם שהתאוו לשבט הממשלה ממש כמו אחיהם הצדוקים, וכל עיקר צדקתם היה למען יאמר להם העם „קדוש״ ועי״ז יסורו למשמעתם (והעד שרוח חכמי התלמוד לא היה נוחה מן האיסיים הוא שלא הניחו שום זכר מהם ומהמונם בכל ספרות תושבע״פ), ואמר אבא שאול שגם את דרכי הכת הזאת למד ע״י נסיון עצמו. „פעם אחת נפחתה מערה תחתי ועמדתי בגלגל עינו של מת עד חוטמי״, ר״ל שגם הוא נסה לעשות את דירתו במערה כדרך האיסיים, וסגף את עצמו עד שכמעט לא נותרה בו רוח (עד חוטמי), אבל „כשחזרתי לאחורי אמרו, עין של אבשלום היתה״, ר״ל לבסוף נוכחתי שכל עיקר כוונת האיסיים היתה שבט הממשלה, וע״ז אמר במליצתו : „עין של אבשלום היתה״, מחמת שאבשלום היה סמל תאות הממשלה וכ״כ היה רודף אחרי המלוכה עד שרצה להרוג את אביו, ועשה מעשים אשר לא יעשו עם נשי אביו, אך ורק פן עי״ז יעלה לכסא המלוכה.

„ושמא תאמר אבא שאול ננס היה, אבא שאול ארוך בדורו היה ור׳ טרפון מגיע לכתפו״ — ר״ל אולי תדמה שאבא שאול היה אדם קטן שאין ראוי לסמוך עליו, טועה אתה, אבא שאול היה אדם גדול שאפילו ר׳ טרפון אינו מגיע אלא לכתפו (ונטל לדוגמא את ר׳ טרפון מחמת שגם הוא נסיון בא לידו אבל לא עמד בו, עיין סנהדרין ס״ב, ואדר״נ — ולכן אמר שר׳ טרפון הגיע רק לכתפו של אבא שאול). (המחבר).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

אל תרגזו בדרך.

(דרוש לפ' ויגש)

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

„אל תרגזו בדרך", אמר ר' אלעזר אמר להם יוסף לאחיו אל תתעסקו בדבר הלכה שמא תרגזו עליכם הדרך וכו' במתניתא תנא אל תפסיעו פסיעה גסה והכנסו חמה לעיר. (תענית י').

ווען יוסף האט זיך געלאזט ערקענען פון זיינע ברידער און האט זיי אוועק־געשיקט ברייגנען זייערע פאמיליען אין מצרים האט ער זיי פערזאגט: „אל תרגזו בדרך!" דער אויסדרוק אל תרגזו בדרך איז איינער פון די שווערסטע אין תנ"ך. די חכמי התלמוד (אין תענית דף י') גיבען דריי ערקלעהרונגען אויף דיעזע ווערטער: ר' אלעזר זאגט אז דאס מיינט זיי זאלען ניט דיספוטירען וועגען א דין אין דער צייט וואס זיי זיינען אין וועג; אנדערע תנאים זאגען, אז דאס מיינט זיי זאלען ניט שטעלען קיין צו גרויסע טריט און זיי זאלען אריינגעהן אין שטאדט ווען עס שיינט די זון *)

נו, אבוואהל דיעזע עצות האבען א גאנץ נוצבארע בעדייטונג פון א פראקטישען שטאנדפונקט, איז עס אבער אויך גאנץ קלאהר אז יוסף דער חכם וועלכער האט דערגרונטעוועט אזעלכע בעהאלטענע סודות אין איינפאכע חלומות האט

---

*) הוציאו כל אלה מן השרש „רגז" שיש לה שלשה ביאורים בתנ"ך — הא' כמו שביארו לנו המלמדים בחדר: „אל תריבו או תכעיסו זה את זה", וכן מצינו (ישעיה) „הרגיז ממלכות", וכן „מרגיזי אל" (איוב), ועפ"ז באר ר"א את הציווי „אל תרגזו בדרך", אל תתעסקו בדבר הלכה (מלשון כי התעשקו עמו) — הב' מלשון „חפזון", „ברעש ורוגז יגמא ארץ" (איוב), ומזה הוציא במתניתא את הציווי „אל תפסיעו פסיעה גסה". — הג' מלשון „פחד ויראה", וכן „שמעו עמים ירגזון", ומזה הוציא את הציווי שיבואו לעיר בשעה שהחמה זורחת ולא יהיו צריכים לפחוד מן השודדים וכו'.

געווים ניט געמיינט דעם אויסערען שאלעכץ פון דיעזע דריי ווארנונגען (ווייל אויב אזוי האט ער געקענט געפינען וויכטיגערע זאכען זיי אנצוזאגען).

אונטער דעם מאנטעל פון א פאר איינפאכע עצות וועלכע זעהען אוים אויבער־פלעכליך צו האבען נור א צייטווייליגע בעדייטונג פאר זיינע ליבליכע ברידער האט ער איינגעוויקעלט אייניגע וויכטיגע כוונות וועלכע קענען בריינגען די העכסטע נוצען צו די גאנצע אידישע פאלק אין גלות. — יוסף האט ניט געמיינט זיי צו פערהיטען בלויז אין יענע קורצע וועג וואס זיינע ברידער זיינען געגאנגען נור אויך אין די גאנץ לאנגע וועג צווישען די פעלקער, וואס ער האט געזעהן מיט זיין פראפעטישע אויג אז זיינע קינדער וועלען דארפען דורכמאכען, נעמליך, **דער גלות.**

יעקב׳ס געזינדעל איז געשטאנען אויף׳ן שוועל פון ערשטען גלות, דאס איז דער גלות מצרים — הגם צו יענער צייט האט זייער אנקומען אין מצרים אויסגע־זעהן ווי א טריאומף־צוג, אבער יוסף מיט זיין פראפעטישע אויג האט שוין פאר־אויסגעזעהן די צוקונפט וואס ערווארטעט זיי אין מצרים און ער האט זיי געגעבען דריי קלוגע עצות ווי אזוי זיי זאלען זיך אויפפיהרען אין א פרעמדע לאנד זייענ־דיג שכנים ביי א פרעמדע נאציאן. —

די ערשטע ווארנונג איז: **איהר זאלט ניט פיהרען קיין מחלוקת צוליעב רעליגיאן** (אל תתעסקו בדבר הלכה) **ווילאנג איהר זייט אין גלות.**

עס איז ניטא אן אמונה אין דער וועלט אין וועלכע עס זאל זיין אזא מיינונג־פערשידענהייט, אזוי פיעל חילוקי דעות, ווי אין אונזער תורה: בית שמאי זאגט אסור, בית הלל זאגט מותר; אביי זאגט חייב, רבא זאגט פטור; ר׳ יוחנן זאגט כשר, ריש לקיש זאגט טרפה א. ז. וו. און הגם דער דין מוז דאך בלייבען ווי איינער פון זיי, געפינען מיר דאך אז די מסדרי הש״ס האבען איבער־געלאזען אלע מיינונגען אין דער גמרא אונבעריהרט, און דערצו האבען זיי אונז נאך פערזאגט צו לערנען אלע מיינונגען און צו רעספעקטירען די מיינונג פון בית שמאי (הגם דער דין בלייבט ניט ווי זיי) אזוי גוט ווי די מיינונג פון בית הלל, און אזוי האבען טאקי אידען געטהאן אין פערלויף פון אלע דורות ביז היינטיגען טאג.

נון, דיעזער כאראקטער פון אונזער תורה מעג פעררעכענט ווערען אלס איינע פון די גרעסטע מעלות — דאס בעדייטעט ליבעראליטעט און ברייט־הערציגקייט; דאס מיינט אז אונזער תורה אנערקענט אז יעדענס מיינונג ענטהאלטעט אין זיך א געוויסען גראד אמת און איז ווערט רעספעקטירט צו ווערען, הגם אין פראקטי־שען לעבען קען מען אויסנוצען נור איינע פון צוויי ווידערשפרעכענדע מיינונגען.

דיעזע אייגענשאפט האט אויך געבראכט דערצו דאס אונזער תורה זאל ניט פערשטיינערט ווערען אזוי ווי אנדערע אמונות — פערקעהרט, די אידישע אמונה האט געגעבען די געלעגענהייט צו אונזערע גייסטיגע פיהרער צו מאכען פער־

שיערענע וויכטיגע תקנות וואס די צייט האט געפאדערט — אזוי צום ביישפיעל האבען אונזערע חכמים מתקן געווען ערובי חצרות, און ערובי תחומין וואס אהן דעם וואלט זיך א איד כמעט פון ארט ניט געקענט ריהרען אום שבת. הלל האט מתקן געווען די תקנה פון פרוזבול וואס אהן דעם וואלט א אידישער געשעפטסמאן זיין געשעפט ניט געקענט פיהרען א. ז. וו.

אבער פון די אנדער זייט האבען זיך געוויסע מענשען מיט קרומע מחות בע־נוצט מיט דיעזע אייגענשאפט פון אונזער אמונה צו פעראורזאכען שפאל־טונגען אין אונזער לאגער און צו בעשאפען פערשיעדענע סעקטען וועלכע זיינען פרעמד צום אידישען גייסט — אלס ביישפיעל קענען דינען די רעפארם־פרעדיגער אין אונזער צייט — זיי זאגען, אויב בית שמאי האט געמעגט קריגען אויף בית הילל מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק ווארום זאל ניט קענען קומען א מאדערנער ראבאי היינטיגען טאג און קריגען אויף ביידען, אויף בית שמאי און בית הלל צוזאמען? אויב זיי האבען געקענט מתקן זיין תקנות וועלכע זיינען נויטהיג געווען אין זייער צייט אפילו ווען דיעזע תקנות האבען אויסגעזעהן צו זיין געגען א דין פון דער תורה, אזוי ווי צום ביישפיעל די אויסבייטונג פון יבום אויף חליצה, און זיי האבען געזאגט אז די רבנן האבען די קראפט עוקר צו זיין אפילו א זאך פון דער תורה, און „יפתח בדורו" איז דאך „כשמואל בדורו" ווארום זאלען מיר ניט טארען מאכען נייע ענדערונגען וועלכע זיינען נויטהיג געווארען אין אונזער צייט?

אויף דיעזע פראגע זיינען שוין געזאגט געווארען פיעלע תירוצים, אייניגע פון זיי גאנץ גוטע, אבער דעם בעסטען תירוץ געפינען מיר אין די ווארנונג פון יוסף צו זיינע ברידער: **„אל תתעסקו בדבר הלכה בדרך"** — וועלכע מיינט נאך אונזער פיגוראטיווע ערקלעהרונג פון דיעזע ווערטער: איהר זאלט ניט ברייגען קיין **שפאלטונגען אין רעליגיעזע פראגען** זא לאנג איהר זייט **אין וועג**, דאס הייסט **אין גלות**.

(תתבוננו שלא אמרו: „אל תתעסקו בדברי תורה" כמו שצרפו בב"מ את המלה „עסק" עם מלת „תורה" אלא אמרו, „אל תתעסקו בדבר הלכה", ונפקא מינא גדולה בזה — כי בפלפולא ושקלא וטריא דאורייתא בודאי מותר לעסוק בגולה כמו בא"י, לא כן בדבר הלכה שנגמרה ונפסקה ברוב דעות, שהחוב על כל אנשי ישראל אפילו אותם שאין דעתם נוחה מן הפסק הנ"ל לבטל את דעתם מפני דעת אחרים כדי למנוע מחלוקת בישראל).

איהר וועט בעמערקען אז די איינוואהנער פון א שטאדט מעגען זיך געהן יע־דער זיין בעזונדער וועג ווען ער וויל און וואו ער וויל, אבער ווען די זעלבע מענ־שען דארפען מאכען א רייזע אין דער מדבר, וואו עס איז דא א געפאהר פון רויבער אדער ווילדע טהירען, האנדלען זיי גאנץ אנדערש; דאן ריידען זיי זיך צוזאמען און וואנדערען צוזאמען אין א גרויסע קאראוואן־קאמפאני. — מיר מעגען נאכפאלגען זייער ביישפיעל; ווען מיר האבען געוואהנט אין אונזער אייגענע האנד

האָט יעדער איד געהאַט דאָס רעכט צו געהן זיין אייגענע אינדיווידועלע וועג אין אַלע פראַגען רעליגיעזע אַזוי גוט ווי פּאָליטישע און דאָס האָט אונז גאָר ניט געקענט שאַדען, פערקעהרט, עס האָט נאָך אַריינגעגעבען מעהר לעבהאַפט אין די אידישע מחנה — עס איז אָבער גאַנץ אַנדערש ווען די אידישע פאָלק געפינט זיך אין גלות צווישען פרעמדע, וואו מיליאָנען מיילער זיינען אָפען איינצושלינגען דעם אידען, גוף און נשמה צוזאַמען... אונטער אַזעלכע אומשטענדען מוזען מיר זיך צוטהולען איינער צום אַנדערען און געהן ענג צוזאַמען אין אַלע פראַגען.

ווען נור אידען האָבען דיעזע עצה ניט געפאָלגט, האָבען זיי גאַנץ טהייער בעצאָהלט דאַפיר. — די רעזולטאַטען פון די רעליגיעזע מחלוקת וואָס אידען האָבען אָפט געפיהרט אין גלות זיינען געווען פערשיעדענאַרטיג אָבער קיין גוטעס האָבען זיי קיינמאָל ניט געבראַכט — אין געוויסע פעלע זיינען דורך די מחלוקת אָבגעריסען געוואָרען גרויסע טהיילען פון אידישען פאָלק און זיי זיינען טאַקי קיינמאָל צוריק ניט געקומען, ווי עס איז שוין בעוואוסט דער פאַל פון די קראים און די פראַנקיסטען, — אין אַנדערע פעלע האָבען די מחלוקת געגעבען אַ שווערד אין די הענד פון אונזערע שונאים צו פערגיסען אידיש בלוט אָדער פערניכטען אידישע ספרים, ווי עס איז בעוואוסט צו אַלעמען אַז צוליעב די מחלוקת וואָס האָט זיך צופלאַקערט צווישען די חכמי צרפת וספרד וועגען דעם רמב״ם׳ס ספרים האָבען די קאַטוילישע גלחים געפונען אַ גוטע געלעגענהייט צו ברענען אידישע ספרים אָהן אונטערשיעד, און צו מאָרדען און פערניכטען אידישע געמיינדעס.

די כינעזער האָבען אַ מעשה׳לע מיט צוויי ברידער וואָס זייער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזט ירושה אַ שיפעל מיט צוויי לאָפּאַטקעס. — די ברידער האָבען זיך אַריינגעזעצט אין שיפעל און האָבען זיך אָוועקגעשיפט אין מיטען ים זיך מישב צו זיין ווי זיך צוטהיילען די ירושה. — דאָרטען האָט אויסגעבראָכען צווישען זיי אַ געשלעג וועגען די ירושה און זיי זיינעןביידע דערטרונקען געוואָרען. — דערפון שטאַמט דער כינעזישער גלייכווערטעל: „ברידער זאָלען זיך ניט טהיילען קיין ירושה אין מיטען ים“, וועלכער איז גאַנץ עהנליך צו אונזער תלמודישען ווערטעל: „אל תתעסקו בדברי הלכה בדרך!“ — איהר זאָלט ניט קעמפּפען קיין רעליגיעזע מלחמות ווי לאַנג איהר זייט אין וועג.

II

עס איז אויך פאַראַן אַ צווייטע אורזאַכע וואָרום עס טאָרען קיינע ענדערונגען געמאַכט ווערען אין די אידישע רעליגיאָן (אפילו ווען דיעזע זיינען אין די פאָרמע פון תקנות) זאָ לאַנג מיר זיינען אין גלות, נעמליך, ווייל מיר האָבען ניט קיין גייסטיגע צענטראַלע אויטאָריטעט וועלכע זאָל קענען בעשטימען וועלכע תקנה איז נויטהיג און וועלכע איז ניט נויטהיג פיר דאָס אידישע פאָלק. און

זאל אויך קענען ארויסצווינגען איהר ווילען אויף די גאנצע אידישע פאלק, נאכדעם ווי זי האט געפאסט אירגענד וועלכען בעשלוס.

אלס ביישפיעל קענען מיר נעהמען דעם דין פון חליצה וועלכער גיט די גע־לעגענהייט צו פערדארבענע מענער ארויסצופרעסען געלד פון ארימע אידישע פרויען, אדער צו פערוויסטען זייער לעבען אויף אייביג. — פיעלע האבען אויפ־געהויבען א געשריי געגען די רבנים פון יעצטיגער צייט ווארום זיי טהוען ניט נאך די חכמי התלמוד פון אמאל צו געפינען א מיטעל מתיר צו מאכען אזעלכע פרויען צו הייראטהען אהן די צושטימונג פון זייערע געוועזענע שוועגער. — אבער ווען די רבנים פון א געוויסע לאנד וואלטען זיך געלאזט הינרייסען פון דיעזען פאפולערען געשריי און וואלטען מיט גרויס מיה און צוליעב תקנות עגונות אויסגעזוכט א היתר, וואלטען זיי נור געבראכט אונגליק אויף זייער פאלק, — ווייל עס וואלטען זיך געוויס געפינען רבנים פון אן אנדער לאנד אדער אפילו פון דער זעלבער לאנד וואס וואלטען געפסק'נט אנדערש. — די אונגליקליכע פרוי אויף וועלכע די חליצה הייגגט ווי א מיהל־שטיין אויף'ן האלז וואלט געווים גע־פאלגט די רבנים וואס זיינען איהר מתיר צו הייראטהען, דאן וואלטען געקומען די רבנים וואס זאגען „אסור" און וואלטען ערקלעהרט איהרע קינדער פון צווייטען מאן אלס ממזרים. — קיין אויטאריטעט וואס זאל איינמאל פאר אלעמאל בעשטימען ווי די זאך זאל בלייבען איז דאך ניטא, וואלט די פאלק ניט געוואוסט וואס צו טהאן, און וואהרשיינליך וואלטעןביידע צדדים געפונען נאכפאלגער און עס וואלט פיליכט ארויסגעקומען א נייע שפאלטונג אין אידישען לאגער.

אויסער דעם, ווען מען זאל נור וויזען א וועג אז מען קען געפינען א היתר אויף איין איסור וועלען זיך געפינען זאגנאנטע רבנים וועלכע וועלען אהן צערע־מאניעס מתיר מאכען אלע שס"ה מצות לא תעשה'ס, און דאס פאלק וואס איז אימער א „גרויסער מקיל" וועט גיכער אנערקענען די מיינונג פון דיעזע רבנים ווי פון די וואס שרייען „מען טאר ניט!" — א געוויסער פאקט וואס האט דיעזע צייטען פאסירט אין נוי יארק קען דיענען אלס בעשטעטיגונג פון דיעזע בעהויפ־טונג: א געוויסע אידישע פרוי האט ארויסגעקראגען אין געריכט אן ענגלישען „דיווארס" פון איהר מאן, און האט איננאנצען פערגעסען אז זי מוז אויך האבען א אידישען גט בעפאר זי קען הייראטהען נאכ'ן אידישען דין. אבער ווען עס האט זיך איהר געמאכט א פאסענדער שידוך און זי האט געהאלטען ביים הייראטהען האט איהר אימיצער דערמאנט. און הגם זי איז געווען אן אמעריקאנער געבארענע יונגע פרוי האט זי פונדעסטוועגען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג ארויסצו־קריגען פון איהר ערשטען מאן אאידישען גט. אבער ער האט דא געפינען א גוטע געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אן איהר און האט בשום אופן ניט איינגעשטימט איהר צו בעפרייען. — די פרוי איז נעבאך געגאנגען צו אייניגע רבנים פון דער איסט־סייד און האט געבעטען זיי זאלען איהר בעפרייען, ווייל זי האט געדענקט

אז אַ רב האָט די מאַכט אַזוי ווי דער גויעשער ריכטער איהר צו בעפרייען געגען דעם ווילען פון מאַן. אַבער זיי האָבען איהר אַלע געענטפערט אַז הגם זיי האָבען גרויס מיטלייד מיט איהר קענען זיי אָבער גאָר ניט טהאָן פאַר איהר.

איינינע מאָנאַטען איז די פרוי בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָט ניט גע־הייראַטהעט. אָבער איינמאָל איז צו איהר געקומען אַ פריינדין פון אַפּטאָון צו בעזוך, און ווען די אונגליקליכע פרוי האָט איהר אויסדערציילט איהרע צרות, האָט יענע צו איהר געזאָגט: זאָג מיר ביי וועלכע רבנים ביזטו געגאַנגען פרעגען וועגען דעם, ביי רבנים מיט בערד אָדער אָהן בערד? און ווען זי האָט איהר גע־ענטפערט אַז זי האָט געפרעגט ביי רבנים מיט בערד, האָט איהר יענע געזאָגט: איך האָב אַליין פערשטאַנען אַז ביי דיעזע רבנים וועסטו גאָר ניט פועל'ן; קום מיט מיר אַפּטאָון, דאָרטען האָבען מיר אַ נייעם סאָרט רבנים אָהן בערד וועלכע זיינען אַ סך וויכער אין אַזעלכע פראַגען. — די פרוי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און איז מיט איהר חברתע אַוועקגעפאָהרען צו אַ געוויסען רעפאָרם־ראַבי־נער וועלכער האָט אויסגעהערט איהר געשיכטע און האָט זיך פון איהר אויסגע־לאַכט — דו האָסט אַן ענגלישען דיוואָרס", האָט ער צו איהר געזאָגט, „געה און הייראַט, דו ברויכסט קיין אַנדער גט ניט האָבען!"

אַרויסגעהענדיג האָט די בעטרעפענדע פרוי געזאָגט צו איהר חברתע אַז נאָך אַלעמען האָט זי מורא זיך צו פערלאָזען אויף זיינע ווערטער וויל זי איז חושד טאָמער איז דיעזער „רעוורענד דאָקטאָר" לחלוטין קיין רב ניט. — „ווייסטו וואָס?" זאָגט יענע צו איהר, „אויב דו ווילסט זיך איבערצייגען אויף געוויס, פרעג אַן אין די „וואָירלד" (אַן ענגלישע צייטונג וועלכע ענטוואָרטעט אויף אַלערליי פראַ־געז פון איהרע לעזער) אויף וועלכען פון דיעזע צוויי רבנים מען קען זיך גיכער פערלאָזען". — די פרוי האָט איהר טאַקי געפאָלגט און אַוועקגעשיקט אַ לעטער צו די „וואָירלד" מיט פאָלגענדע פראַגע: „איך האָב אַ רבנישע אַנגעלעגענהייט דורכצומאַכען און מען האָט מיר רעקאָמענדירט רעוו. דר. האָהענגאַרטען פון טעמ־פעל „סאָנס אוו דהי סטאַק־עקסטשיינדש" און הרב גרינשפאַן פון איסט־בראָדוויי, וויל איך וויסען וועלכער פון זיי איז אַ גרעסערער אויטאָריטעט אין רבנות".

דער בריעף־קאַסטען־מאַן פון די „וואָירלד" האָט געגעבען פאָלגענדען אַטוואָרט: „דעם רב גרינשפאַן קענען מיר ניט; ער איז מעגליך אַ גוטער רב אָבער מיר האָבען פון איהם ניט געהערט. אָבער דעם רעוורענד דאָקטאָר האָהענגאַרטען קענען מיר רעקאָמענדירען אַלס איינעם פון די גרעסטע רבנים אין לאַנד. מיט אַ פּאָר מאָנאַ־טען צוריק האָט מען איהם מכבד געווען צו עפענען די סטייט־אַסעמבלי מיט אַ „פרעיער", און אויף אַזאַ רב מעג זיך אַ איד געוויס פערלאָזען".

מיט דיעזען אַנטוואָרט האָט זיך די פרוי צופריעדען געשטעלט און האָט גע־הייראַט אָהן אַ גט, און דער „רעוורענד דאָקטאָר" איז טאַקי אַליין געווען דער מסדר קידושין.

דיזע געשיכטע בעווייזט וואס פאר א הפקר־צושטאנד די רעליגיעזע שפאל־טונג צווישען ארטהאדאקסי און רעפארם האט בעשאפען אין דיזע לאנד.

און היער מוז איך אויך בעמערקען אז עס איז גאנץ אונמעגליך ווילאנג מיר זיינען צוזעעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, צו מאכען רעפארמען וואס זאלען ברייננען נוצען דאס גאנצע אידישע פאלק, ווייל וואס עס איז גוט און נוצבאר פאר די אידישע בעפעלקערונג פון איין לאנד קען גאר זיין שעדליך און אונווינשענסווערטה פאר די אידישע בעפעלקערונג פון אן אנדער לאנד — און אויב מיר זאלען ערלויבען די רבנים פון יעדע לאנד צו מאכען אזעלכע רעפאר־מען וואס זיינען גוט פאר זייערע אידען, וועט די אידישע פאלק גאנץ גיך צושפלי־טערט ווערען אין א צאהל קליינע גרופען וועלכע וועלען קיין צוזאמענהאנג ניט האבען איינע מיט די אנדערע.

פון דאס אלעס קען מען ארויסזעהן ווי קלוג און טיעפזיניג עס איז געוועזען יוסף'ס ווארנונג: „אל תתעסקו בדבר הלכה בדרך!" — לאזט זיך ניט אריין אין רעליגיעזע שטרייטערייען זא לאנג איהר זייט אין גלות.

III

די צווייטע ווארנונג: „אל תפסיעו פסיעה גסה" (איהר זאלט ניט מאכען קיין צו גרויסע טריט), מיינט אין א פילאזאפישע שפראך: „איהר זאלט ניט וועלען צו גיך רייך אדער גרויס ווערען".

דאס איז א לעסאן וואס איז גאנץ נויטהיג פאר אונז אין דיזען דור און איבער־הויפט אין דיזען לאנד. — מיר לעבען אין א צייט און אין א לאנד פון שרעקליכע איילעניש; אלע ווילען קומען צו זייער ציעל אין איין אויגענבליק.

אט דיזע נערוועזיטעט און אונגעדולד איז א גרויסע געפאהר פאר דער גאנצער אמעריקאנער פאלק; דאס ברייננט דערצו אז מענשען ווערען אלט און צובראכען פאר דער צייט. — אין די אלטע לענדער אז א פאמיליע האט געמאכט אן אנשטענדיגען לעבען האט זי זיך געפיהלט העכסט גליקליך; אפט מאל זיינען צוויי אדער דריי דורות פון דער זעלבע פאמיליע געשטאנען אויף איין ארט; דאס הייסט, דער טאטע, זיין זוהן, און נאך איהם זיין אייניקעל זיינען נור געוועזען מיי־טעלע בעלי בתים, און זיי זיינען געוועזען צופריעדען מיט זייער צושטאנד; די שטאדט האט זיי אויך געשעצט און געאכטעט אהנע נאכצופרעגען אויף זייער רייכטהום. — אין אמעריקע אז איינער מאכט נור א לעבען און „שטעהט אויף איין ארט" איז ער ביי זיך אליין פעראכטעט און אלע זיינע פריינד און בעקאנטע האלטען איהם אויך פאר א „שלומיאל", א „פייליור"; עס איז גענוג צו זאגען אויף א מענשען: „ער איז שוין א צייט מיט יאהרען אין אמעריקא און האט זיך ניט ארויפגעארבייט!" דאס איז כמעט אזוי ווי מען וואלט זאגען: ער איז

געזעסען אין פריזאן פאר גנבה, און מען קוקט שוין אויף איהם אזוי ווי אויף די פסולת פון דער געזעלשאפט.

געוועהנליך פערשטעהט מען אז אונטער אזעלכע אומשטענדען שטרענגט שוין יעדער אן אלע זיינע נערוועז זיך יא „ארויפצוארבייטען“, אבער עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז נור א קליינער פראצענט קען ערדייכען דיעזען ציעל, און דער רעזולטאט איז אז די מעהרסטע פערדארבען זייער גוף און נשמה צוזאמען און נאך אלעמען בלייבען זיי ביי גאר נישט. — זיי זיינען די צובראכענע שיפען אויף׳ן ים פון לעבען.

דאס זעלבע פאסירט אויך אויף׳ן געביט פון בילדונג. — טויזענדע יונגע לייט נעהמען זיך צו די געלעהרענטע פראפעסיאנען, אזוי ווי דאקטאר מעדיצין, לאיער, ענדזשינער, א. ז. וו. אבער אזוי ווי ניט אלע פון זיי האבען די קעפ דערצו מוזען זיי אבמאכען מיט שווערע ארבייט וואס עס פעהלט זיי אין נאטירליכע פעהיג־קייטען; דער סוף איז אז פיעלע פון זיי ענדיגען זייערע יאהרען אין משוגעים הייזער, און אנדערע בלייבען קערפערליך רואינירט.

נור אויב פאר אנדערע נאציאנען איז די איילעניש ניט קיין גוטע זאך, איז זי פאר אונז אידען א שרעקליכע געפאהר, ווייל זי בעשאפט אויף גיך דעם אנטיסעמיטיזמוס. — די טענה פון אלע אנטיסעמיטען פון אלע דורות איז אז דער איד שפינט ניט און וועבט ניט נור ער נארט אויס פון די גוים דאס וואס זיי האבען פערדיענט דורך זייער הארעוואניע. — דיעזע טענה איז א גאנץ אלטע; עשו איז געווען דער ערשטער וואס האט געמאכט א געוואלד אז יעקב האט ביי איהם אויסגענארט די בכורה און די ברכות; לבן׳ס קינדער האבען ווידערהאלט דיזעלבע טענה: „לקח יעקב את כל אשר לאבינו ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה“; לבן אליין ווען ער האט זיך געקריעגט מיט יעקב׳ן האט אויך גע־טענה׳ט די זעלבע טענה: „הבנות בנותי והצאן צאני וכל אשר אתה רואה לי הוא!“ — דער אמת איז אז דער איד ארבייטעט מיט זיין כוח און זיין מוח פיעל מעהר ווי דער גוי, און ווייל דער איד מאכט אזא איבערנאטירליכע אנ־שטרענגונג אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען דערגרייכט ער גיכער זיין ציעל. און טאקי פון דעם שטאמט דער אנטיסעמיטיזמוס. דער גוי קוקט מיט ער־שטוינען אויף דעם שנעלען פראגרעס פון זיין אידישען שכן, אבער ער קען ניט אדער וויל ניט אויספארשען די ריכטיגע קוועלע פון דעם אידען׳ס ערפאלג; גיכער קומט ער צום בעשלוס אז דער איד האט דערגרייכט זיין ציעל דורך קרומע וועגען, און אזוי ווערט זיין קנאה פערוואנדעלט אין א ביטערע שנאה.

„ווי לאנג האט דיר גענומען זיך ארויפצוארבייטען?“, פרעג איך אמאל א רייכען פארמער א געבארענעם אמעריקאנער, „צוויי הונדערט יאהר!“ איז געווען זיין ענטפער. — „מיין עלטער עלטער זיידע האט אנגעפאנגען מיט איין איינצי־גען אקער לאנד אין קאנעטיקוט סטייט מיט 200 יאהר צוריק; פון דאמאלסט אן

האבען פינף דורות פון אונזער פאמיליע געארבייטעט אויף'ן זעלבען פארם ביז מיר האבען איהר ארויפגעארבייט אויף די יעצטיגע שטופע" — „איהר אידען", זאגט ער ווייטער, „מאכט דאס גיכער; א איד פאנגט אן מיט פינף פינגער און ער מאכט אין פינף יאהר מעהר וויפיעל א קריסט קען מאכען אין פינף דורות!" — ער האט דאס געזאגט מיט א ניגון אזוי ווי ער וואלט מיר וועלען מאכען א קאמפּ־לימענט, אבער אויף זיין געזיכט האט מען געקענט זעהן א ביטערע איראנישע אנצוהערעניש.

דיעזע שנעלע טריט וואס דער איד מאכט אויף'ן עקאנאמישען געביעט ענט־האלטעט אין זיך אויך א געפאהר פאר אונז אליין. — נאכדעם ווי דער איד האט דורך זיין שרעקליכע אנשטרענגונג ערווארבען א גרויסען פערמעגען נעהמט ער באלד אנווענדען די זעלבע ענערגיע זיך צו שטופען צום אויבענאן אין די הויכע קריסטליכע געזעלשאפט; היער אזוי ווי אויף'ן עקאנאמישען געביעט האט ער א שווערען קאמפף דורצומאכען, אבער א דאנק צו זיינע גרויסע פעהיגקייטען און מיט די הילפע פון די אלמעכטיגע מטבע ווערט זיין אנשטרענגונג געקרוינט מיט ערפאלג — אבער דאן איז „גוד באי" צו די ביסעל אידישקייט וואס האט זיך נאך ביי איהם פערוואלגערט — מיט די זעלבע שנעלע טריט וואס ער האט געמאכט זיין געלד, געהט ער אוועק ווייטער און ווייטער פון זיין גאט און פון זיין פאלק אנפאנגען פאנגט ער אן מיט א טרפה'ן מיטאג אין אקריסטליכע געזעלשאפט און אויסלאזען לאזט ער אוים מיט א קריסטליכען איידעם פאר זיין טאכטער . . .

(ואולי זהו המכוון במליצת חז"ל: פסיעה גסה נוטלת אחת מת"ק ממאור עיניו של אדם (ברכות מ"ג) — התורה היא מאור עיניו של ישראל (הנקרא „אדם" סתם, כמאמרם: אתם קרוים אדם וכו') וכל פסיעה גסה שבן ישראל עושה בהשגת העושר והכבוד נוטלת וגורעת חלק אחד מאור התורה והאמונה שהיה לו מקודם, כי הפסיעות הגסות האלה מביאות אותו לידי התבוללות וטמיעה).

אלזא פאר אונז אין גלות איז די איילעניש אריינצוכאפען דעם גליק א דאפעלע געפאהר מבית ומחוץ — בעסער לאנגזאם און עהרליך און זיכער, ווי דער ענגלי־שער זאגט: Make haste slowly ד. ה. „איל זיך אונטער לאנגזאם!"
דיעזען לעסאן האט גאט פיליכט געוואלט אויסלערנען אונזערע עלטערען אין דער מדבר ווען ער האט געמאכט דאס א רייזע פון עלף טעג (אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר עד קדש ברנע) זאל נעהמען ביי זיי פערציג יאהר — ער האט זיי געוואלט לערנען געדולד — ער האט גאניץ גוט געוואוסט אז עס וועט זיין אן אונגליק פאר זיי אויב זיי וועלען ווערען פערוואנדעלט אין עלף טעג פון א שטארע שקלאפען צו א זעלבסטשטענדיגעם פאלק מיט אן אייגענע לאנד און דאריבער האט ער זיי אלע ווייל אבגעשטעלט, א מאל אויף א טאג, א מאל אויף א מאנאט, און א מאל אויף א יאהר, כדי איינצופלאנצען אין זיי דעם כוח פון געדולד און אויסדויער.

איך גלויב אז יעצט איז שוין מיינע לעזער גאנץ קלאהר וואס יוסף האט געמיינט ווען ער האט אנגעזאגט זיינע ברידער: „אל תפסיעו פסיעה גסה".

IV

די דריטע און לעצטע עצה וואס יוסף האט געגעבען זיינע ברידער (לויט די ערקלעהרונג פון תלמוד) איז: „והכניסו חמה לעיר". וועלכע איך פערטייטש ווערטליך: „ברייגנט אריין די זוהן אין שטאדט", און נים ווי די מפרשים מאטערען זיך אויסצוטייטשען אז דאס מיינט זיי זאלען זעהן אריינצוקומען אין שטאדט מיט'ן פריהמארגען. *)

די זוהן גיט ארויס פון זיך צוויי זאכען: ליכט און ווארעמקייט. — ליכט איז א סימבאל פון וויסענשאפט און ווארעמקייט איז דער סימבאל פון ברידערליכקייט.

יוסף האט געראטהען זיינע ברידער אז אין יעטווידער שטאדט וואו זיי וועלען קומען זאלען זיי זיך בעמיהען אריינצובריינגען וויסענשאפט און פריינדשאפט צווישען די בעפעלקערונג.

די צוויי ערגסטע מכות מיט וועלכע די מענשהייט איז געשטראפט געווארען פון איהר בעשאף ביז היינטיגען טאג זיינען אונוויסענהייט און פיינדשאפט.

אונוויסענהייט האט געבראכט דערצו אז מיליאנען מענשען האבען דורך א פערלויף פון טויזענדע יאהרען מקריב געווען זייערע קינדער אדער איינער דעם אנדערען צו די זוהן און די לבנה, צו פייער און צו וואסער, צו בערג און צו טהאלען, צו דונערען אז בליצען א. ז. וו. ווייל זעהענדיג דעם אונגעהויערען קראפט פון דיעזע עלעמענטען פון דער נאטור האבען זיי געדענקט אז זיי האבען אז אייגענעם אונאבהענגיגען ווילען — אין אנדערע ווערטער: אויב די זוהן זאל וועלען קען זי ארונטערקומען אביסעל ניעדריגער און פערברענען די וועלט; אדער אויב דער ים זאל זיך פערוועלען קען ער צודעקען די גאנצע אויבערפלעכע פון דער ערד און אבווישען אלע לעבעדיגע פון דער וועלט. — און וויבאלד אזוי דארף מען דאך תפילה טהאן צו זיי און בריינגען קרבנות פון די בעסטע און די טהייער־סטע כדי איינצושטילען זייער גרימצארען.

ווי נור די מענשהייט האט קענען־געלערענט די געזעצע פון דער נאטור, האט זי זיך גלייך איבערצייגט אז די עלעמענטען פון דער נאטור זיינען אליין געבונדענע; זיי קענען ניט אבטרעטען אויף א האר פון די וועג וואס איז אנ־

---

*) לפי פירושי הניקוד הוא „הַכְנִיסוּ" ולא „הִכָּנְסוּ" — וחסרון היו"ד אינו מעכב כי מצינו שלא דקדקו חכמים בחסר ויתיר יו"ד, ובמאמר הנוכחי עצמו כתבו „תפסיעו" תחת „תפסעו" (שהוא הנכון) — והפירוש הישן דחוק מאד, שאם כוונו חכמים לזה, היו אומרים בפירוש: „הכנסו לעיר מבעוד יום".

געצייכענט געווארען פאר זיי משֵשֶת ימֵי בראשית. און דאן האט מען אויפגעהערט זיי צו ברייננען קרבנות.

די צווייטע מכה פון די מענשהייט איז דער קאמפף־לוסט וואס ברייננט דערצו אז מענשען זאלען זיך צוטהיילען אין שבטים אדער אין קלאסען און אנפיהרען ביטערע מלחמות איינע געגען די אנדערע.

די היסטאריקער האבען אנגעשריבען בערג מיט ביכער וועגען די אורזאכען פון די אונצעהליגע מלחמות וואס האבען געפלאגט די מענשהייט אין פערשיעדענע צייטען און לענדער — זיי האבען זיך געמעגט פערשפארען די מיה; די אורזאכע איז איינפאך ווייל דער מענש איז א קריגעריש־געגייגטע חיה — רעליגיאן, מאראל, עטהיקס א. ז. וו. ווענדען אן א געוויסען איינפלוענס אויף די פעלקער זיי אבצוהאלטען פון בלוט־פערגיסונג, אבער נור אויף א קורצע צייט. — נאכדעם ווי עס געהען פאריבער איינינע צעהנדליג יאהרען אהן מלחמות נעהמען זיך די פעלקער פיהלען אונרוהיג; עפעס זוכען זיי און ווייסען ניט וואס, אזוי ווי קעץ בעפאר א רעגען; ביז עס געפינט זיך איינער פון זיי וואס גיט דעם סיגנאל פון „דם ואש ותמרות עשן". און דאן פאלען זיי ארויף איינער אויף דעם אנדערען און שטעלען צופריעדען זייער טהירישען געפיהל ביז זיי ווערען מיעד. דאן רוהען זיי זיך אפ א געוויסע צייט ביז עס כאפט זיי ווידער אן דער מלחמה־אפעטיט; און אזוי געהט עס כסדר.

אט דאס איז געווען די כוונה פון יוסף'ן ווען ער האט געראטהען זיינע ברידער ארייגצוברייננען די זון אין יעדער שטאדט וואו זיי וועלען אנקומען. — אויב עס איז אייך שוין יא בעשערט צו זיין אין גלות, האט ער צו זיי געזאגט, זאלט איהר זעהן אז אייער אנוועזענהייט זאל ווירקען אלס געגענגיפט צו דיעזע צווי פלאַגען פון דער מענשהייט; ברייננט אריין די ליכט פון דער זון (וויסענשאפט) צו פערטרייבען די שאטענס פון אונוויסענהייט, און די ווארעמע שטראהלען פון דער זון (פריינדשאפט) אבצושוואכען די אייביגע שנאה פון די מענשען איינער צום אנדערען.

מיר מעגען זיין שטאלץ דאמיט אז אמווייניגסטען דיעזע לעצטע עצה פון יוסף הצדיק האבען מיר אויסגעפאלגט ווי ווייט עס איז געווען מעגליך פאר אונז; אין דער צייט פון מיטעל־אלטער ווען א דיקע פנסטערניש האט צוגעדעקט די ערד זיינען אידען געווען די לעהרער פון דער וועלט. — און אפילו יעצט ווען מענשען דענקען אז זיי האבען שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון וויסענשאפט ווייל זיי האבען ערפונדען אן אטאמאביל און אן עראפליין, טהוט נאך דער איד זיין שליחות באמונה און ער פערשפרייט די אידעען פון זיין תורה און זיינע נביאים צווישען די פעלקער — וואס דאס איז וויכטיגער ווי טויזענד עראפליינס.

וואס אנבעלאנגט די צווייטע אויפגאבע צו פערייניגען פרידען און פריינד־שאפט צו די פעלקער, ערפילט דער איד זיין שליחות באמונה ווילאנג די פעלקער

זיינען ביים קלאהרען זינען — אבער אין דער צייט ווען דער משוגעת כאפט זיי אן איז דער איד געצוואונגען אויפצוהערען זיין ארבייט, ווייל עס איז א סכנה אנצובאטען א בינטעל הייא צו א פאר אקסען ווען זיי האלטען זיך ביי די הערנער . . . *)

אבער דער איד האט א סך גערולד איבערצואווארטען די שלעכטע צייט און ער צווייפעלט נים אויף איין מאמענט אז די צייט וועט נאך קומען ווען ער וועט קענען ריכטיג ערפילען יוסף'ס לעצטען פערזאג: „והכניסו חמה לעיר".

*) הכל קאי על הזמנים שאחר החורבן.

חומר לדרוש.

אל תתעסקו בדבר הלכה

אגדות חז"ל.

„בעלי אסופות נתנו מרועה אחד" דרש רבי אלעזר בן עזריה, בעלי אסופות אלו תלמידי חכמים שיושבין אסופות אסופות ועוסקין בתורה, הללו מטמאין והללו מטהרין, הללו אוסרין והללו מתירין, הללו פוסלין והללו מכשירין, שמא יאמר אדם, מעכשיו האיך אני לומד תורה ? ת"ל כולם נתנו מרועה אחד, אל אחד נתנם, פרנס אחד אמרם, מפי אדון כל המעשים ב"ה, שנאמר „וידבר אלהים את כל הדברים האלה" (חגיגה ג' ע"ב).

„אל תסג גבול עולם אשר עשו אבותיך", א"ר שמעון בן יוחאי, אם ראית מנהג שעשו אבותינו אל תשנה אותו, כגון אברהם תקן תפילת השחר, יצחק תקן תפילת המנחה, יעקב תקן תפילת ערבית, שמא תאמר אף אני אוסיף אחריו ? ת"ל „אשר עשו אבותיך", (מדרש).

המתקנים העברים.

המתקנים שקמו באוה"ע, וכן מיסדי דת הקראים בתוכנו, לא היו מתקנים כלל במובן הרגיל עתה, כי אם רק כופרים במקצת, כלומר, הם לא באו לבקר תוכן עניני הדת, כל ענין לעצמו לומר: זה כלו טוב וישאר כמו שהוא, וזה יש בו מגרעת ודורש תיקון כך וכך; אלא שללו בפעם אחת את האבטוריטט האלהי מחלק ידוע מן הספרות הדתית ועשוהו חול, ועי"ז נפלו ממילא המון ענינים, שנחשבו עד אז למצות דתיות, ואבדו קדושתם לא מפני חסרונם העצמי, כי אם מפני שלא היה להם עוד על מה להשען, ביחס אל החלק ששללו קדושתו היו איפוא המתקנים האלה כופרים גמורים, וביחס אל זה שהשאירו בקדושתו נשארו גם הם מאמינים גמורים ולא הרשו לעצמם לתקן בו כלום, אדרבא, עוד הוסיפו לדקדק בו יותר מכל שאר המאמינים. וזוהי שגיאתם של המתקנים העברים בארצות המערב, שהם חושבים באמת לתקן, כלומר, להניח בקדושתה את הדת בכללה, עם ספרותה הקדמונית, ולבטל עם זה מדעתם מצות ידועות, מפני שאינן מתאימות לצרכי הזמן. ובזה הם סותרים את עצמם באופן זר ומתמיה, ואין להתפלא אם תיקוניהם מביאים לידי ביטול הדת בכלל אחר שבאמת מושג התקון כולל כבר בתוכו מושג הכפירה, והבא לתקן אין לו מה לתקן עוד.

(על פרשת דרכים, אחד העם, ח"א).

הקנקן הישן.

... ישנם מתקנים החושבים שאפשר לנו להסיר את הקליפה מעל הדת, את המצות המעשיות ולשמור רק את תוכה, את הדעות המפשטות, או להסיר את הקליפה מעל כתבי הקודש, את לשונם, ולשמור רק את תוכם בהעתקות אירופיות. אלה ואלה לא ישימו אל לב כי החבית הישנה בצורתה הישנה היא הקדושה, וכל אשר בה יקדש בעבורה, אף כי תתרוקן תתמלא חדש מזמן לזמן, וכי, להיפך, אם תשבר החבית, או תקבל פנים חדשות, יפוג גם טעם היין, אף אם ישן נושן יהיה.

אל זאת לא ישימו לב המתקנים, אבל העם בכללו התנהג תמיד כאילו הרגיש זאת בנטיה טבעית: לא הרבה להתנגד לחכמיו אשר מלאו את חביתו יין חדש, כהרמב"ם וסעייתו, ולא נמנע גם מלהקדישם ולהעריצם; אבל הקראים ודומיהם אשר נועזו לשלוח יד בחביתו ולשנות פניה לפי ראות עיניהם — אותם הרחיק בכל תוקף, אע"פ שהרבו לחלל לפניו את יינם, כי הוא היין הישן, המשומר, שלא חלו בו ידים.

ילעגו להם המלעיגים על שמירת החבית כאות נפשם — התולדות שיצאו משמירת היין באות ומטפחות על פניהם. (על פרשת דרכים, שם).

עת לרחוקים שיתקרבו.

אב אחד שברכו ה' בעושר רב היה לו שני בנים שהיו משונים זה מזה מרחק רב במאכל שלחנם — האחד היה אוהב מאכלי בשר והשני מאכלי חלב, ובענין הזה היו מקפידים כ"כ עד שלא יכלו אפילו להריח או להביט על המאכלים ששנאה נפשם — האב, בהיותו עתיר נכסין וכסף לא נחשב בעיניו למאומה מלא את תאות נפשם ויבן להם חדרי אוכל מיוחדים, האחד למאכלי בשר והשני למאכלי חלב, למען לא יוכרחו בניו אפילו להעיף עיניהם במאכלים שזהמה נפשם.

ויהי היום נהפך הגלגל והאב אבד את עשרו בענין רע וירד פלאים כ"כ עד אשר לא היתה ידו משגת לקנות בשר לבנו האחד או חלב לבנו השני, ובכל זאת ע"י כח ההרגל נשארו שני בניו בחדריהם המיוחדים ויאכלו את ארוחתם בכליהם המיוחדים — ויהי כאשר התבונן על זה איש נבון שהיה מיוצאי ובאי הבית הנ"ל, קרא אליהם, „הוי סכלים! בשלמא מלפנים בעת שהיה לזה בשר ולזה חלב על שלחנו היה לכם לכל הפחות איזה יסוד להפרד איש מעל אחיו בחדרים מיוחדים, אבל לעת עתה שאין בשר לזה ואין חלב לזה ושניכם גם יחד מסתפקים בירק מבושל במים על מה זה תתפרדו בחדרים מיוחדים ?"

כן ג"כ נוכל לקרוא את הקריאה הזאת אל האורטודוקסים והריפורמים שבזמן הזה — בשלמא מלפנים בזמן שהחרדים היו באמת חסידים ואנשי מעשה והמתקנים היו חכמים ומלומדים בחכמת ישראל והעמים, אולי היה מקום להפירוד שהיה ביניהם, אבל עתה שאין תורה ויראה לזה, ואין חכמה לזה למה תתפרדו איש מעל אחיו ? (שמעתי).

אל תפסיעו פסיעה גסה.

אגדות חז"ל.

„ויאמר יעקב לבניו למה תתראו", אמר להם יעקב לבניו אל תראו עצמכם כשאתם שבעים לא בפני עשו ולא בפני ישמאל, כדי שלא יקנאו בכם. (תענית י' ע"ב).

„ודי חלב עזים ללחמך ללחם ביתך וגו'", אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן, מכאן למדה תורה דרך ארץ שלא ילמד אדם את בני ביתו בבשר ויין, „ודי חלב עזים ללחמך", דיו לאדם שיתפרנס מחלב גדיים וטליים. (ילקוט המכירי).

„נבהל להון איש רע עין ולא ידע כי חסר יבואנו" (משלי כ"ח). הפסוק הזה מדבר בהרבה בני אדם, נבהל להון איש רע עין זה קין, אמר הקב"ה, אתה נבהלת לירש את העולם לעצמך והרגת את הבל, חייך חסרון יש לך, הוי, „ולא ידע כי חסר יבואנו", ומה היה לו ? שנטלטל בעולם, שנאמר, „נע ונד תהיה בארץ" (בר' ד'). ד"א „נבהל להון איש רע עין" זה עפרון החתי, בשעה שמתה שרה הלך אברהם אצל עפרון שימכור לו את המערה, אמר לו עפרון: תן לי את דמיה וא"ל „ארץ ארבע מאות שקל ביני

ובינך מה היא" (שם כ"ג). התחיל אברהם צובר את הכסף לעפרון, שנאמר, וישמע אברהם אל עפרון וישקול לו ארבע מאות קנטרין, כיון שראה עפרון את הכסף נבהל ונחפז ואמר „במבחר קברינו קבור את מתך", אמר הקב"ה, נבהלת לממון, חייך חסרון יש לך בדבר, ומהו חסרונו? א"ר יהודה הלוי בר שלום, כל עפרון שכתוב כאן עד שלא נטל הכסף מאברהם הוא מלא (בוא"ו) וזה חסר. ד"א „נבהל להון רע עין" זה המלוה מעותיו בריבית שהוא נבהל להעשיר ומארה נתנת בנכסיו, שנאמר, „ולא ידע כי חסר יבואנו". (תנחומא).

להושיבי עם נדיבים עם נדיבי עמי.

מה גבהו דרכי גדולי וגבורי עמנו אשר מעולם אנשי השם כרבנו הקדוש ר' שמואל הנגיד, הרמב"ם, וכדומה, אשר רכושם וכבודם עלה על אחת שבע מרכוש עשירנו בזמן הזה, וישבו בין שרים וחורי הארץ, ובכל זאת בעתות הפנאי ישבו בראש הרבה מאות תלמידים המקשיבים לקולם בעניני תורה וחכמה. וכאשר תציב נגדם התנהגות הרבה מגבורי ונשיאי עמנו בזמן הזה באמת יהיו לגועל נפש. — מה נאה היה איש הצדיק בדורות שעברו, בזקנו היורד על פי מדותיו, בישבו בראש בניו ונכדיו אשר כל מעינו ומגימתו היתה הצלחתם. ומה מגועל עתה הזקן המנאף, שמחזיק לו שידה ושידות להתדמות בתהלוכותיו למנהג השרים הגדולים מיתר העמים, ושערות ראשו שחורות בעורב ע"י סמים שונים, כהאי עבדא שסיפרו ממנו חז"ל שאמר קשיש אני מאביך, אותו שמעטף רגליו הצנומות והדקות במכנסי בד רחבות להתראות כבעל בשר וצעיר לימים בפני הנשים המרקדות בבתי תיאטרות, ואחריהם בניהם וצאצאי מעיהם ימשכו, לפזר כעפר כסף על דברי הבל והוללות, נגד דברי נביא ה': „אל תשמח ישראל אל גיל בעמים", אשר לא זה הוא תעודת יעקב להתדמות לשאר העמים המוצלחים ולעשות כמוהם כקוף העושה בלי בחינה, ואשר הם רק ישחקו עליו בנסותו לצוד ציד ולרכוב על סוס דוהר או להנהיג את העגלה הרתומה בארבעה סוסים כיושבי הרכש האחשתרנים, בכובע קטנה ומכנסים צרות, שלא יכלתי לשום מעצור לנפשי מלמלאות פי שחוק עת ביגון נפש שמעתי מהתלות מנדינו על איש אחד מאחינו שהיה לבוש המלבושים האלה המתנגדים לחוטמו הארוך ובטנו הרחב, והגוים קראו אחריו בשחוק: יהודי! יהודי!

ועלו בזכרוני דברי הנביא: „ההימיר גוי אלהים וגו' ועמי המיר כבודי בלא יועיל", שהמירו כבוד ה' להתדמות ליתר העמים, כדי למצא חן בעיניהם, ובאמת לא הועיל להם כלום, כי מבוזים הם בעיניהם כמקדם, ואדרבה, ישנאו אותם עוד יותר.

לא כן היה דרך דוד מלכנו שאמר בכפל: „להושיבי עם נדיבים עם נדיבי עמו", ר"ל שאין זה תכלית ותעודת הישראלי לישב בין שרים ונדיבים של עמים אחרים, ולהחשב עי"ז כאיש רם ונשא, רק עם נדיבי עמו, לקיים כל המצוות והמדות שנדיבי ישראל מצטיינים בהם כמו תמיכת העניים וכדומה בענות חן ורוח נדיבה.

(תהלוכות עולם).

מברכותיו של אותו רשע.

„מברכותיו של אותו רשע אתה למד מה היה בלבו, בקש לאמר שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות, אמר „מה טובו אוהליך יעקב", לא תשרה שכינה עליהם, „משכנותיך ישראל", לא תהא מלכותו שולטת באומות, „וזרעו במים רבים" וכו' (סנהדרין ק"ה:) שכבר תמהו כל המפרשים האיך למדו מאותם הברכות מה שהיה בלבו. — אמנם הנסיון יורנו כמה אמתים הדברים והאיך קלע הרשע הזה שהכיר דרכם

והתנהגתם אל השערה בברכותיו שבכל אחת מהם קללה צפונה בה כפי הנסיון היומי. — כאשר רצה שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות שמהם תצא תורה באמת, ברך אותם: „מה טובו אהליך יעקב", ר"ל שיהיו הבתי כנסיות ובתי מדרשות בנוים בתכלית היופי וההידור כהיכלי העמים, והא בהא תליא שהתלמידים שיצאו מהם יהיו בורים גמורים ועמי הארץ, כאשר אנו רואים בחוש מן הנסיון. — „בקש שלא תשרה שכינה עליהם, ברכם: משכנותיך ישראל", ר"ל שידורו בארמנות מלכים ושרים, בידעו כי אז תיכף ישליכו דברי ה' אחרי גום ויתנהגו כשרי הארץ והם מלהזכיר שם ישראל חלילה. — „בקש שלא תהיה מלכותם שולטת, אמר: וזרעו במים רבים", ר"ל שזרעם יתערב בכל העמים ליקח להם לנשים וליתן את בנותיהם להם באופן שבמשך העת יכלה שם ישראל לגמרי. (שם).

ימי עניה ומרודיה כל מחמדיה.

„זכרה ירושלים ימי עניה ומרודיה כל מחמדיה אשר היו לה מימי קדם" — שנתעוררו כבר המפרשים שהיל"ל: זכרה ירושלים בימי עניה ומרודיה וכו' ולא ימי עניה ומרודיה?! — אבל לענ"ד הכוונה פשוטה, שעורר אותם הנביא על זה שעיקר ענים ומרודם היה באמת אותה העת שדימו בני ישראל שהיא עת הצלחתם, עת ישבו בארצם בארמנות מלכים, ומכרו עצמם לכל התענוגים, וזה הביאם לעבור על כל עבירות שבתורה, כמו שחשבו חז"ל כל העבירות שהחריבו את ביתנו וגלו אותנו מעל אדמתנו — ומעם הכתוב כך הוא: זכרה ירושלים שכל המחמדים שצברו בימי קדם היו באמת הסיבה לענים ומרודם, שעי"ז סרו מאחרי ה', ואם היו חיים איש תחת גפנו ותחת תאנתו בענוה והסתפקות לא היו באים לזה. (שם).

ברעב זנתנו ובשבע כלכלתנו.

„ברעב זנתנו ובשבע כלכלתנו" — שראיתי בעיון יעקב על הסידור שתמה: בשלמא „ברעב זנתנו" הוי שבח, אבל אם בעת השובע מכלכל אותנו אינו לכאורה דבר גדול כלל?! — אבל יובן בהקדם ביאור מלת „כלכלה" שהיא מלשון "וכל בשליש עפר הארץ" ר"ל מודד עפר הארץ במדה, וע"כ אנו נותנים תודה להשי"ת שברעב זן אותנו ובשובע לא נתן לנו הברכה במדה גדושה שיכול להביא את האדם לידי חטא, רק „כלכל" אותנו במדה ובמשורה שלא יחסר לנו הנחוץ, ממש כדברי שהע"ה „ריש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חקי". (שם).

אל תיגע להעשיר.

„אל תיגע להעשיר מבינתך חדל" — ביאור זה ע"ד מאמר (משלי ב') „בני אם תקח אמרי וגו' אם תבקשנה ככסף וגו' אז תבין יראת ה'". והיא תוכחת מגולה אל האדם להוכיחו במישור. — כי האדם צריך לעמול על שני ענינים, להשיג צרכי הגוף וצרכי הנפש, ושני אלה אפשר לאדם להתנהג בהם באחד מב' אופנים, אם לתת לשניהם רק די סיפוקם לבד או למלאות משאלות שניהם ברויה. אמנם הלא יש ויש אשל אל צרכי הנפש הוא מסתפק במועט רק להתפלל שחרית וערבית, ויחזיק לו למותרות ללמוד תורה הרבה כדי לדעת הלכה, כי יאמר, כאשר יזדמן אצלי שאלה אשלח אל הרב המורה והוא יגיד לי ההלכה. לא כן בצרכי גופו, נהפוך הוא כי הוא שוקד ומתאמץ שיהיו לו כל סוגי מותרות ושיהיה כל טוב הארץ בידו, וכאשר תשאלהו לאמר, למה תיגע את עצמך להרבות הון כ"כ די לך במועט ההכרחי, אחרי כי העיר מלאה עשירים גם מבלעדיך

והם יכלכלו אותך כל די מחסורך, הלא יענה ויאמר, הלא יותר טוב לי שאהיה אני העשיר ואכלכל מחסור זולתי משאהיה אני עני ואצפה אל העשירים לחון אותי משלחנם. זה שאמר שהמע"ה, „בני אם תקח אמרי וגו׳ כי אם לבינה תקרא וגו׳ אם תבקשנה ככסף" ר"ל לא תסתפק במיעוט דעת אלא תשתדל להשיג יותר ויותר כמו שאתה עושה בהשגת הכסף שנאמר בו „אוהב כסף לא ישבע כסף" ולא תהא כהנית כפונדקית. ועתה יובן גם מאמרו „אַל תיגע להעשיר מבינתך חדל", כלומר מדוד נא מדת בינתך כמה מן המיעוט יש בך ובכל זאת אתה מסתפק בזה, וא"כ אין לך להזדרז בצרכי גופך יותר ממה שאתה מזדרז בצרכי נפשך ולמה תיגע להעשיר? (אוה"י).

יש לי רב — יש לי כל.

עשו אמר „יש לי רב", וכאשר תתבונן בפתגם הזה תמצא בו תרתי לריעותא — יש בו די התגאות בעשרו אבל אין בו די להיות שמח בחלקו (כי האומר „יש לי רב" אינו מתכוון שלא ירצה בתוספת נכסים), אבל יעקב אמר „יש לי כל", ובמאמר הזה נמצא תרתי למעליותא, כי המאמר, „יש לי כל" יוביל את הכוונה שאינו חפץ ביותר (שאין לך דבר שיוכל להיות יותר מ„כל"), ובכל זאת יוכל להיות שהאומר את הפתגם הזה יש לו באמת מעט מזעיר אבל מחמת שהוא שמח בחלקו נחשב בעיניו ל„כל", ובעושר כזה אין די להתגאות לפני אחרים. (המחבר).

הזאב הזקן.

הזאב הזועף בא בשנים,
ובשפתי חנף אמר לשום סתר פנים,
ולכרות ברית אהבה עם הרועים, ויהיו דבריו
ללכת אל הרועה הסמוכים לו עדריו,
„הרועה!" אמר לו הזאב: „אויב בנפש תקראני,
ואשר באמת לא כן הנני. —
בלי ספק עלי ללטוש עין על עדרי צאנו,
באשר יתקפני הרעב, כי מי יוכל לשאת רעבונו,
אך אם תהיה לי למגן ומחסה מהרעב ואסונו,
ואספתי את עברתי,
ושמחת בחברתי.
כי אין לך שונא קרב ומלחמה,
וחיה שוקטת על פני כל האדמה,
כמוני, עד זקנה ושיבה,
אך אם אין בטני רעבה."
— „אם הנך שבע?" — קרא הרועה —
„אך מתי תשבע בטנך? זאת אינני יודע!"
(משלי לעססינג, העתקת משה הכהן רייבערסאן).

והכניסו חמה לעיר.

אגדות חז"ל.

ר' אלעזר אומר, גדול השלום שלא נטעו הנביאים בפי כל הבריות אלא שלום, אף בברכות כהנים אחר כל ברכות מסיימין בשלום שנאמר וישם לך שלום, לומר לך שאין כל הברכות מועילות כלום אלא א"כ שלום עמהן וכו'. ר' אלעזר הקפר אומר, גדול השלום שאין חותם כל התפילות אלא שלום וכו'. גדול השלום שהוא שקול כנגד הכל, שאנו אומרים עושה שלום ובורא את הכל (ישעי' מ"ח). גדול השלום שניתן בשכר התורה והמצות, שנאמר, אם בחקותי תלכו וגו' ונתתי שלום בארץ. (מדר"ר פי"א).

„הנני נותן לו את בריתי שלום", גדול השלום שאין העולם מתנהג אלא ע"פ שלום, והתורה כולה שלום, שנאמר דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום (משלי ג'), אם בא אדם מן הדרך שואלין לו שלום, וכן בשחרית שואלין לו שלום ובערב שואלין לו שלום, וקוראין ק"ש וחותמין „הפורס סוכת שלום". (תנחומא).

„כי תקרב אל עיר להלחם עליה וקראת אליה לשלום". ראה כמה גדול כח השלום שאפילו לשונאים אמר הקב"ה לפתוח להם לשלום. כך שנו רבותינו שואלים בשלום הגוים מפני דרכי השלום. אמרו חז"ל, כמה קולמסין משתברין וכמה דיו נשפך לכתוב הדברים האלה שלא היו ונכתבו מפני השלום. שאפילו שרה אמנו בשביל השלום כתב עליה הקב"ה דבר שלא היה מעולם, שנאמר, „ותצחק שרה בקרבה וגו' ואדוני זקן" (בראשית י"ח) וכשבא הקב"ה להוכיחה אמר לאברהם, „למה זה צחקה שרה לאמר וגו' ואני זקנתי" (שם) ולמה כך? בשביל שלא להטיל מחלוקת ושנאה בין אברהם לשרה (תנחומה). ד"א „וקראת אליה לשלום", בשר ודם אם יעשה לחברו רעה איננה זזה מלבו לעולם, אבל הקב"ה אינו כן, היו ישראל במצרים, והיו המצריים משעבדין אותם בטיט ובלבנים, ולאחר כל הרעות שעשו לישראל, חס הכתוב עליהן ואמר, „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו" (דברים כ"ג) אלא רדפו אחר השלום, שנאמר „בקש שלום ורדפהו" (תהילים צ"ד). (דב"ר פ"ה).

„ואהבת לרעך כמוך", ר' עקיבא אומר זה כלל גדול בתורה. בן עזאי אומר, „זה ספר תולדות אדם" כלל יותר ממנו (מחמת שכולל כל העמים והלשונות) — ב"ר.

הרואה קדירה בחלום.

שמעתי בשם הגאון ר"י מוואלאזין ז"ל ביאור על גמרא (ברכות נ"ו ע"ב) הרואה קדירה בחלום יצפה לשלום, ואמר על זה למה דוקא קדירה בלא דבר אחר? וביאר באופן כזה, דהנה אנו רואים שאין התנגדות בעולם גדולה יותר מן ההתנגדות שבין אש ומים, אש בוער ומים מכבה, ובכל זאת אנו רואים בכל יום שמשימים מים בקדירה ותחתיו האש בוער והמים אין מכבים אותו, אין זאת רק מחמת שהקדירה מפסקת ביניהם והיא היא שעושת שלום ביניהם, ולכן אמרו „הרואה קדירה בחלום יצפה לשלום". (כרם בנימין).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

דער פרעהליכער פיליזאף.

(דרוש לפ' ויחי).

הרב שלום ראבינאוויץ.

ויאמר אליהם יוסף אל תראו כי התחת
אלהים אני: ואתם חשבתם עלי רעה אלהים
חשבה לטובה למען עשה כיום הזה להחיות
עם רב: (בר' נ' — י"ט, כ')

I

די היינטיגע סדרה (ויחי) איז איבערפילט מיט פּאעטישע און פיליזאפשע אוסדריקע, אבער די טיעפסטע פיליזאפיע געפינט זיך נאך מיין מיינונג נאך אין די צוויי פסוקים וואס איך האב אויסגעשטעלט אלס טעקסט צו דיעזען דרוש: — ווען יוסף'ס ברידער זיינען געפאלען פאר איהם און געבעטען ער זאל זיי מוחל זיין דעם גרויסען פערברעכען וואס זיי זיינען געגען איהם בעגאנגען, האט זיי יוסף געענטפערט: „האט קיין מורא ניט! פערנעהם איך דען דעם פלאץ פון גאט? (דאס הייסט: קען איך אייך דען שלעכטס טהאן אפילו ווען איך זאל וועלען?) איהר זעהט דאך אז אפילו ווען איהר האט מיר געוואלט שלעכטס טהאן האט גאט אומגעדרעהט אייערע פלענער צו גוטען צו ערהאלטען ביים לעבען א גרויסע בע־פעלקערונג ווי איהר זעהט היינטיגען טאג" (דערפון קענט איהר זעהן אז עס איז אוממעגליך פאר איין מענשען צו טהאן שלעכטעס צו א צווייטען אויב גאט וויל ניט).

אין דיעזע ווערטער געפינט זיך די שליסעל צו די גאנצע ביבלישע געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער. — עס איז א גאנץ בעוואוסטער פאקט צו אלע וועלכע האבען א גענינגענדע ידיעה אין דער תורה, אז זי ענטהאלטעט ניט קיין פוסטע אוננוציגע מעשיות; עס איז ניט גענוג פאר אונז צו וויסען אדער צו גלויבען אז א געוויסע ביבלישע געשיכטע איז אמת, מיר מוזען אויך וויסען וואס איז געוועזן דער צוועק צו געבען די בעטרעפענדע געשיכטע א פלאץ אין דער תורה — ווארום איהר מוזט ניט פערגעסען אז דער תנ"ך איז ניט קיין קינדישער מעשה־ביכעל;

יעדער קאפיטעל, יעדער אינצידענט וואס געפינט זיך אין תנ"ך טראגט אין זיך די קערנער פון א געוויסע לעהרע וואס קען צוניץ קומען די מענשהייט. — נון, פרעגט זיך: וואס קענען מיר לערנען פון א געשיכטע וואס ענטהאלט די איינ־צעלהייטען פון די שרעקליכסטע אכזריות וואס ברידער האבען ווען בעגאנגען געגען א ברודער? נאך מיין מיינונג נאך איז די גאנצע געשיכטע געמיינט געווארען צו לערנען די מענשליכע ראסע זיך ניט צו לאזען בעאיינפלוסען פון ז א ר ג, ווייל עס טרעפט גאנץ אפט, אז דאס וואס מיר בעטראכטען היינט פאר'ן גרעסטען אומגליק, טראגט אין זיך די זאאט פון גרעסטען גליק אין די נאהנטע צוקונפט — אדער אין אנדערע ווערטער: אז מיר זיינען אינגאנצען קיין מבינים ניט צו פערשטעהן וואס איז גוט און וואס איז שלעכט פאר אונז.

II

איינע פון די ערגסטע פלאגען פון אונזער ציוויליזאציאן איז ז א ר ג. — פונקט אזוי ווי די פליעג וואס האט געלעבערט די מארך פון טיטוס, אזוי לע־בערען די דאגות די קאפ פון יעדער מענשען אין אונזער דור; און פונקט ווי טיטוס'עם פליעג איז אויף א ווייל שטיל געווארען ווען ער איז פערבייגעגאנגען א קוזניע און האט געהערט די קלעפ פון דעם שמיעד'ס האמער, אזוי פערגעסט דער מענש זיינע דאגות אויף איין אויגענבליק אין דעם געטומעל פון לעבען און ביזנעס. אבער אזוי ווי טיטוס'עם פליעג האט זיך ענדליך צוגעוואהנט און אפילו די קלעפ פון האמער האבען שוין אויך אויף איהר קיין ווירקונג ניט געהאט, אזוי אויך דער מענש פון היינטיגער וועלט פערגעסט ניט זיינע דאגות אפילו אין מיטען רוישענדען שטראם פון לעבען; און פונקט ווי טיטוס'עם פליעג איז שנעל געוואקסען גרעסער און גרעסער ביז עס איז אויסגעוואקסען צו אן איבערנאטיר־ליכע גרויס, אזוי אויך ווען א מענש גיט זיך אב צו זארג ווערען זיי מיט דער הילף פון זיין פאנטאזיע גרעסער און גרעסער פון מינוט, בי זיי ברייננען איהם אום פון דער וועלט . . .

III

זארג איז א נייע קראנקהייט, אויף דעם שטייגער פון די שפאנישע אינ־פלוענזא; די מענשליכע ראסע האט דאס איינגעזויגען צוזאמען מיט די נייע ציוויליזאציאן. אין די אלטע גוטע צייטען פון אונזערע זיידעס האט מען כמעט אזוי ווי ניט געוואוסט דערפון. די וועלט פון אונזערע זיידעס איז געווען א גאנץ קליינע; דער גרענעץ פון זייער וועלטעל איז געווען דער „עירוב"... מיין זיידע איז געווען א געשעפטסמאן, און ווען זיין געשעפט האט איהם געצוואונגען צו פאהרען אין די פראווינץ־שטאדט (אונגעפעהר דרייסיג מייל) איינקויפען סחורה, האט ער איבערגעלאזען א צואה... און ער פלעגט דערציילען פון זיין פאטער אז ווען יענער פלעגט דארפען מאכען אירגענד וועלכע רייזע פלעגט ער מיט־נעהמען אן ארון מיט תכריכים מיט זיך . . .

די וועלט פון א היינטיגען מענשען איז זעהר א גרויסע — עס נעהמט ארום דעם גאנצען ערד־קוגעל פון פּאָל צו פּאָל, און אפילו דאס ווערט שוין אויך צו קליין פאר אונז... איהר וועט באלד הערען פון א קאָמפּאַני ערגעץ אין די וועסט וואס וועט זיך אונטערנעהמען צו בויען א נייעם פליגעל צו אונזער וועלטעל . . .

צו א היינט־וועלטיגען געשעפטסמאַן מיינט ווייטקייט כמעט אזוי ווי גאר נישט — אַט שטעהט ער מיט'ן טעלעפאָן־רעסיווער אין האנד: „העללאָו לאָנג־דיסטענס! גיט מיר שיקאַגאָ, פּליעז!" — „יעס", קומט דער אנטווארט. „דאס רעדט שיקאַגאָ!" — „ווער רעדט דאס, דזשייק? וואָס זאָגסטו, עס וועט זיין נויטהיג פאר מיר צו זיין אין שיקאַגאָ? אָלרייט, מיר וועלען זיך זעהן אין האָטעל ק. מאָרגען פריה!" — מיין יונגער מאַן נעהמט ניט מיט קיין ארון און קיין תכריכים ווען ער דאַרף מאַכען א רייזע פון טויזענד מייל; ער שטעקט אריין א פּאָאר האַוואַנאַ־סיגאַרען אין טאַש, וואַרפט ארויף זיין אָווערקויט אויפ'ן ארם און פאַהרט נאך שיקאַגאָ! מעגליך אז די געשעפטען וואס ער האט דארטען וועלען פאָדערען ער זאל פון דארטען אוועק פאַהרען נאך א טויזענד מייל ווייטער וועסט אָדער נאָרטה אָדער סויטה, ער שרעקט זיך דערפאר ניט אָב. — אונזער היינט־וועלטיגער געשעפטסמאַן בעוועגט זיך אין א גאַנץ גרויסע וועלט, און זיינע דאגות און קאָפּדרעהעניש זיינען נאָכ'ן ערד נאך פּונקט אזוי גרויס. — ער וועט וואַהר־שיינליך דינגען א בעט אין א פּולמאַן־סליפּינג־קאר ווען ער מאַכט א לאַנגע רייזע, אבער איך בין אין צווייפעל אויב ער וועט טאַקי איינשלאָפען אין איהר — ווען א ביזנעסמאַן זאגט מיר אז ער געהט דינגען א „סליפּער" (דער ענגלישער אויס־דרוק פאר א בעט אין א סליפּינג־קאר איז א „שלאָפער") טראַכט איך זיך אז א „שלאָפער" וואָלט איהם טאַקי צוניץ קומען, ווייל ער זעלבסט קען גאַנץ ווייניג שלאָפען . . .

IV

פון אלע פעלקער איז די אידישע פאָלק אממעהרסטען אויסגעזעצט צו דיזע נייע קראַנקהייט „זאָרג". — עס זעהט אויס אז ווען גאָט האט בעשאַפען די וועלט האט ער געגעבען די פערשיעדענע פעלקער די ברירה זיך אויסצוקלייבען וועלכע פּראָפעסיאָן זיי ווילען; איינע האט זיך אויסגעקליבען ערד־ארבייט, אַן אנדערע פּיה־צוכט א. ז. וו. די אידישע פאָלק האט זיך אויסגעקליבען „מסחר". — עס איז אַן אונבעשטרייטבאַרער פאַקט אז דיזע „מסחר"־ביזנעס ענטהאַלטעט אין זיך א גרעסערע מאָס דאגות ווי אלע אנדערע פּראָפעסיאָנען צוזאַמענגענומען. — מסחר איז אבהענגיג פון ווינד און וועטער, פייער און וואַסער, מזל און קאַפּריז, וועלכע פּערדרעהען א מענשען דעם קאָפּ אזוי ווי א ווינט־מיהל. די דאגות האבען דעם אידען געמאַכט קליין אין געוואוקס, שמאָל אין ברוסט, אויסגעצעהרט אין קערפּער, נערוועז אין טעמפּעראַמענט. עס איז אויך די מיינונג פון מעדיצינישע אויטאָרי־טעטען אז צוליעב די דאגות איז דער איד מעהר אויסגעזעצט צו געוויסע קראַנק־הייטען אזוי ווי אויסצעהרונג, קאַנסער, א. ז. וו. איהר הערט גאַנץ אָפט ווי די

וועלט זאגט אויף איינעם: „אומגליקליכער מענש! ער איז געבאך געשטארבען פון צופיעל הארעוואניע!" — דאס איז אן אירטהום, אפילו איינער פון א מיליאן שטארבט ניט פון צופיעל הארעוואניע; אין די אייזען־מינען פון סיביריע וואו די בארבארישע בעאמטע האבען אבזיכטליך געוואלט אומברייננען געוויסע פאלי־טישע פערברעכער דורך שווערע ארבייט האבען זיי אויך אויסגעפונען אז דער מיטעל האט ניט געווירקט; וואס מענשען רופען א טויט דורך צופיעל הארעוואניע איז אין אמת'ן א טויט פון צופיעל זארג.

V

איז עפעס פאראן א געגענ־גיפט וואס זאל אבשוואכען א מענשען'ס דאגות? יא, עס איז דא איין מיטעל און א גאנץ לייכטער, נעמליך: אויב א מענש וויל פטור ווערען פון זיינע דאגות זאל ער זיי גאנץ גענוי אונטערזוכען און אנאליזירען וועט ער אויסגעפינען אז זיי עקזיסטירען נור אין זיין פאנטאזיע, אבער אין אמת'ן זיינען זיי נור שאטענס וועלכע זעהן אויס פון ווייטען ווי בערג.

איך געדיינק אין מיינע קינדישע יאהרען פלעגען זיך קינדער דערצעהלען א מעשה'לע פון א פרינץ וועמען א מכשף האט אריינגעזעצט אין א שטיינערנע פעסטונג מיט אייזערנע טהירען, און ער וואלט דארטען געוויס אויסגעגאנגען פאר הונגער ווען עס וואלט ניט געקומען איינער פון די גוטע גייסטער און איהם אויס־געזאגט דעם סוד אז די גאנצע פעסטונג איז נור א פערבלענדעניש, די ווענט זיינען קיין ווענט ניט און די טהירען זיינען קיין טהירען ניט, און טאמער וויל ער איהם ניט גלויבען, האט ער איהם גענומען ביי דער האנד און מיט איהם דורכגעגאנגען דורכ'ן שטיינערנעם וואנד אזוי ווי עס וואלט געווען א ליידיגער פלאץ.

דאס זעלבע זאג איך צו אייך, מיינע צוהערער, אייערע דאגות, מעגען זיי זיין וואס זיי זיינען, בעשטעהן בלויז פון שאטענס אהן א ממשות און אז איהר וואלט נור געהאט קוראזש זיי גענוי צו אונטערזוכען וואלט איהר דאס זעלבסט אויסגעפונען. אבער אזוי ווי דער דורכשניטליכער מענש האט ניט דעם קוראזש אדער דעם טיעפען בליק וואס איז נויטהיג צו אזא אנאליז, מוז איך אינטראדוסען צו אייך א דריטע פערזאן וועלכע וועט אייך אין דעם אויסהעלפען — דיעזע פערזאן איז קיין אנדערער אלס ד ע ר פ ר ע ה ל י כ ע ר פ י ל י ז א ף.

VI

ווער איז דאס דער פרעהליכער פילאזאף?

אט האט איהר זיין געשיכטע. — דער גרויסער אלכסנדרוס מוקדון דער הער־שער פון דער גאנצער וועלט האט געהערט זאגען פון א געוויסען פרינץ פון אסט אינדיען אז יענער בעזיצט א געוויסען גראז וואס האט די אייגענשאפט צו פער־טרייבען מעלאנכאליע. און אזוי ווי ער, אלכסנדר, האט זעהר פיעל געליטען פון

דיעזע קראנקהייט האט ער געשיקט שלוחים צו יענעם פרינץ צו קריגען א ביסעל פון יענעם גראז.

„זאגט אייער הערען“, האט דער אינדיאנישער פרינץ געענטפערט, אז אזא סארט גראז האב איך ניט און האב קיינמאל ניט געהערט דערפון, נור עס געפינט זיך א מאן און מיין לאנד וועלכער איז בעוואוסט מיט'ן טיטעל: „דער פרעהליכער פיליזאף“, ער האט די קראפט צו פערטרייבען אלערליי סארטען דאגות און מע־לאנכאליע, איך וועל איהם שיקען מיט אייך כדי אייער קעניג זאל איהם קענען אויספרובירען“.

ווען די שלוחים זיינען צוריקגעקומען מיט'ן פרעהליכען פיליזאף און האבען דערצעהלט דעם קעניג די געשיכטע, האט ער געלאזט פראקלאמירען אין אלע זיינע פראווינצען אז יעדער פון זיינע אונטערטהאנען וועלכער טראגט א צו גרויסע לאסט דאגות אויף זיין קאפ קען זיך מעלדען צו דעם גרויסען „צויבערער“ (אזוי האט דער פיליזאף געבעטען זאל ער איהם אנרופען) וואס ער האט געבראכט פון אינדיען און יענער פערשפרעכט איהם אויסצוהיילען.

דער ערשטער וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן צויבערער איז געווען א גרויסער סוחר וועלכער האט געהאט אלע זיינע שיפען אויף'ן ים אנגעלאדען מיט סחורה און האט שוין לאנג פון זיי קיין שום נאכריכט ניט געהאט — ער האט דערציילט דעם צויבערער אז זינט זיינע שיפען האבען פערלאזען דעם פארט קען ער ניט רוהען בייטאג און ניט שלאפען ביינאכט קלערענדיג וואס עס האט מיט זיי געקענט פאסירען.

„ווארט איין מאמענט!“ — זאגט דער פאלאזאף — „איך וועל זיך איינקוקען אין מיין צויבער־שפיעגעל און איך וועל דיר גלייך זאגען וואס עס טהוט זיך מיט דיינע שיפען אין דיעזען אויגענבליק“.

און זאגענדיג דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען א קליינע האנד־שפיעגעלע פון זיין טאש, האט זיך טיעף איינגעקוקט אין איהר און האט געזאגט:

איך זעה דיינע שיפען פאר מיינע אויגען ווי זיי געהען גאנץ זיכער אויפ'ן ים מיט א גוטען ווינד און זיי דערנעהנטערען זיך צו זייער בעשטימטען פארט וואו דו האסט געוואלט זיי זאלען אנקומען“.

„דאנק גאט! דאנק גאט!“ — האט דער סוחר אויסגערופען מיט גרויס שמחה און האט אנגעפאנגען צו טאנצען פאר פריידע — „אה, ווי גליקליך איך בין צו הערען אז מיינע שיפען זיינען גאנץ!“

„ווארט א מינוט!“ — זאגט דער פיליזאף, און זיין פנים נעהמט אן אן ערנסטע מינע — „אויפ'ן דעק פון איינע פון דיינע שיפען זעה איך דעם פערברעכער וואס האט אונלענגסט געמאכט א פערזוך צו ערמארדען דעם קעניג אלכסנדר, ווי דו ווייסט האט דער קעניג ארויסגעלאזט א דעקרעט, אז די שיף אויף וועלכע דיעזער פערברעכער וועט געפונען ווערען זאל קאנפיסקירט ווערען און דער אייגענ־טהימער פון דער שיף זאל געהאנגען ווערען אלס מיטהעלפער צום פערברעכער,

און אט זעה איך טאקי ווי עטליכע פאליציאנטען ווארטען אויף דיין שיף ביים פארט וואו זי דארף אנקומען; וואהרשיינליך האט אימיצער זיי אנגעזאגט אז דער מאן וועמען זיי זוכען געפינט זיך אויף דיין שיף".

„אה, מיין גאט!" — האט דער סוחר אויסגעשריען, און איז געווארען בלאס ווי קאלך — „הערצו מיין געבעט כאטש דעם איין מאל; שיק אז דיין שטורעם־ווינד און זינק מיינע שיפען בעפאר זיי קומען אן אין פארט!"

„איך זעה" — זאגט דער צויבערער אריינקוקענדיג אין זיין גלאז — „אז גאט האט טאקי צוגעהערט דיין תפילה, א שטארקער שטורעם האט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן ים און דיינע שיפען האלטען ביים אונטערגעהן!"

„דאנק גאט! דאנק גאט!" — האט דער סוחר אויסגעשריען מיט פריידע — „וואס עס איז מיר בעשערט געווען זאל אויסגעהן צו מיינע שיפען!"

„אבער ווארט איין מאמענט!" — זאגט דער צויבערער — „איך זעה אז דיין זוהן געפינט זיך אויף איינע פון דיינע שיפען; איך ווייס ניט ווי אזוי ער קומט דארטען צו זיין; ער האט זיך געמוזט זעצען אויפ'ן שיף אהן דיין וויסען; אבער וואס איז דער אונטערשיעד, יעצט מוז ער געפינען א נאסען קבר צוזאמען מיט דיינע שיפען!"

„מיין גאט!" — האט דער סוחר אויסגעשריען און זיך גענומען רייסען די האר פון קאפ — „אה, פערגעס וואס איך האב דיר פריהער געבעטען; שטיל איין דעם שטורעם און רעטע מיין זוהנ'ס לעבען; וואס אנבעלאנגט מיר אליין מעגען זיי טהאן מיט מיר וואס זיי ווילען זאלאנג איך וועל נור וויסען אז מיין זוהן איז גערעטעט".

„איך זעה אין מיין גלאז" — זאגט דער פיליזאף — „אז גאט האט ווידער אנגענומען דיין תפילה, די שיפען זיינען געזיכערט".

„דאנק גאט!" — האט ווידער דער סוחר אויסגערופען, און האט זיך געריבען די הענד פון שמחה — „די שיפען זיינען גאנץ און מיין זוהנ'ס לעבען איז גערעטעט".

„אבער אייל זיך ניט אזוי!" — זאגט ווידער דער צויבערער — איך זעה ווי די שיפען דערנעהנטערען זיך ניט וויסענדיג צו א קאניבאלען־אינזעל; אט פער־אנקערט דיין זוהנ'ס שיף אין פארט פון דיעזען אינזעל; די מענשען־פרעסער ווארטען שוין אויף איהם, און זיי וועלען איהם טויטען מיט א טויט וואס איז טויזענד מאל שרעקליכער ווי דערטרונקען ווערען אין ים; די קאניבאלען וועלען איהם צורייסען גליעד פאר גליעד און טרינקען זיין בלוט וועהרענד זיין קערפער לעבט נאך און צאפעלט זיך!"

„אה, מיין גאט! — האט דער סוחר אויסגעשריען און בלאס געווארען ווי דער טויט — „הערצו מיין תפילה נור דיעזען מאל און זינק מיינע שיפען בעפאר זיי בעריהרען דעם ברעג פון דיעזען אינזעל! בעסער א לייכטער טויט אין די טיעפעניש פון ים איידער אריינצופאלען אין די הענד פון די ווילדע קאנבאלען!"

אבער ביי דיזע ווערטער האט דער פרעהליכער פיליזאף ארויף געלייגט זיין האנד אויפ'ן סוחר'ס ליפּען און האט אויסגעשריען: „שווייג, דו גאט'ס־לעסטערער! — אין א פערלויף פון צעהן מינוטען האסטו צוויי מאל תפילה געטהאן צו גאט ער זאל רעטען דיינע שיפען און נאך צוויי מאל פערקעהרט, ער זאל זיי זינקען און דו ווייסט נאך אפילו יעצט ניט וואס איז בעסער פאר דיר, צו דיינע שיפען זאלען שווימען אדער זינקען — ווי וואגסטו דאן צו דרעהען דיין קליינע קעפּעלע ווענגען דיינע שיפען און זיך צו ווינשען איין זאך אדער א צווייטע ווען דו ווייסט ניט וואס איז בעסער פאר דיר? — לאז איבער דיינע געשעפטען אין די הענד פון גאט, וועלכער ווייסט גאנץ גענוי וואס איז גוט פאר דיר!"

ווען דער סוחר איז אוועקגעגאנגען האט זיך דער פיליזאף פאנאנדערגעלאכט אויפ'ן קול. — „וואס לאכסטו?" האט איהם דער קעניג געפרעגט. — „איך לאך", האט דער פרעהליכער פיליזאף געענטפערט, „ווייל איך ווייס דורך א צופאל אז דיזער מאן האט גאר קיין שיפען ניט אויפ'ן ים; זיי האבען נאך ניט פערלאזען דעם היגען פארט, און זיי וועלען נאך ניט אברייזען פאר די נעכסטע פערצעהן טעג!"

VII

דער נעכסטער פערזאן וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר דעם פרעהליכען פילאזאף האט איהם דערצעהלט אז גאט האט איהם געבענשט מיט רייכטהום און גדולה נור איין שווארצער וואלקען פערפינסטערט זיין לעבען — ער איז שוין פערהייראטעט מיט זיין פרוי איבער צעהן יאהר און זיי האבען קיין קינדער ניט. „ווען איך בעדיינק זיך", זאגט ער, „אז מיין גאנצע הארעוואניע און רייכטהום איז פאר פרעמדע; אז מיין אנדענקען וועט פערשווינדען פון דער וועלט באלד נאך מיין טויט, ווערט די בעסטע ווייַן פערוואנדעלט צו גאל אין מיין מויל און די ווייכסטע קישען לאזט זיך פיהלען אונטער מיין זייט ווי א הארטער שטיין. איך פיהל אז איך האב ניט פאר וואס צו לעבען אויף דער וועלט און איך ווינש זיך שוין בעסער א שנעלען טויט".

„ווארט נור א מינוט!" — זאגט דער פרעהליכער פיליזאף מיט אן ערנסטע מינע — „איך וועל אריינקוקען אין מיין צויבער־שפּיעגעל און זעהן וואס די צוקונפט האט אנגעגרייט פאר דיר".

„איך זעה" — האט דער פיליזאף פארטגעזעצט קוקענדיג טיעף אין זיין שפּיעגעל — אז אונגעפעהר א יאהר פון היינט וועסטו האלטען א קינד, דיין קינד אויפ'ן האנד!"

ביי דיזער פרעהליכער בשורה האט זיך דער פרעמדער אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ און האט אנגעפאנגען צו טאנצען איבער'ן צימער מיט א ווילדע פרייד אזוי ווי א קינד — „איך וועל זיין א פאטער פון א קינד, זאגסטו? און איך האב מעהר ניט ווי א יאהר צו ווארטען! אה! דאס איז מעהר פריידע ווי איך קען

איבערטראגען אליין! ערלויב מיר צו לויפען אהיים זיך טהיילען דיעזע פרעהליכע נייעס מיט מיין ווייב!"

„ווארט נור א ווייל!" — זאגט דער פיליזאף איהם אנכאפענדיג ביים פאלע — „איך זעה נאך עטוואס וואס וועט דיר נאך מעהר הנאה טהאן; איך זעה ווי דיין זוהן איז שוין אן ערוואקסענער יונגערמאן — ער שליסט זיך אן דער ארמיי און צייכענט זיך אויס אין שלאכט — איך זעה ווי ער ווערט ערהויבען צום ראנג פון גענעראל!"

„אה, מיין גאט!" — האט אויסגעשריען דער קינדלאזער מאן מיט פריידע־טרערען אין די אויגען — „מיט וואס האב איך דאס פערדינט אזוי פיעל גליק?! מיין זוהן זאל זיין א בעשיצער פון זיין לאנד און זאל עררייכען דעם ראנג פון גענעראל! לאז מיר לויפען אנזאגען מיין ווייב די גוטע נייעס!"

„ניט אזוי האסטיג, מיין ליעבער פריינד!" — זאגט דער פיליזאף מיט א סעריאזנע מינע — „איך בין נאך ניט פערטיג; איך זעה נאך אביסעל ווייטער; איך זעה ווי אזוי אין עלטער פון 55 יאהר ווערט ער ערהויבען אלס אבער־קאמאנדיר און ווי אזוי ער מארשירט אוועק אן דער שפיצע פון א ריעזען־ארמיי צו קעמפפען געגען די שונאים פון זיין לאנד!"

„אה, מיין עהרווירדיגער פראפעט!" — האט אויסגעשריען דער קינדער־לאזער מאן אופשפרינגענדיג פון זיין זיץ — „דאס איז שוין מעהר פריידע וויפיעל איך קען אריבערטראגען; דו מוזט מיר לאזען לויפען און זיך טהיילען מיין פריידע מיט מיין ווייב!"

„ווארט נאך א מינוט לייגער!" — האט דער פיליזאף אויסגעשריען און האט איהם מיט געוואלט צוריק אוועקגעזעצט — „איך זעה נאך אן אינצידענט פון זיין לעבען וואס דו מוזט וויסען בעפאר דו לויפסט אנזאגען דיין ווייב די בשורה. איך זעה ווי אזוי ער שטעהט אונטער א בוים אין אן איינזאמען פלאץ אין א פינסטערע נאכט און אונטערהאנדעלט מיט'ן קאמאנדיר פון דעם שונא'ס ארמיי אנבאטענדיג צו פעררפאטען זיין לאנד און איבערגעבען זיין גאנצע ארמיי צום שונא פאר דעם פרייז פון צעהן מיליאן גאלדשטיקער! איך זעה ווי ביידע גענע־ראלען גיבען זיך די הענד און שליסען דעם אבמאך! און איך זעה אויך ווי גראדע אין דיעזען מאמענט קומט אן אן אבטיילונג פון דיין זוהן'ס ארמיי און כאפט איהם ביים האנד אין מיטען פון דיעזען פעררעטהערישען געשעפט! איך זעה ווייטער ווי אזוי מען שמיעדט איהם אין קייטען און מען ברייננגט איהם צוריק אין לאגער — איך זעה אויך ווי אזוי דיין זוהן, שטעהט בלאס און ניעדערגעשלאגען פאר א קריעגס־געריכט וועלכע משפט איהם פאר האכפעררפאטה — איך הער ווי אזוי ער איז זיך מודה אויף זיין פערברעכען און בעט רחמנות, אבער די ריכטער זיינען הארט און שטרענג, זיי פעראורטהיילען איהם צום טויט — איך זעה ווי אזוי זייער אורטהייל ווערט פינקטליך אויסגעפיהרט, און איך זעה אויך ווי אזוי פון דאן אן און ווייטער, יאהר איין און יאהר אויס, ווען דער טאג פון דיעזען פעררפאטה

קומט, פערזאמלען זיך די גאסען אינגלאך פון יעדער שטאדט; מאכען א שטרויענעם מענשען אין די פארמע פון דיין זוהן; ציהען איהם ארויף מיט א שטריק ארום האלז אויף א טעלעגראף־פאסט, און שרייען אוים: „אזוי זאל געטהאן ווערען צו יעדען פעררעטהער פון זיין לאנד!"

ביי דיעזען פונקט איז דער קינדערלאזער מאן שוין געוועזען ווייס ווי סאלד און האט זיך קוים געהאלטען אויף די פים.

„אה, דו גרויסער צויבערער!" — האט ער זיך געבעטען — „אזוי ווי דו ביסט מעכטיג צו זעהן אט דיעזע אלע זאכען האסטו געוויס אויך די קראפט צו ענדערען צוקונפטיגע געשעהענישען בעפאר זיי קומען אן, ניט וואהר?"

„וואס ווינשט דו איך זאל טהאן פאר דיר, מיין ליעבער פריינד?" — האט דער פיליזאף געפרעגט מיט סימפאטהי.

„האב רחמנות!" — האט דער קינדערלאזער מאן געבעטען מיט א ציטערענדע שטימע — „רעטע מיין גוטען נאמען און דעם גוטען נאמען פון מיינע עלטערען פון דיעזען שרעקליכען פלעק! טויטע מיין זוהן אין זיין מוטער'ס בויך — בעפאר ער עפענט זיינע אויגען צו זעהן די שיין פון דער וועלט, אדער אויב דאס איז אוממעג־ליך, טויטע מיר זעלבסט בעפאר איך זאל דערלעבען צו געבארען אזא פערשאל־טענעם זוהן!"

דער פיליזאף האט זיך פערשטעלט אזוי ווי ער וואלט געהאלטען א לאנגע און פייערדיגע תפילה, און דאן האט ער ווידער אריינגעקוקט אין זיין גלאז און אויסגערופען מיט פריידע: „עס פרעהט מיר זעהר דיר אנצוזאגען די גוטע בשורה אז גאט האט צוגעזעהן דיין צער און האט בעוויליגט דיין לעצטע געבעט — די גזרה איז געענדערט; קיין זוהן וועט צו דיר ניט געבארען ווערען!"

„דאנק גאט! דאנק גאט!", האט דער קינדלאזער מאן אויסגעשריען און האט א פאטש געטהאן מיט די הענד, „לאז מיך לויפען אהיים און אנזאגען מיין ווייב די גוטע נייעס אז זי זאל זיך ניט שרעקען, קיין זוהן וועט ביי אונז ניט געבארען ווערען!"

ווען דער פרעמדער איז שוין געוועזען אוועקגעגאנגען האט זיך דער פרעהליכער פיליזאף פאנאנדערגעלאכט הויך און לאנג, און ווען דער קעניג האט איהם גע־פרעגט די אורזאכע פון זיין פרעהליכקייט, האט ער איהם געענטפערט: „מיין טהייערער אלכסנדר, דו מעגסט זיך זיין א גרויסער העלד אויפ'ן שלאכט־פעלד אבער דיר פעהלט דער געפיהל פון הומאר. דו פרעגסט מיר ווארום איך לאך, בעדיינק זיך נור וועגען דיעזען מאן וועלכער האט צעהן יאהר נאך אנאנד גע־דאגה'ט ווארום ער האט קיין קינדער ניט, און שטעל זיך פאר אז אין דיעזער מינוט לויפט ער מיט גרוים האסט אנזאגען זיין ווייב די גוטע בשורה אז קיין קינד וועט שוין קיינמאל ניט געבארען ווערען ביי זיי! — ווען ער וועט קומען אהיים מיט די גוטע נייעס וועט זיין ווייב געוויס דיינקען אין ערשטען אויגענבליק אז ער איז ארונטער פון זינען, און זי וועט איהם פיליכט ארויפגיעסען אן עמער

קאַלטע וואַסער אויפ'ן קאָפּ — אָבער ווען ער וועט איהר איבערדערצעהלען אַלע איינצעלהייטען פון זיין שמועס מיט'ן גרויסען צויבערער, וועט זי אויך ווערען אַזוי בעגייסטערט מיט פריידע אַזוי ווי ער. און אויב דו ביזט נייגעריג גענוג אריבערצוגעהן און דורכקוקען דורך די שליעסעל-לאָך פון זייער טהיר, וועסטו וואהרשיינליך זיי זעהן טאַנצענדיג איבער'ן צימער איינער אין דעם צווייטענס אָרמס, איבער די פרעהליכע בשורה אַז קיין קינד וועט שוין קיינמאָל ניט געבאָרען ווערען ביי זיי!"

דער קעניג אלכסנדר, נאָך דעם ווי ער האָט בייגעוואוינט אייניגע אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען פון פרעהליכען פיליזאָף מיט די אומגליקליכע וועלכע זיינען איהם געקומען עצות פרעגען, איז איינגאַנצען אויסגעהיילט געוואָרען פון זיין מעלאַנכאָליע.

VIII

אַה, ווי איך ווינש אַז מיר זאָלען האָבען אַ פּאָאר אַזעלכע פרעהליכע פיליזאָ-פען אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל! זיי וואָלטען גאַנץ שנעל צוטריבען די וואָלקענס פון אַלע געזיכטער; זיי וואָלטען גאַנץ שנעל צוריקגעקעהרט פרעהליכ-קייט צו יעדער הויז און מונטערקייט צו יעדער הארץ!

ווארום איהר דאַרפט וויסען אַז די מעהרסטע דאגות וואָס פּעראומערען דעם לעבען פון יעדען מענשען עקזיסטירען נור אין זיין פאַנטאַזיע, אָבער אין אמת'ן זיינען זיי נור שאָטענס וועלכע זעהען אויס פון דער ווייטענס ווי בערג. — די מעהרסטע טרערען ווערען פערגאָסען אויף צרות וועלכע מיר זעהען פון ווייטען אַז אָט קומען זיי אָן — און אַז מיר וואָלטען נור געהאַט די נויטיגע געדולד אָב-צוליינען די זאָרג און די טרערען ביז זיי וועלען טאַקי אָנקומען וואָלטען מיר גאַנץ זעלטען געדאַרפט זאָרגען און ווינען ווייל דאָס רוב צרות וועלכע מיר זעהען פון ווייטען קומען גאָר ניט אָן . . .

איך האָב געקענט אַ מענשען וועלכער האָט דעם גאַנצען לעבען געגלויבט אַז ער האָלט ביי קריגען קאָנסאַמפּשאָן (ווייל זיין מוטער איז אויך געשטאָרבען פון די זעלבע קראַנקהייט) און דיעזע איינבילדונג האָט איהם פערביטערט דעם לעבען און אָוועקגערויבט יעדע פערגניגען פון זיין הערצען — ענדליך איז ער גע-שטאָרבען צו זיעבציג יאָהר פון אַ פערדאָרבענעם מאָגען . . .

און אָפט טרעפט עס אַז דער אומגליק וואָס מיר זעהען פון ווייטען און פאַר וועמען מיר ציטערען אַזוי, איז גאָר אין אמת'ן דער גרעסטער גליק פאַר אונז — איך האָב געלעזען פון אַ מענשען וועלכער איז אַנטלאָפען נאָך אַמעריקאַ צוליעב אַ פערברעכען וואָס ער איז בעגאַנגען אין זיין לאַנד — דעם גאַנצען לעבען האָט ער געציטערט טאָמער געפינט מען איהם אויס — איינמאָל עפענט זיך די טהיר און אַ בעאַמטער פון זיין געבורטס שטאָדט בעווייזט זיך אויפ'ן שוועל. ווי נור דער מענש האָט איהם דערזעהן איז ער געפאַלען און געשטאָרבען פאַר שרעק. — עס

האט זיך אבער ארויסגעוויזען נאכדעם אז דער בעאמטער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט און ער איז איהם גאר געקומען אנזאגען אז א רייכער פערוואנדטער האט איהם געלאזען א גרויסע ירושה . . .

דער מענש מיט א טיעפען בליק וועט זיך קיינמאל ניט שרעקען פאר א צרה וואס ער זעהט פון ווייטען, ווייל די זאך איז א ספק־ספקא, ערשטענס, טאמער וועט זי גאר ניט קומען, און צווייטענס, טאמער איז זי גאר קיין צרה ניט . . .

IX

אט דיזע טיעפע פיליזאפיע האט דאס יוסף ארויסגעזאגט צו זיינע ברידער ווען ער האט געזעהן אז זיי שרעקען זיך פאר איהם טאמער וועט ער זיי טהאן שלעכטעס.

„סטייטש, איהר זאלט זיך שרעקען פאר א מענשען! בין איך דען א גאט אז איך זאל אייך קענען טהאן א רעה אפילו ווען איך זאל וועלען? האט איהר דען ניט געהאט א ביישפיעל טאקי פון די זעלבע פאסירונג אין אונזער פאמיליע אז איהר האט געמיינט מיר צו טהאן א רעה און גאט האט טאקי פון זעלבען פלאן ארויסגעבראכט דעם בעסטען גליק פאר אונז אליין און פאר די גאנצע וועלט?“

מילידי יום אל תבהל

מילדי יום אל תבהל
כי ילדי יום לא ירגעו
כי הטובות גם הרעות
באשר יחגו כן יסעו.

(הרב״ע).

חומר לדרוש.

דאגה ובטחון.

(דער פרעהליכער פיליזאף).

אגדות חז"ל

„ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע" (ירמי' ל'), שנו רבותינו, מתוך כעס בא רצון, מתוך רוגז רחמים, מתוך ריחוק קירוב, מתוך נפילה קימה, מתוך אפלה אורה, מתוך צרה רוחה. — מתוך כעס רצון, שנאמר, הרף ממני ואשמידם, ומיד, וינחם ה' (דברים ט'); מתוך רוגז רחמים, שנאמר, ברוגז רחם תזכור (חבקוק ג'); מתוך ריחוק קירוב, שנאמר, והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי (הושע ב'); מתוך נפילה קימה, שנאמר, כי נפלתי קמתי (מיכה ז'); מתוך אפלה אורה, שנאמר, כי אשב בחושך ה' אור לי (שם); מתוך צרה רוחה, שנאמר, ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע (ירמי' ל'). (מדרש תהילים).

אמר ריב"ל, בא וראה שלא כמידת הקב"ה מידת בשר ודם, מידת בו"ד מכה באיזמל ומרפא בטריה, והקב"ה במה שהוא מכה הוא מרפא, שנאמר, כי אעלה ארוכה לך וממכותך ארפאך (ירמי' ל'). יוסף לא נמכר אלא ע"י חלום, שנאמר, ויאמרו איש אל רעהו הנה בעל החלומות הלזה בא לכו ונמכרנו, ולא מלך אלא ע"י חלום, שנאמר, ויהי מקץ שנתים ופרעה חולם וגו'. (תנחומא).

„אודך ה' כי אנפת בי ישוב אפך ותנחמני" (ישעי' י"ב). דרש רב יוסף במה הכתוב מדבר, בשני בני אדם שהלכו לסחורה למדינת הים ישב לו קוץ לאחד מהם ברגלו ולא יכול לפרוש לים והתחיל מחרף ומגדף. לימים שמע שטבעה ספינת חברו בים, התחיל מודה ומשבח. א"ר אלעזר, מאי דכתיב, לעושה נפלאות גדולות לבדו (תהילים ק"ח) אפילו בעל הנס אינו מכיר בנסו. (נדה ל"א).

„ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך" (איוב א'). במתניתין תנא משום ר' עקיבא, לעולם יהא אדם רגיל לומר כל דעביד רחמנא לטב עביד, כי הא דר' עקיבא הוה אזיל באורחא ואזיל עמיה תרנגולא חמרא ושרגא, מטא לההוא דוכתא, בעא אושפיזא (בקש מהם לינת לילה), לא יהבו ליה, נפק בדברא (לן בשדה), אתא ארי אכליה לחמריה ואתא שונרא ואכליה לתרנגולא ואתיא זיקא וכבא לשרגא, אמר כל מה דעביד רחמנא לטב, בלילא אתא גייסא ושבייה לבני אושפיזא ור"ע ניצול (וגם מה שאבד החמור והתרנגול והנר היו לטובתו כי ע"י קול החמור והתרנגול ואור הנר היה נשבה גם הוא), אמר לתלמידיו, לא אמרית לכו כל דעביד רחמנא לטב עביד. (ברכות ס').

כשם שמברך על הטובה וכו'

וייובן עפ"י משל: פעם היה לו לכפרי אחד ארבעים שורים והיה לו תבן רק כדי מאכל עשרים שורים, וה' שלח מגפה בתחילת החורף ומתו עשרים שורים,

והיה הכפרי בוכה ומתאונן על האסון שבא לו, אבל באמת הלא הדבר היה לטובתו, דעכשיו העשרים הנשארים לא ימותו ברעב, ואילו היו כל השורים בחיים הלא היה מאכילם את כל התבן בחצי הראשון של החורף והיו כלם מתים ברעב באמצע החורף. — וכן כפרי אחר היו לו עשרים שורים והיה לו ג"כ די תבן להאכילם כל החורף אבל לא יותר, והנה נזדמן לו בתחילת החורף לקנות עוד עשרים שורים בדבר מועט וקנה אותם ושמח שמחה גדולה על המציאה שנפלה לו בחלקו אבל כאשר התחיל להאכיל את כלם את התבן שהיה לו אכלו את כל התבן בחצי הראשון של החורף ומתו כלם ברעב. — הרי לך שאין כל אדם מבין בשכלו על איזה מקרה שיקרה לו אם טובה היא אם רעה, ולכן חייב לברך על הטובה כשם שמברך על הרעה, ואף על הדברים שנדמה לו שהם לטובתו מברך הטוב והמטיב, ועל הדברים שנראים לו כרעה מברך דיין האמת. (אור כשלמה).

מפי עליון לא תצא הרעות

משל לתינוק שעשה בית קטן מקסמין קטנים כדרך הילדים, ובא תינוק אחר וסתר את הבית, והתינוק היה צועק ובוכה לפני אביו, ואומר, ראה נא אבי מה שעשה לי האכזר הזה, כמה יגיעות יגעתי בבנין זה כל היום ובא זה וסתר הכל ברגע ומהראוי לך לנקום ממנו, והנה אביו עומד ומצחק, כי באמת הבל הבלים הוא, והבן חשב שאביו נהפך לו לשונא לכן אינו נוקם בעדו. — כן כל עניני העוה"ז הכל הבל אך האדם לקוצר דעתו אינו מבין ולכן על ה' יזעף לבו. (כלי יקר).

כמה גרוע אדם זה

מעשה באדם אחד שלא היה לו ליתן שכר מניקה ונעשה לו נס שנפתחו לו דדין כב' דדי אשה, וע"ז אמר אביי, כמה גרוע אדם זה שנשתנו עליו סדרי בראשית (שבת, דף י"ג). שיש לכאורה לתמוה למה שלח לו השם העזרה בדרך זה שישתנו אצלו סדרי בראשית ולא בדרך הטבע שיתן לו די ריוח ליתן שכר מינקת? וגם נתעוררו המפרשים שאיך יתכן שאדם שזכה לנס כזה יהיה גרוע כלל? ע"ז תירץ בני המופ' כ' צבי נ"י דבודאי אם היה האדם במעלה העליונה היה השם יכול לעשות לו גם באופן טבעי כזה שישתכר כדי ליתן שכר למינקת (כי איש רם המעלה יכיר בהשגחת הבורא אפילו בהנהגה הטבעיית) אבל כאשר היה האדם הזה גרוע אם היה נותן לו ה' בדרך הזה לא היה מכיר בטובת והשגחת ה', רק היה אומר כדברת רוב האנשים מסוג הנ"ל שכחו ועוצם ידו עשה לו את כל החיל הזה, ע"כ היה מוכרח לשנות עליו סדרי הטבע שיכיר שיש בורא עולם ויהיה תולה עיניו אליו בכל יום ובכל רגע מיראתו שלא יפסוק הנס. (תהלוכות עולם).

טוב לחסות בה' מבטוח באדם

החסיון יורה על בקשת מחסה ממי שיוכל להושיע אף שלא הבטיח להושיע, כי מטבע האדם שבעת צרה או בעת שהוא נרדף מחזק ממנו הולך וחוסה תחת כנפי גבור שיש ביכלתו להושיעהו, הגם שמעולם לא הבטיחו הגבור הנ"ל שיושיעהו, אמנם הבטחון הוא במי שהבטיחו להושיעו; וז"ש טוב לחסות בה', ר"ל לרוץ אליו אפילו בלי הבטחה מצדו, מבטוח באדם, ר"ל מלשום תקוה בישועת אדם אפילו כשזה האחרון הבטיח לו שיצילהו. (בשם הגר"א).

ואיש כי לא יהיה לו גואל

„ואיש כי לא יהיה לו גואל והשיגה ידו ומצא כדי גאולתו". — קשה מדוע האריך בדברים, הלא לצורך הענין די היה לומר: ואיש כי תשיג ידו ומצא כדי גאולתו? אמנם נוכל לאמר ע"פ שאמר ירמיה: ארור הגבר אשר יבטח באדם וגו' והיה כערער בערבה וגו' ברוך הגבר אשר יבטח בה' וגו' והיה כעץ שתול על מים וגו' וקוטב הדברים הוא שתשועת ה' תלוי בבטחון האדם, ולפי ערך הבטחון תהיה התשועה. — והנה האיש אשר משפחתו עשירים ונדיבים ע"פ רוב בטחונו רפוי בה' כי הוא ישים בבשר מבטחו שהמה יעזרוהו בצר לו ולכן סוף הדבר כי רחקה ממנו ישועת ה' ולא תשיג ידו, לא כן האיש המט מנכסיו ואין לו גואל ועוזר כי משפחתו גם המה עניים, האיש ההוא עיניו תלוים רק בה' לבדו ושברו על ה' אלהיו, ובאופן כזה בודאי יעזרהו ה' שהוא בעצמו ישתכר כדי גאולתו, וזהו: „ואיש כי לא יהיה לו גואל" (באופן שמשפחתו עניים ואז בעל כרחו עיניו תלוים בה' לבדו, ע"כ) „והשיגה ידו ומצא כדי גאולתו". (אורח חיים, טאקסין).

רבה אמונתך

המלים „רבה אמונתך" בתפילה הקצרה שאומר אדם מישראל בקומו ממטתו אינם מובנים ונראים כאברים מדולדלים — אבל יובנו עפ"י משל: איש יהודי חרד שהיה נוסע לעיר השוק לרגלי מסחרו נטה לבית מרזח אחד לשבות שם ביום השבת, והנה נמצא אתו צרור כסף של כמה אלפים שקל לסחורה וגם צרור כסף קטן של איזה שקלים להוצאת הדרך, וכדרך יהודי חרד מסר את כל כספו על יד בעל בית המלון לפקדון עד עבור השבת, ומחמת שלא ידע את טיב בעה"ב ישב בכל יום השבת ודאג פן ימעול בעה"ב בפקדון. הבעה"ב הבין את מבוכתו ולכן אך יצאו הכוכבים השיב לו מיד את צרור כספו הגדול ויאמר אליו כי עתה יוכל לאכול סעודת מלוה מלכה במנוחה ואז יתן לו גם את צרורו הקטן. אבל האורח לא נח מחרדתו פן בכל זאת ימעול בפקדונו הקטן. ובראות בעה"ב זאת מלא שחוק פיו, ויאמר: אם הייתי חפץ למעול בפקדון הלא הייתי יכול לכחש בצרור הגדול והעיקר ולא בצרור הקטן של איזה שקלים! — ואת הדברים האלה נוכל לאמר לעצמנו בעת שאנחנו חרדים על פרנסתנו, הלא בכל לילה אנחנו מוסרים ביד ה' את נשמתנו שהיא הפקדון היותר גדול ונכבד ובכל בוקר ה' מחזירה לנו ומדוע נדאג על הפרנסה שהיא ג"כ ביד ה' ומצער היא לעומת הפקדון הגדול הנ"ל — וזהו: מודה אני לפניך וכו' שהחזרת בי נשמתי (שהיא הפקדון העיקרי) ולכן, „רבה אמונתך" ר"ל נאמן אתה אצלי שבודאי תתן לי את הדברים הקטנים והפחותים הנחוצים למחיתי. (עטרת חכמים, טאקסין)

ויקח אברם את שרה אשתו וגו'

„ויקח אברם את שרה אשתו וגו' ואת כל רכושם" — וקשה למה צריך הכתוב להודיענו שלקח אתו אשתו ורכושו, וכי יעלה על הדעת שהניחם בחו"ל והוא לבדו הלך לא"י? והענין, כי מדרך העולם כשאדם רוצה לצאת ממקום למקום, תחילה יסע הוא לבדו שם לראות אם ימצא המקום חן בעיניו ואח"כ נוסע לביתו ומביא אשתו ורכושו, אבל אברהם לא עשה כן, אלא מיד כשאמר לו ה' „לך לך מארצך וגו'" היה בטחונו בה' גדול כ"כ שלקח את כל אשר לו ונסע אל המקום אשר אמר לו האלהים. (לקוטי רצב"א)

אם בחוקותי תלכו וגו׳

כתב הרמב״ם (ה׳ תשובה פ״ט) טעם הבטחת התורה שכר עוה״ז למקיימי המצות, והלא שכר מצות בהאי עלמא ליכא? אלא שע״י הממון יוכלו לקיים רוב המצות שיש בהם חיסרון כיס.. — והענין יובן עפ״י משל: סוחר אחד נסע בדרך עם עגלה גדולה טעונה סחורות יקרות. ויהי בדרך נשברו אופני העגלה וילך לבקש לו עגלה אחרת. ויסר אל בית כפרי אחד וישכור אצלו עגלה, והכפרי הוציא את העגלה מחצרו ויעמוס את הסחורה עליה — אח״כ ראה הסוחר והנה הכפרי מעמיד בעגלתו סירות חלב וסירות מאכלים אחרים עם רוטב, ויצעק הסוחר עליו! הוי סכל! הלא תשחית בזה סחורותי היקרות ותסבב לי נזק גדול! ויען הכפרי: הן אתה עשיר ויש לאל ידך לפזר ממון על אכילה ושתיה באכסניות, אבל אני עני ואביון ואין בידי לעשות הוצאות כאלה לכן מוכרח אני ליקח מביתי צידה לדרך. — ויאמר אליו הסוחר: א״כ איפוא השלך כל הסירות ארצה ואני אספיק לך כל צרכיך בדרך ואשלם את הכל מכיסי.

הנמשל, כי ה׳ שכר את לב האדם להעמיס בו תורה ומצות, והאדם זועק: הלא צריך אני לדאוג בלבי ג״כ דאגת הפרנסה עבור עצמי ואשתי ובני? אבל ה׳ עונה אותו: אם תעמיס דאגות כאלה בלבך הלא תשחית כל סחורותי היקרים, כי הם צריכים ללב טהור ומנוחת הנפש, ומה שאתה אומר: אם אין קמח אין תורה, הנה אני מקבל עלי כל פרנסתך, „אם בחוקותי תלכו וגו׳ ונתתי גשמיכם בעתם וגו׳ ואכלתם לחמכם לשובע״. (ס׳ המדות מר״י דובנא).

אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך

יובן עפ״י משל: איש אחד נלקח לעבודת הצבא והיה קשי ההבנה וחסר שכל בטבעו, והפקידים הכו אותו על אחת שבע כמשפט עבודת הצבא בימים האלה, ולכן כל בני עירו הניעו עליו ראשם ואמרו בודאי יאבד בעניו. אבל ראה זה פלא כי אחרי עבור איזו שנים שמעו בני עירו כי הורם להיות לראש ושר הצבא. ויהי כאשר פגע אותו אח״כ אחד ממכיריו הקודמים, אמר לו: עתה הפעם רואה אני שאין רעה מוחלטת בעולם, אחרי רואי כי ע״י רוב הצרות שסבלת עלית להצלחה גדולה בזאת..

כן עד״ז, כאשר סיפר יוסף לאביו רוב הצרות שעברו עליו, שנמכר לעבד ונאסר במאסר כמה שנים ומזה צמחה גדולתו, קרא יעקב בשמחה: „אמותה הפעם!״ — ר״ל הפעם אין אני דואג ומפחד אפילו מן המות, שנראה מזה שאפילו המות אינה רעה מוחלטת וגם ממנה יוכל לצאת דבר טוב, „אחרי ראותי את פניך כי עודך חי״, אף אחר שעברו עליך המון צרות כאלה הקשים מן המות. (כפלים לתושיה).

אל תבהל על פיך

„אל תבהל על פיך ולבך אל ימהר להוציא דבר (בקשה) לפני האלהים (והטעם) כי אלהים בשמים (והוא יודע ומבין מה שבאמת לטובתך) ואתה על הארץ (ואינך יודע מה טוב לך) על כן יהיו דבריך מעטים״ (לבקש מה׳ רק את שתי המלים „שבענו מטובך״, ר״ל ממה שאתה יודע ומכיר שהוא לטובתי). (חתם סופר).

שקר הסוס לתשועה

יובן עפ״י דמיון: עני אחד הוליך משאו מעיר לעיר דרך יער אחד בסוסו הדל ועגלתו הרעועה, והעני הלך אחרי העגלה ברגליו בכבדות. בתוך כך נסע ג״כ בדרך

תנ"ל עשיר אחד במרכבה רתומה לסוסים אבירים, ויעבור לפניו כחץ מקשת ויניחהו מאחוריו הרחק כמטחוי קשת. העני בראותו זאת התחיל לקונן ולקלל את יומו, לאמר, היד ה' תקצר! מדוע לא נתן גם לי סוס ורכב כזאת! עודנו מדבר וישמע קול קורא: „הושיעה!" כי העשיר בסוסיו הקלים ברגליהם נפל בידי מרצחי סתר אשר ארבו לעוברי אורח, וכשמוע העני את הצעקה הזאת הטה את סוסו לאחוריו תיכף ומיד ויצא מן היער בשלום. — ואז ברך העני את ה' אשר מנע ממנו סוס טוב, כי אז היה הוא הראשון ליפול בידי המרצחים.

והנה כתב בס' יין לבנון דמלת „שקר" אין הוראתה „שוא" אלא דבר הפוך מטבעו, כמו „וימינם ימין שקר", ר"ל ההיפך ממה שיד ימין צריכה ורגילה להיות, וזהו ג"כ כאן, „שקר הסוס", ר"ל סוס שקר ודל שאינו יכול לרוץ במהירות כדרך הסוס, הוא לפעמים „לתשועה" לבעליו, ולהיפך, „וברוב חילו", ר"ל אם לסוס חיל לרוץ אורח, אז „לא ימלט" את אדוניו. (מחשבת חושב).

וכל אשר יגע בחלל חרב או במת

יש אנשים שבהשגתם המועטת מדמים שכבר עלו למעלה ראש ובאו לתכלית החכמה ולקצה ההתפתחות. לאיש כזה קצר־ההשגה נקל מאד שיעבר עליו רוח טומאה ר"ל, דעה נפסדה, בהתבוננו אל אדם רם המעלה שפתאום מת ועבר ובטל מן העולם, או בראותו תינוק שמת טרם שנהנה מן העולם, או אשה שמתה והניחה בנים קטנים שיהיו נתונים לעם אחר זו אשת האם, או אדם שנהרג לפי חרב של גזלנים ורוצחי יער, או רבבות אדם שהובלו לטבח במלחמה וישאל בלבבו למה זה ועל מה זה? וסוף שיבוא עי"ז לידי כפירה גמורה. — על האדם התועה בשכלו במבוכות ושאלות כאלה נוכל לומר את המליצה: „וכל אשר יגע (בשכלו) בחלל חרב (נופל במלחמה) או במת (בענין המות עצמו למה נברא?) או בעצם אדם (ר"ל על מיתת אדם רום המעלה בעצמותו) או בקבר" (אַ פריה־צייטיגער קבר) האיש הזה נטמא במחשבתו ונעשה כפרה סוררה ולכן צריך לטהרת אפר פרה, ועי"ז מחשבתו נעשית טהורה וזכה, ונוכח לדעת, כי „זאת חוקת התורה", חקה חקקתי גזרה גזרתי ואין רשות לשום אדם להרהר אחריה, כי מה האדם שיבוא אחרי המלך. (עולה ליפה, רי"א קריגער).

כשהוא כורע בברוך

כשהוא כורע כורע בברוך וכשהוא זוקף זוקף בשם (ברכות י"ב). אם אמנם שדבריהם ז"ל הם הלכה פשוטה, בכל זאת נמצא בהם גם רעיון מוסרי להמעיין בו, כי למדו חז"ל לעם ישראל מידות ישרות לומר: חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, ובכל הזמנים והעתים שיעבור עליהם, הן לטובה והן לרעה חלילה, על כל אדם מישראל החוב להתאמץ בה' ולהתהולל בו, להגיד בבוקר (כלומר בעת הצלחה) חסדי ה', ואמונתו בלילות (כלומר גם בימי החושך והצרות), ושתי פעמים ביום צריך האדם לקרוא את שמע (זו סמל האמונה בה' אחד) בערב ובבוקר, גלי העוני והלחץ לא יוכלו להשטיפהו... וגם ברק העושר לא יעור את עיני שכלו, לבלי ראות נכוחה... רק יהגה בתורת ה' „יומם ולילה"... זוהי מליצתם ז"ל, שבשעה שעם ישראל כורע תחת סבל צרותיו מ"מ לא יתרעם ולא יתרגש מן הרע אשר ימצא אותו, לא יתקצף ולא ישים תפלה באלהים רק „כורע בברוך, ר"ל גם בעת „הבריעה" (העוני והצער) „יברך" את ה' ויאמר: גם זו לטובה! „וכשהוא זוקף", בשעה שישראל זוקף מעט, בשעה שההצלחה מאירה לו פנים והוא מישר את קומתו הכפופה, גם אז לא יתרגש הרבה מן הטוב שבחיים וזוהר ההצלחה לא יעור את עיניו, רק „זוקף בשם", יודע כי זוקף הוא בשם אלקיו, אשר הוא — רק הוא — נותן לו את כל אלה, ולא כחו ועוצם ידו עשו לו את החיל הזה... (פרח לבנון).

אוצר הדרוש וההטפה



חלק שני — ספר שמות

יו"ל חוברות חוברות וכל חוברת תפרד לשתי מחלקות

המחלקה הראשונה:

פון דער בימה

תכיל דרוש שלם בשפת יהודית המדוברת

מאת

הרב שלום ראַבינאָוויץ

המחלקה השניה:

חומר לדרוש

תכלול אגדות חז"ל, דרושים, ביאורים, מאמרים ומשלים
השייכים לענין הדרוש ההולך לפניהם.
נקלטו ונערכו מאת הרב הנ"ל.

OZAR HADRUSH V'HAHATAPHA

AN ENCYCLOPEDIA OF JEWISH HOMILETICS

by

RABBI SAMUEL RABINOWITZ

159 Marcy Ave., Brooklyn, N. Y.

1919.

Copyright by Rabbi Samuel Rabinowitz, 1919.

אוצר הדרוש וההספה.

פון דער בימה.

גלות-פרוכטען

(דרוש לפ' שמות)

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

הבאים ישרש יעקב, יציץ ופרח ישראל,
ומלאו פני תבל תנובה. (ישעיה, כ"ז—ו')

I

אין היינטיגער פרשה פאַנגט זיך אָן די וואונדערבאַרע געשיכטע פון די אידישע שקלאַפעריי אין מצרים. — בעפאָר די אידישע פאָלק האָט אָנגעפאַנגען איהר עקזיסטענץ אַלס פאָלק האָט זי געמוזט דורכמאַכען אַ שקלאַפעריי פון הונדערטע יאהרען.

און עס זעהט אויס פון פיעלע פלעצער אין דער תורה אַז דיעזע שקלאַפעריי איז העכסט נויטהיג געווען פיר די ענטוויקלונג פון דאס אידישע פאָלק; אַלס שטאַרקער בעווייז דאַרויף קען דיענען דער פאַקט אַז די תורה האָט פיעל מאָל פערזאָגט דעם אידען צו געדיינקען און צו דערמאָנען מיט'ן מויל אַז ער איז אַמאָל געווען אַ שקלאַף אין מצרים (וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים — למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך וגו') מיר געפינען אויך אַז פיעלע מצות פון דער תורה זיינען ספּעציעל געגעבען געוואָרען אַלס אנדענקען פון דיעזע שקלאַ־פעריי (זכר ליציאת מצרים) — נון, פרעגט זיך די פראַגע: צו וועלכען צוועק איז דיעזע שקלאַפעריי נויטהיג געווען? וואָרום האָט דאס אידישע פאָלק ניט געקענט אנפאַנגען איהר נאַציאָנאַלען לעבען אַלס אַ פרייע פאָלק ווי אַלע פעלקער?

מיר שיינט אַז דער ערשטער פּסוק פון אונזער הפטרה וועלכען מיר האָבען גענומען אַלס טעקסט צו דיעזע דרשה ענטהאַלטעט אין זיך אַן אַנטוואָרט אויף דיעזע שווערע פראַגע:

הבאים ישרש יעקב, יציץ ופרח ישראל, ומלאו תבל תנובה.

איהר וועט בעמערקען, אַז דיעזע הפטרה האָט ניט קיין צוזאַמענ־האַנג מיט די סדרה פון דער וואָד ווי אַלע הפטרות זיינען צוגעפּאַסט געוואָרען (וא"ת מן הפסוק: „ובאו האובדים מארץ אשור ונדחים מארץ מצרים", ראשית כל אם הפסוק מדבר מיציאת מצרים היה ראוי לפ' בשלח, ושנית הנביא באמת נושא

מדברותיו על ימות המשיח ולא על גלות או גאולת מצרים כלל), די ווערטער „הבאים ישרש יעקב" זיינען אויך אונפערשטענדליך — די פרייע קריטיקער פון תנ"ך זיינען דעריבער געגאנגען אזוי ווייט אז זיי האבען געזאגט אז דער ערשטער ווארט פון פסוק איז ארויסגעפאלען דורך אן אירטהום פון איינעם פון די קאפירער פון ביבעל, און אז עס איז אין אמת'ן געשטאנען: „ב י מ י ם הבאים ישרש יעקב וגו׳".

צו פערשטעהן די כוונה פון נביא וועל איך זיך בענוצען מיט אן איללוסט־ראציאן פון די וויין אינדוסטרי. — דער וויינשטאק איז פיליכט דער וויכטיגסטער פון אלע פרוכט־בוימער — ווי ער האט אמאל געזאגט אויף זיך אליין: „החדלתי את תירושי המשמח אלהים ואנשים" (זאל איך אויפגעבען מיין וויין וואס ערפרעהט גאט און מענשען — שופטים ט׳—י"ג) — זעלבסטפערשטינדליך אז ווען דער וויינשטאק האט געזאגט אז ער ערפרעהט די הארץ פון גאט האט ער א ביסעל אריבערגעכאפט די מאס, אזוי ווי עס פאסירט מיט אלע באריהמער, אבער דער־פאר וועט קיינער ניט לייקענען אז דער וויינשטאק האט די קראפט משמח צו זיין די הארץ פון מענשען — אבער איהר וועט בעמערקען דאס אזוי ווי דער וויינשטאק איז דער וויכטיגסטער צווישען די בוימער אזוי איז ער אויך דער שוואכסטער. — ווען מען וויל פלאנצען א וויינגארטען ברייגגט מען אראב א ספעציאליסט ער זאל עקזאמינירען די קערנער זאאט און אויך די ערד וואו מען וויל זיי פלאנצען, ווייל ניט אלע קערנער טויגען פאר זריעה און ניט אלע פלעצער פון דער ערד זיינען גוט פאר וויינטרויבען. — עס גיעבען אויך פיעלע זארטען וויינטרויבען, און יעדער זארט דארף האבען א פלאץ וואס איז גינסטיג פאר זיין ענטוויקלונג — צ. ב. ש. די טרויבען וואס וואקסען אין טאקיי און אומגעגענד (א שטאדט אין אונגארן) וועלען ניט וואקסען, אדער וועלען וואקסען ווילד אויב מען וועט זיי פלאנצען אין אן אנדער פלאץ. דאס גלייכען די טרויבען וואס וואקסען אין בארדאו (א פראווינץ אין פראנקרייך) אדער אין מאדיירא (אן אינזעל אין פארטוגעזישען אפריקא) אדער ביין רהיין (דייטשלאנד), קענען זיך בשום אופן ניט בייטען די פלעצער. און ווען מענשען רייסען זיי אוים פון זייער געבורטס־פלאץ און פערפלאנצען זיי ערגעץ אנדערסוואו, פערוועלקען זיי גאנץ גיך און שטארבען אהן א צייט.

ישראל איז געגליכען צו א וויינשטאק (גפן ממצרים תסיע) — אזוי ווי דער וויינשטאק איז דער אויסערוועהלטער בוים פון אלע פרוכט־בוימער אזוי האט גאט אויסערוועהלט דאס אידישע פאלק פון אלע פעלקער און האט אין איהר אריינ־געגעבען מעהר געפיהל, מעהר מאראל, מעהר גייסט און מעהר געטליכקייט — אבער אזוי ווי דער וויינשטאק איז דער שוואכסטער און איידעלסטער צווישען פרוכט־בוימער, אזוי איז אויך דאס אידישע פאלק די שוואכסטע צווישען אומות.

אבער גאט, דער גרויסער גערטנער פון זיין וועלט, האט געוואלט אז זיין וויינשטאק זאל האבען ביידע מעלות: די מעלה פון וויינטרויב וואס איז „משמח

אלהים ואנשים" און די שטאַרקייט און אויסדויער פון אַ צעדערבוים — גאָט האָט געוואָלט זיי זאָלען קענען וואַוינען אין אַלע לענדער און האָבען אַ קיום אין אַלע דורות און צווישען אַלע פעלקער — ווארום ווען ניט דיעזע אייגענשאַפט וואָלט דער איד ניט געקענט אויספיהרען זיינע שליחות צו פערשפּרייטען די גאָטהייט און די גערעכטיגקייט און די ברודערשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט — צו דיעזען צוועק האָט ער זיי געגעבען אַן ערציהונג פון הונדערטער יאהרען אין גלות.

II

כדי דיעזע געדאַנקען קלאָהר צו מאַכען צו מיינע לעזער מוז איך זיך אויף אַ קורצע ווײלע צוריקקעהרען צום וויינשטאָק און געבען אַ גענויע ערקלעהרונג ווארום ער איז שוואַכער אין כח און אויסדויער פון אַנדערע בוימער.

ווען מיר מאַכען אַ פערגלייך צווישען דעם וויינשטאָק און, למשל, דעם טענענבוים וועלכער איז דער האַרטסטער און שטאַרקסטער פון אַלע בוימער גע־פינען מיר פאָלגענדען אונטערשיעד: אין די האָלץ פון טענענבוים זיינען די פעדעמלאַך זייער איינג צוזאַמענגעפּאַקט — וועהרענד די פעדעמלאַך פון דעם וויינשטאָק זיינען גאַנץ לייז צוזאַמענגעוואָרפען איינער מיט'ן צווייטען — צווייטענס, איז עס אַ בעוואוסטער פאַקט אַז דער טענענבוים דאַרף גאַנץ ווייניג נאַהרונג האָבען; אויב ער האָט וואַסער איז גוט און אויב נים קען ער אויסקומען אָהן וואַסער גאַנצע מאָנאַטען לאַנג — דער וויינשטאָק, פערקעהרט, דאַרף זייער פיעל זאַפט, און אויב ער געפינט ניט קיין וואַסער ווערט ער פערדאַרט אין אַ טאָג אָדער צוויי.

מיר זעהען אַלזאָ אַז די צוויי זאַכען וואָס גיעבען דעם טאַנענבוים זיין לאַנגען לעבען זיינען: (1), אַ שטאַרקער בונד צווישען זיינע פעדעמלאַך, און (2), די מידה פון בעגנוגענען זיך מיט ווייניג.

די צוויי זאַכען וואָס גיעבען לאַנגען לעבען צו אַ פאָלק זיינען אויך די זעלבע — א ח ד ו ת און ה ס ת פ ק ו ת ב מ ו ע ט. און דיעזע צוויי מעלות פון טאַנענבוים געפינט מען אין אַ גרויסער מאָס ביי דער אידישער פאָלק (הגם שבחשיבות נמשלו לגפן).

עס זיינען פאַראַן פיעלע אפילו פון אונזערע אייגענע ברידער וואָס לייקענען לחלוטין אַז אידען האָבען די מעלה פון אחדות און זיי ברייגנען אַ ראיה צו זייערע רייד פון די קליינע מחלוקות וואָס געהן שטענדיג אָן אין די אידישע געמיינדען און פון די קנאה שנאה וואָס הערשט צווישען אידישע קרעמער און סוחרים, א. ז. וו. — אבער דיעזע קליינע רייסערייען גופא בעצייגען אין אמת'ן פערקעהרט דעם געפיהל פון פ ע ר וו אַ נ ד ש אַ פ ט צווישען די איינציגע מיטגליעדער פון אידישען פאָלק — איהר וועט בעמערקען אַז אַזעלכע קליינע רייסערייען הערשען אָפט צווישען שוועסטער און ברידער הגם די זעלבע קינדער קומען אויס גאַנץ פריעדליך מיט זייערע פרעמדע פריינדע און פריינדינען. עס קומט דערפון וואָס

ברידער ערוואַרטען פיעל מעהר איינער פון צווייטען אַלס פון פרעמדע, און ווען עס דאַכט זיך זיי אַז דער ברודער האָט ניט געהאַנדעלט ווי אַ ברודער דאַרף האַנדלען, פיהלען זיי אַז די עולה איז גרעסער.

אויב איהר ווילט אין אמת׳ן אַ פּראָבע אויף אידישע אחדות זאָלט איהר בעמערקען ווי זיי בעציהען זיך איינער צום צווייטען ווען אַן אומגליק גרייפט אַ חו״ש אַ טהייל פון זיי — דאַן וועט איהר זעהן אַז עס פערשווינדען אַלע צווישטיג־קייטען צווישען אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמער, חסידים און ראַדיקאַלען, קאַפּי־טאַליסטען און אַרבייטער. נור אַלע ערהויבען זיך ווי איין מאַן צו העלפען די אומגליקליכע און צו פּראָטעסטירען געגען די אונרעכט וואָס איז געטהאָן געוואָרען צו אַ טהייל פון זייער פאָלק — אַזוי האַנדלען אויך ליבליבע ברידער; זיי מעגען זיך גאַנץ אָפט צאַנקען צווישען זיך, זיי מעגען זיין שטאַרק ברוגז איינער אויפ׳ן צווייטען, אָבער ווען אַ פרעמדער גרייפט אַן איינעם פון זיי פערגעסען די איבּ־ריגע אַלעס וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי און פערטיידיגען זייער ברודער אפילו מיט זייער לעבען אויב נויטהיג.

אַלזאָ, עס פעהלט ניט קיין אחדות ביי אידען.

די צווייטע זאַך איז די מידה פון „ה ס ת פ ק ו ת ב מ ו ע ט" (אויס־קומען מיט ווייניג).

צווישען אַלע צרות וואָס אַנטיסעמיטען פון אַלע דורות האָבען אונז אָנגע־טהאָן איז געווען זייער בעסטע וואָפען צוצונעמען אידישע פרנסות — און אפילו אין די זאַגענאַנטע ליבעראַלע לענדער טהוען זיי דאָס גאַנץ אָפט אונטער די מאַסקע פון „זונטאָג־לאָאָס", פערשיעדענע „לייסענס־לאָאָס", א. ז. וו.

די איינציגע רפואה וואָס אידען האָבען געפונען צו דיזע מכה איז „הסתפקות במועט". — נאַטור־פאָרשער דערצעהלען פון בער, וועלכער קען ניט געפינען קיין נאַהרונג אום ווינטער, אַז ער נעהמט אַריין זיין פוס אין מויל און זייגט איהר ביז דער ווינטער געהט אַריבער — אַזוי איז אויך דאָס אידישע פאָלק; ווען זייערע שונאים רויבען אַוועק פון זיי אַלע קוועלען פון פרנסה, זיינען זיי זיך מפרנס איינער פון צווייטען — עס איז אפילו אַז אַך און אַז וועה אַזאַ לעבען, אָבער אַזוי לעבען זיי דורך די שלעכטע צייט ביז אַ פרייערער ווינטעל פאַנגט אָן צו וועהען.

III

וואו האָט זיך דאָס אידישע פאָלק ערוואָרבען דיזע צוויי טהייערע אייגענ־שאַפטען? — א י ן ג ל ו ת מ צ ר י ם!

עס איז ניטאָ אַ צושטאַנד אין וועלכע מענשען ווערען אַזוי גיך צוגעבונדען איינער צום אַנדערען ווי אין דער צייט ווען עס קומט אויף זיי אַן אַלגעמיינער אומגליק — אפילו רויבטהירע ווען עס קומט אויף זיי אַ פערפלייצונג אָדער ערד־ציטערניש טולען זיי זיך צו איינע צו די אַנדערע און פערגעסען אויף אַ ווײַלע צו בייסען און רייסען. — איז נח׳ס קאַסטען זיינען געווען אַ פּאָאַר פון יעדען

מיין רויבטהירע אין דער וועלט או זיי האבען דארטען געלעבט א רעכטע צייט אין שלום און אחדות.

(ואולי זאת היתה כוונת הקב"ה בהכניסו שנים מכל מין אל התבה — כי הלא היה יכול להשחית את כלם ולברא יצורים אחרים מחדש במאמר פיו כאשר עשה בראשית הבריאה — אבל מחמת שכל עיקר המבול בא על שנתמלאה הארץ חמס, ר"ל שהיצורים הרעו והשחיתו זה לזה, ואם היה בורא עולם חדש אולי היה נתמלא חמס עוד הפעם, לכן חבל תחבולה להביא צרה כללית על כל העולם ולהחיש מפלט למקצת מכל מין בתבה אחת ולהחזיקם שם כמעט שנה תמימה למען ילמדו לחיות בשלום ורעות ולא ירעו ולא ישחיתו זה את זה).

די מידה פון הסתפקות במועט (וועניג ברויכען) האט אויך דאס אידישע פאלק אויסגעלערענט אין גלות מצרים. — ווען ווילט זיך א מענשען לוקסוס? ווען ער מאכט א גרינגען לעבען. וואהנט אין א שעהנע הויז, א. ז. וו. פערוואלט זיך איהם מאכען א רייזע אין אייראפּא, אדער זיך באזעצען אין איטאליען אדער אין פלארידא, א. ז. וו. פערקעהרט, ווען א מענש זיצט אין פּריזאן וועט זיך איהם ניט פערוועלען אזעלכע זאכען; אין אזא צייט וועט ער נור טראכטען: ווי גליקליך וואלט איך געווען ווען איך וואלט געקענט געהן פריי איבער'ן גאס און קיין וועכטער זאל מיר ניט נאכגעהן; איך זאל קענען שעפּען פרישע לופט אונגעשטערט; אין זאל זיך קענען זעהן מיט מיין פאמיליע יעדען טאג, א. ז. וו. — אזוי איז אויך דער גלות מצרים געווען א לאנגער טערמין אין פּריזאן פאר די אידישע פאלק און דארטען האבען זיי דאס אויסגעלעהרנט די מידה פון „הסתפקות במועט".

(היוצא לנו מדברינו שגלות מצרים היה הסיבה לאורך ימים של האומה הישראלית, ועפי"ז נבין את ענין ברית בין הבתרים, ששאל אברהם: „במה אדע כי אירשנה?" וכתשובה על השאלה הנ"ל הפיל ד' עליו תרדמה ואמר לו: „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה" — וקשה, ראשית כל איך הסתפק אברהם אבינו בדברי הקב"ה שהבטיח לו כמה פעמים ש„כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה ולזרעך", ושנית, הלא התשובה „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך" איננה ממין השאלה „במה אדע כי אירשנה?" — אבל לפי ענינו ניחא; א"א אמר לד': אני מאמין באמונה שלמה שבודאי תקיים את הבטחתך ותתן לזרעי את הארץ, אבל הלא נראה אומות נובלים ומתים כיחידים, וא"כ במה אדע כי א י ר ש נ ה? (ירושה בענין זה מורה על קנין נצחי) ר"ל במה אדע כי יתקימו בני לנצח והאדמה תתקיים בידיהם, אולי יאבדו מן הארץ ועם אחר יירש את ארצם? — וע"ז השיב לו ד': ידוע תדע כי גר יהיה זרעך וגו' ועבדום ועינו אותם וגו', וע"י הגרות הזאת ירכשו להם מידות ידועות שעל ידם יתקיימו בתור עם לעולמי עד, וד"ל).

און יעצט קענען מיר שוין לייכט פערשטעהן דעם ערשטען זאץ פון פסוק וואס איך האב גענומען אלס טעקסט צו דיעזע דרשה:

הבאים ישרש יעקב

וועלכער קען איבערזעצט ווערען אויף פאלגענדען אופן: „ה ב א י ם" — די

צרות און אומגליקען וואס קומען־גאנץ אפט אויף דאס אידישע פאלק — „ י ש ר ש י ע ק ב " — זיינען געציעלט געווארען צו דעם צוועק אז יעקב זאל זיך קענען איינ־ווארצלען אין יעדען פלאץ וואו ער וועט קומען און זאל קענען א קיום האבען אין יעדען דור.

IV

אבער דאס וואס גאט האט דעם אידען געגעבען א לאנגען לעבען און א שטארקע נאטור איז נור א מאטעריעלע מעלה און דערמיט אליין באניגענט זיך גאט ניט. —

פערצייטען ווען עס איז געווען א מאדע צו פערהערען א חתן בעפאר מען האט געטהאן א שידוך, איז א אידישער גביר וועלכער איז אויך געווען א גרויסער למדן ארויסגעפאהרען פון זיין שטעדטעל נאך אן אנדער שטאדט פיר דיעזען צוועק. ער איז געפאהרען מעשה גביר אין א קארעטע און א שטארקער מוזשיק מיט ברייטע פלייצעס איז געזעסען אויפ׳ן קעלנע אלס אנטרייבער. — אויפ׳ן וועג איז איהם געווארען צו לאנגוויליג צו זיצען און שווייגען, האט ער אלס צייט־פערטרייב ערצעהלט דעם מוזשיק דעם צוועק פון זיין רייזע, נעמליך, אז ער פאהרט אויספרובירען א חתן פאר זיין טאכטער — ווען דער מוזשיק האט אויס־געהערט זיינע רייד האט ער זיך אזוי צולאכט אז ער האט זיך געהאלטען ביי די זייטען לאבענדיג. — „דו וועסט אויספרובירען א חתן?" — האט דער מוזשיק געזאגט מיט געלעכטער — „מיט איין ריהר ווארפט ער דיר דאך אנידער צו ד׳רערד! אויב דו ווילסט טאקי אויף אן אמת׳ן אויספרובירען א חתן פאר דיין טאכטער, לאז מיר דאס טהאן פאר דיר". — דער גביר איז נשתומם געווארען הערענדיג דיעזען פארשלאג און האט איהם געבעטען ער זאל איהם ערקלעהרען וואס ער מיינט דערמיט, דאן האט איהם דער מוזשיק דערצעהלט אז ווען ער האט גענומען אן איידעם פאר זיין טאכטער האט ער איהם אויך אויסגעפרובירט „ווען א יונגערמאן האט זיך פארגעשלאגען אלס חתן פאר מיין טאכטער האב איך איהם ארויסגערופען זיך ראנגלען — און ווי דו זעהסט מיר בין איך ניט קיין שוואכער אינגעל. און עס איז זיי ניט לייכט אנגעקומען, איך פלעג אננעהמען די יונגעלייט איינעם נאכ׳ן אנדערען און מיט איין דרעה זיינען זיי ביי מיר גע־לעגען אויף ד׳רערד. — אבער ענדליך איז איינמאל געקומען א יונגערמאן פון אוקריינע, א זעקס־פוסיגער מיט מוסקולען ווי אייזערנע שטאנגען, און האט זיך פארגעשלאגען אלס חתן פאר מיין טאכטער — איך האב געמיינט אז איך וועל מיט איהם אויך פערטיג ווערען ווי מיט די אנדערע, אבער ווי איך האב נור מיין האנד ארויפגעלעגט אויף איהם האט ער מיר אויפגעהויבען ווי א שפענדעל און האט מיר געגעבען א שליידער אן ד׳רערד אז איך בין נאך דעם געלעגען דריי וואכען צו בעט. — ליעגענדיג אויפ׳ן בעט טראכט איך: אט דער יונג איז דער פאסענדער חתן פאר מיין טאכטער! און טאקי באלד ווי איך בין ארונטער פון בעט האבען מיר געפראוועט די חתונה. — אויב דו ווילסט, האט דער מוזשיק פארטגעזעצט,

וועל איך דיין חתן אויך אויסטרייען אויף אזא אופן!" — אבער דער גביר האָט איהם אָבגעדראַנקט און ערקלעהרט אַז אבוואהל ער וויל האָבען אַז זיין איידעם זאָל ניט זיין קיין קראַנקער איז אָבער דער עיקר ביי איהם אַ גוטע קאָפּ, געלעהר־זאַמקייט, גוטע מידות, א. ז. וו.

דאָס זעלבע זאָג איך אויך אין דעם ענין וועלכען מיר בעהאַנדלען דאַ — הגם גאָט האָט בעצוועקט מיט'ן גלות צו בעפעסטיגען די וואָרצלען פון יעקב אין אַ מאַטעריעלישען זינן פון וואָרט, איז אָבער זיין הויפּט כוונה געוועזן אַז: „ י צ י ץ ו פ ר ח י ש ר א ל" („יעקב" הוא הכינוי על הצד החומרי של היהודי, ו„ישראל" על הצד הרוחני שבו, כידוע), נעמליך, אַז דורך די צרות און ליידען פון גלות זאָל דער איד דערגרייכען די העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט אויף דעם געביעט פון ג י י ס ט א ו ן א י ד ע א ל — און אַזוי איז עס טאַקי געשעהן אַז דער איד האָט איבערגעשטיגען אַלע פעלקער אין די ריינקייט פון זיין אמונה, אין הומאַני־טעט, און אין אַלעם וואָס איז נוגע די גייסטיגע זייט פון לעבען.

און ווי אַזוי האָט זיך דער איד אַנגעאייגענט דיעזע ריינע רעליגאָן און ערהאַבענע מידות? — א ו י ד ד ו ר כ'ן ג ל ו ת!

קיין זאַך פערשטאַרק ניט אַזוי די אמונה אין אַ מענשענ'ס האַרצען ווי צרות און אַנגסטען — אַ פּערזאָן וועלכער איז געוועזן אויף דער טיטאַניק, די אומגליקליכע שיף וועלכע איז געזונקען מיט די מעהרסטע פון איהר מאַנשאַפט אין יאָהר 1912 האָט מיר דערצעהלט אַז אויף דער שיף האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן פון היינטיגע חכמים וועלכער פלעגט יעדען טאָג פערזאַמלען אַרום זיך קאָמפּאַניעס פון די פּאַסאַזשירען און דרשנ'ען פאַר זיי געגען תורת משה. — דעם זעלבען טאָג ווען דער אומגליק האָט פּאַסירט האָט ער געהאַלטען אַ לעקטשור אין וועלכען ער האָט געפּרואווט בעווייזען אַז דער בית המקדש האָט ניט געהאַט קיין שום איבערנאַטיר־ליכע הייליגקייט און אַז דער צוועק דערפון איז גאָר געוועזן אַ פּאָליטישער אויפ־צוהאַלטען די גאַנצקייט פון דער אידישער פאָלק און צו מאַכען ירושלים דעם צענטער פון דער לאַנד. — ווען דער אומגליק איז פּלוצלונג געקומען און אַלע פּאַסאַזשירען האָבען שוין אָבגעגעבען יעדע האָפנונג אויף זייער לעבען האָט זיך דיעזער יונגערמאַן אויפגעהויבען און אויסגערופען: „רבותי! איך בין מוסר מודעה פאַר אייך אַז אַלעם וואָס איך האָב היינט פריה געזאָגט וועגען תורת משה און וועגען בית המקדש איז פאַלש, און איך האָב חרטה אויף מיינע רייד מיט'ן גאַנצען האַרצען!"

ווען איך האָב געהערט דיעזע געשיכטע האָב איך אויף דעם געזאָגט די פּסוקים: מקולות מים רבים אדירים משברי ים אדיר במרום ה' (דורך דעם גערויש פון די שטאַרקע וואַסערען, די צערשטערענדע כוואַליעס פון ים, אַנערקענט דער מענש אַז עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער גאָט אין הימעל) עדותיך נאמנו מאד (דאַן איז ער שוין מודה אַז גאָטעס תורה איז אמת) לביתך נאוה קודש (ער פאַנגט שוין אויך אַן צו גלויבען אין די הייליגקייט פון בית המקדש) ה' לאורך ימים

(וועט הויבט דער מענש אן צו טראכטען וועגען גאט, וועט ער דארף איהם בעטען ער זאל איהם ערלענגערען דעם לעבען!)

מיר זעהען אלזא אז דער בעסטער מיטעל איינצופלאנצען אמונה אין מענשען'ס הארצען איז איהם צו לאזען טרינקען פון ביטערען בעכער.

די מידות פון רחמנות און מענשליכקייט געפינט מען אויך אממייסטען ביי די יעניגע וועלכע האבען אליין פיעל געליטען. — א זשורנאליסט האט אמאל גע־נומען א סטאטיסטיק אין דעם ארימען אידישען קווארטאל פון דער שטאדט נויארק, אויסצוגעפינען וועלכערווארט ווערט מעהר געברויכט פון אלע ווערטער און ער האט אויסגעפונען אז דאס איז דער ווארט „רחמנות" — „אוי, א רחמנות יענער געהט שוין ארום 3 מאנאטען אהן ארבייט! אוי, א רחמנות יענעמ'ס אינ־געלע געהט אהן אן אווערקויט! א. ז.וו. א. ז. וו. — און פערקעהרט צווישען די אריסטאקראטען אפטאון איז דער ווארט „רחמנות" כמעט אינגאנצען פער־געסען געווארען — אמאל בין איך געווען אויף א קאנווענשאן פון די יונייטעד משאריטיעס וואו מען האט פערהאנדעלט וועגען צדקה לעניים, און עס האט זיך אוועקגעשטעלט איינער פון אונזערע אריסטאקראטען מעורר זיין דעם עולם אויפ־צועפענען זייערע פאקעט־בוקס — ער איז געווען ניט קיין שלעכטער רעדנער נור גראדע איז איהם אויסגעקומען צו געברויכען דעם אידישען ווארט „רחמנות" און ער האט פערגעסען דעם ווארט! — „ווי רופט מען דאס" — האט ער אנגעפאנגען צו שטאמלען — „וואס מען האט איבער ארימע לייט? — לעט מי סי! א צער בעלי חיים? נאו! — שלח־מנות? יעס, שלח־מנות!"

די מידה פון גמילות חסדים, ד. ה. אויסהעלפען איינער דעם צווייטען מיט א קליינע הלואה'לע, געפינט מען אויך אממייסטען צווישען די קליינע ביזנעס־לייט פון דער ארימער איסט־סייד — זיי רופען דאס: „כאפען א צעהן־דאלאר־ביל" — עס גיעבען איסט־סיידער ביזנעס־לייט וואס האלטען אויף זייערע גאנצע ביזנעס אויף דיעזען אופן — אין דער פריה כאפט מען ביי א שכן א צעהן־דאלאר ביל; און פון אבענד כאפט מען ביי אן אנדערען א צעהן־דאלאר־ביל צו בעצאהלען דעם ערשטען. און די לייטע ביי וועמען ער כאפט דארפען אליין ארויסגעהן כאפען א צעהן־דאלאר־ביל ביי אן אנדערען צו פערשטאפען די לאך, און אזוי האלטען זיי זיך אויף די פיס יאהרען לאנג און מאכען א לעבען פאר זייערע פאמיליען. — נו, עס איז א פאקט אז עס זיינען פאראן אויף דער איסט־סייד אזעלכע וואס ביי זיי האט א ווערדע א הונדערטער ווי ביי אייך און ביי מיר א דאלאר — אבער א טשיקאווען, אז צו זיי געהען ניט אט דיעזע קליינע סוחרים'לעך „כאפען צעהן־דאלאר־בילס", און אז זיי וואלטען געהן און צושטעהן אזוי ווי זיי טהוען צו זייערע א גלייכען וואלטען זיי פיללייכט געכאפט קלעפ און ארויסגעווארפען.

איך האב אייך אלזא בעוויזען אז די ריינע רעליגיאן און די גוטע מידות רחמנות און גמילות חסדים מיט וועלכע אונזער פאלק צייכענט זיך אויס זיינען דער רעזולטאט פון ארימקייט און ליידען.

מיר געפינען פיללייכט אן אנדייטונג דערויף אין דעם אנפאנג און ענדע

פון ספר שמות — דער אנפאנג האנדעלט וועגען גלות און דער סוף וועגען דעם געבוי פון משכן מיט זיינע כלים, אונז אויפמערקזאם צו מאכען אז די גאנצע הייליגקייט צו וועלכע דאס אידישע פאלק האט זוכה געווען איז געווען דער רעזולטאט פון גלות מצרים.

(ואולי לסבה הזאת הקרה ה׳ לפניהם את מקרה מי מרה מיד אחרי יציאתם להורות להם צורך הגלות ושליחותו — לאמר: כשם שהמים המרים נרפאו ע״י עץ מ ר, כן מחלות הגוף והנפש שבאדם ירפאו ע״י גלות וצרות.)

יעצט קענען מיר שוין פערשטעהן די ערשטע צ ו ו י י טהיילען פון דעם פסוק וואס מיר האבען אוועקגעשטעלט אלס טעקסט צו דיזען דרוש, נעמליך:

„ה ב א י ם" (די יסורים וואס קומען אויף דאס אידישע פאלק) „י ש ר ש י ע ק ב" (זיינען געמיינט געווארען, ערשטענס, איינצוואורצלען יעקב׳ן ד. ה. די קערפערליכע זייט פון אידען, און צווייטענס) „י צ י ץ ו פ ר ח י ש ר א ל" (ארויסצובריינגען די בליהונג און בלומען פון „ישראל", ד. ה. די גייסטיגע זייט פון אידען.)

V

אבער אפילו מיט די אבענגענאנטע צוויי מעלות האט זיך נאך גאט ניט בענוגענט. — ווען גאט האט אויסערוועהלט דאס אידישע פאלק האט ער איהר אויפגעגעבען א פיעל וויכטיגערע אויפגאבע ווי ענטוויקלען און צופריעדענשטעלען דעם אייגענעם „איך", נעמליך: צו זיין א ליכט פאר די פעלקער פון דער גאנצער וועלט (לאור גוים). — און אזוי איז עס טאקי געשעהן אז די גרעסטע פעלקער פון דער וועלט האבען אנגענומען די עקרים פון תורת משה.

ווארום האבען די קריסטען און מחמד׳אנער טאקי גענומען זייער רעליגיאן פון תורת משה און ניט פון די לעהרען פון בודדאה אדער קאנפוציוס? — דעם אנטווארט דערויף קען מען פערשטעהן דורך פאלגענדען ביישפיעל: אין מיין געבורט־שטעדטעל אין רוסלאנד זיינען די הויפט בעלי־בתים געווען ריטייל־קרעמער — פלוצלונג איז געקומען א קריסטליכער סוחר, א קאזין צום פריץ צו וועמען די גאנצע שטעדטעל האט בעלאנגט און האט זיך בעזעצט אין שטעדטעל און געעפענט א גרויסע דעפארטמענט סטאר מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען — ווען די אידישע קרעמער האבען דאס דערזעהן זיינען ביי זיי אבגעשטארבען אלע גליעדער, ווייל זיי האבען געדיינקט אז זייערע קריסטליכע קונדען פון וועמען זיי האבען געצויגען זייער גאנצע חיונה וועלען געוויס אוועקגעהן האנדלען צו זייער קריסטליכען ברודער. — אבער אין א קורצע צייט האבען זיי איינגעזעהן אז זייער שרעק איז אן אומזיסטע — דער גרויסער געשעפט פון פריץ איז געשטאנען ליידיג און קיינער האט א טהיר ניט געעפענט, ווערענד די מוזשיקעס האבען געקויפט אזוי ווי פריהער ביי די אידען — אז מען האט זיי געפרעגט די אורזאכע האבען זיי געזאגט אז זיי ווילען ניט געהן צום פריץ ווייל אין זיין סטאר וועט מען דארפען שטעהן אהן א היטעל, מען וועט מוזען נעהמען וואס פאר א סחורה מען גיט, מען וועט מוזען בעצאהלען דערפאר מזומן, א. ז. וו. ווערענד אין די אידישע

קראַם איז דער מוזשיק דער פריץ; ער וואַרפט דורך די גאַנצע באַרעל הערינג ביז ער קלייבט אויס איינעם; בעצאָהלען וועט ער ווען ער וועט אָראָבנעהמען די תבואה פון די פעלדער, אָ אויב דער איד פרעסט איהם צו פיעל פאַר געלד ברעכט ער איהם אַן די ביינער אנשטאט געצאָהלט. — דאס זעלבע איז אויך געשעהן ווען די שטאַרקע פעלקער פון די פאַרצייטיגע וועלט האָבען אָנגעפאַנגען צו זוכען אַ נייע רעליגיאָן — פון אַן אַנדער שטאַרקער פאָלק האָבען זיי ניט געוואָלט באָרגען צוליעב דעם זעלבען טעם וואס די מוזשיקעס האָבען ניט געוואָלט איינקויפען זייערע סחורות ביין פריץ, נעמליך: טאָמער וועט יענע פאָלק שטאָל־צירען איבער זיי, און ווען עס וועט אַרויסקומען אַן איבעררייד וועט יענער זאָגען: אפילו אייער גאָט האָט איהר געליהען ביי אונז! אַלזאָ זיינען זיי געקומען צו די אידישע פאָלק די שוואַכסטע און אָרימסטע צווישען די פעלקער; פון זיי האָבען זיי געקענט באָרגען אָהן אַ שום מורא; זיי האָבען אויך געקענט אויסקלייבען די יעניגע לעהרען פון די אידישע רעליגיאָן וועלכע זיינען געווען בעקוועם פאַר זיי און איבערלאָזען די איבריגע (פונקט ווי דער מוזשיק מישט דורך די גאַנצע באַרעל הערינג אויסצוקלייבען איינעם). און אויב אידען האָבען זיי אַמאָל פאַר־געוואָרפען אַז אַפילו זייער גאָט איז אַ אידישער, האָבען זיי געזאָגט: „אַלזאָ וואס ווילט איהר מיר זאָלען אייך בעצאָהלען? גאַנץ גוט, מיר וועלען אייך בעצאָהלען!" — און זיי האָבען טאַקי בעצאָהלט מיט קלעפּ און זלזולים...

(ואולי זהו ביאור המאמר הידוע במס' ע"ז שהחזיר הקב"ה את התורה על כל אומה ולשון ולא קבלוה עד שבא לישראל וקבלוה — תתבוננו בעולם המסחר שהסוחרים הגדולים לא ימכרו את סחורתם ישר אל קהל הקונים אלא ע"י איש הבינים (middleman) המומחה לדבר ויודע לעות דבר עם אנשים פשוטים כמוהו ולחבב עליהם את סחורתו ולפעמים ג"כ להקנות את סחורתו בהקפה וכו' כן ג"כ במאמר הנ"ל לא כוונו חז"ל שאחרי שהחזיר הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה התיאש מהם לגמרי, אלא שבראותו שהאומות אינם מוכשרים לקבל את התורה ישר מפיו מסר אותה לישראל על מנת שהם ימסרו רובי תורתם לעמים האחרים. וכן באמת למדו האומות מישראל את העקרים היותר נחוצים לישוב העולם).

מיר זעהען אַלזאָ אַז דורך דעם גלות און צוליעב די אידישע שוואַכקייט איז עס אונז געלונגען צו פערשפרייטען די הויפט פרינציפּען פון אונזער תורה אויף דער וועלט. — און יעצט קענען מיר שוין פערשטעהן דעם גאַנצען פסוק פון אונזער הפטרה:

הבאים (די ליידען וועלכע זיינען געקומען אויף דאס אידישע פאָלק האָבען געהאַט דריי צוועקען:)

1) ישרש יעקב (דער איד זאָל זיך איינוואָרצלען און שטאַרק ווערען קערפּערליך)

2) יציץ ופרח ישראל (דער איד זאָל אויפבליהען גייסטיג)

3) ומלאו פני תבל תנובה (די גאַנצע וועלט זאָל פול ווערען מיט די געטליכע פרוכט פון אידישען גייסט)

חומר לדרוש.

פרי הגלות

(גלות־פרוכטען).

אגדות חז"ל

„גפן ממצרים תסיע" (תהילים פ'), מה הגפן הזה אין נוטעים אותה במקום טרשים (אבנים) גדולים, אלא בולשין (מעדרין) אותה מתחתיה ואח"כ נוטעין אותה, כך תגרש גוים ותטעיה; מה הגפן הזו כל שאתה מפנה תחתיה הרי היא משובחת, כך הם ישראל, פנית לפניהם כל מלך ואח"כ ותשרש שרשיה ותמלא ארץ; מה הגפן הזו אין נוטעין אותה ערבוביא אלא שורות שורות, כך ישראל הם דגלים דגלים, מה הגפן הזו גמוכה מכל האילנות ושלטה בכל האילנות, כך הם ישראל נראים כאילו שפלים בעוה"ז אבל לעוה"ב הם עתידים לירש מסוף העולם ועד סופו; מה הגפן הזו שרביט אחד יוצא ממנה ומכבש כמה אילנות, כך ישראל צדיק אחד יוצא מהם ושולט בכל העולם; . . . מה היין הזה כל מי ששותה ממנו פניו מאירות וכל מי ששותה חומץ שניו כהות, כך ישראל, כל מי שבא ומזדווג להם סוף שנוטל את שלו מתחת ידיהם; מה גפן זו בתחילה היא נרפסת ברגל (נדרכת בגת) ואח"כ עולה על שלחן מלכים, כך ישראל נראים כאילו מאוסים בעוה"ז, דכתיב, הייתי שחוק לכל עמי נגינתם כל היום (איכה ג') אבל לעתיד לבא נאמר ונתנך ה' עליון על כל הגוים; מה גפן זו מדלין אותה על גבי אילנות גדולים, כך ישראל, שנאמר, כסו הרים צלה וענפיה ארזי אל תשלח קצריה עד ים וגו' (ויקר"ר פל"ו ב').

„זית רענן יפה פרי תאר קרא ה' שמך" (ירמי' י"א), מה הזית הזה עד שהוא באילנו מגרגרין אותו ואח"כ מורידין אותו מן הזית ונחבט, ומשחובטין אותו מעלין אותו לגת ונותנין אותו במטחן וטוחנין אותו וכו' ואח"כ נותן את שומנו, כך ישראל, באין אומות העולם וחובטין אותם ממקום למקום וחובשין אותם וכופתין אותם בקולרין וכו' ואח"כ עושים תשובה והקב"ה עונה להם. (שמו"ר פל"ו).

תניא רשב"י אומר, אתה מוצא שלש מתנות טובות נתן הקב"ה לישראל ולא נתן אותן אלא ע"י יסורין, התורה וארץ ישראל ועוה"ב, תורה דכתיב, אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו (תהילים צ"ד), ארץ ישראל דכתיב, וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלהיך מיסרך, ומה כתיב אחריו, כי ה' אלהיך מביאך אל ארץ טובה (דברים ח'), העוה"ב, דכתיב, כי נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחת מוסר (משלי ו') הוי, ואותבו שחרו מוסר. (שמו"ר ותנחומא).

„שור או כשב או עז וגו'" — שור נרדף מפני ארי, כשב מפני זאב, עז מפני נמר, אמר הקב"ה לא תביאו לפני מן הרודפים אלא מן הנרדפים. (ויק"ר).

גפן ממצרים תסיע

גפן ממצרים תסיע וגו' ואל נהר יונקותיה (תהילים פ') — אם תתבונן אל

תולדות העמים לא תמצא אפילו דוגמא אחת שיעשה איזה עם מלחמה על עם אחר וינצחו ויגרשו כלה מן הארץ ויתישב בה. הפלא הזה קרא אך פעם אחת כשהשמידו ב"י את הכנענים וישבו בארצם, וזהו „גפן ממצרים תסיע ת ג ר ש ג ו י ם ו ת ט ע י ה".

ואולי תאמר שאין זה דבר נפלא כ"כ וכבר היה לעולמים כמו בעת שנצחו הזאקסים או הנורמנדים את אנגליה וירשו את ארצם, וכן אנו רואים מליונים מתהגרים באים לאמיריקה ומתישבים בה ומצליחים, אבל באופנים האלו הארץ אינה מתרוקנת מן התושבים הקודמים רק החדשים מתערבים בנושנים ונעשים לעם אחד, אבל כשבאו ב"י לארץ כנען „פ נ י ת ל פ נ י ה (את התושבים הישנים) ותשרש שרשיה ותמלא ארץ".

וא"ת שהתושבים החדשים נשארו חלשים, כמו שנראה בגפנים הנעקרים ממקום גידולם ונטעים במקום אחר, זאת לא זאת, רק להיפך „כסו הרים צלה וענפיה ארזי אל".

וגם פלא אחר אנו רואים בישראל, שחלקים קטנים מן האומה יגלו או יתישבו בעצמם במקומות רחוקים מאד מכלל האומה ובכל זאר ישארו בנים נאמנים לעמם וגם ידמו בכל דבר ליתר בני האומה, וזהו ממש כמו ש י ק צ ו ר איש זמורה מעץ גפן ויטעה בלי שורש במקום אחר, היעלה על הדעת שתגדל ותעשה פרי, אבל בישראל, „תשלח ק צ י ר ה (ר"ל אפילו אותם שנקצרו ונבדלו מכלל האומה) עד ים ואל נהר יונקותיה". (המחבר).

אודך ה' כי אנפת בי

„אודך ה' כי אנפת בי ישוב אפך ותנחמני" (ישעי' י"ב) — יובן עפ"י משל: איש יהודי אחד שכר בית מרזח משר העיר, והאיש שמר זמן הפרעון בכל שנה ושנה בזמנו. ויהי היום הוכרח השר לנסוע לדרך רחוקה והפקיד את אחד מעבדיו על כל נכסיו. הפקיד היה איש רע מעללים והוסיף על שכירות האיש הנ"ל עוד חמש מאות שקל לשנה, וכבוא זמן הפרעון ולא היה בעד האיש לסלק את כל הסכום בבת אחת צוה להלקות אותו מכה ומכה בעד כל שקל ושקל שחסר לו, וכן עשה מידי שנה בשנה. — ויהי לאחר זמן חזר השר לביתו ויקח את כל רכושו תחת ידו כמקדם, וילך היהודי להשר ויספר לו את כל אשר עשה לו הפקיד הנ"ל ואת המלקות אשר הכהו במספר, ויכעס השר מאד על גודל רשעת הפקיד, ויאמר לו: לכן אני גוזר עליו שיתן לך בעד כל מכה ומכה שקל אחד, ויתן לו מכתב תעודה על זה. אשתו של היהודי הנ"ל בראותה כי נתאחר בעלה בבית השר יצתה לקראתו ותפגשהו והנה פניו זועפים, וכאשר שאלה אותו מה נעשה במשפטו, ספר לה את כל אשר אמר לו השר — „אם הדבר כן הוא", אמרה אשתו, „מדוע פניך זועפים?" — „אני מצטער", ענה האיש, „על מיעוט ההכאות שהכני הפקיד, כי אלמלי הכני כהנה וכהנה הייתי משיג ממנו עתה די כסף לקנות את הבית הזה כלו מיד השר".

כן לעתיד יוכרחו האומות שהתעללו בישראל לשלם לו בעד כל העינוים שעינו אותו מידה כנגד מידה, ואז לא יתרעמו עוד ב"י על הנהגת ה' אתם בכל משך הגלות אבל יאמרו ממש כמו בעל בית המרזח הנ"ל: אודך ה' כי אנפת בי (כי בעת אשר ישוב אפך תנחמני (בו באותה מידה). (שמעתי).

מקל ותרמיל — מגדל

דוד יצאו לו מוניטין בעולם, ומהו מוניטין שלו? מקל ותרמיל מצד זה ומגדל מצד זה (ב"ר פ' ל"ט).

ר"ל בדרך מליצה שגדולתו צמחה לו מעניו וצרותיו. וכן הגדולה הרוחנית והגשמית של כל ישראל מקורה בגלות ועוני. כנ"ל. (המחבר).

וככה תאכלו אותו.

לא לחינם אמרו חז"ל (מ"ר לך לך) „והיה ברכה" והיה „בריכה", כי כמו שהמים רק אז לברכה אם המה מים חיים שהולכים ממקום למקום, אולם אם על מעמדם יעמודו במקום אחד, ברוב הימים יהיו לרפש וטיט ויעלה באשם ותעל צחנתם וימלאו נחשים ועקרבים, כן בעוה"ר עם בני ישראל, אם רבות בשנים יושבים במנוחה במקום אחד שוכחים את ה' ועוזבים את תורתו ונהיים למעין נרפש ומקור משחת, הבתי כנסיות מתרוקנים ובתי טיאטראות מתמלאים מהם, לא שבת ולא יו"ט ולא פסח, לא כן בעת שהולכים מגוי לגוי וממלכה אל עם אחר, אז בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה ושבת עד ה' אלהיך — וזהו: וככה תאכלו אותו מתניכם חגורים נעליכם ברגליכם ומקלכם בידכם" (ר"ל רק כשאתם נודדים ממקום למקום כצוענים תאכלו ותשמרו את הפסח ורק אז תאמינו כי פסח הוא לה' אבל אם תשבו במנוחה והצלחה באיזה ארץ תשכחו לחוג את הפסח כל עיקר). (מנחת יהודה).

ה' מסיני בא.

לא לחינם נמשלה התורה ללפיד אש ולאור נוגה, כי כמו שנר הדולק אינו דולק למי שנדלק בשבילו לבד כי אם לכל הבאים בגבולו, לפעמים גם בעל כרחם נגד רצונם, כן היא שמש צדקה אשר זרחה בהר סיני לישראל עם קרובו, נר לאחד נר למאה, כי כל העמים אשר בתבל ארצו שעמדו אז מרחוק, נמשכים לאט לאט מחשכת לילם אל האור הבהיר והזך נר האלהים תורת ה' תמימה.

זשה"כ: „ה' מסיני בא" — נראה לעינים כאילו נתן ה' את תורתו אך ורק בהר סיני ולעם ישראל — אבל באמת: „וזרח משעיר למו" — ר"ל גם לבני עשו התחיל לזרוח אז אור התורה, אף שלא קבלו אותה עדיין — „הופיע מהר פארן" — גם לישמעאל התחיל להופיע — „ואתה מרבבות קודש" — ר"ל כמה רבבות מבני אדם נהיו על ידו לחסידי אומות העולם — „מימינו אש דת למו" — ר"ל כי הדת שנתן ה' בימינו לעם ישראל היא כאש המאיר להרבה בני אדם בבת אחת, וכנ"ל. (מנחת יהודה).

האי דוחקא דהוי בכלה.

אלמלא נתנה רשות לעין לראות אין כל בריה יכולה לעמוד מפני המזיקין, אמר רבא האי דוחקא דהוי בכלה מיניהו וכו' (ברכות ו', ע"א) — רש"י ז"ל פי' „מזיקין" שדים, אבל לדברינו ה„מזיקין" המה פשוט שונאי ורודפי ישראל שבכל דור החומסים מזימות איך להשמיד את ישראל מגוי ואלמלא היינו יודעים את כל מחשבותיהם עלינו היינו מואסים בחיים.

אבל רבא סובר שזהו לטובתנו כאשר נראה בחוש שכאשר ישראל לאור יומם יתהלכו אז בתי כנסיות פנוים, אבל כאשר יבוא צר ואויב ויציק להם אז יתקבצו לבית מקלטם הוא ניהו הביהמ"ד וישועו לאל מושיעם, וז"ש: האי דוחקא דהוי בכלה, ר"ל הדוחק והקיבוץ דהוי בביהכ"נ, מיניהו הוי, וד"ל.

הני ברכי דשלהי (הברכים העייפים מריצת רגלים לשמוע דבר ה') כ"ז מיניהו הוא, כמאמרם ז"ל סנהדרין (צ"ג, ע"ב): מעמיד עליהם מלך שגזרותיו קשות כשל המן וכו' ומחזירם למוטב.

הני מאני דרבנן דבלו מיניהו, ר"ל בני הישיבה היושבים בבתי מדרשות בבגדים קרועים ומטולאים ועוסקים בתורה ג"כ באים מסיבת הרדיפות של המזיקים האלה.

הני כרעי דמנקפי, ר"ל תלמידים המכתתים רגליהם והולכים מעיר לעיר ללמוד תורה, כ"ז מינייהו הוי, ואם היו פותחים שערי המדינה בארצות החשוכות מי יודע מה היה לבני יעקב, כי כאשר היו ישראל שבעים שנה בגלות בבל היו מהם כמה שנשאו נשים נכריות ולא ידעו מה שאסור לאיש ישראל, ובה"ש אנו זה כמה שנים בארצות פזורנו ובכל זאת אנו מחזיקים בתורה ודת. (דברי אליהו).

כי כארץ תוציא צמחה

„כי כארץ תוציא צמחה וכגנה זרועיה תצמיח כן ה' אלקים יצמיח צדקה ותהילה נגד כל הגוים" (ישעי' ס"א) — הרצון בזה כי לפי הנראה לעינים מן כל הצרות שעברו על ראשינו מאז הגלנו בין הגוים, הוא שה' חפץ לדכאנו חו"ש, וכאילו חלילה תכלית חפצו ומבוקשו להרע לנו ברע מוחלט, אבל לפי האמת אינו כן כי מאתו יתב' לא תצא שום רע בהחלט רק כל הרעות הם אך כלי תשמישיו להגדיל ולהאדיר הצלחתנו וטובתנו, אשר לפי ידיעתו לא היו יכולים לצאת אל הפועל בלתי ע"י קדימת הרעה, כמ"ש רשב"י (ברכות ה') ג' מתנות טובות נתנו לישראל וכלם לא נתנו אלא ע"י יסורים, ובנביא (ירמי' כ"ט): כי אנכי ידעתי את המחשבות אשר אנכי חושב עליכם נאום ה' מחשבות שלום ולא לרעה לתת לכם אחרית ותקוה. — כלל הדברים כי הוא ממש ע"ד הזריעה והצמיחה, ממש כאשר האיכר יפתח וישדד תלמי שדהו ויקלקל פניה בחפירות וחרישות, הלא בעיני הכסיל זר מעשהו כי יחשוב, ראה זה מקלקל שדהו, אבל באמת כוונת הזורע והחורש על טוב מוחלט שיצמח מזה כי ע"י כן ישבע לחם וא"א בלא הכי. כן ממש כל המקרים והרעות העוברים עלינו כלם מכוונים מאת ה' ית' להצמיח על ידיהם טובות מאושרות, וכאשר כלל המשורר: (תהילים קכ"ו) הזורעים בדמעה ברינה יקצורו, וז"ש הנביא: שוש אשיש בה' (מדת הרחמים) תגל נפשי באלהי (אפילו במדת הדין) כי הלבישני בגדי ישע (ע"י הרעה באה הישועה) כי כארץ תוציא צמחה וכו', ר"ל כי ידעתי כי כאשר הארץ תוציא צמחה ע"י החרישה והזריעה, אחרי קלקול פני האדמה ואיבוד הזרע, כן בגדר זה, ה' יצמיח צדקה ותהילה וכו', ר"ל שהישועות והנחמות כלם יצמחו ג"כ מסיבת הרעות הקודמות, וד"ל.

(כוכב מיעקב).

הטוב שבגלות

כל איש מישראל שיתבונן על הגלותיים והטלטולים הרבים שהאומה סובלת, מראשית השתלשלותה והתפתחותה, יבין כי כל זה הוא לתכלית נשגבה לעורר בקרב בניו הרוח, ולהעירו מתרדמתו שיצא לפעלו, כי כבר בארתי בכל מקום כי מפעולות הגליות ותועלתן הוא לעורר את הרוח, וכמו שבחיי האדם הפרטי יש כמה עתים שרואה איך שמאומת הפתגם הידוע, כי „אין מורה נאמן ומובהק לאדם כהאסון", כי בעת שהאסון יתגבר על האדם אז יחגור שארית כחותיו להנצל ממנו, ויעמיק שכלו לחפש עצות מעצות שונות, וכמו שיתעורר בקרבו רוח אמיץ וחזק לשאת כל תלאה עד שינצל מן האסון הזה, ועי"ז ימצא עוד הצלחתו ויעלה מעלה מעלה, ולא חזון רחוק הוא לראות איך שהאסון מביא לרגלו על האדם הצלחה גדולה ועצומה, כי יש כמה אנשים אשר לרגלי חייהם הפשוטים לא היו מחפשים כלל עצות להיטיב מצבם, וכל ימי חייהם חיו חיים כמו שהורגלו לחיות, ולא היו יודעים כלל אשר כפי רוחם הכביר העצור בקרבם הם עלולים לעשות גדולות ונפלאות ולעשות להם שם עולם, וכן היתה כבה בקרבם גחלת רגשותיהם והרוח ירד מטה מטה מבלי השאיר לו כל שארית; ואולם ע"י האסון

שקרה להם שהניעם לתפש עצות להמלט ממנו התעורר רוחם הכביר בקרבם והרחיקו נדוד ועלו בגרם המעלות; כן הוא גם בעם שלם שנדנודיו הרבים ותלאותיו ומצוקותיו תועלנה להפיח בו רוח כביר, ואשר משום זה נקראו הגליות בשם „כור ברזל".

(אורה ושמחה, ריינעס)

זקן וזקנה מצד זה

איזהו מטבע של אברהם אבינו? זקן וזקנה מצד זה ובחור ובתולה מצד אחר (ב"ק צ"ז) — ראיתי בזה מליצה נאה. דהנה חיי אברהם בשעתו וחיי עם אלקי אברהם במשך גלותו הם שלשלת ארוכה של נסים ונפלאות, כי כאבורהם בשעתו כן עם ישראל בגלותו ממושך וממורט, מורדף בלי חשך, וימררוהו וישטמוהו בעלי חצים, סבל צרותיו עלה למעלה ראש עד כי מרחוק יראת הרואה שכבר כשל כחו וישראל סבא יפול שדוד תחת נטל העול ששמו עליו שונאיו ומנדיו. — אבל לפתע פתאום, והנה ישראל זה אשר כמדומה כבר הגיע עד שערי מות, וכבר עומדים למראשותיו ומחכים על יציאת נשמתו — לפתע פתאום יחליף כח, ישאף חיים חדשים, וכאילו שב לימי בחרותו בכח דשן ורענן. — זוהי המליצה שרמזו חז"ל באמרם: „איזהו מטבע של אברהם אבינו? זקן וזקנה מצד אחד ובחור ובתולה מצד אחר", כלומר, טבעו של עם אלקי אברהם הוא שבשעה שאנו רואים אותו ל„זקן וזקנה מצד אחד", וחושבים אותו לזקן שתש כחו אשר המות כבר מחכה עליו להורידהו מעל במת החיים, באותה שעה גופא רואים אנו בו „בחור ובתולה מצד אחר", ימי זקנתו וחולשתו כליל יחלפו, ותחתיהם יבאו לו עוד הפעם ימי הבחרות ועוד כחו במתניו לשאת כל עמל ותלאה, ובלב מלא כח עלומים יחכה לימים טובים מאלה ולעולם שכולו טוב. (יוחנן דייטש בספר פל"ב)

ותקרא שמו בן אוני ואביו קרא לו בנימין.

נפש יקרה אם אהובה אהובת נפש כל מכיריה עקרת בית ישראל מתה בעוד כברת ארץ לבוא אפרתה, ונפשה עלתה השמימה, ובדרך עליתה נפגשה עם נפש טהורה זה עתה ירדה מעולם הכרובים יורדת למטה להחיות נפש בנה הנולד עתה בשעת יציאת נפשה, ותקרא שמו בן אוני, וגם כל העומדים ורואים את הדרמה המעציבה הזאת קראו שמו בן אוני, כי כולם ראו רק את ההוה ולכן החליטו כי אין הנולד שוה בנזק האבדה הגדולה, ומוטב הי' שלא יולד משתמות הדגולה מרבבה על ידו ולא יכלו לקבל תנחומים בחליפין, ולא יכלו להתנחם בנפש צעירה כזו שהוא כניר חלק ועתידותיו מי ישורנו.

גם ישראל סבא עמד אצל הבר מינן בראש כפופה ועיניו זלגו דמעות באין הפוגות, אבל פתאום הופיע עליו רוח ה' וכחוזה יה ראה איך שבחלקו של רך הנולד הזה יבנה הבית המקדש ומשם תצא אורה לכל ישראל ולכן תיכף אחר שברך ברכת דיין אמת, אמר מיד ברכת הטוב והמטיב וקרא שמו בן ימין בעבור שהוא הבן הנולד ימלא מטרתו בחיים ותעודתו ותעודת אבותיו כי בחלקו יבנה הבית המקדש.

הנה אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתה ובכל יום אנו שומעים שמועות חדשות פולחות כליות ולב, ובכל יום מגיע לאזנינו איך שמרכזים רוחנים נהרסים ע"י שלוחי זעם של חרב ורעב, מרכזי היהדות, מרכזי התורה והחכמה נעקרים משרשם ואחב"י נפזרים כמוץ לארבע רוחות השמים. והנה קצרי הראות ואלו שאבדו את החשק והגעגועים לשוב לארץ אבותיהם וכל המתבוללים למיניהם, קוראים את אסון האומה בשם בן אוני וכי אינו כדאי נזק עם ישראל וחורבן העולם בכלל בשביל התיסדות ממשלה ישראלית בארץ ישראל, אבל ישראל סבא הראה מרחוק מוחה את דמעותיו מעל לחיו ומתחת האסון רואה הוא את הששון המיועד, ומתחת החורבנות ורגבי העפר הוא רואה נצר קטן עולה כפורחת, והמעולים שבעם ישראל רואים בזה פתרון חלום הארוך שחלמנו ב' אלפים שנה, רואים בזה את ההתחלתא דגאולה המוכרחת לבוא ע"י חבלי של משיח והם קוראים את הזמן המיוחד הזה בשם בן־ימין.

(פרפראות לחכמה, סאדאווסקי).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

די ערא פון געזעץ.

(דרוש לפ׳ וארא)

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

I

דיזע סדרה איז אינגאַנצען פערנומען מיט „מכות". — איהר געפינט ניט אין איהר קיין שום „מצות עשה" אָדער „לא תעשה" און אפילו ניט קיינע פון יענע ביבלישע ערצעהלונגען וועלכע ענטהאַלטען אין זיך די קערנער פון הויכע אידעאַלען אָדער מאָראַלישע לעהרען.

פריידענקער בענוצען זיך מיט דיזע קאַפּיטלען פון דער תורה אונטערצוגראַבען דעם פונדאַמענט פון אמונה אין אַ גאָט פון גערעכטיגקייט:

„זעהט נור" — זאָגען זיי — „ווי דעם אידישען גאָט האָט זיך פערוואַלט אבצוצעהלען פּרעה׳ן דוקא צעהן מכות. און ווען פּרעה האָט זיך דערשראָקען אין מיטען און האָט שוין געשריען געוואַלד אַז ער וויל שוין בעפרייען די אידען האָט גאָט אומישנע האַרט געמאַכט זיין האַרץ אַז ער זאָל חרטה האָבען פון זיינע רייד כדי ער זאָל איהם קענען ענדיגען צעהלען די צעהן מכות!" גאַר אַזוי ווי מען דער־צעהלט אויף די בינעזישע דאָקטוירים דאָס ווען זיי פערשרייבען אַ רעצעפּט פאַר אַ קראַנקען, פערשרייבען זיי מיט׳ן פולען האַנד — צוויי הונדערט און פופציג פּאָודערס, אָדער פיער קוואַרט פילען, און דער קראַנקער מוז דאָס אויסנעהמען ביז ענדע, און אויב עס טרעפט אַז דער חולה ווערט געזונד מיט פופציג פּאָודערס אָדער אַ האַלבע קוואַרט פילען, קומט דער דאָקטאָר און מאַכט איהם צוריק קראַנק, כדי ער זאָל קענען אויסנעהמען אַלע פּאָודערס.

„אַזוי זעהט עס אויס" — זאָגען זיי — „האָט גאָט אויך געמאַכט מיט פּרעה׳ן; אָבער וואו איז דאָס דער יושר און די לאָגיק, אדרבא דער שכל איז דאָך מחייב אַז ווי נור פּרעה האָט חרטה געהאַט האָט איהם גאָט באַלד געדאַרפט מוחל זיין און נעמען זיין פאָלק ישראל און געהן".

כדי צו פערענטפערען דיזע האַרבע קשיא מוז איך אייך בעפאַר קלאָר מאַכען אין אַ וויכטיגען קאַפּיטעל פון דער היסטאָריע — ניט פון דער אַלטער

היסטאָריע מיט וועלכע איהר זייט געוואהנט נור פון דער נייער היסטאָריע וועלכע דאַרף נאָך ערשט געשריבען ווערען *)

II

די ענטוויקלונג פון די מענשהייט ווערט צוטהיילט אין דריי פעריאָדען:

די ערשטע פעריאָדע, איז געווען אין דער קינדהייט פון די מענשליכע ראַסע; ווען די מענשען־קינדער האָבען נאָך ניט געוואוסט פון קיין הערשער, ריכטער און וועכטער. — דיזע פעריאָדע איז בעוואוסט אין די ווערטער פון די נביאים אונטערן טיטעל: „איש כל הישר בעיניו“ — אין אונזערע צייטען רופט מען עס אַנאַרכיזמוס. — די יונגע אַנאַרכיסטען פון אונזער צייט דיינקען אַז זיי האָבען דאַס אויסגעפונען דיזע נייע חכמה, אָבער זיי האָבען אַ טעות; אין אמת'ן איז אַנאַרכיזמוס געווען דער ערשטער צושטאַנד פון די מענשהייט און די וועלט איז קוים פּטור געוואָרען דערפון —

---

*) די היסטאָריע איז די ערשטע פון אַלע פאָרמען ליטעראַטור. ווי נור מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו פערצייכנען זייערע געדאַנקען מיט געוויסע צייכענס האָבען זיי די ערשטע זאַך פערצייכענט די וועלט־פּאַסירונגען פון יענע צייטען. — אין אָנפאַנג זיינען זייערע ערצעהלונגען געווען גאַנץ קורץ — אַ פּאָאַר בילדער אויסגעקריצט אויף אַ שטיין, ענטהאַלטען אָפט מאָל די געשיכטע פון די וויכטיגסטע וועלט־מלחמה — שפּעטער ווען די שריפט האָט זיך ענטוויקעלט האָבען די היסטאָריקער אָנגעפאַנגען צו שרייבען מיט גרויס אריכות; צום ביישפּיעל, דער בעוואוסטער היסטאָריקער „ליווי“ אָדער „ליוויוס“ האָט געשריעבען די היסטאָריע פון רוים אין הונדערט און צוויי־און־פערציג ביכער, און ער האָט בלויז בעהאַנדעלט אַ משך פון וועניגער ווי דריי הונדערט יאהר! — אַלזאָ האָט די וועלט געדיינקט אַז די היסטאָריע אַלס וויסענשאַפט האָט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט און אַז מען קען שוין אין איהר קיין שום חסרון ניט געפינען. ביז עס זיינען געקומען די לעצטע דיינקער פון אונזער צייט און האָבען ערקלעהרט אַז די גאַנצע היסטאָריע ווי זי איז ביז יעצט געשריבען געוואָרען איז איין גרויסער חסרון, ווייל זי איז געבויט אויף אַ פאַלשען פונדאַמענט; די שרייבער האָבען אַריינגענומען אין זייערע ביכער דאָס אונוויכטיגע און אויסגעלאָזען די וויכטיגע. די אַלטע היסטאָריקער האָבען געדיינקט אַז דאָס וויכטיגסטע צו פערצייכענען איז די מלחמות וואָס די שבטים אָדער נאַציאָנען האָבען געפיהרט איינע מיט די אַנדערע, און דאַריבער ווען דער היסטאָריע־שרייבער איז געקומען צו אַ פּעריאָדע אין וועלכע די מענשהייט איז געווען פריי פון מלחמות, האָט ער דיזע פעריאָדע אין גאַנצען איבערגעהיפּט, אַלס אַ צייט וועגען וועלכע עס איז גאָר ניט כדי צו פערליערען אפילו אַ טראָפּען טינט. — די נייעסטע דענקער פון אונזער צייט זיינען געקומען צום בעשלוס אַז די זאַך איז פונקט פערקעהרט: די אינטערעסאַנטעסטע און וויכטיגסטע צייט אין דעם לעבען פון אַ פאָלק איז איהר

און ניט אזוי לייכט; גענוג בלוט איז פערגאסען געווארען און גענוג מענשען־אפפער זיינען געפאלען איידער דיעזער שרעקענס־צושטאנד איז אבגעשאפט געווארען — ווייל דער אמת איז אז ווען דער פעבעל קריגט די פרייהייט צו טהאן „כל הישר בעיניו" איז ער פיעל ערגער און ווילדער ווי די ווילדע חיות פון וואלד; די חיות פון וואלד זיינען גרויזאם צו פרעמדע אבער זיי רייסען ניט איינער דעם אנדערען — די סיבירישע וועלף געהען אין מחנות פון הונדערטער אדער טויזענדער און עס טרעפט אז זיי געפינען ניט קיין שפייז איינינע טעג נאכאנאנד און פון דעסטוועגען אטאקירען זיי ניט איינער דעם אנדערען — די מענשען זיינען גרויזאמער פאר זיי; זיי רייסען און בייסען יא איינער דעם אנדערען — און ניט נור געפינען זיי עס לייכט צו פערניכטען א מענשליכען לעבען נור זיי שעפען אויך גרויס פערגניגען פון פייניגען זייער קרבן בעפאר זיי טויטען איהם. — אלס אייביגע צייגניסע דערויף קענען דינען די אינקוויזיציע, די שחיטה אויף פראַטעסטאנטען אין פראנקרייך (ס"ט בארטאלאמיו נאכט), די אפטע פאגראמען אויף אידען, די לינטשערייען פון ניגערס, און די שטענדיגע אינטערנאציאנאלע מלחמות.

ווען איהר בעדענקט זיך אז דיעזע מערדערייען זיינען אנגעגאנגען און געהען נאך אן אין דער צייט ווען מענשען זיינען שוין כלומר'שט ציוויליזירט או ארגאניזירט קענט איהר זיך שוין לייכט פארשטעלען וואס עס האט פאסירט אין די ערא פון אנארכיזמוס ווען דער פויסט האט רעגיערט און עס איז געווען „לית דין ולית דיין". — אין דער יעצטיגער צייט ווען עס פערוואלט זיך א מענשען אנצוטרינקען מיט די בלוט פון זיינע מיטמענשען געפינט ער עס כאטש פאר נויטהיג

נאטירליכע ענטוויקלונג אין די צייטען פון פריעדען! מיר קענען נעהמען א ביישפיעל פון די ביאגראפיע פון אן איינציגען פערזאן; שטעלט זיך פאר אז א שרייבער וואלט אנגעשריבען די ביאגראפיע פון א גרויסען מאן און ער וואלט אריינגענומען אין זיין בוך נישט מעהר ווי די געשלעגען וואס דיעזער מאן האט געהאט מיט זיינע חברים ווען ער איז געגאנגען אין דער שוהלע אין זיין קינדהייט און די צאנקערייען וואס ער האט געהאט מיט זיינע שכנים אדער בעקענטע צו געוויסע צייטען פון זיין לעבען! וואלט די וועלט ניט געהאלטען אזא שרייבער פאר א משוגע'נעם? — פונקט דאס זעלבע האבען די אלטע היסטאריקער געטהאן מיט די היסטאריע פון די פעלקער. נור אין די נייעסטע צייט האבען איינינע שרייבער אנגעפאנגען צו פערשטעהן וואס אן אמת'ע וועלט־געשיכטע דארף זיין (אזוי צ. ב. ש. האט Buckle אנגעפאנגען צו שרייבען די History of Civilization פון וועלכע ער האט נאר בעוויזען צו שרייבען די הקדמה אליין אין צווי דיקע ביכער, און איז געשטארבען בעפאר ער האט אנגעפאנגען דעם ספר זעלבסט). — דיזע נייע היסטאריקער וועלען האבען א שווערע אויפגאבע ווייל צוליעב דעם פעהלער פון די אלטע היסטאריקער פעהלט אונז דער גאנצער מאטעריאל וואס איז נויטהיג פיר א געשיכטע פון די ענטוויקלונג פון ציוויליזאציאן.

אויסצוטראכטען א שעהנעם נאמען פאר זיינע בלוטיגע מעשים אדער זיי בעדעקען מיט א שעהנע מאסקע — אזוי ווי אן ערך — די מאסקע פון קנאת הדת וואס די פאגראמסטשיקעס טהוען אן, די מאסקע פון טהרת המשפחה מיט וועלכע לינטשערס בעדעקען זייער שמוציגען פנים און די מאסקע פון פאטריאטיזמוס אונטער וועלכע פעלקער בעגעהען האלסייל מערדערייען — אבער אין די ערא פון אנארכיזמוס האט מען דאס אויך ניט געברויכט; אין יענער צייט האט איין מענש געקוקט אויפ'ן אנדערען אלס א נאטירליכען געבארענעם שונא; אין יענער צייט איז קיין מענש ניט ארויסגעגאנגען אהן א קלאב אין האנד, און ווען איין מענש האט דערזעהן א צווייטען קומענדיג אנטקעגען האט ער זיך ליבערסט בעהאלטען אין די נארע פון א ווילדע חיה... *)

דיעזע איז געווען די פינסטערסטע און אומגליקליכסטע פעריאדע אין דעם לעבען פון די מענשהייט.

III

די צווייטע פעריאדע פון די וועלט-געשיכטע קען אמבעסטען בעצייכענט ווערען אלס די ערא פון געזעץ.

אין דיזע פעריאדע איז שוין דא א הערשאפט אדער רעגיערונג אויף דער וועלט און דיזע הערשאפט האט שוין אנגענומען א רייהע געזעצע צו האלטען דעם פעבעל אין צוים און האט שוין אנגעשטעלט א מחנה ריכטער מיט פאליצי-אנטען מיט וועכטער אויסצופיהרען דיזע געזעצע.

דיזע פעריאדע איז די צייט אין וועלכע מיר לעבען און זי ציהט זיך אהינטער ביז די פריהסטע צייט פון וועלכע עס זיינען געבליבען היסטארישע פערצייכנונ-גען — וייל עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אז ווען מענשען זיינען שוין געווען אזוי ווייט ענטוויקעלט אז זיי האבען שוין געקענט פערשרייבען זייערע געדאנקען זיינען זיי שוין פון פריהער געווען ארגאניזירט אונטער די געזעצע פון א געזעל-שאפט. — אין די צייטען פון די פרעה'ס, אונטער וועלכע די אידישע פאלק האט געדיענט, איז שוין געווען א שטארקע רעגיערונג אין דער לאנד מיט פעסט-געשטעלטע געזעצע, הגם יענע געזעצע זיינען נאך פיליכט געווען קינדיש און אומגעלומפערט.

די יעצטיגע וועלט דיינקט, אז די „ערא פון געזעץ" פערווירקליכט שוין דעם העכסטען אידעאל צו וועלכען די מענשהייט קען גרייכען, און עס פעהלט נור אז מען זאל ענטוויקלען די מאשינעריי פון געזעץ צו די לעצטע שטופע פון פאלקאמענהייט און צו צווינגען די ווילדע פעלקער פון אזיע און אפריקא דאס

---

*) דער לעזער זאל ניט פערמישען סאציאליזמוס מיט אנארכיזמוס, ווייל סאציאליזמוס איז אין אמת'ן דער היפך פון אנארכיזמוס.

זיי זאלען אויך איינפיהרען די הערשאפט פון געזעץ אין זייערע לענדער, און דאן האט שוין די מענשהייט ערדייכט די העכסטע שטופע פון פאלקאמענהייט!

אבער דאס איז א טעות! די הערשאפט פון געזעץ אפילו ווען זי זאל ענטוויקעלט ווערען ביז צום העכסטען פונקט און אלע מענשען זאלען באמת זיין גלייך אין די אויגען פון די ריכטער און עס זאל אבגעשאפט ווערען אלערליי פארמען פון „כאבאר" און „נשיאות פנים", איז נאך אלץ ווייט פון דעם ציעל וואס גאט האט געוואלט די מענשהייט זאל גרייכען.

די פערציייטיגע גריכען האבען פארגעשטעלט דאס געזעץ אין די פארמע פון א בלינדע געטין, און זיי האבען רעכט געהאט, ווייל דאס געזעץ איז בלינד און גאנץ אפט זעהען מיר אז זי פערוואונדעט אנשטאט צו היילען.

אט וועל איך אייך אנדייטען אויף איינינע פונקטען:

1) דאס געזעץ ווי מיר קענען עס טהוט ניט אריין קיין פינגער אין קאלטע וואסער צו פ ע ר ה י ט ע ן די מענשהייט פון פערברעכען — דאס געזעץ האט צו טהאן מיט'ן מענשען נור נאך דעם ווי ער איז שוין בעגאנגען א פערברעכען.

אין דיזען הינזיכט איז דאס געזעץ גלייך צו א שפינען וועלכע זיצט אויף איהר געוועב און ווארט אויפ'ן פליעג — זי געהט ניט כאפען די פליעג — אפילו ווען זי זאל וועלען קען זי דאס ניט טהאן — נור וועה און וויגד איז די פליעג ווען זי שטעלט ארויף איהר פיסעל אויפ'ן שפינען'ס געוועב! דאן ווערט זי צו־געהאלטען אזוי פעסט אז דער שפינען אליין קען איהר שוין אויך ניט בעפרייען...

שטעלט זיך פאר אז א מענש זאל קומען צו א ריכטער און איהם ערצעהלען אז ער געהט שוין ארום צוויי מאנאטען אהן ארבייט, ער האט שוין פערזעצט אלעס וואס מען האט געקענט ארויסטראגען פון הויז און האט דערמיט געשפייזט זיין פאמיליע ביז יעצט, יעצט האלט עס אז זיין ווייב און קינדער זאלען אויסגעהן פאר הונגער פאר זיינע אויגען, און אזוי ווי דאס איז איהם אוממעגליך צוצוזעהן, פיהלט ער, אז ער וועט מוזען ווערען א גנב אדער א גזלן, און **„אלזא — וועט ער** זאגען צום ריכטער — אזוי ווי דו ביזט דאך דער וועכטער פון געזעץ, דיינק איך אז עס איז דיין פליכט מיר צו בעזארגען מיט ארבייט **כדי עס זאל ניט קומען** דערצו איך זאל דארפען ברעכען דאס געזעץ!" — דער ריכטער, אויב ער האט א ווייך הארץ, וועט איהם פילייכט געבען א טאלער, אבער צו דערזועלבער צייט וועט ער איהם אויך ערקלערען גאנץ דייטליך, אז ער האט א טעות ווען ער דיינקט אז עס איז די פליכט פון א ריכטער צו בעזארגען א מענשען ער זאל ניט דארפען קומען צו קיין פערברעכען — „מיין פליכט" — וועט ער זאגען, — „איז צו בעשטראפען א מענשען נאך דעם ווי ער איז בעגאנגען א פערברעכען, אבער ווילאנג ער איז נאך קיין פערברעכען ניט בעגאנגען ביז איך מיט איהם קיין מחותן ניט!"

2) און אויב עס טרעפט אז א מענש האט טאקי געבראכען דאס געזעץ און איז געבראכט געווארען פאר'ן ריכטער, דאן קוקט דער ריכטער אריין אין זיין געזעץ־בוך און שפרעכט אוים אויף איהם די שטראף וואס ער געפינט דארטען

פערשריבעז — עס העלפט ניט וואס דער פערברעכער טענה'ט אז ער האט יעצט חרטה אויף זיין זינד, אז ער דיינקט אז א משוגעת איז אויף איהם ארויפגעקומעז איז דער צייט ווען ער איז בעגאנגען דעם פערברעכען; עס העלפט ניט וואס אז אומגליקליכע ווייב חלש'ט אין געריכט־הויז, וואס קליינע קינדער וויינען פאר'ן ריכטער און פאלען איהם קושען די פיס — דער ריכטער ווישט זיך די אויגען מיט א שנעע־ווייסע טיכעל און פון דעסטוועגען גיט ער ארויס זיין אורטהייל — ווייל אויב ער איז א גערעכטער דזשאדזש, טאהר ער ניט לאזען זיינע געפיהלען בעאיינפלוסען זיין משפט — ד א ס ג ע ז ע ץ מ ו ז ג ע ה ן א י ה ר ו ו ע ג — ווייל דער ריכטער איז פונקט ווי דער שפיגעל; ווען די פליעג האט שוין ארויפ־געשטעלט א פיסעל אויף זיין געוועב, קען איהר שוין דער שפינען אליין אויך ניט בעפרייען.

3) הייער איז אן אנדער פונקט: — א צוואנציג־יעהריגער יונגערמאן האט בעגאנגען א שווערען פערברעכען פאר וועלכען ער איז פעראורטהיילט געווארען אויף לעבענסלענגליכע געפענגנים. — דאס איז א פאקט אז א צוואנציג־יעהריגער יונגערמאן איז ניט מעהר ווי א באי; אפט מאל טרעפט עס אז זיין שכל איז ניט מעהר ענטוויקעלט ווי דער שכל פון א צעהן־יעהריגען קינד. — ווען ער זיצט אבער אב אין געפענגנים צעהן אדער פופצעהן יאהר ווערט דארטען זיין שכל ענטוויקעלט און דארטען ווערט ער ערשט א דערוואקסענער מענש, א מענש וואס איז פעהיג רעכט צו דענקען — און ווען ער פאנגט אן ריכטיג צו דענקען פיהלט ער אז דעם פערברעכען צוליעב וועלכען ער פינסטערט דעם גאנצען לעבען איז ער בעגאנגען פשוט דורך אינגעלשע צולאזענקייט, און ער פיהלט אויך אז יעצט איז ער ניט דער זעלבער וואס איז בעגאנגען יענעם פערברעכען, נור א גאנץ אנדער מענש; ד ע ם פ ע ר ב ר ע כ ע ן א י ז ב ע ג א נ ג ע ן א א י נ ג ע ל א ו ן א י ן פ ר י ז א ן ז י צ ט א מ י ט ע ל־י ע ה ר י ג ע ר מ ע נ ש וואס איז בשום אופן ניט פעראנטווארטליך פאר די זינד פון יענעם צולאזענעם אינגעל — אבער אויב ער וועט אנגעבען א ביט־שריפט צום ריכטער, ער זאל איהם אויף דיזען גרונד בעפרייען וועט מען זיך אויסלאכען פון איהם און פיליכט וועט מען אנעהמען אז ער איז ארונטער פון זינען און מען וועט איהם איינשפארען אין די סטייט משוגעים־הויז פאר פערברעכער.

4) הייער איז אן אנדער פאל: — צוויי פערזאנען זיינען געבראכט געווארען פאר'ן ריכטער אויף די קלאגע פון גנבה — דער ערשטער איז א פראסטער קוילען־מיינער וועלכער איז געכאפט געווארען ביי א פשוט'ע גנבה, און דער צווייטער איז א באנקיר וועלכער האט גע'גנב'ט די געלט פון זיינע דעפאזיטארס. — דער ריכטער איז א גערעכטער און ער זעהט באלד איין אז זייערע ביידענס פערברעכען זיינען גלייך, נעמליך, גנבה, און ער גיט זיי ביידען א גלייכע שטראף, פינף יאהר געפענגנים.

די וועלט זאגט: אט דאס איז אן עהרליכער ריכטער! ארעם און רייך זיינען ביי איהם גלייך! אט דאס הייסט גערעכטיגקייט!

אבער לאמיר אריינקוקען אביסעל טיעפער אין דיעזען משפט, לאמיר זעהן די פאלגען פון דיזען גלייכען אורטהייל אויף די ביידע פעראורטהיילטע. — דער ערשטער, ווי געזאגט, איז געווען א קוילען-מיינער — צעהן שטונדען אין מעת-לעת האט ער געארבייט עטליכע הונדערט פוס אונטער ד'רערד וואו די לופט איז פער-פעסטעט און וואו קיין שטראהל ליכט קומט ניט צו. — ווען דיעזער ווערט גע-בראכט אין געפענגנים גלייכט ער אוים די ביינער און ציהט אב דעם אטעם — די ארבייט וואס מען גיט איהם שרעקט איהם אויך ניט אב ווייל קיין ארבייט קען ניט זיין שווערער ווי די ארבייט וואס ער האט געטהאן ביז יעצט אין די מיינס. ווען איהר וועט איהם אבשטאטען א וויזיט אין זיין געפענגנים עטליכע מאנאטען ארום, וועט איהר פיליכט געפינען אז עס איז איהם צוגעקומען צעהן פונט.

עס איז גאנץ אנדערש מיט'ן צווייטען — ער איז געווען אן איידעלער, א געצערטעלטער; דעם גאנצען לעבען האט ער ניט אריינגעטהאן א האנד אין קאלט וואסער — ווינטער איז ער געפאהרען אין די ווארימע לענדער און זומער איז ער געזעסען אין א פראכטפאלען פאלאץ אויף די בערג — איהם אז מען נעהמט פלוצלונג אוועק פון דיעזען קעניגליכען לעבען און מען פערשפארט איהם אין א לאך פון 4 ביי 8 פוס, און מען גיט איהם עסען א שטיק שווארצע ציעגעל, וואס מען רופט מפני הכבוד ברויט, און מען גיט איהם טרינקען בלאטיגע וואסער, וואס מען רופט קאפע, וועט עס וואהרשיינליך האבען א ווירקונג אז ער וועט קיין יאהר ניט אויסלעבען.

אלזא, דער משפט וואס האט אויסגעזעהן צו זיין א גלייכער פאר דיזע צוויי מענשען צוליעב צוויי גלייכע פערברעכען האט זיך אויסגעלאזען אין דער פראקטיק צו זיין ווייט אונגלייך — פאר איינעם האט דעם ריכטער'ס אורטהייל געמיינט א פרייע באארדינג-הויז אויף פינף יאהר און פאר'ן צווייטען — א פריהצייטיגער טויט!

פאר זייערע ביידענס פאמיליען ווידער קענען די רעזולטאטען פון דיעזען אורטהייל זיין פונקט פערקעהרט: די פאמיליע פון קוילען-מיינער ווען זי בלייבט פלוצלונג אהן א ברויט-געבער איז מעגליך אז זי וועט אונטערגעהן — די פרוי וועט זיך פערקויפען פאר א דיענסט; די אינגלאך וועלען זיך וועלגערען אויפ'ן גאס און וועלען וואהרשיינליך ווערען גנבים ווי זייער פאטער, די מיידלאך וועלען פיליכט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זייער קערפער פאר ברויט.

פערקעהרט, דעם באנקיר'ס פאמיליע האט מאטעריעליש גאר נישט פער-לארען דורך זייער פאטער'ס אבוועזענהייט — זיי זיינען איבערגעבליבען אין זעל-בען פראכטפאלען פאלאסט (ער האט שוין געהאט בעזארגט אז זיין פערזענליכען פערמעגען זאלען די קרעדיטארס ניט קענען צונעהמען). ווינטער פאהרען זיי אין די ווארימע לענדער און זומער אויף די בערג, ווי אמאל. צום שידוך וועט דאס

די טעכטער ניט שארען ווייל „כסף וזהב מטהר ממזרים“ — די ווייב אויב זי איז געטריי דעם מאן לאזט זי אמאל א טרעהר, און אויב זי האט געווארפען אז אויג אויף אן אנדערען (וואס דאס טרעפט גאנץ אפט אין די הויכע פענסטער) בענוצט זי זיך טאקי מיט'ן זעלבען פאקט וואס איהר מאן זיצט אין פריזאן פאר גנבה ארויס צו קריגען פון איהם א גט...

אלזא, איהר זעהט אז עס איז ניט קיין פוסטע פראזע וואס די גריכען האבען געזאגט אז דאס געזעץ איז בלינד. און עס איז דעריבער אוממעגליך אז דיזע בלינדע געזעץ ענטהאלטעט דעם העכסטען אידעאל וואס גאט האט בעשטימט פאר'ן מענשען.

IV

דער העכסטער אידעאל פאר דער מענשהייט וועט קומען אין ד י ד ר י ט ע פ ע ר י א ד ע וועלכע אונזערע נביאים האבען געזעהן און פאראויסגעזאגט, און וועלכע וועט טראגען דעם נאמען ד י ע ר א פ ו ן ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט!

אין יענע פעריאדע וועט די מענשליכע געזעלשאפט ניט פיהרען קיין מלחמה מיט די פ ע ר ב ר ע כ ע ר נור מיט ד א ס פ ע ר ב ר ע כ ע ן. די ריכטער וועלען זיך צוקוקען ווענינער צום טויטען בוכשטאב פון געזעץ און מעהר צום כאראקטער און אומשטענדען פון די פערברעכער.

(ואולי זהו שאמרו חז"ל (ב"ק): „את המעשה זו דין אשר יעשון זו לפנים משורת הדין“ — ר"ל הדין הנוכחי של בני האדם מתחשב אך ורק עם המעשה אבל לא עם האנשים הפרטים שעשו את המעשה וחילוקי דעתם טבעם ומצבם — לא כן בעתיד בזמן הצדק, או כמו שמכנים חז"ל את המצב הזה בתואר „לפנים משורת הדין“, אז יתבוננו ביחוד על החילוקים במצב וטבע האנשים הפרטים „אשר יעשון“ את המעשה שעליו נדונים. וד"ל. — הימים הבאים האלה הם המה ימות המשיח אשר עליהם נבאו נביאינו ואשר גם חז"ל דברו מזה: — „יתמו חוטאים מן הארץ“ אין כתיב כאן, אבל „יתמו חטאים“ (ברכות י'). וכן, „והשבתי חיה רעה מן הארץ“ רי"א שלא יהיו עוד, אמר ר"ג וכי מה שבח הוא להקב"ה אלא שיהיו ולא יזיקו (תו"כ).

אין יענער צייט וועט זיין די העכסטע שטרעבונג פון יעדער רעגיערונג צו בריינגען די בעפעלקערונג צו א מדרגה אין וועלכע זינד און פערברעכען זאל זיין געגען די מענשליכע נאטור. — און די זאך איז ניט אזוי ווייטלויפיג ווי יעמאנד קען דענקען — אין דער יעצטיגער צייט געפינען זיך איבער א פיערטעל מיליאן פערברעכער אין די פערשיעדענע געפענגניסע פון דער לאנד — שטעלט אייך פאר די אוצרות געלד וואס די געזעלשאפט פערשווענדעט אויף זיי און אויף די מחנה ריכטער, פאליציאנטען, דעטעקטיווס, לאיערס, שעריף'ס, וועכטער א. ז. וו. וואס האבען צו טהאן מיט זיי. — ווען די רעגיערונג זאל פערווענדען א דריטעל פון דיזע ריעזיגע סומע אויף אינסטיטוטען און מיטלען וועלכע האבען דעם ציעל אבצושאפען די אומשטענדען וואס פיהרען מענשען צו פערברעכען, דאן וואלטען מיר געזעהן ווי אזוי אין אקורצע צייט וואלטען פערוואנדעלט געווארען די מייסטע

פריזאנס אין פעקטאריעס, און די מחנה ריכטער און לאיערס וואלטען געטהאן מעהר ניצליכע ארבייט פאר דער געזעלשאפט.

V

און יעצט זיינען מיר שוין אומשטאנדע איינצוזעהן די גערעכטיגקייט פון גאטעס משפט אין בעצוג צו פרעה און די מצריים.

די חכמי התלמוד האבען שוין לאנג געזאגט אז „מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא" — דאס הייסט, די הנהגה מיט וועלכע גאט פיהרט זיין וועלט איז א שפיגעל פון די הנהגה וועלכע די מענשען אליין האבען איינגעפיהרט צווי־שען זיך *) — אין די ערא פון אנארכיזמוס ווען די גאנצע וועלט איז פול געווארען מיט גוואלדטהאטען האט גאט מיט זיי געהאנדעלט פונקט מיט די זעלבע הנהגה, נעמליך, ער האט געגעבען פרייהייט צו די ווילדע עלעמענטען פון דער נאטור (א מבול אין נח'ס צייטען און שוועבעל און פייער אויף סדום ועמורה) און האט זיי געלאזט בושעווען אהן א דין און אהן א חשבון פונקט ווי די מענשען האבען געטהאן צווישען זיך — אין אנדערע ווערטער, ער האט בעצאהלט אנאר־כיזמוס מיט אנארכיזמוס.

שפעטער ווען די וועלט האט אוועקגעזעצט דאס געזעץ אויף'ן טראהן און מענשליכע ריכטער האבען גענומען איינמאהנען אן אויג פאר אן אויג און א לעבען פאר א לעבען האט גאט אויך אנגענומען דעם זעלבען מאסשטאב אין זיין הנהגה מיט די מענשען־קינדער — המן האט געוואלט אויפהענגען מרדכי'ן האט גאט געמאכט אז ער איז אליין געהאנגען געווארען — פרעה און זיין פאלק האבען געווארפען אידישע קינדער אין וואסער זיינען זיי אליין דערטרונקען געווארען אין וואסער. (ובאמת כבר הוכיחו מפרשי התורה שכל מכה ומכה שהביא הקב"ה על המצרים נקצבה בתור עונש מידה כנגד מידה על איזה מן העינוים שעינו את בני ישראל)

יעצט איז שוין קיין קשיא ניט ווארום האט גאט ניט מוחל געווען פרעה'ן ווען ער האט חרטה געהאט באלד נאך די ערשטע מכה, ווייל דאס איז ניט דער פרינציפ פון געזעץ (און דאן האט זיך שוין די וועלט געפיהרט נאכ'ן בוכשטאב פון געזעץ) ווען א מענשליכער ריכטער זעצט אריין א פערברעכער אין געפענגניס אויף צעהן יאהר און ער זיצט אב דריי טעג און זאגט אז ער האט חרטה, וועט איהם דען דער ריכטער בעפרייען? — ווי איהר פיהרט זיך איינער מיט'ן צווייטען אזוי פיהר איך זיך מיט אייך, זאגט גאט. **)

---

*) וכן מצינו הרבה פעמים בתנ"ך שכשרצה הקב"ה להטיל איזה עונש על החוטא חקר ומצא את דעת החוטא עצמו אודות העונש הראוי לחטא כזה — כן למשל לא הטיל עונש על דוד על חטאו בבת שבע עד שחיוה דוד בעצמו דעתו אודות העונש הראוי לו, ואז אמר לו נתן הנביא: „אתה האיש".

**) ואולי זהו פי' „אהיה אשר אהיה" — ר"ל אתנהג עם בני האדם באותה מידה אשר יתנהגו אלו עם אלה.

אבער דאס איז נים דער צושטאנד מיט וועלכען גאט איז צופריעדען, והראיה, ווען די מלאכים האבען געוואלט זאגען שירה ביין ים סוף, האט גאט געזאגט: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!" (מיינע בעשעפּניסע טרינקען זיך אין ים און איהר ווילט זאגען שירה!) — די וועלט וואונדערט זיך אויף דיזען מאמר; סטייטש, אויב גאט האט איבער זיי רחמנות געהאט, ווארום האט ער זיי נים גערעטעט? אבער אויב איהר האט נאכגעפאלגט דעם גאנצען ארגומענט וואס איך האב געשטרעבט אייך קלאר צו מאכען אין דיזען דרוש וועט איהר שוין דיזע קשיא נים פרעגען: — דער העכסטער אידעאל פון דער היינטיגער וועלט איז דאס קאלטע געזעץ — דאס געזעץ וויים נור פון זינד און שטראף — גאט ליעבט נים דיזען קאלטען געזעץ און ער ווארט אויף די ערא פון גערעכטיגקייט וואס מוז זיך ענטוויקלען אין די צוקינפטיקע דורות — אבער ווילאנג די וועלט פיהרט זיך נאכ'ן קאלטען געזעץ, משפט ער די מענשען־קינדער אויך מיט'ן זעלבען געזעץ.

חומר לדרוש.

שלטון המשפט

(די ערא פון געזעץ)

אגדות חז"ל

ונתת לעבדך לב שומע לשפוט וגו' (מלכים א' — ג'), אפשר שלמה לא היה יכול לדון את ישראל? הרי הוא אומר ויתן ה' חכמה לשלמה ויחכם מכל האדם, ולא היה יכול לדון את ישראל? אלא כך אמר שלמה איני כשאר כל הדיינים של אומות העולם, דיין של או"ה יושב על בימה שלו ודן להריגה ולחניקה לשרפה ולסקילה אין בכך כלום, אבל אני אם חייבתי לשלם אפילו ממון שלא כדין אני נתבע נפשות, וכה"א, אל תגזול דל כי דל הוא ואל תדכא עני בשער כי ה' יריב ריבם וקבע את קובעיהם נפש (משלי כ"ב). (ספרי וילקוט).

כיון שנתמנא אדם שופט צריך להשכיל האיך ל ד ק ד ק את הדין בשביל שלא יחטא ומחטיא את העולם, אבל אם הוא מוציא הדין לאמתו נמצא עושה צדק ומשפט ומישרים, מה מישרים הללו אדם מהלך בהם ואינו נכשל כך אם הוא מוציא את הדין לאמיתו אינו נכשל ליום הדין ומלאכי משרת מלמדין עליו זכות. (ילקוט שמעוני)

רבה בר רב הונא תברו ליה הנהו שקולאי (נושאי משא) חביתא דחמרא, שקיל

גלימיהו, אתו אמרו לרב, א"ל הב להו גלימיהו, א"ל דינא הכי? א"ל, אין, למען תלך בדרך טובים, יהיב להו גלימייהו, אמרו ליה, עניי אנן וטרחינן כולא יומא וכפינן (רעבים אנחנו) ולית לן מידי, א"ל רב, זיל הב אגרייהו, א"ל, דינא הכי? א"ל, אין, „וארחות צדיקים תשמור". (ב"מ פ"ג).

„כי אני הכבדתי את לבו", א"ר יוחנן מכאן פתחון פה למינים לומר שלא רצה ה' שיעשה תשובה? א"ל ר"ש בן לקיש יסתם פיהם של מינים, אלא אם ללצים הוא יליץ (משלי ג') שהקב"ה מתרה בו באדם בפעם ראשונה שניה ושלישית ואם אינו חוזר בו הוא נועל לבו מן התשובה כדי לפרוע ממנו מה שחטא, אף כן פרעה הרשע כיון ששיגר הקב"ה חמש פעמים ולא השגיח על דבריו א"ל הקב"ה, אתה הקשית ערפך והכבדת את לבך הריני מוסיף לך טומאה על טומאתך. (שמו"ר פי"ג).

אמר הקב"ה למשה, בדבר שנתגאה בו פרעה, ואמר לי יאורי, בו אתחיל פורענותא, הה"ד, וימלא שבעת ימים אחרי הכות ה' את היאור; אחר דם צפרדעים, אמר הקב"ה, יבוא דבר שגידולו ומחיתו במים ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה שעתידה לקבל תורה שהיא משולה למים; אחר זאת כינים, אמר הקב"ה, יבוא דבר שנברא מעפר ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה משולה לעפר, שנאמר ושמתי את זרעך כעפר הארץ; אחר זאת ערוב, אמר הקב"ה יבואו אריות ונחשים ודובים ויפרעו ממצרים שבקשו לאבד אומה המשולה לחיות, שנאמר גור אריה יהודה, יהי דן נחש עלי דרך, בנימין זאב וגו'; אחר זאת דבר, אמר הקב"ה, יבוא דבר שממית ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה המוסרת עצמה למיתה על יחוד שמו; אחר זאת שחין, אמר הקב"ה, יבוא דבר העולה מן הכבשן ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה המוסרת עצמה למיתה בכבשן האש (אברהם, חנניה מישאל ועזריה); אחר זאת ברד, אמר הקב"ה, יבוא ברד שהוא לבן כשלג ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה שאני עתיד להלבין עונותיהם כשלג, שנאמר, אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו (ישעי' א'); אחר זאת ארבה, אמר הקב"ה, יבוא ארבה שנקרא חילו הגדול ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה שנקראו חיילותי, שנאמר, והוצאתי את צבאותי; אחר זאת חושך, אמר הקב"ה, יבוא חושך שהוא מובדל מן האור ויפרע ממצרים שבקשו לאבד אומה המובדלת מן האומות; אחר זאת מכת בכורות, אמר הקב"ה, אני עובר בתוך מצרים בחצי הלילה ואפרע ממצרים שבקשו לאבד בני אברהם אוהבי שחלק לילה לאבד אויבי, שנאמר, ויחלק עליהם לילה. ובזכות עשרה נסיונות שנתנסה ונמצא שלם הכם עשר מכות. (ילקוט שמעוני).

כפיו מדוד תעבורנה.

משפט העמים הקדמונים ונימוסיהם נתחקו באכזריות וטפשות הלב, ובעת שיסד השם משפטי בני ישראל על הצדק והיושר כפי השכל הישר, וכמ"ש חז"ל, הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות, הוציאו הם דיניהם עפ"י סימנים מקריים בדברים היוצאים מגדר הטבע, וקראו את המשפטים האלה משפטי אל, כן עשו למשל „נסיון האש", שהתובע יניח ידו בתוך דוד של מים רותחים על האש ואם ידו לא תשרף אות יהיה שהצדק אתו, ובזה אני מבין בפשיטות דברי הקרא בתהילים פ"א: הסירותי מסבל שכמו כפיו מדוד תעבורנה וכו', שנדחקו המפרשים בפירושו, אבל לפי הנ"ל מובן היטב, שמספר מטובת השם על יראיו, שאם יאשימו אותם העכו"ם בעלילות שקר ויעשו „נסיון האש" כמנהגם לתת את ידי הנאשם בדוד רותח, ידיהם לא תכווינה, עד שיהיו העכו"ם אפילו לפי משפטם מוכרחים להכיר צדקתם, וכמ"ש במקום אחר: כי תלך במו אש לא תכוה. — והביאור הזה עולה בקנה אחד עם דברי חז"ל בר"ה דף י"א שהקרא הנ"ל

(כפיו מדוד תעבורנה) קאי על יוסף הצדיק שהביא אותו פוטיפר למשפט לפני הכומרים ויצא צדיק בדינו אך מפני הבושה שלא תגלה קלון אשתו נתנו במאסר, שבלי ספק עשו כדרכם לשום את ידיו בדוד ויצא בשלום בחמלת ה׳ עליו. (תהלוכות עולם)

ומשפטים בל ידעום

חלק המשפטים של התורה נעלה מכל ספרי המשפטים של העמים. למשל, על גנבת ממון יש עונשים מתחלפים לפי התחלפות פרטי הדברים ומהותי האנשים — הכופר בפקדון שהוא לא הלך לגנוב את הדבר אלא שהביאו הדבר אליו משלם שנים — הגונב שה שהפסידו חלב וגיזה וולדות משלם ארבעה — הגונב שור שהפסידו מן העבודה שהוא שוה יותר משלם חמשה — וריב״ז נותן טעם נוסף (ב״ק ע״ט) שהקב״ה חס על כבודן של בריות, שה שהגנב נשאו על כתפיו ישלם פחות, שור שהלך ברגליו ישלם יותר — אם המצא תמצא בידו הגנבה (שלא עשה בה שום שינוי) ישלם שנים, מחמת שלא הפסידו כ״כ.

וע״ז אמר דהמע״ה: „מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום״. (המחבר).

טעם לעשר מכות

תראו מן הזרות במהות המכות שהכה ד׳ את פרעה ואת עמו שאינם מן המינים הידועים — אין לך רשימה ארוכה של מכות יותר מאלה שמנוים בשתי התוכחות ובכל זאת תמצא בהם אך ארבע ממכות מצרים (דבר, שחין, ברד, ארבה).

ולכן נראה לי אחרי ההתבוננות שתכלית המכות היה לטעת אמונה באלהי אמת, והמכות שהכה ד׳ את מצרים היו היותר מסוגלים לתכלית הזאת.

העמים הקדמונים עבדו לכחות הטבע: לשמש, לים, (נעפטון — וכן המצרים לנלוס). לעפר (כמש״פ ברש״י שהערביים משתחוים לעפר רגליהם), לאויר, לאדם (ה„קלסוס של רהאודס״, וכן במהפכה הצרפתית הקימו פסל אדם יפה ונתנו לו כבוד אלהים), ליבול הארץ (קרינוקופיה), לעבים המטיפים מטר, ליער (שלפי דעתם היה מלא „סילף׳ס״ ו„נימף׳ס״, וכן כל אלהי היונים הקדמונים לפי הגדתם היו מושבם ביערות ובלו עתם בציד), וביחוד לבכורות שבמשפחה (וזהו שאמרו חז״ל שבן פרעה היה בכור ומת במכת בכורות, וגם פרעה בעצמו בכור היה, וזה יורה שהמצרים בחרו באיש שהוא בכור ועשוהו למלך — וכן עושים גם עתה בארצות שהם תחת שלטון מלך — וכבוד אלהים שנתנו לו בני עמו הרהיבו את פרעה להחזיק א״ע באמת לאלהות ולאמר, מי ה׳ אשר אשמע בקולו).

וכשרצה ה׳ לטעת בלב ישראל אמונה באלהי אמת לא מצא דרך טובה יותר מלהכות את כל כחות הטבע האלו במכות נאמנות לעיניהם למען יראו כי אלהי השקר האלו אינם יכולים לעמוד לפני אלהי ישראל. והוצרך לזה עשרה מכות: מכת דם היא מכת המים בכלל, ומכת צפרדע היא מכת הנילוס בפרט (שהיאור הזה הוא המביא ברכה למצריים בכל שנה ושנה, כידוע, ועתה הביא קללה); מכת כנים היא מכת העפר (שהעפר היה לכנים); מכת הערוב היא מכת היער (שהחיות הרעות עלו מן היער); מכת הדבר היא מכת האויר; מכת השחין היא מכת גוף האדם; ברד היא מכת העבים; ארבה הוא מכת היבול (קורנוקפיה); חושך מכת השמש; מכת בכורות היא המכה היותר נוגעת למלכי מצרים עצמם שהיו בכורים בני בכורים, והמכה הזאת שנגעה אל בשרו אלצתהו לשלות את ישראל ולהודות בזה בפומבי שחסר אונים הוא מול אלהי ישראל. (המחבר)

מדוע הרבה במכות

יש מבשל מאכלים לעצמו ויש מבשל למכור לאחרים, וההבדל ביניהם הוא כי המבשל לעצמו לפי רוב אינו מרבה במיני תבשילים רק מבשל א' או ב' מינים לפי סכום ב"ב ולפי אכלם ולא יותר, לא כן בעל אכסניא המבשל מאכלים למכור לאורחים הבאים לביתו, הוא צריך להרבות במיני תבשילין כפי השתנות רצון הקונים, כי יש רוצה במין זה ויש רוצה במין אחר, לכן מרבה במיני מאכלים כדי שימצא כל אחד מה שלבו חפץ.

והנמשל הוא, כי אילו היו המכות לתכלית אחד להכריח את פרעה לשלח את ישראל מארצו אז היה די במכה אחת מתמדת עד שישלחם, אבל עיקר תכלית המכות היה כדי להפליא עיני בני ישראל למען יאמינו בה', לכן יותר טוב היה להרבות במכות ממינים שונים, כי כן ישתנה טבע בני האדם, זה יתפעל יותר ממכת דם וזה יתפלא יותר על מכת צפרדע וכו' (תפארת יהונתן).

כי ידעת כי הזידו עליהם

וא"ת הייטיב בעיני ה' אל אמונה ואין עול להכות את פרעה ומצרים עבור ישראל ותועלתם? אמנם דע כי כבר השיב ע"ז הכתוב (נחמיה ט') ותתן אותות ומופתים בפרעה ובכל עבדיו וגו' כי ידעת כי הזידו עליהם. והיל"ל כי זדו עליהם? אך הכוונה היא ע"ד משל: אחד החזיק בביתו אשה מינקת עבור בנו היונק. לימים חלה התינוק, ויבוא הרופא ויכתוב כמה סמים ליתנם אל המינקת לשתות. ותצעק המינקת לאמר: מה לי ולתינוק? האם אנכי הריתיהו וילדתיהו? ויען אותה הרופא: הלא תדע כי עפ"י רוב סיבת חולי האדם הוא ממאכלים רעים שאכל, והתינוק הזה אינו אוכל כלום, ומאין הוא חולה? אין זה אלא שאת אכלת מאכלים רעים ועי"ז נתקלקל החלב שבדדיך, לכן הדין נותן כי כמו שאת סבבת לו החולי ע"י אכילתך כן תסבב לו רפואה בשתותך סמי המרפא.

הוא הדבר בפרעה, כי ה' הביא את ישראל לגלות מצרים כדי לצרף נפשותיהם בכור הברזל אבל פרעה הכביד את עולו עליהם יותר מדי וגם טמא את לבבם בגילוליו והכריחם למעשים רעים וע"ז, כמ"ש: וירעו אותנו המצרים וכו', לא אמר „לנו" אלא „אותנו", שר"ל עשה אותנו רעים וחטאים לה', והיינו גלות הנפש, וגם „ויענונו" גלות הגוף, לכן בדין היה חייב פרעה ועמו לקבל הסמים המרים לשתות היינו עשר מכות למען העלות מרפא רפואת הנפש לבנ"י ולהחזירם לאמונה הישראלית. ולכן לא הועיל לפרעה מה שנתחרט אחר כל מכה ומכה כי הקב"ה ראה כי הב' או ג' מכות עוד לא היו דים עבור ישראל שיתפעלו מהם לבוא אל האמונה האמיתית, כמו שאילו ראה הרופא שב' או ג' סמים ששתתה המינקת עוד לא הביאו מרפא לתינוק היה מכריחה לקחת עוד סמים, וכן ממש הרבה ה' את מכות פרעה ומצרים עד כי נתפעלו ישראל ונגמרו בשלימותם, וז"ש: ותתן אותות ומופתים בפרעה ובכל עבדיו כי ידעת כי הזידו עליהם, ר"ל שהם החטיאו את בני ישראל והרגילו אותם לעשות כמעשיהם, ולכן מן הדין היה שהם יסבלו גם כן את המכות במספר כזה שיהיה בהם די להחזיר את ישראל לשלימותם. (אוה"י ושמן המור).

ושמתי פקודתך שלום ונוגשיך צדקה

נ"ל לפרש את המקרא הזה, דהנה כעת בזמן הזה יאמר, כי סימן להתפתחותו

הרוחנית של כל עם הוא איכות ספרי חקיו, וכמות ספרי דיני הקנסות שלו, ושופטיו ושוטריו הנצבים הכן להכות את הרשע ולבער הרע מקרבו. כי בשעה שהרג קין את הבל אחיו, או בשעה שהפיל נמרוד את אברהם אבינו לתוך כבשן האש עוד טרם היו ספרי חקים ושופטים בארץ לדון דיני קנסות ולשפוט את הרוצח, ובמדה שהתפתח האדם כן התפתחו בקרבו ספרי החקים והעונשים, וכאשר ירבה ויחכם האדם כן תרבנה ההלכות והסעיפים בספרי העונשים שלו וכן ירבה בתי המשפט ועורכי הדין בקרבו. — אך באמת לא זאת השלמות האמתית עדיין, כי השלמות האמתית ישיג המין האנושי רק בו ביום אשר לא יצטרך עוד לשופטים ולשוטרים, בו ביום אשר לא יהיה צורך לחקים ולהלכות ולדיני עונשים, ביום אשר יטהרו הלבבות ורגשי חמלה וחנינה ישלטו שלטה, ביום אשר יזדככו הדעות ושלום וצדקה יהיה קנין העמים. — ועל העת הזאת יבשר הנביא: „ושמתי פקודתך שלום" (שלום יהיה שם הפקיד) „ונוגשיך צדקה" (ושם הנוגש יהיה צדקה), ור"ל כי תחת השופטים והשוטרים יהיה די בשמות השלום והצדקה לבדם.

(הרב ר' יחזקאל ליבשיטץ).

אמת ומשפט שלום

אלה הדברים אשר תעשו וכו' אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם: ונראה דהנה המשפט המורגל אצלינו הוא עם דברי ריבות וגם עם דוברי כזב. שני אנשים אוחזין בטלית, אחד אומר כולה שלי והשני טוען שכולה שלו ואחד בודאי טוען שקר! ושלום והסכמה אחת, בודאי חסר כאן, כי מריבים הבעלי דינים זה עם זה כנוהג, אבל יש דין ומשפט גם אצל אנשי אמת ודוברי שלום איש אל רעהו, כמו שמסופר מאלכסנדר מוקדון, (והוא בב"ר פ' נח) שראה בארץ הודו שני אנשים נגשו אל השופט, זה טוען קניתי שדה מיד איש פלוני ומצאתי בו אוצר כסף וזהב ואנכי לא אוכל לקחת האוצר לפי שאינו שלי, כי רק הקרקע קניתי ממנו ולא האוצר. והנה זה האיש המוכר מסרב לקחת אוצרו מידי. ויען השני ויאמר: לפי דעתי לא אוכל לקחת את האוצר פן אשחית את נחלתי נחלת צדקי, כי אנכי מכרתי לו את השדה וכל אשר בו עד תהום ארעא וכו'. ויחרוץ השופט את משפטם, שיקח בן האחד את בת רעהו והאוצר יהיה להם לנדן מיד שני האבות ע"ש. והנה בעלי דינים כאלה יש להם שלום והסכמה לעשות הצדק והיושר, גם אמת ידברו ולשונם תהגה מישרים ומשפטם רק לדעת על איזו צד יכריע פלס ומאזני הדין, ולכך באו לפני השופט, וזה שמו אשר יקרא לו, משפט שלום ואמת. וזה שהוכיח הנביא את ישראל: אלה הדברים אשר תעשו, דברו אמת איש אל רעהו „אמת ומשפט שלום" שפטו בשעריכם, כלומר לפי מעלת האומה הישראלית היה מהראוי שבל ימצא בקרבה משפט אחר, כ"א משפט של אמת ושלום, ע"ד שזכרנו, באופן ששניהם רוצים להתרחק מהחמס ויראו לנפשם מעון גזל, משפט כזה ראוי שישפטו בשעריכם, לא משפט של שקר ומריבה. (סולת למנחה).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

בנערינו ובזקנינו נלך.

(דרוש לפ׳ בא).

הרב שלום ראבינאוויץ.

I

יעדע בעוועגונג מוז האבען אין איהרע רייהען יונגע און אלטע — די אלטע זיינען די מארך פון דער בעוועגונג (מזקנים אתבונן — שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך), און די יונגע זיינען די הענד וועלכע פיהרען דורך זייערע פלענער — די אלטע געהען מיט׳ן קאלטען רעכנונג; די יונגע מיט בעגייסטערונג און פייער — ביידע וועגען זיינען נויטהיג פיר דעם ערפאלג פון דער בעוועגונג (וכן מצינו שה׳ רצה בשתי הפלגות: „לך ואספת את ז ק נ י ישראל“ (שמות ג׳) „כ י נ ע ר ישראל ואוהבהו“ (הושע י״ב).

דער אומגליק פון יודענטהום איז וואס אלט און יונג זיינען ביי אונז קיינמאל ניט געגאנגען צוזאמען — די מיינונגס-פערשיעדענהייט צווישען אלט און יונג האט געבראכט די שפאלטונג פון דאס אידישע פאלק נאכ׳ן טויט פון שלמה המלך (עיין מלכים-א׳, י״ב) — די זעלבע מיינונגס פערשיעדענהייט צווישען אלט און יונג (הפרושים והפריצים) האט אריינגעבראכט די רוימער אין ירושלים — און אזוי אויך נאכ׳ן חורבן ווען קיין מאטעריעלע מלוכה האט שוין ביי אונז ניט עקזיסטירט, האט די זעלבע אונאייניגקייט צווישען יונג און אלט פארטגעזעצט איהר צערשטערענדע ארבייט אויף אונזער גייסטיגען געביעט — ווען די אלטע האבען געפיהרט האבען זיי אויסגעשלאסען אלע אידעען פון די יונגע און פער־קעהרט ווען די יונגע האבען אריינגעקראגען די הערשאפט אין זייערע הענד האבען זיי אין גאנצען פעראכטעט און פערשטויסען די אלטע.

דער רעזולטאט איז געווען, אז יעדע פון זיי האט נור געטהאן האלבע ארבייט.

אלס ביישפיעל וועל איך אייך געבען דריי בילדער פון דריי אידישע אינ־סטיטוציאנען ווי זיי זיינען געפיהרט געווארען אמאל פון די אלטע און ווי זיי ווערען יעצט געפיהרט פון די יונגע.

II

דער חדר.

מייז חדר איז בעשטאנען פון אן אלטע פער׳חושכ׳טע הילצערנע הייזעל וועלכע האט געדיענט אלס רעזידענץ פאר׳ן רבי׳ן און אלס פאבליק-סקוהל פאר

זיינע תלמידים. — דער שטרויענער דאַך איז געווען אַזוי נידעריג אַז די ציגען האָבען זיך אפילו ניט געדאַרפט שטעלען אויף צוויי פיס ווען זיי האָבען געוואָלט קייען אַביסעל אַלטע שטרוי פאַר אַן איבערבייט — פון די דריי פענסטער וואָס דער בנין האָט פערמאָגט זיינען די מעהרסטע שויבען געווען פערשטעקט מיט קישעלאַך אָדער פערקלעפּט מיט פּאַפּיר.

נור דער רעכטער גלאַנץ און פּראַכט פון חדר האָט ערשט אַרויסגעשיינט ווען מען איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ אינווייניג. — די ווענט זיינען געווען שוואַרץ ווייל דער רבי לאָזט ניט אויסקאַלכען די הויז אַלס זכר לחורבן — אויף׳ן מזרח־וואַנד הייננט אַ מזרח מיט צוויי חיות וואָס זיינען עהנליך צו אויסגעמאַ־מערטע קעץ נור איבער זייערע קעפּ שטעהט אויפגעשריעבען „פּני אריה“ — די ווינקלען פון הויז זיינען אויסגעוועבט מיט גרויסע פלאַכעס שפּינוועבס, דאָס לאָזט דער רבי ניט אַרונטערנעהמען, ווייל ער זאָגט אַז אַמאָל קומט צוניץ אַ שטיקעל שפּינוועבס ווען מען שניידט זיך איין אַ פינגער.

די גאַנצע הויז איז אַזוי גרויס אַז זי איז קוים כשר פאַר אַ סוכה, און אַ העלפט דערפון פערנעהמט דער אויווען — אין מיטען פּאַלאַץ הייננט אַ גרויסע וויעג אויף אַ שטאַנג, אַ מין „תולה ארץ על בלימה“, אַ מען פאַנגט איהר אַן צו וויעגען נעהמט דער שטאַנג קרעכצען און שקריפּען מיט אַזאַ גוסס׳דיגען טאָן אַז עס ווילט זיך פון הויז אַנטלויפען — אויף׳ן סטעליע אונטער די באַלקענס געפינט איהר אַ גאַנצען מוזעאום פון אַלטער־טהימער: דאָ שטעקט אַ געלער אויסגעטריקענטער לולב, און דאָ הייננען אַראָב עטליכע קרענצלעך קנאָבעל, אַ בינטעל ראַמונקעס, אַ ביסעל „ליבאַווע קוואַט“ צום הוסט, א. ז. וו. פונקט איבער׳ן טיש הענגען אַ האַלב־דאַזען אָבגעשיילטע שטעקלאַך; דאָס זיינען דעם רבי׳ס געצייג; דערמיט פלעגט ער, ווי יעקב אבינו, „דערוואַרעמען די שעפּסעלעך“.

אויבענאָן ביי אַ לאַנגען טיש זיצט דער רבי מיט זיינע תלמידים. ער אַליין מיט זיין דין, אויסגעמאַגערטען גוף איינגעוויקעלט אין אַ לאַנגען טלית־קטן, האָט אויסגעזעהן ווי אַ בר־מינן וואָס מען האָט שוין איינגעוויקעלט אין טלית אַריינצולייגען אין קבר. און זיינע תלמידים האָבען אויסגעזעהן ווי זינדיגע נשמות וואָס ווערען געמאַטערט אין גהינם.

דער טיש האָט געדיענט פאַר אַ דעסק, אַ בוק־קייס, און אַ בלעק־באָרד צוזאַמען — דאָ זיצט אַ איינגעלע און דריידעלט אויף׳ן טיש מיט קרייט אַ גע־צוקטען „לכבוד“, און אַנטקעגען זיצט אַן אַנדערער און שניצט אויס זיין נאָמען אין טיש מיט אַ צובראָכענעם מעסערעל, און צווישען זיי זיצט אַ דריטער און עסט „אַנבייסען“ מיט אַ גרויסע הילצערנע לעפעל פון אַ שוואַרצען טעפּעל, און גאָר אין סאַמע מיטען טיש זיצט דעם רבי׳ס בן זקונים מיט אַ פערקרימט פנים און קלאָגט אויף גלות השכינה.

אין פּעדאַגאָגי איז דער רבי געווען אַ גרויסער מומחה — ער איז געווען וואָס מען וואָלט היינט גערופען אַן „אינדיווידואַליסט“ — ער האָט געהאַט אין גאַנצען צעהן אָדער פופצעהן קינדער, אָבער נאָך זיין סיסטעם נאָך איז אויס־געקומען אַז יעדער קינד איז געווען אַ בעזונדערעס קלאַס — דער רעזולטאַט פון זיין סיסטעם איז געווען אַז אין זיין חדר איז געווען אַזאַ ליאַרעם, אַזאַ מיש־מאַש און געפּילדער אַז עס איז געווען זעהר עהנליך צו אַ טהיר־גאַרטען אין דער צייט ווען מען גיט די חיות עסען — בעת איין קלאַס האָט געלערענט האָבען די איבריגע געמוזט חזר׳ן“ אָדער מאַכען דעם „לייענעס“ אָדער זאָגען פסוקים־ווייס

תהילים — נו, נו, איז דאס געווען מוזיק! פון איין ווינקעל איז געקומען: „נאכאמאל, הכונס צאן לדיר“, און פון אן אנדער ווינקעל מיט א וויינענדיגען נגון: „למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק“, און אין מיטען ווארפט זיך דורך א דין קעלבעלע: „גד, דער שבט גד, גדוד א פולק, יגודנו וועט זיך פולקענען“, און איבער אלעם דונערט דעם רבי׳ס א געשריי: „פויער! עס איז שוין דאנער־שטאג און דו ווייסט נאך ניט דעם אויסרייד פון „ואני בבואי מפדן!“

מען מוז אבער צוגעבען, אז דיעזער חדר האט ארויסגעגעבען די לומדים און משכילים פון די פערגאנגענע דורות.

דיעזער סארט חדר איז געפיהרט געווארען פון די אלטע מיט דעם רעזולטאט אז ער האט ערצויגען א דור וואס האט געהאט די מעלות און חסרונות פון די אלטע — די קינדער וואס זיינען ארויס פון אלטען חדר האט ניט געפעהלט קיין תורה און קיין יראת שמים, אבער עס האט זיי געפעהלט סיסטעם; עס האט זיי געפעהלט דער געפיהל פון שעהנקייט און ארדנונג; עס האט זיי געפעהלט לאגיק און דער פראקטישער פערשטאנד; עס האט זיי געפעהלט אן אויסגעביל־דעטע שפראך און רעפינירטע מאניערען, און, וואס איז וויכטיגער ווי דיזע אלע, עס האט זיי געפעהלט א געזונטער פעסט־געבויטער קערפער — אפילו די קינדער וואס האבען געהאט אויסערגעוועהנליכע געזונטע קערפער פון געבורט זיינען ארויס פון חדר צובראכענע שערבלאך נאכדעם ווי זיי זיינען דארטען אבגעגאנגען עטליכע יאהר.

דער בית המדרש.

אויפ׳ן שוהל־הויף האבען זיך געפונען א גרויסע שוהל מיט שעהנע עטליכע קלויזען, אבער די הויפט אינטערעסע פון דער גאנצער שטעדטעל איז געווען קאנצענטרירט אין בית־המדרש.

פון בית המדרש האט ארויסגעקלונגען דעם גאנצען טאג און אפטמאל אויך די גאנצע נאכט דער קול פון די ישיבה־לייט וועלכע האבען דארטען געמאכט זייער היים אין פולען זינען פון ווארט.

דער בית המדרש איז געווען דער פאלקס־אוניווערזיטעט וואו שוסטער און שניידער האבען געקראגען א רעכטע ידיעה אין דער תורה און א פאלקאמענע ערציהונג אין מאראל און עטהיקס דורך די פערשיעדענע רבי׳ים וועלכע האבען געלעהרענט מיט׳ן עולם ביים טיש עין יעקב, חיי אדם, גמרא, שמירת הלשון א. ז. וו. און דורך די דורכרייזענדע מגידים וועלכע האבען אפט געזאגט אויפ׳ן בימה ביז מנחה למעריב.

דער בית המדרש איז געווען דער געמיינדע־צענטער וואו אויסגעמאטערטע אידען האבען פון אבענד אויסגעגלייכט זייערע ביינער, אבגעצויגען דעם אטהעם און דערקוויקט די נשמה מיט לאנגע געשפרעכען און דעבאטען וועגען די לעצטע פאליטישע נייעס, אדער וועגען די מלחמת גוג ומגוג, אדער וועגען דעם גלגול וואס דער רבי האט ארויסגעטריבען פון די באלטרעמאנצער ווייבעל, א. ז. וו. א. ז. וו.

מיט איין ווארט, אויב א שטעדטעל האט א נשמה איז דאס געווען דער בית המדרש.

אבער ווי האט דער בית המדרש אויסגעזעהן?

אינווייניג איז ער געווען פעררויכערט און פערשמאלצען און אויסווייניג וועיט פון אנציהענד — געבויט האט איהם משה דער מויערער וועלכער האט

די ווענט האָט ער קאָפּירט פון די מיליטערישע קאַזאַרמע וואָס האָט זיך געפונען געוואוסט פון די געזעצע פון אַרכיטעקטור אַזוי ווי אַ מלאך ווייס פון תרגום־לשון — אין שטעדטעל, דעם דאָך, פון דעם תבואה שפּייכלער וואָס איז געשטאַנען אין מיטען שטאָדט, די פענסטער, פון די קיכלאַך וואָס די רבי'צען האָט געשטעלט פאַר'ן עולם ווען זי האָט געמאַכט אַ מזל־טוב — ווען מען האָט איינגעלאַדען עטליכע פּוילישע פּריצים צום חנוכת הבית האָבען זיי אויסגעדריקט גרויס ע ר ש ט וי נ ו נ ג אויף דעם ווילדען אויסזעהן פון בנין — דער עולם האָט אַנגענומען זייער ערשטוינונג פאַר ב ע וו א נ ד ע ר ו נ ג און האָט געפּיהלט גאַנץ שטאָלץ מיט דעם.

דער צוגאַנג צום בית המדרש איז געווען העכסט אַבשטויסענד. — נאָכדעם ווי מען האָט זיך אַ היבש ביסעל געדרייט ווי אַ שלאַנג דורך עטליכע שמאָלע געסלאַך איז מען אַנגעקומען אויפ'ן „שוהל־הויף" — דיעזער „הויף" האָט אין אמת'ן אויסגעזעהן ווי אַן אַמעריקאַנער אָקשאַן־רום פון אַלטע מעבעל — דאָס איז געווען אַ ברייטער פּלאַץ אויף וועלכען עס זיינען געשטאַנען די פערשיעדענע בתי מדרשים, קלויזען און חסידים־שטיבלאַך, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַרונטער געפאַלען פעל־מעל פון הימעל, אָדער אַזוי ווי אַ הויפען צייכען וואָס קינדער וואַרפען אַרויס פון האַנד ווען זיי שפּיעלען אין צייכען, אָהן אַ שום אידעע פון סיסטעם און אָרדנונג — דאָ שטעהען צוויי קלויזען און קוקען זיך אין די אויגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען זעהן ווער פון זיי וועט פריהער אַנפאַנגען צו לאַכען, און ביי דער זייט שטעהט די חסידים־שטיבעל מיט'ן רוקען אויסגעדרעהט צום פנים פון דער קצב'ישער קלויז, אַזוי ווי זי וואָלט געווען ברוגז אויף די קצבים וואָס זיי האָבען איהר געגעבען אַ פּראָסטען חלק — די שוהל, דער בית המדרש און דער שוסטער־שער קלויז זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין די פאָרמע פון אַ „סגול" מיט די ווענקלען אַזוי נאָהנט איינער צום צווייטען אַז קיין צוויי מענשען האָבען ניט געקענט דורכגעהן אויף אַמאָל.

ביים טהיר פון בית המדרש זיינען געלעגען פון ביידע זייטען די ידועה'דיגע צוויי בערגלאַך מיסט וועלכע האָבען זומער־צייט געלאָזט פון זיך הערען איבער'ן גאַנצען שטאָדט, און ווינטער־צייט פלעגען זיי אַריבערגעצויגען ווערען מיט אַ גלאַנציגען שאָלאַכץ וועלכער פלעגט דיקער און גרעסער ווערען מיט יעדען טאָג...

דער בית המדרש האָט אַזוי ווי דער חדר געטראַגען אויף זיך די צייכענס פון אַן איינזייטיגע פיהרונג, די פיהרונג פון די אַלטע, און אין איהם האָט מען אויך געקענט זעהן די מעלות און חסרונות פון די אַלטע.

דער רב.

דער טיטול „רב" פאַר אַ אידישען גייסטיגען פיהרער האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען צווישען אידען אין די שפּעטערע צייטען פון די חכמי התלמוד, און אבא אריכא איז פיליכט געווען דער ערשטער וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס „רב" סתם — אַזוי ווי מען זאָגט יעצט: „אַט געהט דער רב!" — אויסלאָזענדיג אין גאַנצען זיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען.

„רב" מיינט דער גרעסטעס פון זיין געמיינדע (אין ווירדע) און דער אמת איז אַז די רבנים פון די אַלטע צייטען האָבען ריכטיג פערדינט דיזען טיטול —

דער רב איז געווען דער גרעסטער פון זיין געמיינדע אין תורה, יראת שמים און מידות טובות — דעם גרעסטען טהייל פון זיין לעבען האט דער רב פערבראכט ענטוועדער אין אליין לערנען תורה אדער אין מרביץ תורה ברבים זיין — גאנץ אפט האט פאסירט אז א רב האט פערלאזען א גרויסע שטעלע און איז ליבערסט אוועק אין א קליין שטעדטעל צוליעב די איינציגע אורזאכע וואס אין די פריהער־דיגע שטאדט איז אונמעגליך געווען פאר איהם אויפצוהאלטען א ישיבה, וועהרענד די בעלי־בתים פון די קליין שטעדטעל האבען זיך פערפליכטעט אין דעם כתב רבנות וואס זיי האבען איהם געגעבען אז זיי וועלען איהם געבען די מעגליכקייט אויסצופיהרען זיין וואונש.

רייכטהום און וועלטליכע פערגניגען האבען גאנץ ווייניג אנציהונגס־קראפט געהאט פאר׳ן רב — אין די ערשטע צייטען האט א רב אין גאנצען קיין שכירות ניט גענומען פון דער געמיינדע נור יעדער רב האט ערנעהרט זיך און זיין פאמיליע פון „יגיע כפיו" אזוי ווי די איבריגע בעלי־בתים פון זיין שטעדטעל — שפעטער איז ארויסגעקומען די מאדע אז די קהילות האבען אנגעפאנגען צו בע־זארגען דעם רב און זיין פאמיליע מיט חיונה כדי ער זאל האבען מעהר צייט צו לערנען און מרביץ תורה ברבים צו זיין, אבער צו דער זעלבער צייט האבען זיי שוין געזארגט אז דער רב זאל ניט לעבען צופיעל בהרחבה כדי ער זאל ניט אויפעסען זיין חלק לעולם הבא אויף דער וועלט...

אין יראת שמים און מידות טובות איז אויך דער רב געווען דער גרעסטער פון זיין געמיינדע — ער אליין אבער האט זיך געהאלטען פאר׳ן קלענסטען פון זיין געמיינדע — אין א בריעף פלעגט ער זיך חתמ׳נען: „הקטן" אדער „הצעיר באלפי" — ווען עס האט זיך איהם געמאכט א שווערע שאלה האט ער זיך ניט געשעהמט צו פרעגען ביי אן אנדער רב וועמען ער האט געהאלטען פאר גרעסער ווי זיך — איך ווייס פון א בעוואוסטען גאון וועלכער איז געגאנגען דריי מייל צופוס אין א ביטערען פראסט צו א רב"ל פון א דערבייאיגע קליין שטעדטעל פרעגען א שאלה וואס ער האט ניט געוואלט שטעלען אויף זיך — ווען יענער האט איהם דערזעהן און האט אויסגעהערט צוליעב וואס ער איז געקומען איז ער אז ערציטערטער געווארען און האט געזאגט: „רבי, איהר מוזט מאכען חוזק פון מיר!"— אבער דער גאון האט איהם געענטפערט: „וואס פאר א רעכט האב איך צו לאכען פון אייך ווען איך פיהל ביי זיך אז איך האלט אן רבנות אין א גרויסע קהילה און איך קען קיין שאלה ניט פסק׳נען?"

וואלט זיין געמיינדע בעשטאנען דורך פון הימעל־אידען אזוי ווי ער, און וואלט זיין שטעדטעל געווען ערגעץ וואו אין ארץ ישראל אין די צייטען פון שלמה המלך, וואלט מען קיין בעסערען גייסטיגען פיהרער ניט געדארפט, אבער אזוי ווי זיין קהילה איז בעשטאנען פון פשוטע גלות־אידען וואס וואוינען צווישען פרעמדע פעלקער און האבען גאנץ אפט געברענטע ליידען פון זיי, האט אזא רב ניט געקענט צופריעדענשטעלען די בעדירפניסע פון זיין געמיינדע — דער רב האט ניט געקענט קיין לעבעדיגע שפראך, און ווען עס איז אויסגעקומען אז די קהילה האט געדארפט עטוואס בעטען ביי די העכערע בעאמטע אדער זיך פערטהיידיגען נעגען די רכילות פון אן אנטיסעמיט — און דאס איז גאנץ אפט פארגעקומען — האט דער רב געמוזט ריידען דורך א דאלמעטשער — דער רב האט זיין אייגענע מוטער־שפראך אויך ניט געקענט לאגיש געברויכען פאר א פובליקום — אין גאנצען האט ער אדרעסירט זיין געמיינדע א פאאר מאל אין יאהר און אפילו דאן האט

איהם דער עולם אויסגעהערט נור צוליעב יראת הכבוד פאר זיין פערזאן אבער ניט צוליעב זיין אראטארישע קראפט. — דער רב האט ניט געוואוסט פון וועלט־ליכען לעבען און דעריבער האט ער אפט מאל געמאכט אזעלכע תקנות וואס זיינען געווען שעדליך פאר זיין געמיינדע. — דער רב איז געווען פרעמד פון וועלטליכע בילדונג און דאס האט איהם געבראכט צו גלויבען אז די וועלטליכע חכמות זיינען די געצייג פון שטן, און צו האלטען אלע וואס האבען געלערענט אזעלכע חכמות פאר אפיקורסים.

דער רב האט ניט געגעבען קיין אויפמערקזאמקייט צו זיין אויסערען אויס־זעהן; מען האט איהם גאנץ אפט געזעהן געהענדיג אין גאס איין „הויז" אין שטיוועל און דער צווייטער איבערען שטיוועל, א רויטע פאציילקע אויפ'ן האלז, דער מאנטעל בעדעקט מיט פעדערען, א. ז. וו. דאס האט געוועהנליך ניט צו־געגעבען זיין געמיינדע קיין כבוד אין די אויגען פון די קריסטליכע וועלט צווישען וועלכע מיר וואוינען.

אין קורצע ווערטער דער פערצייטיגער רב איז אויסגעקליבען געווארען פון די אלטע פארטיי אליין און, אלזא, האט ער געהאט די מעלות און אויך די חסרונות פון די אלטע.

III

און יעצט לאמיר בעטראכטען די זעלבע דריי אינסטיטוציאנען ווי מיר געפינען זיי אין דיעזער לאנד וואו זיי ווערען געגרינדעט און אין גאנצען גע־פיהרט פון די יונגע.

די היברו סקוהל.

פון אלטען „חדר" איז געווארען אין אמעריקא א „היברו סקוהל" און דער אונטערשיעד איז ניט בלויז אין נאמען נור אין עיקר.

די היברו סקוהל געפינט זיך אין א שעהנע געביידע און איז אויסגעשטאטעט מיט מאדערנע שוהל־בענק און שרייב־טישען. אויף די ווענט זעהט מען גרויסע שרייב־טאוולען, לאנד־קארטען, און בילדער פון אידישע גדולים (דאס הייסט די ניי־מאדערנע גדולים וועלכע האבען געוואונען זייער גדלות אויף א גאנץ אנדער אופן ווי די גאונים פון אלטען דור).

די היברו סקוהל ווערט געפיהרט פון א פרינציפאל און א „סטעף" מאדערנע לעהרער וועלכע האבען א היבש ביסעל מאדערנע בילדונג און א רעכטע ידיעה אין פעדאגאגי — זייער אויסערער אויסזעהן איז עכט אמעריקאניש — דאס רוב פון זיי מיט גלאט־ראזירטע פנימ'ער און סטייליש געקליידעט.

דער אונטעררִיכט איז העכסט סיסטעמאטיש — די קינדער זיינען צוטהיילט אין פאסענדע קלאסען; די שפראך וואס ווערט געברויכט איז ענטוועדער א גוטער ענגליש אדער „עברית־בעברית"; יעדער טיטשער איז בעוואפענט מיט פערשיעדענע „טעקסט־ביכער" און אלערליי בילדער און געגענשטאנדען וואס זיינען נויטהיג צום אונטעררִיכט.

די קינדער זינגען אויסגעצייכענט אידיש־נאציאנאלע ליעדער און ביי יעדע פאסענדע געלעגענהייט שטעלט זיי דער פרינסיפאל אויס אין ליין און מיט ציון־פלעגס אין די הענד „מארטשט" ער מיט זיי ארויס אין די ארומיגע גאסען און פילט אז די הערצער פון די אידישע בעפעלקערונג מיט שטאלץ און פריידע.

דאס אלעס איז גאנץ שעהן און גאנץ פיין און איהר מעגט מיר גלויבען,

מיינע צוהערער, אז מיר טהוט וועה די הארץ אנצודייטען די שווארצע שאטענס וואס בעדעקען דיזען בילד, אבער איך בין געצוואונגען דאס צו טהאן למען האמת.

די היברו סקוהל האט א גאנץ שעהנעם קערפער אבער עם פעהלט איהר א נשמה. — די טעקסט־ביכער מיט זייערע שעהנע בילדער און אנציהענדע קינדערשע מעשה׳לאך האבען ארויסגעשטופט דעם אלטען סידור און חומש פון אידישען חדר — די אלט־מאדישע רביים האבען געלערענט זייערע תלמידים די אידישע תורה און אמונה — די נײ־מאדנע „היברו־טיטשערס" לערנען זייערע שילער שטאלצירען מיט אידישקייט, אבער זיי לערנען זיי ניט וואס אידישקייט איז און זיי געוואהנען זיי ניט צו פראקטיצירען אידישקייט!

די אלט־מאדישע רביים האבען געלערענט זייערע תלמידים לשון־קודש כדי צו פערשטעהן די „כתבי הקודש"; די נײ־מאדנע „היברו טיטשערס" לערנען זייערע שילער „העברעאיש" אזוי ווי געוויסע אידעאליסטען האבען געלערענט „וואלאפיק" אדער „עספעראנטא" צוליעב אידעאל. צו בר־מצוה שטעלט זיך דער איינגעלע אוועק אין שוהל ביים ארון־קודש און האלט א פייערדיגען ספיטש וועגען זיין ליעבע צום יודענטהום און זיין שטאלץ צו זיין א מיטגליעד פון די עלטסטע פאלק אויף דער וועלט, די פאלק וואס האט ארויסגעגעבען אזא „אייזייעה" (ישעיה) און א „דשערעמייעה" (ירמיה) א. ז. וו. א. ז. וו. אבער ווען אימיצער זאל איהם אבשטעלען און א פרעג טהאן: „זונינקע, וואסער סדרה געהט?" אדער: „וויסטו, מיין קינד, ווי צו דאווענען מנחה און מעריב?" אדער: „קענסטו מעביר קריאה" זיין די סדרה?" אדער: „וויסטו וואס מען זאגט אז מען וואשט זיך צום עסען?" וועט ער אייך אנקוקען ווי א האן אין בני אדם.

נון, עס איז א פאקט אז גראדע דיזע זאכען (פון וועלכע דער מאדערנער טיטשער וועט זיך פיליכט האלטען אין די זייטען לאכענדיג) האבען אויפגע־האלטען דאס אידישע פאלק און די אידישע אמונה אין דעם גאנצען משך פון לאנגען גלות, וועהרענד אנדערע פעלקער זיינען אונטערגעגאנגען מיט זייערע נאציאנאלע ליעדער און פלעגס צוזאמען...

דיזע משונה׳דיגע בריאה, די „היברו סקוהל", האבען מיר צו פערדאנקען די איינזייטיגע פיהרונג פון די יונגע — די היברו סקוהל האטביידע זאכען, די מעלות און אויך די חסרונות פון די יונגע.

די שוהל.

די שוהל האט אין דיזען לאנד אין גאנצען פערדונקעלט דעם בית המדרש — עס איז אפילו יא דא א בית־המדרש אין „בייסמענט" פון יעדער שוהל, אבער דער אמעריקאנער בית המדרש איז נור א „קדישים־פעקטארי" פאר די אבלים און יאהרצייטען פון די נאכבארשאפט.

אמעריקאנער שוהלען ווערען געבויט פון די יונגע (ווען איך זאג „יונגע" מיין איך ניט דוקא יונג אין יאהרען נור איך מיין די היינט־וועלטיגע קלאסע) — ווען עס קומט צום בויען א שוהל פרעגט מען זיך גאנץ ווייניג אן ביי די עלטערע אידען פון אלטען דור — מען גיט איבער די גאנצע אונטערנעהמונג צו קאמיטעען פון פראקטישע ביזנעס־לייט, און אז זיי בויען מעגט איהר זיך שוין פערלאזען אז די שוהל וועט זיין שעהן און זויבער און ליכטיג און גראם. — דער צוגאנג צו דער שוהל איז אויך גאנץ אנשטענדיג און העכסט ציכטיג — די „סוירוויס"

איז אראנזשירט אויף אַן עהרווירדיגען אופן, זאַ דאַס מען זאָל זיך ניט דארפען שעהמען ווען אַ גוי וועט אַריינקומען אין שוהל (אַזוי האָט זיך דער ראַבינער אויסגעדריקט אין זיין ערעפענונגס־רעדע). דער פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט זיצען אויף צוויי פּלאַשענע טשערס פון ביידע זייטען ארון־קודש; דער חזן שטעהט ביים עמוד אין אַ לאַנגען גלח'שען חאַלאַט און זינגט „כלם אהובים" מיט'ן נגון פון „סעלעסטא אַאידאַ"; דער עולם זיצט שטיל און לאָזט קיין הויך קול ניט אַרויס — דערצו געהען נאָך אַרום צוויי טראַסטיעס מיט הויכע „סטאַוו־פּייפּס" צו האַלטען „פּאַירפעקט אָרדער" — דער ראַבינער האַלט אַ לאַנגע און אַ קאַלטע רעדע וועגען „דשודאַיזם"; דער חזן פערבייסט מיט אַ שעהנעם מוסף אין וועלכען ער וואַרפט אַריין אַ שטיקעל פון „סעקסטעט פון לוציא" — אַם ענדע זינגט מען „אַדאָון אַולאַם" און די קאָנגרעגיישאָן פערלאָזט גאַנץ שטיל דאַס „גאָטעס הויז" — דער סעקסטאָן (שמש) פערשליעסט די שווערע טהירען פון דער „סינאַגאָגע" און דאָן קלייבען זיך די מתים אַריין אין שוהל אויף אַ גאַנצע וואָך ביז נעכסטען שבת — אין אַמעריקאַנער שוהלען זיינען די מתים די הויפּט בעלי־בתים; מען זאָגט אַז אַמאָל ווען אַן אַמעריקאַנער עולם האָט געזאָגט: „לא המתים יהללו יה" האָבען זיך די מתים אויפגעהויבען און געמאַכט אַ שטאַרקען פּראָטעסט. — „וואָס הייסט!" — האָבען זיי געזאָגט — „מיר זיינען דאָ גרעסערע בעלי־בתים ווי איהר זייט; מיר דאַוונען דאָ אַלע טאָג, וועהרענד איהר מאַכט גאָט אַ וויזיט נור איינמאָל אַ וואָך — תדיר ושאינו תדיר תדיר קודם!"

די אַמעריקאַנער שוהל איז אַ פּראָדוקט פון די יונגע און נאַטירליך האָט זי אַלע מעלות און חסרונות פון די יונגע; עס פעהלט אין איהר ניט קיין שעהנ־קייט און אנשטענדיגקייט, נור עס פעהלט דער ברען פון די אידישע תפילות; דער קול פון אַ אידישע עדה אידען וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גערויש פון שטאַרקע וואַסערען; דער געוויין פון אידישע פרויען אין ראש חודש־בענשען; דער הילכענדער „ברוך הוא וברוך שמו, אמן" פון אידישע אינגעלאַך, א. ז. וו.

דער „ראַבאַי".

אַמעריקאַ איז אַ לאַנד וואו אַלעס ווערט געמאַכט ביי מאַשינערי — אנשטאַט דעם רב פון דער אַלטער וועלט וועלכער איז געוועזן ווי מען רופט דאַס אין דיזע לאַנד אַ „סעלף־מייד־מען" נעמליך, ער איז געזעסען אַ האַלבען לעבען און געלערענט „פּאַר־זיך" בהתמדה ביז ער איז „געוואָרען" אַ רב; אנשטאַט דעם ווערט דער אַמעריקאַנער „ראַבאַי"פּראָדוצירט אין אַ רבנים־פּעקטאָרי וועלכע איז בעוואוסט אונטער פערשיעדענע נעמען, אַזוי ווי: „דשואיש סעמינאַרי", „טהעאָלאָדשיקאַל קאָללעדש", „ראַבינישקאל סעמינארי" א. ז. וו. — אויף די האַלב־געבאַקענע אַמעריקאַנער רבנים איז מקוים געוואָרען די קללה פון דער תוכחה: „ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד והשיבו לחמכם במשקל ואכלתם ולא תשבעו". פרעגט זיך די פראַגע: וואָס איז דער אומגליק אַז צעהן ווייבער וועלען באַקען זייער ברויט אין איין אויוועז, אויב דער אויוועז איז נור גרויס גענוג, וואָס קען דאָס שאַדען? איז דער תירוץ, אַז ניט אַלע ווייבער גרייטען צו זייער טייג אויף איין אופן; ניט אַלע „מאַכען איין" זייער ברויט גלייך, ניט אַלע לאָזען זייערען די טייג די זעלבע צייט, ניט אַלע קנעטען גלייך, און אַלזאָ קומט עס אויס אַז

יעדער סאָרט טויג דאַרף האָבען אַן אַנדער סאָרט אויווען, ד. ה. אַן אַנדער גראַד היץ — און אין געוועהנליכע אומשטענדען האָט זיך טאַקי יעדע פרוי איהר אייגענעם אויווען און זי באַקט איהר ברויט אויף איהר אייגענעם שטייגער — אָבער ווען צעהן ווייבער זיינען געצוואונגען צו באַקען זייער ברויט אין איין אויווען, איז אַז אַך און אַז וועה וואָס׳ער אַ ברויט עס וועט דערפון אַרויסקומען. אַ טהייל האַלב רויה און אַ טהייל צוגעברענט — דאָס איז דער זינן פון די קללה פון דער תוכחה, און דאָס איז אויך אַ פאַרטרעפליכער משל אויף די מאָדערנע „רבנים־פעקטאָריעס“.

עס איז אַ פאַקט אַז יעדער ישיבה־מאַן האָט זיינע אייגענטהימליכע נייגונגען און פעהיגקייטען. איינער האָט אַ שאַרפע קאָפּ און אַ צווייטער אַ גרויסען זכרון, איינער האָט מעהר חשק צו „בבלי“ און אַן אַנדערער צו „ירושלמי“ און דעריבער קען ניט געמאַכט ווערען קיין פּראָגראַמע פאַר אַלעמען גלייך — אין די אַלטע לענדער האָט מען דאָס פערשטאַנען, און דערפון האָט זיך ענטוויקעלט די סיס־טעמע פון לערנען „פאַר־זיך“ — אַלעס וואָס די ישיבה האָט געטהאָן פאַר׳ן בחור׳ל איז וואָס זי האָט איהם „געשטעלט אויף די אייגענע פיס“ ער זאָל ק ע נ ע ן לערנען אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים אָהן די הילפע פון אַ רבי׳ן — קוים איז ער שוין פעהיג געווען דאָס צו טהאָן, און אויב ער האָט געהאַט נאַטיר־ליכע כשרונות, האָט ער ז י ך א ל י י ן ג ע מ א כ ט פאַר אַ רב — אין אַמעריקא אָבער איז מקוים געוואָרען די קללה פון „ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד“; אַ געוויסע צאָהל יונגעלייט ווערען „געטריינט“ אַלס רבנים נאָך איין געוויסער מאָס און פּראָגראַמע און אין די זעלבע צאָהל יאָהרען — געוועהנליך קומען דיזע רבנים אַרויס אַזוי ווי יענע צעהן לעבלאַך ברויט וואָס די צעהן פרויען האָבען געבאַקט אין איין אויווען. — אויף דיזע סעמינאַריעס קען מען אויך זאָגען די צווייטע העלפט פון יענע קללה: „והשיבו לחמכם במשקל“ — נאָך דער אַלטער סיסטעמע איז ניט יעדער ישיבה־בחור געוואָרען אַ רב; צ. ב. ש. טויזענד יונגעלייט האָבען געלערנט אין וואָלאָזשין, אָבער נור אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט פון זיי זיינען געוואָרען רבנים — די אַמעריקאַנער „סעמינאַריעס“ אָבער, זיינען זעהע עהרליך אין דיזען הינזיכט — וויפיעל בחורים זיי נעהמען אַריין, פּונקט אַזוי פיעל רבנים גיבען זיי אַרויס — מקיים צו זיין די צווייטע טהייל פון יענעם פסוק: „והשיבו לחמכם במשקל“.

און נאָכהער ווען דיזער „ראַבאַי“ קריגט אַ שטעלע ווערט מקוים אויף זיין געמיינדע דער לעצטער טהייל פון יענע קללה פון דער תוכחה, נעמליך: „ואכלתם ולא תשבעו!“ — דער „ראַבאַי“ איז טאַקי אַ גאַנץ שעהנער יונגערמאַן, און געהט טאַקי עלעגאַנט געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע און זיין טאַשען־טוך איז טאַקי בעשפּריצט מיט פּערפיום און גיט אַרויס אַן אַנגענעהמען ריח און זיין שפּראַך איז טאַקי אַ שעהנער ענגליש מיט׳ן אמת׳ן יענקישען אַקצענט און דער „ר“ קייקעלט זיך טאַקי אַרויס פון זיין מויל ווי אַן ענגלישער „ר“ דאַרף זיך קייקלען און דער „טה“ גליטשט זיך אַראָב פון זיין צונג מיט אַ בעזונדערען חן, און זיינע מאַניערען און בעוועגונגען זיינען נאָך די שטרענגע געזעצע פון „עלאַקיושאַן“, אָבער זיינע דרשות זיינען נעבאַך בלוט־אַרעם; עס איז ניטאָ אין זיי ניט קיין תורה און ניט קיין סחורה נור אַ מבול פון שעהנע פוסטע פראַזען.

„וואָס האָט דער „ראַבאַי“ היינט געזאָגט אין זיין סערמאָן?“ — פרעגט אַ איד וואָס איז ניט געווען אין שוהל פון זיינעם אַ פריינד — „וואָס האָט ער

גזאגט? זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז! פרעגט מיין טאָכטער".

דער איך ווענדעט זיך צו די מיידעל: „דשוליא, קענסטו מיר איבערזאגען עטוואס פון דעם ראַבאַי'ס סערמאָן?"

„איך וועל אייך זאגען דעם אמת" — ענטפערט דשוליא — „ער האָט גערעדט אַזוי „ביוטיפול" און ער אַליין איז „סאָטש איי דאַרלינג" אַז עס איז קיינעם גאָר ניט געלעגען אין זינען צו בעמערקען וואס ער האָט געזאגט!"

דער ראַבאַי איז דער פּראָדוקט פון די יונגע אַליין, און, אַלזאָ האָט ער אויך די מעלות און חסרונות פון די יונגע.

IV

ווען משה איז געקומען אַרויסנעהמען די אידישע שקלאַפען פון מצרים, האָט ער געפונען אַז זיי האָבען אַ סך חסרונות אָבער די איין מעלה האָבען זיי דאָן געהאַט: די אַלטע און די יונגע זיינען ניט געווען צוטהיילט אין צוויי פּאַרטייען — ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט דיזע מעלה וואָלטען זיי געמאַכט אַבציג „קאָנווענשאַנס" און „קאָנגרעססען" צו בעטראַכטען די פראַגע אויב עס לוינט אַרויסצוגעהן פון מצרים, און אויב יא, מיט וועלכע וועג און ווער זאָל געהן פריהער און ווער שפּעטער, און עס וואָלט געוועזן „יא" זאָגער און „ניין" זאָגער און פּראָטעסטירער א. ז. וו. א. ז. וו. — אָבער אַ דאַנק גאָט מיר געפינען דערפון קיין שפּור ניט אין דער תורה — אַזוי זיכער איז משה רבנו געווען וועגען די איינינקייט פון די יונגע און די אַלטע אין זיין צייט אַז ער האָט געזאָגט צו פרעה'ן אויף זיין אייגענע פעראַנט־וואָרטליכקייט: „בנערינו ובזקנינו נלך!"

איך זאָג צו אייך, מיינע צוהערער, אויך די זעלבע ווערטער היינט: אויב איהר ווילט אַז אידישקייט זאָל האָבען אַ קיום און מאַכען פּראָגרעסס אין דיזער לאַנד זאָלט איהר זיך ניט פאַנאַנדערטהיילען אין צוויי מחנות, די אַלטע בעזונדער און די יונגע בעזונדער, נור איהר זאָלט אין יעדע בעוועגונג שטרעבען צו אַרבייטען צוזאַמען.

בנערינו ובזקנינו „נלך" — מיט יונג און אַלט פעראייניגט צוזאַמען וועלען מיר געהן ד. ה. מיר וועלען מאַכען פּראָגרעסס, אָבער מיט די יונגע און אַלטע צוטהיילט אין צוויי לאַגערן, וועלען מיר שטעהן אויף איין אָרט.

חומר לדרוש.

בנערינו ובזקנינו נלך

אגדות חז"ל

מפני מה לא נאמר „כי טוב" ביום שני? רבי מאיר אומר, קשה היא מחלוקת לישובי של עולם, שנאמר: ויעש אלהים את הרקיע ויבדל בין המים, ולפי שכתוב בו הבדלה לכן אין כתיב בו „כי טוב", והלא דברים קל וחומר, ומה אם מחלוקת שהיא לישוב העולם לא נאמר בה „כי טוב", מחלוקת שהיא לחרבנו של עולם על אחת כמה וכמה. (מדרש הגדול).

„ושמרו את דרך ה'", אלו מדות טובות שבכל דעה ודעה, וכן הוא אומר, הודיעני נא את דרכיך ואדעך, לפי שכל אחד ואחד מבני אדם יש לו דעות רחוקות ומשונות זו מזו, ויש בין כל דעה ודעה דעה בינונית ממוצעית והיא הנקראת הדרך הישרה, ומצווין ללכת בה, שנאמר, ושמרו דרך ה'. (מדרש הגדול)

„אתם נצבים היום", מה היום פעמים מאיר ופעמים מאפיל, אף אתם שאפלה לכם בגלות עתיד להאיר לכם אור עולם, שנאמר, והיה לך ה' לאור עולם (ישעי' ס') אימתי, בזמן שתהיו כלכם אגודה אחת, שנאמר, ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום. בנוהג שבעולם אם נוטל אדם אגודה של קנים שמא יכול לשברם בבת אחת? ואילו נוטל אחת אחת אפילו תינוק משברן. וכן אתה מוצא שאין ישראל נגאלין עד שיהיו כלם אגודה אחת, שנאמר, בימים ההם ילכו בית יהודה על בית ישראל ויבואו יחדיו וגו'. (תנחומא).

„לא תתגודדו ולא תשימו קרחה", לא תעשו אגודות אלא היו כלכם אגודה אחת, וכן הוא אומר, ואגודתו על ארץ יסדה. (ספרי).

„מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי", באיזה אח? לא כקין להבל ולא כישמעאל ליצחק ולא כאחי יוסף ליוסף שהיו שונאים זה את זה אלא כיונק שדי אמו, הוי אומר ביוסף לבנימין, אמצאך בחוץ אשקך, כמשה ואהרן שנשקו זה לזה בחוץ, שנאמר, וילך ויפגשהו בהר האלהים וישק לו. (שה"ש רבה).

שה פזורה ישראל (ירמי' נ'), למה נמשלו ישראל לשה? מה שה הזה לוקה על ראשו או באחד מאבריו וכל אבריו מרגישין, כך הן ישראל, אחד מהם חוטא וכלם מרגישים. תני רשב"י, משל לבני אדם שהיו יושבים בספינה נטל אחד מהם מקדח והתחיל קודח תחתיו, אמרו לו חבריו, מה אתה יושב ועושה? אמר להם מה איכפת לכם, לא תחתי אני קודח? אמרו לו, שהמים עולים ומציפים עלינו את הספינה. (ויקר"ר פ"ד).

שלום רב.

אמנם יש דרך ישר לכל איש הישראלי ללכת בו והוא השלום האמתי הנעלה והנשגב, והוא אם כל הנאספים והנדבקים בחרצובות האהבה והאחדות יחפשו למו תכלית

אחד מועיל, ואז אפילו אם יתחלקו ויתפרדו במחשבותם ובעלילותם המוליכם מהלך השלמות, דהיינו שלפי דעת האחד יושג התכלית המבוקש על זה האופן, ולדעת השני ימצא באופן אחר, עכ"ז נוכל לאמר שיש שלום אמתי ביניהם, לאשר סיבת מחלקותם היא תכלית השגת שלמות אחד אשר שניהם רודפים אחריו. ובזה יובן המאמר: "כל מחלוקת שהיא לש"ש סופה להתקיים ושאינה לש"ש אין סופה להתקיים" (אבות פ"ה) וקשה וכי מה תועלת יש במחלוקת המתקיימת? הלא טוב מזה שתתבטל המחלוקת ויתיסד השלום בקרבנו? אבל לפי מה שאמרנו ניחא, כי התכלית תמיד בא לסוף המעשה כידוע, וזה שאמר שהמחלוקת שהיא לשם שמים תכלית אחד להחולקים, כלומר אף שהם חלוקים בדברים הממצעים את התכלית אשר הציבו להם למטרה עכ"ז התכלית אחד הוא, וסוף מחלוקת בזה לבא אל קיום הנצחי לחיי העוה"ב, ועם זה פרשתי יפה ת"ל מארז"ל (סוף ברכות)· „אר"א אר"ח ת"ח מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך, א"ת בניך אלא בוניך", ולכאורה נפלאת היא בעינינו, כי אנו רואים בהיפך שהת"ח הם החולקים בסברותיהם בכל הש"ס, וגם השנוי מ„בניך" ל„בוניך" קשה להבינו, אמנם לפי דרכנו נכון הדבר, לאשר הנחנו ליסוד כי שלום ההסכמי איננו שלום רב ונשגב, כ"א שלום פחות כשלום הצאן שאינם בעלי מחלוקת בטבע, אמנם השלום הנשגב הוא הרדיפה אחר תכלית אחד, ודוגמא לזה נקח באת בוני בית שאחד פועל בפחם, ואחד ילבון לבנים אחד בברזל, ואחד במים וכו', וכלם אל עבר פני תכלית אחד ילכו לבנות ההיכל בתכלית היופי וההידור, אמנם אהבת אחים היא הסכמת הנפשות בטבע להטיב זה עם זה ולאהוב זה את זה אבל תכליתם יוכל להיות רחוק זה מזה כרחוק מזרח ממערב, והלא אח עשו ליעקב, וזה תכליתו לאכול לשבעה בעוה"ז, וזה לחיי נצח, ונקדים עוד כי מלת רב מלבד פירושו על הכמות, יש לפרשו מענין גדול ונשגב, כמו כי „ברבים היו עמדי", וכן „וישלח להם מושיע ורב", וז"ש „ת"ח מרבים שלום בעולם", כלומר שהם מראים לעולם השלום הרב והנשגב מה שעיקרו איננו בהסכמת הפעולות כ"א באחדות התכלית, וזו היא שמביא ראיה ממקרא „ורב שלום בניך", כלומר שלום הצדיקים איננו שלום פחות בשלום הצאן, כ"א גדול ומשובח, ולכן תקן את הקרא ואמר „אל תקרא „בניך" אלא „בוניך", כי היחס בנים איננו מורה אל השלום הנשגב (כדוגמא שמביא למעלה משני בני יצחק, יעקב ועשו), אבל יחס להם לכונה הזאת תואר „בוניך" כנ"ל, וע"ד צחות אמרתי לפרש בזה גם דברי המשורר: "שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול". כי כבר הקדמנו מה שיש מהנזק אם החכמים יסכימו לדבר אחד בלי חקירה ועיון השכל כ"א ע"י שלום פחות שהאחד הולך בעקב רעהו, ואם יפול האחד אין שני להקימו, ולכך ארז"ל דאם כלם מחייבים יצא זכאי, דשוב לא יהפכו בזכותו ויוכלו לבוא לידי מכשול וז"ש „שלום רב לאוהבי תורתך", מלת רב יש לפרש מענין „ריב", כמו „הוי רב את יוצרו", כלומר שבין אוהבי תורה יש שלום של ריב ומלחמה בשלום:, והנצמח מזה הוא, „ואין למו מכשול", כי ע"י חלוקת הסברות ירדו לעומק העיון וההשכלה.

(קול אומר קרא, ח"א)

סבלנות

יש לפעמים משמיעי דבר אחד בסגנונים שונים החושבים איש את אחיו למתנגדים גדולים, רק באשר איש לא ישמע שפת רעהו; ולחלוקי דעות כאלה טוב להשתמש במדת המתינות, כדי להטעים לכל אחד דעת חברו, ואולי עי"ז יעשו שלום ביניהם, בראותם כי דעה אחת לשניהם. אבל יש בישראל גם כתות אשר לא הסגנון בלבד יפריד ביניהם, כי אם בעצם דעותיהן רחוקות הן זו מזו מרחק רב, ובמקום

שההבדל הוא פנימי ועצמי, כל מה שנוסיף לברר את הדעות וכל מה שנוסיף מתינות, כן תפקחנה יותר עיני שני הצדדים לראות כל עומק התהום אשר בין דעותיהם. השלום בין שני כתות כאלה לא יוכל על כן להתכונן על יסוד האחדות בדעות — מטרה שלא תושג לעולם — כי אם רק על יסוד אותה המדה הקדושה, מדת הסבלנות בעניני אמונות ודעות, המאחדת לבותיהם של טובי עם ועם בעבודת עמם הכללית, למרות הפירוד שביניהם בדעותיהם הפרטיות, מבלי שידרשו אלו מאלו, כתנאי מוכרח להשתתפות הכחות, קרבנות שכליים או מוסריים בדברים המסורים ללבו של אדם וחשבונו עם נפשו. (על פרשת דרכים, אחד העם).

לך כתוב „אלף" על הלוח

הנה ראיתי בבית עבוט (פאון־שאפ) אשר לפעמים מוכרים דברים יקרים פחות משוים, וכאשר שאלתי על הדבר אמרו לי כי המשכנות מונחים שם זמן רב ואין פודה אותם ויירא המלוה פן יאכלם עש וע״כ הוזיל מחירם — כן הדבר ג״כ בבית מקדשנו; כבר עבר עליו זמן רב שנתמשכן והקב״ה שהוא חונן דל רוצה להחזיר אותו לנו במחיר מועט מאד, כמ״ש חז״ל בשבת: אם משמרים ישראל שתי שבתות מיד נגאלים. ועוד יתן לנו מחיר קטן אפילו מזה, כמו שדרשו חז״ל על הפסוק: חבור עצבים אפרים הנח לו, אם אפילו יהיו ישראל עובדי ע״ז אבל יהיו אגודים באגודה אחת מיד נגאלים. — ועי״ז יובן ילקוט פלא: „על משמרתי אעמודה" (חבקוק ב׳) התחיל צות: עד אנה ה׳ שועתי ולא תשמע וכו׳, אמר לו הקב״ה: הוי רב את יצרו חרס את חרסי אדמה! הלא בן תורה אתה ולא עם הארץ אתה, לך כתוב א׳ על הלוח ואחר תאמר הודיעני את הקץ, וכן הוא אומר, ויענני ה׳ ויאמר, כתוב חזון על הלוחות, ע״כ — המאמר הזה שנלאו בו המפרשים יובן עפ״י דברינו כמין חומר; „אלף" מורה על אחדות, ור״ל: אתה שואל מתי יגאלו בני ישראל? התשובה על זה: בעת שיהיו א׳ ולא ב׳, וכמו שדרשו חז״ל: אם יהיו בחבורה אחת מיד נגאלים — וזה שאמר, כתוב א׳ על הלוח! ר״ל, כתוב אותו על לוח לבות בני ישראל ואז שוב לא תצטרך לשאול אותי על הקץ, וכמ״ש יעקב אבינו ע״ה: האספו ואגידה לכם את אשר יקרה אתכם באחרית הימים. ר״ל בעת שתתאספו אז יהיה אחרית הימים. (יד הלוי, לעווין).

והכנעני והפריזי אז יושב בארץ

„ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט והכנעני והפריזי אז יושב בארץ" (בראשית י״ג) — כל המפרשים יגעים לפרש סמיכת סוף הפסוק לתחילתו, וגם יש לדקדק דהיל״ל „והכנעני והפריזי אז בארץ" כמ״ש למעלה ולמה הוסיף בכאן את המלה „יושב"? — אולם נראה לי שרצה הקב״ה להודיענו כמה רעה המחלוקת וביחוד בעת שהעמים סביבותינו יושבים שקטים בשלום ושלוה ואיש לרעהו יאמר חזק, וישראל רודפים איש את אחיו וחלק לבם והשטן מרקד ביניהם. אוי לאותה בושה! וז״ש: „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט (שזה דבר מגונה לבית אברם, ולהוסיף עוד דאבון נפש —) „והכנעני והפריזי אז יושב (בשלום) בארץ!" וד״ל. (מנחת יהודה).

ותמלא הארץ אותם

„ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים נפש" (בלשון יחיד, לומר שלב אחד היה להם ולא היה ניכר כלל שהיו שבעים נפשות, כי התנהגו בשלום ואחדות. ומה היתה

הסיבה לזאת? „ויוסף היה במצרים" (ר"ל משום שעוד לא שכחו שע"י המחלוקת שהיה ביניהם נתגלגל יוסף במצרים) „וימת יוסף וכל הדור ההוא" (ר"ל אבל כמעט שמת שמת יוסף וכל המאורע נמחה מזכרונם) „ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד ותמלא הארץ אותם" (כאן אומר „אותם" בלשון רבים, ר"ל שהיו לכתות כתות, והארץ נתמלאה מהם, כי ע"י ריב ומצה שהיה ביניהם תמיד היו רואים אותם תמיד בכל בתי דינים וכו') „ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף" (ר"ל לא הכיר עוד בהתנהגות העם הזה את יוסף האוהב שלום ורודף שלום, ע"כ נתחדשו גזרותיו). (שם).

יחד שבטי ישראל

„ויהי בישורון מלך", אימתי? „בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל", ר"ל כששבטי ישראל יהיו ביחד עם ראשי העם וילכו שלובי זרוע זה עם זה, אז יופיע בישורון המלך המשיח, אכי"ר (המחבר).

אשר שם שמות בארץ

יותר מכל העמים סבל עמנו מחוסר אחדות. בשבתו בארצו ובלכתו בגולה היה הפרוד המלאך המחבל והמשחית. עוד בראשית התישבות העם בארץ התפרד לשבטיו, וזאת החליש את כחו ויסבול מהעמים שכניו, אשר התנפלו עליו, כי לא התאחדו כל השבטים יחדיו ללחום מלחמת העם, רק שבט אחד או שבטים אחדים נשאו לבדם את כובד כל המלחמה. כן היה כמעט בכל משך ימי השופטים, עדה שירת דבורה, אשר תתאונן על השבטים אשר לא באו לעזרת ד' בגבורים, ורק בימי שמואל הנביא הכיר העם את עותתו, ואז התאחדו כל השבטים ויהיו לעם אחד שלם, ולא אחרה האחדות להראות את פעלה, כי במלחמתם עם נחש העמוני התאחדו השבטים „ויצאו כאיש אחד" וילחמו וינצחו במלחמה, מעשי שאול מוכיחים, שהוא ראה את אסון העם וסבת אסונו בפרודו, ולכן לקח „צמד בקר וינתחהו וישלח בכל גבול ישראל לאמר: אשר איננו יוצא אחר שאול ואחר שמואל, כה יעשה לבקרו", לאיש על העם לבל יעמדו מנגד בצר לאחיהם, ואולי רמז להם, כי כמו הנתחים האלה, שבהיותם מחוברים לגוף אחד חי השור, ובשנפרד ונחתך לנתחים הוא מת, כך — כשהעם מחובר ומאוחד, האחד מרגיש בצרת אחיו, יחיה וינצח את אויביו, ואם יפרד לשבטיו, אם האחד לא ירגיש בכאב חברו, אז יאבדו כל החלקים כלם! וכה היתה האחדות בתקפה עד מות שלמה, והתקופה הזאת, תקופת האחדות, היא התקופה היותר טובה לעמנו כי אז ישב העם בשלוה ויפול אויביו לפניו. אחרי מות שלמה שב הפרוד „לעשות שמות בעם", מעת שנחלק בית ישראל לשתי ממלכות נחלש כחו ויסבול הרבה משכניו, גם עמודי דתו התרופפו... וכה נמשך הפרוד עד גלות ישראל מאדמתו... ובשובם מבבל, אם היו אז מתאחדים כלם כאיש אחד, אם היו כלם שבים לארצם, כי אז יסדו ממלכה כבירה, וד' אחד, הרוצה באחדות עמו ישראל, אמץ ידם וישלח להם עזרתו לבנות בנין עדי עד, כמאמר חז"ל (יומא ט') „אם עשיתם עצמכם כחומה ועליתם כלכם בימי עזרא, נמשלתם ככסף שאין הרקב שולט בו. עכשיו, שעליתם כדלתות (פרש"י לחצאין) נמשלתם כארז — שהרקב שולט בו, ע"ש! וגם אותו הבית נחרב וישראל הלך הלך בגולה אך ורק מפני חוסר האחדות והשלום, כדברי חז"ל, שנחרב הבית „בעון שנאת חנם" ומאז נחרבה ארצנו והלכנו בגולה, מוסר לא לקחנו, עדיין השטן מרקד בינינו, עודנו מחזיקים במחלוקת... עדים הם שמות המפלגות בימינו, אשר רבו בעת האחרונה מאד, וכל מפלגה רודפת וצוררת את המפלגות האחרות. המפלגות האלו צומחות חדשים לבקרים, וכל אחת במטרה חדשה ובשם חדש: „ציונים, סאציאלים,

מזרחים, אַנאַרכיסטען, מתנגדים, פועלי ציון" ועוד... וכל מפלגה דורשת רק בכבוד עצמה וצוררת היא בנכליה את שאר המפלגות, ובין כך הפרץ מתרחב והפרוד מתגדל ועם ישראל שורה בעוני ובלחץ מבלי שום תקוה לימים יבואו!!!...

ואפשר שרמזו לנו חז"ל על כל אלה במליצתם החדה באמרם (ברכות ז') מנא לן דשמא גרים, א"ר אלעזר דאמר קרא (תהלים מ"ו) לכו חזו מפעלות ד' אשר שם שמות בארץ, אל תקרי שמות אלא שמות, ע"כ! כי אלו לא היו כל כך שמות של מפלגות בישראל. לו היה לכל העם רק שם אחד „ישראל"! לו שררו אחדות ושלום בתוך שדרות העם, כי אז לא היינו „לשמה ולשנינה", לחרפה ולבזיון בין העמים, וכל העוני והצער, כל הצרות והחרפות, הנה תוצאות מן המפלגות הצוררות אשה את רעותה, וכל עוד שיתרבו השמות של מפלגות, כן תרבנה השמה והשערוריה, השמות והרעות, והשמות האלה גורמים לישראל חרפה ובזיון וצער מרבה מהכיל, כי „שמא גרים", „ואל תקרא שמות", אי־אפשר שיהיה העם הישראלי „לשמה ולשנינה, אלא בשביל השמות של המפלגות, כי רק אלו גרמו צרות ישראל, מאז היותו לגוי עד היום הזה. (הרב"ב גוטה בספר פל"ב)

ילדה מלקטת וכו'

ואין אני קורא תגר על ההתפלגות למפלגות, כי דבר זה כמעט הוא הכרחי אצל עם מפותח. רק העם העומד במדרגה נמוכה בהתפתחותו יכול ללכת בעינים עצומות אחר מנהיג אחד בדרך אחד, כי לא ידע לבקר את דרך מנהיגיו, ואל כל אשר יחפצו יטוהו, לא יבקש דרכים אחרים ולא יחלק איש על שיטת רעהו, כי לא יבחינו בין טוב לרע. לא כן עם מפותח די צרכו. בניו יפרדו למפלגות שונות, כי האדם שעיניו בראשו לא ילך אחר מנהיגיו בעינים עצומות, ואם לא מצאה חן בעיניו דרך רעהו או מנהיגו יסור מאחריו ויבקש לו דרך אחרת, ייסד שיטה חדשה, וכה תוסד מפלגה, והמפלגה תחלק אחרי כן לחלקים, כי יד הבקרת חלקתם. וכן אנו רואים כי דוקא בקרב העמים המפותחים והמקולטורים רבו המפלגות, כי ההתפלגות היא מולדת הבקרת בת הבינה. וכבר אמרו על האשכנזים ש„במקום שיושבים שני אשכנזים שם תווסדנה שלש מפלגות". ולכן אין כל רע בהתפלגות אדרבא היא מעידה על שכל העם שנתגבר לעמוד ברשות עצמו. אבל דא עקא כי המפלגות בקרבנו צוררות אשה לרעותה. האחת אינה מסתפקת בבקרת שהיא מבקרת את שיטת ומעשי חברתה, כי אם היא ליחמת בה בכל האמצעים, והמלחמה לא מלחמת הדעות, שהנשק שמשתמשים בו: אותות ומופתים הגיוניים, רק מלחמת הכח, האחת מרחקת מה שהשניה מקרבת, לא בשביל שמצאה מגרעת בדבר אלא די לה מה שחברתה מקרבת את הדבר, בשביל זה לבד תרחקהו היא. ולכן תפריענה אשה את רעותה ממעשיהן, ועבודתן אינה חיובית, עבודת יצירה, רק שלילית, עבודת הרס, להרוס את בניני המפלגה האחרת. האחת אינה עוסקת או אינה מסתפקת בהפצת דעותיה ובבנין עפ"י שיטתה ותכניתה, אלא כל הגינה ומעינה במלחמתה עם רעותה, בהריסה את בנינה ובהשלכת רפש עליה. ממלחמת מפלגות כזו, כשזו מהרסת בניני זו וזו חותרת תחת זו, נשאר עמנו הרוס משני צדדים. המצב הזה מזכירנו את ספור חז"ל „יתיב רב אמי ורב אסי קמיה דר"י נפחא, מר א"ל לימא מר שמעתתא ומר א"ל לימא מר אגדתא. פתח למימר שמעתתא ולא שביק מר, פתח למימר אגדתא ולא שביק מר. אמר להו אמשול לכם משל, למה"ד לאדם שיש לו שתי נשים אחת ילדה ואחת זקנה, ילדה מלקטת לו לבנות זקנה מלקטת לו שחורות נמצא קרח מכאן ומכאן. וכו' **אימה לכו מילתא דשויא** לתרווייכו. כי תצא אש וגו' אמר הקב"ה וכו' אני הציתי אש בציון וכו' ואני עתיד לבנותה באש" (ב"ק ס'). בספור הזה ובמשל משתקף מצב מפלגותינו ומלחמתן. אם

אחד רוצה בהלכה ונפשו של שני חשקה באגדה בזה אין כל רע. יבקשו שניהם את רבם, שעינו לא צרה בהלכה ולא בהגדה, וישמע מפיו איש מה שלבו חפץ. אבל דא עקא שבעל ההלכה אינו מניח לפתח באגדה ובעל האגדה אינו מניח לפתח בהלכה, כשעינו של זה צרה בחברו אז הם דומים לנשים שכל אחת מלקטת השערות שאינן לה לרצון, ואינן מסתפקות בצמיחת השערות החביבות עליהן, אלא העיקר אצלן לעקור את השערות שאינן לפי רוחן, ושהן רצויות בעיני חברתה. כן המפלגות בעם. כשכל מפלגה שואפת להגשים בחיים את מטרתה, מתאמצת להפיץ דעותיה ולמשוך אחריה חלק גדול מן העם, או את כל העם, אין בזה כל רע לעם, אדרבא הדבר הזה מפיח נשמת חיים באף העם. מלחמת הדעות, התנגדות והתנגשות ההשקפות מפתחות את שכל העם, מבררות ומלבנות את שאלות החיים והעם יודע את אשר לפניו, גם מעוררות הן לפעולה, כי ההכנה הרוחנית התורית (התיאורית) דרושה לכל פעולה ומעוררת לפעולה. וכשהשקפות מנצחות זו את זו בהלכה, מזדככות ההשקפות והדעות ע"י הבקרת, וכל מפלגה נזהרת יותר במעשיה ומשתמרת משגיאה, בהיות עין המפלגה צרתה צופיה עליה ומבקרת מומיה. באחת, מלחמת הדעות מביאה טובה מרובה לעם, אבל במה דברים אמורים כשהמלחמה היא מלחמה בשלום, במתינות וביושר לבב אם כל מפלגה ומפלגה נוכח האמת דרכה בבקרה את חברתה, ורק אשר תשים האמת בפיה תדבר. לא כן הדבר אם במלחמת המפלגות מרקד השטן, אם המלחמה יצאה מבחינת תלמידי חכמים מנצחים זה את זה בהלכה ונכנסה לסוג מלחמת היצר הרע, אם המפלגות אינן דנות בכבד ראש על דעות מתנגדיהן, אם הן נלחמות בחמה שפוכה ואינן מבקרות אלא בועטות בדעות חבריהן, אז הן מזיקות לעם ומחריבות את עולמו בסכסוכיהן וקטטותיהן. וכן היו, לאסוננו, המפלגות בעמנו עושות. החסידים והמתנגדים רבו בחזקה, לא התוכחו אלא יצאו למלחמה, למלחמת אחים. אחרי כן ובימינו עשו ועושות מפלגות החפשים והחרדים כמעשיהם. החרדים ירחיקו כל דבר חדש, כל תיקון, אפילו לא נגע ולא פגע בדת, לא יחפצו לעשות אפילא כמתוקנים שבהם, מפני שריח „חדש" נודף מהם, אפילו במקום שיש במעשי הצעירים מצוה רבה. הם לחמו בחמה שפוכה בחבת ציון וישוב ארץ ישראל, אף כי הכל מודים שמצוה רבה היא, יען כי הצעירים החפשים החזיקו בה. (אמנם הם החזיקו בה שלא לשם מצוה אלא מאהבת לאום, אבל הבשביל זה נפסלה המצוה? ואהבת העם האם דבר ריק הוא?) וכזקנה המלקטת השערות השחורות, אף כי נאות הן, רק יען כי שחורות הן, כן מאסו הזקנים בכל תקון חדש, אף כי מועיל וכשר הוא, רק יען כי חדש הוא. על דגלם כתבו „חדש אסור מן התורה" ובשם הדגל הזה לחמו מלחמת תנופה בדור הצעיר. והצעירים עשו כמעשי הילדה המלקטת הלבנות, אף כי נאות הן, אף כי חן הזקנה שפוך עליהן, יען כי לבנות הן. כן השליבו הצעירים אחרי גות את מצות ד', בזו לתורתו ויפרצו מנהגי ישראל הנאים והקדושים, אף כי הדרת הזקנה מרחפת עליהם, לעגו לכל קודש, אף כי מרום ונשגב הוא, קדוש ונערץ, רק יען כי „ישן" הוא, הם כתבו על דגלם „ישן מפני חדש תוציאו" וכן עשו מבלי דעת כי המירו טוב ברע, לא שמו אל לבם כי הישן נעלה ומרומם מהחדש, די היה להם לדעת כי ישן הוא — ויפסלהו. ותחת המנהגים הנעלים, תחת הדעות הנשגבות אשר הורישום הזקנים, תחת המדות הטובות והנאות בחרו במנהגים טפלים ומזוהמים, בדעות נפסדות וגם שפלות ובמדות רעות, יען כי חדשות הן, הברק החיצון, זוהר ה„מַדָע" מצא חן בעיניהם, ולא הביטו אל תוכן פן רקוב הוא. די להם רק לדעת כי חדש הוא ויחזיקו בו מבלי מבט פן הקנקן החדש ריק הוא, פן, עוד רע מזה, הוא מלא מים עכורים וסרוחים. חדשות בקשו, ישנות הרסו רק בשביל להוציא ישן מפני חדש, וילחמו מלחמת תנופה בזקנים החרדים, וכה נפוצה מלחמת אחים בכרם ישראל, ובהלחמם רמסו את כרם ד',

אלה עקרו עצי פרי, ואלה קצצו בנטיעות, ויחריבו ויחבלו את כרם ישראל. אלה עקרו את הישנים ואלה לא נתנו לנטע אפילו עצי פרי חדשים, הדור הצעיר בזה ליקחת אם, למסורת אבות, והזקנים הרחיקו גם את הטוב והמותר שבמתוקנים שבהם, ועמנו נשאר קרח מכאן ומכאן.

את הלקח הזה אנו שומעים מדברי ר"י נפחא ומשלו החד והחלק אשר נשא באזני התלמידים, בראותו שכל אחד אינו מסתפק בשאיפתו לאשר בחר, אלא כל אחד רוצה להפריע את אחיו, זה אינו מניח לפתח בהלכה וזה אינו מניח לפתח באגדה. נוסף לזה א"ל „אימא לכו מלתא דשויא לתרוויכו" דבר ששניכם צריכים לדעת מתיום והלאה, לבל יעבוד כ"א עבודה שלילית, להפריע מעשי ושאיפת חברו. „אמר הקב"ה אני הציתי אש בציון" כי „לא חרבה ירושלים אלא בעון שנאת חנם" בעון אש המחלקות והפרוד, אש המחלקה שרפה את עירנו והחריבה את ארצנו. המחלקה היתה גורם טבעי לרפיונם וגורם השגחי, כי בעון הזה, בחום האש הזה הצית ד' ציון. ואמנם מה נכון הדמיון שמדמים מחלקה לאש, (הדמיון הזה ישן נושן הוא) האש מכלה ע"י הפרידה את החלקים שבדבר שאחזה בו, וע"י הפרדת היסודות יאכל הדבר. וכן ריב ומחלקה מפרידים ומרחקים את המפלגות זו מזו וע"י זה יחלש העם ויאבד, כי כחו בחבורו וחייו באחדותו, ובהאבד אחדותו יאבדו עזו וחייו. וחורבן עמנו ואסונו היה בעון המחלקות. בעון שנאת חנם. המלחמות והקטטות בין המפלגות קרבו קצו ויורידוהו משאתו.

אבל זאת לדעת כי האש מפרדת וגם מחברת. ע"י האש מחברים שתי חתיכות מתכת עד כי תתלכדנה לאחת, כי ע"י התרחקות האטמים זה מזה בכח האש יתרכך הברזל ואז נקל להטותו ולחברו ע"י הכאת הפטיש או לחיצה חזקה. וכן משפט עם שאש המחלקה הפרידה בין חלקיו, אז יחלש ואז יתרכך... ואם ירגיש אז לחיצה מן החוץ... אם יך עליו הפטיש... יתחברו חלקיו הנפרדים. הצרות והפגעים ישיבו את אחדותו, הלחיצות שמנצחיו לוחצים אותו, אחרי כי נחלש בתגרת יד התגרות והמדנים, הן תקרבנה את מפלגותיו אשה לרעותה עד כי ישוב העם לשלמותו, ואז ישוב כחו וישוב לאיתנו ולכבודו. „אני הצתי אש בציון" חורבן ירושלים בא ע"י המחלוקת „ובאש אני עתיד לבנותה" אסונה יגרום בנינה, רפיון העם וירידתו שבאו לו בעון שנאת חנם ישיבו לו אחדותו, כחו ומקומו. כמאמרם „בתשעה באב נולד משיח". „באש אני עתיד לבנותה". אבל לזה דרושה לחיצה חזקה, הכאת הפטיש.... מה שלא חסר ולא יחסר לנו, בגלותנו. (ישראל ותורתו).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

דער פערד און זיין רייטער

(דרוש לפרשת בשלח)

הרב שלום ראבינאָוויץ.

1

אָשירה לה' כי גאה גאה סוס ורוכבו
רמה בים: עזי וזמרת יה ויהי לי
לישועה:
(שמות ט"ו — א', ב')

אויף די דאָזיגע צוויי פסוקים וואס איך האָב גענומען אלס טעקסט פרעגען זיך פאָלגענדע פראַגען:

1) די מליצה „כי גאה גאה" איז ניט אזוי גלאַט אָדער שפּראַכמעסיג ווי צ. ב. ש. „כי נתגאה" אָדער „נתגדל" אָדער „נתעלה", וועלכע איז די ריכטיגע איבערזעצונג פון „גרויס ווערען" אָדער „ערהאָבען ווערען".

2) דער וואָרט „רמה" פיר „וואַרפען" האָט ניט קיין גלייכען אין העברעאיש: ער געפינט זיך נור אין די אַראַמעאישע קאַפּיטלען פון דניאל: „ורמו לגוב אריותא" — אין העברעאיש מיינט גאָר „רמה"-„ערהויבען" — פונקט דער קאָנטראַסט פון „וואַרפען".

3) וואָרום בעזינגט משה מיט אזא בעגייסטערונג דעם פאַקט אז דער פערד איז געזונקען געוואָרען צוזאַמען מיט זיין רייטער? מיט וואָס האָט זיך דער פערד פערזינדיגט? ער וואָלט דאָך נעבאך געלאָפען מיט די זעלבע שנעליגקייט ווען זיין רייטער וואָלט געפיהרט מתנות פיר די אידען אנשטאָט זיי צו וועלען דערטרינקען.

4) „עזי וזמרת יה" ווערט געוועהנליך איבערזעצט: „מיין קראַפט און מיין געזאַנג איז גאָט" — אָבער דאָס איז ניט גראַמאַטיקאַליש ווייל

דער ווארט „וזמרת“ איז א נסמך צו „יה“ און לאזט זיך ניט איבערזעצען אויף דיעזען וועג.

צוליעב דיעזע אלע פראגען בין איך געניינט צו זעהן א טיעפערע כוונה אין די ווערטער „סוס ורוכבו רמה בים“ ווי די וועלט לערנט דעריין.

די טרויעריגסטע טראגעדיע אין דער וועלט איז צו זעהן ווי א גאנצע פאלק איז פערשקלאפט. הגם אין אמת׳ן איז דאך דער זעלבער מוטלייד מיט אן איינציגען מענשען וועז ער ליידעט שמערצען ווי מיט א גאנצע פאלק, איז דען ניט א פאלק צוזאמענגעזעצט פון יחידים? אבער דאס איז שוין דער נאטור פון מענשען אז ער ווערט מעהר נתפעל פון אן אומגליק וועז ער קומט אויף א גרויסע מאסע מענשען אלס וועז דער זעלבער אומגליק וואלט קומען אויף א יחיד. למשל וועז איהר לעזט אז א טריין איז ארונטער פון די רעלסען און הונדערטער מענשען זיינען געטויטעט אדער פערוואונדעט געווארען מאכט עס אויף אייך א טיעפען איינדרוק, אבר וועז איהר לעזט אז איין מענש איז געטויטעט געווארען גיט איהר א גענעץ און איהר לעזט ווייטער.

און אזוי טיעף איז די וועלט געריהרט צוזעהענדיג די ליידען פון א גערדריקטע פאלק אז זי מאכט גיט קיין אונטערשיעד פון וועמען די פאלק איז אונטערדריקט, וועדער פון א פרעמדע פאלק, אזוי ווי אירלאנד אונטער׳ן יאך פון ענגלאנד, אדער זי ליעגט אונטער די פיס פון אייגענע טיראנען, אזוי ווי רוסלאנד איז געלעגען אונטער די ראמאנאווס.

אין אמת׳ן איז אבער דער אונטערשיעד זייער גרויס — א פאלק וואס ווערט געפייניגט פון א פרעמדע טיראנישע רעגיערונג איז גלייך צו א מענשען וואס איז ארייגעפאלען אין די הענד פון א באנדע רויבער וועלכע האבען איהם געבונדען הענט און פיס און איהם געמאכט איינגאנצען הילפלאז — אזעלכער פערדיענט טאקי די סימפאטהי פון דער גאנצער וועלט. ניט אזוי איז אבער א פאלק וועלכע לאזט זיך פייניגען פון אן אייגענעם טיראן: אזא פאלק איז געגליכען צו דעם נארישען אינגעל וועלכער איז געשטאנען ביי א בוים און געוויינט: וועז מענשען זיינען צוגעגאנגען זעהן וואס טהוט זיך מיט איהם האבען זיי געפונען אז ער האלט איין ברעג שטריקעל איינגעביסען אין מויל און דער צווייטער ברעג איז ארומגעבונדען ארום א בוים און ער שטעהט און וויינט — די מעשה איז אזוי געוועזן: א צווייטער איגנעל האט געשפיעלט מיט איהם אין פערדלאך — יענער איז געוועזן דער דרייווער און ער איז געוועזן דער פערדיל — צום שלום האט יענער ארומגעבונדען זיין ברעג ארום בוים און איז אוועקגעגאנגען; דיעזער איז געשטאנען מיט זייז ברעג שטריקעל אין מויל און געווארט אימיצער זאל איהם קומען אבבינדען — די מענשען וועלכע האבען דערזעהן דיעזע סצענע האבען זיך גאנץ גוט פאנאנדערגעלאכט און אויסגעשריען: „שוטה! לאז ארויס די שטריק פון מויל און געה וואו דו ווילסט!“ דאס זעלבע קען מען אויך זאגען צו א פאלק וועלכע ווערט געפייניגט פון איהר אייגענע דעספאטישע רעגיערונג: „שוטים! מיט איין הויך פון

אייער מויל קענט איהר דאך צורייכען די קייטען און ווערען פריי!" — און אויב זיי זיינען טאקי אזעלכע שוטים אז זיי האבען דערויף קיין שכל ניט פערדיענען זיי ניט אונזער סימפאטהי.

איהר וועט אפשר זאגען עס איז ניט אזוי לייכט ווי עס רעדט זיך — די פאלק וויל טאקי זיין פריי אבער וואס טהוט מען אז די רעגיערונג האט א גרויסע ארמיי וואס איז פערטיג די פאלק צו דערטרינקען אין בלוט ווי נור זיי וועלען מאכען אן אויפשטאנד? — אבער ווער איז די ארמיי? קינדער פון דער זעלבער פאלק! ווען קינדער זיינען וויליג צו מארדען זייערע אייגענע טאטעס און ברידער כדי צופריעדענצושטעלען א בלוט־דורשטיגען דעספאט, זיינען זיי ווייטער ניט ווערט אונזער סימפאטהי.

2

די װארהייט איז אז ווען איהר זעהט א פאלק וועלכע ווערט געפייניגט פון זייער אייגענעם הערשער און זייערע אייגענע ציניאווניקעס זאלט איהר וויסען אז דאס איז א פאלק פון פייגלינגע: א פאלק וואס לעגט זיך ראקום און לאזט זיך רייטען פון א הויפען שארלאטאנעס, ווייל עס איז ניטא קיין פאלק אויף דער וועלט וואס קען זיך ניט בעפרייען פון יאך פון איהרע אייגענע דעספאטען.

מיר קענען אנווייזען אויף אייניגע פעלקער וואס האבען זיך קיינמאל ניט געלאזט פערשקלאפען פון זייערע אייגענע קעניגע אדער ציניאווניקעס — נור איך וועל ניט געהן זוכען ביישפיעלע אויף פרעמדע פעלדער: אונזער אייגענע פאלק איז דער בעסטער עקזעמפלאר פון א פאלק וואס האט ניט ערלויבט איהר קעניג צו רייטען אויף איהר. — ווען אידען האבען זיך פערוואלט א קעניג האט עס שמואל הנביא שטארק פערדראסען: ער האט מורא געהאט טאמער וועט דער קעניג פארוואנדלען דאס אידישע פאלק אין א פאלק פון שקלאפען, ווי עס איז צוגעגאנגען אין יענער צייט ביי אלע אנדערע נאציאנען. — אבער אידען האבען באלד בעוויזען אז זיי לאזען קיינעם ניט רייטען אויף זייער רוקען אפילו ניט זייער אייגענעם קעניג. ווען זייער ערשטער קעניג שאול האט זיך א מאל פערגלוסט צו טויטען זיין זון יהונתן צוליעב דעם וואס דער לעצטער האט ניט וויסענדיג עובר געווען אויף א שבועה וואס זיין פאטער האט בעשווארען זיין ארמיי, האט זיך די פאלק אויפגעהויבען און אויסגעשריען אין איין קול: „זאל יונתן וועלכער האט געבראכט אזא זיעג צו דאס אידישע פאלק שטארבען? מיר שווערען ביי גאט אז קיין האר פון זיין קאפ וועט ניט געמינערט ווערען און דאס פאלק האט געראטעוועט יונתן און ער איז ניט געטויטעט געווארען". — פונקט אזא געשיכטע האט א מאל געטראפען אין רוסלאנד. אבער בעמערקט דעם קאנטראכט: פיאטער דער גרויסער האט א מאל געווארפען אן אומ'חן אויף זיין איינציגען זוהן און האט בעשלאסען איהם צו טויטען, אבער דאן האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער פון פאלק, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, וועלכער זאל וואגען צו זאגען דעם צורייצ־

טען דעספאט אז ער טהוט ניט ריכטיג: ווען דער קעניג האט בלומרשט געשטעלט דעם אומגליקליכען זוהן פאר א געריכט האבען די ריכטער גאנץ גוט פארשטאנען דעם קעניג'ס פערלאנג און האבען שקלאפיש אויסגע־שפראכען א טויט אורטהייל איבער'ן אומגליקליכען. און די ענדע איז געווען אז דער קעניג האט איהם געטויטעט מיט די אייגענע הענד. און אפילו נאכדעם האט זיך ניט געפונען קיינער צווישען פאלק וואס זאל פראטעסטירען געגען דיעזע ווילדע טהאט.

אידען זיינען געווען די ערשטע אין דער היסטאריע וועלכע האבען גע־שיקט דעלעגאטען צו א נייעם קעניג אין דעם טאג פון זיין קרוינאציע און האבען געפאדערט געוויסע פאליטישע און עקאנאמישע רעפארמען. און ווען ער האט געגעבען א צו־להכעים'דיגען אנטווארט „אבי יסר אתכם בשוטים ואני איסר אתכם בעקרבים", האבען זיי רעוואלטירט געגען איהם און אויפגענומען אן אנדער קעניג.

און אפילו אין דעם פערלויף פון אונזער לאנגען גלות ווען מיר זיינען געלעגען ביי אנדערע פעלקער אין די הענד אויף טויט און אויף לעבען, האט זיך דאס אידישע פאלק פון דעסטוועגען ניט געלאזט פערשקלאפען. — אייך איז געווים בעוואוסט אז אין די צייטען פון מיטעל־אלטער איז געווען איינגעפיהרט אין יעדע לאנד א געוויסע עקאנאמישע סיסטעם וועלכע ווערט אנגערופען אין דער היסטאריע „פעדאליזם", אדער אין פוילישע „פאנסציזנע" — לויט דיעזען סיסטעם איז דאס גרעסטע טהייל פון די פראסטע פאלק געווען פערשקלאפט צוי אייניגע שררות. — נאכ'ן שכל נאך וואלט אויסקומען אז אידען האבען געדארפט זיין די ערשטע שקלאפען, ווייל זיי זיינען דאך געווען שכנים אין יעדע לאנד, זיי האט מען דאך פיינד געהאט איבעראל, און זיי האבען דאך ניט געהאט ווער עס זאל זיך פאר זיי אננעהמען — אבער דער פאקט איז אז איהר קענט ניט געפינען קיין איין מדינה וואו אידען זאלען האבען געווען פערקויפט צו אירגענד וועלכען פריץ אלס שקלאפען אדער אז א פריץ זאל מאכען אן ערנסטען פערזוך צו פערשקלאפען זיינע אידען — ווייל די אידען־פרעסער פון אלע דורות פיהלען אינסטינקטיוו אז א איד וועט זיך בעסער לאזען טויטען איידער פערשקלאפען.

די אידישע תורה האט אויך שטארק פיינד געהאט א מענשען וואס לאזט זיך פערשקלאפען — ווען א קנעכט האט ניט געוואלט ארויס פריי ווייל ער האט געזאגט „אהבתי את אדוני", האט די תורה געהייסען צו בויערען זיין אויער צום טהיר, וכמו שאמר ר' יוחנן בן זכאי: אוזן ששמעה על הר סיני, כי לי בני ישראל עבדים והלך וקנה אדון לעצמו תרצע.

3

פונקט פערקעהרט איז געווען דער פאליטישער צושטאנד אין מצרים — דארטען זיינען די פאלק געווען אמת'ע שקלאפען צו זייערע אייגענע טיראנען — דער פאליטישער סיסטעם פון מצרים איז געווען א קייט פון

שקלאפעריי — די פאלק זיינען געווען שקלאפען ביי דער ביוראקראטיע, ד. ה. ביי די בעאמטע וואס פרעה האט אוועקגעשטעלט, און די בעאמטע, אפילו די העכסטע פירסטען און מיניסטארען זיינען געווען שקלאפען צו פרעה'ן. — איהר וועט בעמערקען א וואונדערבארען פאקט אז אין די גאנצע געשיכטע פון די שקלאפעריי אין מצרים וואס פערנעהמט אין דער תורה גאנצע פיער סדרות ווערט אין קיין ארט ניט בענוצט דער אויסדרוק „שרי פרעה" (כמו שנאמר אצל אחשורוש, „שרי המלך" „לכל שריו ועבדיו" וכו') נור עס ווערט איבעראל געזאגט „עבדי פרעה", ווייל זאגאר די העכסטע בעאמטע פון מצרים זיינען געווען שקלאפען ביי פרעה. (ולפי זה יובן היטב הפתגם הידוע „מבית עבדים" האמור כמה פעמים אצל זכירת יציאת מצרים, שר"ל מבית המצריים שגם הם היו עבדים, ואתם הייתם עבדים לעבדים — וזהו ג"כ כוונת חז"ל בביאורם: „עבדי הם ולא עבדים לעבדים, וד"ל).

און אז די מיניסטארען אליין זיינען געווען ניט מעהר ווי „עבדים" טא וואס איז שוין געווען דאס פראסטע פאלק? זיי זיינען איינפאך געווען פערד אויף וועלכע פרעה און זיינע שקלאפישע בעאמטע זיינען געריטען — און אזוי געפינען מיר טאקי אין אונזער פרשה: „ויהפך לבב פרעה ועבדיו (ר"ל שריו) אל העם ויאמרו מה זאת עשינו" — דער ישוב הדעת אויב מען זאל נאכיאגען די אידען אדער ניט איז נור געווען צווישען פרעה און זיינע מיניסטארען. אבער דאס פאלק האט ער געהאלטען גלייך מיט זיינע פערד, ווי דער פסוק זאגט עדות: „ויאסור את רכבו ואת עמו לקח עמו" — אזוי גוט ווי ער האט איינגעשפאנט זיינע פערד ניט פרעגענדיג ביי זיי אזוי האט ער גענומען דאס פאלק (לקח עמו) ניט אנפרעגענדיג ביי זיי. (העם לא רצה לרדוף אחרי בני ישראל מחמת שכבר הכירו במצרים שה' נלחם להם, וכן מעיד הכתוב שאמרו: „אנוסה מפני בני ישראל כי ה' נלחם להם במצרים", שהמלה „במצרים" אין לה ביאור, ולזה הוכרחו חז"ל לאמר, שהמצרים ראו שכשם שהם טובעים בים כן גם אותם שנשארו במצרים הוכו שם ג"כ ביד ה' — אבל לפי פשוטו הביאור, אנוסה מפני בני ישראל כי גם במצרים כבר ראינו שה' נלחם להם. — אבל מתי הרהיבו עוז בנפשם לאמר זאת בעת שהיו טובעים בים, ולא בעת שלקח אותם פרעה נגד רצונם).

4

יעצט קענען מיר שוין פערשטעהן דעם צוועק פון דערטרינקען די מצריים אין ים־סוף — פראסטע מענשען דיינקען אז דער איינציגער ציעל איז געווען נקמה — ביי גאט איז ניטא קיין נקמה אהן א העכערען ציעל; פערקעהרט מיר געפינען אז גאט האט שטארק רחמנות געהאט אויף די מצריים ווען זיי האבען זיך געראנגעלט מיט די וועללען פון ים. (כמו שאמרו חז"ל שבעת שבקשו המלאכים לאמר שירה, אמר, מעשי ידי טובעים בים ואתם מבקשים לאמר שירה) — דער אמת איז אז גאט האט געוואלט איינמאל פאר אלעמאל בעווייזען די גאנצע וועלט דאס אזוי גוט ווי ער האט פיינט די דעספאטען וועלכע ווילען רייטען אויף א פאלק אזוי

האָט ער אויך פיינט אַ פאָלק פון פייגלינגע וועלכע לאָזען אויף זיך רייטען!

יעצט ערשיינט אַ נייע ליכט אויף די פסוקים פון שירת הים וועלכע איך האָב גענומען אַלס טעקסט פון דיעזע דרשה. — משה האָט זיך ניט געפרעהט וואָס די אונשולדיגע פיער־פיסיגע פערד טרינקען זיך אין ים: די ווערטער „סוס ורוכבו" זיינען אַ הויך פּאַטישע מליצה אויף די דעס־פּאָטען פון איין זייט און די טרוסען (פייגלינגע) פון דער אַנדערער זייט, אין וועלכע די אַלטע עגיפּטישע פאָלק איז געווען צוטיילט. — זאָגט משה: „אשירה לה׳ כי גאה גאה", איך זינג צו גאָט וועלכער זייענדיג זעלבסט גרויס (גאה) האָט ער אויך געוואָלט אריינגעבען אביסעל גרויסקייט און שטאָלץ אין די מענשהייט (גאה) און צו דיעזען צוועק „סוס ורוכבו רמה בים!" דעם צוויי־פיסיגען פערד, דאָס הייסט דעם שקלאַף, און זיין רייטער, דאָס הייסט דעם דעספּאָט, דעם שקלאַפען־טרייבער, ביידען האָט ער אריינ־געוואָרפען אין ים, ווייל ביידע צוגלייך זיינען ביי איהם פערהאַסט.

5

דער לעסאָן האָט ניט איינגאַנצען געווירקט. די צוויי־פיסיגע פערד און זייערע רייטער זיינען ניט אינגאַנצען אויסגעגאַנגען פון דער וועלט, ווייל עס זעהט אויס דאָס עס איז איינגעזאַפּט אין די בלוט פון מענשען אַז געוויסע פון זיי זאָלען זיין פערד און אַנדערע פון זיי זאָלען זיין רייטער.

געדיינקט איהר ווען מיר זיינען געווען קינדער אין חדר און מיר האָ־בען זיך געשפּיעלט אין פערדלאַך, זיינען געווען געוויסע קינדער וועלכע האָבען געוואָלט ניט אַנדערש זיין די פערדלאַך און אַנדערע האָבען דוקא געוואָלט זיין דרייווערס. — דיעזע נאַטור פערבלייבט אויך ביי די זעלבע קינדער ווען זיי ווערען גרויס — איהר וועט גאַנץ אָפט זעהן ווי אַז אימיגראַנט קומט אריבער אין אַמעריקא אָהן אַ סענט און אין פערלויף פון אייניגע יאָהר ווערט ער אַז ארביים־געבער אַדער ווי מען רופט עס אין דיעזע לאַנד אַ „באָסס" — מעגט איהר זיכער זיין אַז דיעזער איז קליינערהייט ניט געווען קיין פערדיל נור אַ דרייווער... און אַ מאָל וועט איהר זעהן פערקעהרט, מענשען וואָס זיינען קלוג און טאַלאַנטפאָל און אַ מאָל בעזיצען זיי אויך אַ רעכט ביסעל קאַפּיטאַל, און דאָך בלייבען זיי ארבייטער ביי אַן אַנדערען דעם גאַנצען לעבען, זאָלט איהר וויסען זיין אַז דיעזע מענשען זיינען קליי־נערהייט אימער געווען די פערדלאַך... עס זיינען פאַראַן פּראָסטע פערד וואָס פיהרען זאַמד און שטיינער און עס גיבען גוטע פערד וואָס געהען אַנגעטאָן אין זילבערנע שפּאַן־געצייג און נעבטיגען אין פּראַכטפאָלע שטאַ־לען וואָס זעהען אויס ווי פּאַלאַצען, אָבער פערד בלייבען זיי אַלענפאַלס — אַזוי זיינען אויך פאַראַנען ארבייטער וואָס ליגען טיעף אין דר׳ערד אין די קוילען־מינען און קריגען ווייזשעס וואָס איז געגוג נור אויף לחם צר ומים לחץ, און עס זיינען פאַראַן ארבייטער וואָס קריגען פופציג טויזענד

טאַלער אַ יאָהר. אָבער ביידערליי זיינען קליינערהייט געווען פּערדלאַד און זייערע חברים האָבען זיי אַנגעטריבען...

אָבער הגם דער לעסאָן פון יציאת מצרים האָט ניט אײנגאַנצען גע־ווירקט אויף דער וועלט איז דאָך די מענשהייט געוואָרען פיעל פרייער ווי אין יענע אוראַלטע צייטען — די דעספּאָטען זיינען געוואָרען אַביסעל ווייכער און די צוויי־פיסיגע פערד זיינען געוואָרען אַביסעל קליגער. אין אונזער צייט מוז אפילו דער גרעסטער דעספּאָט זיך רעכענען מיט'ן ווילען פון פאָלק און דאָס האָט די וועלט צו פערדאַנקען די וואונדערבאַרע דראַמאַ וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אַ מאָל אויף די ברעגען פון ים־סוף. די מענש־הייט האָט איינגעזעהן אַז גאָט האָט פיינד ביידען צוגלייך, דעם צוויי־פיסי־גען פערד אַזוי גוט ווי זיין רייטער.

יעצט קענען מיר שוין פערשטעהן וואָרום משה האָט אויסגעקליבען דעם לשון „רמה" וואָס מיינט ביידע זאַכען „וואַרפען" און „ערהויבען" אַנצו־ווינקען אַז דורך דעם וואָס גאָט האָט „אַריינגעוואָרפען" די מצריים אין ים האָט ער דערהויבען די גאַנצע מענשליכע ראַסע צו אַ העכערע מדרגה פון מענשליכען שטאַלץ — „סוס ורוכבו רמה בים!" — די פערד און די רייטער פון אַלע צייטען און פון אַלע ערטער האָט ער דערהויבען צו אַ העכערע מדרגה דורך די עפּיזאָדע פון ים־סוף.

6

גאָט נעהמט קיינעם ניט ארויס פון שקלאַפעריי צו פרייהייט סיידען דער שקלאַף זעלבסט מאַכט פריהער אַן ערנסטען פערזוך ארונטער צו וואַר־פען פון זיך די קייטען — און אַזוי געפינען מיר טאַקע אין דער זעלבער פּרשה פון דיעזען שבת: מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו! — וואָס זיינען דאָס פאַר ווערטער? אַז די אידען געפינען זיך נעבאַך אין אַזאַ צרה. גדר מזה וגדר מזה. פון איין זייט די מצריים און פון אַנדערען זייט דער ים. און משה שרייט נעבאַך צו גאָט. זאָגט גאָט: וואָס שרייסטו צו מיר? רייד צו די פאָלק און זאָלען זיי געהן פאָרוועדטס! — דער תירוץ איז אַז אפילו אין די גרעסטע עת צרה וואָס קען קומען אויף אַ מענשען טהוט גאָט ניט קיין נסים סיידען דער מענש אַליין פאַנגט אָן עטוואָס צו טהאָן פאַר זיך — „מה תצעק אלי", וואָס פערלאָזסטו זיך בלויז אויף מיר. „דבר אל בני ישראל ויסעו", זאָלען זיי אָנפאַנגען צו געהן, אפילו אין ים, נאָכדעם וועל איך זיי העלפען.

יעצט ווערט קלאָהר פאַר אונז דער צווייטער פּסוק פון אונזער טעקסט: „עזי וזמרת יה" — מיין איינענע קראַפט מיט מיין תפלה צו גאָט (רינה זו תפלה). ביידע צוזאַמען האָבען גורם געווען „ויהי לי לישועה". ד. ה. גאָט האָט מיר געהאָלפען נור דאַן ווען איך האָב צוזאַמען מיט מיין תפלה אויך אַרויסגעוויזען מיין איינענעם קוראַזש.

חומר לדרוש.*)

פרשת בשלח

אגדות חז"ל

ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים. למה מפני שטעו שבטו של אפרים ויצאו ממצרים עד שלא שלם הקץ ונהרגו מהם שלשים רבוא וכו' והיו עצמותיהן שטוחין בדרך חמרים חמרים, שכבר עברו עליהן שלשים שנה, אמר הקב"ה אם יראו ישראל עצמות אחיהן שטוחין בדרך יחזרו למצרים, משל למהד"ד למלך שנשא אשה במדינה אחרת וביקש להוליכה למדינתו, הושיבה באפריון ולא הספיק ליכנס למדינה עד שמתה אשתו וקברה על פתח המדינה, אח"כ נשא אחותה, אמר המלך הריני מסבבה שלא תראה קברה של אחותה ותחזור לה. כך אמר הקב"ה מוטב שיהיו ישראל מסבבין את הדרך כדי שלא יראו עצמות אחיהם מושלכין בדרך ויחזרו למצרים וכו' והלא דברים ק"ו, מה אם קץ שעבוד אבותינו שהוא מפורש טעו בחשבונו ויצאו מקודם ונכשלו, קצנו שכתוב בו, „כי סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ" על אחת כמה וכמה שטועין המחשבין, מכאן אמרו, תיפח דעתן של מחשבי קצין (סנהדרין צ"ז).

ויקח משה את עצמות יוסף עמו — להודיע חכמתו וחסידותו של משה שכל ישראל עוסקים בביזה ומשה עוסק במצות עצמות יוסף. ומשה היכן היה יודע קבר יוסף? אמרו סרח בת אשר נשתיירה מאותו הדור, והיא הראה למשה קבר יוסף, אמרה, במקום הזה עשו לו מצריים ארון של מתכת ושקעוהו בתוך נילוס. בא ועמד על נילוס ונטל צרור וזרק לתוכו וצעק: יוסף! יוסף! הגיעה השבועה שנשבע הקב"ה לאברהם אבינו לגאול את בניו, תן כבוד לה' אלהי ישראל ואל תעכב גאולתנו, מיד צף ארונו של יוסף ונטלו משה. עם ארונו של יוסף היו הארון והשכינה וכו' והיו עוברים ושבים אומרים מה טיבו של שני ארונות הללו? וחם אומרים להם זה ארונו של מת וזה ארונו של חי העלמים. ושואלים, מה טיבו של מת להלוך עם ארון חי העולמים? ואומרים להם, המונח בארון זה קיים מה שכתוב במונח בארון זה — במונח בארון זה כתיב: אנכי ה' אלהיך, וביוסף כתיב: התחת אלהים אני, במונח בארון זה כתיב: לא יהיה לך אלהים אחרים, וביוסף כתיב: את האלהים אני ירא (מכילתא בשלח פ"א).

ויהפך לבב פרעה ועבדיו אל העם. אמרו אילו לקינו ולא שילחנו כדי הוא, אילו לקינו ושילחנו ולא היו נוטלין ממוננו כדי הוא לנו, אלא לקינו

---

*) **הערה** — מכאן ואילך החומר לדרוש יהיה כלו מענין פרשת חשבוע ולא מענין המתעמא של הדרשה הקודמת. — חשנוי הזה נעשה לבקשת רבים מן הקוראים.

ושילחנו ונטלו ממוננו. — משל למהד"ד לאחד שאמר לעבדו צא והבא לי דג מן השוק, יצא והביא לו דג מבאיש, א"ל בגזרה או תאכל הדג או תלקה מאה מכות או תתן לי קנס מאה מנה, א"ל הריני אוכל. התחיל לאכול ולא הספיק לגמור עד שאמר הריני לוקה, לקה ששים ולא הספיק לגמור עד שאמר הריני נותן מאת מנה. נמצא אוכל את הדג המבאיש ולוקה ונותן מאה מנה. כך נעשה למצריים, לקו, ושילחו, וניטל ממונם (מכילתא בשלח פ"א).

ויקח שש מאות רכב בחור. — משל מי היו (הסוסים) ? אם תאמר משל מצרים, והלא כבר נאמר וימת כל מקנה מצרים, ואם תאמר משל פרעה, והלא כבר נאמר וגם מקננו ילך עמנו. אלא משל הירא את דבר ה' מעבדי פרעה. הרי למדנו שהירא את דבר ה' גם הם היו תקלה לישראל, מכאן אמרו טוב שבמצרים הרוג, טוב שבנחשים רצוץ את מחו (תנחומא).

ויצעקו בני ישראל אל ה' — שתי ירושות הנחיל יצחק לשני בניו, הנחיל ליעקב הקול, וכן הוא אומר הקול קול יעקב, והנחיל לעשיו הידים שנאמר והידים ידי עשו. עשו היה מתגאה בירושתו שנאמר, לא תעבור בי פן בחרב אצא לקראתך, ויעקב מתגאה בירושתו שנאמר ונצעק אל ה' אלהי אבותינו, ולעתיד לבוא שניהם נוטלין שכרן, עשו נוטל שכרו שנאמר, כי רותה בשמים חרבי על אדום תרד, ויעקב נוטל שכרו שנאמר, עוד ישמע במקום הזה וגו' קול ששון וקול שמחה (שמות רבה פ' כ"א א').

ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל וילך מאחריהם — ר' יהודה אומר, משל למהד"ד לאחד שהיה מהלך בדרך והיה מנהיג את בנו לפניו, באו לסטים מלפניו ורצו לשבותו, נטלו מלפניו ונתנו לאחריו, באו לסטים מלפניו וזאבים מאחוריו, נטלו ונתנו על זרועותיו, התחיל הבן מצטער מפני החמה, פרש עליו אביו בגדו, רעב האכילו, צמא השקהו, כך עשה הקב"ה, כמשה"כ, ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותי ולא ידעו כי רפאתים, הצטער מפני החמה פרש ענן למסך ואש להאיר לילה, הרעיב האכילו, כמש"נ הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, הצמא השקהו מים, כמש"נ ויוציא נחלים מסלע (מכילתא).

ויבואו בני ישראל בתוך הים — ר"מ אומר בלשון אחד ור"י אומר בלשון אחר, ר"מ אומר כשעמדו שבטים על הים זה אומר אני יורד תחילה לים וזה אומר אני יורד תחילה לים, מתוך שהיו עומדין וצווחין קפץ שבטו של בנימין וירד לים תחילה, שנאמר שם בנימין צעיר רודם וכו' ומה שכר נטל בנימין שירד לים תחילה ? השרה שכינה בחלקו וכו' ר' יהודה אומר בלשון אחר, כיון שעמדו שבטים על הים זה אומר אין אני יורד תחילה לים וזה אומר אין אני יורד תחילה, מתוך שהיו עומדין ונוטלין עצה קפץ נחשון בן עמינדב ונפל לים, עליו הכתוב אומר הושיעני ה' כי באו מים עד נפש, מיד אמר הקב"ה ואתה הרם את מטך (מכילתא).

סום ורוכבו רמה בים — הקב"ה מביא סוס ורוכבו ומעמידם לדין ואומר לסוס, למה רצת אחרי בני ? והוא עונה, מצרי הריצני בעל כרחי, ואומר למצרי, למה רצת אחרי בני ? והוא אומר, הסוס הריצני בעל כרחי. מה עושה הקב"ה ? מרכיב את המצרי על הסוס ודן אותם יחד. שאל אנטונינוס את רבנו הקדוש, גוף ונשמה יכולין לפטור עצמן מן הדין. כיצד ? גוף אומר נשמה חטאה, שמיום

שפירשה ממני הריני מוטל כאבן דומם בקבר, ונשמה אומרת גוף חטא, שמיום שפירשתי ממנו הריני פורחת באויר כצפור. א"ל רבי לאנטונינוס אמשול לך משל למהד"ד למלך בו"ד שהיה לו פרדס נאה והושיב שם חיגר וסומא וכו' הרכיב חיגר על גבי הסומא והענישן ביחד, אף הקב"ה מביא נשמה וזורקה בגוף ודן אותן כאחד (סנהדרין צ"א).

ויבוא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים — מה כתיב לפניו? היש ה' בקרבנו אם אין, ומיד, ויבוא עמלק וכו' וכי מה ענין זה אצל זה? משל לתינוק שהיה רכוב על כתפו של אביו וראה חברו של אביו, א"ל ראית את אבא? א"ל אביו, אתה רוכב על כתפי ואתה שואל עלי! הריני משליכך ויבוא השונא וישלוט בך, כך אמר הקב"ה לישראל, אני נשאתי אתכם על ענני כבוד ואתם אומרים היש ה' בקרבנו, לפיכך יבא השונא וישלוט בכם, הוי „ויבוא עמלק".

אמר ר' חנינא, דבר זה שאלתי את רבי אלעזר שהיה יושב במתיבתא רבא, מהו רפידים? א"ל וכו' אין רפידים אלא רפיון ידים, לפי שרפו ידיהם מדברי תורה לכך בא השונא עליהם, שאין השונא בא אלא על רפיון ידים מן התורה. (בכורות ה').

והיה כאשר ירים משה ידיו וגבר ישראל וגו' — וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה? אלא כ"ז שמגביה ידיו כלפי מעלה היו מסתכלין כלפי מעלה והקב"ה עושה להם נסים — כיוצא בו, והביט אל נחש הנחושת וחי, וכי נחש ממית ומחיה? כ"ז שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה וכו' — כיוצא בו, והיה הדם לכם לאות, וכי מה הדם מהני למלאך או לישראל? אלא כ"ז שהיו ישראל מקיימים צוויו של הקב"ה, ה' חס עליהם ומצילם (מכילתא).

מלחמה לה' בעמלק מדור דור — ר' לוי בשם ר' חמא בר חנינא, כ"ז שזרעו של עמלק חיים בעולם לא השם שלם ולא הכסא שלם, שנאמר כי יד על **כס יה**, אבד זרעו של עמלק השם שלם וכסאו שלם, שנאמר האויב תמו חרבות לנצח וערים נתשת אבד זכרם המה, מאי כתיב בתריה, וה' לעולם ישב כונן למשפט כסאו (ילקוט שמעוני רמז רפ"ח).

אָשירה לה' כי גאה גאה — מתגאה הוא על המתגאים, שבמה שאומה"ע מתגאים לפניו בו הוא נפרע מהם, וכן אתה מוצא במצרים שבמה שנתגאו לפניו בו נפרע מהם, שנאמר ויקח שש מאות רכב בחור, מה כתיב בתריה, מרכבות פרעה וחילו ירה בים (מכילתא). וכן אתה מוצא בשמשון הגבור, במה שנתגאה בו נפרע, שנאמר אותה קח לי כי היא ישרה **בעיני**, מה כתיב בתריה, ויאחזוהו פלשתים וינקרו את **עיניו**, וכן אבשלום בשביל שנתגאה בשערו נתלה בשערו (שם, ויל"ש).

והישר בעיניו תעשה — זה משא ומתן, מלמד שכל מי שנושא ונותן באמונה רוח הבריות נוחה הימנו ומעלין עליו כאלו קיים את כל התורה כולה. (מכילתא).

הנני ממטיר לכם וגו' דבר יום ביומו — מי שברא יום ברא פרנסתו, מכאן היה ר"א המודעי אומר, כל מי שיש לו לאכול היום ואומר מה אוכל למחר הרי זה מחוסר אמונה (מכילתא). כיוצא בו כתיב מי פלג לשטף תעלה א"ר יהושע דסכנין בשם ר' לוי, בערביא קורין לשער שטפא, שכל שער ושער שבאדם

ברא לו מעיין בפני עצמו וכו' ומה אם כל שער ושער ברא לו הקב"ה מעיין בפני עצמו שיהא שותה ממנו אתה שאתה אדם ובניך מתפרנסין על ידך לא כ"ש שהזמין לך הקב"ה פרנסה (תנחומא).

עומר לגולגולת מספר נפשותיכם — תניא ר' יוסי אומר, כשם שהנביא היה אומר להם לישראל מה שבחורים ובסדקים כך המן אומר להם מה שבחורים ובסדקים. כיצד? שנים שבאו לפני משה לדין, זה אומר עבדי גנבת וזה אומר אתה מכרתו לי, א"ל משה לבוקר משפט, למחר אם נמצא עומר בבית רבו הראשון בידוע שזה גנבו, נמצא עומר בבית רבו שני בידוע שזה מכרו לו (יומא ע"ה).

ליקוטים ממבחר הדרוש.

כי גאה גאה

אשירה לה' כי גאה גאה סוס ורוכבו רמה בים — נראה בענין כפל הלשון של „גאה גאה" משום דזאת ידוע שהמצריים הם גאים מאד, כדכתיב, לכן קראתי לזאת רהב וכו' וסוסים ג"כ מתגאים, כדאיתא בפסחים (ק"ג ע"ב) ששה דברים נאמרים בסוס, ואחת מהם „ורוחו גסה", וכשרכב המצרי על הסוס היו שני גאים, בעל גאוה על בעל גאוה, מה עשה הקב"ה רמה את שניהם בים, וזהו שאמר: אשירה לה' כי גאה גאה סוס ורוכבו וגו', ר"ל את שני הבעלי גאוה, את הסוס ואת רוכבו, רמה בים (מהרש"א).

אמר אויב ארדוף אשיג

אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל תמלאמו נפשי אריק חרבי תורישמו ידי — ויש להתבונן דלכאורא אמר שלא כסדר, דהלא מתחילה צריך לנצח במלחמה ואח"כ ישאר המחנה לשלל, וא"כ היה צ"ל בתחילה אריק חרבי ואח"כ אחלק שלל! וכעין זה ג"כ קשה בפ' בא כששאל פרעה למשה מי ומי ההולכים, השיב לו משה „בנערינו ובזקננו נלך בבנינו ובבנותינו", גם שם קשה דהשיב שלא כסדר, שהקדים נערים לזקנים, והיה צ"ל להיפך „בזקננו ובנערינו נלך". — אך הענין הוא כן, דהדרך הוא בהולכי מדבריות שיראים פן תבוא מלחמת שודדים נגדם, לזאת הם משימים הצעירים בראשונה, שהם מלאים כח עלומים ויוכלו לדבר את אויבם בשער, ואחריהם ילכו הזקנים ואחריהם הטף, ולבסוף ילכו הצאן והבקר, לכן הקדים משה בתשובתו הנערים בראשונה ואחריהם הבנים והבנות ולבסוף הצאן והבקר. — ועתה נכון מה שאמר פרעה כשרדף אחריהם ובא מאחריהם, בתחילה אחלק שלל (מן הצאן והבקר) מחמת שהם הלכו לבסוף ישיג אותם תחילה, אח"כ תמלאמו נפשי, ר"ל מן הבנים ובנות, ואח"כ אריק חרבי על הצעירים ההולכים בראש המחנה. (בשם הגאון ר' משה יצחק מפאניוועז).

ולא ירא אלהים

ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים. ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק וגו' — ואמרו ע"ז במד"ר, למה יהושע? א"ל זקנך אמר „את האלהים אני ירא" ובזה כתיב „ולא ירא אלהים" יבוא בן בנו של זה שאמר את האלהים אני ירא ויפרע ממי שנאמר עליו „ולא ירא אלהים". — ושמעתי מהגאון מו"ה צבי הירש נ"י מ"מ ומ"ץ דק"ק ווילנא שהמתיק דברי המדרש הזה כמין חומר — דהדרך הוא כששני מלכים נלחמים זה בזה יראה כל אחד מהם לדעת את תכסיסי מלחמה של חברו, היינו חיילותיו וכלי מלחמתו וכו' למען יוכל לעשות גם הוא כמוהו ויוכל לעמוד כנגדו, והנה התורה אמרה דכלי זיינו של עמלק היה „ולא ירא אלהים", דאין לך אויב יותר מסוכן מן האיש שאין לו אמונה דאחר שאין לו ממי לירא אין מעצור לרוח תאותו ואכזריותו, אחרי דלפי מחשבתו לית דין ולית דיין, כמו שאמר אברהם אבינו לאבימלך: כי אמרתי רק אין יראת אלהים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי, ואמרו חכמי המוסר דאלף מושכלות ידחו מפני תאוה אחת, ורק יראת אלהים תוכל לעצור את האדם מזה. — ואחרי שכן הוא, אולי יאמרו ישראל, גם אנחנו נחזיק בכלי זיינו, דהיינו לעשות נגדו כל התועבות ואכזריות שבעולם, שבאם לאו מי יודע אם נוכל לעמוד נגדו, לזאת למד אותנו מרע"ה שלא כן הדבר, וחלילה לנו להחזיק בכלי זיין של עמלק והיא לא תצלח בידינו, אבל להיפך, אנחנו בני ישראל צריכין להתנהג בכל מקום ובכל זמן, אפילו באמצע המלחמה ביראת שמים ובמדות נכונות ורק אז נצליח, כמו שאמר הכתוב, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך. — וזהו שביאר לנו המדרש, באמרו: יבא בן בנו של זה שאמר את האלהים אני ירא, ויפרע ממי שנאמר עליו ולא ירא אלהים, להורות להם ולדורות הבאים אחריהם דדוקא אם ילכו בכלי זיינם של עצמם, היינו ביראת אלהים יכריעו תחתם את האויבים ההולכים בכלי זיין של „ולא ירא אלהים", שלכאורה הכלי זיין של אויבינו מסוכן ביותר כנ"ל, אבל אם אנחנו נלך בשם ה', הוא ית' יכריע את אויבינו תחתנו, וד"ל. (קהלת יצחק).

באופן אחר

ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק — (מדרש) למה יהושע? יבא בן בנו של מי שאמר את האלהים אני ירא (יוסף) ויפרע ממי שנאמר עליו ולא ירא אלהים. וקשה הלא בכל ישראל נאמר, ויראו העם את ה', ומדוע יפול עמלק דוקא ביד זרעו של יוסף? — והנראה כי באו חז"ל להשיב בזה על מה שיש לשאול לכאורה במה שהאשים הכתוב את עמלק ואמר עליו ולא ירא אלהים, מי זה אמר אשר הנכרי אשר לא מזרע ישראל הוא מחויב להיות ירא אלהים עד שתהיה שלילות היראה נחשב לו לעון וחטא? ותשובת המדרש ע"ז יובן היטב ע"פ משל: שני אחים היו בעיר אחת, אחד עשיר ואחד עני, והיה העשיר מפרנס את העני ומספיק לו כל מחסוריו במאכלים ומשקים ומלבושים וכדומה, והיה דרכו לתת לאחיו העני המלבוש אשר הפשיט מעצמו אחרי בלותו, אבל כאשר לבש העני את המלבוש איזה ימים, ראה אותו העשיר והנה המלבוש תלוי עליו כעל בול עץ והכפתורים חסרים ולבו מגולה, וכאשר

שאל אותו העשיר על זאת, התנצל העני ויאמר, מה אעשה אחי כי נתת לי המלבוש אחרי אשר כבר הושחת ואין בו קרסים לחבר את שוליו. ויגמור העשיר בלבו לבחון את אחיו ולנסותו. ויקחהו וילך עמו אל סוחר בגדים אחד, ולקח אצלו ממין אחד שני מלבושים, אחד בעבורו והשני בעד אחיו. אחר ימים אחדים פגע העשיר עוד הפעם את אחיו והנה המלבוש החדש ג"כ בלי כפתורים, ולבו מגולה כקדם, ויהי העשיר מתווכח עמו לאמר, הבט נא וראה, כי עתה נלקחו הבגדים ביום אחד, ובכל זאת אותו שאני לבוש בו עוד יפיו בו כקדם ואותו שאתה לבוש בו נשחת מבגד תארו. ויען העני בשחוק ויאמר, האם רצונך לשנות חקי הטבע? הלא זהו חק הטבע של העני להיות בגדו מפולש ומשחת המראה! העשיר לא השיב דבר באותה שעה וילך לו. — ויהי היום והיו שניהם על סעודת נשואים, והיה הבדחן מתחפש בדמות עני במלבושיו ובכל תנועותיו לבדח את הקרואים, והציץ בו העשיר הנ"ל וירא והנה שוליו מחוברים בקרסים כראוי, אז אמר אל העני, עתה אין לך תשובה, כי הבדחן הזה מתחפש עתה בדמות עני בכל הדברים ובכל זאת בנפי כסותו מחוברים, ומוכח מזה כי גם העני האמתי מתנהג כן, שכן דרך המתחפש לחקות את כל המעשים והתנועות של אותו שהוא מחקה. — הנמשל, הכתוב האשים את עמלק ואמר עליו: „ולא ירא אלהים", וכדי שלא יתנצל ויאמר, כי הנכרי אינו מחויב להיות ירא אלהים, הביא את יוסף להיות מכריע בענין הזה, שמציגו את יוסף שהיה מתנכר לאחיו במצרים ומתחפש לפניהם בדמות נכרי עד שלא היה מדבר עמהם כי אם ע"י מליץ, ובכל זאת לא נצר על דל שפתיו מלאמר „את האלהים אני ירא", ואם היה משפט הנכרי שלא להיות ירא אלהים, הלא היה ירא יוסף להוציא דברים כאלה מפיו פן יכירוהו אחיו ליהודי אם לא כי גם הנכרי מחויב להיות בו יראת אלהים, וא"כ מגיע עונש לעמלק. — ועתה מובן המדרש, יבא בן בנו של אותו שאָמר, את האלהים אני ירא ויפרע מאותו שנאמר בו ולא ירא אלהים, והבן (אוה"י).

ויאמרו לאמר

ויאמרו לאמר אשירה לה' וגו' — צריך להבין כפל הלשון. ונראה לי כי ענין השירה תוכל להיות על הצלת עצמם וגם תוכל להיות על שנתגדל שמו הגדול של הקב"ה, ומספר הכתוב כי קודם שהתחילו לשיר אמרו איש אל רעהו שיאמר כל אחד קודם שמתחיל לשיר: „אשירה לה' וגו'" (ולא על הצלת עצמו) — על דרך שנוהגים רבים לאמר קודם עשיית מצוה „לשם יחוד", שמיוחד המעשה רק לכבוד הקב"ה, כן הדבר הזה (כתב סופר).

ומטה האלהים בידי

ומטה האלהים בידי — במדרש אמר, מטה זה בידי שאמר הקב"ה יהיה בידך לעולם, עכ"ל. — והוא תמוה, מה רצה בזה ומה כוונתו? ונראה לי דקשה לו למה היה לו למשה מטה כיון שלא עשה בו כלום? וביאר שהמטה הזה המדובר בו כאן איננו מטה ממש אלא משל על האמצעי שנצח בו את עמלק, ומה היה האמצעי? תפילה! ובאיזה אופן היתה התפילה בענין הזה? שהיה משה פורש את ידיו לשמים, כמו שמעיד הכתוב: „והיה כאשר ירים משה את ידיו וגבר ישראל", וכמו שאמרו חז"ל וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות

מלחמה? אלא כל זמן שמסתכלין כלפי מעלה וכו'. — ועתה יובן המאמר „ומטה האלהים בידי" שהוא בדרך מליצה כאילו אמר: „הכח להכות את עמלק בעזרת השם הוא מונח בידי" (והיה כאשר ירים משה את ידיו וגו'). — ועתה יזהירו דברי המדרש באור בהיר: „מטה זה בידי שאמר הקב"ה יהיה בידך לעולם". כי המטה הממשי שעשה בו משה את האותות לפני פרעה היה רק לפי שעה, אבל המטה המליציי הזה ר"ל התפילה יועיל לנו לעולם בכל עת ובכל מקום שנפרוש ידינו לשמים. וד"ל. (תמצית דברי כתב סופר).

ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים

נ"ל להתנצל בעד משה על שלא הלך בעצמו במלחמת עמלק אבל שלח את יהושע. ובמדרש תמה על זה. ונראה לי שרצה משה להגדיל הנס בעיניהם לכן עמד מרחוק כדי שלא יאמרו מחמת שמשה חכם ומלומד בתכסיסי מלחמה (שנתגדל בבית המלך וכן דרך מלכים שמלמדים את ידי בניהם לקרב) ויחשבו שנצח את עמלק בדרך הטבע, ולכן התחכם מרע"ה ושלח את יהושע שלא ראה מלחמה מעודו, למען יכירו כי ה' הוא איש מלחמה והוא המכריע קמיהם תחתיהם. — ואולי זהו ג"כ טעם לקחו את מטה האלהים אתו, כי בני ישראל הורגלו להביט על מטה האלהים שעשה בו משה את כל האותות כאלו היה בו איזה סגולה טבעית לנצח במלחמה (ואולי במשך הימים היו עושים את המטה לאלוה), לכן הראה אותם שלא הוא בעצמו ולא המטה נוצחים במלחמה, כמ"ש: מחר אנכי נצב על ראש הגבעה (הרחק מן מקום המערכה) וגם מטה האלהים יהיה בידי, ולא יוכל להיות לכם שום תועלת במלחמה, ובכל זאת תנצחו את האויב למען תדעו כי לה' המלחמה. — ואולי זהו גם כן טעם שכשעברה המלחמה בנה משה מזבח וקרא שמו „ה' נסי", מחמת שאחרי כל התחבולות שעשה עוד לא היה בטוח שיכירו בני ישראל כח ה' בנצחונם, מחמת שהנצחון היה נראה כאלו בא להם בדרך הטבע, ומה שהיו מועטים נגד הרבים ועייפים נגד חזקים, כבר קרה הרבה פעמים בדברי ימי העמים שעל ידי איזה מקרה נפלו רבים ביד מעטים וכו' לכן בנה את המזבח לה' וקרא אותו „ה' נסי" לאמר להם שלא יטעו את עצמם לחשוב שכחם ועוצם ידם עשה להם את החיל הזה אלא שהוא „נס מאת ה'". והוסיף עוד „כי יד על כס יה" וגו', לאמר שאפילו בימים הבאים בעת שיהיה יד ישראל תקיפה ומלך ישראל ישב על כסא ה' בארץ ישראל, ויהיה לו אנשי חיל וכלי קרב לעשות מלחמה כדרך המלכים, אפילו אז לא ידמו שהם בעצמם יעצרו כח לנצח את עמלק, אלא: „מלחמה לה' בעמלק מדור דור", ר"ל בכל הדורות שינצחו את עמלק במלחמה, ידעו כי הנצחון היה לה', וד"ל (תמצית דברי כתב סופר).

על ימי הבינים

ויסע מלאך האלהים ההולך (תמיד) **לפני מחנה ישראל, וילך מאחריהם** (ר"ל נראה לעינים כאלו סר צלם מעליהם ואין עוד מגן בעדם — אבל להכריע את הרעה הזאת) **ויסע עמוד הענן** (הצרות) **ויעמוד מאחריהם, ויבא בין מחנה מצרים ובין מחנה ישראל ויאר את הלילה** (ר"ל הגזרות והרדיפות היה בהם צד של טובה, בזה שהקימו מסך וקיר מבדיל בין ישראל

לעמים ולא הניחו אותו להתבולל, וגם היה סיבה להפיץ אור הדעת בין היהודים מחמת שהתרכזו על ספריהם ועל בתי מדרשם, ובעת שחשכת הבערות כסה את העמים האחרים היה לבני ישראל אור במושבותם. — וזהו מליצת ויאר את הלילה, לומר, אף שבעניני הגוף עולם חשך בעדם, אבל בעניני הנפש ראו אור גדול) ולא קרב זה אל זה כל הלילה(ר"ל לא התבוללו ולא היה דוגמא ביניהם כלל). (המחבר)

ויחלוש יהושע את עמלק

למה רק החלישו ולא עשה בו כלה? המפרשים כבר התעסקו בזה הרבה ואענה גם אני חלקי. — מציגנו כשהתישבו בני ישראל על אדמתם הניח ה' רבים מן האומות שלא יכלו להכניע תחתיהם, והכוונה בזה היתה כדי לנסות את ישראל, כמו שמעיד הכתוב, וכמעט שסרו מדרך ה' התגר ה' בם את צורריהם, עד שחזרו אליו, ממש כמו שהרועה משסה את הכלבים בצאנו כשמתרחקים מן העדר יותר מדאי. — במשך הזמן בטלו הכלבים משבעה האומות ועברו מן העולם, אבל כלב אחד הותיר ה' לדורות והוא עמלק; הוא היה הראשון לנבוח על ישראל כשיצאו ממצרים, ואותו הותיר ה' לדור ודור, והיה כאשר ירים איש ישראל את ידו נגד ה' ישסה בו את הכלב הזה (פעם הוא בדמות המן, ופעם בדמות שטעקער, ופעם בדמות הנרי פארד) והוא מחזירם למוטב. — וזהו ויחלוש יהושע את עמלק, אבל לא השמידו כלה, והטעם, „כי יד על כס יה מלחמה לה' בעמלק מדור דור". לפיכך המשיך ה' את מלחמתו בעמלק לור דורים, מחמת שצפה למרחוק וראה שיקומו אנשים בני בליעל וירימו את ידם מול כסא ה' ויבקשו למרוד בו, ואז יהיה צורך בכלב בעמלק. (המחבר).

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

עשרת הדברות

(דרוש לפרשת יתרו)

הרב שלום ראבינאוויץ.

וויכטיגער ווי אלע מתנות וואס אירגענד וועלכע פאלק האט געלייסטעט צו די מענשהייט, איז די מתנה וואס דאס אידישע פאלק האט בייגעטראגנן, נעמליך: די עשרת הדברות.

און ווען איך מאך דיעזע בעהויפטונג מיין איך ניט זיך צו בעריהמען דאמיט אדער צו שטעלען מיין פאלק העכער ווי אלע אנדערע פעלקער, מיין כוונה איז נור אבצולייקענען די טענה פון אנטיסעמיטישע געלעהרטע וועל־כע בעהויפטען אז די אידישע אומה האט ניט איבערגעלאזען קיין שום גייסטיגע אדער מאראלישע ירושה צו דער וועלט.

עס איז א גוט־בעוואוסטער פאקט דאס יעדע פון די פערצייטיגע פעל־קער האט איבערגעלאזען א געוויסע ירושה נאך זיך פאר דער וועלט — צ. ב. ש. די אוראלטע גריכען האבען זיך אויסגעצייכענט אין סקולפטור און ארכיטעקטור און האבען איבערגעלאזען פאר די קומענדיגע דורות סטאטועז און בנינים וועלכע דינען אלס מאדעלען פיר די קינסטלער פון יעדען דור. — זיי זיינען אויך געווען גאנץ גרוים אין פאעזיע און מליצה; האמער'ס פאעטישע ווערק וועלען אויף אימער דיענען אלס מוסטער פאר די פאעטען פון דער וועלט. — די פערצייטיגע רוימער האבען פערפאלקאמט די יורידישע וויסענשאפט; די רוימישע געזעצע זיינען נאך ביז היינטי־גען טאג דער פונדאמענט פון די געזעץ־סיסטעמען פון אלע ציוויליזירטע לענדער, און זיי ווערען אונטעררינכטעט אין אלע אוניווערזיטעטען פון דער וועלט.

אבער ווענען דאס אידישע פאלק זאגען זיי אז הגם דיעזע פאלק איז איינע פון די עלטעסטע פעלקער פון דער וועלט האט זי פון דעסטוועגען ניט איבערגעלאזען קיין שום גייסטיגע אדער מאראלישע ירושה פאר דער וועלט.

אויף דיעזע טענה ענטפער איך מיט א משל:

א קליין קינד איז איבערגעבליבען א יתום, אהן א פאטער און אהן א מוטער, און אזוי ווי דער שטייגער איז אין אזא פאל האבען זיך פערזאמעלט די מיטגלידער פון דער פאמיליע, אנקעלס און קאזינס צו טרייסטען פערזארגען דעם אומגליקליכען יתום — און זיי זיינען ניט געקומען מיט ליידיגע הענד: איינע האט געבראכט א בגד'ל, א צווייטע א פאאר שיכלעך. א דריטע א שעהנע שפיעל־געצייג, א. ז. וו. — נאכדעם ווי זיי זיינען געזעסען א רעכטע ווייל האבען זיי זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. דאן איז צוגעקומען צו זיי א פרעמדער און האט געזאגט: „מיינע ליעבע דאמען און הערען! איהר זייט געקומען בעזוכען דעם עלענדען קינד און איהר האט מיטגעבראכט שעהנע פרעזענטען: גאנץ פיין פון אייך: אבער ווער וועט נעהמען דאס קינד אהיים איהם צו האדעווען, לערנען, און מאכען פאר אמענשען?" — אלע האבען שטיל געשוויגען: נעהמען א פרעמדען קינד צו האדעווען האט קיינער ניט געוואלט. — אבער דאן האט זיך אויפגעהויבען אן ארימע קוזינע וואס האט קיין זאך ניט געבראכט און האט געזאגט: „מיינע ליעבע פריינד! איך גלויב אז איהר ווייסט אלע אז איך בין ארעם. קיין גילדערנע זייגערלאך קען איך ניט געבען, אבער צונעהמען דעם קינד צו ערציהען דאס וועל איך זיך אונטערנעהמען; וואס מיינע אייגענע קינדער וועלען עסען דאס וועט ער אויך עסען.

ווע מעס טהאט איז געווען וויכטיגער? בעת מעשה און כל זמן דער קינד איז געווען קליין האט ער געווים געשעצט פיעל וויכטיגער די מתנות וואס די רייכע אנקעלס און טאנטעס האבען איהם געגעבען: א קלייניגקייט ביי א קינד א זייגערי'ל אדער א פינגעריל, אבער ווען ער איז אויסגעוואקסען און געווארען א מאן האט ער געפיהלט און אנערקענט אז דעם גרעסטען חסד האט מיט איהם געטהאן יענע ארימע קוזינע וועלכע האט איהם אריינגענומען אין הויז און האט איהם ערצויגען אין גוטען וועג ער זאל ניט אויסוואקסען א גנב אדער א מערדער.

דאס זעלבע זאג איך וועגען די פערשיעדענע מתנות וואס די פערציוויליזירטע פעלקער האבען איבערגעלאזען צו די קומענדיגע דורות — די גריכען און די רוימער האבען איבערגעלאזען פאר די מענשהייט שעהנע שפיעלגעצייג אין די פארמע פון בילדער, סטאטועו, פאעמען, א. ז. וו. אבער דאס אידישע פאלק האט געגעבען די מענשהייט דעם „לא תגנוב", „לא תרצח", „לא תענה ברעך עד שקר". וואס אהן דיעזע קען קיין אומה ניט עקזיסטירען אויף דער וועלט.

די תורה איז פערגליכען געווארען ביי אונזערע חכמים צו ברויט און צו וואסער (לכו לחמי בלחמי — הוי כל צמא לכו למים) — א קינד האט א געפיהל פון פעראכטונג צו ברויט מיט וואסער: ער האלט עס פאר א סימבאל פון ארעמקייט אדער געפאנגענשאפט: אן ארימאן אדער א פריזאנער עסט ברויט מיט וואסער — אבער דער ערוואקסענער מענש פערשטעהט און ווייס אז ברויט מיט וואסער איז דער פונדאמענט פון

לעבען — דאס גלייכען די פעלקער פון דער יעצטיגער צייט פערשטעהען נאך ניט די וויכטיגקייט פון דער מתנה וואס די אידישע פאלק האט זיי געגעבען, און דעריבער ריידען זיי נור וועגען די בילדער און סטאטוען פון די גריכען און די רוימער (פונקט ווי דער קינד אין מיין משל) — עס וועט אבער קומען א צייט ווען די נבואה פון „ומלאה כל הארץ דעה" וועט רעאליזירט ווערען, און דאן וועט די גאנצע וועלט מודה זיין אז די וויכטיגסטע מתנה האט דאס אידישע פאלק געגעבען צו די מענשהייט.

2

מאדערנע אנטיסעמיטען האבען שוין ניט אזעלכע פערשטאבענע אויגען צו זאגען אז דאס אידישע פאלק האט גאר ניט געשאפען פאר דער מענשהייט, דערפאר אבער האבען זיי ערפונדען אנדערע טענות צו פערקלענערען די וויכטיגקייט פון די אידישע מתנה.

די ערשטע טענה וואס זיי טענה'ן יעצט איז דאס משה האט ניט מקבל געוועזען די עשרת הדברות אויפ'ן בארג סיני ווי די תורה בעהויפטעט, נור ער האט דאס געלערענט פון די פערצייטיגע עגיפטער צווישען וועלכע ער האט זיך געהאדעוועט, און יענע האבען דאס גענומען פון די אסיריער וועלכע האבען דאס נאך פריהער געהאט.

די צווייטע טענה איז, דאס הגם די עשרת הדברות האבען געהאט גרויס וויכטיגקייט פאר די פריהערדיגע דורות ווען די מענשהייט איז נאך געווען אין איהר קינדהייט, האבען זיי דאך שוין יעצט איבערגעלעבט זייער נוצבארקייט. נעהמט צ. ב. ש. דאס ערשטע געבאט וועגען גלויבען אין איין גאט: עס גיעבט ניט היינט קיין איינציגע ציוויליזירטע פאלק וואס זאל גלויבען אין פיעל געטער און דיענען צו זיי אלעמען אויף איינמאל. דאס גלייכען די געבאטען פון „לא תגנוב", „לא תרצח", „לא תנאף", זיינען שוין יעצט אינקארפארירט אלס פונדאמענטאלע געזעצען אין אלע געזעצביכער פון דער וועלט.

די ערשטע טענה אז משה איז ניט געווען דער אריגינעלער איבערברענגער פון די עשרת הדברות נאר א נאכאהמער אדער אן איבערזעצער, איז פיעל פערשטארקט געווארען אין די לעצטע צייט זייט געלערטע ארכעאלאגען האבען אנגעפאנגען צו מאכען אונטעראירדישע אויסגראבונגען אין די אריענטאלישע לענדער און זיי האבען ענטדעקט שטיינערנע מאוולען אין מצרים און אין אשור אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט א גרויסער טהייל פון דער אידישער תורה, איבערהויפט זייט מען האט ענטדעקט דעם געזעץ־בוך פון דעם אוראלטען אסירישען קעניג האמוראבי אין וועלכען מען האט געפונען פיעלע געזעצע וועלכע זיינען כמעט ווארט פאר ווארט עהנליך צו די געזעצע פון דער תורה.

די פערטהיידיגער פון משה רבנו ענטפערען דאס רוב מיט צוויי הויפט־טענות: ערשטענס זוכען זיי אויס אירגענד וועלכע ענדערונג אין די

פראזאלאגיע צווישען די עשרת הדברות און די געזעצע פון האמוראבי איז טענה'ן דאס זיי זיינען נים גלייך איינע צו די אנדערע, און צווייטענס זאגען זיי איז עס א זאך דער אונמעגליכקייט דאס משה וועלכער האט פערפאסט אזעלכע שטרענגע געזעצע געגען גנבה זאל אליין זיין א גנב!

איך וועל פערוואַרפען דיעזעביידע טענות אלס נים גענוג און איך וועל פארלייגען א נייע טענה וועלכע איז שטארק און ענטשיעדענד דאס מען קען געגען איהר קיין שום איינווענדונג נים מאכען.

דער בעריהמטער מאלער יהושע ריינאלדס פון ענגלאנד האט א מאל געהאט א טרייעל מיט אן אונבעקאנטען מאן וועגען א געוויסע קונסט־בילד. דער מאהלער ריינאלדס האט געטענה'ט אז מיט א געוויסע צייט צוריק האט ער געמאהלען דיעזע בילד און דאס ער האט אבגעגעבען פיעל צייט און טאלאנט אויף איהר. אבער ווען זי איז שוין געווען אין גאנצען פערטיג און ווען ער האט זיך געריכט איהר אריינצוגעבען אין אן אויס־שטעלונג וואס האט דאמאלסט שטאטגעפונען, איז זי איהם פלוצלונג פער־פאלען געווארען. נאכדעם ווי ער האט איהר א לאנגע צייט געזוכט, האט ער זיך שוין במעט מיאש געווען פון איהר ווען פלוצלונג האט ער זיך דערוואוסט אז זי געפינט זיך אין די הויז פון דיעזען מאן.

דער צווייטער בעל־דין פון זיין זייט האט געטענה'ט אז ער איז אויך א מאהלער און דער בילד איז זיין אייגענע האנד־ארבייט, און ער האט געבראכט עדות אז ער איז נים קיין גנב.

זעלבסטפערשטענדליך אז ריינאלד'ס אדוואקאט האט אויך געטענה'ט דאס אזא בעריהמטע פערזאן ווי זיין קליענט איז נים פעהיג זיך צוצוצעפען צו א פרעמדען מענשען און אויסטראכטען אזא גראבען בלבול אויף איהם.

דער ריכטער האט נאכגעדענקט א רעכטע צייט און האט ארויסגע־געבען זיין אורטהייל ווי פאלגט: די עדות און די טענות פון ביידע צדדים קען איך נים אננעהמען ווייל זיי ווידערשפרעכען איינער דעם צווייטען און עס איז אוממעגליך צו דערגעהן פון זיי ווער עס זאגט דעם אמת; דער איז א פיינטער און דער איז א פיינטער: דער ברענגט עדות אויף זיין עהרליכקייט און דער ברייננט עדות אויף זיין עהרליכקייט. דעריבער האב איך אויסגעקלעהרט אן אנדער פראבע: הערר ריינאלדס איז בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט אלס קונסט־מאהלער און דעריבער איז עס נים נויטהיג אויסצוגעפינען אויב ער איז פעהיג צו מאהלען אזא בילד. דער צווייטער אבער איז אינגאנצען נים בעוואוסט צו דער וועלט אלס מאהלער און דעריבער געפין איך עס פאר נויטהיג אז ער זאל ברייננען אנדערע בילדער וועלכע ער האט געמאהלען כדי מיר זאלען זיך איבערצייגען אויב ער איז איבעריהויפט פעהיג צו מאהלען אזא בילד.

„געעהרטער ריכטער", האט דער אומבעקאנטער פיינטער געזאגט, „דאס איז אוממעגליך פאר מיר אויסצופיהרען: איך קען נים ברייננען מיינע

ד'אנד־ארבייט אין געריכט ווייל מיינע פיינטינגס זיינען אויף די ווענד פון הייזער — איז אנדערע ווערטער ער איז געווען א הויז-פיינטער!

הערענדיג דיעזע רייד האבען זיך אלע שטארק פאנאנדערגעלאכט, און דער ריכטער האט ארויסגעגעבען זיין אורטהייל אז דאס קונסט־בילד זאל איבערגעגעבען ווערען צום בעוואוסטען מאהלער ריינאלדס, ווייל זיין געג־נער האט זעלבסט בעוויזען אז ער איז א ליגנער.

דאס זעלבע זאג איך וועגען אונזער עניו. — א דיספוט געהט אן צוויי־שען דאס אידישע פאלק און די פרייע קריטיקער פון דער ביבעל וועגען די עשרת הדברות. איין צד זאגט אז משה רבנו איז זייער אריגינעלער איבער־ברענגער. און דער צווייטער צד זאגט אז זיי שטאמען פון עגיפטישע אדער אסירישע געזעצגעבער. דער צד גיט סימנים און דער צד גיט סימנים. דער צד טענה'ט אז זיין געזעצגעבער איז ניט אין חשד אויף גנבה און יענער צד טענה'ט אז זיין געזעצגעבער איז אויך ניט קיין גנב. — איך וועל פער־ווארפען ביידענס טענות אלס ניט ענטשיידענד, און איך וועל אנווענדען די זעלבע מעטאדע וואס יענער ריכטער האט אנגעווענדעט אין דעם סיכסוך וועגען דאס קונסט־בילד וואס איך האב ציטירט. — מיר געפינען דאס די עשרת הדברות ענטהאלטען די ערהאבענסטע מאראליטעט און פילא־זאפיע וואס איז ווען עס איז פערקערפערט געווארען אין ווערטער — א פאלק וואס האט ארויסגעגעבען די עשרת הדברות האט געמוזט בעזיצען די אמונה אין איין גאט און הויכען א געפיהל פון גערעכטיגקייט, עטהיקס, און סאציאלאגיע. — יעצט לאמיר אונטערזוכען דעם גייסטיגען צושטאנד פון די פערצייטיגע עגיפטער און אסיריער אויסצוגעפינען אויב יענע פעל־קער זיינען איבערהויפט געווען אין אזא צושטאנד דאס עס זאל מעגליך זיין צו גלויבען אז זיי זיינען געווען די אריגינאלע ארויסגעבער פון די עשרת הדברות.

ווען מיר נעהמען אונטערזוכען די רעליגיעזע אידעען פון די פערצייטיגע עגיפטער געפינען מיר אז זיי זיינען געווען מעהר נאריש. מעהר קינדיש, מעהר עקלהאפט ווי אירגענד וועלכע געצען־דיענסט וואס איז ווען ערפונדען געווארען פון פריעסטער.

די געטער פון די עגיפטער זיינען געווען בהמות און חיות, און ניט דער העכערער סארט חיות, אזוי ווי צ. ב. ש. דער לייב, דער עלעפאנט, די גארילא א. ז. וו. נאר דער נידעריגסטער סארט הויז־טהיער, אזוי ווי די קאץ, די ציעג, דער בול, דער שעפס, א. ז. וו. — פערשיעדענע שטעדט האבען געהאט פערשיעדענע געטער; אזוי צ. ב. ש. האט די שטאדט בור־באסטיס געדיענט צו די היילינע קאץ, די שטאדט מעמפיס האט פערהיי־ליגט דעם בול „עפיס", די שטאדט מענדיס האט זיך געקניעט צו די היילינע ציעג באא. א. ז. וו., א. ז. וו. — די איינוואהנער פון יעדען פראווינץ האבען זיך געהיט ווי פון פייער ניט צו עסען די פלייש פון יענע בעשעפעניש וועל־כע זיי האבען געדיענט אלס גאט. (וזהו שאמר משה אל פרעה: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו).

פון די מעשה'לעך וואס די פרעצייטיגע עגיפטער האבען איבערגעלאזען ווענען זייערע געטער קען מען זעהן וואס פאר א בעגריף זיי האבען געהאט ווענען די גאטהייט אין אלגעמיין.

פאלגענדע מעשה'לע האט מען געפונען פערשריעבען מיט גרויס אריכות אויף א לאנגע פאפירוס־מגילה: אזירים איז געווען דער הויפט־גאט פון מצרים; צו איהם האט מען געדיענט כמעט אין אלע פראווינצען; טייפאן איזגעווען אנאנדער גאט ניט אזוי פאפולער ווי אזירים אבער פיעל קליגער און מעהר קונדס ווי ער. — איינמאל האט ער בעשלאסען אבצוטהאן אזירים א שפיצעל: ער האט געמאכט א שעהנעם געשניצטען קופערט (טראנק) וועלכער איז געווען פונקט צוגעמאסטען נאך די גרויס נאך פון אזירים און ביי א פערזאמלונג פון אלע געטער, האט ער אנגעבאטען אוועקצושענקען דעם קופערט צו דעם יעניגען וועלכער וועט זיך קענען אריינלעגען דערינען — אזירים האט באלד אנגענומען דעם אנבאט און האט זיך אריינגעלעגט אין לאסטען, און דאן האט זיין קאלעגע טייפאן צוגענגעלט דעם דעק און איהם אריינגעווארפען אין טייך נילוס — אזירים האט ניט געפונען קיין אנדער אויסגאנג נור דורך די שליסעל־לאך, נור אזוי ווי עס איז געווען אוממעגליך פאר איהם זיך דורכצושפארען דורך דיעזע קליינע לעכעל, האט ער זיך ארויסגענומען שטיקלעך־ווייס דורך די שליסעל־לאך און ווען ער האט שוין געהאט אלע שטיקלעך האט ער זיי צוריק צוזאמענגעשטעלט און איז געווען אזוי פריש און געזונט ווי פריהער!

נעכסט, לאמיר בעטראכטען די פילאזאפיע פון די אוראלטע רעליגיאָנען. — די עגיפטישע קאסמאלאגיע זאגט אז דער מענש איז געמאכט געווארען אויף א טעפער'ס ראד צוזאמען מיט די טעפ וואס די געטער מאכען פאר זייער געברויך. — אנאנדער בעהויפטונג איז אז דער גאט „פטאה“ האט אזוי לאנג געפינטעלט מיט זיין לינקע אויג ביז דער מענש איז פון איהר ארויסגעשפרונגען. — די הינדוס זאגען אז דער גאט אינדרא האט זיך צושניטען אין העלפט און האט בעשאפען דעם מענשען פון איין העלפט פון זיין קערפער; די וועלט איז בעשאפען געווארען פון אן איי וואס דער זעלבער גאט האט געלעגט. — די אוראלטע סקאנדינאווישע פעלקער האבען געגלויבט אז זייער גאט „אדין“ האט געטויטעט זיין קאנקורענט דעם ריעז „אימאר“ און האט געמאכט די ערד פון זיין פלייש, די וואסער פון זיין בלוט, די בערג פון זיינע ביינער, די שטיינער פון זיינע ציינער, און די פלאנצונגען פון זיינע האאר. — ווענען די הימלישע וועזען זאגען די הינדוס אז די לבנה איז געווען א כלה צו די זון פאר א לאנגע צייט, ענדליך האט די כלה אוועקגעווארפען דעם חתן און אבגעלאזט דעם שידוך. דער חתן די זון איז געווארען מלא רציחה און האט איבערגעשניטען זיין כלה די לבנה אין צווייען: דאס איז די אורזאכע ווארום די לבנה בעווייזט זיך צו אונז אפט צושניטען אין העלפט...

וואס אנבעלאנגט די אבטייהלונג פון רעליגיעזע צערעמאניעס אדער פראקטיק, געפינען מיר אז יענע רעליגיאנען זיינען געווען ברוטאל בלוט־דורשטיג און אונמאראליש. — איניגע פון זיי האבען געפאדערט אז על־

טערען זאָלען מקריב זיין זייערע קינדער אויפ'ן מזבח פון די געטער, אנדערע האָבען עס געהאַלטען פיר אַ פרומע טהאַט צו פייניגען דעם גוף, אַזוי צ. ב. ש. פאַסטען וואָכען לאַנג נאָכאַנאַנד, זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט ביז דעם האַלז און אַזוי ליגען ביז די פלייש פלעגט נעמען פוילען א. ז. וו., א. ז. וו. אויב איינער האָט זיך פערמוטשעט טאַקי ביז סאַמע טויט האָט זיין אמונה איהם פערזיכערט אַז ער איז אַ פערטיגער בן עולם הבא...

די פרויען ווידער זיינען איבערגעגעבען געוואָרען ביי יענע רעליגיאָנען צו איינפאַכע פּראָסטיטוציאָן — די רעליגיעזע טעמפּלען פון די עגיפּטער. די גריכען און די רוימער זיינען געווען פשוט אונמאָראַלישע הייזער אויף וועלכע די רעגירונג האָט געגעבען איהר עפענטליכע סאַנקציאָן פון געזעץ און די פּריעסטער האָבען אַרויפגעשטעלט דעם זיגעל פון רעליגיעזע הייליגקייט...

פון די אַלע פאַקטען קען אפילו דער איינפאַכסטער מענש זעהן אַז יענע אוראַלטע פעלקער זיינען אינגאַנצען ניט פעהיג געווען אַרויסצוגעבען אַזאַ ערהאַבענעם דאָקומענט ווי די עשרת הדברות, טראָץ אַלע סימנים פון די געלעהרטע און אַלע אויפשריפטען אויף אַלטע שטיינער וואָס זיי קענען געפינען.

די בעהויפּטונג פון דיעזע געלעהרטע דערמאָנט מיר אָן די אַלטע אידישע אַנעקדאָטע וועגען דעם רוסישען סאָלדאַט וועלכער האָט געבראַכט צו אַ אידען אַ פּאָאַר תפילין צו פערקויפען און ווען דער איד האָט איהם געזאָגט אַז ער האָט אַ חשד אַז ער האָט עס גע'גנב'עט, האָט ער געענטפערט:
„חלילה! איך בין אַליין אַ שוסטער און איך האָב זיי אַליין געמאַכט!“

פונקט אַזוי ווי דער איינפאַכסטער איד ווייס אַז אַ שוסטער קען ניט מאַכען קיין פּאָאַר תפילין אַזוי קען אויך דער איינפאַכסטער מענש פערשטעהן אַז די פערצייטיגע עגיפּטער אָדער אַסיריער וועלכע האָבען געדיענט צו הינט און צו קעץ האָבען ניט געקענט פערפאַסען די עשרת הדברות.

3

די צווייטע טענה אַז די עשרת הדברות האָבען שוין איבערגעלעבט זייער נוצבאַרקייט איז אַזוי פאַלש ווי די ערשטע.

דאַכט זיך אַז דער „לא תרצח“ איז ניט אין גאַנצען איבריג אין אַ געזעלשאַפט וואָס האָט צוזאַמענגעבראַכט פופצעהן מיליאָן מענשען אויפ'ן שלאַכט־פעלד און האָט זיי געגעבען פיער יאָהר נאָכאַנאַנד צו פערניכטען איינער דעם צווייטען מיט אַלע ארבע מיתות בית דין!

דער „לא תגנוב“ דאַכט זיך איז אויך ניט גאַנץ איבריג אין אַ געזעלשאַפט וועלכע איז געבויט אויף אַ פונדאַמענט פון גנבה, גזלה און כאַבאַר. — מיינער אַ פריינד אַ סטאָר־קיפּער, אַ גרויסער וויצלינג איז אַ מאָל אַריינגעקומען אין זיין געשעפט און האָט געגומען קוקען דורך אַ פערגרעסער־

גלאז אויף זיינע ארבייטער: ווען זיי האבען איהם געפרעגט וואס ער מיינט דערמיט, האט ער זיי געענטפערט אז ער זוכט צווישען זיי אן ערליכען ארבייטער. — „אויב אזוי" — זאגט איינער פון זיינע ארבייטער — „וואלט איך אייך געראטהען איהר זאלט שוין אויך אנטלייהען די פערגרעסער־גלאז צו אייערע קאסטימער זיי זאלען זוכען אן ערליכען פאדעם אין אייערע סחורה!"

ביידע האבען וואהרשיינליך געזאגט דעם אמת. אהן גנבה וואלט דער יעצטיגער עקאנאמישער סיסטעם קיין טאג ניט געקענט עקזיסטירען. אהן גנבה און כאבאר וואלט קיין פאליטישען ניט עלעקטעט געווארען צו קיין אמט, און נאכדעם ווען ער איז שוין עלעקטעט וואלט ער אהן כאבאר ניט געקענט ארויסנעהמען די געלט וואס ער האט געספענדעט אויף זיין עלעק־שאן.

(ולפי זה אני מישב בדרך הלצה את הקושיא הישנה אודות הדגש קל ב„תיו" של „תרצח", „תגנוב" — שלפי חוקי הדקדוק ה„חולם" שבמלת „לא" היה צריך לרפות את ה„תיו" הנ"ל — אבל ה„תרצח" וה„תגנוב" הם כל כך חזקים ונשרשים בעולם עד שאפילו אלף „חולמים" לא יעצרו כח לרפות אותם.)

זיי זאגען אז דער „לא יהיה לך אלהים אחרים" איז איבריג אין היינ־טיגע צייטען ווייל קיינער דיענט שוין ניט מעהר קיין עבודה זרה: דאס איז אבער אויך א טעות — עבודה זרה איז ניט בטל געווארען נור זי נעהמט אן פערשיעדענע פארמען אין פערשיעדענע דורות. — מיט די עבודה זרה געהט עס ווי מיט די מאדע אין די ווייבערשע וועלט — אלע יאהר קומט אראפ פון פאריז א „נייע" מאדע אויף קליידער און העטס — די ווייבער דיינקען אז די מאדע איז טאקי ניי, אבער שלמה המלך האט שוין לאנג ארויסגעזאגט אז „אין כל חדש תחת השמש" און די מאדע איז אויך אין כלל — אין אמת'ן נעהמען די פאריזער שניידער אן אלטען בגד פון די צייטען פון לואיס דעם פערצעהנטען אדער מלך סאביעצקי און פראקלאמי־רען דאס אלס נייע מאדע, און ווען די ווייבער ווערען זאט דערפון אויך, געפינען די שניידער אנאנדער מאדע אין דעם בארג אלטע קליידער פון די אלטע צייטען, און אזוי ווידערהאלט זיך די געשיכטע פון דור צו דור און בלייבט אימער ניי.

און אזוי געהט עס אויך מיט די פערשיעדענע עבודות זרות — פער־צייטען האבען זיי געמאכט געצען פון גאלד און זילבער און זיך געבוקט צו זיי און היינט מאכט מען אויך געטער פון גאלד און זילבער און די גאנצע וועלט בוקט זיך אויך דערצו — דער אונטערשייד איז נור אין די פארמע: דאן האבען זייערע געטער געהאט די פארמע פון מענשען אדער חיות, יעצט האבען די גילדערנע און זילבערנע געטער די פארמע פון קייל־עכדיגע מטבעות... אבער דיענען דיענט די וועלט צו די גילדערנע און זילבערנע געטער נאך מיט מעהר התלהבות ווי פערצייטען: ניט נור זיינען זיי מקריב זייערע קינדער אויפ'ן מזבח פון אלמעכטיגען דאלאר נור אפילו דעם אייגענעם גוף מיט די נשמה צוזאמען.

איז דער „לא תשא" איבריג אין היינטיגע צייט? געהט צווישען די טוחרים און די ביזנעס־וועלט און זעהט וויפיעל פאלשע שבועות זיי שווע־רען אפ בעפאר זיי ברייננען אוים זייערע פאלשע סחורה פאר ריכטיגע און דאן וועט איהר בעשליסען אויב דער „לא תשא" איז נאך נויטהיג אין היינטיגע צייטען אדער ניט.

איז דער „לא תענה ברעך עד שקר" איבריג אין היינטיגע צייטען? — אויף דעם קאנווענשאן וואס איז ניט לאנג צוריק אבגעהאלטען געווארען פון די „באר־אסאסיאיישאן" (די לאיערס פון דער גאנצער לאנד) איז בע־וויזען געווארען אז דער דורכשניטליכער פרייז פון פאלשע עדות אין אמע־ריקא איז צעהן דאלאר א שטיק; אין ענגלאנד איז דער פרייז נאך ניעד־ריגער. — אין אנדערע סטייטס געפינען זיך געוויסע פירמעס וואס שטע־לען צו פאלשע עדות צו ארדער וויפיעל איהר ווילט נור „אז דימענד".

אויב עס דוכט זיך אייך אז דער „כבד את אביך ואת אמך" איז איב־ריג זאלט איהר אזוי גוט זיין זיך גוט צוקוקען ווי אמעריקאנער זיהן בע־האנדלען זייער טאטע־מאמען וועט איהר בייטען אייער מיינונג. דאס רוב פון זיי זיינען „מכבד" זייערע עלטערען אויף אזא אופן אז די אלטע לייט ווינשען זיך בעסער דעם טויט ווי דעם לעבען. — איך בין א מאל דערביי געווען ווי א זוהן האט מכבד געווען א מאמען מיט א מבול פון שימפף־ווערטער און די מאמע האט נור געהאלטען אין איין טענה'ן: „ערגער זיך ניט אזוי מיין קינד. לאנגע יאהרען זאלסטו האבען!" — דאן איז שוין ביי מיר רעכט געווארען די ענדע פון דעם פסוק: „למען יאריכון ימיך" — דאס הייסט אז דו וועסט גאנץ גוט „מכבד" זיין דיין מאמען וועט זי דיר ווינשען „לאנגע יאהרען זאלסטו האבען"...

4

הכלל יעדער מענש וועלכער האלט די אויגען אפען און זעהט וואס ארום איהם טהוט זיך מוז מודה זיין אז די „עשרת הדברות" האבען נאך ניט איבערגעלעבט זייער נוצבארקייט — דער אונפארטייאישער מענש וועלכער איז ניט פערבלענדעט פון פאראורטהיילע וועט אויך צוגעבען נאך די אלע פאקטען וואס איך האב אויבען געבראכט, אז די עשרת הדברות שטאמען ניט אב פון די פערצייטיגע עגיפטער, אסירער, אדער כאלדעער, נור אז עס איז געווען „הורתן ולידתן בקדושה" אינ'ם קרייז פון דאס אידישע פאלק, „על פי ה' ביד משה" —

מיר זיינען דעריבער בערעכטיגט צו ווידערהאלען נאך אמאל די בע־הויפטונג וואס איך האב געמאכט אין אנפאנג פון דער דרשה אז „וויכטיגער ווי אלע מתנות וואס די פערשיעדענע אלטע פעלקער האבען געלייסטעט פיר די מענשהייט איז די מתנה וואס די אידישע פאלק האט בייגעטראגען, נעמליך: די עשרת הדברות.

חומר לדרוש.

פרשת יתרו

אגדות חז"ל

וישמע יתרו כהן מדין חותן משה — מה שמועה שמע ובא? מלחמת עמלק שמע ובא, דברי ר' יהושע. ר"א המודעי אומר מתן תורה שמע ובא, באותה שעה נתקבצו כל מלכי או"ה אצל בלעם הרשע, אמרו לו, בלעם! שמא מבול מביא לעולם? אמר להם, שוטים שבעולם! כבר נשבע הקב"ה לנח שאינו מביא מבול לעולם, אמרו לו, שמא מבול של מים אינו מביא, מבול של אש מביא? אמר להם אינו מביא לא מבול של מים ולא מבול של אש אלא תורה נותן הקב"ה לעמו, שנאמר ה' עוז לעמו יתן, כיון ששמעו כלם מפיו הדבר הזה ענו כלם ואמרו, ה' יברך את עמו בשלום, והלכו איש למקומו. ר' אליעזר אומר, קריעת ים סוף שמע ובא, שבשעה שנקרע הים נשמע הקול מסוף העולם ועד סופו, שנאמר, ויהי כשמוע כל מלכי האמורי וגו' (מכילתא).

ויאמר יתרו ברוך ה' אשר הציל אתכם — תני משום ר' פפיס, גנאי הוא למשה ולששים רבוא שלא אמרו ברוך ה' עד שבא יתרו ואמרו. (סנהדרין צ"ד).

לאכל לחם עם חותן משה לפני האלהים — א"ר אבין הלוי, כל הנהנה מסעודה שת"ח שרוי בתוכה כאלו נהנה מזיו השכינה, שנאמר, ויבוא משה וגו' לאכל לחם עם חותן משה לפני האלהים, וכי לפני האלהים אכלו והלא לפני משה אכלו? אלא לומר לך כל הנהנה מסעודה וכו' (ברכות ס"ד).

וישב משה לשפוט את העם וגו' מן הבקר עד הערב — תני ר' חייא בר רב מדפתי, וכי תעלה על דעתך שמשה יושב ודן כל היום כלו, תורתו מתי נעשית? אלא לומר לך כל דיין שדן דין אמת לאמתו אפילו שעה אחת מעלה עליו הכתוב כאלו נעשה שותף לחקב"ה במעשי בראשית, כתיב הכא ויעמד העם על משה מן הבקר עד הערב וכתיב התם ויהי ערב ויהי בוקר (שבת י').

ויבואו מדבר סיני ויחנו במדבר — נתנה תורה בפרהסיא במקום הפקר, שאילו נתנה בארץ ישראל היו אומרים לאומות העולם, אין לכם חלק בה, לפיכך נתנה במקום הפקר שכל הרוצה לקבל יבוא ויקבל. יכול שנתנה בלילה? ת"ל ויהי ביום השלישי בהיות הבוקר. יכול ניתנה בשתיקה? ת"ל ויהי קולות וברקים. יכול לא היו שומעין הקולות? ת"ל וכל העם רואים את הקולות וכו'. ר"א מפני מה לא ניתנה תורה בא"י, שלא ליתן פתחון פה לאו"ה לומר לפי שניתנה בארצם לפיכך לא קבלנו. ד"א שלא להטיל מחלוקת בין השבטים, שלא יהא זה אומר במקומי נתנה וזה אומר במקומי נתנה, לפיכך נתנה במדבר. (מכילתא פ"ה).

כה תאמר לבית יעקב — אלו הנשים, א"ל אמור להם ראשי דברים שהן יכולות לשמוע, ותגד לבני ישראל, אלו האנשים, אמור להם דקדוקי דברים שהם יכולים לשמוע. ד"א למה לנשים תחילה ? שהן מזדרזות במצוות, וכדי שיהיו מנהיגות את בניהן לתורה. א"ר תחליפא דקסרין, אמר הקב"ה כשבראתי את העולם לא צוויתי אלא לאדה"ר ואח"כ צוויתי לחוה, ועברה וקלקלה את העולם, עכשיו אם אין אני קורא לנשים תחילה הן מבטלות את התורה, לכך נאמר כה תאמר לבית יעקב תחילה (שמו"ר פ' כ"ח).

במשוך היובל המה יעלו בהר — תניא ר' יוסי אומר, לא המקום מכבד את האדם אלא האדם מכבד את המקום, שכן מצינו בהר סיני שכל זמן שהיתה השכינה שרויה עליו אמרה תורה, גם הצאן והבקר אל ירעו אל מול ההר ההוא, וכשנסתלקה שכינה ממנו אמרה תורה, במשוך היובל המה יעלו בהר. (תענית כ"א).

וירד ה' על הר סיני — תניא ר' יוסי אומר: מעולם לא ירדה שכינה למטה ולא עלה משה למרום, שנאמר, השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם. והא דכתיב וירד ה' על הר סיני למעלה מעשרה טפחים. והא דכתיב ומשה עלה אל האלהים למטה מעשרה (סוכה ה'). ר' יוסי אומר, השמים שמים לה' וגו' לא עלה משה למעלה ולא ירד הכבוד למטה (אפילו למעלה מעשרה טפחים), אלא מלמד שאמר הקב"ה למשה, הריני קורא לך מראש ההר ואתה עולה, שנאמר, ויקרא ה למשה (מכילתא).

וידבר אלהים את כל הדברים האלה — ללמדך לחכמים שיושבין באסיפה ועוסקין בתורה, אעפ"י שהללו מטמאין והללו מטהרין, הללו פוסלין והללו מכשירין, הללו אוסרין והללו מתירין, אעפ"י כן כלם אל אחד נתנם, שנאמר, וידבר אלהים את כל הדברים האלה (חגיגה ה').

דרש עולא רבה, מאי דכתיב יודוך ה' כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, מאמר פיך לא נאמר, אלא אמרי פיך, כי בשעה שאמר הקב"ה אנכי ולא יהיה לך, אמרו עכו"ם לכבוד עצמו הוא דורש, כיון שאמר כבד את אביך ואת אמך חזרו והודו לדברות הראשונות (קדושין ל"א).

בשעה שעלה משה למרום לקבל את התורה, אמרו מלאכי השרת, רבש"ע, מה לילוד אשה בינינו ? אמר להם לקבל תורה בא. אמרו לפניו, חמדה גנוזה שגנזת לך תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם אתה מבקש ליתנה לבו"ד ? מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו וגו' אשר תנה הודך על השמים. א"ל הקב"ה למשה החזיר להם תשובה וכו', אמר לפניו רבש"ע תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה, אנכי ה' אלהיך, לא יהיה לך אלהים אחרים, זכור את יום השבת, לא תשא, כבד את אביך ואת אמך, לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב, כלום הדברים האלו שייכים בכם, מיד הודו לו להקב"ה ואמרו ה' אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ, מיד כל אחד ואחד נעשה לו אוהב ומסר לו דבר, שנאמר עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם (קדושין, שבת).

כי אנכי ה' אלהיך אל קנא — שאל פילוסופוס אחד את רבן גמליאל, כתיב בתורתכם כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא וגו' חעידותי בכם וגו'

כי אבוד תאבדון, מפני מה הוא מקנא בעובדיה ואינו מתקנא בה? אמר לו, אמשול לך משל למהד"ד למלך בו"ד שהיה לו בן אחד ואותו הבן היה מגדל לו כלב ונתן לו שם על שם אביו, וכשהוא נשבע אומר, בחיי כלב אבא, כששמע המלך על מי הוא כועס? על הבן הוא כועס או על הכלב הוא כועס? הוי אומר על הבן הוא כועס. — א"ל כלב אתה קורא אותה? והלא יש בה ממש, א"ל ומה ראית? א"ל פעם אחת נפלה דליקה בעירנו ונשרפה כל העיר כלה ואותו בית ע"ז לא נשרף. א"ל אמשול לך משל, למהד"ד, למלך בו"ד שסרחה עליו מדינה, כשהוא עושה עמה מלחמה עם החיים הוא עושה מלחמה או עם המתים? א"ל כלב אתה קורא אותה! מת אתה קורא אותה! א"כ יאבדנה מן העולם? א"ל אילו לדבר שאין העולם צריך לו היו עובדין הרי הוא מבטלה, הרי הן עובדין לחמה וללבנה לכוכבים ולמזלות לאפיקים וגאיות, יאבד עולמו מפני שוטים? והרי אפילו לאדם הם עובדים, האם יאבדו מן העולם? (ע"ז נ"ד, נ"ה).

פּוֹקֵד עֲוֹן אָבֹת עַל בָּנִים — כתוב אחד אומר פוקד עון אבות על בנים, וכתוב אחד אומר ובנים לא יומתו על אבות, הא כיצד? כאן כשאוחזים מעשי אבותיהם בידיהם, כאן כשאין אוחזים מעשי אבותיהם בידיהם (מכות כ"ד).

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ — תניא רשב"י אומר, גדול כיבוד אב ואם שהעדיפו הקב"ה יותר מכבודו. בכבוד הקב"ה נאמר, כבד את ה' מהונך אם יש לך אתה חייב ואם לאו אתה פטור, אבל בכבוד אב ואם נאמר, כבד את אביך ואת אמך (בלי שום תנאי) ואפילו אתה מחזיר על הפתחים (ירושלמי פאה פ"א ה').

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ — ר' אליעזר אומר, גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שאדם מכבד אמו יותר מאביו לפי שהיא משדלתו בדברים, לפיכך הקדים אב לאם לכיבוד, וגלוי וידוע לפניו שאדם מתירא מאביו יותר מאמו לפי שהוא מלמדו תורה, לפיכך הקדים אם לאב במורא, שנאמר, איש אמו ואביו תיראו, מגיד ששניהם שקולין (מכילתא).

בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ — תניא הילל הזקן אומר, אמר הקב"ה לישראל, אם אתה תבוא אל ביתי אני אבוא אל ביתך, ואם אתה לא תבוא אל ביתי אף אני לא אבוא, שנאמר בכל המקום וגו' אבוא אליך וברכתיך (סוכה נ"ג).

כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ — ר"ש בן אלעזר אומר, המזבח נברא להאריך שנותיו של אדם, והחרב לקצר שנותיו של אדם, אינו רשאי להניף המקצר על המאריך (מכילתא).

וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ — תני רב יוסף והודעת להם זה בית חייהם (אומנות להתפרנס ממנה) את הדרך זו גמילות חסדים, ילכו זה ביקור חולים, בה זו קבורה, ואת המעשה זו דין, אשר יעשון זו לפנים משורת הדין. (ב"מ ל', ב"ק צ"ט).

אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם — אמר רב אשי, אלוה הבא בשביל כסף ואלוה הבא בשביל זהב (ר"ל דיין שנתמנה ע"י שנתן כסף וזהב). א"ר דיין זה שהוא מתמנה בכסף אין עומדין מפניו ואין קורין אותו רבי והטלית שעליו כמרדעת של חמור (סנהדרין ז', ול"ש ס"ז).

ולא תעלה במעלות על מזבחי — א"ר אלעזר, מניין לדיין שלא יפסיע על ראשי עם קודש, שנאמר ולא תעלה במעלות, וסמיך ליה, ואל המשפטים. (סנהדרין ז').

ליקוטים ממבחר הדרוש.

מה שמועה שמע ובא

וישמע יתרו, מה שמועה שמע ובא ונתגייר? ר' יהושע אמר מלחמת עמלק שמע, שהרי כתיב בצדו, ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב, ר' אלעזר המודעי אמר, מתן תורה שמע ובא, שכשנתנה תורה לישראל היה קולה הולך מסוף העולם ועד סופה, ור' אליעזר בן יעקב אומר קריעת ים סוף שמע ובא (זבחים קט"ז א').

באמצע המאה השמונה עשרה עוד לא היה להם ליהודי אירופה שיווי זכיות בשום ארץ, אבל רוח הדרור אשר יצא על הארץ בכלל החל גם לפעם בלבבם ויחלו לחפש אחרי האמצעי אשר יביא להם את המתנה הטובה הזאת — אז קם החכם מנדלסון וחבריו ויטיפו השכם והטיף כי ההשכלה תפדה את ישראל מכל צרותיו — יועצי ההשכלה הראשונים אמנם ראו בעיני דמיונם אנשים יהודים שומרי דת וגם משכילים בהשכלת בני יפת, אבל באשר שטו בני הדור החדש אל ההשכלה הלכו דרך לא ישובו עוד ויעזבו את היהדות לגמרי, ואז נבראה השאלה החדשה: **איך ובמה נשיב את בנינו אלינו?** השאלה אשר עד כה יגעה לריק את מה טובי עמנו מבלי המצא לה פתרון — רבים יעצו לדרוש לפני הצעירים את הגבורות והמלחמות מדברי ימינו למען הלהיב את לבבם ולמלא אותם גאון על העבר הנפלא שהיה לנו — אחרים יעצו לספר להם את הנסים שנעשו לנו ולסיים כי הנסים לא פסקו, כי היום עושה לנו ה' נסים בארצות החשוכות למען אשר לא יפול לבבם עליהם ולא יתיאשו מן הגאולה — אבל שתי העצות האלה כבר נתנסו ולא הועילו — ע"ד המלחמות אומרים שכל אלו היו בעבר הרחוק והעבר מת ובטל מן העולם, ועל הנסים אינם רוצים לסמוך כל זמן שיש לאל ידיהם לרכוש להם את כל הטובות הזמניות באמצעים שאינם יוצאים מגדר הטבע — עוד אחרים אומרים להניח להם לצעירים שכבר יצאו מרשותינו ולהקדיש את מיטב כחותינו אל הבנים הקטנים לחנכם על ברכי התורה ולסמוך על דברי חז"ל שהמאור שבה מחזיר למוטב.

את מי הצדק? נראה ונמצא את הכח שהמשיך לב אחרים — למשל יתרו — אל עם ישראל, — וכאשר נחפש אחרי פתרון השאלה האחרונה נמצא שנחלקו בה חכמי התלמוד ממש כמו אלה מבני דורנו המחולקים בשאלה הזאת בזמן הזה — ר' יהושע אמר מלחמת עמלק שמע ובא, זהו כנגד הכת מבני דורנו שאומרת נספר לצעירינו את הגבורות והמלחמות של המכבים וכו' למען הלהיב את לבותיהם — ור' אליעזר בן יעקב אומר קריעת ים סוף שמע ובא — זהו כנגד היועצים לספר להם את הנסים היוצאים מגדר הטבע — אבל ר' אלעזר המודעי אומר, הנה להם

לדברים האלו שמוגבלים במקום ובזמן ושים את לבבך אל הכת היותר גדול וחזק למשוך את לב בני ישראל אחריו והוא תלמוד תורה, והוסיף, „שבשעה שנתנה תורה היה קולה הולך מסוף העולם ועד סופה", ר"ל שהתורה אינה מוגבלת במקום ובזמן. (המחבר)

לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא

צריך להבין מהו לשון „נשיאות" ? והול"ל, לא תשבע בשם ה' לשוא ? — אבל הענין הוא כך, דידוע דהעמים שהיו קודם מתן תורה היו כופרים בהשגחת ה', ואמרו לפי שהוא אל גדול גבור ונורא ושכינת עוזו בגבהי מרומים לכן אין כבודו להשגיח על העולם השפל, כי כולם נחשבו בעיניו כזבובים אשר לא יתכן השגחתו בהם אם יעופו למזרח או למערב, ולכן הניחם ביד המקרה או הטבע. וכן ג"כ בני האדם ילודי אשה אין כבודו להשגיח עליהם השגחה פרטית, כמו שר אדיר היושב במדינה רחוקה ואחוזותיו יתנהגו ע"פ פקידים והוא אינו יודע מאומה מכל אשר יעשו, כי לפי עשרו ורוב גדולתו לפחיתות יחשב לו להתערב בעניינים קלים כאלה. — וכעין זה (תהלים קל"ט) אשר יזמרוך למזימה, ופירשו בעיקרים ומצודות „אשר יזמרוך" ר"ל זה שמרוממים אותך, הוא רק „למזימה" כדי לכפור עי"ז בהשגחתך. — וכן „רם על כל גוים ה'", כל הגוים מגדילים ומרוממים אותו ואומרים כי רק „על השמים כבודו", אבל על כל העולם השפל חרפה לו להשגיח ומסר ההנהגה לכחות הטבע. — אבל אנחנו בני ישראל אומרים: „מי כה' אלהינו המגביהי לשבת" ומ"מ „המשפילי לראות בשמים ובארץ". — ועתה יובן הכתוב „לא תשא את שם ה' לשוא", ר"ל לא תרומם את שמו יתברך בכוונה מזויפה כדי לכפור בהשגחתו יתברך, ולא תאמר שאין עונש ע"ז יען כי אתה מנשאהו ומגדלהו מאד, לזה הוסיף, „כי לא ינקה ה'" וכו', וד"ל (מפרשים).

כבד את אביך ואת אמך

כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך, הטעם שאמר במצות כיבוד אב ואם אריכות ימים הוא משום שלפעמים האבות יחיו זמן ארוך ופרנסתם מוטל על הבנים ויוכל להיות שהבנים יחשבו אותם למשא כבד ויקוצו בהם, לכן קבע שכר מצוה זו אריכות ימים, ועי"ז יצמח שאם יצטערו הבנים על חייהם הארוכים של האבות בהכרח הם מצטערים ג"כ על חייהם עצמם (כד הקמח בשם רש"י).

לא תרצח

נקוד בפתח וקריאת בקהל בקמץ, הטעם לזה כי יש שני מיני שפיכות דמים, הא' רציחה ממש באבן יד או בגרזן, ורציחה כזאת היא גלויה וידועה לכל כפתח פתוח, אבל יש רציחה ממין אחר והיא הכאה בלשון, וכמו שאמרו חז"ל: לשון הרע הורגת שלשה (עירובין), והרציחה ממין הזה היא רציחה בקמץ, ר"ל נסתרת ומכוסה, כי לפעמים נחשב המספר לה"ר בקהל רואים לצדיק גמור (איל המילואים).

נעשה ונשמע

בשעה שהקדימו נעשה לנשמע באו ב' כיתות מלאכי חשרת וקשרו לחם ב'

כתרים אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע (שבת). וצריך לדקדק, אם ראוים ב' כתרים על שאמרו ב' מאמרים נעשה ונשמע, א"כ למה אמר „בשעה שהקדימו", הלא אין הדבר תלוי בהקדימה, והול"ל „בשעה שאמרו", ואם על הקדימה זכו לשכר קשה תרתי כתרים למה לי? הלא הקדימה היתה אחת! וד"ל. — דהנה יש לפרש „נשמע" על שני פנים, הא' כמשמעו שנשמע מה שיצוה ה' ונעשה מה שיצוה, כי אי אפשר לעבד לעשות רצון רבו מבלי שידע מה שצוה לו. והב' יש לפרש „נשמע" שנשים לב להתבונן ולחקור ולדרוש היטב בדבריו, והוא מדרגה יותר גבוה מן האופן הראשון. ודוק ותמצא שאם כוונו פשוט לאופן הא' אז ב' המאמרים נעשה ונשמע הם באמת דיבור אחד, שהלא בלי שמיעה א"א לעשות, אבל אם כוונו את הכוונה השניה אז ב' המלים הם שני דברים נפרדים, ואם ראוים לשכר על זה ראוים לב' מתנות, וכשאנו באים לברר מה היה כוונתם נמצא שהדבר תלוי בסידור ב' המאמרים האלו, שאם היה כוונתם על שמיעה פשוטה היו צריכים לאמר „נשמע ונעשה", כי הלא שמיעה קודם לעשיה, אבל עכשיו שאמרו „נעשה ונשמע" בהכרח שכיוונו את השמועה הזאת על התבוננות ושימת לב, ולכן ראוים לשכר מיוחד על זה. — ועתה נכון מה שאמרו חז"ל שע"י הקדימה של נעשה לנשמע נתברר הדבר שראוים לב' כתרים, וד"ל (כתב סופר).

החזיר הקב"ה את התורה על כל אומה וכו'

וצריך להבין איך נַחזיר את התורה על אומות אחרות אחרי שכבר הסכים ליתנה לנו? ויובן ע"פ הכתוב מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי וכו' — משל למלך שהיו לו בנים ואחד מהם היה חביב עליו יותר מכלם, והיה לו בורות שמהם חוצבים זהב ורצה להוריש אותם לבנו האהוב אבל לא רצה שיהיה קנאה בין הבנים, לכן התחכם ולימד את מלאכת מכרה הזהב אך ורק לבנו האהוב הנ"ל ולא לבניו האחרונים, וידוע שמי שאינו יודע את מלאכת מכרה הזהב וצירופה אף שיוציא את הזהב מן הבורות לא יהיה לו שום תועלת בזה כי יעלה לו הזהב בדמים יקרים כ"כ עד שיצא שכרו בהפסדו. — וכשהגיע התור להוריש את האוצרות הנ"ל לבניו, יתר הבנים שלא ידעו את חכמת מכרה הזהב וצירופו מאסו ומאנו בזה וממילא נשאר הכל לבן האהוב. — והנמשל, אנחנו קבלנו את כללי התורה איש מפי איש עד משה רבנו ע"ה, ובלתי הכללים שקבלנו כמו גז"ש והיקש וקו"ח לא היה אפשר לשמור ולעשות אפילו מצוה אחת כראוי, כמו מצות תפילין ושחיטה וכו' שלא נמצא בתורה רק רמז מהם. — והיות שלא רצה הקב"ה לעשות קנאה בין האומות לכן החזירה עליהם. אבל הם שלא ידעו כללותיה ופרטותיה מאסו בה ולא קבלוה — והיינו: מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל (לכן קבלו את התורה בשמחה) לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידעום (לכן לא קבלו את התורה). — (כתב סופר).

אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם

אנו רואים בעת הזאת שאפילו המאמינים בה' והמזכירים את שמו אינם מזכירים אותו אלא לצרכים חומרים, למשל: „אם יצליח ה' את המסחר הזה בידי ארויח כסף הרבה", או: „אנא ה' הקרה נא לפני היום קונים טובים שימלאו את ארגזי זהב!", או: „תודה לה' שנתן לי היום פרנסה טובה והרוחתי בסף

רב!" וממילא תמצא שאילולי הכסף והזהב לא היה שם ה' נשא על דל שפתים אפילו בין אותם היהודים המתאמרים לשומרי מצוה — ע"ז הזהיר הכתוב: אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם, ר"ל לא תעשון את אלהי אמת, אלהי חרות, לאלהי זהב וכסף, אלהי החומר וצרכיו, וד"ל. (המחבר)

שמור וזכור

(חדשות מקוריות בענין השינוים שבדברות השנים)

זכור ושמור בדבור אחד נאמרו. (שבועות כ')

כבר נודע ומפורסם השינויים אשר בעשרת הדברים על הלוחות שנתנו למשה בסיני, בין במה שנכתב על הלחות הראשונים לבין מה שנכתב על הלוחות האחרונים. בענין מצות השבת, שלשה המה השינויים, במבטא, בטעם ובחובה, כאשר אציגם פה.

א) בדברות הראשונות נאמר „זכור את יום השבת לקדשו", ובדברות האחרונות: „שמור את יום השבת לקדשו", זהו שינוי במבטא.

ב) בדברות הראשונות נאמר: „כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וינח ביום השביעי", ובדברות האחרונות נאמר: „למען ינוח עבדך ואמתך כמוך, וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים", השינוי הזה הוא בטעם המצוה של שבת.

ג) בדברות הראשונות נאמר: „על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו", ובדברות האחרונות נאמר: „על כן צוך ה' אלהיך לעשות את יום השבת", והוא שינוי בחובה של מצות השבת.

כבר הרגישו בזה גם קמאי דקמאי, ובתלמוד אמרו, זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו, כלומר, כוונה ודעה אחת לכל מה שכתוב על הלוחות בדבר השבת. וגדולי המבארים השתדלו למצוא את פשר הדבר הקשה איך ישתוו שתי הדברות על הלוחות להיות כדיבור אחד, והמה מחזיקים בקרבם דעות ורעיונות שונים, הרחוקים זה מזה מרחק רב. בראשונות מדבר בטעם זכרון למעשה בראשית, והוא למען כבוד אלהים לעשות זכרון למענו, ובשניות מדבר מטעם המדה טובה של חנינה וחמלה לעבד ואמה, לשור וחמור, עיין בראב"ע וברמב"ן וביתר המפרשים הגדולים והקטנים, כולם רחוקים מן הכוונה האמתית. ומכל המון המבארים והמפרשים לא מצאתי שום דבר אשר יניח את דעת המבקש פתרון, כמו רק למעני עשו זאת, שהניחו לי מקום להתגדר בו, ואנכי אמנם מצאתי לי דרך חדשה המובילה אל פתח הפתרון הנאמן לכל דבר הקשה בענין הזה.

למען הראות את דרך החדשה שמצאתי לי, חנני להוסיף ראשונה עוד שאלה אחת משלי, ולא ראיתי מן המבארים שידברו על אדותה, מדוע בחר אלהים דוקא את השביתה לאות הזכרון למעשה בראשית, אשר באמת אין זה אלא לאות על השביתה, ואי־מעשה, ומדוע לא בקש לו ענין אחר להכין בו את הזכרון למעשה בראשית, באופן שיהיה יותר ניכר לזכר המעשים שעשה ששת ימי הבריאה, ולא להשביתה אשר איננה עיקר במעשה בראשית.

השאלה הזאת היא לבדה תתן לי חומר רב להבין ולהשכיל על ידה ולמצוא את המטרה במצות השבת, והפתרון לכוונת התורה בהשתנות הדברים שעל הלוחות. מתוך השאלה האחרונה הזאת אני לומד שגם בדברות הראשונות אשר שם נאמר הטעם למצות השבת למען הזכרון למעשה בראשית, גם שם לא היה הטעם ההוא

העיקר בסוד המחשבה, לא למען עשות זכרון להמעשים אשר בששת ימי הבריאה חפץ אלהים לקדש את יום השביעי, לא לכבוד עצמו דרש מאתנו לעשות את יום השבת יום מנוחה ושביתה ממלאכה, כי אם בעד האדם והבהמה, למען ינוחו בו בני האדם, ויתנו מנוחה גם לעבד ואמה, לשור וחמור, הכל כמו שנאמר בדברות האחרונות מפורש, ועל כן בחר דוקא את המנוחה והשביתה לאות הזכרון ולא בקש ענין אחר שיורה ויזכיר את המלאכה והמעשה, יען שעיקר המטרה במצות השבת איננו הזכרון למעשה בראשית, כי אם המחשבה טובה אשר בתוך המצוה, להרגיל את בני האדם למעשים טובים, לנוח ולתת מנוחה גם לכל אשר ברשותם. ומה שאמר הטעם „כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וינח ביום השביעי“ איננו אלא למען לחבב בזה את השבת על בני העם, ולעשותו יותר קדוש בעיניהם, רק על כן שם אותו אלהים גם לאות זכרון, למען שבגלל זאת ישמרו לעשות את השבת ביתר חבה ובזריזות יתרה, להיות מדקדקים למלאות ולקיים את כל הנאמר במצות השבת, למען עשות נחת רוח ליוצרם, והמחשבה הטובה אשר בחפץ אלהים לשבת שינוחו ויתנו מנוחה גם לעבד ואמה, לשור וחמור, ממילא תתמלא.

ובהיות כן, הנה אם ישאלך אדם לאמר: מה העבודה הזאת לנו במצות השבת? יש לך תשובה אחת אשר פי שנים ברוחה: (א) יום מנוחה ושביתה הוא לנו בני האדם, לאות זכרון שגם אלהים נח בו מכל מלאכתו; (ב) ומטרה גבוהה בחפץ אלהים, למען העבדים והבהמות, שימצאו מנוחה גם המה תחת ידי העמלים יום אחד בשבוע. ויפה אמרו, זכור ושמור בדבור אחד נאמרו, יען שמה שנאמר בדברות הראשונות גבי זכור, פי שנים בכוונה זו.

אולם כל זאת היתה במחשבה תחלה לפני אלהים בזמן מתן תורה, ובמעמד הר סיני, בעת שכל ישראל היו מלאים רגשי קודש וחבה יתרה למשה ולתורתו, והיו נראים להיות קשורים ומדובקים באהבה גמורה לשמור ולעשות את כל המצות והפקודים שיצא מפי משה ברוח אלהים, בלי לחסר ובלי לגרוע דבר אחד מדבריו ומחשבה אחת ממחשבותיו, ועל כן טוב היה במצב ובמעמד כזה לצוות אותם על יום השבת גם בלי להודיע אותם את עיקר המטרה, כי אם את אשר הוא לאות זכרון מעשה בראשית. הדבר הזה לבד, די הוא להיות בטוח שהמה ימלאו ממילא את המחשבה טובה במטרת השבת, לנוח ולתת מנוחה לכל העמלים בששת ימי המעשה, אפילו אם לא יבינו שזאת היא העיקר במחשבת אלהים על דבר השבת, מפני שבלאו הכי המנוחה והשביתה חלק אחד ממצות השבת אשר בלעדי זאת לא ימלאו את מצות השבת החביבה להם מטעם שהיא זכרון לכבוד אלהים ולמעשיו בששת ימי הבריאה.

באחרונה אחר שעשו ישראל את העגל, אשר בזה הראו לדעת מה דק החוט אשר בו המה קשורים למשה ולתורתו, אז נחם אלהים על דברו אשר כתב על הלוחות הראשונים בטעם השבת, „כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ וינח ביום השביעי“, יען שאנשים כאלה אשר החבה והחביבות איננה חמה כל כך, אין לסמוך ולבטוח עליהם שיהיו מדקדקים להוציא לפעולה את מצות השבת בכל הפרטים והדקדוקים כמו שנצטוו מפי משה, בלי לחסר ולגרוע דבר מן הדברים. ונקל להיות שבלי משים ובלי כוונה מיוחדת יחסרו דוקא את העיקר, ואת הטפל יקיימו, מפני שלא ידעו את עיקר המטרה במצות השבת, ויתחלפו בידם העיקר לטפל והטפל לעיקר, המה ישמרו לעשות את השבת רק למען הזכרון למעשה בראשית, בחשבם שזהו העיקר בחפץ אלהים, כמו שנח אלהים ביום השביעי ממלאכתו כן

ישבתו וינוחו גם המה ביום ההוא, רק לעצמם, אבל העבד ואמה, השור וחמור, יפטרו מן המצוה הזאת, יען שבלא מנוחת העבד ואמה די הוא לאות הזכרון מה שהמה בעצמם שובתים, ויתר הדברים שבמצות השבת בלעדי מנוחתם בעצמם, הנה אך קטנות המה ואין מדקדקים בהם, ונמצא שהרגש קודם והמחשבה טובה שבעיקר מצות השבת תהיה בטלה לגמרי.

ובגלל זאת שינה אלהים בדברות האחרונות לאמר, באופן שלא יטעו לחשוב את העיקר לטפל, שם לא זכר מאומה ממנוחת אלהים ביום השביעי, בטעם השבת, כי אם גלוי ומפורש כתב שהוא רק „למען ינוח עבדך ואמתך כמוך", ולא משום זכרון למעשי בראשית, ועל כן ידעו שראשית דבר במצות השבת הוא לתת מנוחה לכל העומדים ברשות הבעלים.

ועתה הנה נגלה לפנינו כוונת החכמים שאמרו זכור ושמור בדבור אחד נאמרו, יען שבאמת איננה באה שום השתנות בדברות האחרונות, מפני שגם בעת שנאמר המבטא זכור גם אז היתה סוד המחשבה מה שנאמר בשמור, לנוח ולתת מנוחה להעמלים, ולא מנע אלהים גם להביע לנו מפורש ולצוות עלינו על זה, כמו בפרשה של שמור. „זכור את יום השבת לקדשו וכו' לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך, עבדך ואמתך ובהמתך וגרך אשר בשעריך", רק שבדברות הראשונות בא להוסיף על מה שנאמר בשמור, הוא בא להוסיף חבה של שבת על העם, על ידי שעשהו גם זכרון למעשה בראשית, ויהיה נחשב גם לאות כבוד לאלהים בעשותם את השבת, אשר דבר כזה היה נראה להיות יקר בעיניהם אז בעת שעמדו אצל הר סיני, ובהתלהבות ענו ואמרו: „נעשה ונשמע", ועל כן באחרונה כשנתגלו ישראל בצבעם האמתי, שכבוד אלהים אשר השתדל משה להשפיע עליהם כל העת, איננו חשוב אצלם כל כך, עד שנוח להם להחליפהו בעגל הזהב, מיד הסיר מן השבת את תוספת הדברים שבאו בדברות הראשונות „כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וינח ביום השביעי" ונשאר על הלוחות רק המטרה העיקרית במצות השבת, „למען ינוח" וכו', ובשביל זה החליף גם את הלשון והמבטא בכלל, בדברו על השבת, מפני שכן נחוץ היה.

תחת אשר בדברות הראשונות בחר לו לשון רכה ולא בא עליהם בלשון גזרה וצווי אלא בדרך הצעה ורשות, לאמר „זכור" את יום השבת, לא „שמור" שהוא חובה, מפני שלא בא אלא להודיע להם את חפצו ורצונו במעשה השבת, למען אות אהבה בין העם לאלהיו, שיהיה זכרון זה למעשה בראשית, לאות חביבות בין אלהים ובין בני ישראל, ועל כן אמר „כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וינח ביום השביעי", וכן הוסיף לאמר „על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו", הכל לא בכפיה אלא בחביבות, למען לחבב עליהם את יום השבת שיהיה קדוש בעיניהם, הקדים ואמר שגם הוא ברך את יום השבת ויקדשהו.

ותחת כל אלה החליף אלהים בלוחות האחרונים ואמר „שמור" את יום השבת לקדשו, לשון חובה, גזר גזירה בצווי ופקודה, שישמרו לעשות את השבת לא לאות אהבה בין העם לאלהיו, בעשותם זכרון למעשיו, אלא למען המנוחה, למען שיתנו מנוחה לעבד ובהמה, ועל כן לא הוסיף לומר „על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו", כמו בלוחות הראשונים, אלא „על כן צוך ה' אלהיך לעשות את יום השבת", מפני שהוא חובה.

וכן הוסיף בכוונה לומר „וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים", לאמר, אם

באתם לחשוב את מעשה השבת לאות זכרון, לא לזכרון של מעשה בראשית יחשב לכם, יען שאינני רוצה באותות אהבה מכם אלי, אינני רוצה שתעשו זכרונות למעני, אלא למענכם עשו את הזכרון, למען תזכרו שהייתם עבדים ויצאתם לחרות. על כן צוך ה׳ אלהיך לעשות את יום השבת. חובת אני מטיל עליכם לעשות את השבת בשביל מנוחת העבדים, כי גם אתם הייתם עבדים לפרעה, ויוציאכם ה׳ אלהיכם משם, ועל כן אתה מחויב לתת מנוחה גם לעבדיך.

(המאור שבתורה, יעקב הורוויץ)

שמור וזכור

(תוספת ביאור לשינוי שתי הדברות)

ובמקהלות אמרתי על דבר השנוים אצל השבת בשתי הדברות, על פי משל. איש אחד טוב לב וחפץ חסד, אשר ראה בעני בני עירו העניים, ובחפצו להביא עזרה להם, קרא את בניו העשירים ואספם יחד לאספה, ואז הציע לפניהם האב שיעשו איזה דבר לאות אהבה וכבוד למענו. והדבר היותר יקר אצלו הוא שיעשו הבנים יום זכרון להולדתו בכל שנה ושנה. וייטב הדבר בעיני הבנים, ויקבלו את הצעתו בנפש חפצה, כי מה טוב להם יותר מעשות חגים למשתה ושמחה למזכרת אהבה ליום הולדת אביהם מחמד נפשם.

ויהי בהחלם להכין את הדרוש לחג הראשון והשאלה עלתה על השולחן במה לציין ולסמן את יום החג הזה, שיהיה ניכר אשר לכבוד אביהם הוא, וכמעט שנתקבלה הצעת אחד הבנים, שלאות הזכרון יביאו כל אחד זרי פרחים במספר שנות חייו של אביהם, אבל כשמוע האב את הדבר הזה מהר ואמר להם, אל לכם בני להביא זרי הפרחים ביום החג למספר שנותי, הפרחים האלה לא יריחו לי מאומה, ובזה לא תמלאו את חפצי ורצוני אשר חשבתם לכבדני ביום שמחתי, כי אם זאת עשו ביום החג, אם יקר לכם כבודי ורצוני: פזרו נא שקלים לעניי העיר, איש איש מכם לפי מספר שנותי. דבר כזה אם תעשו בכל שנה ושנה, אז אדע כי כבד תכבדו אותי, וזאתיהיה לי לאות נאמן על רגשי אהבתכם אל אביכם העומד לפניכם כעת.

ועתה אם ישאלני אדם לאמר: מה החג הזה אשר הבנים חוגגים בכל שנה ושנה, האם לא בצדקה יש לי לענות אשר פי שנים ברוח החג הזה, מה שהבנים חושבים ומאמינים שהוא אך לאות זכרון ליום הולדת אביהם, ומה שחושב האב בעצמו, למען מטרה יותר גבוהה, למען הרגיל את בניו במעשה הצדקה, וגם להושיע את העניים בשעת דחקם.

והוא הדבר גם במצות השבת. אלהים חפץ להרגיל את בני עמו במדות ובמעשים טובים, לנוח יום אחד בכל שבוע, ולתת מנוחה גם לכל העמלים בעדם בששת ימי המעשה. על כן בא אליהם בהצעה שיעשו דבר למען כבודו לאות זכרון למעשיו בראשית הבריאה, ומעשה הזכרון יהיה בזה שישבתו יום אחד בכל שבעת ימים תמיד, ולא יעשו כל מלאכה ביום ההוא, הם ובניהם ובנותיהם ועבדיהם וכל אשר ברשותם.

ואם ישאל אדם לדעת מה המטרה להצעת אלהים במצות השבת, ימצא גם הוא את התשובה, כי פי שנים ברוח המצוה, אות אהבה בין העם לאלהיו, בעשותם

זכרון למעשה בראשית, וגם מטרה יותר גבוהה בחפץ אלהים עצמו להרגיל את בני עמו במדות ובמעשים טובים, בתתם מנוחה ושביתה לעבד ואמה, לשור וחמור.

וזה מתאים עם מה שאמרו החכמים „זכור ושמור בדבור אחד נאמרו“, בעת שנאמרה הפרשה של זכור את יום השבת, אשר שם פירש הטעם למצוה, משום הזכרון למעשה בראשית, גם אז היה עיקר המטרה משום מה שנאמר בפרשה של שמור, למען מנוחת העבד ובהמה, ורק למען בני האדם, שיקבלו את השבת ביתר חבה, הוסיף לאמר שהוא למען כבודו של אלהים, לעשות זכרון למעשיו.

ועל כן באחרונה, כאשר נתגלו בני העם בפנים אחרים, בפנים של אי אמונים כל כך, ואי חביבים ומדובקים לו, נחם אלהים על דבריו הראשונים, ותחת שבראשונה בא להרגילם במדות טובות על ידי אותות כבוד שיעשו בעדו, תחת זאת בא אליהם באחרונה לא במראה ובחידות, כי אם גלוי ומפורש צוה עליהם בפקודה שיעשו את השבת, למען מנוחת העבד והאמה, ולמען השור והחמור, ולא זכר שום דבר מן האות לזכרון מעשה אלהים בששת ימי הבריאה.

והדברים שנאמרו בתלמוד שזכור ושמור בדבור אחד נאמרו, המה כנים וברורים וגם מדוקדקים בלשון, שאמרו „זכור ושמור“ דוקא, ולא „שמור וזכור“, יען שרק בעת שנאמרה הפרשה של זכור, רק אז היה פי שנים ברוח המצוה, אבל בעת שנאמרה הפרשה שמור, לא היה כלום ממה שנאמרה בזכור, כי אלהים נחם על דבריו הראשונים, יען שהעם לא היו ראוים עוד לאותה הדעה. הכל כאשר בארתי. (הנ"ל)

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

די מאַסע

(דרוש לפרשת משפטים)

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

לא תהיה אחרי רבים לרעות ולא תענה
על ריב לנטות אחרי רבים להטות.
(שמות כ"ג — ב')

1

דער פסוק „לא תהיה אחרי רבים לרעות וגו'" איז איינער פון די שווערסע פסוקים פון תנ"ך. רש"י ברענגט עטליכע פירושים אבער קיינער פון זיי קלעבט ניט צום הארצן. די חכמי התלמוד האבן דעם פסוק צוטהיילט אויף דריי חלקים און ארויסגענומען פון איהם פערשיעדענע דינים, אבער אפילו רש"י מאכט די בעמערקונג אז זייער דרש שטימט ניט מיט'ן פשט. ע"ש.

צו פערשטעהן די ריכטיגע מיינונג פון דיעזן פסוק איז נויטהיג א קורצע הקדמה פון די פאליטישע וויסענשאפט. — עס איז בעוואוסט צו אלעמען אז אין די אינגערע צייט פון די מענשליכע געזעלשאפט זיינען די רעגיערער געווען זעלבסט־הערשער— די פאלק האט מען געהערט ווי דעם פאראיאהריגען שנעע — אז יעמאנד האט געמאכט א בעמערקונג צו לואיס דעם זעכצעהנטען אז די מדינה איז אומצופריעדען פון זיינעם א געזעץ, האט ער געענטפערט מיט כעס: „ווער איז די מדינה? איך בין די מדינה!"

אין דעם לעצטען יאהרהונדערט האט זיך אויפגעהויבען א בעוועגונג אין אלע לענדער אז דאס פאלק מוז רעגיערען — דיעזע בעוועגונג איז כמעט איבעראל געווען ערפאלגרייך. „דעמאקראטיע" איז געווארען א מין „קמיע" צו אלע געזעלשאפטליכע צרות און א סימבאל פון פראגרעס פון ציוויליזאציאן. — אלס הסכמה אויף דיעזע בעוועגונג האט מען גענומען דעם אלטען ווערטעל: „די שטימע פון פאלק איז די שטימע פון גאט!" — דיעזער ווערטיל איז אריינגענומען געווארען אין די העברעאישע ליטעראטור אונטער דעם טעקסט: „קול המון כקול שדי!" און איז אזוי פערשפרייט

געוואָרען צווישען פאָלק אַז איינער האָט מיר געפרעגט: „וואו שטעהט דאָס אין איוב אָדער אין משלי?"

אַבער ווי אַזוי קען די פאָלק רעגיערען? עס גיעבען דאָך צווישען זיי מיליאָנען פערשיעדענע דעות, אַז איינער זאָגט שוואַרץ זאָגט דער צווייטער ווייס? — האָט מען געמוזט קומען צום סיסטעם פון מאַיאָריטעטס-רעגיערונג — און הגם עס טרעפט גאַנץ אָפט אַז די מינאָריטעט איז כמעט אַזוי גרויס ווי די מאַיאָריטעט. און נאָך דיעזען סיסטעם קומט דאָך אויס אַז די מינאָריטעט ווערט רעגיערט געגען איהר ווילען. רופט מען דאָס פון דעסטוועגען פאָלקס־רעגיערונג.

2

איז דיעזער סיסטעם פון „מאַיאָריטעט־הערשאַפט" אין איינקלאַנג מיט די אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט? און דאַרף דיעזער סיסטעם אַנגעווענדעט ווערען אין אַלע פעלע אָהן אַן אויסנאַהם?

אויב איהר ווערט ענטפערען, יאָ! דאַן דאַרפען מיר אידען אויפגעבען אונזער אמונה און אונזערע אידעאַלען, ווייל מיר זיינען דאָך יעצט די מינאָריטעט אין יעדער לאַנד — און אַזוי געפינען מיר טאַקי אין אונזער היסטאָריע אַז אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער פלעגען טאַקי די שונאי ישראל אויסנוצען דיעזע טענה אין זייערע וויכוחים מיט אידישע געלעהרטע: כמיטש, אייער תורה זאָגט דאָך „אחרי רבים להטות", טאָ וואָרום זשע זייט איהר אַזוי איינגע׳עקשנ׳ט און ווילט ניט אַננעהמען דעם קריסטענטהום וועלכער איז דער רעליגיאָן פון די מאַיאָריטעט? — די אידישע געלעהרטע זיינען ניט געבליעבען איינגאַנצען אָהן אַ תירוץ, אַבער זייערע תירוצים זיינען געוועזען פון דעם סאָרט וואָס קען בעצייכענט ווערען אַלס „פשט׳ל".

דער אמת׳ער תירוץ אויף דיעזער קשיא איז אַז דער סיסטעם פון מאַיאָריטעט־רעגיערונג איז נור אַן „אונפערמיידליכער איבעל", ווייל אָהן דיעזען פלאַן איז אוממעגליך פיר אירגענד וועלכע געזעץ־געבענדע קערפערשאַפט צו טהאָן פראַקטישע אַרבייט, אַבער דאָס מיינט אויף קיין פאַל ניט אַז דער בעשלוס פון די מאַיאָריטעט האָט אַלע מאָל די אַבסאָלוטע גערעכטיגקייט אויף איהר זייט. און דערפון פאָלגט עס אַז דער סיסטעם פון מאַיאָריטעט-רעגיערונג דאַרף אַנגעווענדעט ווערען נור וואו עס האַנדעלט זיך וועגן פראַקטישע אַרבייט אָבער ניט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען פרינציפען אָדער אידעען °).

°) דער בעסטער סימן אַז די שטימע פון די מאַסע איז ניט די שטימע פון גאָט קען מען געפינען אין די פאָלקס־ווערטלאַך פון אַלע נאַציאָנען. — נעהמט אַ בוך פון פאָלקס־ווערטלאַך אין אירגענד וועלכער שפּראַך און איהר וועט געפינען צעהנדליגע ווידערשפּרעכונגען אויף יעדען בלאַט. למשל אין איין שורה וועט איהר געפינען: „מיט עהרליכקייט קען מען דורכגעהן די גאַנצע וועלט", און אין די צווייטע שורה: „עהרליך לעבען איז שווערליך לעבען", א. ז. וו., א. ז. וו. נון, אויב דער ערשטער ווערטיל איז די שטימע פון גאָט איז דער צווייטער ניט אַנדערש נ״ר די שטימע פון טייפעל.

2

פאראן פיעלע אורזאכען וועלכע פיהרען דערצו אז די מאסע זאל זיין דאס רוב אומגערעכט.

1) די מיטגליעדער פון דער מאסע דיינקען און פאסען בעשליסע דורך אינפעקציאן, דאס הייסט, זיי נעהמען זיך אן בעגייסטערונג, אדער פערד־אכטונג, אזוי ווי מענשען נעהמען זיך אן פאקען אדער אינפלוענציע. — ווען מענשען זיינען צוזאמען אין א מאסע פערליערען זיי זייער אייגענעם איך, און אנשטאט דעם ווערט פון זיי אלעמען א גאנץ נייע פיעל קעפיגע בע־שעפעניש וועלכע מען רופט „דער עולם". דיעזע בעשעפעניש דיינקט און האנדעלט אזוי ווי איין קערפערשאפט. און טאמער געפינען זיך אין איהר יחידים וואס וואלטען געהאנדעלט אנדערש ווען זיי וואלטען געווען אליין ווערען זיי אזוי ווי בע'כישופ'ט און שטימען אויך איין מיט דער מאסע. — איהר האט געוויס בעמערקט ווען א חזן דאווענט אדער א רעדנער רעדט פאר א גרויסען עולם דאס עס איז נור גענוג אז איינער זאל א שאקעל טאן זיין קאפ מיט בעוואונדערונג אדער פערקעהרט מיט פעראכטונג און אלע שאקלען שוין מיט זייערע קעפ מיט איהם.

„מענעדזשערם" פון טעאטערע ווייסען שוין דיעזע מענשליכע פסיכא־לאגיע און אלזא ווען זיי שטעלען פאר א נייע דראמא אויף דער ביהנע דינגען זיי פראפעסיאנעלע „פאטשערם" צו בעגייסטערען און מיטצושלעפען דעם עולם מיט זיך — אין די גרויסע שטעדט האבען זיך חזנים אויך אויסגע־לערנט דיעזען קונץ. און עס איז אן אפענער סוד אז פיעלע פון זיי וואל־טען ניט געקענט נעהמען קיין שטעלע מיט זייערע אייגענע פעהיגקייטען ווען זיי וואלטען עס ניט גענומען מיט שטורם דורך די הילפע פון געדונגענע „פאטשערם".

נאך מיין מיינונג איז דיעזער געדאנק וועגען פאלקס־ווערטלאך די שליסעל צום ספר „קהלת" אויף וועלכען די מפרשים האבען שוין אויסגעגאסען א ים טינט אין זייער שטרעבונג רעכט צו מאכען די ווידערשפרעכונגען. — נאך מיין מיינונג זיינען די ווידערשפרעכונגען פון קהלת די נשמה פון דעם גאנצען ספר.

„קהלת" איז אין העברעאיש „די מאסע" („קהילה" ו„קהלת" כמו „עטרה" ו„עטרת". ומה שאמר „בן דוד מלך בירושלים" הוא להסתיר הכוונה כדרך הקדמונים). — שלמה האט צוזאמענגעקליבען אלע ווערטלאך פון דער מאסע (קהלת) צו בע־ווייזען אז זיי ווידערשפרעכען זיך אויף יעדען טריט און מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאזען — דא זאגען זיי: „אין טוב לאדם כי אם לאכול ולשתות ולשמוח", און א צווייטען מאל: „ודע כי על כל אלה יביאך ה׳ במשפט"; דא: „שמח בחור בילדותך" און א צווייטען מאל: „וזכור את בוראך בימי בחורותיך" וגו׳ — און דעריבער האט שלמה מקדים געווען: „הבל הבלים אמר קהלת!" ד. ה. עס איז ניט אמת אז די שטימע פון דער מאסע איז די שטימע פון גאט, אדרבא! די מאסע רעדט אמאייסטען פוסטע רייד — און צום סוף ענדיגט ער: „סוף דבר את אלהים ירא וגו׳" ד. ה. דער סך הכל פון מיינע רייד איז: לייג ניט קיין געוויכט אויף די ווערטער פון דער מאסע, נור אויף די ווערטער פון גאט.

2) דער עולם איז ניט קאָנסעקווענט: דאָס הייסט דער עולם האַלט זיך ניט לאַנג ביי איין מיינונג — אַ יחיד מוז זיין קאָנסעקווענט, אויב ניט וועט איהם די וועלט האַלטען פאַר אַ ליגנער אָדער אַ פּלוט — „וואָס הייסט נעכטען האָסטו געזאָגט אַזוי און היינט זאָגסטו אַנדערש! ביזטו דאָך גאָר אַ „ווינט“: קען מען זיך דאָך אויף דיר גאָר ניט פערלאָזען!“ — די „מאַסע“ אָבער קען בייטען איהר מיינונג אַלע טאָג אָדער אפילו אַלע שטונ־דע און מען קען איהר קיינמאָל ניט כאַפּען פאַר'ן האַנד.

איך בין אַ מאָל געלאָדען געוואָרען צו די אינסטאַליישאַן פון אַ רב אין אַ געוויסע שטאָדט אויף דער פּראָווינץ, און איך האָב זייער שטאַרק בעוואונדערט דעם כבוד וואָס די אידישע בעפעלקערונג פון יענער שטאָדט האָט איהם אָבגעגעבען און די בעגייסטערונג וואָס זיי האָבען איהם אַרויס־געוויזען. דריי מאָנאַט שפּעטער בין איך ווידער געלאָדען געוואָרען אין דער זעלבער שטאָדט אַנטהייל צו נעהמען אין אַ דין תורה וואָס דער זעלבער רב האָט שוין געהאַט מיט זיין געמיינדע צוליעב דעם וואָס זיי ווילען ברעכען דעם קאָנטראַקט און איהם אַרויסשיקען בעירום ובחוסר כל. — דיעזען מאָל בין איך ווידער איבעראַשט געוואָרען צו זעהן דעם האַס און די פעראַכטונג וואָס זיין גאַנצע געמיינדע האָט צו איהם אַרויסגעוויזען.

איך ווענדע זיך צו איינעם פון זיי און זאָג צו איהם: „סטייטש, איהר האָט דאָך איהם אַקאָרשט אויפגענומען מיט אַזאַ כבוד און מיט אַזאַ ליעבע, ווי קומט עס אַז איהר האָט אַזוי גיך געביטען אייער מיינונג?“

„ווער? איך? — זאָגט ער — איך האָב איהם קיינמאָל ניט געגעבען קיין כבוד און איך האָב איהם קיינמאָל ליעב געהאַט. פערקעהרט איך האָב איהם פיינד געהאַט פון די ערשטע מינוט: אַי, וואָס, איהר האָט געזעהן ווי אַ האַפּטע נאַראַנים זיינען געשפּרונגען קדוש פאַר איהם, דאָס זיינען גע־וועזען אַנדערע, ניט איך“...

די זעלבע תשובה האָב איך געקראָגען פון יעדען איינעם פון יענע גע־מיינדע וועמען איך האָב נור געשטעלט די פראַגע, נעמליך: „דאָס זיינען געוועזען אַנדערע!“

און ווייל די מאַסע האָט ניט קיין פעראַנטוואָרטליכקייט דעריבער טאַקי בייט זי איהר מיינונג אַלע מאַנטאָג און דאָנערשטאָג. אַזוי איז געוועזען פער־צייטען; פריהער האָבען אונזערע עלטערען צוגעכאַפּט די תורה מיט גרויס התלהבות און אויסגעשריען „נעשה ונשמע“ — אין עטליכע מאָנאַטען אַרום האָבען זיי געטאַנצט פאַר'ן גאָלדענעם קאַלב, ווידער מיט גרויס התלהבות, און אַ ווייילע שפּעטער האָבען זיי געבויט דעם משכן פאַר גאָט, אַבערמאָלס מיט אַזעלכע התלהבות אַז די ווייבער האָבען געשפּונען די יריעות מיט די אייגענע הענד און די מענער האָבען געבראַכט אַזוי פיעל גאָלד און זילבער אַז משה האָט שוין געמוזט שרייען „גענוג!“

און דאָס מענשליכע נאַטור האָט זיך ניט געביטען אין דיעזע אַלע טוי־זענדע יאָהרען. — אַט זעהען מיר די בעגייסטערונג פון די פראַנצויזען פיהרענדיג זייער קעניג צו דער גילאָטינע — איינינע יאָהר שפּעטער זעהען מיר פונקט די זעלבע בעגייסטערונג און אפשר נאָך אַ גרעסערע פיהרענדיג

א נייעם קעניג (נאפאלעאן) צום טראן — און א ווייליע שפעטער פייערן זיי ווידער מיט די זעלבע בעגייסטערונג דעם געבורט פון א רעפובליק...

3) די מאסע איז ברוטאל. — די וועלט זאגט: „קהל איז קיין גזלן נים!" — דאס איז איינער פון די ווערטלאך וואס „קהל" האט אליין ער־פונדען צו רעכטפערטיגען איהרע מעשים תעתועים — דער אמת איז אז „קהל" איז א געפערהליכער גזלן — האט איהר שוין פערגעסען די אלטע צייטען ווען קהל האט געקראגען דעם אויפטראג צוצושטעלען סאלדאטען פאר ניקאלייען ווי זיי האבען אוועקגעריסען קליינע עופ'עלעך פון זייערע מוטערס ארעמס, און אויב די מוטער האט צוגעהאלטען איהר קינד מיט איבערנאטירליכע כחות און מען האט איהר נים געקענט אבוייסען, האט מען איהר נעגעבען מיט א לייכטער איבער'ן קאפ...

די מאסע ווען זי צוקאכט זיך איז זי ערגער ווי מלאכי חבלה פון גיהנם — דאס איז שוין גענוג בעוויזען געווארען פון די אינקוויזיציעס און פאגראמען אויף אידען אין די אלטע לענדער און פון די לינטשערייען אין אמעריקא. — קיין יחיד וואלט נים געוואגט אזעלכעס צו טהאן אפילו ווען זיין אייגענע מערדערשע הארץ וואלט איהם שוין ערלויבט אזוי צו האנד־לען, ווייל ער וואלט מורא געהאט פאר שטראף אדער פאר די עפענטליכע מיינונג — די מאסע אבער האט פאר קיינעם קיין מורא נים, ווייל זי פיהלט אז יעדער איינציגער וועט נאכדעם קענעןווארפען די שולד אויף אנאנדערען...

דיעזער געדאנק ווערט ארויסגעזאגט אויף א גאוני'שען אופן אין תלמוד (ערובין נ"ג:) „רבי יהושע בן חנניה זאגט: איך בין קיינמאל נים בעזיעגט געווארען אין א דיספוט פון קיין מענשען אויסער פון איין קליינע מיידעלע (בגמרא שם מזכיר אשה ותינוק אבל לא נצרך לענינינו), איינמאל געהענדיג אין וועג האב איך דערזעהן א קירצערע וועג וואס געהט דורך א פעלד און איך האב אנגעפאנגען צו געהן דורך איהר. שטעלט מיר אב א קליינע מיידעלע און גיט מיר א פרעג: רבי איז דאס נים א פריוואט פעלד! ווארום זשע געהט איהר דורך איהר אהן ערלויבניש פון אייגענ־טהימער? זאג איך צו איהר: איך געה דאך אין אן אויסגעטראטענעם וועג! (דאס הייסט, איך בין דאך נים דער ערשטער, אנדערע זיינען דאך שוין אויך געגאנגען אויף דער זעלבער וועג!), זאגט זי צו מיר: אזעלכע רויבער ווי דו ביזט האבען איהר אויסגעטראטען! (דאס הייסט, די ערשטע וואס האבען איהר אויסגעטרעטען האבען געטהאן דעם זעלבען אומרעכט וואס דו טהוסט).

דיעזע טענה: „איך געה דאך אין אן אויסגעטראטענע וועג!" איז אימער בענוצט געווארען פון יעדען בעל־עוולה וועלכער איז בעגאנגען זיין טהאט אין די געזעלשאפט פון א מאסע אנדערע מענשען, אבער דער אנט־ווארט פון די קליינע מיידעלע בלייבט אימער אין קראפט: קיין אונטער־שיעד צו האסט בעגאנגען דעם אומרעכט איינער אליין אדער בשותפות מיט א מאסע אנדערע מענשען, דער אומרעכט בלייבט דער זעלבער — דער אונטערשיעד איז נור, דאס ווען די עוולה ווערט בעגאנגען פון דער מאסע

איז זי אַלעמאָל מעהר גרויזאַם און העסליכער אַלס ווען די זעלבע עוולה ווערט געטהאָן פון אַ יחיד — ווייל די מאַסע וואַרפט אַרונטער די בושה און די מורא, ווי אויבענגעזאָגט.

דאָס איז פּילייכט די כוונה פון דוד המלך ווען ער האָט געזאָגט: „שנאתי קהל מרעים" — איך האָב פיינד אַ „קהל" פון שלעכטע מענשען — ווייל ווען די מענשען זיינען „מרעים" און דערצו זיינען זיי נאָך אַ „קהל", דאַן לאָזען זיי זיך אַרונטער צום טיעפסטען אַבגרונד פון פערדאָרבענהייט.

3

דער אמת'ער מענש דאַרף זיך קיינמאָל ניט שרעקען פאַר דער וועלט צו זיין אויף דער זייט פון דער מינאָריטעט — דער מאַן וואָס שטעלט זיך ריידען ביי אַ מיטינג און פון אַלע זייטען הערט מען קולות: „סיטדאַון!" „פּוט הים אוט!" און ער שטעהט און טענה'ט דאָס זייניגע, איז אַ העלד וועלכער פערדיענט בעוואונדערונג.

מען האָט אַ מאָל געזאָגט דעם גריכישען פילאָזאָף פּלאַטאָ אַז ער מוז זיין אומגערעכט אין אַ געוויסער טהעאָריע ווייל עס איז דאָ אַ גרויסע מאַיאָ־ריטעט געגען איהם — זיין אַנטוואָרט איז געווען: „ווען אַ מענש האָט די גערעכטיגקייט אויף זיין זייט זיינען זיי ביידע (ער און די גערעכטיגקייט) אַ מאַיאָריטעט געגען די גאַנצע וועלט!"

דוד המלך ע"ה האָט שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט דעם זעלבען געדאַנק אין זיין אונפערגלייכבאַרען סטיל: „טוב מעט לצדיק מהמון רשעים רבים".

דער וואָס שטעלט זיך געגען דער וועלט מוז זיך ריכטען אויפ'ן צאָרן פון דער וועלט: מען וועט איהם רופען „קרענק", „פערדרעטהער" און נאָך אַזעלכע שעהנע נעמען; מען וועט איהם וואַרפען אין געפענגעניס, אָדער פערוואַרפען מיט שטיינער א. ז. וו. און דעריבער קען מען זאָגען צו אַזעל־כען אין די ווערטער פון כהן גדול צו די וואָלונטירען פון דער אידישער אַרמיי: „איש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו!" — ווער עס פיהלט אַז עס פעהלט איהם קוראַזש זאָל בעסער ניט אַנפאַנגען די מלחמה.

פערקעהרט אָבער, אויב דו פיהלסט זיך שטאַרק גענוג צו ליירען פאַר'ן אמת, דאַן איז עס דיין פליכט זיך אַריינצוואַרפען אין דער מלחמה. און אין יעדען דור האָבען זיך טאַקי געפונען אַ קליינע צאָהל גייסטיגע גבורים וואָס האָבען מקריב געווען זייער עהרע און אפילו זייער לעבען און האָבען געקעמפּפט פאַר'ן אמת אפילו געגען די גאַנצע וועלט.

יעצט קענען מיר קומען צו די ריכטיגע ערקלעהרונג פון דעם פּסוק, וואָס מיר האָבען אַוועקגעשטעלט אַלס טעקסט פון דיעזער דרשה:

לא תהיה אחרי רבים לרעות (ווען דו פיהלסט אַז די האַנדלונג פון דער מאַיאָריטעט איז שלעכט, זאָלסטו ניט זיין אויף זייער זייט) **ולא תענה** (און דו זאָלסט ניט אַנטוואָרטען דעם ידוע'דיגען וועלטליכען תירוץ) **על ריב לנטות** (דאָס אום אויסצומיידען אַ קריעג) **אחרי רבים להטות** (מוז מען אַלעמאָל נאָכגעהן די מאַיאָריטעט).

4

דיעזער געדאנק ווארפט א ליכט אויף די ווערטער פון נביא מיכה:

והיה שארית יעקב בגוים בקרב עמים רבים
כאריה בבהמות יער, ככפיר בעדרי צאן, אשר
אם עבר ורמס וטרף ואין מציל. (מיכה ה׳)

די ווערטערליכע איבערזעצונג פון דיעזען פסוק האט אונז ניט צו־געלעגט קיין כבוד, ווייל די אנטיסעמיטען בעווייזען פון דיעזען פסוק אז דער נביא אליין גיט צו אז די אידישע פאלק צווישען די פעלקער איז גלייך צו א לייב אין א שטאדע שעפסען וועלכער געהט דורך און צורייסט און קיינער קען פון איהם ניט רעטען.

דער אמת איז אז דער נביא וויל דא געבען א שלאגענדען אנטווארט אויף די פראגע, ווארום שטעלט זיך די אידישע פאלק געגען די גאנצע וועלט (אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען). סטייטש אונזער תורה אליין זאגט דאך „אחרי רבים להטות", און די פעלקער זיינען דאך די גרויסע מעהר־הייט? דערויף אנטווארטעט דער נביא אין דעם זעלבען זינן ווי א געוויסער פילאזאף האט א מאל געזאגט: „א מאיאריטעט דארף מען ניט צעהלען נור וועגען אויפ׳ן וואג".

למשל צוועלף דזשורי־מען זיצען אין פערהאנדלען א „קייס" וואו עס פאדערט א גרויסע ידיעה אין די „קלאטהינג" ביזנעס: עלף פון זיי ווילען אריינברייגנען אן אורטהייל פאר׳ן קלעגער און איינער איז איינגעשפארט דוקא צו גונסטען פון אנגעקלאגטען. דאכט זיך אויבערפלעכליך אז די עלף זיינען געווים גערעכט ווייל זיי זיינען דאך די גרויסע מאיאריטעט: איז אבער דא נאך א פאקט אין דיזען עניז, נעמליך: די עלף זיינען פאר־מערס און דער איינער איז א „קלאטהינג" הענדלער זיין גאנצען לעבען! וועט איהר שוין צוגעבען אז די דעה פון דעם „איינעם" דארף האבען פיעל מעהר געוויכט ווי די מיינונג פון די „עלף"? (אננעהמענדיג אז אלע צוועלף זיינען אונפארטייאיש).

דער נביא ענטפערט מיט אנאנדער משל אבער דער געדאנק איז דער זעלבער: איהר זאגט אז אידען דארפען בויגען די קאפ פאר די אנדערע פעלקער פון דער וועלט ווייל יענע זיינען די מאיאריטעט; שטעלט זיך פאר אז אימיצער זאל קומען צו א סטאק־פארמער און איהם דערצעהלען אז א לייב האט זיך אריינגעכאפט צווישען זיין שטאדע שאף און ער וועט אנטווארטען: „אה! איך האב דערפאר קיין מורא ניט ווייל מיינע שאף זיינען הונדערט און דער לייב איז נור איינער!" וועלען דאך זיינע צוהערער איהם האלטען פאר א משוגע׳נעם, ווייל יעדער ווייס אז שאף, זאלען זיי אפילו זיין גרויס אין צאהל, קענען זיי דאך ניט שטעלען זיך געגען איין לייב — אזוי אויך ווען מען קומט מעסטען די גייסטיגע וויכטיגקייט פון נאציאנען קען מען איננאנצען ניט נעהמען אין אנבעטראכט דעם צאהל פון זייער בעפעלקערונג. נור פערקעהרט עס קען טרעפען אז א פאלק וועל־כע איז גאנץ קליין אין צאהל זאל אריבערוועגען פיעל גרעסערע פעלקער ווי זי איז.

5

און דערפון פאלגט עס אז מאיאריטעט־הערשאפט איז ניט „דער לעצטער וואָרט" אין „דעמאָקראַטיע" — כדי צופריעדענצושטעלען די ריינע גערעכטיגקייט מוז מען שאפען אזא סארט רעגיערונגס־סיסטעם נאך וועלכען די מינאריטעט זאל זיין פערטרעטען נאך איהר פראפארציע נאך, און איהר שטימע זאל זיך שטארק הערען אין יעדע פראגע, ווייל עס האט שוין פיעל מאל געטראפען אז דער אמת איז ניט געווען מיט די גרויסע מעהרהייט נור מיט די קליינע מינדערהייט.

חומר לדרוש.

פרשת משפטים

אגדות חז"ל

ועוז מלך משפט אהב אתה כוננת מישרים משפט וצדקה ביעקב אתה עשית — בנהוג שבעולם מי שהוא בעל זרוע אינו רוצה לעשות דבריו במשפט, אלא מעביר על המשפט, חומס וגוזל ומעביר על דעת קונו ונושא פנים לאוהביו וקרוביו ועושה שלא כדין לשונאיו, אבל הקב"ה (אעפ"י שהוא כל יכול) משפט אהב, אינו עושה דבריו אלא במשפט (תנחומא).

ואלה המשפטים — דוד אמר יראת ה' טהורה עומדת לעד, משפטי ה' אמת צדקו יחדיו, מהו כך? אתה מוצא אדם שונה מדרש הלכות ואגדות ואם אין בו יראת חטא אין בידו כלום. משל לאדם שאמר לחברו, יש לי אלף מדות של תבואה, יש לי אלף מדות של שמן ואלף של יין, א"ל חברו יש לך אפותיקאות (אוצרות) ליתן אותן בהם? אם יש לך כך הכל שלך ואם לאו אין בידך כלום. כך, אדם שונה הכל, אמרו לו, אם יש לך יראת חטא הכל שלך ואם לאו אין בידך כלום. לכך נאמר יראת ה' טהורה וגו' משפטי ה' אמת צדקו **יחדו**. (שמות רבה פ' ל' ו"א).

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (ולא לפני גוים) — משל לחולה שנכנס הרופא אצלו לבקרו, אמר לבני ביתו, האכילוהו כל מה שהוא מבקש. נכנס אצל אחר אמר להם, הזהרו בו שלא יאכל דבר פלוני ופלוני, אמרו לו, לראשון אמרת שיאכל כל מה שירצה, ולשני אמרת שלא יאכל דבר פלוני ופלוני! אמר להם, הראשון אינו לחיים לפיכך אמרתי שיאכל כל מה שירצה, אבל זה שהוא לחיים אמרתי הזהרו בו (שמו"ר פ"ל ו"ח).

והגישו אל הדלת או אל המזוזה ורצע אדוניו את אזנו במרצע — ר' שמעון ברבי היה דורש, מה נשתנה דלת ומזוזה מכל כלים שבבית? אמר

הקב"ה דלת ומזוזה שהיו עדים במצרים בשעה שפסחתי על המשקוף ועל שתי המזוזות ואמרתי כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים, והלך זה וקנה אדון לעצמו, ירצע בפניהם וכו'. ר' יוחנן בן זכאי היה דורש, מה נשתנה אוזן מכל אברים שבגוף? אמר הקב"ה אוזן ששמעה על הר סיני, כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע (קדושין כ"ב).

חמשה בקר תחת השור וארבע צאן תחת השה — תניא ר"מ אומר, בא וראה כמה גדול כחה של מלאכה, שור שבטלו ממלאכתו חמשה, שה שלא בטלי ממלאכתו ארבעה. א"ר יוחנן בן זכאי, בא וראה כמה גדול כבוד הבריות, שור שהלך ברגליו חמשה, שה שהרכיבו על כתפו ארבעה (ב"ק ע"ט).

אם כסף תלוה את עמי — זה שאמר הכתוב טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט כי לעולם לא ימוט, אתה מוצא כל בריותיו של הקב"ה לוין זה מזה, היום לוה מן הלילה והלילה לוה מן היום (ר"ל בימי הקיץ כשהימים ארוכים היום לוה מן הלילה, ולהיפך בימי החורף), ואינן דנין זה עם זה כמו הבריות, שנאמר יום ליום יביע אומר ולילה ללילה וגו' אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם. הלבנה לוה (אור) מן הכוכבים והכוכבים לוין מן הלבנה, וכו' וכו', הרי שבריותיו לוין זה מזה ומשלמין זה לזה, ובשר ודם לוה מחברו ומבקש לבלעו בריבית ובגזל! (מכילתא, שמו"ר פל"א).

ד"א, אם כסף תלוה את עמי את העני עמך — הה"ד נבהל להון איש רע עין ולא ידע כי חסר יבואנו (משלי כ"ח). א"ר לוי זה שאינו מוציא מעשרותיו כראוי, מעשה באדם אחד שהיה מוציא מעשרותיו כראוי והיה לו שדה אחת והיתה עושה אלף מדות ומוציא ממנה מאה מדות למעשר ומן המותר היה מתפרנס הוא ובני ביתו. בשעת פטירתו קרא לבנו וא"ל בני מה דעתך על שדה זו, כך וכך מדות היא עושה וכך מדות למעשר וממנה הייתי מתפרנס כל ימי. כשנפטר אביו מן העולם, שנה ראשונה זרע אותה הבן ועשתה אלף מדות והוציא ממנה מאה למעשר, שנה שנייה נכנס בו עין הרע, פיחת עשרה ממעשר, ופיחתה השדה מאה, וכן בשלישית וברביעית ובחמישית, עד שעמדה השדה על מעשרותיה, והוציאה מאה מדות. כיון שראו קרוביו כך עמדו ולבשו לבנים ונתעטפו לבנים ונכנסו אצלו. אמר להם לא באתם אלא לשמוח עלי. אמרו לו חס ושלום לא באנו אלא לשמוח **עמך**. לשעבר היית אתה בעה"ב והקב"ה כהן ועכשיו נעשית כהן והקב"ה בעה"ב, הה"ד ולא ידע כי חסר יבואנו (שמו"ר פל"א י"ח).

לא תשא שמע שוא — אמר רב ששת משום ר"א בן עזריא, כל המספר לשון הרע וכל המקבל לשון הרע וכל המעמיד עדות שקר בחברו ראוי להשליכו לכלבים, שנאמר לכלב תשליכון אותו וכתיב בתריה לא תשא שמע שוא (פסחים קי"ח).

אל תשת ידך עם רשע — מכאן היו נקיי הדעת שבירושלים נוהגין שלא היו חותמין על השטר אלא יודעין מי חותם עמהם ולא היו יושבין בדין אלא אם כן יודעין מי יושב עמהם, ולא היו הולכין לבית המשתה אלא אם כן יודעין מי הולך עמהם (סנהדרין כ"ג).

ושוחד לא תקח — ת"ר ושוחד לא תקח, אינו צריך לומר שוחד ממון אלא אפילו שוחד דברים. כי הא דשמואל הוה קא עבר במעברא אתא ההוא גברא יהיב ליה ידא, א"ל מאי עבידתך? א"ל דינא אית לי, א"ל פסילנא לך לדינא וכו',

רב ענן איתי ליה ההוא גברא בנתא דגלדנא וכו' פסילנא לך לדינא וכו' (כתובות ק"ה, יל"ש שנ"ג).

ויעל משה ואהרן נדב ואביהו ושבעים מזקני ישראל — למה לא נתפרשו שמותם של זקנים? שלא יאמר אדם פלוני כמשה ואהרן? פלוני כנדב ואביהו? פלוני כאלדד ומידד? שנאמר ויאמר שמואל וגו' וישלח ה' את ירובעל וגו' ללמדך שאפילו קל שבקלים כיון שנתמנה פרנס על הצבור הרי הוא כאביר שבאבירים, וכתיב ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם, וכי תעלה על דעתך שאדם הולך אצל שופט שלא היה בימיו? אלא ללמדך שכיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור וכו' (מ"ר ויל"ש שס"ב).

ואלה המשפטים — וש"ה מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה, מלכה של תורה (התלמיד חכם) אם עושה משפט מעמיד את הארץ, ואיש תרומות יהרסנה, אם משים אדם עצמו כתרומה זו ואומר מה לי בטורח של ציבור, מה לי בדיניהם, מה לי לשמוע קולם, שלום עליך נפשי, הרי זה מחריב את העולם (תנחומא).

כי יפתח איש בור וגו' — ת"ר לא יסקל אדם מרשותו לרשות הרבים, מעשה בחסיד אחד שהיה מסקל מרשותו לרשות הרבים מצאו חסיד אחד וא"ל ריקה, מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך? לגלג עליו. לימים נצרך למכור שדהו, והיה מהלך באותו רשות הרבים ונכשל באותם אבנים, אמר יפה אמר לי אותו חסיד, מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך (ב"ק נ').

מדבר שקר תרחק — מלמד שאם באו שנים לדין אחד לבוש סמרטוטין ואחד לבוש אצטלית בת מאה מנה שאומרים לו, לבוש כמותו או הלבישהו כמותך. (שבועות ל"א).

כל הדברים אשר דבר ה' נעשה ונשמע — א"ר חמא בר חנינא, מ"ד כתפוח בעצי היער, למה נמשלו ישראל לתפוח, לומר לך מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע (שבת פ"ח).

ליקוטים ממבחר הדרוש.

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם — דוד אמר, יראת ה' טהורה עומדת לעד (שמות רבה ל') — יש לשאול מדוע תחזיק התורה בקרבה גם החוקים שבין אדם לחבירו? למה יצטרכו המשפטים אל הקדושה, הלא אותם יכול כל עם לחקוק לו כאות נפשו, ומדוע הקיפה התורה גם אותם? הלא כל הדתות אשר בארץ יתגבלו (בעשרענקען) עצמם רק על הענינים הדתיים ואת חוקי ומשפטי הארץ יעזבו אל המדינה, ומדוע שינתה התורה בזה?

אמנם התשובה היא כי יש הבדל גדול בין העושה דבר או איננו **עושה** אותו מפאת יראת העונש שיגיע לו ע"פ חוקי הממשלה ובין העונש מפאת היראה הדתית, ר"ל מפני יראת אלהים, כי מה שעושה האדם משום יראת המלכות אין לו יסוד מוסרי, כי הוא עושה או מונע את עצמו מדבר זה יען שיש לו מעיק היצוני, ובהוסר המעיק, או רק כאשר ידמה שטר המעיק שאין אדם רואהו, אז עושה

את הרע ג"כ, יען כי מעולם לא עשה דבר מפאת רגש מוסרי, אולם העושה או מונע את עצמו מחמת שכן צוה השם, אז לבד מזה שלא יעשה זאת אפילו במסתרים שהלא עיני ה' בכל צופיות, הנה ירוית בזה עוד כי היראה הזאת תפשט את העקמומיות שבלב ותזכך את הנפש, ותביאהו לידי מדרגה מוסרית גדולה, ואז ילך לבטח בדרכי המוסר ולא יעשה את הרע לעולם. — ומפני שהיה רצון השם שיתעורר ויתרומם הכח המוסרי הזה ע"כ פרשה התורה את כנפיה גם על המצות שבין אדם לחבירו, כי גם בעניינים האלה של חיי החברה יסודם יהיה טהרת המוסר. וזה שהוקשה להדורש, מדוע נתנה התורה גם את המשפטים? וכעין תשובה ע"ז מביא מה שאמר דוד יראת ה' טהורה עומדת לעד, כי היראה הזאת (הדתית) היא טהורה ורוממה והיא עומדת לעד, כי היא תכה שורש בעומק הלב ותביא לידי טהרה, לא כן יראת העונש מפאת חוקי הממשלה אינה טהורה, כי אינה פועלת לא על הלב ולא על הרגש. (דברי חכמים, ד"ר וואלף מישעל).

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם

כגבות שמים מן הארץ כן גבהו משפטי תורתנו ממשפטי העמים — צא וראה את יסודי המשפט שלהם ונימוסיהם שנתחקו באכזריות וטיפשות הלב, לא על הצדק רק על העוז והכח, באימת הגבור על החלש וכל דאלים גבר, ובעת שיסד השם משפטי ב"י על הצדק והיושר כפי השכל הישר האנושי, כדברי חז"ל, הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות, הוציאו הם דיניהם על פי רוב רק ע"פ סמנים מקריים בדברים היוצאים חוץ לגדר הטבע וקראו את המשפטים האלו משפטי האל, בדעתם הנפסדה כי ינצל כל איש החף מפשע בדרך נסיו ע"י אליליהם — כן עשו למשל בנסיון האש, שהנאשם יניח ידו בתוך דוד עם מים רותחים על האש ואם לא תשרף אות הוא שהצדק אתו — וכאשר אני מבין בזה בפשיטות דברי הקרא בתהלים פ"א, „הסירותי מסבל שכמו כפיו מדוד תעבורנה, בצרה קראת ואחלצך" וגו', שנדחקו המפרשים בפירושו, אבל לפי מה שאמרתי לעיל מובן היטב, שמספר מטובת השם על יראיו, שאם יאשימו אותם העכו"ם בעלילות שקר ויעשו הנסיון כמנהגם שישים הנאשם את ידיו בדוד רותח, ידיו לא תכוינה, שיעביר השם את ידם מהאש בלי מכוה ומכה, עד שהיו העכו"ם מוכרחים להכיר צדקתם, ממש כמו שנאמר במקום אחר, כי תלך במו אש לא תכוה, והביאור הזה עולה עוד יותר יפה מדברי חז"ל בר"ה י"א שהקרא דכפיו מדוד תעבורנה קאי על יוסף הצדיק שהביא אותו פוטיפר למשפט לפני הכומרים ויצא צדיק בדינו אך מפני הבושה נתנו אותו במאסר שלא תגלה קלון אשתו ברבים, שבלי ספק עשו הכומרים בדרכם לשום את ידיו בדוד ויצא בשלום. — וכן עשו נסיונות אחרים, כמו הנסיון ע"י מחט שתחבו בבשר הנאשם לראות אם לא ירגיש שום צער, וכדומה, שנעשה הכל רק בשקר ותרמית ליקח שלמונים ולסוכך על הגנבים והחומסים. לא כן משפטי ה' שכולם בנוים על יסודי הצדק והמשפט המוחלטים.

(תהלוכות עולם)

כי תקנה עבד עברי

כי תקנה עבד עברי וגו' — הנה גדולי המפרשים העירו כלם על השאלה, מדוע צוה ה' בכמה מקומות על המספר של „שבעה", בעבד עברי, בשביעית יצא

לחפשי חנם, וכן שש שנים יעבוד איש יהודי את שדהו ובשנה השביעית יהיה שמוטה לה׳, וכן המועדים תמה שבעת ימים, וכן מהחל חרמש בקמה תספור שבעה שבועות, ובשבת ששת ימים תעשה מלאכתך ויום השביעי שבת לה׳, למען יזכור האדם תמיד שימי חיי הבלו הם שבעים שנה, ואל ימכור את עצמו לצמיתות — וע״ז נאמר בעבד עברי „שש שנים יעבוד וגו׳״ לרמז ג״כ על האדם כי לעבד נמכר כל ימי חייו בעבור הכסף שלא ישבע ממנו, ובאחרונה יצא לחפשי מכל עמלו ומאומה לא ישא בידו ולא ירד אחריו כבודו, וכאשר בגפו בא על פני התבל כן בגפו (ערום) ישוב שמה, ואם יטעון האדם שעליו לדאוג בעד אשתו וביתו וכו׳ לא ישכח כי „אם בעל אשה הוא ויצאה אשתו עמו״, ר״ל גם אשתו לא תחיה לעולם ויבוא גם עתה לצאת מן העולם ומה לו לאדם לכלות בהבל ימיו. (אורח חיים, מאקסין).

כי ימכור איש את בתו לאמה

כי ימכור איש את בתו לאמה, „בת אחת היתה לי (התורה) ומכרתיה לכם שאין אתם מוציאין אותה אלא חבושה בארון, לא תצא כצאת העבדים, נהגו בה כבוד (מד״ר משפטים) — שני דרכים יש לפנינו להראות לעיני העמים את פאר התורה — האחת, במה שנלמוד ונשמור לעשות מה שכתוב בה, ואז יתקדש שם שמים ע״י חיינו והנהגתנו — והשנית לנהוג כבוד בס״ת עצמה, לכתבה על קלף מהודר לעטפה במעטפה מפוארה ולשומה בארון יפה וכו׳ — אנחנו בעת הזאת בוחרים בדרך הב׳, זהו שאמרו חז״ל שבעת הזאת התורה אצלנו איננה אלא אמה, שאין אנחנו מוציאין אותה (ללמוד בה) אלא היא חבושה הארון, אבל לכל הפחות לא תצא כצאת העבדים — בשן ועין — ר״ל אל תעשו כמו שעושים המתקנים שחותכים ממנה חתיכות חתיכות ומוציאין אותה בשן ועין. (המחבר).

מדבר שקר תרחק

פרשת היום היא אחת מן הפרשיות היותר גדולות בתורה והיא מלאה מצות, ויש בה נ״ו מצות עשה ולא תעשה, אמנם אחת מהם שמנה הסמ״ג למצות עשה, היא היותר פועלת בקרב חיינו, הן חיי המדינה והן חיי הדת, והיא המצות **שידבר האדם אמת**, שאם יקיים אותה האדם לא יבוא לידי שום חטא ועון ואם יכשל בה נפתחו לפניו כל שערי העונות, ואעפ״כ רק המעטים שבנו בכל הדורות קיימו אותה כהוגן, והחכמים והנביאים צוותו עליה תמיד וגם חז״ל הפליגו בה מאד עד שאמרו, מניין לדיין שלא יעשה סניגורין לדבריו ת״ל מדבר שקר תרחק, מניין שלא יתבע בחברו יותר ממה שחיוב לו כדי שיתחייב שבועה, ת״ל מדבר שקר תרחק, וכדומה עוד הרבה מאמרים, עד שאמרו שאסור לגנוב אפילו דעת הנכרי, ואסור ליתן בשר טרפה לנכרי במתנה מבלי הגד לו, שמא יחשוב הנכרי שנותן לו דבר שהוא בעצמו רשאי לאכול ויהיה מחזיק לו טובה יותר ממה שראוי לו, וע״ז נאמר מדבר שקר תרחק, — ואמרו ז״ל, והדיבור שיוצא מפיך יהיה קודש, — וכבר פירשתי מאחז״ל במשנה בדיני משיכה קונה או מעות קונות ודיבור בעלמא אינו קונה אבל אמרו ז״ל מי שפרע מדור המבול ומדור הפלגה ומאנשי סדום וממצרים בים הוא יפרע ממי שאינו עומד בדיבורו, וקשה למה מזכיר דור המבול ודור הפלגה וסדום ומצרים ולא מזכיר שום עונש מעונשין שהיו לישראל, אבל העניין הוא כנ״ל, שהדיבור צריך שיהיה קודש אפילו אם אינו זווג האסור מן התורה אלא

שהוא מן הדברים המובנים מעצמם שאלמלא הם העולם לא היה יכול להתקיים, והראיה שהקב"ה מעניש אפילו ע"ז, ר"ל אפילו על שקר שהוא נגד תורת האדם הכללי ואינו מפורש בתורת ה', הראיה ע"ז מדור המבול וההפלגה וסדום ומצרים שהיו קודם מתן תורה ומ"מ נענשו משום שמלאה הארץ חמס, שהוא נגד תורת האדם בכלל, ע"כ אמרו חז"ל, מי שפרע מדור המבול וכו' אע"פ שעדיין לא היה להם תורה, ומוכח מזה שמעניש המקום על החוטאים אפילו נגד תורת האדם, הוא יפרע ממי שאינו עומד בדבורו. (תיקון שלמה).

ראשית בכורי אדמתך

ראשית בכורי אדמתך וגו' לא תבשל גדי בחלב אמו וגו' הנה אנכי שולח מלאך וגו' — בדרך רמז אמרתי המשך הכתובים, כי התורה תודיענו אשר גם מפרי בטנו יביא בכורים לה', ר"ל כי ילמדם בנעוריהם דעת ה' ואח"ז ילמדם מלאכה או מרכולת ולא יעקרם באביב ימיהם בעוד אשר פריים בוסר ואינם יודעים מאומה מתורת ה' והדרך ילכו בה ע"פ התורה והמצוה, ובאביב שנותיהם ילמדם אומנות או יעמידם בפתחי החנויות להרגילם למסחר בעודם עוד במצב הילדות (וזהו בדרך מליצה פירוש של „לא תבשל גדי בחלב אמו" ר"ל לא תאמר על גמולי מחלב אמם שהם כבר מבושלים כל צרכם לעסוק בצרכי פרנסה), ואם יאמר אדם בלבו אם לא ארגילם למלאכה בנעוריהם מאין יפרנסו את ביתם כשיהיו לאנשים? ע"ז בא הרמז „הנה אנכי שולך מלאך לפניך", ר"ל הרבה שלוחים למקום לפרנס האדם ושוא לכם משכימי קום. (אורח חיים, טאקסין)

וגר לא תלחץ וגו' כי אתם ידעתם את נפש הגר וגו' — צא ובדוק ותמצא גם בין העמים שבזמנינו הרבה אנשים המתאמרים לאנשי מדות וחכמי לב ורודפי צדקות ובכל זאת עשו את רדיפת הגרים לשיטה קבועה וידועה, ולא יבושו להטיף לשנאה ולמשטמה בין אחים ע"פ תורת קנאות חדשה שבדו מלבם, שחוב קדוש הוא על כל עם לשמור „לאומיותו" ועצמיותו לבל יבולע לה מן הגרים הבאים בגבולו.

ואמנם כבר נתבאר אצלינו כי תורה זו עתיקה היא ומוצאה מימי סדום, שגם הם היו „מתחסדים עם חברותיהם", וכפי הנראה מן הכתובים ומדברי חז"ל, רק על הגרים היו מכבידים את ידם, ואולי גם הם ע"פ שיטה לאומיות עשו מה שעשו, באמרם: „סדום לסדומיים" ובחשבם לחובה קדושה לעצמם להגן על ארצם הברוכה למען שטף הגרים הרבים אליה לא יגיע, באמרם: וכי מאחר שארץ ממנה יצא לחם ועפרות זהב לו, למה לנו עוברי דרכים שאין באין עלינו אלא לחסרנו, באו ונשכח תורת רגל מארצנו (סנהדרין ק"ט).

אבל השקפת תורתנו על העניין הזה הוא ההיפך מן הקצה אל הקצה — בל"ו מקומות הזהירה התורה על אהבת גרים — תורה זו שלפעמים הלכות גדולות בהרים תלויות בקוצו של יו"ד או בוא"ו יתרה, היא הקדישה ל"ו מקראות שלמים בשביל קרבת הגרים, היא צותה וחזרה וצותה אותנו על „משפט אחד לגר ולאזרח הארץ" מבלי שחששה כלל פן יעצמו הגרים ממנו, ופן יבוזו זרים חילנו...

ובא וראך שלא הסתפקה התורה באזהרות כוללות בעניין הזה, אבל העמיקה והרחיבה הדיבור גם על פרטי אותו העניין: — הכתוב אומר, „כי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו כאזרח מכם יהיה לכם ואהבת לו כמוך", הלא נתפלא על זרות

והלשון שבאותו כתוב: פתח בלשון יחיד: „כי יגור אתך" וסיים בלשון רבים: „בארצכם", „כאזרח מכם", והדר נקט לשון יחיד „ואהבת לו כמוך", גם כפל הלשונות אינו מובן, והעיקר מה שתלה אהבת גרים „בארצכם", כאילו היתה מצות עשה זו מן המצות התלויות בארץ. — ולהבין הכתוב נקדים, שאפילו לשיטת הסדומיים שיש לדחות את הגרים מפני הצלחתם של התושבים, צריכה עכ"פ שתהיה שם האמתלא הנכונה, היינו: (א) שיהיה באמת צר המקום מהכיל את התושבים עם הגרים לשבת יחדיו, ושיהיו אלה האחרונים יושבים עמם במחיצתם ודוחקים את רגלי שכינתם, (ב) שיהיו לפחות הסדומיים בעצמם תושבים באמת משנים קדמוניות שאז יוכל לאמר שכל איש שורר ביתו וכל סוחר במסחרו.

אבל את כל אלה שנא ה' אפילו כשיתקבצו יחד כל התנאים והאמתלאות נגד הגרים — תורה צוה לנו משה כך משפטה: „וכי יגור אתך גר" — אפילו כשהוא אתך, וכמו שאמרו חז"ל: עמך במחיצתך, באופן שבאמת יצר לך המקום בגללו ע"י התחרות וקיפוח פרנסה, — „בארצכם", ר"ל אפילו כשאתם תושבים אמתים בארצכם והם באים בגבולכם, בכ"ז כאזרח מכם יהיה לכם הגר „ואהבת לו כמוך" — הפס לשון יחיד להיותה אזהרה פרטית לכל יחיד בפני עצמו.

והנה ידענו מה שעלתה בה בסדום ובנותיה, בבלעם בשעתו, ובארץ ספרד בשעתה, שכולם אחזו בשיטה ההפוכה ממה שאמרנו, אבל מה ידוה הלב לראות מראות נגעים כאלה גם בקרב אחינו פנימה — ישנן עיירות ומדינות (ברוסיא תחת מלכי רומנוב) שיש בהן זכיות מיוחדות למפלגות מיוחדות מאחינו וליתר המפלגות אין כמו אלה, וכמה רגילים ומצוים שם המקרים כי יכה איש את אחיו בלשון וישתדלו המבוכרים לדחוק את רגלי הכושלים, אוי לאותה בושה! ומה כשהגרים גרים אמתים והתושבים תושבים באמת הקפיד הכתוב להשוות גר לאזרח, ולא לבד להשוותו אלא גם לתתו עליון, אנחנו כלנו פה שאין אנו יושבים על אדמתינו, ואין בנו לא גרים גמורים ולא תושבים גמורים, וכלנו בחסדי אחרים אנו תלוים, על אחת כמה וכמה שאין אנו רשאים להסיח דעת מן אלו ל"ו מקומות שהזהירה תורה...

וכבר ראינו שבנוגע אל הלחץ הגופני לא כלם היו גרים שוים במצרים, קצתם הרגישוה בעצמם וקצתם ידעוהו רק בידיעה לבד, אבל בנוגע ללחץ הרוחני כלם היו גרים באמת, אפילו שבט לוי, ולכן הכפיל הכתוב את לשונו לעומת שתי המפלגות האלו: (א) „כי אתם ידעתם את נפש הגר", זה כולל גם את הנבדלים לטובה, שאף שבעצמם לא הרגישו מ"מ עכ"פ ידעוהו, ידיעה ע"פ הראיה וע"פ השמיעה. (ב) „כי גרים הייתם בארץ מצרים", מאמר זה מכוון לאותם האומללים אשר גם מבשרם חזו את הלחץ שבגוף.

האין די בכל אזהרות ואזכרות אלו להכנים לפחות בינינו לבין עצמנו אהבת אחים גמורה והלוטה? מי לא חזה מבשרו או לא הרגיש לפחות ברוחו את כל אשר עוללה לנו אותה השיטה הארורה הממולחה „במלח סדומית"! — ואמנם בשעה שתגע השיטה הרעה בעצמנו ובשרנו נוחים אנו לשכוח את ההשקפה הזכה והטהורה שבתורתנו הקדושה בנוגע אל הגרים והנכשלים... אמנם עמך ישראל צריך פרנסה, ואין הקומץ משביע, אבל — „מאי דעלך סאני לחברך לא תעביד — זה כלל גדול בתורה".

(המדרש והמעשה, הרב ר' יחזקאל ליבשיטץ)

אוצר הדרוש וההטפה.

פון דער בימה.

די כרובים

(דרוש לפרשת תרומה)

הרב שלום ראַבינאָוויץ.

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה,
סוככים בכנפיהם על הכפורת, ופניהם
איש אל אחיו, אל הכפורת יהיו פני
הכרובים.
(שמות כ"ה — כ')

1

וואס איז געווען דער צוועק אדער פונקציאן פון די כרובים וועלכע זיינען געשטאנען אין סאמע קדש־הקדשים?

ווען די נוצען פון די איבריגע כלים פון משכן גיט דער פסוק א דייטליכע ערקלעהרונג: די מנורה — „להעלות נר תמיד; דער מזבח — מקטיר צו זיין קטורת; דער שלחן — פיר דעם לחם הפנים; דער ארון — פיר די לוחות, א. ז. וו.

ווען די נוצען פון די כרובים גיט די תורה קיין ערקלעהרונג; פערקעהרט זי מאכט נאך דעם שאטען טיעפער און דעם ענין מעהר מיסטעריעז.

„די כרובים זאלען אויסשפרייטען זייערע פליגלען
אין דער הויך; זאלען בעשיצען דעם ארון מיט
זייערע פליגלען; און זייערע געזיכטער זאלען
זיך ווענדען איינער צום צווייטען."

וואס מיינען עס דיעזע דריי פעראָרדנונגען? וואס איז דער געדאנק פערבארגען אונטער די מאסקע פון דיעזע דריי סימבאלען?

איך האב זיך שטארק בערטיעפט אין דעם עניין פון די כרובים און איך דיינק אז איך האב ענטדעקט זייער אמת'ע בעדייטונג. און דיעזע בעדייטונג איז פיעל וויכטיגער ווי די בעדייטונג פון די איבריגע כלים פון משכן — די מנורה און דער מזבח און דער שלחן זיינען בעשטימט געוואָרען צו טהאן די עבודה פיר גאט וועלכער נויטיגט זיך באמת גאנץ ווייניג אין

אירגענד וועלכע עבודה וואס קומט פון די הענד פון זינדיגע מענשען. אבער די כרובים לערנען אונז די פליכט פון א אידען צו ביידען, צו זיין גאט און צו זיין פאלק.

אין אנדערע ווערטער, דער פסוק וועלכען איך האב גענומען אלס טעקסט פיר דיזען פארטראג ענטהאלט די „מאגנא קארטא“, אדער די קאנסטיטוציאן פון דאס אידישע פאלק.

2

מיט א קורצע צייט צוריק זאגט צו מיר א יונגערמאן פון היינטיגער וועלט: איהר דרשנים און רבנים שטעהט אויף די בימות און האלט אין איין פערהייליגען די פערצייטיגע דורות: אז דער עולם וואלט אייך גע־פאלגט וואלט ער גענומען יענע דורות אלס מאדעל פון היינטיגען לעבען — אייער גליק איז וואס די גרויסע מאיאריטעט פון אייערע צוהערער זיינען עמי־הארצים — אויב עס געפינט זיך צווישען אייערע צוהערער א יודע ספר, אפילו אזעלכער וואס האט נור געלערענט מקרא הערט ער זיך צו צו אייערע רייד מיט אן איראנישען שמייכעל — אויב איהר מיינט דאס צו פערגעטערען דעם דור המדבר, זאגט די תורה אליין עדות אויף זייערע מעשים טובים, אלע ווילע א נייער „וילונו“, אלע ווילע א נייע רעוואלו־ציאן געגען גאט און געגען משה'ן — אויב איהר מיינט דעם דור פון די שופטים, זאגט דער פסוק עדות אונצעהליגע מאל „ויעשו הרע בעיני ה'“, „ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות“ — אויב איהר מיינט די דורות וועלכע זיינען געזעסען אין ארץ ישראל אין דער צייט פון ביידע מקדשים וויסען מיר אז דורך זייערע מלחמות האבען זיי געבראכט ביידע חורבנות — אויב איהר מיינט די צייט וואס נאכ'ן חורבן, זאגט די היסטאריע עדות אז זייער הויפט בעשעפטיגונג איז געווען מחלוקות און רייסערייען צווישען די פערשיעדענע סעקטעס — אז אך און וועה וואלט געווען צו אונז ווען מיר וואלטען געגאנגען אין זייערע וועגען!

מיין אנטווארט איז געווען דיזער: אבוואהל איך בין ניט דער יעי־ניגער וואס זאל וועלען פערדעקען די זינד פון די פערצייטיגע דורות, און איך בין ניט קיין אויטאריטעט מכריע צו זיין אויב דער דור המדבר איז געווען א דור פון צדיקים אדער פערקעהרט (וועגען דיזען עניין הערשט א מיינונגס פערשיעדענהייט צווישען די חכמי התלמוד), נור איין זאך קען איך דרייסט בעהויפטען, און דאס איז אז צווישען די פיעלע חסרונות וואס יענע דורות האבען געהאט געפינען זיך דריי גרויסע מעלות וועלכע וועגען אריבער אלע חסרונות צוזאמען, און וואויל וואלט צו אונז געווען ווען מיר וואלטען געהאט דיזע מעלות היינטיגען טאג.

1. די ערשטע מעלה פון יענע דורות איז זייער טריהייט און פעסטע אמונה אין גאט. אין שופטים גופא געפינען מיר זייט ביי זייט מיט'ן „ויעשו הרע בעיני ה'“ דעם „ויזעקו בני ישראל אל ה'“ — אין אנדערע ווערטער, הגם זיי האבען גאנץ אפט געדיענט פרעמדע אבגעטער, דאך ווי נור עס איז זיי אייננ געווארען האבען זיי גערופען נאך הילפע צום אלטען גאט פון זייערע עלטערען. — ווארום האבען זיי ניט גערופען צו די אבגעטער וואס

זיי האבען גערינט? דער תירוץ איז אז באמת האבען זיי קיינמאל ניט אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם אלטען גאט פון ישראל: דיעזע אמונה איז געווען צו טיעף איינגעווארצעלט אין זייערע הערצער: די געצענדינערייי איז בלויז געווען א צייטווייליגער קאפריז: פיליייכט האבען זיי דאס געטהאן מיט'ן געדאנקען צו געפינען חן אין די אויגען פון זייערע גוי'עשע שכנים אזוי ווי די מה־יפית־אידען פון אונזער צייט שטעלען א „קריסמעס־בוים" אין זייערע הייזער צו געפעלען די גוים פון יעצטיגער צייט; דאס מיינט ניט אז זיי גלויבען דאריין, חלילה! והראיה אז א קינד ווערט קראנק איז די זעלבע פאמיליע לויפט מען ניט אין קירכע בעטען הילפע ביים תלוי נור להבדיל אין שוהל זאגען תהלים...

2. הגם זיי האבען גאנץ אפט געטהאן פערקעהרט ווי די תורה האט געבאטען און די נביאים דערצעהלען זייער מיאוסע זאכען פון זיי פון דעסט־וועגען איז דער ארון מיט די לוחות געווען פעררעכענט ביי זיי אלס די טהייערסטע און הייליגסטע זאך אויף דער וועלט — טהייערער ווי זייער אייגענער לעבען.

איהר האט דאך געוויס געלעזען אדער געהערט ערצעהלען די נאטור בעשרייבונג פון דעם לעבען פון די ביענען — ווי אזוי זיי זעצען אריין זייער קעניגין אין מיטען און די גאנצע פאלק רינגעלט איהר ארום פון אלע זייטען איהר צו בעשיצען — און ווען זי ווערט אטאקירט פון א פיינדליכע ארמיי, קעמפפען איהרע אונטערטהאנען פיר איהר ביז דעם לעצטען טראפען בלוט, און זאלאנג עס לעבט נאך איין ביהן גיט זי ניט אויף דעם קאמפף — אזוי האט אויך די אידישע פאלק געהאלטען דעם ארון מיט די לוחות אין מיטען פון זייער לאגער און די שבטים מיט זייערע דגלים האבען ארומגערינגעלט די תורה פון אלע זייטען גרייט צו אפפערען זייער לעבען פיר איהר אויב נויטהיג.

א געוויסע געשיכטע וואס מיר געפינען אין שמואל א' בעווייזט וואס פיר אן ארט די תורה האט פערנומען אין א אידישע הארץ — עלי הכהן איז ניט געווען גלייך אין גרויסקייט צו די אנדערע נביאים פון יענע צייטען: אדרבא, גאט איז שטארק אין כעס געווען אויף איהם פארוואס ער האט ניט ערצויגען זיינע קינדער אין א בעסערע וועג, און די ערשטע ווערטער וואס גאט האט גערעדט מיט זיין נאכפאלגער שמואל הנביא איז געווען א שרעק־ליכע קללה אויף עלי'ס הויז, און דאך הערט וואס דער פסוק דערצעהלט וועגען דיעזען עלי'ן:

עלי איז געווען דער אידישער הערשער פון יענער צייט: די פאלק האט אנגעפאנגען א מלחמה געגען די פלשתים און איז שטארק געשלאגען געווארען אויפ'ן שלאכטפעלד. אין זייער פערצווייפלונג האבען זיי אנגע־פאנגען צו זוכען פערשיעדענע תחבולות ווי אזוי צו געווינען א זיעג איבער'ן שונא, און עס איז זיי איינגעפאלען אז דעם נעכסטען מאל ווען זיי וועלען ארויס געהן אין שלאכט זאלען זיי מיטנעהמען מיט זיך דעם ארון מיט די לוחות אלס „שמירה" — זיי זיינען געווען זיכער אז מיט'ן ארון אין זייער מחנה וועלען זיי געוויס בעזיעגען דעם שונא.

אבער אז גאט האט זיי געוואלט איבערגעבען אין די הענד פון שונא האט ער זיי געוויזען אז קיין תחבולה קען זיי ניט העלפען — זיי זיינען ווידער געשלאגען געווארען פון די פלשתים, און נאכמעהר, דער ארון זעלבסט איז געפאנגען געווארען פון די פלשתים.

יעצט לאמיר זיך אומקעהרען צו עלי הכהן: עלי איז געווען אן אלטער שווערער מאן: ער זעלבסט האט ניט געקענט געהן אין שלאכט, אלזא האט ער זיך געזעצט ביים טויער פון שטאדט (שילה) און געווארט אויף נייעס פון דער מלחמה, אין וועלכע זייגע צוויי זיהן, חפני ופנחס, האבען זיך אויך בעטהייליגט.

„איז געקומען צולויפען א מאן פון שבט בנימין און זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען און ערד איז געווען אויף זיין קאפ, און ער האט געבראכט די טרויעריגע נייעס אין שילה. געוועהנליך איז געווארען א שרעקליכער געשריי אין שטאדט.

„און עלי דער אכט־און־ניינציג יעהריגער זקן איז נאך אלץ געזעסען ביים טויער פון שטאדט און געווארט אויף נייעס פון דער מלחמה.

„און ווען עלי האט געהערט דעם לארם אין שטאדט האט ער גע־פרעגט: וואס איז די בעדייטונג פון דיעזען טומעל אין שטאדט?

„דאן איז דער קוריער צוגעלאפען און האט געענטפערט: איך קום יעצט פון שלאכטפעלד און איך ברייננ די טרויעריגע נייעס אז די אידישע ארמיי איז געשלאגען געווארען אין דער מלחמה און אנטלאפען פון שלאכט־פעלד.

עלי האט געהערט דיעזע ווערטער אין טיעפען שטילשווייגען. דער קוריער האט פארטגעזעצט: „און דיינע צוויי זיהן חפני ופנחס זיינען גע־פאלען אויפ'ן שלאכטפעלד".

עלי איז נאך אלץ געזעסען אונבעוועגבאר.

דער קוריער האט פארטגעזעצט: „און דער ארון פון גאט איז גע־פאנגען געווארען!"

ווי עלי האט דערהערט דיעזע לעצטע ווערטער איז ער ארונטערגע־פאלען אהינטער פון זיין שטוהל און געשטארבען.

איהר זעהט אלזא אז די נידערלאגע פון די אידישע ארמיי אויפ'ן שלאכט־פעלד און אפילו דער טויט פון זיינע צוויי זיהן, האבען ניט געהאט אזא עפעקט אויף עלי הכהן ווי דער פאקט אז דער „ארון האלהים" איז גע־פאנגען געווארען צווישען ערלים — און עלי איז ניט געווען גלייך אין גרויסקייט צו די אנדערע נביאים פון זיין צייט — דאך ווי נור ער האט דערהערט אז עטוואס האט פאסירט מיט'ן ארון פון גאט איז פינסטער גע־ווארען זיין וועלט און די ליכט פון זיין לעבען איז פערלאשען געווארען.

א וואונדערשעהנע לעגענדע האב איך געהערט קינדוויים פון שלמה בער דעם מלמד ווען ער האט מיט אונז געלערענט דעם פסוק: „הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל".

ווען פרעה נכה °) האט זיך אריינגעריסען מיט זיין ארמיי אין ירושלים

°) הארון ושמן המשחה נגנזו בימי המלך יאשיהו.

האבען זיך צוזאמענגעקליבען די לעצטע אידישע גבורים און האבען ארומ־גערינגעלט דעם ארון מיט די לוחות, בעשליסענדיג צו בעשיצען דעם ארון האלהים מיט זייער לעבען.

פלוצלונג האט ערשיינט אן אלטער מאן (אליהו) און זאגט צו זיי אז ער וויים פון א געוויסע הייל וועלכע האט די זאנדערבארע אייגענשאפט אז אירגענד וועלכע בעשעפענים עס קומט אריין אין איהר ווערט באלד פער־שטיינערט. זיין עצה איז דעריבער דאס מען זאל אריינשטעלען דעם ארון האלהים אין יענע הייל און דאן וועט ער שוין געוויס ניט אריינפאלען אין די הענד פון די ערלים — ווייל זאגאר אויב עס וועט זיי געלינגען אויס־צוגעפינען די הייל און אריינצוגעהן אין איהר וועלען זיי שוין קיין לעבעדיגע ניט ארויסקומען.

אבער ווי אזוי ברייגנגט מען אריין דעם ארון אין דיזער הייל אז יעדער לעבעדיגער מענש וואס קומט אין איהר אריין ווערט באלד פער־שטיינערט? זאל מען חס ושלום אריינווארפען דעם ארון אהין?

דאן האט זיך אוועקגעשטעלט דער כהן גדול און האט אויסגעשריען: „מי לה׳ אלי!“ — ווער פון אייך וויל אפפערען זיין לעבען פרייוויליג צו רעטען דעם ארון האלהים אז ער זאל ניט פערשוועכט ווערען?

זיינען אויפגעשפרונגען אלע ווי איין מאן און אויסגערופען: „מיר זיינען גרייט צו געהן אין דיזע הייליגע שליחות!“

אבער דער כהן גדול האט אויסגעקליעבען פון זיי בלויז זעכציג מאן און זיי האבען עס אריינגעבראכט דעם ארון אין הייל פון וועלכע זיי זיינען שוין קיינמאל ניט ארויסגעקומען

„האט אימיצער ווען אויסגעפונען דיזע הייל?“ — האבען אלע חדר־קינדער געפרעגט נייגיעריג.

„נור איינמאל!“ — האט דער רבי געענטפערט. — „אמאל איז ר׳ מאיר געגאנגען אין דער מדבר און האט פערלארען די וועג. לאנג האט ער אומגעוואנדערט ביז ער איז צוגעקומען צו די עפענונג פון א הייל — אריינקוקענדיג אין איהר האט ער דערזעהן א גילדערנעם ארון וועלכער האט בעלויכטען די גאנצע הייל — ארום דיזען ארון זיינען געשטאנען זעכציג גבורים געקליידעט אין פאנצער און העלמעט מיט בלויזע שווערדען אין זייערע הענד אזוי ווי זיי וואלטען געוועזען גרייט אנצופאנגען א האנד־צו־האנד געפעכט מיט אירגענד וועמען וואס וועט וואגען אנצוריהרען דעם ארון. אבער ווען ר׳ מאיר האט זיך גוט צוגעקוקט צו זיי האט ער געפונען אז עס איז ניטא קיין אטהעם פון לעבען אין זיי — זיי זיינען דאס געוועזען די ששים גבורים וואס האבען זיך מוסר נפש געוועזן צו היטען דעם ארון פון „מלך שהשלום שלו“ פון פערשוועכונג“.

דיזע לעגענדע ברייננגט דייטליך ארויס דעם אמת׳ן אידישען געפיהל פון יענע דורות ווען עס האט זיך געהאנדעלט אין בעשיצען די תורה.

3. די דריטע אידישע מעלה פון יענע דורות איז **אמת׳ע אחדות** — קוקט ניט אויף דעם וואס זיי האבען גאנץ אפט מלחמה געהאלטען צווישען זיך; בעטראכט בעסער דעם וואונדערבארען פאקט אז ווען א שונא פון אויסוועניג איז בעפאלען אירגענד וועלכען טהייל פון זיי האבען זיי זיך

באַלד פּעראייניגט — אַפילו ווען זיי האָבען געהאַלטען אין מיטען פון אַ מלחמה צווישען זיך — און בעשיצט איינער דעם צווייטען ווי צערטליכע ברידער.

3

אַט דיעזע דריי וואונדערבאַרע אייגענשאַפטען (נעמליך: 1. די פעסטע אמונה אין גאָט — 2. די ליעבע און אויפאָפּפערונג פיר דער תורה — און 3. די ברודער ליעבע איינער צום צווייטען) ווערען דאָס אויסגעדריקט אין די דריי מאמרים פון דעם פסוק וואָס איך האָב גענומען פיר מיין טעקסט:

1. והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה
2. סוככים בכנפיהם על הכפורת
3. ופניהם איש אל אחיו.

„די פליעגלען אויסגעשפּרייט צום הימעל" איז אַ סימבאָל אויף די אידישע אייגענשאַפט צו רופען צו גאָט ווען עס איז זיי ענג. „פערדעקען דעם כפורת מיט די פליעגלען" איז אַ סימבאָל אויף די אידישע אויפאָפּפערונג צו בע־שיצען די תורה. „די געזיכטער געקעהרט איינער צום צווייטען" איז אַ סימבאָל אויף אידישע אחדות.

די חכמי התלמוד האָבען דיעזען געדאַנקען נאָך קלעהרער געמאַכט ווען זיי האָבען געזאָגט: „מאי כרובים? א"ר אבוהו כרביא שכן בבבל קורין לינוקא רביא" (חגיגה) — וואָס איז די מיינונג פון וואָרט קרובים? אַזוי ווי אַ קינד!

די דריי אויבענגענאַנטע אייגענשאַפטען געפינט מען ספּעציעל ביי אַ קינד. די אידישע מידה זיך צו קעהרען צו גאָט אין אַ שלעכטע צייט געפינט איהר ווידערקלאַנג אין די טבע פון אַ קינד צו רופען. טאַטע! מאַמע! ווען עס איז איהם שלעכט. אָפטמאָל ווערט איהר זעהן אַ שלעכט קינד וואָס פאָלגט ניט זיינע עלטערען און געהט אַרום מיט שלעכטע חברים — די על־טערען האָבען זיך שוין כמעט מייאש געווען פון איהם. און דער קינד זעלבסט דיינקט אַז ער האָסט זיינע עלטערען — אָבער ביידע מאַכען אַן אירטהום — און אַ ראיה האָט איהר אַז ווען ער ווערט קראַנק און ליידעט וועהטאָג רופט ער ניט זיינע שלעכטע חברים נור ער שרייט „מאַמע!" אָדער „טאַטע!" און אויב ער אַנטלויפט פון דער היים אין אַ פרעמדע לאַנד און ער געפינט זיך דאָרטען אין גרויס נויטה צו וועמען װענדעט ער זיך נאָך הילפע אויב ניט צו טאַטע מאַמען. — אַזוי איז די אידישע פאָלק אויך געוועזן ווי אַ צולאָזען קינד, זיי האָבען זיך אָבגעקעהרט פון גאָט און גע־דיענט פרעמדע אָבגעטער, אָבער ווען עס איז זיי ענג געוואָרען צו וועמען האָבען זיי גערופען נאָך הילפע? צום אַלטען גאָט פון אברהם יצחק ויעקב.

די צווייטע אידישע מידה, דאָס הייסט זייער גרויסע ליעבע צו דער תורה געפינט מען אויך אין אַ קינד — האָט איהר ווען בעמערקט אין שוהל די ליעבע מיט וועלכע אידישע קינדער, אַפילו אַמעריקאַנער געבאָ־רענע, לויפען קושען די תורה ווען דער חזן געהט מיט איהר אַרום בימה? ער איז דאָכט זיך יעצט געקומען פון אַ בייס־באָלל גיים. דער שטערן איז

פערשוויצט, די הענד זיינען רויט און א רעכט ביסעל בלאטיג, זעהט ווי ער ווישט זיי האסטיג אב מיט'ן פאלע און נעהמט ארום די ספר תורה און גיט איהר א הילכיגען קוש אזוי ווי ער טהוט צו זיין בייבי שוועסטעריל. דאס איז אן אבקלאנג פון די אייביגע אידישע ליעבע צו דער תורה.

אזוי איז אויך דאס אידישע פאלק. גאנץ אפט טרעפט עס אז זיי טהוען פערקעהרט ווי עס שטעהט אין דער תורה, אבער צו דערזעלבער צייט זאל קיינער קיין טעות ניט האבען צו דיינקען אז זיי זיינען געווארען קאלט אדער גלייכגילטיג צו דער תורה. פערקעהרט אונזער היסטאריע האט צו בעווייזען געוויסע פעלע פון מסירת נפש פאר דער תורה אפילו פון אזעלכע אידען וועלכע האבען געהאט א נאמען פון אפיקורסים אין זייער צייט.

און די דריטע מידה פון אחדות געפינט איהר אויך אין א גרויסער מאס צווישען קליינע קינדער. איהר וועט גאנץ אפט זעהן קריגערייען און אפטע געשלעגען צווישען קליינע ברידערלאך, און די מוטער זאגט: „ווערה איז מיר! איהר זייט דאך ערגער ווי פרעמדע! איהר זייט דאך ווי קין און הבל! איהר זייט דאך גרייט צו הרג'ענען איינער דעם צווייטען!" — אבער די מוטער מאכט א טעות: והראיה זאל נור א פרעמדער באי פרובירען אנריהרען איינעם פון די ברידערלאך וועט איהר זעהן ווי גיךביידע ברידערלאך וועלען מאכען שלום, און ביידע צוזאמען וועלען „פייטען" דעם פרעמדען.

אזוי איז אויך געווען דאס אידישע פאלק — זיי האבען געפיהרט אפטע מלחמות איינער מיט'ן צווייטען. אבער ווען א פרעמדער איז געקומען און אטאקירט איינעם פון זיי, זיינען זיי באלד געווארען פון שונאים גוטע פריינד און צוזאמען געקעמפפט געגען פרעמדען.

דיעזע דריי מעלות האבען זיך נאך מעהר דייטליך ארויסגעזעהען אין דעם גאנצען משך פון גלות — „פורשי כנפים למעלה" זיינען זיי געווען כמעט אהן אויפהער. ווייל אין גלות זיינען די צרות געווען אהן אויפהער — „סוככים בכנפיהם על הכפורת" זיינען זיי געווען ווייל די צוררי ישראל פון אלע דורות האבען גטהאן אלעס מעגליכעס דעם אידען אבצורייסען פון זיין תורה און זיי האבען שטענדיג געמוזט זיין אויף דער וואך איהר צו בעשיצען אפילו מיט זייער לעבען אויב נויטהיג — „ופניהם איש אל אחיו", אויף דעם געפינען מיר אונצעהליגע עדות אין אונזער היסטאריע פון מיטעלאלטער. איבערהויפט אין דעם אינסטיטושאן פון „פדיון שבוים" — ד. ה. אויסלייזען אידישע געפאנגענע — די צוררי ישראל פון יענע צייטען האבען געזעהן דארין א גרויסע הכנסה צו כאפען ארימע אידען און פאדערען אויסלייז געלט פאר זיי פון זייערע רייכערע ברידער. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם. האבען זיך אימער געפונען אידען וואס האבען אויסגעלייזט זייערע אומגליקליכע ברידער — פיעלע אידישע גבירים האבען אוועקגעגעבען א העלפט פון זייער פערמעגען פאר „פדיון שבוים".

4

דיעזע אלע דריי אידישע אייגענשאפטען זיינען אין גרויס געפאהר אין דער יעצטיגער צייט און אין דיעזער לאנד — מיר לעבען אין א צייט אין

יועלכע דער מענש איז אבגעפרעמדעט געווארען פון גאט. עס איז אויף אונז מקוים געווארען אין א מאטעריעלען זינן פון ווארט דער פסוק: „מי כה׳ אלהינו המגביהי לשבת“ — גאט זיצט גאנץ הויך און מיר זיינען גאנץ ווייט פון איהם — דער יעצטיגער דור האט זיך דערווייטערט פון גאט ניט אבזיכטליך, נור פערשיעדענע אומשטענדען האבען איהם געבראכט דערצו — מיר לעבען אין א הארטע קאלטע ביזנעס־וועלט — אונזער פרנסה קומט ניט פון הימעל (טהוי און רעגען) און ניט פון דער ערד (קארן און ווייץ) נור פון ווינד און פון קאפ־דרעהעניש — דאס רוב פערגעסען מיר אינגאנצען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, ניט פון אפיקורסות חס ושלום, נור „מקוצר רוח ומעבודה קשה“.

פערצייטען אז מען האט בעגעגענט א רייכען אידען און איהם געפרעגט ווי אזוי ער האט ערווארבען זיין רייכטהום, האט ער געענטפערט: „גאט האט מיר געהאלפען!“ און אז מען האט בעגעגענט אן ארימען אידען און איהם געפרעגט, ווי קומט עס אז אלע ביזנעס־לייט אין זיין ליין האבען זיך ארויפגעארבייט און ער איז געבליבען אן ארימאן, האט ער געענטפערט: „געה פרעג ביי גאט קשיות, מסתמא האט גאט ניט געוואלט!“ — היינטיגע צייטען אז איהר וועט פרעגען א רייכען אידען ווי אזוי ער האט ערווארבען זיין רייכטהום, וועט ער אייך דערצעהלען א לאנגע געשיכטע פון זיין פערזענליכע חכמה און ביזנעס־פעהיגקייט, ווי אזוי ער האט אויסגעקלעהרט א נייע אינדוסטרי, און ווי אזוי ער האט איינגעפיהרט נייע ביזנעס־מעטהאדען, און ווי אזוי ער האט פאראויסגעזעהען דעם צושטאנד פון מארקעט, א. ז. וו., א. ז. וו. גאט האט קיין שום חלק ניט אין זיין רייכטהום — און ווען איהר וועט פרעגען דעם ארימאן די אורזאכע פון זיין ארימקייט, און ער וועט נאטירליך וועלען ארונטערוארפען פון זיך דעם חשד אז ייר איז א פשוט׳ער שלומיאל, וועט ער אייך געבען א פאק תירוצים אז ער איז געבליבען ארעם ווייל ער איז אן עהרליכער מאן און האט ניט געקענט טרייבען קיין שווינדעל־ביזנעס ווי אנדערע, אדער אז אנדערע האבען איהם בערויבט, א. ז. וו., א. ז. וו. אבער ער וועט אייך פערגעסען צו זאגען: „איך בין אן ארימאן ווייל גאט האט מיר ניט געגעבען קיין רייכטהום!“

פערצייטען זיינען אלע אידען געוועזן „פורשי כנפים למעלה“, און דער שטן האט זיך געמאטערט מיט׳ן ביטערען שוויים צו געפינען א אידען וואס האט איז גאנצען פערגעסען אן גאט — דאס איז וואס דער פסוק מיינט מיט די ווערטער „משוט בארץ ומהתהלך בה“ — ווארום האט דער שטן ארומגעשוועבט און געוואנדערט איבער דער וועלט? פשוט צו זוכען א אידען וואס האט אינגאנצען פערגעסען אן גאט — און ווען ער האט אזעלכען ניט געפונען פלעגט ער אויסקלעהרען א ישיבה־בחור׳שען פשט׳ל, און פלעגט טענה׳ן צו גאט: „ווייסטו פארוואס איוב איז א צדיק? ווייל עס געהט איהם גאנץ גוט און עס פעהלט איהם קיין זאך ניט“, און דאן פלעגט גאט זאגען צו איהם, „אדרבא, געה און פרוביר איהם אויס!“ דער שטן פלעגט דאס אויך טהאן אבער אומזיסט, דער איד איז געבליעבען פעסט אין זיין אמונה ווי א פעלזען. — יענע צייטען זיינען געוועזן שלעכטע פיר׳ן שטן אבער זייער גוט פיר׳ן מלאך מיכאל, דער אידישער פערטהיידיגער, ער האט

ניט געדאַרפט אַרומשוועבען איבער דער וועלט צו זוכען אַן אמת'ן אידען ווייל אַלע אידען זיינען געווען זיינע קאַסטאָמער.

היינטיגע צייטען האָט זיך דער רעדעל איבערגעדרעהט: יעצט זיצט דער שטן ווי אַ פּריץ אויף זיין אָרט און דער מלאך מיכאל נעבאך שוועבט און וואַנדערט אַרום צו געפינען מאַטעריאל מלמד זכות צו זיין אויף אידען — און ווען ער געפינט ניט, קומט ער צו גאָט מיט יענעם אָרעם־בחור'שען פּשט'ל: „ווייסטו ליעבער גאָט וואָרום יענער איד פערגעסט אַן דיר אינ־גאַנצען, ווייל ער איז רייך און איז שטענדיג פערנומען מיט זיינע געשעפ־טען!" זאָגט גאָט צו איהם אַזוי ווי ער האָט פריהער געזאָגט צום שטן: „ווייסטו וואָס, געה און פּרוביר איהם אויס!" — געהט דער מלאך מיכאל און נעהמט אַוועק אַ טהייל פון זיין רייכטהום — וואָס טהוט דער אידי־שער גביר ווען ער זעהט אַז זיין הכנסה איז קלענער געוואָרען, שפּאָרט ער איין פון די משאריטים — פערגאַנגענעם יאָהר האָט ער געגעבען צוויי טויזענד דאָלאַר צו די פערשיעדענע צדקה־אַנשטאַלטען, גיט ער דיעזען יאָהר בלויז איין טויזענד — דער מלאך מיכאל זעהט אַז ער האָט נאָך ערגער געמאַכט, טראַכט ער זיך איך וועל מאַכען דעם נסיון אַביסעל שטאַרקער, געהט ער און נעהמט אַוועק נאָך אַ טהייל פון זיין פערמעגען — וואָס טהוט דער איד, ביז יעצט איז ער געווען אַ מעמבער אין אַ שוהל (הגם ער האָט איהר גאַנץ ווייניג געזעהן) און האָט געהאַלטען אַ מלמד פיר די קינדער — יעצט מוז ער פערקלענערען די עקספּענסעס, גיט ער אָב דיעזע „לוקסוס"־זאַכען — דער מלאך מיכאל זעהט נעבאך מיט אַ פערוועהטיגטע האַרץ אַז זיין אַרבייט האָט זיך ניט איינגעגעבען און ער בעשליסט צו מאַכען די לעצ־טע פּראָבע: ער נעהמט צו פון איהם זיין גאַנצע רייכטהום — אָבער ווען אונזער גביר דערפיהלט אַז ער האָט אָנגעוואָרען זיין גאַנצע געלד ווערט ער אינגאַנצען אַ „כופר בעיקר" — „אַז אַזאַ שעהנעם אידען ווי איך בין האָט געקענט טרעפען אַזאַ זאַך", זאָגט ער, „איז „לית דין ולית דיין" און אויס".

ווען דער מלאך מיכאל זעהט אַז ער האָט פאַרלאָרען זיין טענה געהט ער און מאַכט די פּראָבע פערקעהרט — ער קומט צו אַ גרויסען אביון און גיט איהם אַביסעל רייכטהום, האָפענדיג אַז די ערשטע זאַך וואָס דער מאַן וועט טהאָן איז דאַנקען גאָט פיר זיין אונערוואַרטעטען גליק, געבען אַ ביסעל צדקה א. ז. וו. — אָבער דער איד אויף וועמען דיעזע פּראָבע איז געמאַכט געוואָרען טראַכט גאַר ניט וועגען אַזעלכע זאַכען — וואָס ער טהוט יאָ איז, ער קויפט נייע קליידער פאַר זיין פאַמיליע, שעהנע פוירניטשור פיר זיין פּאַרלאָר, אַ הויז אין אַ שעהנעם געגענד א. ז. וו. — מיכאל טראַכט זיך, „דער איד פערשטעהט נאָך ניט וואָס מען פערלאַנגט פון איהם", און אַלזאָ יעהט ער און פערדאָפּעלט זיין רייכטהום — וואָס טהוט דער נייער נגיד, קויפט ער אַ נייעם אויטאָמאָביל און אַנגאַזשירט אַ שאָפיר, און פערברייננגט דעם זומער אין די מאָונטיינס און דעם ווינטער אין פלאָרידאַ — דער גוטער מלאך מיכאל זעהט נעבאך אַז זיין ביזהעריגע אַרבייט איז געווען אַרויסגע־וואָרפען בעשליסט ער צו מאַכען די לעצטע פּראָבע, און ער מאַכט איהם מיט אַ מאָל פיר אַ מיליאָנער — וואָס טהוט דער נייער אידישער מיליאָ־

נער, ער ציהט זיך ארוים פון די אידישע גאַס און בעזעצט זיך צווישען די קריסטליכע מיליאָנערען. ער קויפט זיך איין אין די גוי'עשע קלאָבס, ער פער'קנסט זיין טאָכטער מיט אַ קאַטהוילישען לאָרד א. ז. וו. — דער מלאך מיכאל האָט שוין מורא ווייטער פאָרטצוזעצען זיינע פּראָבען; ער קען איהם נאָך חלילה ברייגען צום שמד...

מיר זעהען אַלזאָ דאָס אויף אונזער דור קען מען שוין מעהר ניט זאָגען דעם אַלטען שבח פון „פורשי כנפים למעלה".

די צווייטע מעלה פון „סוככים בכנפיהם על הכפורת" (ד. ה. ליעבע צו דער תורה) איז אויך פערשוואונדען פון בעל־הבתי'שען לעבען אין דיזען לאַנד.

וואו זיינען די פערשיעדענע חברות וואָס זייער צוועק איז געווען צו פערשפּרייטען תורה צווישען פּראָסטען המון? איך האָב געקענט אין די אַלטע לאַנד געוויסע שוסטער אָדער שניידער וועלכע האָבען געוואוסט ששה סדרי משנה כמעט אויסוויינניג. איך געדיינק אַז אין מיין שטעדטעל האָט מען געמאַכט אַ הספד אויף אַ געוויסען שוסטער און די רבנים האָבען געזאָגט שבחים אויף איהם ווי אויף אַ רב — וואָס איז געווען זיין עובדא, ער האָט געלערענט משניות פיר'ן עולם אַ משך פון פערציג יאָהר און ער האָט גע־מאַכט צעהנדליגע שוסטער און שניידער פיר לומדים — היגע שוסטער און שניידער זיינען ניט קיין גרויסע בעלנים אויף משניות — זיי לערנען בעסער „קלאָוק־ש"ס" (קאָרטען) וועז זיי האָבען אביסעל לוידיגע צייט.

מיט אונז האָט פּאַסירט אַזוי ווי מיט די אידישע סאָלדאַטען אין דער רוסישער אַרמיי — ווי נור אַ אידישער בחור פלעגט צוגענומען ווערען אין דער אַרמיי פלעגט ער גלייך ווערען אַ גרויסער צדיק; ער פלעגט ניט עסען פון קעסעל (בעלי־בתי'שע עסענס זיינען בעסער) און פלעגט קריגען גרוים חשק צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג (דאָס איז בעסער ווי געהן אויף מאַנעווערס) — דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט אויסצופיהרען; פון איין זייט זיינען די מיליטערישע בעאַמטע געווען ניט שטאַרק צופריעדען דאַמיט, און פון דער אַנדערער זייט איז די לאַסט אָפּט מאָל געווען צו שווער פיר די אידישע קהילות וואו זיי האָבען זיך געפונען — אָבער ווען אַ קהילה האָט ניט געוואָלט פערזאָרגען די אידישע סאָלדאַטען מיט כשר'ע שפּייז פלעגען די סאָלדאַטען אריינפאַלען אין שוהל מיט אַ געוואַלד און מעכב הקריאה זיין. וואָס הייסט! אַ איך וויל היטען אידישקייט און איהר העלפט איהם ניט! — איך געדענק איבערהויפּט איינעם פון דיזען סאָרט „צדיקים" וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „משה תפילין־לייגער", ווייל ווען נור זיין „פּאָלק" פלעגט דאַרפען ארויסגעהן אויף אַ מאַנעווערע פלעגט ער אוועקגעהן אין שוהל און זיצען אַ גאַנצען טאָג אין טלית און תפילין — געוועהנליך פערשטעהט זיך אַז די בעאַמטע האָבען איהם אַנגעטהאָן אַלערליי ענוים קשים; מען האָט איהם געהאַלטען טעג נאָכאַנאַנד אויף ברויט מיט וואַסער אין אַ פינסטערען קערקער. אָבער ער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע און שטענדיג ארומגעגאַנגען אַנגעטהאָן אין תפילין, ביז מען האָט איהם ארויס־געשיקט פון דער אַרמיי אַלס משוגע'נער. ווען איך בין אַנגעקומען אין אַמעריקאַ. און מיינע לאַנדסלייט האָבען מיר דערצעהלט אַז „משה תפילין־

ליינער" געפינט זיך אין דער זעלבער שטאָדט — האָב איך געדיינקט אַז יעצט ווען ער איז פריי צו טהאָן וואָס ער וויל זיצט ער געוויס אין שוהל אַ גאַנצען טאָג אַנגעטהאָן אין זיינע תפילין, אָבער מיינע לאַנדסלייט האָבען זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט: „וואָס? תפילין? משה האָט שוין געוויס פערגעסען ווי תפילין זעהען אויס!"

אַזוי זיינען מיר אין בעצוג צו דער תורה — ווען די גוים האָבען מיט געוואַלד געוואָלט אַוועקרייסען די תורה פון אונז האָבען מיר זיך מוסר נפש געווען איבער איהר און מיר זיינען באמת געווען „סוככים בכנפיהם על הכפורת". אָבער ווי נור מיר האָבען געקראָגען די פרייהייט צו טאָן ווי מיר פערשטעהען האָבען מיר די תורה אַוועקגעלעגט אַן אַ זייט און מיר האָבען כמעט פערגעסען אַן איהר.

מיט אונזער זאָגענאַנטע „אחדות" איז אויך געגאַנגען אויפ'ן זעלבען אויפן — אונזער אחדות איז געווען געגרינדעט אויף דעם פונדאַמענט פון שותפות'דיגע צרות — עס איז געווען „פּאָגראָם־אחדות": פונקט אַזוי ווי שאָף לויפען זיך צוזאַמען אויף איין פּלאַץ און טולען זיך צו איינע צו די צווייטע ווען זיי ווערען בעפאַלען פון וועלף — אין דיעזע לאַנד וואו אַ דאַנק גאָט די וועלף האָבען אויף אונז קיין שליטה ניט זיינען מיר ווייטער די זעלבע „שה פזורה ישראל" — און מיר האָפען דאָך פטור צו ווערען פון די וועלף אין אַלע לענדער וואָס וועט דאַן זיין פון די אידישע „אחדות"? וועלען מיר טאַקי צושאָטען ווערען צו אַלע ווינטען ווי אַ הויפען זאַמד?

אויף דיעזע צייט זאָגט דאָס די תורה: „והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה וכו'" — איהר וועט בעמערקען אַז עס שטעהט ניט: „והכרובים יהיו פורשי כנפים למעלה וכו'" נור „והיו הכרובים" מיט אַ „וואו המהפך עבר לעתיד" (אַ „וואו" וועלכער אין העברעאישער גראַמאַטיק פערוואַנדעלט די פערגאַנגענהייט אין די צוקונפט) — די תורה האָט געמיינט אַנצודייטען דאָמיט אַז מיר זאָלען נעהמען די דריי מידות מיט וועלכע אונזערע עלטערען האָבען זיך אויסגעצייכענט, נעמליך: 1. די פעסטע אמונה אין גאָט (פורשי כנפים למעלה) 2. איבערגעבענהייט צו דער תורה (סוככים בכנפיהם על הכפורת 3. אחדות און ברידערשאַפט (ופניהם איש אל אחיו) און מיר זאָלען זיי אַריבערטראָגען אין די קומענדיגע דורות און אויך איבערלאָזען דיזע דיילינגע ירושה צו אונזערע קינדער.

חומר לדרוש.

פרשת תרומה

אגדות חז"ל

ויקחו לי תרומה — משל למלך שהיתה לו בת יחידה, בא אחד מן המלכים ונטלה, ביקש לילך לו אל ארצו וליטול את אשתו, א"ל המלך בתי שנתתי לך יחידה היא, לפרוש ממנה איני יכול, לומר לך אל תיטול אותה איני יכול לפי שהיא אשתך, אלא זו טובה עשה לי, שכל מקום שאתה הולך עשה לי קיטון (חדר) אח־שאדור אצלכם לפי שאיני יכול להניח את בתי. כך הקב"ה אמר לישראל, נתתי לכם את התורה, לפרוש הימנה איני יכול, לומר לכם אל תטלוה איני יכול, אלא בכל מקום שאתם הולכים בית אחד עשו לי שאדור בתוכו, שנאמר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמו"ר פ' ל"ג א').

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם — תניא ר' טרפון אומר גדולה מלאכה שאף הקב"ה לא השרה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה, שנאמר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (אדר"נ פ' י"א).

שלשה דברים שמע הקב"ה מפי הגבורה ונבהל ונרתע לאחוריו, בשעה שאמר לו ועשו לי מקדש, אמר משה לפני הקב"ה, רבש"ע כתיב הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך ואתה אומר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, א"ל הקב"ה משה! לא כשם שאתה סבור, אלא עשרים קרש בצפון ועשרים קרש בדרום ושמונה במערב ואני יורד ומצמצם שכינתי למטה, דכתיב ונועדתי לך שם ודברתי וגו' — ובשעה שאמר את קרבני לחמי, אמר משה, אם מכנים אני כל החיות שבעולם יש בהן העלאה אחת? או כל העצים שבעולם יש בהם הבערה אחת? הלא כתיב ולבנון אין די בער וחיתו אין די עולה? א"ל הקב"ה לא כשם שאתה סבור. אלא זה האשה אשר תקריבו לה' כבשים, ולא שנים בבת אחת אלא את הכבש אחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים — ובשעה שאמר, ונתנו איש כופר נפשו לה', אמר משה, מי יוכל ליתן פדיון נפשו? א"ל הקב"ה, לא כשם שאתה סבור, אלא זה יתנו מחצית השקל (פסיקתא, ילקוט שמעוני רמז שס"ה).

והיו הכרובים וגו' ופניהם איש אל אחיו — במקדש שלמה הוא אומר ופניהם לבית, הא כיצד? כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום (ב"ב צ"ט).

ועשית שלחן וגו' ועשית לו זר זהב סביב — ארשב"י, שלשה כתרים הם: כתר מלכות וכתר כהונה וכתר תורה, כתר מלכות זה השלחן דכתיב בו זר זהב למסגרתו סביב, כתר כהונה זה המזבח דכתיב בו זר זהב סביב, וכתר תורה זה הארון דכתיב בו זר זהב סביב, למה נכתבים זר (בקמץ) ונקראים זר

(בצירי) ? לומר לך אם אדם זוכה נעשים לו זר (נזר) ואם לאו זר (נכרי). ומפני מה בכלן כתיב ועשית לו ובארון כתיב ועשית עליו ללמדך שכתר תורה מעולה יותר מכולן, זכה אדם לתורה זכה לכלן (שמו"ר פ' ל"ג ג').

ועשית יריעות לאוהל על המשכן — זש"ה שחורה אני ונאוה בנות ירושלים כאהלי קדר כיריעות שלמה, וכי אפשר לשחור שיהיה נאה? משל למהד"ד לבת מלך שסרחה בבית אביה, אמר אביה, הוציאוה והניחו אותה שתהא לוקטת שבלים מאחרי הקוצרים, ועשו כן, והשחירה הנערה פניה מן השמש, אח"כ בדק אביה הדברים ולא מצא שסרחה בתו כי אם אחת מן השפחות, מיד נתרצה לה אביה והשיבה למקומה, ובאו נשי השרים ובנותיהן לבקר את בת המלך וראו שהיא שחורה, והיו מלעיגין עליה, אמרה להן, מה אתן מעיינין בי? מעט שמנים ומעט נתר מרחצאות ואתלבן, אבל אתן (שהיו שחורות בטבע) כל השמנים שבעולם וכל מרחצאות לא ילבין אתכן, כך ישראל כשעשו את העגל אמרו אומות העולם להם, שחורים אתם מה עשיתם? אמרה כנסת ישראל, אם אני שחורה במעשי נאת אני במעשי אבותי, שחורה אני במצרים בטיט ולבנים ונאה אני על הים שנאמר, ויאמינו בה' ובמשה עבדו — — — שחורת אני בזהב שנתתי לעגל ונאוה אני בזהב שנתתי למשכן (מדרש אגדה תרומה סי' ז').

ועשו ארון עצי שטים — ר' יוחנן רמי, כתיב **ועשית** לך ארון עץ וכתיב **ועשו** ארון עצי שטים, מכאן לת"ח שבני עירו מצווים לעשות מלאכתו, איזהו ת"ח כל שמבטל עסקיו מפני משנתו (יומא ע"ב, קה"ר פ"ז).

ונועדתי לך שם — ההוא דהוה קאמר ואזיל, כד רחמתין הוה עזיזא אפותיא דספסירא שכיבן השתא דלא עזיזא רחומתין פוריא בר שתין גרמידי לא סגי לן, א"ר הונא קראי כתיבי, מעיקרא כתיב ונועדתי לך שם ודברתי עמך מעל הכפורת, ותניא ארון תשעה וכפורת טפח, הרי כאן עשרה, וכתיב והבית אשר בנה המלך שלמה לה' ששים אמה ארכו ועשרים אמה רחבו ושלשים אמה קומתו, ולבסוף כתיב, כה אמר ה', השמים כסאי והארץ הדום רגלי, אי זה בית אשר תבנו לי וגו' (סנהדרין ז').

ועשית את הקרשים — מהיכן היו הקרשים? יעקב אבינו נטע אותם בשעה שירד למצרים, אמר לבניו, בני! עתידים אתם להגאל מכאן, והקב"ה עתיד לומר לכם כשאתם נגאלים עשו לי משכן, עמדו ונטעו ארזים כדי שיהיו מצוין בידכם, מיד עשו כשאמר להם אביהם. אמרו רבותינו הבריח התיכון שהיה משמש מן הקצה אל הקצה ירד ביד יעקב למצרים (מדרש תנחומא ס"ז, יל"ש ס"ז).

מבית ומחוץ תצפנו — כל ת"ח שאין תוכו כברו אינו ת"ח (יומא ע"ב).

ליקוטים ממבחר הדרוש.

מעשה רשת

ועשית לו מכבר מעשה רשת נחושת — הרמז כי יזכור האדם כי הרשת פרושה תמיד לרגליו ובנקל יכול להלכד בתוכה — — — והרשת היתה פרושה עד חצי המזבח, לרמז כי עד מחצית שנותיו של אדם עלול הוא לחטוא... וצוה ה׳ כי נבוב יהיה למען יזכור האדם כי נבוב יולד ואיש חכם ילבב וישתדל תמיד לקנות שלימות לנפשו, והמזבח היה דבוק לאדמה למען יזכור האדם כי מעפר בא ולעפר ישוב, והלואי שיהיה לו מזבח כפרה (ארח חיים, טאקסין).

חצר המשכן

ועשית את חצר המשכן וגו׳ — חצר המשכן מרמז לעולם הזה שהוא כפרוזדור לפני הטרקלין, והיה מאה אמות ארכו למען יזכור אשר אם מאה שנים יחיה כבר הוא עבר ובטל מן העולם. ורחבו חמשים כי יזכור אשר ימי העונג המה לכל היותר חמשים שנה, כי עד היותו בן עשרים עוד לא שלם שכלו ולא ידע לבקר בין טוב לרע, ובהיותו בן שבעים הלא אז כבר שיבה זרקה בו וילך על משענתו שחוח — — וששים עמודים היו לחצר, כי עד ששים עוד עמודי גוו חזקים, ובהיותו בן ששים אז יקרא בשם זקן ועמודי גוו מתחילים לנטות לפנות ערב. ועמודי החצר היו נחשת ואדניהם נחושת, הרמז כי מאז רגליו לנחושתים הוגשו ובכבדות יתנהג עד כי יפול שדוד. ווי העמודים וחשוקיהם כסף, לרמז שאפילו באחרית ימיו שכבר נלכד בווים אשר צודים בהם את הדג, בכ״ז עוד חשקו רב לכסף כבימי ילדותו ולא ישבע כסף עד רגע האחרונה (שם).

ויקחו לי תרומה

„ויקחו לי תרומה" אמר בלשון נסתר „ויקחו" ואח״כ אמר בלשון נוכח „תקחו את תרומתי"? גם קשה על מה שכתוב „ויקחו" והיה צ״ל „ויתנו"? — הענין הוא כי מדרך העולם בהתנדב עם ליתן צדקה על איזה דבר מצוה, אז יתאספו ראשי עם יחד ויקהילו את כל בני העיר להתנדב איש איש כפי רצונו — הנה האיש ההמוני שלא היה בלבו ליתן מאומה יצר לו ויתעצב אל לבו על מחסורו, והגזבר הקרב אליו יהיה בעיניו כמוכס, ונתון יתן בעל כרחו ואח״כ יתחרט. ויש אשר היה בדעתו ליתן דבר מועט ועתה מפני הבושה מראשי עם יתן מתנה מרובה אבל לא בלב שלם. ויש אשר יתן מחמת קנאה או מחמת גאוה למען יוכל להתפאר בנדבתו נגד בני עירו. וכל הפניות האלו הלא יחללו את הצדקה ולא די שלא יקבל עליו שכר אלא יכול להיות שעוד יקבל עליו עונש חו״ש — לכן בא ה׳ לתקננו בעצה טובה שהמצוה מן המובחר בנתינת צדקה היא שמתחילה יפרוש לו כל אחד ואחד הצדקה שלו בסתר ביתו בינו לבין עצמו, שאז לא יוכל להיות עוד שום פניה של גאוה או בושה או כבוד, רק לש״ש, ואח״כ כשיבואו הגבאים ימסור להם הצדקה בלב שלם יען כי כבר הקדיש זאת לשמים ושוב אינה שלו. — וזה שאמר הקב״ה למשה, לא תצוה לנשואים וגבאים לילך פתאום מבית לבית לגבות נדבות, כי עי״ז יוכל להיות שלא יהיה נדבתם בלב שלם, רק מתחילה דבר אל בני ישראל **ויקחו לי תרומה**, ר״ל הם בני ישראל יקחו להם את התרומה

ויפרישו אותה בפני עצמם ויכינו אותה לזמן שיבואו הגבאים, ואח"כ: מאת כל איש אשר ידבנו לבו (ר"ל מן הצדיקים שעשו חסדר הנ"ל) **תקחו את תרומתי**, ר"ל תבואו ותקבלו מאתם את הנדבות (אלשיך וכלי חמדה).

ג׳ פעמים תרומה

ראוי להתעורר על מה שהכפיל הכתוב במאמר אחד ג׳ פעמים תרומה: „ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי וזאת התרומה אשר תקחו מאתם וגו׳"... הכלל בזה הוא עם מה שאמרנו בביאור „אפריון עשה לו המלך שלמה וגו׳ עמודיו עשה כסף רפידתו זהב מרכבו ארגמן תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים". והמורם מדברינו שם כי מה שבחר הקב"ה כסף וזהב ודומיהם וצוה לעשות מהם משכן, הוא לא מאהבת ה׳ את הדברים האלה, אך מחמת שהם יקרים בעיני האדם, ובתת האדם דבר הנאהב לו נדבה לה׳ ממילא גם אהבתו ניתנה עם הדבר הנ"ל — כי באמת רצה הקב"ה אך **באהבת ישראל**, והיה ראוי שיצוה הקב"ה שיתן כל איש ישראל חלק אהבתו את ה׳ לעשות ממנו משכן, אבל מחמת שאי אפשר לקחת עניין רוחניי מבשר ודם, צוה הקב"ה שיתן כל אחד נדבה חפץ גשמי היקר לו כמו כסף וזהב וכדומה, נמצא שהוא נותן עם הדבר הזה גם חלק אהבתו שיש לו בחפץ הנ"ל, והוא מודה שאהבת ה׳ יותר גדולה אצלו ועודפת על אהבת החפץ, כי לולי כן לא היה נותנו. — וזהו מ"ש שלמה המלך ע"ה בדרך שאלה ותשובה: אפריון עשה לו המלך שלמה וגו׳ ולמה בחר בדברים פחותים כמו כסף וזהב אשר מאפס ותוהו נחשבו לו? התשובה: בעבור ש„תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים", כלומר, מחמת שהבריות אוהבים את הדברים האלו ובתתם מהם נדבה אהבתם תנתן ג"כ עמהם. — וזהו: „דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה", ומפרש את הענין, „מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את **תרומתי**", כלומר עיקר התרומה שרוצה בה הקב"ה הוא נדבת הלב ורצון הטוב של ישראל, אבל מחמת שאי אפשר לקחת מבשר ודם דברים רוחניים ומופשטים כמו אלו, לכן, „וזאת התרומה אשר תקחו **מאתם** זהב וכסף ונחושת", וד"ל.

ועתה יובן ג"כ לשון הכתוב „ויקחו" לי תרומה (שהיה צ"ל „ויתנו"), כי הנה כאשר גובים מס מאנשי מעיר, אז בעת אשר יקח הבעה"ב את הכסף מתיבתו או מכיסו עוד לא עשה מאומה, וגם בעת אשר מסר הכסף ליד הגבאי ג"כ לא עשה מאומה, כי יש לחוש פן לא ימסור אותו ליד הקהל, וגם אם הכסף ביד הקהל עוד יש לחוש פן יהיה נפסד בטרם נמסר ליד סוכן המלך. — אמנם הוא יתברך אשר הכסף עצמו כאפס וכאין בעיניו, והעיקר אצלו רק האהבה ונדבת הלב של הנותן, מיד כשלקחת הנותן את הכסף מכיסו בגמרו בלבו ליתן באותה רגע נשלמה מעשי הצדקה בעיני השם יתברך — וזהו: „ויקחו לי תרומה", ר"ת מיד כשיקחו את התרומה בכוונה ליתן נחשבת התרומה בעיני השם יתב׳ כאילו כבר נתונה. (אוה"י).

אוצר הדרוש וההטפה



No. 21—27

יוצא לאור חוברות חוברות וכל חוברת תפרד לשתי מחלקות

המחלקה הראשונה:

פון דער בימה

תכיל דרוש שלם בשפת יהודית המדוברת

מאת

הרב שלום ראבינאָוויץ

המחלקה השניה:

חומר לדרוש

תכלול אגדות חז"ל, דרושים, ביאורים, מאמרים ומשלים
השייכים לענין הדרוש ההולך לפניהם.
נלקטו ונערכו מאת הרב הנ"ל.

יוצא לאור על ידי

בית מסחר ספרים „פרדס"

של י. ז. בוכבינדער

28 רחוב קאנאל, ניו יאָרק.

OZAR HADRUSH V'HAHATAPHA

AN ENCYCLOPEDIA OF JEWISH HOMILETICS

By RABBI SAMUEL RABINOWITZ

Published by

PARDES HEBREW-ENGLISH BOOK STORE
AND PUBLISHING HOUSE

U. Z. BOOKBINDER, Prop.

28 Canal Street, New York, N. Y.

Copyright by Rabbi Samuel Rabinowitz, 1929.

אָריאָם פּרעס, אינק.
284
54 קאַנאַל סט. נ. י.

אוצר הדרוש והטפה



No. 21—27

יוצא לאור חוברות חוברות וכל חוברת תפרד לשתי מחלקות

המחלקה הראשונה:

פון דער בימה

תכיל דרוש שלם בשפת יהודית המדוברת

מאת

הרב שלום ראַבינאָוויץ

המחלקה השניה:

חומר לדרוש

תכלול אגדות חז"ל, דרושים, ביאורים, מאמרים ומשלים
השייכים לענין הדרוש ההולך לפניהם.
נלקטו ונערכו מאת הרב הנ"ל.

OZAR HADRUSH V'HAHATAPHA

AN ENCYCLOPEDIA OF JEWISH HOMILETICS

BY

RABBI SAMUEL RABINOWITZ

499 Bedford Avenue, Brooklyn, N. Y.

Published by
Pardes Hebrew-English Book Store
and Publishing House
U. Z. BOOKBINDER, Prop.
28 Canal St., New York, N. Y.

יוצא לאור על ידי
בית מסחר ספרים „פרדס"
של י. ז. בוכבינדער
28 רחוב קאנאל, ניו יארק

Copyright by Rabbi Samuel Rabinowitz, 1929.

אָריאָם פּרעס, אינק.
284
54 קאַנאַל סט. נ. י.

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

די צוויי גרויסע ליכטער

(דרוש לפרשת תצוה)

הרב שלום ראבינאוויץ.

.1

כיון שבאו ישראל לעשות משכן קרא הקב"ה למשה ואמר לו ויקחו אליך שמן זית זך, אמרו ישראל: כי אתה נרי ואתה אומר שנאיר לפניך, אמר להם: בשביל להעלות אתכם, שתאירו לי כמו שהארתי לכם.
(מדרש פ תצוה.)

צוויי גרויסע ליכטער האט גאט געגעבען דעם אידישען פאלק: די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען שכל (חכמה). עס גיבען מענשען וואס זייער שכל איז גרויס ווי א שטארקע עלעקטרישע ליכט, און פארקערט זיינען פאראן מענשען וואס זייער שכל איז גלייך צו א גראשענע ליכטעל, אבער אפילו אזא שכל איז אויך א געטליכע ליכט, ווייל אפילו דער מענש מיט'ן קלענסטען שכל שטעהט אויך אונגעהויער העבער פון א בהמה.

אין פריהערדיגע צייטען זיינען דיזע צוויי ליכטער געווען גרויסע געגנער איינע צו די אנדערע. פיעלע פון מיינע עלטערע צוהערער געדענקען נאך געוויס די ביטערע מלחמה וואס די פרומע קלאסע האט געפיהרט געגען די משכילים, און די משכילים האבען זיי צוריק געצאהלט מיט די זעלבע מטבע. די משכילים האבען געדענקט אז זייערע געגנער זיינען פינסטערלינגע, צבוע'קעס, א. ז. וו. אבער דאס איז ניט געווען גאנץ ריכטיג. די אידען פון אלטען דור זיינען געווען גאנץ ערנסט און זייער האנדלונג איז געווען גאנץ עהרליך. זיי האבען געדענקט אז רעליגיאן און השכלה קענען ניט וואהנען אונטער איין דאך און קענען ניט עקזיס־

טירען צוזאמען אין איין וועלט. ווען דיזע הויבט זיך אויף מוז די אנדערע פאלען.

מיר, אין די יעצטיגע צייט ווייסען אז זיי האבען זיך אומזיסט גע־שראקען. ניט נאר איז וועלטליכע בילדונג ניט קיין שטערונג פיר אידיש־קייט, נאר פארקעהרט, זי איז א גרויסע הילף און א שטארקע פעסטונג אויף די זייט פון רעליגיאן (וכן הוא אומר: דע את אלהי אביך ועבדהו. וזהו ג"כ מה שאנו אומרים בתפילה: אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב — כל אחד בפני עצמו — לאמר, שכל אחד מהם לא נשען על האמונה שירש מאביו, אלא חקרה והכיר את בוראו בדעו ושכלו. ואולי זהו ג"כ מליצת המאמר: אע"פ שהניחו לו אבותיו ספר תורה לאדם, מצוה לכתוב משלו, שנאמר ועתה כתבו לכם (סנהדרין כ"א:), כלומר, אע"פ שכבר נטעו אבותיו את התורה בלבו, בכל זאת לא יסתפק בזה אלא יכתבנה מחדש על לוח לבו ע"י חקירת שכלו).

.2

נאר דא קען מיך איינער פון מיינע צוהערער פרעגען א קלאץ־קשיא: וואס טויגען מיר דיעזע אלע ראיות פון דער גמרא ווען מיר זעהען אין פראקטיקע פערקעהרט, אז ווי א יונגערמאן פארזוכט נאר פון די פרוכט פון עץ הדעת וועלכער הייסט אין היינטיגע צייטען השכלה נעהמט ער גלייך קוקען מיט אויגען פון פעראכטונג אויף אמונה, און אלס ראיה וועט ער מיר ברענגען ביישפיעלע פון דיעזען אדער פון יענעם יונגענמאן א. ז. וו.

אויב איינער פון אייך וועט טענה'ן דיזע טענה, וועל איך איהם ענטפערען, אז פאר יעדען יונגענמאן וואס איז ארויס לתרבות רעה דורך השכלה אדער פילאסאפיע, קען איך איהם אנדייטען אויף צעהן גדולי ישראל אזוי ווי ר' סעדיה גאון, דער רמב"ם, דער אבן עזרא, ר' יהודה הלוי, אלחריזי, דער רמב"ן, ר' שלמה בן גבירול, א. ז. וו., א. ז. וו. וועלכע זיינען געווען גאונים און פילוסופים צוזאמען און זייער פילאסאפיע האט נאר ניט געשאדעט צו זייער פרומקייט.

אבער דא וועט מיך דער זעלבער צוהערער פרעגען: אדרבא, איך וואלט וועלען איהר זאלט מיר ערקלעהרען דיזע רעטעניש; ווארום איז דאס טאקי אזוי, אז יענע גדולים וואס איהר האט דערמאנט האבען ניט פארלוירען די אמונה צוליעב זייער פילאסאפיע, און די היינטיגע יונגע לייט, ווי נאר זיי פארזוכען אויפ'ן שפיץ מעסער פון דעם האניג פון וועלט־ליכע בילדונג, פארלירען זיי באלד די לעצטע ביסעל אמונה וואס זייערע עלטערען האבען אין זיי איינגעפלאנצט?

אויף דעם וועל איך אייך ענטפערען מיט א משל:

אין מיין שטעטעל זיינען געווען צוויי שלמה'ס, איינער איז געווען באוואוסט מיט'ן נאמען „שלמה חקרן" און דער צווייטער מיט'ן נאמען „שלמה סוחר". שלמה חקרן פלעגט רופען שלמה סוחר „עם הארץ", „בור",

„פתי" און דאס גלייבען, אבער דערוויילע האט מען געזעהן אז שלמה חקרן איז געבליבען אן עני מדוכא וועלכער האט קוים אויפגעהאלטען די נשמות פון זיין ווייב און קינדער דורך מלמדות, וועהרענד שלמה סוחר איז געווען א גביר און א שטאט-פיהרער. ווי קען מען דאס ערקלעהרען? גאנץ פשוט — ווען שלמה חקרן האט געדארפט מאכען א רייזע אויפ'ן אייזען-באהן און איז געקומען צוליעב דעם אויפ'ן באהן-הויף, האט זיך גלייך ערוועקט אין איהם די לוסט אויסצוגעפינען ווי אזוי די וואגאנען לויפען אהן פערד, און ווען די טריין איז אנגעקומען האט ער אריינגעטאהן זיין גאנצע מחשבה אין די רעדעלאך און שרייפעלאך פון לאקאמאטיוו און האט געמאכט צייכענונגען אויף שטיקלאך פאפיר, און דערוויילע האט דער לאקאמאטיוו געגעבען א פייף און אוועקגעגאנגען... און ער איז געבליבען שטעהן ווי א צודולמטער אויף דער פלאטפארמע.

שלמה סוחר האט אויך געהאט א חשק אויסצוגעפינען ווי אזוי די טריין געהט, (וועלכער איד האט דאס ניט?), אבער ווען ער האט געדארפט מאכען א רייזע האט ער זיך פריהער געזעצט אין וואגאן און נאכדעם האט ער זיך פארטיעפט אין זיינע חקירות, און אויב ער האט עטוואס אויפגעטאן מיט זיין קלעהרען איז ער געווים געווען צופרידען, און אויב ניט האט ער זיך פארלאזט אויפ'ן אינדזשיניר אז ער ווייס וואס ער טהוט, והראיה, די טריין געהט דאך און טהוט איהר ארבייט פינקטליך...

אט דיעזען אונטערשייד צווישען שלמה חקרן און שלמה סוחר געפינט איהר אויך צווישען די פארצייטיגע פילוסופים פון אונזער פאלק און די הייניטיגע אויפגעקלעהרטע פון אונזער צייט. די ראשונים אזוי ווי דער רמב"ם, דער רלב"ג, א. ז. וו., זיינען געווען גלייך צו שלמה סוחר, פריהער האבען זיי געטהאן וואס עס שטעהט געשריבען אין דער תורה און נאכדעם האבען זיי פילאזאפירט וועגען דעם טעם פון די מצוות, און אויב עס איז זיי געלונגען עטוואס משיג צו זיין דערפון זיינען זיי געווים געווען צופריעדען, און אויב ניט האבען זיי זיך פארלאזט אויפ'ן גרויסען אינדזשיניר פון דער וועלט און זיין אסיסטענט משה רבנו, אז זיי האבען געווים געוואוסט ווארום און צוליעב וואס זיי האבען פארזאגט דיזע אדער יענע מצוה. ניט אזוי אונזערע הייניטיגע אויפגעקלעהרטע; זיי ריהרען זיך ניט פון ארט און באוועגען ניט מיט קיין פינגער מקיים צו זיין אירגענד וועלכע מצוה פון דער תורה בעפאר מען ערקלעהרט זיי ניט דעם טעם דערפון. זיי זיינען אין דער מדרגה פון שלמה חקרן. זיי בלייבען ווי צודולטע אהן רעליגיאן און אהן פילאסאפיע... (וזהו ג"כ כוונת המאמר „נעשה ונשמע", שקשה מדוע אמר הטיבו כל אשר דברו, וגם חז"ל אמרו, מי גילה רז זה לבני, וקשה מה כל השבח הזה? אדרבא, לכאורה נראה שהוא לשון של שוטים המקבלים עליהם לעשות איזה מעשים טרם ששמעו מה לעשות? אבל באמת הפעל „שמע" יש לו שני ביאורים, האחד מלשון האזנה, והשני מלשון „הבנה", ותמצא בתנ"ך שמשתמשים בדרך השני יותר מן הדרך הראשון. ולפי זה פירוש המאמר „נעשה ונשמע" הוא, שאמרו שתחילת כל יעשו את המצוות ואח"כ יחקרו להבין את טעמם, ובאופן זה באמת

הטיבו את אשר דברו. וזהו ג"כ החילוק שבין לשון החכם ולשון הרשע בהגדה של פסח, שקשה למה התקצף בעל ההגדה כל כך על הרשע שהשתמש בלשון „לכם" הלא גם החכם השתמש בלשון „אתכם"? ולכן נראה לי, שלא יסד בעל ההגדה את דרשתו על המלים „לכם" ו„אתכם" בלבד, אלא ביחוד על מה שנאמר בבן החכם: והיה כי ישאלך בנך „מחר", כלומר, שקודם כל דבר הוא מקיים את המצוה, ולמחר, כלומר לאחר זמן הוא שואל על מה שקשה לו בזה, אבל הבן הרשע לא יזוז ממקומו עד שתתן לו תשובה על מה העבודה הזאת לכם).

.3

די אונטערשטע שורה פון אונזערע רייד איז, אז די צוויי גרויסע ליכטער וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען, נעמליך, די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון זיין שכל קענען הארמאנירען צוזאמען נאר דאן ווען דער מענשליכער שכל וועט אנערקענען זיין באגרענעצונג, און ווען עס וועט קומען צו אן ענין וואס איז העכער פון זיין השגה וועט ער זיך פאר־לאזען אויף אמונה. דאס איז פיליכט דער באהאלטענער געדאנק פון דעם באוואוסטען מאמר: אמרה ירח לפני הקב"ה, רבונו של עולם, אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד, אמר לה הקב"ה לכי ומעטי את עצמך, אמרה לו, לפי שאמרתי דבר הגון לפניך אמעט את עצמי, אמר לה לכי ומשולי ביום ובלילה. — די זון איז דער סימבאל פון דער ליכט פון דער תורה און די לבנה איז דער סימבאל פון די ליכט פון דעם מענשליכען שכל. זאגט דער מענשליכער שכל צו גאט, רבונו של עולם! צוויי קעניגע קענען ניט רעגיערען מיט איין קרוין, דאס הייסט עס איז אוממעגליך אז ביידע זאלען עקזיסטירען צוזאמען. זאגט גאט דו ביזט גערעכט! דער איינציגער וועג ווי אזוי די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען שכל קענען וואהנען צוזאמען איז, אז דער מענשליכער שכל זאל זיך בויגען פאר'ן געטליכען שכל. זאגט דער מענשליכער שכל: איז דאס א יושר אז צוליעב מיין גוטער עצה זאל איך באשטראפט ווערען און קלענער ווערען? האט גאט געענטפערט: דערפאר וועל איך דיר פארגעלטערען אז דיין ממשלה וועט זיין לענגער ווי די ממשלה פון דיין קאנקורענט. די ממשלה פון דער תורה איז נאר געווען „ביום", דאס הייסט ווען דאס אידישע פאלק איז געזעסען אויף איהר לאנד, און דאן האט זיך די גאנצע מדינה געפיהרט נאך די געזעצע פון דער תורה, אבער ווי נאר מיר זיינען פארטריבען געווארען אין גלות, האט די תורה אנגעווארען איהר פאליטישע מאכט, אבער דער מענשליכער שכל רעגיערט „ביום ובלילה", סיי ווען עס איז געווען טאג פאר דעם אידישען פאלק און סיי ווען עס איז נאכט, דאס הייסט ווען מיר געפינען זיך אין גלות.

.4

אט דיזער אמת'ער געדאנק ווערט ארויסגעזאגט אין א וואונדערבארען מאמר התלמוד: על ארבעה דברים המאורות לוקים, על מגדלי בהמה דקה

בירושלים, ועל קוצצי אילנות טובות, ועל כותבי פלסתר, ועל מעידי עדי שקר (סוכה כ"ט) — אויבערפלעכליך פערטייטשט מען דיזען מאמר: איבער פיער זאכען קומט א ליקוי חמה אדע א ליקוי לבנה: איבער די וואס פאשען שאף אין ירושלים, און איבער די וואס האקען אויס גוטע בוימער, און איבער די וואס שרייבען פאלשע זאכען (אדער אנטי־רעליגיעזע זאכען), און איבער די וואס זאגען פאלשע עדות. — אויב מיר זאלען טאקע אנ־נעהמען אז דאס איז די איינציגע מיינונג פון דעם מאמר, דאן וועלען די פריי־דענקער האבען רעכט ווען זיי וועלען מאכען חוזק פון אונז, ווייל אין היינטיגע צייטען ווייס אפילו א סקוהל־באי אז ליקוי חמה און ליקוי לבנה זיינען דער רעזולטאט פון פעסטע און אייביגע נאטור געזעצע און מען קען זיי בשום אופן ניט באטראכטן אלס שטראף מיטלען פאר געוויסע חטאים — דעם סימן האט איהר אז די אסטראנאמיקער רעכענען אויס ווען עס וועט קומען א ליקוי חמה אדער א ליקוי לבנה פיעלע יאהרען פאר־אויס, און ווען זיי זאגען אז א ליקוי חמה וועט קומען, וועט זי קומען, צי וועט מען פיטערען שאף אין ירושלים צי ניט...

דער אמת איז אז די חכמי התלמוד האבען ליעב געהאט צוריידען אין א פאעטישע שפראך, און אונטער א מאסקע פון קינדישע רייד האבען זיי גאנץ אפט בעהאלטען א הויכען פילאזאפישען געדאנק.

זיי האבען געמיינט מיט דיזען מאמר אנצודייטען ווארום מענשען האנדלען נאריש אדער געמיין ווען גאט האט זיי געגעבען אזעלכע צוויי ליכטער (די ליכט פון אמונה און די ליכט פון שכל) זיי צו ווייזען דעם וועג. און יעצט וועל איך ערקלעהרען די פרטים פון דיזען מאמר:

1. עס זיינען פאראן געוויסע אידען וואס אין זייערע וועלטליכע גע־שעפטען פארלאזען זיי זיך אין גאנצען אויף זייער שכל, און זיי מאכען ניט קיין שריט בעפאר זיי באטראכטען ניט יעדען פארשלאג פון אלע זייטען, נאר ווען עס קומט צו א רעליגיעזע פראגע דאן לייגט ער אוועק דעם שכל אן א זייט און ווערט א „פתי מאמין לכל דבר". איך האב געקענט אין רוסלאנד און אין פוילען אידען סוחרים וועלכע האבען געטהאן ביזנעס מיט פריצים און מיט הויכע בעאמטע און מען האט זיי געהאלטען פאר חכמים מחוכמים, און צו דערזעלבער צייט האבען זיי געגלויבט אין מכשפים און מאטערען און וואהר־זאגערס און קארטען־ווארפער.

איך וויל אויף דיזען ארט פארצייכענען אן אינצידענט וואס האט באמת געטראפען אין מיין געבורט־שטעדטעל. דער פיהרער פון מיין שטעדטעל איז געווען א איד א גביר און א למדן וועלכער איז געווען קינדערלאז, ער און זיין פרוי האבען זעהר געבענקט נאך א קינד. זיי זיינען אויסגעפאהרען צו צעהנדליגע גוטע אידען און גרויסע דאקטוירים, אבער פיעלע יאהרען זיינען איבערגעלאפען און קיין ישועה איז ניט געקומען. איינמאל איז פלוצלונג אנגעקומען א גוטער איד אין שטעדטעל, געוועהנליך האט דער גביר איהם פארבעטען גלייך צו זיך, איהם און זיינע גבאים און זיין גאנצע סוויטע. נאכדעם ווי דער גוטער איד האט זיך פארהאלטען ביי

איהם אַ פּאָר טעג, האָט דער גביר איהם דערצעהלט זיין גרויסען צער וועגען קינדער און איהם געבעטען מיט טרערען אין די אויגען, דער רבי זאָל זיך משתדל זיין דאָרטען וואו מען דאַרף... דער רבי האָט פאַרגלאָצט די אויגען צום הימעל און נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט ער אויסגערופען: מזל טוב אייך ר' נחמיה! מען האָט מיר יעצט מגלה געווען מן השמים אַ סגולה בדוקה ומנוסה וואָס וועט ערפילען דעם וואונש פון אייער הארצען. — רופט אריין אייער פרוי! — ווען זי איז אריינגעקומען האָט זיי דער רבי געזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך ניט וואונדערען וואָס ער וועט זיי זאָגען, אַז כדי די סגולה זאָל ווירקען, מוז ער, דאָס הייסט דער גביר, און זיין פרוי אריינקריכען אין אַ פּערענע־ציך און דאָרטען פאַרבלייבען ביז דער רבי וועט זאָגען דעם וואָרט אַז זיי קענען שוין ארויסגעהן... זיי האָבען קיין רגע ניט געצווייפעלט און אריינגעקראָכען אין די פּערענע־ציך, און דער רבי האָט צוזאַמענגענעהט די עפענונג... זיי זיינען געלעגען אין די ציך אַ שטונדע, צוויי... דער רבי האָט נאָך אַלץ ניט געגעבען קיין צייכען אַז זיי מעגען שוין ארויסגעהן... ענדליך ווען עס איז זיי שוין מיאוס געוואָרען וואַרטענדיג האָבען זיי אָנגעפאַנגען רופען: הייליגער רבי! קענען מיר שוין ארויסגעהן? אָבער אין קול ואין עונה. דאַן האָבען זיי שעהמענדיגער־הייט אויפגעריסען די פּערענע־ציך און ארויסגעקראָכען, און מיט גרויס ערשטוינען האָבען זיי געפינען אַז דער רבי מיט זיינע גבאים האָבען גע־מאַכט אַ ויברח און אגב האָבען זיי מיטגענומען די גאַנצע זילבער פון הויז און די ווייב'ס ציערונג — דאָס איז ניט געווען קיין רבי מיט גבאים נאָר אַ באַנדע גנבים וואָס האָבען אויסגעטראַכט דיזען מיטעל צו באַרויבען דאָס הויז...

דאָס באַווייזט אייך אַ מענש וואָס אין ביזנעס איז ער אַ חכם, אַן ערפאַהרענער מענש, אָבער ווען עס קומט צו אמונה־זאַכען שטעהט ער ניט פיעל העכער פון אַ בהמה. — ער האָט דאַכט זיך אַ שכל, נאָר ער באַנוצט זיך ניט מיט איהם. — אויף אַזאַ מענש האָבען דאָס די חכמים געזאָגט אַז ער איז פון די „מגדלי בהמה דקה בירושלים“ — דאָס הייסט, אַז גראַדע אין די הייליגע ענינים פון אמונה (ירושלים היא סמל האמונה הטהורה, כי מציון תצא תורה) לאָזט ער הערשען דעם אָבערגלויבען וואָס איז גלייך צו אַ בהמה דקה (בהמה דקה היא יותר נבערה מדעת מכל הבהמות), דורך אַזעלכע מענשען קומט ארויס דער רעזולטאַט אַז „המאורות לוקין“ ד. ה. ביידע ליכטער, סיי די ליכט פון דער תורה און סיי די ליכט פון מענשליכען שכל, זיינע ביידע געשלאַגען, דאָס הייסט זיי זיינען אָפּ־געשוואַכט און האָבען ניט קיין ווירקונג.

.5

און עס גיבט אַן אַנדער קלאַס מענשען וואָס זיינען פונקט דער היפך פון יענעם. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען וועלטליכע זאַכען איז ער אַ „פתי מאמין לכל דבר“ — ער האָט מורא אַנצופאַנגען אַ ביזנעס דעם 13טען פון מאָנאַט — אַז ער באַגעגענט אימיצען מיט אַ ליידיגע כלי קעהרט ער זיך

אום פון וועג — אז ער באגעגנט א שווארצע קאץ רופט ער גלייך אפ זיין ווייב אויפ'ן טעלעפאן און פרעגט אויב עס איז חס ושלום אימיצער נים געשטארבען — א. ז. וו. — אבער ווען עס קומט צו רעליגיאן, ווערט ער פלוצלונג פארוואנדעלט אין א פילאזאף און זאגט איך גלויב נים אין קיין זאך ווי לאנג איך פארשטעה דאס נים מיט'ן שכל! און איך וועל נים מקיים זיין קיין מצוה ביז מען וועט מיר נים ערקלעהרען דעם טעם דערפון!

אויף דיזען סארט מענשען האבען די חכמים געזאגט א וואונדער־בארען משל: א קבצן איז אמאל פלוצלונג רייך געווארען און האט גע־קויפט א הויף פון א פריץ וועלכער איז ארים געווארען. דער הויף האט געהאט א וואונדערבארען גארטען אין וועלכען עס האבען זיך געפונען די טהייערסטע טראפישע בוימער וואס דער פריץ האט באצויגען פון אויס־לאנד מיט גרויסע קאסטען. ווען דער נייער־נגיד איז אריינגעקומען צום ערשטען מאל אין גארטען האט ער אויסגעקליבען די פראסטע בוימער וועלכע ער האט געקענט אזוי ווי עפעל־בוימער א. ז. וו. און דיזע האט ער געהייסען איבערלאזען אין גארטען, אבער אלע בוימער וועלכע זיינען איהם געווען פרעמד — און זיי זיינען געווען די טהייערסטע, אזוי ווי יוקאליפטוס, מאהאגאני, פאלמען, א. ז. וו. האט ער געהייסען אויסהאקען...! יענער איד וואס פארווארפט געוויסע מצוות פון דער תורה ווייל ער פארשטעהט זיי נים מיט'ן שכל, איז גלייך צו דיזען אונוויסענדען נייעם־נגיד. עס איז מעגליך אז גראדע די יעניגע מצוות וואס זיינען פרעמד צו זיין שכל זיינען די טהייערסטע בוימער אין גאט'ס־וויינגארטען — אויף איהם האבען דאס די חכמים געזאגט אז ער איז פון די „קוצצי אילנות טובות“...

6.

די דריטע אורזאכע וואס די צוויי גרויסע ליכטער די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען שכל זיינען ביידע שוואך און געשלאגען, איז דורך די פאלשע שריפטען און שעדליכע ביכער וואס ווערען פארשפרייט אין יעדען יאהר אין די צעהנדליגע טויזענדער. מענשען בכלל און אידען איבערהויפט האבען א גרויסען גלויבען און רעספעקט פאר'ן געשריבענעם ווארט. גאנץ אפט טרעפט עס אז א מענש דערצעהלט א בבא מעשה וואס איז נים געשטויגען און נים געפלויגען און זיינע צוהערער לאכען זיך פאנאנדער, אבער דאן זאגט ער: איהר גלויבט מיר נים? איך האב דאס היינט פרי געלעזען אין „מארגען פלוידערזאק“, און דאן מאכען שוין אלע גאר אן אנדער פנים, „נפלאות הבורא! וואס עס קען דאס טרעפען אין דער וועלט!“ און עס פאלט זיי גאר נים איין, אז אזוי גוט ווי א מענש קען זאגען א ליגען מיט'ן מויל קען ער אויך זאגען א ליגען מיט'ן פען.

אויף דיזע „כותבי פלסתר“ — וואס גאנץ אפט גלויבען זיי אליין נים אין זייערע אייגענע ווערטער, ווייל זיי שרייבען פאר געלט, און וואס עס באצאהלט זיך בעסער דאס שרייבען זיי, אזוי ווי איך געדענק א געוויסען

מפורסם׳דיגען שרייבער אין ניו יארק וואס פריהער האט ער געשריבען פרומע דרשות אין טאגעבלאט, און נאכדעם איז ער אוועק צו אן אטהעאיסטישע צייטונג און דארטען געשריבען ארטיקלען געגען גאט און געגען דער תורה — אויף דיזע שרייבער אהן פרינציפ קען מען זאגען „רבים חללים הפילו", זיי האבען פארפיהרט טויזענטער יונגע־לייט וואס האבען נאך קיין צייט ניט געהאט צו פארמירען אייגענע מיינונגען וועגען וויכטיגע פראגען פון לעבען און זיי גלויבען מיט א בלינדע אמונה אין די מיינונגען וואס זיי געפינען געשריבען אין א בוך אדער אין א צייטונג. (ואולי לפי זה נקראו „כותבי פלסתר" משום שכותבים מה שכותבים בעד צעירים שמוחם רך — המלה „פלסתר" היא יוונית והוראתה חומר רך כשעוה — כלומר, שלא נתבשלו כל צרכם), און דורך דעם זיינען ביידע ליכטער, די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען שכל שוואך און געשלאגען...

7.

די פיערטע אורזאכע צוליעב וואס ביידע ליכטער, די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען שכל, זיינען שוואך און געשלאגען אין היינטיגער צייט, איז די שוואכקייט פון מענשליכען ווילענס־קראפט. — איך קען פיעלע שוהל־אידען וועלכע גלויבען אין גאט און אין זיין תורה מיט׳ן גאנצען הארצען אבער זיי האבען ניט קיין שליטה איבער זיך אויס־צופיהרען די מצוות פון דער תורה אין פראקטיק; זיי זאגען דריי מאל א טאג: שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד, אבער אין אמת׳ן דינען זיי צום גאלדענעם קאלב... זיי זאגען: ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו, און נאכ׳ן שבת׳דיגען דאווענען געהען זיי אוועק אין זייער ביזנעס און עפענען די לעטערס צו זעהן וויפיעל טשעקס עס זיינען אנגעקומען... זיי זאגען דריי מאל א טאג „ושננתם לבניך" און זיי האדעווען אויס זייערע קינדער אהן תורה און אהן אמונה... זיי זיינען דאס די **מעידי עדות שקר**...

אז אונערפאהרענער מענש וועט פילייכט רופען אזעלכע אידען „צבוע׳יאקעס", פאלשע מענשען וואס ווילען באשווינדלען דעם רבונו של עולם, א. ז. וו., אבער דאס איז א טעות. דער אמת איז אז ווען דיזע אידען דינען גאט און ווען זיי זאגען איהם צו אז זיי וועלען זיין גוט און פרום, מיינען זיי דאס גאנץ ערנסט, נאר נאכדעם ווען זיי פאלען אריין אין שטראם פון לעבען האבען זיי ניט גענוג ווילענס־קראפט אויסצופיהרען זייער׳ע גוטע מחשבות און אלזא לאזען זיי זיך טראגען מיט׳ן שטראם....

אט צוליעב אזעלכע אידען זיינען ביידע ליכטער — די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון מענשליכען פארשטאנד — שוואך און געשלאגען, און דאס איז וואס די חכמים האבען געזאגט אז די פיערטע אורזאכע צוליעב וועלכע „המאורות לוקין" איז „על מעידי עדות שקר"...

8.

מיר זעהען אלזא אז גאט האט געוואלט אז דער מענש זאל זיך באַ־נוצען מיט ביידע ליכטער — די ליכט פון דער תורה און די ליכט פון זיין

שכל — און דאס איז פיליכט די באדייטונג פון דער מנורה וואס גאט האט געהייסען אנצינדען אין משכן און אין בית המקדש — ער האט געוואלט אנדייטען אז דער מענש דארף אנצינדען די ליכט פון זיין פארשטאנד אין די אונטערשטע וועלט, אזוי ווי גאט האט איהם געגעבען די ליכט פון דער תורה פון די אויבערשטע וועלט (ואולי זהו ג"כ כוונת המאחז"ל: אע"פ שהיתה אש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט).

יעצט קענען מיר גאנץ דייטליך פארשטעהן דעם מדרש וואס איך האב אוועקגעשטעלט אין אנפאנג פון אונזער דרוש:

ווען גאט האט געזאגט צו משה רבנו „ויקחו אליך שמן זית זך", (מיינענדיג דערמיט אנצודייטען אז דער איד דארף זיך באנוצען מיט זיין אייגענעם שכל), האבען די אידען געזאגט: „כי אתה נרי" — דו ביזט מיין ליכט! איך בין צופריעדען זיך צו פארלאזען אין גאנצען אויף דיין ליכט וואס דו האסט אונז געגעבען אין דיין תורה! אמר להם: להעלות אתכם! איך וויל איהר זאלט זיך באנוצען מיט די ליכט פון אייער פארשטאנד, כדי אייך ארויפצוברענגען אויף א הויכע מדרגה. „רצוני שתאירו לי כמו שהארתי לכם!" — איך וויל איהר זאלט צולייגען די ליכט פון אייער פארשטאנד צו די ליכט וואס איך האב אייך געגעבען פון הימעל.

אלעס וואס מיר דארפען בעטען ביי גאט איז אז אונזער שכל זאל זיין ווי דער „שמן זית זך", ער זאל אונז ניט פארפיהרען אין לאברינטה פון קרומע וועגען, נאר ער זאל אונז פיהרען אויפ'ן וועג פון אמת אזוי ווי ער האט געפיהרט די גדולי ישראל פון אמאל, אמן.

חומר לדרוש

פרשת תצוה

אגדות חז"ל

ויקחו אליך שמן זית זך וכו׳ הה"ד זית רענן יפה פרי תואר קרא ה׳ שמך (ירמ׳), למה המשיל ירמיה את ישראל לזית? לומר לך, מה הזית הזה עד שהוא עומד באילנו מגרגרין אותו, ואח"כ מורידין אותו מן הזית ונחבט, ואח"כ מעלין אותו בגת ונותנין אותו במטחן וטוחנין אותו וכו׳, ואח"כ נותנין את שמנן, כך ישראל, באין אומות העולם וחובטין אותן ממקום למקום, ותובשים

אותן וכופתין אותן בקולרין וכו׳, ואח״כ עושין תשובה, והקב״ה עונה להם. דבר אחר מה ראה ירמיה למשול ישראל בזית? אלא כל המשקין מתערבין זה בזה והשמן אינו מתערב אלא עומד בפני עצמו, כך ישראל אים מתערבים עם הגוים. ד״א, כל המשקין אדם מערב בהם מים ואינו יודע איזה תחתון ואיזה עליון, אבל השמן אפילו אתה מערבו בכל המשקין שבעולם הוא נתון למעלה מהן, כך ישראל, בשעה שהם עושין רצונו של מקום נצבים למעלה מן הגוים, שנאמר ונתנך ה׳ אלהיך עליון על כל הגוים (שמות רבה פ׳ ל״ו).

ויקחו אליך שמן זית זך, לא שאני צריך לאורו, אלא שתאירו לי כשם שהאירותי לכם, למה? כדי להעלות אתכם בפני כל האומות וכו׳, א״ר יוחנן, העין הזו לבנה והשחור באמצע, ומהיכן הוא צריך לראות לא מן הלבן? ואינו כן, שאינו רואה אלא מתוך השחור, ואם על אור עיניך אין אתה יכול לעמוד, האיך אתה מבקש לעמוד על דרכי הקב״ה? כל כך למה? כדי שלא יטעת אותך אדם לומר שמא הקב״ה צריך לאורה. א״ר אבין, אתה מוצא מי שהוא מבקש לעשות לו חלונות עושה אותם רחבות מבפנים וצרות מבחוץ, כדי שיהיו שואבות את האור, אבל בית המקדש רחבות מבחוץ וצרות מבפנים, שנאמר, ויעש לבית חלוני שקופים אטומים (מ״א, ו׳), למה, שיהא האור יוצא מבית המקדש ומאיר לעולם, אמר הקב״ה, האור יוצא מביתי ואין אני צריך לאורה (ילקוט שמעוני).

ליקוטים ממבחר הדרוש

פרשת תצוה

אבני זכרון לבני ישראל

אבני זכרון לבני ישראל ונשא אהרן את שמותם לפני ה׳ על שתי כתפיו לזכרון — צריך להעיר בזה שמתחילת הכתוב נראה שהזכרון הוא לבני ישראל ומסופו נראה שהזכרון הוא לפני ה׳ — פירשתי בזה ע״ד שכתבו בביאור „המזכירים את ה׳ אל תתנו דמי לכם“, והיינו שהקב״ה אינו צריך שיזכירו אותו ועיקר הכוונה שע״י שיתעוררו בתפילה לה׳ מתעוררים הם בעצמם לעשות תשובה, וזהו „אל תתנו דמי לכם“ (ועי״ז אל תתנו דמי לו.) — ובדרך דמיון לאב שהיה רוצה לעורר את בנו שישכים לפני אור בוקר לביהמ״ד אבל לא רצה להיות עליו כמושל ומצוה, כי הדברים הנעשים נגד הרצון אינם עושים פרי, מה עשה, התחכם ואמר אל בנו בטרם שכב על מטתו: בני! מוכרח אני להשכים למחר לפני עלות השחר אבל אינני בטוח שאקיץ משנתי, לכן יהיה נא מטובך לעורר אותי, ואם חכם הבן מבין אל מה ירמזון מלי אביו, אבל בין כך ובין כך מתעורר הנער ומשכים אל ביהמ״ד. כן בעניננו, הקב״ה דורש מאתנו לעורר אותו ולהזכיר את צרכינו לפניו בתפילתנו, אבל עיקר כוונתו לעורר אותנו

לזכות את מעשינו כדי שנהיה ראויים לישועה. — ובזה פירשתי מה שאמרו בתענית, „נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה" זה המעמיד ש"ץ שאינו הגון, ע"ש. ובארתי הענין, שבאמת מה שדרוש מהחזן שיגביה קולו הוא משום שהקול מעורר הכונה, והעיקר שיעורר עצמו ואחיו בקולו, אבל החזן שאינו הגון ואינו מתעורר בעצמו כלל מן הרינה, נראה שכוונתו בהגבהת הקול הוא לעורר את ה׳ כביכול, וזהו „נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה", והבן.

ומעתה גם באבני הזכרון שעל כתפות האפוד עיקר הכוונה היתה אשר כל איש אשר יראה את שמות בני ישראל על כתפות כהן גדול יתעורר לראות כמה חביבין אנו להקב"ה וישתדל שלא יאבד מעלתו, וזהו „אבני זכרון לבני ישראל", היינו שיהיה הזכרון לישראל ולא לד׳, ואם יפעלו האבנים עליהם באופן הזה, אז יהיו ראויים שישא אהרן את שמותם „לפני ה׳ לזכרון", וכפירוש רש"י, שיראה הקב"ה צדקתם ויזכרם, וזהו ג"כ לדעתי מה שכתוב בפ׳ בהעלותך „ונזכרתם לפני ה׳ אלהיכם, דהיינו שע"י ההתעוררות תהיו כדאין להזכר לפני ד׳, והבן.

(דברי שאול, להגאון י"ש נאטאנזאהן, בתוספות נופך משלי.)

חושן משפט

„ועשית חושן משפט", ולהלן, „ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו לפני ה׳ תמיד", הכוונה במליצת חושן משפט ומה ענין „משפט" אצל חושן דוקא איננו ברור כל עיקר. — ואומר בביאור הדברים שלשון משפט משמש בג׳ הוראות: א) דברי טענות בעלי דינים, ב) גמר הדין ועונשו, ג) סדר הנהגת (וכן ככל חוקת הפסח וכמשפטו, כמשפטו אשר הראת בהר, וכמוהם הרבה), וי"ל ע"ד המוסר כי היה החושן לנגד עיני ישראל וגם לנגד עיני כהן גדול בג׳ אופנים הנ"ל, ונתחיל מסוף אל הראש, שעיקר לשון משפט שכתוב בחושן הוא מלשון סדר והנהגה, והכוונה במאמר „ונשא אהרן את משפט בני ישראל לפני ה׳ תמיד" שיתבונן כל איש ישראל שהוא עומד לפני ה׳ תמיד, ויכן את כל מעשיו באופן שיהיה כדאי והגון לפני ה׳, בכל אשר יזדמן לפניו לעשות יחשוב אם נכון הדבר לפני ה׳, בענין פרנסתו ומחיתו יעסוק רק בדברים שאינם נגד מצות ה׳ ויתבונן אם יוכל לשמור את השבת, ובענין מאכל ומשתה שלא יגע באיסורים, וכן בחינוך בניו, ואולי זהו ג"כ מה שאמר דהמע"ה „חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך" והכהן העומד בראש העם יהיה זה לנגד עיניו תמיד שישתדל להדריך את העם בדרכי ה׳, וזהו „ונשא אהרן את משפט בני ישראל (באופן אשר יהיו) לפני ה׳ תמיד".

הוראת המלה „משפט" באופן הב׳ היא טענות בעלי דינין וריבם לפני הדיינים, ואקדים בביאורו מה שאמר התנא „הסתכל בשלשה דברים וכו׳", ואחד מהם לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, ויובן מה שהקדים דין לחשבון ע"פ מה שאמר שהמע"ה „כל דרך איש ישר בעיניו" — מדרך בני ישראל שרחוק מהם לעשות דבר עברה ביד רמה חו"ש, אבל היצר מוצא לו דרך היתר, למשל, אם נוגע למאכל ומשתה יאמר לו כי חלוש הוא, ומה שנוגע לפרנסה יורה לו היתר כי מצוה לפרנס אישה ובנים, וכ"ז במה שנוגע לעצמו, אבל במה שנוגע לאחרים ימצא מומין הרבה בלי חיפוש כלל, כידוע היטב, וע"ז אמר שלמה המלך ע"ה

„עינך לנוכח יביטו ועפעפיך יישירו נגדך" — וע"כ לעתיד בעלמא דקשוט כשירצו להוכיח את עוותתו בפניו, ישאלוהו תחילה על הדין, ר"ל, איך הדין בפלוני שעשה כך וכך ואז בודאי יכיר את הדין היטב ויחרוץ את עונשו (כמו שבא נתן הנביא אל דוד במשל הכבשה) ואח"כ יתן חשבון על מעשיו, ואז יאלם פיו מטענות שוא ומדוחים, ובדרך הזה יובן ההוראה הב' של „חושן משפט" ומאמר „ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו" — ר"ל שעל ידי שישא את שמות כל השבטים על לבו ירמז להם שיביטו תמיד זה על זה, ואז יהיו יכולים להוציא משפט אמת על עצמם.

והוראת המלה „משפט" באופן הג׳ הוא גמר דין ועונשו — ור"ל אם יארע חו"ש שיוציא הקב"ה איזו גזרה רעה על ישראל יהי׳ מוטל על הכהן גדול לעמוד בפרץ ולהשיב את חמתו מעל בני ישראל, וכן באמת עשה אהרן בעת שהחלה המגפה בעם, „ויעמוד בין החיים ובין המתים", וכן׳ „פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי וגו׳", וצוה הקב"ה שישא אהרן את שמות בני ישראל על לבו תמיד לרמז לו שיהיו עיני השגחתו תמיד על כל אחד מישראל שלא יאונה להם רע וד"ל.

(חליפות שמלת בנימין ובקצת שינוי).

אהרן אחיך

במ"ר פ ל"ז „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך" הה"ד ממנו פינה ממנו יתד ממנו קשת מלחמה (זכרי׳ י׳), בא וראה אוה"ע כשמבקשין להעמיד עליהם מלך הם מביאים מכל מקום ומעמידים עליהם שכן הוא אומר: וימלוך באדום וגו׳ מדנהבה וגו׳ מבצרה, וכן כלם, אבל ישראל אינם כן, אלא מהם גדוליהם מהם מלכיהם מהם כהנים מהם נביאים מהם שרים וכן הוא אומר ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך וכו׳ מתוך בני ישראל.

נראה מזה שחשבו זאת למעלה ולשבח שלא לקחו בני ישראל מאומות משכיניהם, אבל כשתתבונן בזה יהיה נראה אליך לכאורה כחסרון גדול, שכבר ידענו שכל חכמות וידיעות העמים בא להם מזה שהיה כל עם ועם לומד משכנו, שכן שם יתב׳ בטבע האוקלימים השונים להפריד בין העמים בעניני צרכיהם וספוקיהם, לשונם מחשבותם וחכמתם. — עם אחד יצטיין בעבודת האדמה, ושכנו במטע כרם, והשלישי בחכמת הצייד, וזה במכרה הזהב וזה באומנת יד, ומוכרחים ללמוד זה מזה — ואותם האומות שיושבים על אדמתם תמיד ואין להם דבר עם אחרים, נשארים על מעמדם ואין בהם תבונה, כמו שאנו רואים עד עתה ביושבי ארצות המזרח.

וכן חשב גם כן בלעם באמרו „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב" שבלעם באמת כיוון בכל דבריו לקלל או לגנות את ישראל כמו שמעיד הכתוב: ולא אבה ה׳ אלהיך לשמוע אל בלעם ויהפוך לך ה׳ את הקללה לברכה — משמע מזה הכתוב שדבריו היו באמת קללות ורק ה׳ הטוב הפכם לבורכות) ורצונו במאמר הנ"ל היה לומר שישראל על ידי תורתם ודתם יהיו נפרדים מכל האומות ולא יהיה ביכלתם להביא צרכיהם משכינתם או ללמוד מהם מאומה, מטעם שחכמות

העמים ע"פ רוב נוגעים באמונת ישראל (למשל שטת דארווין נוגעת בחידוש העולם) וגם הרבה מאומנות יד וחרושת המעשה לא יוכלו לדור בכפיפה אחת עם תורת ישראל מחמת שנוגעים באיסור שעטנז וחילול שבת ויו"ט, ולכן יהיו בני ישראל עומדים וסמוכים בכל הענינים רק על עצמם, וא"כ הלא ישארו פראים בהויות העולם וזהו שאמר: „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב", ר"ל מתוך שישבו בדד בכל עניניהם לכן ישארו במדרגה נמוכה ולא יהיו חשובים כלל בין העמים.

אבל השם הטוב הפך לנו את הקללה הזאת לברכה גדולה, כי טוב מאד לישראל להיות יושב בדד, כי העניק להם ה' כל טוב הן בגשמיות והן ברוחניות עד שאינם צריכים לשום אומה ולשון. בגשמיות נתן להם ארץ טובה ורחבה, ארץ חמדה (ר"ל ארץ שהכל היו חומדים אותה והיא אינה חומדת מאומה מהם) ארץ אשר לא תחסר כל בה, וכל הגוים היו מביאים כסף וזהב לקנות את פרי הארץ — וברוחניות נתן לנו את תורתו אשר היא מקור כל החכמות והמדעים. — דהנה ג' דברים הם עיקרים בצרכי כל עם ומדינה: הא' היא הנהגת המדינה שיהיו תושביה יושבים שלוים ושקטים ויהיה להם הסתפקותם כראוי. הב', החכמות והמדעים אשר על ידם יעלו מעלה מעלה ויהיו אנשים בני צורה, והג', שיהיו בטוחים מצר ואויב מבחוץ, ואם יבא צר ואויב בשעריהם יוכלו לעמוד כנגדו. וכל אלה ספק להם הקב"ה מבלי אשר יצטרכו לעמים אחרים, בנוגע להנהגת ישראל, מוצאיהם ומבואיהם, הכל היה מפורש בתורה, לא הניח הכתוב מאומה מעניני משא ומתן ואפילו מעניני תגור וכירים, הכל מפורש בתורה, וכן כל עניני המלכות, והמסים, והנהגת המדינה הכל מפורש בתורה, וגם היה על המלך לכתוב לו ס"ת והיתה עמו וקרא בה כל ימי חייו, ולא היה לו רשות לעשות שום דבר נגד התורה, וא"כ מובן מאליו ומוכרחת הדבר שהמלך צריך שיהיה אחד מישראל ולא איש נכרי, כי מאחר שאין לו תורה איך יוכל לנהג את ישראל שכל הנהגתם היתה על פי התורה, והיא שעמדה לנו שיכולנו עמוד נגד כל העולם, ועל ידי כך היו עניני ישראל נסתרים מאויביהם, וטובה גדולה היתה זאת לנו ולא כמו שחשב בלעם, וכן אחז"ל שבמצרים עמד להם מחמת שלא גלו מסתורין שלהם, כי היו מונהגים על פי מנהיגיהם לבל ידעו שונאיהם וע"כ יכלו לסבול את העול הקשה. ועפ"ז נהפך להם קללת בלעם לברכה, ויהי' פי' הפסוק „הן עם לבדד ישכון" ולא היה עין השונא עליהם „ובגוים לא יתחשב" ר"ל לא היה לישראל חשיבות בעיניהם ולא נתנו עינם עליו ועי"ז היה לישראל מנוח כראוי. והב', בנוגע לחכמות ומדעים מצינו בכל דור ודור שהיו חכמי ישראל מורי החכמות לאחרים והם אינם צריכים לאחרים, שאין לך ידיעה לא בעליונים ולא בתחתונים שאינה כלולה בתוה"ק, וכמאמר בן בג בג, הפך בה והפך בה דכולא בה, וכמו שהרבה לדבר בזה שלמה המלך ע"ה שבאו כל מלכי מזרח ומערב לשמוע חכמתו, ופוק חזי מחכמינו ז"ל הקודמים שהיו יודעים כל החכמות שבעולם, מדת הארץ והים, וכל טבעי הברואים, כמו שמצינו על ר' יהושע ששאלו אותו על עיבוריה של נחש והשיב מיד ז' שנים. ובנוגע לחרושת המעשה ואומנת היד אין לך עדות יותר חזקה ממעשה המשכן, והמלאכה המפוארה הזאת עשו היוצאים ממצרים שהיו שם רומסי עפר ועובדים בחומר ובלבנים. ובנוגע לחכמת הרפואה, מספרים לנו קורות הימים שמעולם היו המלכים משתמשים ברופאי ישראל. וכבר הובאו כמה

רפואות בש"ס, ואיך ידעו חכמי ישראל את חכמת הנתוח מוכח מהלכות טרפות — ופוק חזי בכל ספרי ישראל הקדמונים ענין כל טבעי בעלי חיים וצמחים, וכ"כ בתורה, כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים וגו׳ רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה. ומה שנוגע לחוקי המדינה והמשפטים הלא ידוע שכל גויי הארץ למדו מהם. ומה שנוגע למוסר ומדות וטהרת הלב, איה ספר בכל ספרי העמים שיוכל לדמות לספר אחד שבספרינו והוא מסכת אבות. ואחר שירגיל איש ישראל את עצמו לחיות ע"פ התורת הוא הוא האדם בעל צורה שלמה (געבילדעט) והוא האיש אשר השיג מה שראוי לכל אדם להיות מושל בכל אשר לו. ולא על חנם נאמר על ישראל „אדם, אתם קרויים אדם", כי בשמרנו כל מצות ה׳ אז נהיה בני אדם שלמים. — והג׳ הוא מה שנוגע למלחמה עם האויבים מבחוץ, הנה רבים מעמי הארץ אומרים כי היהודים מוגי לב, וכבר נוכח למדי ששקר מוחלט הוא. אבל עלינו לדעת שיש ב׳ מיני מלחמה, מלחמות תגרה לכבוש ארצות, ומלחמת מגן להגן על ארץ מולדת, ובנוגע למלחמת תגרה התורה לא חפצה בזה כלל, ואין אנו בושים כלל שמעולם לא עמד בקרבנו מלך שכבש או שרצה לכבוש את העולם (באלכסנדר מוקדון או נאפאליון), אבל להיפך, מתפארים אנו בזה. אבל בנוגע למלחמת מגן, ישראל עזין הן, ומשולים אנו לעפר שדורסים עליו אבל העפר לא יוזק בזה מאומה, וכמו שנרמז בסנה הבוער באש והסנה איננו אוכל. וכן הוכיחו גבורי ישראל בעת החרבן שעמדו משך שלש שנים נגד מלכות רומה פטיש כל הארץ, וכ"כ נודע גבורת ישראל בעולם בזמן הנ"ל עד שאמר הנביא „לא האמינו כל מלכי ארץ שיבוא צר ואויב בשערי ירושלים". — ומכל זה אנו רואים שלא בא לנו שום נזק מזה שנשארנו עם לבדד, אבל להיפך הרוחנו מזה.

ועתה מובן היטב מה שמתפארים חז"ל במדרש הנ"ל שלא לקחו בני ישראל מאומה מן האומות האחרות — וד"ל.

(חליפות שמלת בנימין, בקיצור הלשון).

ועשית לו זר זהב סביב

שלשה מכלי המשכן היה להם זר זהב סביב: הארון, השלחן והמזבח, ואולי על זה מרמז מאמר חז"ל, ג׳ כתרים הן, כתר תורה, כתר מלכות וכתר כהונה — הארון מרמז על התורה, השלחן הוא מלכות, ומזבח הוא כהונה, ועל כל אחד מהם היה זר זהב והוא הכתר שלו — וגם אמרו חז"ל זכה נעשה לו זר, לא זכה זר, וביאור הדברים הוא כך, דהנה שלשת המעלות האלה, תורה או עושר או כהונה יש בכחן להכשיר את האדם לפעול גדולות ונפלאות לטובת העולם, התלמיד חכם יוכל להפיץ מעינותיו חוצה בדיבור פה או בכתב יד על ידי ספרים, והעשיר יוכל להציל נפשות בצדקת פזרונו, והכהן הגדול מאחיו יוכל לעמוד בפרץ ולכפר על העם, אבל באותה מדה שיש בכח המעלות האלה להטיב כן יש בהם גם כן להרע — כי איש המוני שאין בו לא תורה ולא עשירות ולא כהונה אין בידו לכוד אחרים ברשתו כי אזלת ידו ואין בכחו להרע מחמת שאין לו שומע, לא כן האיש שניתן לו משרה גבוה או עושר יש לאל ידו לעשות רעה רבה — והרבה דוגמאות מזה תמצא בקורות ישראל, למשל, ענן בן דוד היה אחד מגדולי תורה בימיו והתעה חלק גדול מישראל אחרי תורת שוא ומדוחים, וכן אלישע

בן אבויה הוא אחר, וכן הכהנים הגדולים ששמשו בירושלים בימי אנטיוכוס שעמדו לימין הטמא במלחמתו עם החשמונאים. ובענין עושר שמור לבעליו לרעתו די להזכיר את קרח שתעה והתעה אחרים עמו לבאר שחת על ידי עשרו — וזהו שרמזו במליצתם הנשגבה: זכה נעשה לו זר לא זכה נעשה לו זר — ר"ל שלשת הכתרים האלה, כתר תורה כתר כהונה וכתר מלכות יש בכחן לסבב טובה הרבה או רעה רבה. ועשתה התורה סיגים הרבה לכתרים האלה שלא יהפכו מזר לזר, אצל הארון כתיב וצפית אותו זהב טהור מבית ומחוץ תצפנו ועשית לו זר זהב סביב, לרמז על מה שאמרו חז"ל כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם, ר"ל רק בתנאי שיהיה הת"ח כסולת נקיה מבית ומחוץ, הוא מוכשר לקבל כתר תורה — וכן אצל השלחן כתיב: ועשית לו מסגרת טופח סביב ועשית זר זהב למסגרתו, ר"ל שיעשה מתחלה מסגרת וגבול לתאוותיו ולא ירבה לו כסף וזהב יותר מדאי, ולכן צוותה התורה להעמיד השלחן בצפון והמנורה בדרום נוכח השלחן, לרמז דבר גדול שהעשירות בעצם הוא ענין לא טוב, כי גדול נסיון העושר יותר מנסיון העוני, לכן עומד בצפון כי „מצפון זהב יאתה" „ומצפון תפתח הרעה" לכן העמיד את המנורה שהיא סמל התורה והחכמה נוכח השלחן להאיר אל עבר פניה לרמז שאם ירצה האדם להשתמש בעשרו לטוב לו צריך שיכונן את מצעדיו ויעשה את כל מעשיו על דרך התורה והמוסר ליתן לו מתג ורסן לאמר עד פה תבוא, אז נעשה לו העושר זר זהב — וכן מזבח הזהב אשר מרמז לכתר כהונה לא תזכה ליטול את הכתר הזה אם לא תרגיל את עצמך לפנות כל מחשבותיך רק לה' לבדו, וע"ז רמזה תורתנו הקדושה אשר צוותה להעמיד את המזבח „לפני הכפורת אשר על העדות אשר אועד לך שמה", וכן: „לא תעלו עליו קטורת זרה" רק יחבר וידבק מחשבותיו ורעיונותיו לקדושת שמו יתברך ואז יזכה לכתר כהונה.

(קול יהודה, י"ל קאלישער).

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

מעשה העגל

(דרוש לפרשת כי תשא)

הרב שלום ראבינאוויץ.

1.

אין דיזע פרשה ווערט דערצעהלט די ערשטווינענדע געשיכטע פון מעשה העגל — משה איז ארויפגעגאנגען נעהמען די לוחות און איז דארטען פארבליבען אביסעל לענגער ווי דאס פאלק האט ערוואַרטעט. — דאס פאלק האט זיך פארזאמעלט ארום זיין ברודער אהרן און איז צוגעשטאַנען צו איהם ער זאל זיי מאכען א גאָט וואס זאל געהן בעפאר זיי. — אהרן האט געפרואווט אביסעל פארלענגערען די זאך, אבער ענדליך האט ער זיי גע־הייסען ברענגען די גאָלדענע ציערונג פון זייערע פרויען און טעכטער און ער האט אויסגעגאָסען דערפון א גאָלדענעם קאלב — דאס פאלק האט עמפפאנגען דעם נייעם גאָט מיט טאַנץ און געזאנג, און האט אויסגערופען מיט גרויס פרייד: אלה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים!

די פראגע ווערט געשטעלט פון אלע ביבעל־קריטיקער: וואס איז געווען די אידעע פון דעם גאָלדענעם קאלב? אויב דאס פאלק האט גע־וואָלט האבען אן אבגאָט צו פארנעהמען דעם פלאץ פון משה רבנו, ווארום האבען זיי ניט געלאָזט מאכען בעסער א גאָלדענעם מענש? ווארום ניט בעסער א סטאטוטע פון משה רבנו זעלבסט? איז ניט דער שכל מחייב אז עס איז פיעל מעהר פאסיג צו דיענען צו א סטאטוטע פון א מענשען איידער צו א גאָלדענעם קאלב?

און דער וואונדער איז נאָך גרעסער, ווען מען באטראכט אז הונדערטע יאהרען שפעטער, ווען ירבעם בן נבט האט געוואלט מאכען אבגעטער פאר זיין פאלק האט ער אויך געמאכט גאָלדענע קעלבער! עס זעהט אוים אז ווען נאָר זיי האבען גענומען קלעהרען וועגען אן אבגאָט איז גליך געקומען

אויפ׳ן זינען א גאלדענער קאלב! ווי קען מען ערקלעהרען די שייכות צווישען א גאט און א קאלב?

איינינע ביבלישע פארשער ווילען זאגען אז די פארצייטיגע העברעער האבען זיך אבגעלערענט די פארהייליגונג פון א קאלב (אדער אז אקס) פון די פארצייטיגע עגיפטיאנער צווישען וועלכע זיי האבען געוואהנט הונדערטער יאהרען — און ווי עס איז באוואוסט איז דער אקס „אפיס“ געווען פארגעטערט אלס דער שטארקסטער גאט פון מצרים. אבער דיזער פאקט אנשטאט צוווארפען ליכט אויף די פראגע, מאכט עס נאך דעם ענין פיעל מעהר רעטועלהאפט. ווארום איז דאס טאקי אזוי אז די עגיפטיאנער וועלכע זיינען פאררעכענט אלס דאס העכסט ציוויליזירטע פאלק פון די פארצייטיגע וועלט האבען פארגעצווינגען צו דינען צו אן אקס איידער צו א מענשען? אויב יא דינען צו א באשעפעניש, ווארום ניט אויסקלייבען די קליגסטע באשעפעניש?

.2

בעפאר איך גיב מיינע צוהערער א צופרידענשטעלענדען אנטווארט צו דיזע רעטעניש, מוז איך מאכען א קורצע באמערקונג וועגען א געוויסען פונקט אין די געזעלשאפטליכע וויסענשאפט (סאציאלאגיע).

עס איז א באוואוסטע זאך אז אלע נביאים האבען נביאות געזאגט, דאס עס וועט קומען א צייט ווען גערעכטיגקייט וועט רעגיערען די וועלט, און אין אונזער צייט זעהט מען שוין ווי זייערע רייד פאנגען אן פארווירקליכט ווערען, אבער ביז יעצט און אין די גאנץ לאנגע פארגאנגענהייט האט מאכט רעגיערט די וועלט, און וועגען דיזע רעגירענדע קראפט וויל איך אייך זאגען א פאר ווערטער.

צוויי־ערליי סארטען מאכט צוטהיילען צווישען זיך די הערשאפט פון דער וועלט, די ערשטע איז געווען קערפערליכע אדער ברוטאלע מאכט — די מאכט פון פויסט, אדער „כל דאלים גבר“ — איש זרוע לו הארץ — אבער אין פארלויף פון דער צייט, ווען דעם מענשענ׳ס שכל האט זיך ענטוויקעלט, און גרויסע ערפינדונגען און ענטדעקונגען זיינען געמאכט געווארען, האט דער שכל צוגענומען די הערשאפט פון פויסט, און האט אנגעפאנגען צו רעגירען די וועלט. — יעצט רעגיערט די גוטע קאפ, ניט דער שטארקער פויסט. דער מענש וואס האט ערפונדען דעם דאמפף־מאשין איז אליין געווען שוואך און קרענקליך אין קערפער, און דאך דורך די ערפינדונג פון זיין שכל איז ער געווען שטארקער פון דעם שטארקסטען ריעז וואס א מענש קען זיך פארשטעלען — דעם סימן האט איהר, אז א רעגימענט סאלדאטען קענען ניט אבהאלטען דעם מאשין וואס ער האט ערפונדען, ווען ער האלט אין לויפען... דערפון קען מען זעהן אז די קראפט פון שכל איז אין אמת׳ן פיעל שטארקער ווי די קראפט פון קערפער.

דיזע צוויי קלאסען מאכט — די קראפט פון קערפער און די קראפט פון שכל זיינען אמבעסטען סימבאליזירט דורך דעם אקס און דעם מענשען.

איהר וועט באמערקען אז אין קערפערליכע קראפט און קערפערליכע ענט־ וויקלונג שטעהט דער אקס פיעל העכער אלס דער מענש. דאס רוב פון די נידעריגע באשעפענישען ווערען געבארען מיט די זעלבע אייגענשאפטען וואס זיי באזיצען אויף דער עלטער; א קאלב פון א וואך אלט באזיצט שוין די זעלבע חכמה און די זעלבע פעהיגקייטען פון זיין טאטען און פון זיין מאמען; ער קען געהן און זאגאר לויפען; ער פארשטעהט שוין וואו צו זוכען שפייז; ער וויים שוין נענוג וואו צו אנטלויפען ווען אימיצער געהט איהם כאפען — ניט אומזיסט האבען די חכמים געזאגט: „שור בן יומו קרוא שור". גאנץ אנדערש איז מיט'ן מענשען. די ערשטע פאר יאהר נאך זיין געבורט איז ער אזוי שוואך, אז מען מוז איהם נאר טראגען אויף די הענד פון פלאץ צו פלאץ. זאל איהם די מוטער אוועקווארפען נאר א צוויי־דריי טעג, וועט מען איהם געווים געפינען א טויטען.

נאך אן אונטערשיעד איז פאראן צווישען מענשען און די נידריגע באשעפענישען: נעמליך, דער מענש איז ניט באגאבט געווארען ביי זיין געבורט מיט נאטירליכע וואפען זיך צו באשיצען געגען אן אנגרייפער אדער געגען די אונגינסטיגע עלעמענטען פון דער נאטור; דער אקס האט הערנער מיט וועלכע צו שטעכען זיין אנרייפער און שפיציגע קרעפטיגע קאפיטעס, מיט וועלכע ער קען דער'הרג'ענען זיין שונא ווען ער געפינט עס פאר נויטיג, און געגען די רויע קעלט פון א נארדליכען קלימאט האט איהם גאט געגעבען ביי זיין געבורט א שווערען פעלץ... דער מענש האט ניט קיין הערנער און קיין קלאהען און ער ווערט עבארען מוטער־נאקעט מיט א דינע צארטע הויט וואס קען ניט פארטראגען די מינדעסטע קעלט.

אבער דערפאר האט גאט געגעבען דעם מענשען א מתנה וואס וועגט אריבער אלע מתנות וואס ער האט געגעבען די נידריגע באשעפענישען — נעמליך, ער האט איהם געגעבען א שכל וועלכער האט פיעל מעהר ווערט ווי די הערנער און קאפיטעס און דער פעלץ האבען פאר'ן אקס; דער שכל פארשאפט דעם מענשען כלי זיין וואס זיינען בעסער ווי הערנער. — מיט הערנער קען דער אקס שטעכען זיין שונא נאר ווען ער איז נאהנט צו איהם, אבער דער שכל האט פארשאפט דעם מענשען א רעוואלווער און א ביקס און א קאנאן מיט וועלכע ער קען טויטען זיין פיינט איבער א שטרעקע פון מיילען־ווייט. — דער שכל גיט אויך דעם מענשען קליידער וואס זיינען מעהר נוצבאר צו איהם ווי דער פעלץ פון דעם אקס. — דער מענש קען זיך צו־ פאסען זיינע קליידער נאכ'ן קלימאט און נאכ'ן סיזאן, אבער דער אקס מוז טראגען זיין פעלץ אין די היצען פון זומער אזוי ווי אין די קעלטען פון ווינטער.

הכלל דער מענש מיט זיין שוואכען קערפער איז פיעל שטארקער און פעהיגער ווי דער אקס מיט זיין גרויסע קערפערליכע קראפט. דעם סימן האט איהר אז איין שוואכער מענשעל (אפטמאל זאגאר א קינד) קען טרייבען הונדערט אקסען, אלע מיט גרויסע הערנער און שטארקע קאפיטעס, און ער קען זיי קירעווען וואו ער וויל...

.3

אבער מען מוז האלטען אין זינען אז די גרעסטע אויפטהואונגען פון מענשענס מארך זיינען געקומען גאנץ שפעט אין אונזער מאדערנע צייט — אין פערצייטיגע יאהרען איז ניט געווען אזוי קלאהר ווי עס איז יעצט אז דער שכל איז שטארקער אלס דער קערפער. די פערצייטיגע פעלקער האבען געפיהרט שטענדיגע מלחמות צווישען זיך, און מיט וועלכע קראפט האבען זיי געפאכטען? מיט ברוטאלע, פיזישע קראפט — האנד צו האנד און פנים צו פנים מיט שפיזען און מיט שווערדען — דער קעניג וועלכער האט געהאט א גרעסערע מחנה, אדער שטארקערע סאלדאטען, האט געוואונען די מלחמה — פאלגליך זיינען זיי געקומען צום באשלוס אז פיזישע קראפט איז וויכטיגער ווי מארך־קראפט. און דיזעס האט געבראכט די פארצייטיגע עגיפטען אנצונעהמען דעם אקס אלס גאט, ווייל דער אקס איז דער סימבאל פון פיזישע קראפט. — די פארצייטיגע העברעער וועלכע האבען געוואהנט צווישען די עגיפטיאנער הונדערטע יאהרען, האבען נאטירליך געבארגט פון זיי די אידעע פון פיזישע מאכט, און ווען זיי האבען זיך געוואלט מאכען א אפ־גאט, האבען זיי אויך אויסגעקליבען דעם אקס...

אבער דאן איז געקומען משה רבנו און האט געעפענט זייערע אויגען צו זעהן אז עס איז דא א שטארקערע מאכט ווי דער פויסט — ער האט זיי געלערענט א לעסאן אז די שטארקסטע מאכט וואס רעגיערט די וועלט איז ניט קיין גוף „ולא ישיגוהו משיגי הגוף“ און פון דעסטוועגען האט ער כח גענוג צו צווינגען דעם קעניג פון עגיפטען מיט זיין גאנצע פאלק צו טהאן וואס ער פארלאנגט. — דיזע סארט לעהרע האט געהאט די ווירקונג אויף א ווילע אז די אידען פון יענער צייט האבען אוועקגעווארפען דעם עגיפטישען גאט און האבען אנערקענט דעם אמת'ן און איינציגען גאט, דעם גאט פון זייערע עלטערען, אברהם יצחק און יעקב. — אבער דאס האט לאנג ניט אנגעהאלטען, ווייל משה'ס לעהרע האט נאך ניט געשלאגען קיין טיעפע ווארצלען אין זייער הארצען — און דעריבער ווען משה איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן בארג און איז דארטען פארבליבען לענגער ווי זיי האבען ערווארטעט, האבען זיי געקלעהרט אז איהם האט געוויס געטראפען אן אומגליק דורך וועלכען ער האט פארלארען זיין לעבען, און זעהענדיג אז זיין גייסטיגער גאט האט איהם ניט געקענט באשיצען פון אומגליק, האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו זייער פריהערדיגע אידעע, אז פיזישע קראפט איז נאך אלעמען די שטארקסטע מאכט וואס רעגיערט דעם גאנצען באשאף. — קוים זיינען זיי געקומען צו דיזען באשלוס, האבען זיי לאנג ניט געווארט און זיך צוריקגעקעהרט צו די אמונה אין דעם עגיפטישען גאט — דער אקס — וועלכער סימבאליזירט פיזישע מאכט. — דאס וואס זיי האבען זיך באנוגענט מיט א קאלב קומט פון זייער עניוות; זיי האבען געקלעהרט אז די עגיפטיאנער וועלכע זיינען א גרויסע און שטארקע פאלק האבען אן אקס פאר א גאט, איז פאר א קליינעם פאלק ווי זיי זיינען דאמאלסט געווען, גענוג א קאלב...

.4

עס זעהט אויס אז דער מדרש האט אויך פארשטאנען דעם עניין פון מעשה העגל ווי מיר האבען עס ערקלעהרט — אויף די ווערטער: „לך רד כי שיחת עמך" וואס גאט האט געזאגט צו משה'ן ווען ער האט איהם גע־וואלט ארונטערשיקען זעהן וואס זיין פאלק האט געטהאן, זאגט דער מדרש: „לך רד — מרדות הם צריכים" — זיי דארפען האבען געזונטע קלעפ, דאס הייסט אז דער מדרש האט פארטייטשט דעם ווארט „רד" ניט „געה ארונ־טער!" פון שרש „ירד", נאר „שלאג זיי!" אדער געוועלטיג איבער זיי מיט געוואלד! וואס דאס קומט פון שרש „רדה", אזוי ווי „וירדו בדגת הים". — פרעגט זיך די פראגע, ווארום האט דער מדרש פארווארפען דעם איינ־פאכען פשט פון די ווערטער וואס אלע מפרשים האבען אנגענומען און אויסגעזוכט דעם פארווארפענעם שורש „רדה"?

די ערקלעהרונג איז איינפאך: — דער מדרש האט דערמיט געמיינט צוצופאסען זייער שטראף צו זייער זינד. — ווי לאנג א מענש גלויבט אין די מאכט פון שכל איז מעגליך איהם ארויפצופיהרען אויפ'ן גלייכען וועג דורך שכל'דיגע ארגומענטען; שכל קען מען באקעמפפען מיט שכל. — אבער ווען א מענש פרווארפט דעם שכל אינגאנצען, און פאנגט אן צו גלויבען אין די ברוטאלע מאכט פון פויסט, דאן איז אומזיסט די מיה איהם צו פרובירען איבערצייגען מיט שכל'דיגע באווייזע, ווייל ער גלויבט ניט אין שכל. — עס בלייבט ניט קיין אנדער וועג נאר איהם צו באגעגענען מיט זיינע אייגענע וואפען — דו גלויבסט אין פויסט וועל איך דיך בא־געגענען מיט א שטארקערען פויסט. — דאס איז וואס דער מדרש זאגט: „לך רד מרדות הם צריכים" — פאר אזעלכע וואס גלויבען אין ברוטאלע מאכט טויג ניט מעהר קיין תורה וואס אז געמאכט פון רוחניות, נאר גיב זיי „מרדות", — געזונטע קלעפ, ווייל דאס איז די איינציגע מאכט וואס זיי קענען פארשטעהן...

.5

מען קען דערויף זאגען פאלגענדען משל: א פאטער איז געקומען פון א ווייטע מדינה און האט געבראכט א פרעזענט פאר זיין איינציגען קינד — ער איז געווען יאהרען־לאנג אוועק פון דער היים, און ער האט זיך פאר־געשטעלט זיין זוהן אלס א גוט קינד א וואוילגעלעהרענטען, א. ז. וו. און דעריבער האט ער איהם געקויפט א טהייערען ספר איינגעבונדען אין א קאסטבארען בונד, מיט א גאלדענעם שניט א. ז. וו. אבער אין א פאר שטונדען ארום ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין זוהן'ס צימער, האט ער געפונען אז ער האט געמאכט פון דעם ספר א תל — ער האט אויס־געריסען די בלעטער און געמאכט פון זיי פויגעלעך א. ז. וו. דאן איז דער פאטער אריינגעקומען אין גרויס צארען און האט אויסגעשריען: יעצט זעה איך אז איך האב געמאכט א גרויסען טעות — אנשטאט א בוך האב איך געדארפט קויפען פאר דיר א סטראפ....

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ביי די מעשה העגל. — ג' האָט געדענקט אַז דאָס אידישע פאָלק האָט שוין דערגרייכט די הויכע מדרגה פון די קעניג־רייך פון פאַרשטאַנד און מאָראַל, אַלזאָ האָט ער זיי געוואָלט געבען די עשרת הדברות, אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז זיי פיהרען צוריק איין די ממשלה פון ברוטאַלע מאַכט, זאָגט ער צו משה'ן: „לך רד" געה אַרונטער! זיי דאַרפען שוין ניט מעהר קיין עשרת הדברות — „מורדות הם צריכים!" אַ פאָלק וואָס גלויבט אין מאַכט מוז מען רעגיערען מיט מאַכט (אַזוי ווי מיר זעהען טאַקי אין די פאַרצייטיגע דורות האָט מען רעגיערט דאָס פאָלק מיט ברוטאַלע מאַכט און מיט שרעקליכע אַכזריות — אין די אַרמיי און אין די סקוהלס און אין די פּריזאָנס זיינען געווען איינגעפיהרט קערפּערליכע שטראָף — פאַר די קלענסטע שטראָף האָט מען געשמיסען און געשלאָגען. — אַז אימיצער איז באַשולדיגט געוואָרען אין אַ פאַרברעכען האָט מען אָנגע־ווענדעט אינקוויזיטאָרישע מיטלען אַרויס צו ציהען פון איהם אַ געשטענד־ניס (הודאה) — ווייל דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין ברוטאַלע מאַכט האָט מען זיי באַהאַנדעלט מיט ברוטאַלע מאַכט).

.6

אין דיזען זינען קען מען פאַרשטעהן אַ שווערען פּסוק אין אונזער פּרשה — ווען משה רבנו האָט תפילה געטהאָן צו גאָט און איהם געבעטען ער זאָל מוחל זיין די זינד פון עגל, האָט ער געזאָגט: „למה ה' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה" (וואָרום גאָט זאָלסטו זיי ן אין כעס אויף דיין פאָלק וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים מיט גרויס מאַכט און מיט אַ שטאַרקע האַנד?)

דיזע תפילה זעהט אויס לעכערליך — שטעלט זיך פאַר, אַ מאָהלער וועלכער האָט געמאָהלט אַ בילד יאָהרען לאַנג, און ווען זי איז שוין געווען כמעט אין גאַנצען פאַרטיג איז געקומען זיין צולאָזענער קינד און האָט דעם בילד צושניטען אויף שטיקער מיט אַ מעסער. — געוועהנליך ווען דער פאָטער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער איהם געוואָלט שווער באַשטראָפען — אָבער דערביי איז געשטאַנען זיינער אַ שכן, זאָגט דיזער שכן: איך זעה ניט איין וואָרום דו זאָלסט זיין אַזוי אין כעס! — נו פרעג איך אייך, האָט דער שכן לאָגיש גערעדט? יענער האָט געאַרבייט יאָהרען־לאַנג אויף'ן בילד, און דער צולאָזענער באָי האָט דאָס רואינירט מיט די הענד, און דער שכן זעהט ניט איין וואָרום דער מאָהלער איז אַזוי אין כעס! — פּונקט אַזוי קלינגען די ווערטער פון משה רבנו. גאָט איז אַרונטערגעקומען בכבודו ובעצמו אויף'ן באַרג סיני און האָט געגעבען זיין פאָלק אַ תורה בקולות וברקים א. ז. וו. און ווי נאָר ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון זיי האָבען זיי געמאַכט אַ גאָלדענעם קאַלב, און האָבען אויף איהם געזאָגט „אלה אלהיך ישראל" — און משה רבנו פרעגט: למה ה' יחרה אפך בעמך?

מיט די איבריגע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט: „אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה" האָט ער געשאַטען נאָך מעהר זאַלץ

אויף די וואונדען — אדרבא! ווייל גאָט האָט זיי ארויסגענומען פון מצרים „בכח גדול וביד חזקה“, און זיי זיינען געווען אזוי אונדאנקבאר אז זיי האָבען זיך אין אַ קורצע צייט אומגעקעהרט צום געצענדיענסט, איז זייער זינד נאָך גרעסער!

אָבער ווען איהר וועט האַלטען אין זינען דעם גאַנצען געדאַנק וואָס איך האָב ביז יעצט געטרייעט קלאָהר צו מאַכען, וועט איהר פארשטעהן אז משה רבנו האָט געגעבען אין זיין תפילה די בעסטע צוויי ארגומענטען וואָס ער האָט געקענט געבען זיי צו פארטהיידיגען:

ערשטענס — זאָגט משה צו גאָט — פארגעס ניט פון וועלכען לאַנד דו האָסט זיי ארויסגענומען. דו האָסט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, וואו זיי האָבען געוואָהנט הונדערטער יאָהרען און זיי האָבען צוגעוועהן זייער געצענדיענסט — און אַ געוואָהנהייט וואָס איז איינגעוואָרצעלט ביי אַ פאָלק הונדערטע יאָהרען, קען מען ניט אויסוואָרצלען אין דריי מאָנאַטען.

צווייטענס — דו גאָט אַליין האָסט זיי געוויזען אַ ביישפּיעל פון פיזישע מאַכט. — ווען דו וואָלסט באַוואויגען דעם קעניג פון מצרים מיט שכל'דיגע אַרגומענטען אז שקלאַפעריי איז אַן אומרעכט, אז יעדער פאָלק האָט אַ רעכט צו זיין פריי א. ז. וו., וואָלט דאָס אַליין געלערענט דאָס אידישע פאָלק אַ לעססאָן אז דער שכל איז שטאַרקער ווי דער פויסט, און דאַן וואָלטען זיי געמאַכט דעם שכל פאַר זייער אידעאַל — אָבער דו גאָט האָסט ניט אַזוי געטהאָן, נאָר דו האָסט זיי אַרויסגענומען מיט מכות און קערפּערליכע שטראָף (ובאמת הוצרך לזה לפי שפרעה לא האמין אלא בכח האגרוף, כנ"ל) אַלזאָ האָט דאָס אידישע פאָלק ניט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך אַפּצולערנען דעם לעססאָן אַז די ממשלה פון גייסט שטעהט העכער ווי די ממשלה פון קערפּער.

דאָס זיינען די צוויי שטאַרקע אַרגומענטען וואָס משה רבנו האָט געגעבען אין זיין תפילה צו גאָט, אז צוליעב דעם דאַרף ער מוחל זיין זייער חטא — ערשטענס: אשר הוצאת מארץ מצרים, און צווייטענס: בכח גדול וביד חזקה.

8.

אין די לעצטע צייט איז אַרויף געקומען אַ דריטע מאַכט אויפ'ן טראָן און האָט פאַרנומען די רעגיערונג פון דער וועלט — דאָס איז רייכטהום.

אַ מענשיל מעג זיך זיין שוואַך אין קערפּער און האָבען אַ פּוסטע קאָפּ, אָבער אויב ער האָט גע'ירש'נט אָדער געוואונען אַ גרויסען פאַרמעגען, וועלען איהם הונדערטער מענשען באַדיענען און ער וועט קענען אויספיהרען אַלע זיינע קאַפּריזען ווי אַן אמת'ער קעניג. אין אַמעריקא אַז איינער פאַר־מאָגט הונדערט טויזענד דאָלער, זאָגט מען: ער איז ווערט הונדערט טויזענד דאָלער, און אז ער פאַרמאָגט גאַר נישט, זאָגט מען: ער איז גאָר נישט ווערט... דאָס איז אַ שלאַגענדער באַוויז פון די ראָלע וואָס רייכ־טהום שפּיעלט אין אונזער צייט.

דיזע ממשלה פון גאָלד איז אויך פאַראוים באַוויזען געוואָרען אין דער תורה — ווען אידען האָבען יאָ געמאַכט אַ קאַלב, האָבען זיי איהם אימער געמאַכט פון גאָלד — ווארום ניט פון אייזען, פון שטאָהל, פון ליים? — דאָס איז געווען אַ וואונק אויף די דריטע מאַכט וואָס וועט אַמאָל רעגיערען די וועלט — די מאַכט פון גאָלד — די גאָלדענע קאַלב...

די מאַכט פון גאָלד איז שעדליכער פאַר דער מענשהייט אפילו ווי די רעגיערונג פון פויסט. — אונטער יענער רעגיערונג האָבען מענשען געלעבט און געלאָזט לעבען. — שטאַרקע האָבען אָפט געהאַלטען מלחמות צווישען זיך, אָבער דעם שוואַכען האָבען זיי באַשיצט. — די מאַכט פון גאָלד האָט ניט אַזעלכע איידעלע געפיהלען. — עס איז ביי איהר רעכט צוצונעהמען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט פון מיליאָנען אַרבייטער כדי צו געבען אַ הויפען מאַגנאַטען אַביסעל מעהר דיווידענדס... עס איז ביי איהר רעכט אַרויסצונעהמען דעם באָדען פון אונטער די פיס פון פאָלק... אין כינא זיינען באמת מיליאָנען מענשען געצוואונגען צו וואוינען אויף פליטען וואָס שווימען אויפ'ן ים (הגם כינא האָט פיעל מעהר לאַנד ווי איהר באַפעלקערונג קען געברויכען). — אויף דיזע פריסטער פון גאָלדענעם קאַלב קען מען זאָגען די ווערטער פון ישעיה הנביא: „הוי מגיעי בית בבית, שדה בשדה יקריבו עד אפס מקום, והושבתם לבדכם בקרב הארץ" — ווייז איז צו אייך וואָס איהר ערווערבט אייך נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז, נאָך אַ פעלד און נאָך אַ פעלד, ביז עס בלייבט קיין ברעקעל פּלאַץ פאַר'ן אָרימאַן, און עס זעהט אויס אַז איהר ווילט בלייבען די איינציגע באַזיצער פון די ערד!

די קעניגרייך פון גאָלד האָט נאָך אַ געפעהרליכען חסרון וואָס זי רואינירט איהרע אייגענע קינדער. — זי לערענט זיי אויסגעלאַסענהייט און פאַרשווענדונג. — זי ערנידריגט אויך די מאָראַל פון די אָרימע טהייל פון דער מענשהייט דאַמיט וואָס זי לערענט זיי גנבה, רויבעריי און שווינדעל. — אונטער די רעגיערונג פון פויסט אָדער פון שכל זיינען אויך געווען אומגליקליכע וואָס האָבען דיזעביידע זאַכען ניט געהאַט, אָבער עהרליך זיינען זיי געבליבען, ווייל אומעהרליכקייט וואָלט זיי גאָר נישט געקענט העלפען, — שטאַרקע מוסקולען און אַ גוטע קאָפּ קען מען ביי יענעם מיט געוואַלד ניט אַוועקנעהמען. — עס איז אָבער גאַנץ אַנדערש אונטער די הערשאַפט פון גאָלד. — גאָלד קען מען פון יענעם צונעהמען דורך פאַרשיעדענע מיטלען, און דעריבער געפינען זיך מיליאָנען מענשען וואָס גיבען אָפּ זייער גאַנצע פעהיגקייט צו קריגען גאָלד — דורך עהרליכע מיטלען אויב מעגליך, דורך אומעהרליכע אויב ניט מעגליך. — אויב עס וואָלט מעגליך געווען פאַר אימיצען אַרויסצוקריגען דורך כשוף געלד פון אַ סייף־דעפּאָזיט מיט זיכערהייט אַז מען וועט זיי ניט כאַפּען פאַר'ן האַנד, וואָלט אפילו איינער פון אַ מיליאָן ניט ביינעשטאַנען דעם נסיון...

אָט דיזען פאַרדאַרבענעם אינפלוענס פון גאָלד האָט משה רבנו געוואָלט ווייזען דעם אידישען פאָלק, און דעריבער האָט ער גענומען דעם עגל און

האט איהם צומאהלען אויף דינע פוידער און פארשפרייט אויפ'ן וואסער, און די וואסער האט ער געגעבען טרינקען דעם פאלק. פרעגט זיך די פראגע, — וואס האט געמיינט דיזע צערמאניע? און איז דאס ניט א געפאהר אז וואסער געמישט מיט גאלד־דאסט קען ברענגען טויט אדער קראנקהייט אויף די טרינקער?

דער אנטווארט איז, אז אין דעם וואסער וואס ער האט זיי געגעבען טרינקען איז ניט געווען קיין גאלד־דאסט, אזוי ווי עס איז יעדען באוואוסט, אז גאלד ווען מען צומאלט עס גאנץ דין שווימט עס ניט פון אויבען ווען מען פארשפרייט עס אויפ'ן וואסער נאר עס פאלט צום גרונד — און דאס איז די הויפט זאך וואס משה רבנו האט זיי געמיינט אנצודייטען — ער האט זיי געוואלט באווייזען אז די מאכט פון גאלד ברענגט דעם מענשען צום מאראלישען אבגרונד — פונקט אזוי ווי די גאלד אליין פאלט אימער צום גרונד, אזוי אויך די יעניגע וואס מאכען גאלד פאר זייער גאט, פאלען גייסטיג און מאראליש צו אבגרונד...

חומר לדרוש

פרשת כי תשא

אגדות חז"ל

ראה קראתי בשם בצלאל, א"ר יצחק, אין מעמידין פרנס על הצבור אא"כ נמלכין בצבור, שנאמר, ראה קראתי בשם בצלאל. א"ל הקב"ה למשה, משה! הגון עליך בצלאל? אמר לפניו רבש"ע, אם לפניך הגון לפני לא כל שכן! א"ל, אע"פ כן אמור להם לישראל וכו' (ברכות נ"ה. ילקוט שמעוני).

כי קודש היא לכם, זהו שהיה ר' שמעון בן מנסיא אומר, לכם שבת מסורה ואין אתם מסורין לשבת (מכילתא). תניא ר' יונתן בן יוסף אומר, מנין לפקוח נפש שדוחה את השבת? שנאמר, כי קודש היא לכם, היא מסורה בידכם ואין אתם מסורין בידה (יומא, פ"ה:).

ששת ימים יעשה מלאכה, וכתוב אחר אומר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך (שמות כ'), כיצד יתקיימו שני כתובים הללו? אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים, שנאמר, יעשה מלאכה,

וכן הוא אומר, ועמדו זרים ורעו צאנכם ובני נכר אכריכם וכרמיכם (ישעיה ס"א), וכשאין עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי עצמן, שנאמר, ועשית כל מלאכתך, לא עוד, אלא ועבדת את אויבך אשר ישלחנו ה׳ בך וגו׳ (מכילתא).

כי שיחת עמך רבי ברכיה בשם רבי לוי אמר, משל למלך שהיה לו כרם ומסרו לאריס, כד הות עבד חמר טב, הוה אומר, מה טב חמרא דכרמי וכד הות עבד ביש, אמר, מה ביש חמרא דאריסי! אמר לו האריס, אדוני המלך! כד הוא עביד חמר טב הוא דידך וכד הוא עביד חמר ביש הוא דידי? בין טב ובין ביש דידך הוא כך בתחילה אמר הקב"ה למשה, ועתה לך ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל (שמות ג׳), וכיון שעשו אותה מעשה מה כתיב תמן, לך רד כי שיחת עמך, אמר משה לפני הקב"ה, רבש"ע! כד אינון חטאי דידי וכד אינון זכאי דידך? בין חטאי בין זכאי דידך אינון! והם עמך ונחלתך, למה ה׳ יחרה אפך בעמך. אמר רבי סימון, לא זז משם עד שקראן עמו, שנאמר, וינחם ה׳ על הרעה אשר דבר לעשות לעמו (פסיקתא).

ואעשה אותך לגוי גדול, אמר ר׳ אלעזר: אמר משה לפני הקב"ה, רבש"ע, ומה כסא של שלש רגלים אינויכול לעמוד לפניך בשעת כעסך, כסא של רגל אחת איך יכול לעמוד? ולא עוד אלא שיש לי בושת פנים מאבותי, עכשיו יאמרו, ראו פרנס שעמד עליהם, בקש גדולה לעצמו ולא בקש עליהם רחמים (ברכות ל"ב).

והלוחות מעשה אלהים המה והמכתב מכתב אלהים הוא חרות על הלוחות, אריב"ל, מאי דכתיב חרות על הלוחות, אל תקרי חרות אלא חרות, לפי שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה (אבות פ"ו, ב׳).

וישלך מידיו את הלוחות וישבר אותם. מה עשה משה? נטל את הלוחות מתוך ידו של הקב"ה כדי להשיב חמתו. משל למה"ד, למלך ששלח לקדש אשה על ידי סרסור, הלך הסרסור לעשות שליחותו ונטל עמו כתובתח שנתן לו המלך לקדשה, ובעודו בדרך קלקלה עם אחר, מה עשה הסרסור, נטל את כתובתה וקרעה, אמר מוטב שתהא נדונה כפנויה ולא כאשת איש, כך עשה משה, כיון שעשו ישראל אותה מעשה נטל את הלוחות ושברן, אמר משה מוטב שיהיו נדונין כשגגין ולא כמזידין (כלומר שאלו היו רואין מה שכתוב בלוחות אנכי ה׳ אלהיך ועונשו אצלו זובח לאלהים יחרם לא היו חוטאין (שמ"ר).

כי לא יראני האדם וחי. שאל אנדריגוס קיסר לרבי יהושע, א"ל יש אדון לעולם? א"ל, וכי עולם הפקר הוא? א"ל, ומי ברא שמים וארץ? א"ל, הקב"ה, שנאמר, בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. א"ל, ולמה אינו נגלה פעמים בשנה כדי שיראו אותו הבריות ותהא אימתו עליהם? א"ל, לפי שאין העולם יכול לעמוד בזיוו, שנאמר, כי לא יראני האדם וחי. א"ל, אם אינך מראה איני מאמינך. לחצי היום העמידו כנגד השמש, א"ל, הסתכל בשמש ואתה רואהו, א"ל, ומי יכול להסתכל בשמש? א"ל, ולא שמעו אזניך מה שפיך מדבר? ומה השמש שהוא אחד מאלף אלפים ורבוא רבבן ממשמשין שמשמשין לפניו אין כל בריה יכולה להסתכל בו, הקב"ה שזיוו מלא עולם על אחת כמה וכמה.

כתב לך את כל הדברים האלה, הה"ד, אכתב לו רובי תורתי כמו זר נחשבו (הושע ח׳), בשעה שנגלה הקב"ה בסיני ליתן תורה לישראל, אמרה למשה על הסדר מקרא ומשנה תלמוד ואגדה, שנאמר, וידבר אלהים את כל הדברים האלה (שמות כ׳) אפילו מה שתלמיד שואל לרב, ואחר שלמדה משה מפי הקב"ה חזר ולמדה לישראל, אמר לפניו, רבש"ע, אכתוב אותה להם. אמר לו, איני מבקש ליתנה להם בכתב, מפני שגלוי וידוע לפני שאומות העולם עתידים לשלוט בהם ולתרגם אותה ולהיות קורין בה יוונית, אלא המקרא אני נותן להם בכתב, והמשנה והתלמוד והאגדה אני נותן להם על פה, שאם יבאו אומות העולם וישתעבדו בהם יהיו מובדלים מהם, זהו שאמר הנביא, אם אכתב לו רובי תורתי (כלומר, גם תורה שבע"פ) כמו זר נחשבו (שמ"ר, פ"ז, א׳).

ליקוטים ממבחר הדרוש

פרשת כי תשא

הגשמת האלהות

כבי ידענו כי יסוד האמונה הצרופה ושורש הדת המורשה הוא — לרחק כל הגשמה וכל מושג טבעי בידיעת ה׳ הטהורה, וכי תכלית הידיעה הזאת היא שלא נדעהו אפס קצהו, ושלא יראהו ולא יתארהו האדם החי בשום חוש מן החושים. וכבר מנה הרמב"ם ז"ל לאחד מעיקרי האמונה להאמין שאינו גוף ובעל תמונה. והנה בצאת ישראל ממצרים, ארץ המלאה גלולים והמגשמת אליליה, קשתה מאד העבודה על רוענו משה הנאמן, להוציא את רוח אבותינו ביום אחד מאפלה לאור גדול — מן ההגשמת אשר הסכינו בה אל ההרגש הדק והנעלה שבידיעת ה׳, אשר עליו תלוים כל שלטי הגבורים בחכמת האמת. — אולי זה הוא אחד מסודות „כבוד הענן" אשר לא חדל ללכת לפני ישראל בכל חנותם במדבר הגדול, לשנן להם לישראל כי לא באספקלריא מאירה ולא בהשגה טבעית יראו את כבוד ה׳, כי רק בענן יראה, וכמו ערפל חתולתו.

ואעפי"כ, אחרי כל השינון הזה, עדיין היתה האמונה הזאת רפויה בידם, וכמדומה שכבר ביארו החוקרים את מאמר הכתוב: „ויעמדו כל העם מרחוק" (כלומר, עדיין לא הגיע העם היוצא ממצרים אל מרום קצה של הידיעה הגבוהה הזאת), „ומשה נגש אל הערפל אשר שם אלהים", כלומר, אך משה לבדו נגש אל ההרגשה הנעלה כי בתוך הערפל שם האלהים, כי שוא כל היצורים, והבל כל ההגשמות, ולא יראה האדם החי רק ראיה כהה, כמבעד לערפל. — ואם בדורות האחרונים מצאנו להראב"ד שכתב על דברי הרמב"ם המובאים למעלה „שגדולים וטובים ממנו הלכו בזו המחשבה כו׳ ולמה קראו לזה מין, כו׳", — על אחת כמה וכמה בדור אשר לא רוחץ עוד מגלולי מצרים, והאספסוף אשר בקרבו התאוה תאוה אל כל מראה ואל תמונה אשר בארץ מתחת.

במעמד אשר כזה רגיל העם, תלתוש אחרי האמונה המגשמת, לתת כבוד אלהים לא לבד לכוחות טבעיים שונים, אך גם לבני אדם המעלה, לאנשים הגדולים שבקרבו, אשר בצלם יחיה ובגבורות ישע ימינם יראותו נפלאות. — ומי לנו גדול באדם יותר ממשה, אבל הוא עצמו היה עומד ומזהיר את העם השכם והזהר, השכם והרחק אותם מכל אמונת תפלה בילוד אשה או ביצור מן היצורים, — אך הנה זה עלה משה השמימה, והוא מתמהמה שם ארבעים יום, לחם לא אכל ומים לא שתה, כאן כבר מצא השטן מקום לשוב ולהכניס ערבוביא בדעותיהם של המשובשים בעם, לאמר: ראו הן זה משה האיש, בעל גוף ובעל תמונה כמונו, והוא שהיה אומר לנו תמיד כי הגופניות והאלהות הם מושגים הסותרים זה את זה מן הקצה אל הקצה, ובכ"ז לכו חזו שהוא גם אל ואדם יחד, ילוד אשה ובן עליון כולו, שאלמלא כן, היעלה איש השמימה ומשמת לא ישוב? היתמהמה עד בוש, לחם לא יאכל ומים לא שתה ויחי?

פה חזרה ונתחזקה אמונת ההגשמה בקרב ההמון, פה החל העם להאמין בישות כח האלהי גם בקרב משה בעצמו, ואם יתכן איש ואל גם יחד — למה זה לא יעשו להם אלהי מסכה אשר ילכו לפניהם — (וכבר רמזו על ענינים אלה בס׳ הכוזרי והראב"ע ז"ל), ואנו אין דרכנו להאריך בחקירות כאלה, ונגע רק באפס קציהן, להוכיח כי את תמצית הרעיון הזה כבר תלישו לנו חז"ל במליצות חדתם במדרשות:

לפי דעתי זותי כוונת המדרש שדורש על הכתוב „וירא העם כי בושש משה" **אותה השעה מצא השטן את ידיו** (תיינו השפק והאמונה התפלה, שהיו כרוכים אחריהם מאז, שבו להתחזק בקרבם), **שהיה מראה להם את מטתו של משה** (אשר עד עתה היה מוחזק אצלם רק כילוד אשה בלבד) — **תלויה בין השמים ובין הארץ** (ספק שמיימי ספק ארצי, אדם ואל גם יחד) — והוא שגרמה להם לעמוד על אהרן וחור, ולבקש להם אלהות מגושמה בתבנית שור אוכל עשב — **אותה שעה עמד עליהם חור ואמר להם — קציעי צאוריא!** (כלומר, נוחים לשכוח), **אינכם נזכרים נסים שעשה לכם הקב"ה?** — כלומר, איך שכחתם כה מהר שגם בהתהלך משה עמכם רבו מאד הנסים והנפלאות שעשה לכם הקב"ה על ידו למעלה מן הטבע, ובשינוי סדרי בראשית — וא"כ עד אנה מאנתם לדעת כי עליתו של משה השמימה לא תעיד מאומה על מציאות ההגשמה באלהות, או על מציאות הכבוד בצורת גוויה, כי באמת אין העליה הזאת אלא כאחד מהרבה הנסים אשר יד ה׳ עשתה עמכם מאז ועד הנה — ואדוננו משה באמת אך איש הוא ולא אל, בן תמותה הוא כמונו כולנו.

אך האספסוף לא יכול ולא אבה שמוע, וכח הטעה אותו ההרגל המשחת אשר העלה ואשר הביא אתו ממצרים, לחזות מחזה שדי רק בדמות אנשים וכחות טבעיים מגושמים, עד כי היה חור כמתחכם בעיניהם, כאיש המכחיש מציאות האלהות (לפי הבנתם), והמתאמץ לציירה בהגיונות פילוסופיים אשר שגבו מהם, ותקטן זאת בעיניהם להקדיש „מלחמת מצוה" על חור ולהתיר דמו, בשביל דעותיו התפשיות בעיניהם. — והנה ידענו מה רבים חללים הפיל היצר בכל הדורות ובכל הזמנים, בהתלבשו בלבוש האמונה ובהלהיבו את משמרי הבלי השוא

ל„מלחמת מצוה". — גם חור היה כאחד מן החללים האלה: „וירא אהרן, מה ראה? ראה חור זבוח לפניו" — אז הבין אהרן שגם צדקותיו לא תזכרנה ביום פקודה, שבמקום שהיצר מתלבש בדמות קנאת הדת והיא מלהבת את ההמון הפרוע — שם אין חשבון ואין דעת, והמשכיל בעת ההוא ידום עד יעבור זעם. — וברדת משה מן ההר, ובראותו את המהפכת אשר הפך ההמון „לשם האמונה" התפלה, היה פתגמו הראשון: מי לה' אלי! — כלומר, לשוא יתברכו הטפשים בלבבם כי הם המה לה', וכי אנחנו הננו המתחכמים — „מי לה' — אלי!"

(הגאון ר' יחזקאל ליבשיטץ).

עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו

אלהי השקר הולך תמיד לפני המון מעריציו, כידוע שבכל תהלוכה דתית, הכומרים נושאים את אליליהם לפני העם, כאילו רוצים לומר לכל העולם: ראו את האל המהודר שיש לנו, כלו עשוי מזהב טהור מעשה צעצועים! — אבל אלהי ישראל שוכן בקרב עמו, וכן אמר: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם! — וכן כל תנועה דתית אפילו במחננו שכוונתה להתיפות כלפי חוץ (כגון תנועת הריפורם, יש בה מעין „עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו", וסופה לחתור חתירה תחת יסודי תורת ישראל. וכן המליצו חז"ל: „ולכל המורא הגדול, זו שבירת הלוחות" — כלומר, המורא הגדול שהיה למשה רבנו ע"ה מחוקי הגוים (שהזהיר כנגדה כמה נעמים בתורתו) הוא מחמת שהיה חושש שסוף הדבר לבא לידי שבירת הלוחות. (המחבר.)

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

צדקה ומשפט*)

(דרוש לפרשת ויקהל ולפרשת שקלים)

הרב שלום ראבינאוויץ.

1.

ויבאו כל איש אשר נשאו לבו, וכל
אשר נדבה רוחו אותו הביאו את
תרומת ה׳ וגו׳.
(ויקהל — ל״ה, כ״א)

תמוה מאד החילוק שעשה הכתוב בין „נדיב לב" ל„נדיב רוח" (ובעל הטעמים הציג מונח אתנחתא תחת התיבות „נשאו לבו") ואם באמת שתי כתות היו שם, כת של „נדיבי לב" וכ של „נדיבי רוח", תמצא כי הכת הראשונה של נדיבי לב לא הביאו כלום, כי נאמר בהם אך „ויבאו", אבל לא נאמר שהביאו איזה דבר, ואם כן, למה קרא אותם „נדיבי לב"?

בזמן האחרון נוסדו בתי ספר גבוהים וגם החלו לתת קורסים באוני־ברסיטאות בחכמת הפילנטרופיה — אם כוונתם להורות למיליונרים איך לחלק את ממונם לעניים מסופקני אם יראו פרי בעמלם, כי המיליונרים אין להם לא פנאי ולא רצון ללכת אל ה„חדר", אבל אם כוונתם להורות איך להוציא ממון מאלה „שיש להם ואינם רוצים", זוהי בוודאי תורה שלמה וללמוד אותה אנו צריכים.

הבה אתן לכם השקפה כללית קצרה מתולדות החכמה הזאת, כלומר, החכמה של הוצאת ממון מידים קפוצות:

התחבולה היותר ישנה היתה להוציא ממון מידי העשירים על ידי מחזות של עוני ומחסור וחליים רעים — והדבר הזה לא היה כל כך קל

---

*) הדרשה הזאת נדרשה בלשון הקודש, ולבי לא נתנני להעתיק אותה מן הקודש אל החול, לכן הצגתיה כאן כמו שנדרשה.

כמו שידמה השומע, כי בימים ההם העוני והמחסור לא היו דברים יוצאים מן הכלל, אלא אדרבא היו נראים ונשמעים על כל מדרך כף רגל, ולכן אלה שהיו רוצים לעורר רחמים לא מצאו די ביסורים פשוטים, אלא היו מוכרחים לעשות מומים נוראים בגופם, כמו, עוורון, קיצוץ ידים או רגלים, מכות טריות ופצעים נאמנים וכו׳ — הנוסעים בארצות הקדם יעידו כי גם היום המראה הראשונה אשר תפגע עין הנוסע הוא מראה כתות כתות של אביונים בעלי מומים שונים עומדים על אם הדרך וחושפים את זרועותיהם או רגליהם המוכות והפצועות לעיני העוברים אולי יחוסו אולי ירחמו.

לאחר זמן נוסדו מוסדות צדקה שונים על ידי בעלי־הון להמציא עזרה לאביונים. — קשה לדעת אם עשו זאת מטוב לב, או מחמת שקצה נפשם להביט אל מחנות העניים והאביונים עטופי סחבות שהיו הולכים ורבים מיום אל יום וממרים את חייהם — אבל יהיה איך שיהיה, הצעד השני בהתפתחות מעשה הצדקה היה ייסוד מוסדות צדקה שונים. האמצעי הראשון שהשתמשו בו המוסדות ההן להוציא כסף מבעלי ההון היה ג״כ על ידי מחזות של עוני ומחסור. — מנהלי מושבי־הזקנים היו מעבירים על פני הנדיבים את היותר חלשים וכבדים־מזוקן, ומנהלי בתי־החולים העבירו את הנדיבים לפני מטות הסובלים מחליים רעים ונאמנים. — אבל לאחר זמן מצאו גבאי הצדקה כי האמצעי הזה לפעמים יפעול כמו כלי־תותח הראשונים שהיו מדליקים אותם בעצי גפרית, ולפעמים היו הורגים את היורים — כן גם בענינגו, כאשר נוכחו העשירים לדעת מראש מה שיציגו לפניהם מנהלי הבתים האלה חדלו לגמרי לבא שמה.

בראות זאת מנהלי בתי הצדקה, המציאו המצאה חדשה, להוציא כסף מבעלי ההון על ידי תענוגים ונשפי חשק, חבורות למבקרי תיאטראות ואופירות, חבורות למשחקי „ברידש״, וכו׳ וכו׳. — אולי למדו זאת גבאי הצדקה מן ה„פיינלעס־דענטיסט״ המבטיח להוציא שנים מבלי אשר ירגיש בעל השנים בשבתו ובקומו (מובן מאליו שיש הפרש גדול בין ההבטחה לקיומה, אבל בטרם שנודע ההפרש הנ״ל לבעל־השנים, כבר עשה הדענטיסט את שלו) — כן ג״כ המבקרים נשפי חשק האלה, מוצאים לדאבונם שסוף סוף השקלים יצאום ואינם, אבל בין כך ובין כך גבאי הצדקה השיגו את מטרתם.

האמצעי הנ״ל הוא היותר נפרץ בזמן הזה והוא ג״כ היותר בדוק ומנוסה, לפי שעל ידו מוציאים ממון אפילו מאותם האנשים שלא היה אפשר להוציא מהם פרוטה באופן אחר, אבל ללכת לנשפי חשק לא יפצרו הרבה; יש שהולכים לראות ויש שהולכים ליראות; יש שהולכים לשמוע מעט רכילות ויש שהולכים לדבר מעט רכילות — זאת ועוד אחרת שאם חשקה נפש האשה ללכת תגרור גם את האיש אחריה, אם ירצה ואם לא ירצה, ובין כך נמכרים שני כרטיסים תחת האחד — ואם נמצאים איזה קמצנים שקשה להוציא כסף מכיסם אפילו לתענוגי בשרים, המציאו למענם תחבולה אחרת: עושים בעדם ממכר־פומבי (באזאר בלע״ז), ומי גבר לא ירוץ לקנות מציאות? ובתוך כך הנה הממון נכנס לקופת הצדקה!

נמצא שהמציאו דרך חדש לגן־עדן שלא שערו אותו אבותינו. בימי אבותינו הדרך האחד המוביל לגן עדן היה אמירת תהילים, סגופי הגוף, וכו', בימינו אפשר ליכנס לגן־עדן על ידי ריקודים או על ידי משתה ושמחה! בימים קדמונים הצוו היה על שומרי פתחי גן־עדן לאמר: אם יבא איש רזה וצנום פתחו לו והניחו לו ליכנס בלי שום שאלות, לפי שפניו מעידים עליו שסגף עצמו בתעניות וכו', ולהיפך אם יבא אליכם איש בעל־בטן־עגולה וקדקוד אדום הובילו אותו בלי שום שאלות לגיהנם, לפי שגופם מעיד עליהם שהשקיעו את עצמם בתענוגות בשרים — אבל בזמננו ניתן צוו לשומרי הסף של גן עדן שיעיינו בדינם של אלו האחרונים, לפי שיש אפשרות לעשות פימה עלי כסל על ידי עשיית הטוב והחסד...

2.

הדרך הנ"ל, כלומר להוציא כסף לצדקה על ידי נשפי חשק ותענוגי בשרים, הוא השורר לעת עתה בכל העולם, ושנים רבות עוד תעבורנה בטרם ימצא אופן אחר טוב ממנו, אבל כאשר נשפוט את הדבר מתוך מבט מוסרי ותורני נווכח כי לא זו הדרך אשר ה' דורש. — הדרך הישר והטוב, הדרך הישראלי הוא לחנך את הדור למבט כזה שיחשוב לו לחובה לתת צדקה לעניים. — בעולם המעשה תמצא שאם אחד חב ממון לחברו, ואם הוא איש ישר אין לנושה בו שום צורך לעשות „בנקטים" בעדו כדי להוציא ממנו את חובו, ואם הוא בכלל לוה ואינו משלם, אזי לא יועילו לו הבנקטים... כן הדבר הזה; מי שיש לו, הוא בעל חוב גמור למי שאין לו — כי באמת אין לך עני בבני אדם שלא יהיה בעל חוב גדול לאלפי אנשים מן החברה האנושית. — יש מהן קרובים ויש מהן רחוקים; יש מהם שלא העיף עיניו בהם מימיו ושלא יבאו בתוך ד' אמותיו כל ימי חייו ובכל זאת חב הוא להם — לדוגמא: הבגד הזה אשר עליך (אין חילוק כמה שלמת בעדו), עבדו עליו אלפי אנשים, מן השעה שהיה צמר או פשתן עד שנטווה ונארג ונתפר והובא לחנות הבגדים, עד שנתגלגל הדבר ובא לידיך, ואולי האביון הפושט עתה את ידו אליך היה אחד מן הפועלים שעבד בזיעת אפיו על הבגד הזה; כאשר תלך לביתך ותאכל ארוחתך העשויה מלחם ודגים ובשר, תדע גם כן שבטרם הובאו על שלחנך עבדו עליהם אלפי אנשים. כאשר תפגע איש מארץ סינים אולי תחשוב, בוודאי לזה איני חייב כלום, כי הלא עתה בא מארץ רחוקה מאד — מן הצד ההפכי של כדור הארץ — מעית בזה! תדע כי האורז (רייז) שאתה אוכל והתה שאתה שותה עבדו עליו אלפי סינים או יאפנים, ואולי גם הסיני הזה היה בין העובדים, ואולי הוא כובס־בגדי־לבן וכבס את הכתונת הלבנה שעל חזך, ואפילו אם ברי לך שהסיני הזה לא עשה שום עבודה בעדך, אולי עשה עבודה בעד אחר וזה האחר עבד איזה עבודה בעדך — כי הלא זה כל האדם אחוזים ודבוקים ושלובים זה בזה.

רע עלי המעשה שהסיפור הנודע בשם „רבינסאן קרוסא" נקרא אך מילדים, כי אין לך סיפור שמבאר בצבעים בהירים כל כך את חובת האדם

לחברה האנושית ואסונו הנורא אם יקרה לו איזה סיבה המרחקת אותו מבני גילו, כמו שמראה הסיפור הזה. רבינסאן קרוזא נעזב לבדו על אי שומם ונשאר שם כמה שנים, ומובן מאליו שהיה מוכרח לעשות בגדים לכסות את גופו ולהשיג מחיה להשקיט רעבונו, וטרם שהשיג לחם היה לו לחרוש את האדמה בידיו ממש ולזרוע ולקצור ולטחון ולאפות, ובטרם שהשיג בגד היה מוכרח לטוות ולארוג ולתפור, או לצוד ציד חיה ולפשוט את עורה ולעבדה — במלים אחרים, מה שאנו החיים בתוך החברה משיגים בעבודת יום אחד, באו לידו על ידי ירחי עמל ושנות נדודים — האין זה הלקח היותר מעורר את האדם לדעת את חובתו לבני גילו?

תמצא שבלשוננו הקדושה אין שום מלה המתאמת למלה האנגלית „טשאריטי" — תחת טשאריטי שהוראתה חסד חנם, יאמרו בעברית „צדקה", לאמר שאדם מישראל מחויב להושיט עזרה לעניים **בצדק** ולא בתורת **חסד** — ולכן גם כן נמצא הרבה פעמים בתנ"ך שהשם **צדק** נרדף עם **משפט**, כגון: צדק ומשפט מכון כסאך, וכן: עשיתי משפט וצדק בל תניחני לעושקי, וכן גם כן קבעו מתקני התפילה בשמונה עשרה: מלך אוהב **צדקה ומשפט** — לאמר: שהקב"ה אוהב אותה הצדקה הניתנת לא בתור חסד חינם אלא בתור חוב שחייבים לעני **על פי דין** — וזהו גם כן הפירוש האמתי של המאחז"ל (ב"ב דף י'): צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת, צדקה תרומם גוי אלו ישראל, שנאמר ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, וחסד לאומים חטאת אלו אומות העולם שאינם עושים אלא להתגדל וכו' וכו' — וקשה, מנין לו לבעל המאמר הנ"ל שגוי סתם קאי על ישראל? אדרבא, הלא מצינו הרבה מקומות שמורים ההיפך, כמו, ויתהלכו מגוי אל גוי; לא עשה כן לכל גוי; וכן אנו מברכין בתפילה, שלא עשני גוי! — אבל באמת לא כוון בעל המאמר להוכיח את דבריו ממלת „גוי", אלא **מטבע עם ישראל** המשונה בענין זה שינוי גמור מטבע עמים אחרים — טבע עם ישראל היה מעולם לתת צדקה בתור פרעון חוב, וטבע העמים האחרים כשמושיטים עזרה לדל עושים זאת בתור חסד חנם — ואמר בעל המאמר הנ"ל **שהצדקה** שישראל נותנים פעולתה הוא לרומם את האדם למדרגה רמה אבל **החסד** שהלאומים עושים הוא חטאת, משום שמשפילים על ידי זה את העני למדרגת מקבל מתנת חינם.

הבה אתן לכם ציור ממהות צדקה ישראלית: — בווילנא חי לפני ארבעים או חמשים שנה איש עשיר וגדול בתורה הנודע בשמו ר' שמעון שטראשון. והיה שם גם כן איש יהודי עני בן טובים שהיה נודע בשמו שמעון „ערפינדער" — למה קראו אותו „ערפינדער"? לפי שכל ימיו העביד את מחו עבודה רבה להמציא שתי המצאות, האחת: שיהיה די לאדם לאכול רק פעם אחת בשבוע, והשנית: שיהיה אפשר להחם את הבית בימות החורף על ידי קרני השמש. — מובן מאליו שבא לידי מחשבות אלו על ידי הרעבון והקור שהיו אורחים תמידים בביתו — אבל בין כך ובין כך היה עני מדוכא, וכשקרב חג הפסח היה כותב לר' שמעון שטראשון כדברים האלה: ידידי ר' שמעון! ייטיב נא לשלוח לי שלשה רו"כ שאני צריך לימי הפסח, ואחר הפסח אחזיר אותם לכבודו בתודה רבה, ואם דרוש

לכבודו דבר מה שאני אוכל למלאות, אל יבוש לפנות אלי, וכו׳ — ור׳ שמעון שהיה נדיב רוח ובעל נפש אצילה, היה גורם באמת שיחשוב שמעון ערפינדער שהוא ר׳ שמעון שטראסון צריך לו, ולכן היה מחזיר לו תשובה: ידידי ר׳ שמעון! מכתבך בא אלי באותה עת ועונה שהייתי מוכן לשלוח לקרא לך, כי נחוץ אתה לי מאד לעשות את החרוסת ואת המרור ולהוציא את הספרים החוצה כדי ללבלב אותם על ידי הרוח וכו׳ וכו׳, מובן מאליו שלא תצטרך עוד ללוות מעות לפסח כי שכר עבודתך יעלה להרבה יותר משלשה רו״כ. ידידך המחכה לביאתך בכליון עינים, שמעון שטראשון. — וזהי צדקה ישראלית שעליה אמרו חז״ל צדקה תרומם גוי.

וכל שיתעשר איזה איש יותר ויותר, כן חובותיו לבני מינו מתרבים יותר לפי הערך, ואם עלה למרום פסגת העושר ונעשה למיליוניר, נעשה בעל חוב למיליונים של בני אדם, לפי שאי אפשר להעשות מיליוניר בלי עזרת המונים של פועלים העושים מלאכתו.

.3

ובזה יובן מה שאומר הגר״א על מאמר חז״ל (ב״ב דף י׳), רב פפא הוה סליק בדרגא אישתמיט כרעיה בעי למיפל, אמר לו רבי חייא, שמא עני בא לידך ולא פרנסתו? וכו׳. וקשה, מדוע עלה על לבו של רבי חייא דווקא החטא של שמא עני בא לידך ולא פרנסתו, הלא אפשר שחטא חטא אחר? ואמר הגר״א, שכבר רמז בעל הטעמים על זה החטא, שמצינו בפסוק כי פתוח תפתח את ידך, שהציג בעל הטעמים תחת התיבות „פתוח תפתח" דרגא תביר, רמז שהמעלים עין מן הצדקה סוף שהדרגא (המדרגה) תשבר תחתיו — והגם שדבר גאוני כזה נאה לגאון, עדיין נשאר קשה, מדוע באמת נקצב עונש של „דרגא תביר" למקמצים ידיהם מן הצדקה, הלא אין זה מדה כנגד מדה? — לכן אבוא אני בן בנו של אחי הגר״א (בעל מעלות התורה) ואתרץ את הקושיא הנ״ל באופן שיהיה נראה שהיא מדה כנגד מדה. — כבר העליתי בדברי הקודמים שאין לך אדם שעלה לגדולה בלי עזרת אחרים, ובדרך מליצה אפשר לאמר כי המה היו הדרגא שעל ידיהם עלה לגדולה — והשכל מחייב שמי שבונה לו פלטרין מהודר מקפיד גם כן על הדרגא שתהיה מתאמת אל הפלטרין כלו, ולכן בונה אותה גזית ומתארה במחוגה ומיישרה במקצוע, ואם תמצא איש שבונה לו פלטרין בעל קומות שונות, אבל תחת לעשות לו דרגא חזקה ויפה כיאות לו, עושה לו סולם רעוע לעלות לקומותיו העליונים האם לא זכה בחלקו אם בפעם הראשונה שיעלה בו יפול ממנו וישבור את רגליו? — כן הדבר שאנחנו עוסקים בו; הפועלים העובדים בבית החרושת הם הם המדרגה שעל ידיה עולה העשיר לגדולה, ואם אחר שעלה לגדולה הוא עוזב את פועליו לגווע ברעב ובחוסר כל, הרי הוא כבונה פלטרין ואיננו מחזק את מדרגתו, ואם תראה שסוף העשיר הנ״ל עדי אובד תדע שזכה בחלקו.

ואם יאמר איזה עשיר לנפשו: מאי איכפת לי באמת אם תשבר הדרגא שעליתי עליה, הלא אין אני צריך לה עוד? ידע שטעה בחשבונו. —

בלעדי העניים אין שומתועלת כלל בעושר, כי הלא המה המחנות העומדים הכן לשרתהו, ואם תשער בנפשך שיבא יום ולא יהיו עוד המחנות האלה במציאות, אז יוכל וואנדערבילט ואסטאר להשליך את כל כספו וזהבו לנהר, כי מה יועילו לו אלו אם יוכרח הוא בעצמו להשחיר את מנעליו ומרת וונדרבילט תצטרך לנקות בכבודה ובעצמה את רצפת הבית ולבשל ולהלביש את הילדים כשאר נשי בני העניים, ומה בצע בעושר שאין בו כח לקנות מנוחה ושמחה? — לכן יזהרו העשירים שלא לשבור את הדרגא. — ואולי זהו כוונת הכתוב באמרו: כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אנכי מצווך לאמר פתוח תפתח את ידך לאחיך וגו' — וקשה, אם הכתוב מבטיח כי בין כך ובין כך לא יחדל אביון מקרב הארץ, הלא בזה הוא נותן יד לפושעים לקפוץ את ידיהם לגמרי מן הצדקה, כי יאמר למה אפזר את ממוני ללא הועיל, הלא בין כך ובין כך לא יחדל אביון מקרב הארץ! אלא כוונת הכתוב לאמר לעשיר, כי יראה למען טובת עצמו שלא יחדל אביון מקרב הארץ („כי" זה ביאורו למען) כמו שביארנו, שאם באמת יחדל אביון מקרב הארץ אז אוי ואבוי יהיה לעשירים שלא יוכלו להנות מעשרם. — ופירוש הכתוב כך הוא: אם תרצה שלא יחדל אביון מקרב הארץ, אנכי מצווך לאמר פתוך תפתח את ידך.

כאשר תתבונן על כל מה שאמרנו, תמצא דבר טוב אפילו בה„חרם" האיום שהשתמשו בו לפעמים בימים קדמונים הן במחנה ישראל והן במחנה העמים אשר לא מבני ישראל — ולפעמים היה המנודה אחד מאדירי ארץ, ובכל זאת כמעט שהטילו עליו את החרם פרשו ממנו כל רעיו וחבריו, עבדיו ומשרתיו, ואפילו אשתו ובניו — והעובדא הזאת היתה דיה לפתוח את עיני האדירים האלה לראות כי סוף סוף תלויים הם בדעת אחרים.

6.

היוצא לנו מכל דברינו, כי יש שתי כתות בנותני צדקה: האחת, והיא כוללת רוב בעלי ההון, לא יתנו צדקה פשוטה בלי כחול ופרכוס, אבל מוכרחים להוציא מהם צדקה לעניים על ידי אמצעים שונים שהנותן לא ירגיש בזה, כגון על ידי בנקטים, קונצרטים, וכדומה. האנשים האלה כשבאים לנשף חשק, אינם באים משום שרוחם מפעמם לעשות הטוב והישר, אלא כדי למלאות את תאוות לבם, כלומר הלב המתאווה מושכם לשם, ולכן השם המתאים היטב לנותני צדקה מכת הזאת, הוא „נדיבי לב" — נותני צדקה מסוג הזה אינם מביאים כלום, אלא באים בידים ריקנות, ובכל זאת יש מהם ריוח לצדקה. הכת השניה (והיא כוללת מיעוט מן המיעוט) נותנים צדקה פשוטה בלי כל תחבולות והמצאות, לפי שמרגישים את עצמם בעלי חוב לעניים ופורעים את חובם. — בעלי הכת הזאת מביאים את ממונם לצדקה בידיהם, והם הם **נדיבי הרוח** שבם ישראל יתפאר.

ועתה יובן היטב הפסוק שהצבתי בראש הנאום הלזה. משה רבנו חפץ **שיהיה לכל איש ישראל חלק במעשה המשכן**, אבל כאשר ידע שיש הרבה אנשים שבטבעם לא הגיעו למדרגת נדיבי הרוח ולא ירצו להביא

נדבה פשוטה, לכן המציא גם הוא בעד אנשים כאלה תחבולות שונות להוציא מהם כסף למעשה המשכן באופן שלא ירגישו בזה — (בוודאי לא ערך לפניהם נשפי חשק, אבל יש אפשרות שהזמין אותם לשמוע את הלוויים מנצחים בשיר ולשלם שכר כניסה), זהו שאומר הכתוב: ויבאו כל איש אשר נשאו לבו — כלומר, נדיבי הלב לא הביאו כלום לצדקה, אלא שבאו בעצמם, ועל ידי ביאתם נאסף סכום הגון למעשה המשכן — „וכל אשר נדבה רוחו אותו (כלומר נדיבי הרוח) הביאו וגו'.

(לפי שפרשת ויקהל ע"פ רוב באה ביחד עם פרשת שקלים שנהגו להכריז בה על מעות חטים, אפשר להסב את הענין אל הצדקה הנ"ל באופן כזה:)

בין כל המון הצדקות השונות, הצדקה ל„מעות חטים" היא היחידה שלא נהגו עוד לעשות למענה נשפי חשק, וכדומה, ולכן היא הצדקה העניה ביותר, לפי שאנשי הרוח הנותנים צדקה לעניים בלי כחל ופרכום מעטים המה. אבל כמדומה לי שכל הקהל הזה אשר לפני היום, עשוי כלו מאנשי רוח כאלה, שאם לא כן לא היו באים לבית הכנסת שאין בו משום הנאת הגוף, ולכן אליכם אישים אקרא וכו'.

חומר לדרוש

פרשת ויקהל

אגדות חז"ל

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, רבותינו בעלי אגדה אומרים, מתחילת התורה ועד סופה אין בה פרשה שנאמר בראשה ויקהל אלא זאת בלבד, אמר הקב"ה, עשה לך קהילות גדולות ודרוש לפניהם ברבים הלכות שבת, כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהילות בכל שבת ושבת ולכנוס לבתי מדרשות ללמד ולהורות את בני ישראל דברי תורה, איסור והיתר, כדי שיהא שמי הגדול מתקלס בין בני. מכאן אמרו, משה תיקן להם לישראל שיהיו דורשין בענינו של יום, הלכות פסח בפסח, הלכות עצרת בעצרת, הלכות חג בחג (ילקוט שמעוני).

וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת. רוח אלהים בחכמה, שכבר היתה בו חכמה, ללמדך שאין הקב"ה ממלא חכמה אלא למי שיש בו חכמה כבר. מטרונא אחת שאלה את ר' יוסי בר חלפתא, מהו שכתוב יהיב

חכמתא לחכימין (דניאל ב׳) לטפשים היה צריך ליתן? אמר לה, בתי! אם יבאו אצלך שנים, אחד עני ואחד עשיר והם צריכים ללוות ממך ממון, לאיזה מהם אנת מלוה? אמרה לו, לעשיר, אמר לה, ולמה? אמרה לו, שאם יחסר יהיה לו ממון שיפרע, אבל עני אם יאבד מעותי מהיכן יפרע? אמר לה, ישמעו אזניך מה שפיך מדבר. אם היה הקב״ה נותן חכמה לטפשין היו יושבין במבואות מטונפות ובבתי מרחצאות והיו מתעסקין בה, ולכן נתנה הקב״ה לחכמים שיהיו יושבים בישיבות זקנים, ובבתי כנסיות ובבתי מדרשות ועוסקי בה. וכן אתה מוצא ביהושע, והושע בן נון מלא רוח חכמה (דברים ל״ג), שכבר הארחו הקב״ה, משל לחנוני פקח, כשאדם מביא אצלו כלי למלאותו הוא מריח בו, ולכלי של יין נותן לתוכו יין, ולכלי של שמן נותן שמן, כך הקב״ה, כשרואה באדם שיש בו רוח חכמה ממלאו חכמה (תנחומא).

וימלא אותו רוח אלהים בחכמה ובתבונה ובדעת, בשלשה דברים ברא הקב״ה את עולמו, שנאמר, ה׳ בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה בדעתו נבנה בשלשה דברים הללו, שנאמר, בן אשה אלמנה הוא ממטה נפתלי וגו׳ וימלא תהומות נבקעו (משלי ג׳), ובשלשתן עשה בצלאל את המשכן. וכן בית המקדש את החכמה ואת התבונה ואת הדעת (מ״א ז׳), וכן לעתיד לבא יבנה בית המקדש בשלשה דברים הללו, שנאמר, בחכמה יבנה בית, ובתבונה יתכונן, וכתיב ובדעת חדרים ימלאו — משלי כ״ד (תנחומא).

ויעש בצלאל את הארון. הה״ד תן לחכם ויחכם עוד, זה בצלאל. אתה מוצא בשעה שאמר הקב״ה למשה עשה המשכן, בא ואמר לבצלאל. א״ל, מהו המשכן הזה? א״ל שישרה הקב״ה שכינתו בתוכו ומלמד לישראל תורה, א״ל בצלאל, והיכן התורה ניתנית? א״ל אחר שאנו עושין את המשכן אנו עושין את הארון. א״ל רבינו משה! אין כבודה של תורה בכך, אלא אנו עושין הארון ואח״כ המשכן, לפיכך זכה שיקרא על שמו, שנאמר, ויעש בצלאל את הארון.
(שמ״ר, פמ״ט ב׳).

ליקוטים ממבחר הדרוש

פרשת ויקהל

בזהב בכסף ובנחושת

ויאמר משה אל בני ישראל, ראו קרא ה׳ בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה, וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת ובכל מלאכה, ולחשוב מחשבות לעשות בזהב ובכסף ובנחושת וגו׳ מלא אותם חכמת לב לעשות כל מלאכת חרש וחושב וגו׳ (ל״ה ל׳ ל״א, ל״ב ל״ת) הפסוקים הללו שמעתי כי פירש אותם הגאון האמתי וכו׳ מו״ה חיים מוואלאזין נ״ע לאיש כפרי אחד שלא רצה ליתן נדבתו על הישיבה הגדולה. ומעשה שהיה כך היה: בעת שיסד הגאון הנ״ל הישיבה הגדולה דק״ק וואלזין ושלח שלוחים לקצוי ארץ לקבוץ נדבות, וליסד

חברת מחזיקי הישיבה ליתן נדבותיהם בכל שנה ושנה, ראה הגאון הנ"ל בפנקס של אחד ממשולחיו, שאיש כפרי אחד התנדב ליתן על הישיבה בכל שנת חמשים רו"כ, ויתמה הגאון על זה מאד, כי חמשים רו"כ היה בזמן ההוא סך רב מאד, ובפרט כי איש כפרי יעשה זאת, אשר על פי רוב הם אנשים הדיוטים, ויהי כי הקיפו שנים אחדים ויאמר המשולח אשר סבב בגלילות הכפרי הנ"ל להגאון ר' חיים ז"ל, כי רצונו הוא לקנות לעצמו סוס ועגלה, לבל יצטרך לחכות תמיד על עגלון, כי לפעמים נמשך כמה ימים עד אשר ימצא בע"ג לנסוע למחוז חפצו. ועבור זה תתרבה ההוצאה בחנם. ויעש לו הגאון כן ויתן לו כסף מקופת הצדקה ויקן לו המשולח כל אלה, גם לקח לו נער אחד לשרתו. אח"כ אמר המשולח להגאון כי מאד הוא נדרש לחליפות שמלות נכבדות, כי כאשר יבא לבתי הנדיבים מלובש כאיש נכבד, אז ירבו נדבותיהם כמובן. ויתן לו הגאון גם שאלתו זאת. ויהי כאשר בא המשולח הזה לבית הכפרי הנ"ל, ליקח נדבתו כפעם בפעם, וירא הכפרי את הבגדים הנכבדים ואת נערו המשרתו, וכי יש לו סוס ועגלה בפני עצמו, ויאמר להמשולח כי מעתה לא יתן אף אגורה אחת על הישיבה. וכי הוא תוהא מאד על הראשונות. אשר נתן לו נדבתו הגדולה זה כמה שנים. וכל עמל המשולח והשתדלותו לא הועילו לו מאומה. ויסע המשולח מאתו בידים ריקניות.

ויהי כאשר בא המשולח להגאון הנ"ל ויבקר הגאון את פנקסו והנה לא מצא את נדבת הכפרי הנ"ל וישאל את המשולח אודות זה, ויספר לו המשולח, כי אמר הכפרי שלא יתן עוד על הישיבה אף אגורה אחת וכי תוהא הוא על הראשונות. ויחר להגאון מאד על זה, וביחוד חרה לו על התחרטו עוד על הראשונות. ויצו הגאון להמשולח שכאשר יחפוץ לנסוע בסביבות הכפרי הנ"ל, יודיעהו ויבוא גם הוא אליו, ויסעו שניהם יחד לבית הכפרי הזה. וכן עשה המשולח.

ויהי כאשר באו לבית הכפרי, ויחרד הכפרי לקראת הגאון ר' חיים, ויתן לו מלא חפנים כבוד ויקר. אח"כ שאל אותו הגאון ע"ד מניעת נדבתו על הישיבה. ויען הכפרי להגאון ר' חיים ויאמר, האמת לא אכחיד, כי מאד הנני שמח על ישיבתו הגדולה, וכי תמיד הייתי נותן נדבתי בשמחה רבה, אך כאשר ראיתי את המשולח כי הוא נעשה דשן ושמן וכי הוא לבוש בגדי פאר ויש לו סוס ועגלה לעצמו ונער לשרתו, אשר לכל אלה נדרש הוצאה לא מעטה, ולדברים כאלה אין אני רוצה ליתן. ויהי כאשר שמע ר' חיים תשובת הכפרי ויאמר לו, תלמדת מימיך גמרא? ויען הכפרי, לא אדוני, וישאל לו עוד, אולי למדת נ"ך? ויען, גם נ"ך לא למדתי. ומה למדת? שאל אותו ר' חיים — ויאמר הכפרי, חומש למדתי, וזה ידעתי היטב. ויצו הגאון להביא לו חומש, ויביאו לו, ופתח לפניו בסדר ויקהל בפסוקים הנ"ל, ויאמר לו הגאון ר' חיים שמע נא ובין בקשת הבנת הפסוקים האלו.

צייר בנפשך אם יכתוב איש מכתב לגאון נודע ויתארהו בדברים כמו אלה: „להגאון הגדול, פטיש החזק עמוד הימיני, צדיק יסוד עולם **וגם חייט טובן"** האם לא לפחיתות גדולה יחשב לו תואר כזה? כמו כן הדבר בפסוקים שלפנינו. דהנה במסכת ברכות (נ"ה ע"א) דרשו על הפסוק „וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת", יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהן שמים וארץ, וא"כ

איך יתכן לכתוב עליו אח"כ לעשות בכסף ובזהב ובנחושת וגו׳ ! שהיא רק מלאכת חרש וחושב (כעדות הכתוב), הנה הוא דומה ממש כמו שנכתוב על הגאון חייט טוב אחרי התוארים הנ"ל !

אך ענין וכוונה אחרת נטמן פה (אמר הגאון ר׳ חיים להכפרי הנ"ל), והוא, ידוע דבמשכן היו מקומות שונות דהיינו ק"ק, וההיכל, ועזרת כהנים, ועזרת ישראל, ועזרת נשים, וכל אחד היה מקודש מחבירו דהיינו ק"ק היה מקודש מההיכל וההיכל היה מקודש מעזרת כהנים, ועזרת כהנים מעזרת ישראל, ועזרת ישראל היה מקודש מעזרת נשים, וישראל קדושים הם, בודאי כל אחד בקש שיתנו נדבתו בק"ק, ומה יכלו לעשות ? דזאת היה מן הנמנע, דא"כ מה יהיה עם ההיכל והעזרות ? לזאת בחר הקב"ה בבצלאל שהיה יודע לצרף אותיות שנבראו בהן שמים וארץ, ועל ידי זה היה יודע מחשבתו של כל נודב ונודב ולמי שהיה רואה בצלאל שכוונתו היתה רק לשמו יתעלה, היה נותן נדבתו בק"ק, ומי שמכוון גם לפניה אחרת, כגון לשם כבוד וכדומה, היה נותן נדבתו בהיכל או בעזרת כהנים. ומי שנתן רק לשם כבוד היה נותן נדבתו בעזרת נשים וכדומה. וזה הוא כוונת הפסוקים הנ"ל: וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת וגו׳, דהיינו שהיה יודע לצרף האותיות שנבראו בהן שמים וארץ ולחשוב מחשבות, ועל ידי זה היה יודע לחשוב מחשבה של כל כל אחד ואחד לעשות בזהב ובכסף, כלומר שידע להיכן ליתן נדבת כל אחד ואחד, לפי רוממות או פחיתות כוונת הנודב.

לכן גם אתה ידידי, אמר הגאון ר׳ חיים להכפרי הנ"ל, דע שכל אלה נדרש להענין הזה, דהיינו שהמשולח ילך בבגדי פאר ושיהיה לו נער לשרתו וכל דבר שאתה רואה, שעבור זאת יתרבו הנדבות כנ"ל, אך אם כוונתך באמת הוא רק לשם שמים, ידוע תדע כי מעותיך יאכלו רק ההוגים בתורת ה׳ כל היום, ומי שנותן גם כן לשם כבוד יאכל אותו רק העגלון, ומי שנותן רק לשם כבוד יאכל אותו הסוס או יהיה לתקן העגלה, ובכל זאת גם זה למצוה יחשב, אחרי כי כל אלה נצרך להענין כנ"ל, לזאת לא טוב עשית ידידי שנמנעת מליתן נדבתך עבור טענתך הנ"ל. (קהלת יצחק).

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

משה אמת ותורתו אמת

(דרוש לפרשת פקודי)

הרב שלום ראבינאוויץ.

1.

די סדרות וואס האנדלען וועגען מעשה המשכן זיינען אין אלגעמיין אן אומגליק פאר דרשנים — וואס קען מען דרשנ'ען אויף די בריחים און אדנים, קרשים און קרסים, יריעות און לולאות? — קומט נאך די תורה און לייגט צו צוויי סדרות ויקהל און פקודי וואס אין זיי ווערט ווידערהאלט די זעלבע טרוקענע און לאנגע געשיכטע פונקט מיט'ן זעלבען לשון!

אין נאך צוויי ערטער געפינען מיר אז די תורה האט ווידערהאלט געוויסע ענינים מיט'ן זעלבען לשון — און דאס זיינען, ערשטענס, די גע־שיכטע פון אליעזר עבד אברהם, און צווייטענס, די קרבנות פון די נשיאים. צוליעב וועלכען צוועק זיינען דאס דיזע ענינים געשריבען געווארען צוויי מאל מיט'ן זעלבען לשון? אונזערע חכמים האבען אונז דאך געלערענט פארקעהרט, אז די תורה האט גערעדט בלשון קצרה און האט ניט אוועק־געשטעלט אפילו א קוצו של יוד לבטלה? האט נים געקענט שטעהן ביי אליעזר עבד אברהם: ויספר להם אליעזר את כל המוצאות אותו? און ביי די נשיאים האט ניט געקענט שטעהן: ויקריבו כל אחד מן הנשיאים כף אחת מלאה קטורת עשרה זהב משקלה, קערת כסף אחת וגו'?

2.

עס איז די מעטהאדע אין די ביזנעס־וועלט אז ווען מען שיקט איבער א וויכטיגע זאך פון איינעם צום אנדערען גיט מען דעם שליח צוויי „סליפס", איינעם לאזט ער ביי זיך און דעם צווייטעם לאזט ער דעם מקבל אונטערשרייבען און ברענגט עס צוריק צום משלח.

דיזע דריי ענינים וועגען וועלכע מיר האנדלען זיינען אויך פון גרויס וויכטיגקייט, און דעריבער האט די תורה געבראכט צווייערליי באווייזע

אויף זייער ווארהייט און ריכטיגקייט. — די מעשה אליזער עבד אברהם איז וויכטיג ווייל זי איז דער ווינקעלשטיין פון טהרת האומה. — ווען ניט דיזע צייגנים האט די וועלט געקענט דענקען, אז באלד ביי איהר געבורט איז דאס אידישע פאלק פארמישט געווארען מיט פרעמדע בלוט. — אברהם'ס פאמיליע איז געווען די איינציגע צווישען א וועלט פון גוי'אישע שבטים, און די צוקונפטיגע דורות וואלטען נאטירליך געפרעגט מיט וועמען האט אברהם פארהייראט זיין איינציגען זוהן? אויב מיט די בנות חת אדער מיט א טאכטער פון די פלשתים, טא וואס באריהמען זיך זייגע איינינקלאך מיט זייער ריינע אוננעמישטע בלוט? סטייטש זיי'ערע עלטערען האבען זיך דאך פארמישט מיט זייערע ניט־אידישע שכנים באלד אין אנפאנג פון זייער היסטארישען עקזיסטענץ? — דעריבער האט די תורה געבראכט צוויי'ערליי עדות אז יצחק האט גענומען א פרוי פון זיין אייגענע משפחה; ערשטענס די עדות פון אליעזר עבד אברהם אז ער האט געפאסט אזא פלאן, און צווייטענס די עדות פון לבן און בתואל אז דער פלאן האט זיך ריכטיג איינגעגעבען.

די קרבנות פון די נשיאים האבען אויך געדארפט האבען צוויי'ערליי עדות, ווייל דא האט זיך געהאנדעלט וועגען א גרויסע סומע געלד, און די וועלט ווייס אז געלד איז א געוואלדיגער נסיון, און משה רבנו האט געוואלט זיין נקי מה' ומישראל, דעריבער האט ער פארצייכענט די מתנה פון יעדען נשיא באזונדער מיט אלע איהרע איינצעלהייטען, פונקט ווי א בוכהאלטער וואלט טאהן ווען הונדערט קאסטאמערס ברענגען אריין סחורה אין ווערהויז — הגם יעדער ברייגנט די זעלבע סארט סחורה מיט די זעלבע צאל, מאס און געוויכט, פונדעסוועגען פארצייכענט ער יעדען באזונדער אויף זיין אייגענעם בלאט אין לעדזשער — ווי עס איז באוואוסט צו יעדען וואס האט א ידיעה אין בוכהאלטעריע.

.3

די געשיכטע פון מעשה המשכן אין אלע איהרע איינצעלהייטען, איז נאך פון פיעל גרעסערע וויכטיגקייט, און דעריבער האט עס געפאדערט אז זי זאל באשטעטיגט ווערען פון צוויי'ערליי עדות.

איך וועל פרובירען אייך באווייזען די וויכטיגקייט פון מעשה המשכן. עס איז א באוואוסטע זאך אז יעדע רעליגיאן איז געגרינדעט אויף נסים, דאס הייסט אויף געוויסע פאסירונגען וועלכע קענען ניט ערקלעהרט ווערען אויף א נאטירליכען אופן — און דער שכל איז טאקי מחייב אז מען זאל פאדערען א נס אדער א מופת פון רעליגיאן. — אז א מענש קומט און קליימט אז ער איז א זינגער, און אויב איהר ווילט זיך איבערצייגען, הייסט איהר איהם זינגען; אויב ער קליימט אז ער איז א שרייבער, הייסט איהר איהם שרייבען. — די רעליגיאן קומט און דערצעהלט אונז אז עס איז פאראן א באשעפער וועלכער איז א „כל יכול", ער קען משנה זיין סדרי בראשית, ער איז א „רואה ואינו נראה", ער איז א „יודע מחשבות", ער געהמט

דין וחשבון פון מענשען נאָכ'ן טויט, און ער דער באַשעפער אַליין איז ניט קיין גוף „ולא ישיגוהו משיגי הגוף"! דאָס איז אַ זאַך וואָס איז געגען דער נאַטור, דעריבער איז דער שכל מחייב אַז מיר האָבען אַ רעכט צו זאָגען צום נביא וואָס קומט אין זיין נאָמען: ווייז אונז אַז דו קענסט טהאָן מעשים וואָס זיינען געגען דער נאַטור וועלען מיר דיר גלויבען!

דעריבער קומט אונזער תורה און דערצעהלט אונז צום אַלעם אָנפאַנג אַז גאָט האָט טאַקי געטאָן פיעלע מעשים וואָס זיינען געגען דער נאַטור. ער האָט געבראַכט אַ מבול אויף דער וועלט, ער האָט איבערגעקעהרט סדום ועמורה, ער האָט געשפּאָלטען דעם ים, ער האָט מחיה המתים געווען, א. ז. וו. בדי דורך דיזע סיפּורים זאָלען מיר קענען גלויבען אַז אַזוי ווי גאָט האָט געטאָן נסים אין די פאַרגאַנגענע צייט אַזוי קען ער טהאָן נסים אין די קומענדיגע צייט. (ועל פּי זה נוכל להבין תפילת „וכל מאמינים", שנוסדה על פּי א"ב כפול, ונראה כאלו חפש המחבר ומצא המון מלים ע"פ א"ב וצירף אותם זה לזה בלי שום המשך או חיבור טבעי זה לזה, ואם היה מהפך הסדר וכתב, למשל, וכל מאמינים שהוא גואל ממות ופודה משחת הבוחן ובודק גנזי נסתרות, לא היה שום נפקותא בכוונת התפילה, אבל באמת טעות גמור הוא לחשוב כן. — המחבר רצה להוכיח ולהראות בעליל מדוע אנו מאמינים שהקב"ה יכול לעשות דברים נגד הטבע, ומביא ראיה לזה ממה שעשה ה' בעבר, כלומר, שכן כבר הראה בימי קדם שיכול לעשות דברים המתנגדים אל הטבע — לדוגמא: וכל מאמינים שהוא בוחן כליות (מדוע מאמינים כזאת?) הגואל ממות ופודה משחת, ר"ל שכן הראה בימי קדם בתחית הילדים על ידי אליהו ואלישע שיש בידו היכולת לגאול ממות ולפדות משחת, שהוא בוודאי דבר למעלה מן הטבע ולכן אפשר גם כן שהוא בוחן כליות. — וכן, וכל מאמינים שהוא מלך עולם (מדוע מאמינים כזאת?) הנוהג בחסדו כל דור, כלומר, לפי שאנו יודעים שעל פּי טבע הדברים לא היה אפשר לבני אדם להתקיים בעולם כזה שהגדול בולע את הקטן, ואיש זרוע לו הארץ, ואין החזק דואג כלל לחלש, ומ"מ עולם כמנהגו נוהג, וכל אחד משיג את חלקו, ואפילו אלמנות ויתומים וזקנים וחלשים אינם גועים ברעב בראש כל חוצות, וזהו משום שה' נוהג בחסדו כל דור, ומזה יש לנו הוכחה אמתית שהוא מלך עולם, וד"ל.)

4.

די אונטערשטע שורה פון אונזערע רייד איז, אַז די נסים פון אַמאָל וואָס ווערען דערצעהלט אין דער תורה זיינען נויטיג אַז די וועלט זאָל האָבען אמונה היינטיגען טאָג.

אָבער דער אומגליק איז, אידען זיינען „מקטני אמונה". ווען איהר דערצעהלט אַ אידען אַ געוויסע פּאַסירונג, וועט זיין זיין ערשטע פראַגע „וואָר ווייס אויב דאָס איז אמת? געזעהן האָט שוין קיינער ניט, עס קען ניט זיין! דיזען סקעפּטישען נאַטור האָבען זיי גע'ירש'נט פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן. געפינען מיר ניט ביים דור המדבר: „וילונו", „ויתאוננו", „וינסו

את ה'", א. ז. וו.? איז ניט די גמרא פול מיט „מנלן?", „מנין?", „אפכא מסתברא?"

באמת איז דיזע אידישע טבע צו פרעגען קשיות און צו צווייפלען געווען פון גרויס נוצען פאר אונזער פאלק. טויזענדע יאהרען האבען אונזערע עלטערן געוואוינט צווישען גוים וועלכע האבען געגלויבט אין אלערליי דומהייטען, צום ביישפיעל: אז א גאט איז בעל מטופל מיט א ווייב און קינדער; אז דער וואס ריהרט זיך אן אין די ביינער פון די „הייליגע", ווערט ניצול פון אלערליי קראנקהייטען; אז די קיכלאך וואס די גלחים גיבען עסען צו זייערע צאן קדשים ווערען פארוואנדעלט אין זייערע מיילער צו פלייש און בלוט פון נוצרי; אז דער הייליגער פאטריק האט מלחמה געהאלטען מיט א דראגאן און איהם געטויטעט, און די הייליגע מארושא האט פארוואנדעלט א קופע שטיינער אין לעבלאך ברויט, א. ז. וו. — און אזוי ווי די אידען פון יענע צייטען זיינען גאנץ אפט געצוואונגען געווארען צו געהן אין די קירכען הערען די דרשות פון די גלחים, איז גאנץ נויטהיג געווען זיי זאלען האבען א געגען־גיפט, א מין „אנטיטאקסין" געגען דיזע דומהייטען — אזא סארט אנטיטאקסין האבען זיי געהאט; דאס איז געווען זייער אלטער נאטור צו צווייפלען און צו פרעגען קשיות וועלכע האט ניט צוגעלאזען אז דיזער בארג דומהייטען זאל זיך צו זיי צוקלעפען.

איז אבער די צרה אז די זעלבע מדה האט אויך געהאט איהר ווירקונג אז די אידעלאך זאלען ניט גלויבען זייערע אייגענע נביאים און חכמים און זקנים — דאס איז פיליכט די מיינונג פון דעם נביא'עס ווערטער: „אם לא תאמינו כי לא תאמנו" — דאס וואס איהר גלויבט ניט די נביאים קומט דערפון וואס גאט האט אין אייך איינגעפלאנצט די מדה פון אונגלויבען, כדי איהר זאלט ניט גלויבען די דומהייטען פון די פעלקער. (ומלת „תאמנו" היא מלשון „אמון פדגוג", כלומר כדי שלא תאמנו על דרכי הגוים).

אלזא ווען גאט האט באפוילען צו בויען א מקדש אין וועלכען עס האבען זיך שטענדיג באוויזען „עשרה נסים" (און די נסים זיינען נויטהיג געווען פאר די אמונה, ווי עס איז אויבען באוויזען) האט זיך גלייך גע־שטעלט די פראגע וואס טהוט מען מיט די אידישע קלוגע קעפלאך וואס וועלען זאגען אז דאס וואס דער רעגען האט ניט פארלאשען דעם פייער וואס האט שטענדיג געברענט אויפ'ן מזבח איז די אורזאכע דערפון געווען ווייל משה רבנו האט שוין געוואוסט ווי אזוי צו מאכען עלעקטרישע „אינקאנדעסענט" ליכט, וואס קיין רעגען האט ניט בכח דאס צו פאר־לעשען (ווי מיר זעהען אז די עלעקטרישע לאמפען וואס ברענען אויף די גאסען ווערען ניט פארלאשען פון רעגען); דאס וואס די אורים ותומים האבען געענטפערט פראגען, איז געווען דורך אן עלעקטרישען סיגנאל סיסטעם, א. ז. וו. — אזוי ווי עס איז טאקי ידוע אז אין די געשיכטע און רוימישע טעמפלען פון פארצייטען האט מען אויך געזעהן דיזע סארטען וואונדער, און זיי האבען אויך געהאט אן „אראקעל" וואס האט געענטפערט פראגען, און זיי האבען דאס טאקי געטהאן מיט די הילפע פון וויסענשאפט־

ליבע מיטלען, ווי די היינטיגע נאטור־פארשער האבען טאקי פעסטגעשטעלט דורך זייערע אויסגראבונגען אונטער די פונדאמענטען פון יענע טעמפלען.

האלטענדיג דאס אלעס אין זינען קען מען שוין גוט פארשטעהן, אז די תורה איז נעווען באזארגט אז אידעלאך זאלען ניט זאגען דאס זעלבע אויף די נסים וואס זיינען געטאן געווארען אין בית המקדש, און דעריבער האט זי אנגענומען עקסטרא מעטאדען ווי אזוי דער משכן זאל געבויט ווערען.

ערשטענס: **ויקחו לי תרומה**, דאס פאלק זעלבסט זאל נעהמען און ברענגען די מאטעריאלען וועלכע זיינען נויטהיג צו מעשה המשכן, ניט משה זאל ארויפלייגען א געלד־טעקס און מיט דעם געלד זאל ער אליין קויפען די מאטעריאל — כדי מען זאל איהם ניט קענען חושד זיין אז ער האט געקויפט געוויסע שטאפען וואס זיינען נויטהיג צו פראדוצירען וויסענשאפטליכע אונטעראירדישע מאשינעריי.

און וואס זאל די מאטעריאל זיין? **זהב וכסף ונחושת וגו׳**, גאלד, זילבער, קופער, פעלען פון טהירע און געוועבטע פארהענגע, אלץ אזעלכע שטאפען מיט וועלכע מען קען קיין קונצען ניט מאכען.

און ווי זאל דער משכן געבויט ווערען? געפינען מיר אין דער תורה דייטליך אויסגעשריבען יעדע איינצעלהייט און יעדע מאס פון יעדען טהייל פון בנין און פון די כלים וואס האבען זיך געפונען דארטען, כדי דאס גאנצע פאלק זאל קענען אונטערזוכען יעדען פארבארגענעם ווינקעל און זיך איבער־צייגען אז דארטען געפינט זיך ניט קיינע באהאלטענע מאשינעריי.

און ווער זאל בויען דעם משכן? — ביי די פארצייטיגע עגיפטיאנער אדער גריכען אדער רוימער אז מען האט געוואלט בויען א טעמפעל האט זיך קיינער פון פאלק ניט געטארט צוריהרען דאצו; געזאגט האבען די פריסטער, אז דאס איז נויטהיג כדי דאס פאלק זאל דעם בנין ניט מטמא זיין, אבער דער אמת איז געווען אז די פריסטער האבען שוין דאמאלסט געוואוסט פון די וויסענשאפט און זיי האבען געוואלט האבען די געלעגענהייט איינ־צוריכטען אונטעראירדישע דראטען און באהאלטען די כעמישע שטאפען וועלכע זיינען געווען נויטהיג צו פראדוצירען די מופתים וואס זיי האבען געוויזען זייערע נאכפאלגער — כדי דער זעלבער חשד זאל אויך ניט פאלען אויף די נסים וואס דאס פאלק האט געזעהן אין משכן האט די תורה אנגע־זאגט: **וכל חכם לב בכם יבאו ויעשו** — אלע קינסטלער און בוי־מייסטער וואס געפינען זיך צווישען אייך זאלען אליין קומען — אהן ערלויבניש — און טהאן די בוי־ארבייט פון משכן.

און ווער זאל זיין דער ארכיטעקט פון משכן? ניט משה אדער אהרן, נאר א געוויסער **בצלאל בן אורי בן חור**, וועלכער איז אפילו ניט געווען קיין ווייטער קרוב צו משה ואהרן, ווייל ער איז גאר געווען פון **מטה יהודה**. און זיין אסיסטענט זאל זיין א געוויסער **אהליאב בן אחיסמך למטה דן**, ווייטער פון אן אנדער שבט — כדי מען זאל ניט זאגען אז בצלאל און אהליאב

האָבען געהאַט אַ פאַרבינדונג אָדער אַ פאַרשטענדעניס צווישען זיך אַריינ־צובויען געוויסע מאַשינעריי אין משכן.

און דער משכן זאָל ניט זיין אַ מאַססיווע געביידע פון ציגעל אָדער פון שטיינער וואָס זאָל שטעהן יאָהרען־לאַנג אויף איין פּלאַץ, נאָר עס זאָל זיין געמאַכט פון ברעטער וועלכע ווערען צוזאַמענגעשטעלט מיט ריגלען אויף אַזאַ אָרט אַז מען קען זיי לייכט פאַנאַנדערנעהמען — און מען האָט זיי טאַקי אַלע ווײַלע פאַנאַנדערגענומען און געטראָגען פון פּלאַץ צו פּלאַץ צו באַווייזען אַז עס געפינען זיך ניט אונטערן משכן קיינע אונטעראירדישע דראָטען א. ז. וו.

5.

דאָס איז אַלץ גוט און פיין, אָבער טאָמער וועלען קומען שפּעטער חכמים און זאָגען: דער פּלאַן איז טאַקי געווען עהרליך געגוג, אָבער ווער וויים אויב דיזער פּלאַן איז טאַקע דורכגעפיהרט געוואָרען אין פּראַקטיק?

דעריבער האָט די תורה אָנגענומען די זעלבע מעטהאָדע וואָס ווערט געפּראַקטיצירט אין די ביזנעס־וועלט — נעמליך, זי האָט געגעבען אַ דאָפּעלע ציינגיס. — פריהער האָט זי געשריבען איין דאָקומענט וואו דער גאַנצער פּלאַן ווערט אַרויסגעזאָגט ביי גאָט מיט אַלע איינצעלהייטען, דאָס זיינען די סדרות תרומה תצוה, און נאָכהער אַ צווייטער דאָקומענט, וואָס איז באַשטעטיגט פון דעם גאַנצען פאָלק אַז דיזער פּלאַן איז ריכטיג דורכגעפיהרט געוואָרען, דאָס זיינען די סדרות ויקהל ופקודי — אין די ערשטע סדרות געפינט איהר: קחו מאתכם תרומה לה׳ וגו׳ כל נדיב לב יביאה, און נאָכהער אין ויקהל פּקודי: ויבאו כל איש אשר נשאו לבו וגו׳ וכל אשה חכמת לב בידיה טוו וגו׳. (באַמערקט די ווערטער בידיה טוו, זיי האָבען געשפּונען מיט די אייגענע הענד, אַלזאָ האָט ניט געקענט זיין קיינע עלעקטרישע דראָטען איינגעוועבט). ויבאו כל החכמים איש איש ממלאכתו (באַמערקט דעם לשון: יעדער איז געקומען פון זיין אַרבייט, אַהן באַשטעט־לונגען און אַהן אָפּפּאָינטמענטס), ויקחו מלפני משה את כל התרומה וגו׳ (זיי האָבען ניט גענומען קיין אַנדערע מאַטעריאַלען נאָר דיזע וואָס דאָס פאָלק האָט געבראַכט צו משה׳ן).

דאָס איז די אמת׳ע ערקלעהרונג וואָרום די תורה האָט אַזוי פיעל מאַריך געווען מיט די מעשה המשכן און וואָרום זי האָט דאָס ווידערהאָלט צוויי מאָהל. — דאָס איז געמיינט געוואָרען צו באַווייזען, אַז די מעשה המשכן איז ניט געווען די אַרבייט פון קונצען־מאַכער נאָר מעשה ה׳, כדי אפילו אַ פאָלק פון קטני אמונה זאָל מוזען גלויבען אַז משה אמת ותורתו אמת!

חומר לדרוש

פרשת פקודי

אגדות חז"ל

אלה פקודי המשכן. ולמה עשה עמהם חשבון, הלא הקב"ה מאמינו? אלא ששמע משה ישראל מדברים מאחריו, שנאמר, והביטו אחרי משה (שמות ל"ג), ומה היו אומרים? ר' חייא אמר, ראת צוואר! ראה שוקים! אוכל משל יהודים ושותה משל יהודים וכל מה שיש לו מן היהודים, וחברו משיבו, אדם ששלט על מלאכת המשכן אין אתה מבקש שיהא עשיר? כיון ששמע משה כך, אמר להם, חייכם משהמשכן נגמר אני עושה עמכם חשבון, הה"ד אלה פקודי המשכן. (תנחומא רש"ב).

ותכל כל עבודת משכן אוהל מועד, היה רבי נחמיה אומר, אוהל מועד שעשה משה במדבר כנגד מעשה בראשית, יריעות כנגד שמים וארץ, כיור וכנו כנגד המים, מזבח העולה כנגד כל הבהמות, מזבח הקטורת כנגד כל הבשמים, מנורה כנגד חמה ולבנה, שבעה נרותיה כנגד שבעה כוכבי לכת המשמשים את העולם. (ילקוט שמעוני תי"ט).

ביום החודש הראשון באחד לחודש הקים את משכן אוהל מועד, אימתי נאמר לו למשה לעשות את המשכן ביום הכפורים וכו', לכמה חדשים נגמרה מלאכת המשכן? ר' שמעון בן נחמן אומר לשלשה חדשים נגמרה המלאכה, תשרי, מרחשון וכסלו, והיה מונח מפורק טבת, שבט ואדר, והעמידוהו באחד בניסן. ר' חנינא אומר באחד באדר נגמרה מלאכת המשכן, לפי שהמלאכה שנעשית בקיץ ביום אחד נעשית בחורף בשני ימים, ולמה לא הקים משה את המשכן מיד לאחר שגמרו? שחשב הקב"ה לערב שמחת המשכן בשמחת היום שנולד בו יצחק אבינו וכו', והיו הליצנין והטיפשין מרננין אחריו ואומרים, מדוע לא הקים את המשכן מיד? ולא היו יודעין מחשבותיו של הקב"ה וכו', וע"ז אמר דוד מה גדלו מעשיך ה' מאד עמקו מחשבותיך, איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת. ולא היו בצלאל ואהליאב ושאר החכמים יכולים להקימו, למה? כדי שיבא משה ויטול את שלו, לפי שהיה משה מצטער שלא עשה בו כלום, לפיכך ויקם משה את המשכן. (תנחומא).

ויברך אותם משה, מה היא הברכה שברכן? אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם! ר"מ אומר כך ברכן: ה' אלהי אבותיכם יוסף עליכם וגו'. אמר להם, כשם שנתעסקתם במלאכת המשכן ושרתה השכינה במעשה

ידיכם, כן תזכו ותבנו לפניו בית הבחירה ותשרה שכינה במעשה ידיכם. והם ענו, ויהי נועם ה׳ אלהנו עלינו וגו׳. (ילקוט שמעוני תי״ת).

ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה עשה את כל אשר צוה ה׳ את משה, אשר צוה אותו אין כתיב כאן אלא כל אשר צוה ה׳ את משה, אפילו דברים שלא אמר לו רבו הסכימה דעתו למה שנאמר למשה מסיני, כי משה צוה לבצלאל לעשות תחילה כלים ואח״כ משכן, א״ל בצלאל, מנהג העולם לבנות תחילה בית ואח״כ משים כלים בתוכו, א״ל כך שמעתי מפי הקב״ה, א״ל משה, בצל אלהים היית, כי בוודאי כך צוה לי הקב״ה וכן עשה המשכן תחילה ואח״כ עשה כלים (רש״י, ובמסכת ברכות בסופו איתא מאמר זה בשינוי קצת).

ליקוטים ממכחר הדרוש

פרשת פקודי

המשכן מרכז רוחני

„עד שלא הוקם המשכן היה באמת עולמנו רותת, רוע ונוטה לנפול, סכנה היתה צפויה לישראל להתפוצץ לרסיסים, שבט שבט ופנה אל „עגלו״, אל זהבו וכספו, אל רקודיו ומחולותיו, ולאומה העברית לא תהיה כל תקומה; בא המשכן ונתן שאיפה אחת ללב, נטע דעה אחת בכלם, הרים דגל אחד לכל וקבץ סביבו ואחד אליו את כל בני האומה, הוא לא הסיר את השאיפות הפרטיות של השבטים, לא בטל את חזון נפשם של היחידים, אבל השפיע עליהם לשמור על צרכי האומה בכלל ולקשר את שאיפותיהם המה, עם המרכז הכללי של האומה, וכאשר „הלך משה והרכין אזנו במשכן, שמע כי ידבר שלום אל עמו״ (מד״ר).

והקרבנות שנשיאי השבטים הקריבו בחנוכת המשכן כבר הראו על הכח האחדותי הזה שנמצא בו! — כל אחד הקריב את קרבנו „לפי דעתו״, לפי שאיפותיו של שבטו „ע״פ המסורת שהיתה ביד כל שבט ושבט, כל מה שיארע לו עד ימות המשיח״, בכל זאת הקריבו כולם קרבן אחד במקום אחד והכתוב „העלה עליהם כאילו הקריבו כולם ביום הראשון״, ר״ל בזמן אחד!

שבט יהודה שהתנשא למלוך „התחיל נחשון והקריב על סדר המלוכה״, כלומר, הוא חשב להגיע על ידי המשכן, על ידי המרכז הדתי, לידי ייסוד ממלכת יהודה.

שבט יששכר „שאהבו את התורה יותר מכל השבטים״... „בא נשיאו והקריב על שם התורה״, כלומר, הוא התכוון במרכז הדתי להפיץ על ידו את התורה בין העם וגם בין העמים האחרים, וזהו, „כנגד הגרים שעתידים להתגייר״...

שבט זבולון שהיה עוסק בפרקמטיא... „והרחיב ידו לפזר ממונו לישׂשכר כדי שלא יצטרך לפרנסת ולא יתבטל מלעסוק בתורה", „בא נשיאו והקריב קרבנו על השותפות", למען יצא כספו באמת על החזקת התורה...

ראובין... שנכשל באיזה דבר... הקריב נשיאו את קרבנו על „התשובה והצלה", כלומר, שהמרכז הרוחני ימשוך אחריו את אלה שתעו או טעו בדרכם...

שמעון ראה במשכן כח מוסרי גדול כשהוא לעצמו, אצלו לא שמש בתור אמצעי להנהגת סדרי מלוכה, להפצת התורה ולהחזקתה, לתשובה והצלה, וכדומה — לו היה המשכן דבר חשוב בפני עצמו. בקיומו בלבד הוא כבר מטהר את העם, ובא נשיאו והקריב קרבנו על „סדר מעשה המשכן".

שבט גד שהיה החלוץ, „לעזור לאחיו לירש את הארץ וסייע להם עד שנכבשה הארץ ונחלקה לכולם", וגבורתו זו שאב מתולדות עמו מיציאת מצרים... בא נשיאו והקריב על „סדר יציאת מצרים", כלומר, המרכז יטע בלבות כולם את התשוקה לחופש, את הרצון החזק לרשת את ארצו.

אפרים ומנשה השבטים הצעירים בישראל, הקריבו „על שם יעקב", כלומר, על שם הגזע היחידי שממנו צמחו הענפים וענפי הענפים, כי יזכירוהו כולם תמיד ואז ירגישו תמיד כי עם אחד הנם, וכשם שהירדן שחלק את מנשה לחצאין, מחצית השבט מעבר הירדן מזה ומחציתו מעבר הירדן מזה לא הפריד בכ"ז בין הדבקים וכלם נחשבו תמיד בעיני עצמם ובעיני אחרים לשבט אחד, כן כל מרחק רב וכל ים גדול לא יפרד בין בני יעקב, ותמיד יחשבו בעיני עצמם ובעיני אחרים לעם אחד, בן אב אחד — לעם ישראל!

בנימין, שבית המקדש ובירת הממשלה היו בחלקו ונחרבו... ואמו רחל עדיין מבכה על בניה... בא נשיאו והקריב על הסדר הזה: יבא המרכז וישפיע על האמות בישראל, ותלבה האם את זיקי־התקוה העמומים בלבות הבנים, ויתלקחו לשלהבת מאירה, ויאירו למו את דרכם בגלות!

דן הקריב על „הגבורה", על גבורת קדושה כזו של שמשון, שמקורה ברוח ה', ותכליתה הצלת העם!

אשר הקריב „על שם הבחירה שבחר הקב"ה בישראל מכל האומות", זו היא ה„לאומיות", כלומר, התכונות המיוחדות לישראל אשר בהן הם נבדלים מכל העמים... ובמקום המרכז תתבלטנה יותר התכונות הלאומיות האלה, ותאחדנה יותר את בני העם... ויוציאו את כל כשרונותיהם לאור לטוב להם ולתועלת כל העולם.

נפתלי הקריב על שם „הזריזות", „שהוא היה זריז במשלחתו" (נפתלי אילה שלוחה), והמרכז צריך להקפיד ביחוד על הזריזות, שכל אחד ואחד ימלא את חובתו לעמו בזריזות יתרה...

כה הקריב כל אחד ואחד „לפי דעתו", לפי שאיפותיו של שבטו, בכל זאת הקריבו כלם קרבן אחד במקום אחד... ולאחדות עממית זו הביא המשכן!

כל מי שמביט בעינים פקוחות אל עולמנו הפנימי הוא מכיר מיד כי הוא „רותת ורועד ונוטה לנפול". העם נחלק לכתות, למפלגות ולמעמדים; זרמים שונים

ושאיפות שונות מתפשטים ומוצאים מקום בתוכנו. כל זה הוא מחזה טבעי, ואדרבא הוא מעיד כי עמנו הוא עם חי, מושפע מן החיים שסביבותיו ומשפיע עליהם, והמחזה הזה עוד יכול לתת תקוה בלבנו לימים יותר טובים; אבל במה דברים אמורים, אם יש לעם הזה גם דבק המדבק אותו, אם יש בסיס אחד תחת רגליו ושאיפה אחת בלב... אבל בלי בסיס אחד משותף לכל ובלי שאיפה אחת משותפת לכולם, עולמנו באמת רותת ועתיד להתפוצץ לרסיסים!

בסיס בזה הוא **הלאומיות** ושאיפה כלו היא הציוניות, **כל אחד ואחד יכול לגשת אליה „לפי דעתו"** ולפי שאיפותיה של מפלגתו, זה יראה בה „סדרי מלוכה", וזה הפצת התורה והחזקתה, זה מוצא בה השבת בנים אל אבות והצלת אחים, וזה — „מרכז רוחני ומוסרי", זה יקריב קרבנו על מזבחה בתור „חלוץ" העובר לפני העם לרשת את ארצו, וזה אוחז בה רק מפני „אחדות הגזע", זה מוצא בה „גבורה קדושה", וזה רק „רחמנות האם על בניה", זה רואה בה תמציתה של הלאומיות, וזה — הבטחת האבות, אך כלם יעבדו את העבודה הכללית, את העבודה המשותפת לכל, כלם יעבדות במקום אחד, בארץ אבותינו, כלם ידעו כי אומה אחת הננו... אם בשאיפה זו ובעבודה זו נתאחד כולנו, ונהיה כלנו „זריזים במשלחתנו", אז יתבסס באמת עולמנו הפנימי ויהיה לנו די כח לבסס גם את עולמנו החיצוני — בארץ אבותינו. „וכשיבנה הקב"ה את ירושלים הוא מחזיר לתוכה את כל תשמחה" (שמ"ר), שמחה לישראל ושמחת לכל העולם כלו!

(דרושים וחומר לדרוש, ניסענבוים, פ' פקודי, ובקיצור לשון).

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

הנדחים בארץ פרס

(דרוש לפרשת זכור או לפורים)

הרב שלום ראבינאוויץ.

צוויי שווערע קשיות קען מען פרעגען אויף די געשיכטע פון מרדכי ואסתר ווי זי ווערט ערצעהלט אין מגילת אסתר:

1. ווארום האבען די פארצייטיקע היסטאריקער ניט דערמאנט א ווארט וועגען דיזע וויכטיגע פאסירונג? מען ווייס אפילו ניט זיכער אין וועלכער צייט דאס האט פאסירט.

2. ווארום האבען זיך די אידען פון פרס ניט געווענדעט צו זייערע ברידער אין ארץ ישראל נאך הילפע אין זייער שרעקליכע נויט, האבען זיי דען ניט געוואוסט דעם אידישען גאטור פון אייביג אן אז זיי לאזען ניט פאלען איינער דעם אנדערען אין אן עת־צרה?

1.

צו פארענטפערען די אויבען־דערמאנטע קשיות מוז איך אייך מקדים זיין א ווארט וועגען די טראגעדיע פון אידישע אריסטאקראטען און אסימי־לאטארען.

איהר וועט געוויס פרעגען: וואס פאר א טראגעדיע איז דאס מיט אידישע אריסטאקראטען וועלכע זיינען דאס רוב רייכע לייט? א טראגעדיע איז מיט ארימע לייט וואס מאכען נעבאך קיין לעבען ניט.

אלזא מוז איך אייך זאגען אז דיזען מאל מאכט איהר א טעות — אין אידישען לאגער איז דוקא א רחמנות אויף די אריסטאקראטען, וועלכע אין אלע אנדערע הינזיכטען קענען זיי אויספיהרען וואס זייער הארץ גלוסט, נאר ווען זיי ווילען גרייכען דעם העכסטען וואונש פון זייער הארצען, נעמליך,

צו ווערן נאָהענטע מחותנים מיט זייערע קריסטליכע שכנים, זאָגט מען צו זיי: אַ איד ביזטו, גיה וויטער גיה!

די אידישע אַריסטאָקראַטען זיינען אימער געווען אין דער מיינונג אַז דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם איז געציעלט געגען די פרומע אידען מיט די לאַנגע בערד, וועלכע עסען ניט מיט גוים אויף איין טיש, און קיין פראַגע ניט אַז זיי זיינען זיך ניט מתחתן מיט זיי, — אָבער ווען אַלע אידען וואָלטען געווען ווי זיי — די אַריסטאָקראַטען — דענקען זיי אַז די גוים וואָלטען זיי צוגענומען אין זייער געזעלשאַפט מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, און וואָלטען געזאָגט: אחינו אתה! אחינו אתה!

אָבער זיי מאַכען נעבאָך אַ גרויסען טעות. — די אַנטיסעמיטען זיינען אַזוי ווי די יאַכט הינט. — די יאַכט הינט האָבען דעם גרעסטען אַפּעטיט צו די גרויסע בערען און וועלף, נאָר אויב זיי געפינען ניט קיין גרויסע חיה איז אויך רעכט אַ רעביט אָדער אַ האָז. אָבער קוים דערשמעקען זיי אַ גרויסע חיה, לאָזען זיי באַלד אָב די קליינע באַשעפעניש און גיבען זיך אַ לאָז צו די גרויסע. — פּונקט דעם זעלבען נאַטור האָבען די אַנטיסעמיטען — ווען זיי לאָזען זיך אַוועק אויף זייער מערדערישען יאַכט וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּאָגראָמען“, אָדער „עקצעסען“, זיינען זיי איבער־הויפּט אויסען צו פאַרניכטען טאַקי אָט די גרויסע בערען, די אידישע מאַגנאַטען און אַריסטאָקראַטען, נאָר ווען זיי געפינען צו זייער גרויס־באַדויערען אַז צו די אידישע אַריסטאָקראַטען קען מען ניט צוקומען, — זייערע פּאַלאַצען זיינען אַרומגערינגעלט מיט געדונגענע וועכטער אָדער מיט גוט־באַצאָהלטע סאָלדאַטען א. ז. וו., דאַן גיבען זיי זיך אַ לאָז צום אָרימען קוואַרטאַל און באַנוגענען זיך מיט רייסען בערד פון אָרימע אידען.

אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון אונזערע אַריסטאָקראַטען, ווען זיי געפינען אוים אַז די אַנטיסעמיטען מיינען טאַקי זיי און איבערהויפּט זיי...

.2

איך וועל אייך געבען אייניגע היסטאָרישע ביישפּיעלע.

די גרעסטע טראַגעדיע פון אונזער היסטאָריע איז געווען דער לעבען פון היינריך היינע. היינע איז געווען דער גרעסטער פּאָעט וואָס דייטש־לאַנד האָט אַרויסגעגעבען אין לעצטען יאָהרהונדערט, אָבער אַזוי גרויס ווי זיין געני איז געווען, אַזוי קליין איז געווען זיין אידישקייט, און דעריבער ווי נאָר ער האָט דערפיהלט אַז צוליעב זיין אידישקייט קען ער ניט שטיי־גען צו די הויכע מדרגה וואָס זיין טאַלאַנט פאַרדיענט, האָט ער אַרונטער־געוואָרפען די אידישע אמונה פון זיך אַזוי ווי איינער וואַרפט אַרונטער אַן אַלטען בגד, און האָט אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען. יעצט, האָט ער געטראַכט, וועט מיך שוין דייטשלאַנד אַנערקענען און מיר געבען דעם כבוד וואָס איך פאַרדיען — אָבער אַ נעכטיגער טאָג! ניט נאָר האָבען איהם די דייטשען ניט ערהויבען צו אַ הויכע מדרגה, נאָר זיי האָבען

איהם וואָס ווייטער אַלץ מעהר גע׳רודפ׳ט מיט ביטערען האַס. ווען ער האָט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען זייערע רדיפות, איז ער אַנטלאָפען נאָך פראַנקרייך, טראַכטענדיג די דייטשען זיינען איפּערזיכטיג אויף מיר, אָבער די פראַנצויזען וועלכע זיינען אומפּאַרטייאיש וועלען געוויס אַנ־ערקענען מיין קונסט און מיר געבען דעם כבוד וואָס איך פאַרדיען. אָבער ער האָט באַלד אויסגעפונען אַז די פראַנצויזען זיינען ניט בעסער צו איהם ווי די דייטשען. — פון ערגערניש איז ער קראַנק געוואָרען, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגען איהם. — צעהן יאָהר איז ער געלעגען צו־בעט, און קראַנקערהייט האָט ער געשריבען זיינע פּאָעטישע פּערלען וועלכע די וועלט האָט אויפגעכאַפּט מיט נייגעריגקייט ווי אַ דורשטיגער כאַפּט זיך צו קוואַל־וואַסער — אָבער דער פּאָעט אַליין איז געלעגען אויף זיין קראַנקען־בעט אָרים און פאַרלאָזען. — ווען ער איז געשטאָרבען איז זיין קבר געבליבען יאָהרען לאַנג אָהן אַ מצבה. — שוין איבער הונדערט יאָהר נאָך זיין טויט און די אַנטיסעמיטישע דייטשען האָבען נאָך ניט פאַרגעסען אַז ער איז געבאָרען אַ איד. — טאָמער האָבען זיך געפונען אַ הויפען פאַרעהרער און האָבען געשטעלט אַ מאָנומענט פאַר איהם פאַר זייערע אייגענע געלט, זיינען די אַנטיסעמיטען געקומען און איהם צובראָכען. — יאָ, זיי לייקענען ניט אַז ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט, אָבער זיי קענען ניט פאַרגעסען אַז ער איז געבאָרען אַ איד....

*

נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע איז דער לעבען פון מאַקס נאָרדוי. מאַקס נאָרדוי איז געבאָרען געוואָרען אין אונגאַרן פון פראַנצויזיש־אידישע עלטערן. געשריבען האָט ער אין דייטש, און אין זיין אויטאָביאָגראַפיע האָט ער אפילו ניט דערמאָנט אַז ער שטאַמט פון אידען, און פונדעסטוועגען האָבען די אונגאַרען געקוקט אויף איהם אַלס פראַנצויז, און די פראַנצויזען האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ דייטש, און די דייטשען האָבען געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ אידען...

אין זיין יוגענד האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך פראַנקרייך און האָט דאָרטען געשריבען פילאָזאָפישע ביכער געגען ברודער־האַס און געגען מלחמות און געגען העסליכע ליגענס וועלכע זיינען פאַרקליידעט אין אַ מאַנטעל פון אמת, ביז זיין נאָמען איז געוואָרען באַוואוסט פון איין ברעג וועלט ביז די אַנדערע. — פערציג יאָהר האָט ער געוואוינט אין פראַנקרייך; ער איז דאָרטען גרוי און אַלט געוואָרען; ער האָט זיך שוין געהאַלטען פאַר אַן אמת׳ן פראַנצויז, און פראַנקרייך האָט ער געהאַלטען פאַר זיין פאַטער־לאַנד.

פּלוצלונג האָט אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה, און פראַנקרייך האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען פאַררעטהער ביי זיך אין לאַנד, און איינעם פון די ערשטע וואָס זי האָט אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס אַזוי געווען מאַקס נאָרדוי! מאָנאַטען לאַנג איז ער געלעגען צווישען פאַרברעכער פון דעם

נידעריגסטען סאָרט, ביז דורך די אונערמידליכע באַמיהונג פון אייניגע פערזענליכע פריינדע, האָבען זיך געפּענט פאַר איהם די טויערען פון נעפענגנים אויף דעם תנאי ער זאָל פאַרלאָזען פראַנקרייך אין פאַרלויף פון דרייסיג טעג. — זיין גאַנצער פאַרמעגען, אפילו זיין לייברערי, איז קאָנפיסקירט געוואָרען.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער פאַרבליבען אין שפּאַניען און האָט דאָרטען געלעבט אין גרויס אָרימקייט און נויט. — צום ענדע פון דער מלחמה איז איהם ערלויבט געוואָרען, דורך די שתדלנות פון דר. חיים וויצמאַן, זיך צו באַזעצען אין ענגלאַנד. — אָבער ווען ער איז אָנגעקומען, האָט מען אָנגעפאַנגען צו קוקען אויף איהם מיט פאַרדאַכט, און אַנדערע ענגלישע צייטונגען האָבען אָפען געזאָגט, אַז זיי זיינען חושד אַז ער איז אַ דייטשען שפּיאָן... דורך די פּיעלע באַמיהונגען פון זיינע פריינד איז איהם ענדליך געלונגען צו קריגען די ערלויבעניש צוריקצוקעהרען נאָך פראַנקרייך, אָבער ווי נאָר זיין פוס האָט באַטרעטען דעם פראַנצויזישען באָדען זיינען אַרויס די פראַנצויזישע צייטונגען מיט פראָטעסטען, און האָבען אָפען געהעצט דאָס פאָלק צו פאַרטרייבען דעם „פאַררעהטער" פון לאַנד. אָבער אַזוי ווייט איז עס ניט געקומען. — ער האָט געענדיגט זיין לעבען אין פראַנקרייך פאַרלאָזען פון אַלעמען אין אַ פינסטערען און ענגען צימער פון אַן אָרימע באָרדינג־הויז... זיין קונסט האָט ניט געקענט מכפּר זיין אויף זיין אידישקייט...

אָבער אין איין זאַך איז מאַקס נאָרדוי געווען אַנדערש ווי היינריך היינע. — אין היינע האָבען די רדיפות פון אַנטיסעמיטען פאַרלאָשען דעם לעצטען פונק פון אידישקייט, אָבער אין מאַקס נאָרדוי האָבען די רדיפות פאַרקעהרט אויפגעבלאָזען דעם פאַרלאָשענעם פונק פון ליעבע צו זיין פאָלק. — דורך די רדיפות איז ער געוואָרען אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, און האָט געהאָלפען מיט זיין גייסט און טאַלאַנט אומצוקעהרען דאָס אידישע פאָלק צו זיין לאַנד. — זיינע רעדעס אויף די ציוניסטישע קאָנווענשאָנס האָבען געהאַט אין זיך דעם פייער פון אַמאָליגע נביאים, און זיי האָבען אויפגעטרייסעלט די וועלט.

*

דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט דר. הערצל. דר. הערצל האָט זיך געהאָדאָוועט ביי אַריסטאָקראַטישע אַסימילאַטאָרישע עלטערן, וועלכע האָבען זיך געהיט ווי פאַר אַ פייער איהם ניט צו לערנען קיין־אידישקייט. ווער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ אידען? די אַנטעסעמיטען! זיי האָבען איהם דערמאַנט אויף יעדען טריט אַז ער איז אַ איד ביז וואַנען ער האָט אָנגעפאַנגען נאָכצודענקען און ער איז געקומען צום באַשלוס אַז זיין פּלאַץ איז צווישען זיינע ברידער.

פיליכט איז דאָס אויך געווען דער פאַל מיט'ן ערשטען אידישען פיהרער, וועלכער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ גוי'אישע אַטמאָספערע,

און דאָך זאָגט די תורה עדות: ויגדל משה ויצא אל אחיו — ווי נאָר ער איז גרויס געוואָרען איז ער ארויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער. — פון וואַנען האָט גאָר משה געוואוסט אַז די פּאַראַכטעטע שקלאַפען, די העברעער, זיינען זיינע ברידער? ווער האָט דאָס איהם אויסגעזאָגט? — די אַנטיסעמיטען פון קייזערליכען הויף האָבען שוין געזאָרגט דערפאַר אַז משה זאָל ניט פאַרגעסען זיין אבשטאַמונג... צוזאַמען מיט די קאָמפּלימענטען וואָס זיי האָבען איהם געגעבען האָבען זיי שוין גאַנץ אָפט ארייַנגעוואָרפען אַז איראָנישען וואונק אַז ער געהערט צו די פאַראַכטעטע אידען...

*

אָבער דאָס רוב פון אונזערע אַסימילאַטאָרען פאַרשטעהען ניט דעם וואונק פון די אַנטיסעמיטען. — זיי טראַכטען נאָך אַלץ אַז זיי זיינען באַליבטע און געעהרטע בירגער פון די לענדער וואו זיי וואוינען אין גלות, און אפילו ווען זיי קריגען שוין אמת'ע קלעפּ איבער'ן קאָפּ און זיי זעהען שוין אַז מען מיינט דאָס מאַקי זיי... קעהרען זיי זיך אויך ניט צוריק צו זייערע ברידער. — איינער פון דיזע קלאַסע אַסימילאַטאָרען איז געווען געאָרג בראַנדעס פון דענמאַרק, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין די פאַרשיעדענע ליטעראַטורען פון אַלע פעלקער, אָבער איז געבליבען פרעמד צו זיין אייגענע שפּראַך און צו די ליטעראַטור פון זיין פאָלק. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָבען שוין די אַנטיסעמיטען איהם געמאַכט פיהלען אַז ער איז אַ איד, אָבער ער איז ביז דעם טאָג פון זיין טויט ניט געקומען נעהנטער צו זיינע ברידער.

.3

אָט דיזע טראַגעדיע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין פּערזיען אין די טעג פון מרדכי ואסתר.

כורש מלך פרס האָט אָקאָרסט געהאַט זיין גרויסען זיעג איבער בבל. — בבל איז געווען די גרעסטע שטאָדט אין דער וועלט; זי איז געווען פיעל גרעסער ווי די גרעסטע שטאָט פון אונזערע צייטען. זי האָט געהאַט לערך צוואַנציג מיליאָן איינוואוינער; זי איז געווען דער האַנדעלס-צענטער פון דער וועלט. ווען נבוכדנאצר האָט פאַרטריבען די אידען אין בבל האָט ער זיי געגעבען אַלע רעכטע, און זיי האָבען געוואוסט ווי זיך צו באַנוצען דאָמיט; זיי האָבען געבויט פּאַלאַצען, געפלאַנצט וויינגערטנער, געמאַכט גרויסע געשעפטען און גאַנץ רייך געוואָרען. — נאַטירליך ווען אונזערע אחינו בני ישראל ווערען רייך, האָבען זיי ביסלאַכווייז פאַרגעסען זייער לאַנד, זייער שפּראַך זייער אבשטאַמונג און זייער גאָט; אין איין וואָרט, זיי האָבען זיך שוין געהאַלטען פאַר אמת'ע בבליים. — פּלוצלונג וואַקסען אויס אַ הויפען פאַנטאַזיסטען אונטער די פיהרערשאַפט פון עזרא, נחמיה, דניאל, חנניה, מישאל ועזריה, און פאַרבענקען זיך נאָך זייער אַלטער היים,

ארץ ישראל, נאָך אַ קורצע פּראָפּאַגאַנדע זיינען צוגעשטאַנען צו זיי טויזענ־טער אַנדערע יונגע לייט, און ענדליך האָבען זיי באַשאַפען אַן אָרגאַניזאַציאָן מיט'ן צוועק צוריקצוקעהרען די אידען פון בבל נאָך פּאַלעסטינא; זיי האָבען גאַנץ וואהרשיינליך גערופען זייער אָרגאַניזאַציע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן און זיך ציוניסטען. ווען די אַסימילאַטאָרען האָבען דאָס דערהערט, זיינען זיי געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט — סטייטש, די משוגעים, די פאַנאַטיקער ווילען נאָך ברענגען דערצו אַז די בבליים וועלען אָנפאַנגען צו זאָגען אַז די אידען זיינען ניט קיין אמת'ע פּאַטריאָטען צו בבל, זייער ליבע צום פאַטערלאַנד איז צוטהיילט, א. ז. וו. א. ז. וו. — אָבער די יונגע חברה האָבען זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וואָס די אַסימילאַטאָרען זאָגען, און האָבען ווייטער געאַרבייט אויף זייער וועג מיט גרויס ענערגיע ביז עס האָט פּאַסירט אַן אונערוואַרטעטער נס — בבל איז באַזיעגט געוואָרען פון די פּערזיאַנער, און דער ליבעראַלער קעניג כורש האָט זיי געגעבען די ערלויבעניש זיך אומצוקעהרען צו זייער לאַנד. נאָר צוויי־און־פערציג טויזענד האָבען זיך צוריקגעקעהרט, די איבעריגע זיינען גע־בליבען אין בבל (וועלכע איז יעצט געווען אונטער די הערשאַפט פון פרס), און זיי האָבען זיך וואהרשיינליך שטאַרק געפרייט וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרען פון די פאַנאַטיקער און פינסטערלינגע, ווי זיי האָבען גערופען די נאַציאָנאַליסטען.

4.

ווי עס איז געגאַנגען מיט די ערשטע פּיאָנערען אין ארץ ישראל, גע־פינען מיר באַשריבען אין תנ"ך. — אין אַלגעמיין קען מען זאָגען אַז זייער לאַגע איז געווען גאַנץ עהנליך צו די לאַגע פון די חלוצים אין אונזערע צייטען.

אָבער ווי איז עס געגאַנגען מיט די אַסימילאַטאָרען וואָס זיינען איבער־געבליבען אין פּרס?

מיר האָבען זיי איבערגעלאָזען זיך פרייענדיג וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרען פון די עטליכע פאַנאַטיקער. — יעצט האָבען זיי זיך נאָך מעהר דערנעהנטערט צו די פּרסיים — געגעסען מיט זיי, מתחתן געווען מיט זיי. — דעם סימן האָט איהר, אַ זזיי האָבען זיך געלאָזט וואויל געהן צוזאַמען מיט די פּרסיים אויף דעם מאָהלצייט וואָס אחשורוש האָט געמאַכט, און אַז אפילו די בעסטע אידען פון פרס האָבען זיך גערופען מיט פּערזישע נעמען — ווי עס זאָגען עדות די נעמען „מרדכי" און „אסתר" — און דעריבער האָבען זיי זיך געוויס באַטראַכט אַלס גאַנץ זיכער אין די פּערזישע מדינה.

פּלוצלונג האָט דער קעניג אחשורוש אַפּוינטעט אַ נייעם פּריים־מיניסטער, המן בן המדתא אַן אור־אייניקעל פון דעם אַלטען עמלק. — די עמלקים האָבען קיינמאָל ניט פאַרגעסען זייער שנאה צו די אידען — אַזוי גוט ווי דאָס אידישע פאָלק האָט ניט פאַרגעסען איהר שנאה צו עמלק. — און די אידישע אַסימילאַטאָרען האָבען זיך אויפגעכאַפּט אַזוי ווי פון אַ זיסען

חלום צו א בימערע ווירקליכקייט; זיי זיינען ערשטוינט און דערשראָקען געוואָרען צו געפינען אַז נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך פרעמדע אין לאַנד און אַז זייער שיקזאַל הענגט אָפּ אָן דעם קאַפּריז פון יעדען באַנדיט.

אַן אינטערעסאַנטע זאַך איז, אַז די זעלבע תחבולות וואָס זיי האָבען אָנגעווענדעט צו געפינען חן אין די אויגען פון די גוים האָט המן אויסגענוצט זיי צו פאַרניכטען. זיי האָבען אויפגעגעבען זייער אמונה, און האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער מדינה כדי זיי זאָלען ניט פאַלען די גוים אין די אויגען, — איז געקומען המן און האָט גראָדע אויסגענוצט דיזען פאַקט אין זיין מסירה אויף זיי — ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים — ער האָט געמיינט אַזוי צו זאָגען: וואָלטען זיי כאָטש געוואוינט צוזאַמען אין איין קוואַרטאַל, וואָלט איך געזאָגט: זיי זיינען שווינדלער, וואָס אַרט עס מיך? זאָלען זיי באַשווינדלען איינער דעם צווייטען! זיי זיינען פּראַצענטניקעס, זאָלען זיי שינדען די הויט איינער דעם צווייטען! — אָבער יעצט, אַז זיי זיינען פאַרשפּרייט צווישען דעם גאַנצען פּערזישען פאָלק, באַרויבען זיי דאָס גאַנצע פּערזישע פאָלק!

נאָך א זאַך — די אידעלאַך פון פּרס האָבען אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון זייער אמונה, און זיי האָבען געוויס געמיינט דאָמיט נושא חן צו זיין אין די אויגען פון די פּערזיער, אָבער המן האָט אויך דיזען פאַקט אויסגענוצט געגען זיי אין זיין מסירה. — מיר געפינען אין זיין מסירה: ואת דתי המלך אינם עושים — און די חכמי התלמוד זאָגען אויף דיזע ווערטער: „את דתי מלכו של עולם אינם עושים״ — פרעגט זיך די פראַגע, וואָרום האָט זיך עפּעס המן אָנגענומען גאָטעס קריוודע? — און די מפרשים האָבען אויף דעם געזאָגט פאַרשידענע פּשט׳לאַך — אָבער אין אמת׳ן דאַרף מען גאָר קיין פּשט׳לאַך ניט זוכען, ווייל די זאַך איז גאַנץ איינפאַך. — המן האָט געמיינט צו מאַכען די ערקלעהרונג אַז אַזוי ווי פאַר זייער אייגענעם גאָט האָבען זיי קיין מורא ניט, און אין אַנדערע געטער גלויבען זיי ניט, בלייבען זיי אינגאַנצען אָהן א גאָט, און א פאָלק אָהן א גאָט, ערלויבט זיך אָבצוטהאָן אַלע פאַרברעכען אין דער וועלט.

*

נאָר איין זאַך מוז מען צושרייבען צו דעם קרעדיט פון יענע אידען אין פּרס, נעמליך: אַז אין גאַנצען אָבגעשניטען פון זייער גאָט זיינען זיי נאָך ניט געוועזן. — ווי נאָר דער פיינד האָט זיי צוגעדריקט האָבען זיי זיך דערמאָנט אין זייער אַלטען גאָט, און האָבען געפאַסט און תפילה געטאָהן צו איהם — און דעריבער האָבען די אידען פון דער גאַנצער וועלט אָנגענומען אויף זיך אויף אייביג דעם תענית אסתר (וואָס די היינטיגע חברה פרעגען, וואָס דאַרף מען עס? די אידען פון פּרס זיינען דאָך ניצול געוואָרען?), כדי צו מאַכען אַן אַנדענקען צו דעם אידישען נאַטור, אַז ער מעג זיין ווי שטאַרק דערווייטערט פון זיין גאָט, אָבער אַז א שונא גיט איהם א דריק קעהרט ער זיך צוריק צו איהם.

.5

אלזא דעם לעססאָן וואס מען קען זיך אָבלערנען פון די מגילה איז: דאָס דער איד קען קיינמאָל ניט געפינען אין גלות קיין צווייטע פאטער־לאנד, און אז די איינציגע אמתע רפואה צו די אידישע צרות איז: שוב לארץ אבותיך!

אונזער גאנצע היסטאָריע אין גלות האָט אונז געלערענט דיזען לעסאָן, אָבער מיר האָבען איהם נאָך ניט אויסגעלערענט.

יעצט קענען מיר לייכט פארשטעהן, וואָרום די חכמי התלמוד האָבען געזאָגט אויף דעם פסוק „ורצוי לרוב אחיו", מלמד שפרשו ממנו מקצת סנהדרין, — פרעגט זיך די פראגע, וואָרום זיינען ניט אַלע מיטגלידער פון די סנהדרין געווען צופרידען מיט מרדכי'ס האנדלונג? — דער אנט־וואָרט איז, ווייל מרדכי האָט ניט געלערענט פון די שרעקליכע פּאסירונג וואס ער האָט דורגעמאכט, דעם לעסאָן וואס ער האָט געדאַרפט לערנען דערפון, נעמליך: אז אויב אידען האָבען אַ געלעגענהייט צו געהן צוריק צו זייער לאנד, לוינט פאר זיי אוועק־צו־וואָרפען אפילו די בעסטע גלות־לאנד און זיך אומקעהרען צו זיך אהיים... אָבער מרדכי האָט דאָס ניט פארשטאַנען, והראיה ער האָט ניט געטהאָן ווי זיינע פאָרגענגער עזרא ונחמיה, זיך משתדל צו זיין ביים קעניג ער זאָל לאזען איהם און די איבעריגע אידען פון בבל צוריק צו זייער לאנד, נאָר ער האָט זיך באנוגענט צו זיין אַ „דורש טוב לעמו" — דאָס הייסט אַ שתדלן פאר זיינע ברידער אין זייער גלות־לאנד — און דערפאר זיינען אַ טהייל פון די סנהדרין ניט מיט איהם צופרידען געווען.

.6

יעצט פאלען אָרונטער פון זיך אליין די צוויי שווערע קשיות וואס מיר האָבען געפרעגט אין אנפאנג פון אונזער רעדע:

1. וואָרום האָבען די פּאַרצייטיקע היסטאָריקער ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגען דיזע וויכטיגע פאסירונג? — אנטוואָרט: ווייל עס האָט אין אמת'ן קיין שום זאך ניט פאסירט; נאָר האָט נאָר אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק אויף די אידען אין פרס כדי זיי זאָלען לערנען אַ געוויסען לעסאָן, אָבער זיי זיינען אָבגעקומען מיט די שרעק — און היסטאָריקער שרייבען נאָר פאַקטען אָבער ניט אומזיסטע שרעק.

2. וואָרום האָבען זיך די אידען פון פרס ניט געווענדעט צו זייערע ברידער פון ארץ ישראל נאָך הילפע? — אנטוואָרט: ווייל זיי האָבען זיך געשעהמט! דאָס זיינען דאָך געווען די „פאנאַטיקער", די „פינסטער־לינגע" וואס זיי, די אסימילאַטאָרען האָבען זיי פאראַכטעט און פאַרפאָלגט און פארשפּאָטעט פאר זייער נארישקייט וואס זיי וואָרפען אוועק אַזאַ גאָלדענע לאנד ווי פרס און געהען זיך באזעצען אין אַ וויסטע לאנד — און יעצט זאָלען זיי, די פערזישע אַריסטאָקראַטען זיך ווענדען צו די ארץ

ישראל אידען נאך הילפע? — דאס האבען זיי ניט געקענט פועל'ן ביי זיך, אזוי ווייט זיך צו ערנידעריגען.

חומר לדרוש

פרשת זכור

אגדות חז"ל

לעשות כרצון איש ואיש, אמר לו הקב"ה, רשע! יכול אתה לעשות ברצון איש ואיש? שני אנשים מבקשים לישא אשה אחת, שמא יכולה להנשא לשניהם? וכן שתי ספינות פורשות לים הגדול, אחת מבקשת רוח דרומית ואחת מבקשת רוח צפונית, שמא יכולה רוח אחת לנהג את שתיהן? שני בני אדם באים אצלך למחר, איש יהודי ואיש צר ואויב, שמא יכול אתה לצאת ידי שניהם? ולא תצטרך לרומם אחד ולתלות אחד? ומי יכול לעשות כרצון איש ואיש? הקב"ה, דכתיב ביה, רצון יראיו יעשה (אבא גוריון).

כטוב לב המלך ביין, א"ר איבו, כשישראל אוכלין ושותין מתחילין בדברי תורה ובתשבחות לפני המקום, אבל אומות העולם כשאוכלין ושותין מתחילין בדברי תיפלות, הללו אומרים מדיות נאות והללו אומרים פרסיות נאות, אמר להם אחשורש, כלי שאני משתמש בו לא מדאי ולא פרסאי אלא כשדאי ואין כיוצא בו בעולם, אמר להם מבקשים אתם לראותה? אמרו לו הן, וכו' (אס"ר פ"פ).

הדסה היא אסתר. תניא ר' מאיר אומר, אסתר שמה ולמה נקרא שמה הדסה? על שם הצדיקים שנקראו הדסים, וכן הוא אומר, והוא עומד בין ההדסים (זכריה א'), ר' יהושע בן קרחא אומר, אסתר ירקרקת היתה כהדסה, אלא חוט של חסד משוך עליה, הת"ד, ותשא חן וחסד לפניו. ר יהודה אומר, הדסה שמה ולמה נקרא שמה אסתר? שהיתה מסתרת דבריה, שנאמר, אין אסתר מגדת את עמה ואת מולדתה (אגדת אסתר).

ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי. א"ר חנינא, כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם, שנאמר ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי, ומזה נסתבבת גאולת מרדכי וגאולת ישראל (אס"ר).

אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורש את המן, מאי אחר? אמר רבא, אחר שברא הקב"ה רפואה למכת, דאמר ר' לוי, אין הקב"ה מכה את ישראל

אלא א"כ בורא להם רפואה תחילה, שנאמר, כרפאי לישראל ונגלה עוון אפרים (הושע י'), והכא היתה אסתר הרפואה קודם למכת של המן (מגילה י"ג:).

ויסר המלך את טבעתו מעל ידו ויתנה להמן, אמר רבא, משל דאחשורש והמן למהד"ד? לשני בני אדם, לאחד היה תל בתוך שדהו ולאחר חריץ, בעל החריץ אומר, מי יתן לי זה בדמים ובעל התל אומר, מי יתן לי זה בדמים! לימים נזדווגו זה אצל זה, אמר לו בעל החריץ לבעל התל, מכור לי תלך, אמר לו, טול אותו ביחנם, ולואי! רבנן אמרין, אחשורש שונא את ישראל יותר מהמן הרשע; מנהגו של עולם לוקח נותן ערבון למוכר, ברם הכא המוכר נותן ערבון ללוקח, כמו שנאמר ויסר המלך את טבעתו ויתנה להמן (אס"ר פ"ז). א"ר אבא בר כהנא, גדולה הסרת טבעת יותר ממ"ח נביאים ושבע נביאות שנתנבאו להם לישראל, שכולם לא החזירום למוטב, ואילו הסרת טבעת החזירתן למוטב (מגילה י"ג).

ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות, למה ביום השלישי? לפי שאין ישראל נתונים בצרה יותר משלשה ימים, וכו', בשבטים כתיב ויאסוף אותם אל משמר שלשת ימים, ביונה הוא אומר, והי יונה במעי הדגה שלשת ימים ושלשה לילות והמתיבם אינם חיים אלא לשלושת ימים, שנאמר, ביום השלישי יקימני ונחיה לפניו (הושע ו'), וגם הנס הזה נעשה בסוף שלשת ימים לתעניתם. (אסתר רבה).

ויאמר המן בלבו, תניא, הרשעים ברשות לבם, וכן ויאמר עשו בלבו, אמר נבל בלבו, ויאמר ירבעם בלבו וימר המן בלבו. אבל הצדיקים לבם ברשותם, כמו שנאמר, וחנה מדברת על לבה, וישם דניאל על לבו, ויאמר דוד אל לבו, ובזה דומין לבוראם, שנאמר, ויתעצב אל לבו (אס"ר).

ליקוטים ממבחר הדרוש

פרשת זכור

שנאת עולם לעם עולם

וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך
היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם.
(מגלת אסתר).
ואם כל המועדין יהיו בטלין, ימי
הפורים לא נבטלין (יוצר לפ' זכור).

חגי ישראל מסמלים באופן סימבולי את רוחו של עם ישראל ואופיו. השקפת עולמו של העברי ותכונותיו משתקפות במועדיו. חג הפסח הוא חג החירות, ומציין את אהבתו הבוערת של העם היהודי לחופש גופני ולגאולה רוחנית. בחג השבועות, זמן מתן תורתנו, מובע יחסו האידיאלי של עם ישראל לדברים שברוח

ותיבתו העזה לתורה ודעת. חג הסוכות, הוא חג האסיף עם ארבעת המינים מגלים את אהבת הטבע שבנשמת האומה העברית. וכיוצא בזה, תמצא מוטיב לאומי בשאר יומי דהילולא שלנו.

אך חג הפורים הוא מיוחד במינו, ואומר דרשני. לכאורה, הלא הוא פחות מיתר חגינו גם בקדושתו וגם בחשיבותו. ובכל זאת הוקדש חג־הפורים לדורות. „וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, זכרם לא יסוף מזרעם". והפייטן הרחיק ללכת מהירושלמי (תענית פ"ב, הל' י"ב) ואמר: „אם כל המועדים יהיו בטלין, ימי הפורים לא נבטלין". ומאד מאד קשה להבין במה גדול כחו של חג הפורים שזכה לזכרון־עולמים, אף שאר מועדי ישראל יבטלו? מה זאת ראתה כנסת ישראל על ככה להבדיל את חג מרדכי ואסתר לנצחיות מיתר חגי העברים?

ברם אם נשים לב להבין את ההבדל בין יתר מועדי ישראל לחג הפורים, יחוורו לנו המאמרים הנ"ל בעומק כוונתם. חג הפורים שונה הוא לגמרי משאר חגינו. יתר חגי ישראל נובעים מרוח ישראל, צמחו מקרקע נשמתו, ושרשיהם בלב האומה העברית. רובם תלוים בארץ, ארצנו הקדושה, וכולם יונקים מלשד האומה. חג הפורים, לאידך גיסא, נובע ממעין השנאה, מקורו איבה ויסודתו — קנאת. חג מרדכי ואסתר הוא פרי הגלות, ושרשיו — במרה.

חג הפורים היא תוצאות שנאת הגוים (הפרסיים) לעם ישראל. האנטישמיות שתחילתה כרוכה בהופעת עם ישראל על במת ההיסטוריה הגיעה למרום־רשעתה בימי אחשורוש, ומצאה את בא־כוחה ההיסטורי ופתחון פיה לדורות בהמן הרשע. הוא הביע את שנאת העמים לישראל בדברים ברורים, מיוסדים על שקרים ועלילות שעדיין לא פג ארסם ושעוקצם לא בוטל עדיין. הוא היה הראשון שהוציא לאור את המאמר הארסי שהולך מסוף העולם האנטישמי ועד סופו, מראשית ועד סוף כל דורות גלותנו, המאמר המר: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד במדינות מלכותיך, ואת דתי המלך אינם עושים ולמלך אין שווה להניחם".

והנה, לדעתי, זוהי כוונת המאמרים הנ"ל, ימי הפורים לא יעברו לעולם, יען כי אף אם היהודים ישאפו להתבולל בין הגוים, לחקות אותו בכל הליכות־החיים, לעשות כמעשיהם ולהיות מאה ואחד אחוז אמריקאיים, פולנים, גרמניים... לא יעלה בידם להעביר מן העולם את שנאת העמים לעם עולם. בהתאמצות הצבור הישראלי להדמות להעמים שבתוכם הוא מתגורר לפעמים, יחדל מלחוג את חגי־עמיו, ויפסק לקרא את מועדי ה' קודש. אך כל זה לא יועיל לו במאומה, האנטישמיות בעינה תעמוד למרות היהודים הקופים, כמו שבאמת הוכיחה ההיסטוריה. יותר שהשתדלו היהודים להטמע בין הגוים, יותר ששאפו להתנכר לעמם ולתורתם, כן גדלה וכן רבתה שנאת העמים אלינו, וכן העמיקו להכאיבנו. והלא חג הפורים בעצמו יוכיח. שנאת המן והפרסיים לעם היהודי, לא באה מתוך התנגדותם לחרדת היהודים על דתם ועל מסורתם. להיפך, אז כמו עתה שאפו העברים לעשות כמעשי הגוים, להתחבר אליהם, ולא נמנעו מליהנות משלחנו של אחשורוש, וכל המוסר שבתורתנו והטוב שבדברי נביאינו לא החזירו אותם למוטב. אך האם לא גברה האנטישמיות בימיהם, האם לא נגזרה עליהם כליה? לא, אין דבר שיעביר את שנאת ישראל מן העולם, כי האנטישמיות יסודה בהתנגדות רוח עם ישראל ורוח הגוים. מה שקדוש בעיניהם — חול הוא לנו. וכל הקדוש והקר

לנו — לשמצה וכקוץ בעיניהם. ורוח עם ופסיכולוגית שלו אינה משתנה כעבור שנים ודורות. נשמת כל עם ועם מתפתחת, מסתעפת, מתעמקת ברבות מימים, אך שרשה, עיקרת בעינו עומד וכל רוח שבעולם לא יזעזנו ממקומו. לכן, שוא לנו לקוות כי יבוא יום ולב חדש ינתן לעמים לאהוב את עם ישראל. שנאת העמים לעם העברי היא שנאת עולמים ואיבה נצחית.

ולפיכך, אם גם יבטלו ישראל את כל מועדיהם, כלומר, אם גם ימחלו על כבודם האנושי והלאומי, ופנו ערף לעברם הנהדר ולעתיד עמם המזהיר, אך ורק כדי למצוא חן בעיני הגוים, לא יחדלו הם מלנטור לנו איבת חנם, ומלשנא אותנו על לא דבר. „אם כל המועדין יהיו בטלין (ע"י ישראל) ימי הפורים (המסמלים את האנטישמיות העולמית) לא נבטלין (על ידי הגוים).

(שלמה דוד גאלדפארב, ברוקלין).

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

עץ ארז ואזוב ושני תולעת

(דרוש לפרשת פרה)

הרב שלום ראבינאוויץ.

.1

ולקח הכהן עץ ארז ואזוב ושני תולעת
והשליך אל תוך שרפת הפרה.
(פ חוקת)

ווען דער דרשן קומט צו פרשת פרה, ווערט איהם שטארק אומעטיג אויפ'ן הארצען. וואס קען ער דרשנ'ען אויף אז ענין וואס די תורה אליין זאגט אז עס איז דערויף קיין טעם נימא?

אבער די חכמי התלמוד האבען איהם א רעכט ביסעל ארויסגעהאלפען דאמיט וואס זיי האבען אויסגעטייטשט די פרה אדומה אויף דעם אידישען פאלק:

דבר אחר, פרה אלו ישראל, שנאמר כי כפרה סוררה סרר ישראל; אדומה אלו ישראל, שנאמר אדמו עצם מפנינים; תמימה אלו ישראל, שנאמר יונתי תמתי; אשר אין בה מום אלו ישראל, שנאמר כלך יפה רעיתי ומום אין בך; אשר לא עלה עליה עול זו דורו של ירמיה, שלא קבלו עליהם עולו של הקב"ה; והוציא אותה אל מחוץ למחנה, שהגלה את עם ישראל לבבל; ושחט אותה לפניו, הה"ד ואת בני צדקיהו שחט לעיניו; ושרף את הפרה לעיניו, הה"ד וישרוף את בית ה' ואת בית המלך וכו', וכו'; ואסף איש טהור את אפר הפרה זה אסיפת גליות על ידי הקב"ה; והניח אל מחוץ למחנה במקום טהור, זה ירושלים שהיא טהורה.

(ילקוט פ' חוקת, ע"ש.)

די ערקלעהרונג פון די פרה אדומה איז א גאונישע, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר די בעלי המדרש — אלעס וואס איך וויל צולייגען איז, אז אויב די פרה איז א משל אויף עם ישראל, קען מען אויך געפינען אין די דינים פון די פרה אדומה דעם סוד ווי אזוי דאס אידישע פאלק האט א קיום געהאט צווישען די פעלקער.

די טבע פון גלות איז, אז ער ברענגט צו אסימילאציאן, אזוי ווי מיר געפינען אז אלע פארצייטיגע פעלקער אזוי ווי די פלשתים, צור, כוש, פוט און כנען, וועלכע האבען געלעבט אין דער זעלבער צייט מיט דעם אידישען פאלק, זיינען אונטערגעגאנגען ווי נאר עס איז געקומען א שטארקער פאלק און האט זיי פארטריבען אין גלות — און אזוי איז טאקי דער שכל מחייב אז עס איז אוממעגליך פאר א פאלק צו באהאלטען איהר אינדיווידואליטעט ווען זי פאלט אריין אין רשות פון א גרעסער און א שטארקער פאלק, אזוי ווי עס איז אוממעגליך פאר א טראפען וואסער עס זאל זיך ניט צומישען ווען עס פאלט אריין אין ים — און מכל שכן דאס אידישע פאלק וואס די פעלקער האבען שטענדיג געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג איהר אבצור־רייסען פון איהר אמונה. — ווי אזוי איז דאס אידישע פאלק בייגעשטאנען און איבערגעלעבט דיזען דרוק פון די פעלקער און געבליבען א באזונדער פאלק ביז היינטיגען טאג?

די ערקלעהרונג פון דיזער רעטעניש געפין איך אויסגעדריקט בדרך מליצה אין דעם פסוק: **ולקח הכהן עץ ארז ואזוב ושני תולעת והשליך אל תוך שרפת הפרה**, ווי איך וועל אייך דאס ערקלעהרען על פי דמיון:

דער הויפט פראצעס ווי אזוי מען מאכט פון אייזען שטאהל, איז דורך דעם וואס מען ברענגט דאס אייזען אין פייער; אבער דאס אליין איז נאך ניט גענוג. — פייער אליין מאכט גאר אייזען ווייכער ניט הארטער. — אין דעם פראצעס פון ברענען אייזען אויף שטאל, מוז מען צולייגען אייניגע כעמישע שטאפען: צ. ב. ש. איין סארט מאטעריאל וואס האט די אייגענ־שאפט צו מאכען דאס אייזען הארט; אן אנדער מאטעריאל וואס מאכט דעם אייזען זיך צו בויגען און שפרינגען צוריק; א דריטער סארט מאטע־ריאל, וואס זאל געבען די שטאל דעם בלויליכען פארב. — דאס זעלבע איז אויך געטהאן געווארען מיט דעם אידישען פאלק. — דער הויפט־פראצעס ווי אזוי גאט האט געלייטערט דאס אידישע פאלק איז דורכ'ן גלות, אבער סתם צו נעהמען א שוואך פאלק און איהם אריינווארפען צווישען שטארקע פעלקער וואס זאלען איהם מאטערען, וואלט נאך פילייכט ערגער געמאכט אנשטאט בעסער מאכען. — די צרות וואלטען פילייכט געבראכט דערצו אז דאס אידישע פאלק זאל אינגאנצען אוועקווארפען איהר אמונה, אדער דאס פאלק זעלבסט זאל פארניכטעט ווערען פון דער וועלט. — וואס האט גאט געטהאן? האט ער זיי מיטגעגעבען אין גלות אזעלכע אייגענשאפטען וואס האבען זיי געגעבען קראפט אריבערצוטראגען אלעס און צו בלייבען ביי זייער עקזיסטענץ אלס פאלק און אויך צו בלייבען ביי זייער אמונה. — וואס זיינען דיזע אייגענשאפטען? זיי ווערען קלאהר באצייבענט אין דעם

פסוק וואָס מיר האָבען גענומען אלס טהעמא צו דיזען דרוש: ולקח הכהן עץ ארז ואזוב ושני תולעת והשליך אל תוך שרפת הפרה.

מען דארף האלטען אין זינען אז אויב די פרה איז אַ משל אויף ישראל, דאַן איז „שרפת הפרה" דער פּראָצעס פון אויסברענען און אויס־לייטערען דאָס אידישע פאָלק אין אַ לאַנגען גלות — און דער פסוק מיינט אונז צו דערצעהלען אז ווען עס איז געקומען די צייט פאר דעם אידישען פאָלק צו געהן אין גלות, האָט גאָט (שנקרא בכתוב „כהן") זיי מיטגעגעבען אין גלות (שנקרא בכתוב „שרפת הפרה") די מדות פון עץ ארז, ואזוב, ושני תולעת. — „עץ ארז" איז דער האַרטעסטער בוים פון אַלע בוימער; ער בויגט זיך ניט פאר קיין שטורעם; ער וועט זיך גיכער צוברעכען איידער בויגען. — „אזוב" איז אַ בינטעלע גראָז, וואָס איהר נאַטור איז פונקט פאַרקעהרט. זי בויגט זיך פאַר'ן קלענסטען ווינטעל, און לאָזט זיך טרעטען פון אַלעמען אונטער די פיס — „שני תולעת" איז אַ פאַרעם גע־פארבט מיט דעם בלוט פון אַ סאָרט רויטען ווערעמעל, וואָס זיין פאַרב איז „אינדעליבעל", דאָס הייסט עס וואַשט זיך ניט אָב און עס מעקט זיך ניט אָב.

דיזע דריי אייגענשאַפטען האָבען אידען מיטגענומען אין גלות און זיי האָבען זיך באַנוצט אַ מאָל מיט דיזע מדה און אַ מאָל מיט די אַנדערע, און אַ מאָל מיט די דריטע, ווי די אומשטענדען האָבען געפאָדערט: אַז די גוים האָבען געמאַכט אַ פּראָבע מיט געוואַלד זיי אָבצורייסען פון זייער אמונה, זיינען זיי געווען האַרט ווי אַ „טענענבוים", און האָבען זיך מוסר נפש געווען אויף קדוש השם אפילו ווענען דעם קלענסטען מנהג. — אָבער פאַרקעהרט אין וועלטליכע זאַכען האָבען זיי זיך געלאָזט בויגען אַזוי ווי דער אזוב; מען האָט געקאָנט מאַכען מיט זיי וואָס מען האָט געוואָלט. — זיי האָבען זיך געלאָזט פאַרשפּאַרען אין אַ גהעטאָ ווי ווילדע חיות; מען האָט זיי געמאַכט טראָגען אַ געלע לאַטע אויף די קליידער און זיי האָבען געבויגען דעם קאָפּ און געשוויגען; מען האָט זיי געטריבען פון לאַנד צו לאַנד און זיי האָבען ניט געמאַכט קיין ווידערשטאַנד. — פּראַ־גוי'אישע היסטאָריקער וואָס רעכענען אונז דאָס פאַר אַ חסרון און ניט פאַר קיין מעלה. — זיי זאָגען אַז אונזערע עלטערען וואָס האָבען זיך אַזוי געלאָזט פייניגען זיינען געווען טרוסען. — אַז אַנדער פאָלק, זאָגען זיי, וואָלט געקעמפט פאַר איהרע רעכטע, און וואָלט זיך גיכער געלאָזט פאַרניכטען איידער מען זאָל איהר אַזוי מוטשען. — אָבער איך וועל אייך ווייזען מיט אַ ביישפּיעל אַז אונזערע עלטערען האָבען געהאַנדעלט קלוג און אויסגערעכענט, און אַז דאָס וואָס זיי האָבען אין וועלטליכע זאַכען נאָכגעגעבען איז ניט געקומען פון דעם וואָס עס האָט זיי געפעהלט קוראַזש, נאָר ווייל זיי האָבען געהאַט צופיעל קוראַזש.

אַ געוויסער רייזענדער וועלכער האָט יאָהרען־לאַנג באַרייזט די נאָרד־ליכע געגענדען פון סיביריען און האָט נאָכהער געשריבען אַ בוך איבער די פּאַסירונגען פון זיין רייזע, זאָגט פאָלגענדעס: — די גרעסטע געפאַהר

פאַר רייזענדע אין סיביריען זיינען די הונגעריגע וועלף; ווען דער רייזענ־דער פאָהרט אָפּ עטליכע מייל אין די סטעפּפּעס דערזעהט ער נאָכלויפען נאָך זיין שליטען איינעם אָדער צוויי וועלף, אָבער אין 15 אָדער 20 מינוטען ווערען פון די צוויי וועלף צוואַנציג, און פון די צוואַנציג פופציג, און פון די פופציג הונדערט, א. ז. וו. ביז זיי פאַרדעקען די סטעפּעס ווי ווייט דאָס אויג קען גרייכען — ניטאָ אַ פערד וואָס זאָל זיי קענען אַריבער יאָגען און אַנטלויפען פון זיי. דער זעלבער שרייבער דערצעהלט ווייטער: איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו פאָהרען מיט מיין איינציגען קינד אין מיין שליטען, און איך האָב זיך פּלוצלונג געפונען אַרומגערינגעלט פון אַ מחנה וועלף — איך האָב אפילו געהאַט ביי זיך אַ געלאַדענעם רעוואָלווער מיט אַ גוטען זאַפּאַס קוילען, אָבער איך האָב דיזען מיטעל ניט געוואָלט געברויכען גלייך אין אָנפאַנג — ערשטענס האָב איך זיי אַרונטערגעוואָרפען די שפּייז וואָס איך האָב געהאַט מיטגענומען אויפ׳ן וועג, טאָמער וועט דאָס זיי צופרידען־שטעלען און זיי וועלען מיך אָבלאָזען. — אַ פּאָר מינוט האָבען זיי זיךווירקליך אָבגעשטעלט, אָבער באַלד האָבען זיי מיך ווייטער אַרומ־גערינגעלט; דאַן האָב איך אַרונטערגענומען מיין פּעלץ און זיי צוגע־וואָרפען. — ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָב איך אויסגעשפּאַנט איין פערד און זיי אָוועקגעגעבען, אָבער ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, און איך האָב געזעהן צו מיין גרויס שרעק אַז די וועלף שאַרפען די ציין אויף מיין איינציג קינד, האָב איך זיך גענומען צום לעצטען מיטעל מלחמה. איך האָב גענומען דעם רעוואָלווער אין האַנד און אַריינגעשאָסען אין די מחנה וועלף אַ האָגעל הייסע קוילען ביז זיי האָבען מיך אָבגעלאָזט.

די אידישע היסטאָריע צווישע די פעלקער איז פּונקט אַזוי ווי יענע נסיעה וואָס דער רייזענדער האָט געמאַכט צווישען די מחנה וועלף. — די היסטאָריקער וואונדערען זיך וואָס אידען האָבען אַזוי פיעל נאָכגעגעבען און נאָכגעלאָזען, — דער תירוץ איז, זיי זיינען געווען פּונקט אין די לאַגע פון יענעם רייזענדען. — זיי האָבען געהאַט מיט זיך אַ זאַך וואָס איז ביי זיי געווען טהייערער ווי דער לעבען, דאָס איז זייער תורה, דעריבער האָבען זיי אָוועקגעגעבען אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט צו די הונגעריקע וועלף, טאָמער וועלען זיי זאַט ווערען דאַמיט. — זיי האָבען זיך געלאָזט פאַר־שפּאַרען אין גהעטאָס, אַנטאָן געלע לאַטעס, צופּען די בערד א. ז. וו. אין אַ וואָרט זיי האָבען אָנגענומען די מדה פון אזוב. — אָבער ווען זיי האָבען ענדליך געזעהן אַז די וועלף זיינען דערמיט ניט זאַט געוואָרען און זיי מאַכען הכנות צוצונעהמען פון זיי זייער תורה, זיינען זיי פּלוצלונג פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַז „עץ ארז“, אַ טענעבוים, און האָבען זיך מוסר נפש געווען על קדוש השם ווי עס פּאַסט פאַר די קינדער פון די מאַקאַבעער.

איהר זעהט אַלזאָ, אַז די נאָכגעביגקייט וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען אין וועלטליכע זאַכען איז געווען מיט אַ כוונה כדי דורך דעם צו רעטען די זאַך וואָס זיי האָבען געהאַלטען פאַר דאָס וויכטיגסטע אין דער וועלט.

און אזוי דערצעהלט מען אויך פון דעם משוגענעם פוילישען פרינץ ראדזוויל וואס האט אלצדינג אויסגעפיהרט מיט זיין האף־יודע שכנא. — ער האט איהם אויפגעפאדערט צו מאכען א שליט־וועג אין דזשולייו, און דער אידעל האט געמאכט (מיט הונדערטע זעקלאך זאלץ); נאכהער האט ער פערלאנגט אז פרוכט זאל וואקסען אויף די בוימער אין שבט, און דער אידעל האט ערפילט זיין וואונש (ער האט די פרוכט צוגעפינט מיט פינם צו די פארפרוירענע צווייגען) — אבער איינמאל ווען דער פרינץ איז גע־זעסען אין קאמפאניע פון א חברה גוטע ברידער אין פאריז, האט זיך איינער אויסגעדריקט וועגען די הארטנעקיגקייט פון די אידען — ווען דער פירסט ראדזיוויל האט דאס געהערט האט ער זיך שטארק אויסגעלאכט: וואס? אידען זיינען הארטנעקיג? אדרבא, אידען זיינען ווייך אזוי ווי וואקס, איך קען זיי קנעטען און בויגען ווי איך וויל; ווען איך הייס מיינע אידעלאך קלעטערען אויפ'ן הימעל אדער זיך ווארפען אין ים פיהר איך דאס מאמענטאלנע אויס! — דאן האט זיך אויפגעהויבען איינער פון די גראפען מיט וועמען ער האט צוזאמען גע'שיכור'ט און זאגט: איך קען זיך וועטען מיט דיר אז א דינער פאדעם איז שטארקער ביי זיי ווי דיין דעה! — זיי האבען זיך געוועט אין א גרויסע סומע געלט, און די גאנצע חברה איז גלייך ארויסגעפאהרען נאך ראדזוויל'ס שטעדטעל. — זיי זיינען אריינגעפאהרען אין שטעדטעל אום שבת. — דער פרעמדער גראף האט געלאזט רופען אלע בעלי בתים פון שטעדטעל און זיי געגעבען פאהנען און גרינע צווייגען זיי זאלען מארשירען דערמיט בעפאר די קארעטען פון די פריצים — די בעלי בתים האבען געפאלגט און געטראגען די צווייגען ניט רעדענדיג אווארט — אבער פלוצלונג ווען זיי זיינען געקומען צו א גע־וויסען פונקט זיינען זיי אלע געבליבען שטעהן און זיך ניט גערוהרט פון ארט — ווארום געהט איהר ניט פארווערטס? האט ראזיוויל אויסגעשריען מיט כעס. — די בעלי בתים האבען איהם געוויזען מיט די פינגער אז דא ענדיגט זיך דער ערוב און אז ווייטער טארען זיי קיין זאך ניט טראגען! — אומזיסט האט דער משוגענער פריץ זיי געסטראשעט אז ער וועט זיי אלעמען ארויסטרייבען, אויסקוילענען, א. ז. וו. זיי האבען געשוויגען און זיך ניט געריהרט פון ארט. יעצט זאגט דער פרעמדער גראף, צאהל מיר אויס די וועטע, איך האב דיר באוויזען אז א דינער פאדעם איז שטארקער ווי דיין ווילען.

דאס איז די מליצה פון פסוק אז גאט (הכהן גדול) האט אריינגע־ווארפען „אל תוך שרפת הפרה", דאס הייסט ער האט זיי מיטגעגעבען אין גלות, אז „עץ ארז", און אז „אזוב". — וואס עס אנבעלאנגט זייער גוף זענען זיי געווען ווייך ווי אז „אזוב" אבער וואס אנבעלאנגט זייער אמונה, זענען זיי געווען הארט ווי אז „עץ ארז".

.2

דיזע צוויי מדות פון עץ ארז ואזוב, האבען נאך אידען אפילו היינטיגען טאג, נאר די צרה איז זיי באנוצען זיי זיך מיט זיי פונקט פארקעהרט ווי

גאַט האָט עס געמיינט. — אין די יעצטיגע צייט און ספּעציעל אין די פרייע לענדער, ווערען אונזערע אידעלאַך ווי אַן עץ ארז, ווען מען ריהרט אָן זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן, און פאַרקהרט וואָס אנבעלאַנגט זייער אמונה, זיינען זיי ווייך ווי דער אזוב...

ווען אַ באַס אין אַ שניידער־שאָפּ זאָל ווערען ארונטערנעהמען פון זיינע אַרבייטער אַ האַלבען סענט אַ שטונדע אָדער צולייגען פינף מינוטען צום אַרבייטס־טאָג, וועלען זיינע אַרבייטער געווים מאַכען אַ סטרייק (ווייל אין גשמיות זיינען זיי ווי אַן „ארז"), אָבער ווער דער זעלבער באַס בייט אום דעם רוהע טאָג פון שבת אויף זונטאָג (הגם די מאַדזשאָריטי פון זיינע אַרבייטער זיינען רעליגיעזע אידען), בויגען זיי איין די קעפּ און פאָלגען, ווייל אין אמונה־זאַכען זיינען זיי ווי דער „אזוב"...

דאָס זעלבע זעהט מען אויך אין די אידישע הויז — פאַראַן פיעל אידען וואָס ווילען האַלטען אַ אידישע הויז נאָר די ווייב און קינדער ווילען ניט, און ער בויגט איין די קאָפּ און גיט זיי אַ פרייע האַנד — וואָס זאָל איך טהאָן? זאָגט ער, איך האָב פיינט שטענדיגע מלחמות! איך בין אַ רדהיגער מענש! וואָס טהוט מען ניט צוליעב שלום בית? — אָבער, גיט איהם אַ פרעג: ווי וואָלט געווען אַז דיין ווייב און קינדער וואָלטען וועלען לעבען גרעסער ווי דיין פּרנסה ערלויבט, וואָלסטו געשוויגען? — געווים ניט! דאָ וואָלט ער שוין געפיהרט אַ שטאַרקע מלחמה געגען זיי: „וואָס איהר ווילט מיך רואינירען? איהר ווילט מיך ברענגען אין געפענגניס, אָדער צו זעלבסט מאָרד?" — נאָר יעצט אַז די זאַך איז נאָר נוגע צו אידישקייט, זאָגט ער אַז ער וויל אויסמיידען מלחמות אין הויז... אין גשמיות איז ער ווי אַן ארז, נאָר אין רוחניות איז ער ווי אַן אזוב...

דאָס זעלבע זעהט מען אויך אין שוהל־זאַכען, — דאָס וואָס דער רעפאָרם דרינגט ביסלאַכווייז איין אין אַלע אָרטהאָדאָקסישע שוהלען קומט ניט פון איבערצייגונג נאָר פון נאַכגעביגקייט און ווייכקייט אין אידישע ענינים. — די מאַדזשאָריטי מיטגלידער פון די רעפאָרם און האַלב־רעפאָרם טעמפּלען זיינען „קאַלוואַריער" דייטשען, און קיינער וועט מיר ניט איינ־רעדען אַז אַזעלכע האָבען באמת הנאה צו זיצען שטונדען־לאַנג און הערען ווי דער אָרגאַן שפּיעלט אַ טרויער־מאַרש, און דער ראַבבי זאָגט אַ פאַר־שלאָפענעם „סערמאָן" אין אַזאַ ענגליש וואָס ער אַליין פאַרשטעהט ניט. — באמת זיצען דאָרטען נעבאַך אונזערע ליטווישע דייטשען אין געהאַקטע וואונדען, ווייל זייערע ווייבער און טעכטער ווילען זיך שפּיעלען אין „אַריסטאָקראַטיע" און פאַראַדירען זייערע סילקס און סאַטינס, זייערע דזשועלערי און פאַר־קאָוטס, פאַר די אויגען פון די הויכע געזעלשאַפט — און דער מאַן איז נעבאַך ווייך ווי אַן „אזוב" לאָזט זיך פיהרען פון זיי ווי אַ קליינער הינטעלע אויפ'ן שנירעל — אָבער דאָס איז נאָר בנוגע אידישקייט; וואָס אנבעלאַנגט וועלטליכע זאַכען באַווייזט ער זיי גאַנץ אָפט אַז ער איז דער בעל הבית, און די ווייב מיט די טעכטער ווייסען גאַנץ גוט אַז נאָר אין רעליגיעזע ענינים איז ער אַן „אזוב", אָבער אין געלט־זאַכען און אין די הויז־רעגיערונג איז ער אַן „עץ ארז"...

.3

נאָך אַ דריטע אייגענשאַפט האָט נאָט מיטגעגעבען די אידען אין גלות, און דאָס איז „תולעת שני" — די אמת'ע באַדייטונג פון „תולעת שני" איז אַ רויטער ווערעמיל וואָס מיט זיין בלוט קען מען פאַרבען אַנדערע זאַכען, אָבער די מלמדים פון אַלטען חדר פלעגען דאָס פאַרטייטשען אַ רויטער פאָדעם. — ביידע ביאורים זיינען מקויים געוואָרען אויף אידען. אַמאָל זיינען אידען געווען ווי אַ רויטער ווערעמיל, מיינענדיג דערמיט, אַז הגם מיר זיינען געווען ווי אַ וואָרעם אונטער די פיס פון די גוים, פון דעסטוועגען האָבען מיר זיי געפאַרבט, דאָס הייסט, זיי האָבען איבערגענומען פיעל זאַכען פון די אידישע אמונה און פון אידישע מדות — כמעט אַלע קריסטליכע חגאות זיינען נאָכגעמאַכטע נאָך די אידישע ימים טובים. — די גאַנצע רעפאָרמאַציאָן איז געווען אַ רעזולטאַט פון אידישען איינפלוס. — מיט אַ צוויי דריי הונדערט יאָהר צוריק האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג אין קריסטענטהום צו געהן צוריק נעהנטער צום יודענטהום. — די אנהענגער פון דיזע באַוועגונג, די פוריטאַנער, האָבען אַרויסגעוואָרפען אַלע בילדער פון די קירכען, און האָבען זיך אפילו גענומען רופען מיט אידישע נעמען, ווי מען זעהט פון די באַריהמטע נעמען: אייזיק, ניוטאָן, בענדזשאַמין, פרענקלין, סעמועל דזשאָנסאָן, אייבראַם לינקאָלן, א. ז. וו. — אין יענע צייטען איז דאָס אידישע פאָלק געווען ווי דער תולעת שני אין דעם ערשטען און אמת'ן זינען פון וואָרט, דאָס הייסט ער האָט געפאַרבט די פעלקער, — אָבער מיר, פון אונזער צייט זיינען מיר ווי „תולעת שני" נאָכ'ן ביאור פון די פאַרצייטיגע מלמדים, דאָס הייסט אַ רויטער פאָדעם וואָס נעהמט אָן זיין פאַרב פון אַן אַנדערען... אנשטאַט וואָס די גויב האָבען זיך אַמאָל אָנגעפאַנגען צו רופען מיט אידישע נעמען, האָבען די אידעלאַך אין די פרייע לענדער פאַרביטען די נעמען אברהם יצחק ויעקב אויף „וויליאַם", „טהאָמאַס" און „דזשאָהן". — פיעלע ווען פיליכט אויס־רופען מיט שעקספיער: וואָס איז אין איי ניים? — אָבער איהר זאָלט וויסען אַז דאָס איז אַ טעות; ווען אַ איד רופט זיך מיט אַ אידישען נאָמען, דערמאָנט ער זיך אַמאָל אָן דעם אָריגינאַל פון דיזען נאָמען; ער דערמאָנט זיך אָן זיין טאַטען, אָדער זיין זיידען נאָך וועמען ער הייסט דוזען נאָמען; ער דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ סאָרט לעבען זיי האָבען געפיהרט, און אָפט מאָהל באַשליעסט ער צו געהן אין זייערע וועגען, אָבער ווען ער הייסט טהאָמאַס אָדער דזשאָהן, וועט ער זיך גיכער לערנען פון די אמת'ע טהאָמאַ־סעס און די אמת'ע דזשאָהנס...

און אנשטאַט וואָס די גוים האָבען אַמאָל גענומען זייערע חגאות פון אונזערע ימים טובים, האָבען אידען אין אונזערע צייטען אָנגעפאַנגען צו פייערען זייערע חגאות. — קריסטמעס איז אין פיעלע אידישע הייזער אין אַמעריקע אַ סך אַ גרעסער יום־טוב ווי חנוכה, און טהענקסגיווינג איז ביי זיי אַ גרעסערער יום טוב ווי סוכות און זונטאַג ווי שבת. — די שבת'דיגע קליי־דער און דעם שבת'דיגען מאָהלצייט האָט מען איבערגעלייגט פון שבת אויף

זונטאג. — עס איז אמת אז דעם שבת'דיגען דאווענען האבען נאך דאס רוב אידען ניט איבערגעלייגט אויף זונטאג, אבער דאס קומט ניט פון צופיעל ארטהאדאקסיע, נאר פשוט ווייל זיי ווילען ניט פארשטערען אזא גוטען יום טוב... זונטאג איז דער שעהנסטער יום טוב ביי אמעריקאנער אידען, וואצו זאלען זיי דאס פארשטערען מיט לאנגע תפילות?

דאס איז וואס איך האב געמיינט ווען איך האב געזאגט אז אין די פרייע לענדער זיינען מיר ווי דער תולעת שני נאכ'ן ביאור פון די פאר־צייטיגע מלמדים, נעמליך, א רויטער פאדעם וואס נעמט אן זיין פארב פון אן אנדערען.

די אונטערשטע שורה פון אונזערע רייד איז, די מדות וואס גאט האט אונז נעגעבען צו קעמפפען פאר אונזערע גייסטיגע אוצרות אין גלות, באַ־נוצען מיר אין גלות פארקעהרט פאר אונזערע מאטעריאלע אינטערעסען.

דעריבער זאגט דער פסוק: וכבס בגדיו הכהן (המדות נקראים בפי חכמי המוסר בגדים, וכן אמה"ח, בכל עת יהיו בגדיך לבנים — ור"ל העם הישראלי יתקן את מדותיו) ורחץ את בשרו במים (אין מים אלא תורה) ואח"כ, ואסף איש טהור (הקב"ה שהוא טהור עינים מראות ברע) את אפר הפרה (זה קיבוץ גליות) והניח אותה במקום טהור (הארץ הקדושה) אמן כן יהי רצון.

חומר לדרוש

פרשת פרה

אגדות חז"ל

זאת חוקת התורה וגו׳, זה שאמר הכתוב, מי יתן טהור מטמא לא אחד (איוב י"ד), כגון אברהם מתרח, חזקיה מאחז, יאשיהו מאמון, מרדכי משמעי, ישראל מאומות, עולם הבא מעולם הזה, מי עשה כן, מי צוה כן, מי גזר כן, לא יחידו של עולם? וכו׳. תמן תנינן, העוסקין בפרה מתחילה ועד סוף מטמאין בגדים, היא גופה מטהרת בגדים, מי עשה כן, מי צוה כן, מי גזר כן? אמר הקב"ת, חוקה חקקתי גזרה גזרתי, אי אתה רשאי לעבור על גזרתי (מד"ר פי"ט).

ויקחו אליך פרה אדומה תמימה, מפני מה כל הקרבנות זכרים וזו נקבה? א"ר איבו, משל לבן שפחה שטינף פלטין של מלך, אמר המלך, תבא אמו ותקנח את הצואה, כך אמר הקב"ה, תבא פרה ותכפר על מעשה העגל וכו׳, ולפי שאהרן עשה את העגל לא נתנה לו עבודה זו, שאין קטיגור נעשה סניגור.
(מד"ר פי"ט).

ליקוטים ממבחר הדרוש

פרשת פרה

ע ץ א ר ז

ישראל העז שבאומות

בשומנו לב לכח חיוו של ישראל הנערץ ולרוחו העז יעלה לפנינו זכר דברי חז"לשאמרו „ג׳ עזין הן (קשים להנצח — רש"י) ישראל באומות, כלב בחיות, תרנגול בעופות. ויש אומרים אף עז בבהמה דקה, וי"א אף צלף באילנות" (ביצה כ"ה). כי אמנם אין בין העמים „עזים וקשים להנצח" כישראל, אשר מספר העמים מספר אויביו, אשר לחמו בו מלחמות תנופה ארוכה ונוראה ולא נצחוהו. כל כלי יוצר עליו לא יצלח וכל תחבולות מצמיתיו, גבורתם ואכזריותם יתפוצצו אל סלע המוצק הזה, אל „העז שבאומות" שישחק לפגעים, שילעג לפחד המות, ולא יחת מהמון מלאכי שחת אשר סביב שתו עליו. מת רבו קמיו ומת עצמו משנאיו אשר כרו שחת לרגליו, אשר העבירוהו באש ובמים — ולא נצחוהו, כי רוחו לא יכנע, נר נשמתו לא יכבה כי „עז" הוא העם, „קשה להנצח".

וכשם שהוא עז שבאומות כך יש לו היתרונות והכחות הכבירים אשר ליתר „העזים". דומה הוא אליהם בגורלו ודומה הוא להם בכחו העז. „הכלב בחיות" מצטין בגורלו ועזותו. הכלב מצטין בין החיות ועולה עליהן בשכלו המפותח ובאמון רוחו לאדונו, כאשר יגידו חכמי הטבע ויעידו המון הספורים המספרים את אמונת הכלב ומסירותו לאדונו, והמוכיחים על תבונתו הרבה מתבונת יתר החיות. עבודתו מועילה לאדם עד כי הביאו האדם בחברתו, אתו ילך ומפתו יאכילהו, ואיננו טורף ומסכן לאדם כיתר החיות. ובכ"ז שמו מנואץ, הכלב הוא שם חרפה וסמל הבוז, תחת אשר שם הארי נכבד ומפואר, עד כי ישתמשו בו לתאר את הגבורים הגדולים ואת החכמים הגדולים, וגם כתבי הקודש והתלמוד השתמשו בשם ארי לתואר כבוד. „גור אריה יהודה", „ארי עלה מבבל" ועוד. ונופל הוא הארי בערכו מהכלב, כי הוא טורף מסוכן, שכלו אינו מפותח כשכל הכלב, ואינו מביא תועלת לאדם. מזונות הכלב מעטים ורעים, למרות התועלת שהוא מביא לאדם, „לית דעניא מכלבא" (שבת קנ"ה) כי מה יאכילהו אדונו? רק העצמות שאין עליהן בשר, מקומו אחורי הדלת, אף כי שומר הוא על אדונו ורכושו. כן הוא גורל הכלב. אך תחת זה העניקתהו הטבע כחות נפלאים, שבהם

ילחם בגורלו ויחיה במצבו. „יודע הקב"ה בכלב שמזונותיו מועטין לפיכך שוהה אכילתו במעיו ג' ימים" (שם), אם מזונותו מעטים ורעים, יכול הוא לחיות במזונות מעטים. אדונו יבזהו וישליכו החוצה אחורי הדלת, ומשם ישמור על אדונו ולא יבגוד בו. הוא עובד עבודתו המועילה למרות אכזריות אדוניו עליו, והרעב, הקור והמקל לא יסירו ממנו את אמון רוחו לאדונו. בזה הוא „העז שבחיות", כי חיה אחרת אם תרעב, אם אדונה יגרשה מביתו וידוש בשרה בקוצים תעזבהו, תבגוד בו ותברח, והכלב סובל רעב ואכזריות בעליו והוא נשאר נאמן בעבודתו לאדונו. ולו היתה חיה אחרת תחתיו אז כבר שת הרעב קציר לה ומינה אבד מן הארץ, והכלב משלים עם גורלו, יחיה ברעב, במזונות מועטין, לכן הוא ה„עז שבחיות".

הביטו וראו אם אין גורל ה„עז שבאומות" כגורל „העז שבחיות". עמנו הוא העם המפותח ועולה בכשרונותיו על יתר העמים, בזמן שכל העמים ישבו בחשך ובערות כבר האיר היהודי לארץ ולדרים עליה באור תורתו וחכמתו, בשבת העמים בשפל המצב הרוחני, באכלם איש את בשר רעהו כחיתו טרף כבר למד היהודי „ואהבת לרעך כמוך" וישא חזון „לא ישא גוי אל גוי חרב וגו'. וגר זאב עם כבש", וגם אחרי הוחל רוח ההשכלה לפעם את העמים עלה עליהם במדותיו הטהורות ובארחות חייו, גם התועלת שהוא מביא למשפחת העמים בעבודתו גדולה מאד מאד, כי אין לך מקום ואין לך דבר שלא תמצא שם את עבודתו הפוריה, בכל חכמה ומדע, במסחר ובמלאכת מחשבת הוא לוקח חלק בראש ומביא טובה כפולה לעולם. ובכ"ז בוז יבוזו לו, שמו מנואץ והוא לשמצה בין קמיו. השם „יהודי" הוא שם חרפה שבו יחרפו בני העמים איש את אחיו, בשעה ששמות העמים הפחות מפחותים, האכזרים אבל הגבורים לברכת ולתהלה בארץ. היהודי בכל ארץ שנתנו לו מקום לשבת עבד באמונה את העם והארץ, לחם מלחמתה והגין עליה בדמו ורכושו. ואחרי כל התועלת שהביא, אחרי כל הטובה שהטיב לעם הארץ והעבודה שעבד באמונה, הקצו לו מקום אחורי הדלת, גיתה צרה בפינה חשכה, לא חשכו מפניו רוק וידושו בשרו בקוצים, גם מזונותיו המעיטו, הכריתו אוכל מפיו ויגרשוהו משוקי מסחר הטובים, ויבריחוהו מכל ענפי המחיה המשביעים לחם. זה גורל העז שבאומות, כגורל העז שבחיות! וגם בעזו, בכח סבלנותו וכח החיים הוא דומה לו. אם מזונות היהודי מעטים ורעים, יכול הוא לחיות בעוני וחסר כל; בחסר לחם ואויר לנשימת חי היהודי. במצור ובמצוק, שבע חרפה ובוז, מהלומות רשע ולהג השאננים הוא חי, ובכל זאת לא אבדה בינתו, כשרונותיו לא נטמטו והוא מוסיף לעבוד עבודתו המועילה לארץ מגורו ולכל משפחת האדם, ומעולם לא בגד היהודי באדוני הארץ, אף כי התהלכו באכזריות וחמת עכשוב. הצרות לא נצחו את טהר רוחו ולא הכניעו את גוו, כי קשה הוא העם הזה להנצח, ישראל הוא העז שבאומות!...

„תרנגול בעופות, לתרנגול נתנה הבינה להבחין בין יום ובין לילה. הוא מבחין בין אור לחושך, וקורא ומעורר ומבשר כי יבוא יום, ובשעה שבני אדם ישנים סרוחים על עריסתם, לא ידעו את אשר סביבם, לא יקיצו לקראת אור היום ולא יקומו לקדם את קוי השמש המאירים ומחממים, אז יקרא התרנגול, יעורר את האנשים הישנים, יעוררם משינתם ויבשרם כי קרב היום, כי בא היום. ואדונו

האדם אשר השינה סגרה עפעפיו ותישנהו, ברצותו לקום בבוקר השכם, בהיות מלאכתו נחוצה, אז ישמח על קריאת התרנגול שבא להעירו לעבודתו. עובד ה׳ המקדם אשמורות יקום לקול קריאתו לעבודת הבורא וישמח על המעורר הטבעי, על קריאת התרנגול. לולא קריאתו הרבו בני האדם בשינה ולא ראו אור השמש שעות אחדות ביום. וכאשר יקיץ האדם לקול קריאתו ויצא לפעלו אז יתקצף על התרנגול המוסיף לקרא ולבשר כי בא היום אז יגרשהו הלאה לבל יפריעהו ממנוחתו. והישנים, אלו העצלים השוכבים בעצלותם על מטתם... יתקצפו ויקללוהו קללת נמרצת על הפריעו אותם משנתם. הם לא ישמחו על האור, לא יצפו לקוי השמש, והלילה, החושך נעים להם ולרוחם, הם יתקצפו על „המעיר" המפריע את דומית הלילה... על הזכירו את האור ואת היום. והתרנגול גם בהגרשו, בהדחפו לאחורי הדלת... ובהכלאו בלול הצר... לא יחדל מקרוא את קריאתו, יבשר כי יבאיום, כי יזרח השמש!

חז"ל ראו בתרנגול מראת אלהים. הם שמעו באזני רוחם בקריאותיו קול קורא אל נפש האדם, קול מעורר ישנים לעבודת הבורא, קול קורא לעצל לקום לעבודתו, הם שמעו בקולו הראשון את הקריאה „שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו׳" (פרק שירה ד׳), בקול קריאתו השניה שמעה אזנם קול מבשר ואומר כי „יבא מלך הכבוד", ובקולו השלישי לקחת יאזנם הקריאה לבודיעת הבורא „עמדו צדיקים ועסקו בתורת" (שם), ואחרי כן יקרא התרנגול את האדם לעבודתו, אחר בשרו בקול ביאת מלך הכבוד, אחרי קראו הצדיקים לעבודת בוראם, יקרא את האדם לעבודתו „עד מתי עצל תשכב וגו׳", „אל תאהב שינה פן תורש וגו׳" (שם), כאילו היה המעורר הטבעי הזה שליח ההשגחת לעורר את האדם ממצב שפלותו, מתנומתו, ולבשר ישועת ד׳ והתגלותו בקהל רב, לקרא את האדם לעבודתו, יתברך. כאילו קרא לאדם להכון לקראת יום ד׳, לקראת אור תורה, אור הנפש, ולמלא את חובתו בתור אדם חובתו לאלהיו, ואחרי כן לעבוד עבודתו הוא, כי האדם לעמל יולד.

שמעה זאת בינת גבר והתרנגול קורא וחוזר וקורא, שבע יקרא אל האדם הישן, שבע יעירו ויבשר אור, לא ייעף ולא ייגע. ואם יגרשהו אדונו, ממקום גלותו יקרא אל אדונו: עורה למה תישן! אם ידחף ברגל אדונו על קריאתו, לא יאלם, רק יוסיף לקרוא: יבוא יום:! יכוהו ויגרשוהו והוא לא יחדל לעורר ישנים ולקרוא: כי על כן „מעורר" הוא, המעורר שהוקם בידי הבריאה לעורר ישנים ולהקיץ נרדמים, ולהבחין בין יום ובין לילה. ולעולם מלא משלחתו ולא ישתיקוהו כי הוא העז שבעופות גם עם ישראל הוא מעורר ישנים ומקיץ נרדמים. בעוד החשך כסה ארץ וערפל לאומים אז קרא עמנו את הקריאה הגדולה „שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבוא מלך הכבוד" הוא היה הראשון אשר העיר ממזרח צדק, ויקרא לאור ויבשר כי קרב היום. ובעת אשר חשכת האמונות השפלות ישנת בחיקה עמים רבים, בעת שישן האדם שנת הבערות, הקיץ עמנו נרדמים וישא נר ד׳ להאיר לארץ ולדרים עליה ויקרא ויעורר עד כי רבים קמו לקולו הקורא בכח, רבם ראו אור ויקומו לעבודת הבורא, ורבים הקיצו משנתם ויקומו לעבודתם, ולא קריאה אחת קרא, רק קרא וחזר וקרא, לא שם לבו לקצף הישנים, לא חת מחרון אף הנרדמים אשר חרפוהו, גרשוהו ויראוהו נחת זרועם על הפריעו את שנתם... על חרפת חורפם ענה בקול: הקיצו נרדמים!

על מכת מכתו ענה בקריאת: יבוא מלך הכבוד! ואלה אשר הקיצו משנתם ויפקחו עיניהם ויראו אור, ולא מצאו עוד חפץ בקריאותו... ויבקשו להשתיקו, אבל העם־המעורר מלא תפקידו, הוא קורא לאור, העיר השחר, ולא נעלם דומיה מעצמת כאב המכות, כי על כן מעורר לגוים נתנו ד׳, נביאי־האור, לבשר בגוים שם ד׳ ולהאירם באור תורתו, באור הדעת. וכה קרא ויעורר בכל העתים והמצבים ולא עיף ולא יגע, כי על כן הוא העז שבאומות.

„ויש אומרים אף עז בבהמה דקה". יש רואים גם בטבע העז כח טבעי נעלה, שהיא מהלכת בראש העדר, לו גם יקפצו האילים בראש העדר, לו גם יגרשו בקרניהם את העז מלכת בראש, היא תשוב ללכת בראש העדר כי כן טבעה „עיזא דאזלא בריש עדרא" (ב"ק נ"ב), „דרך העזים להלך בראש והעדר הולך אחריהם" (רש"י שם) ומדרכה זו לא תסור. וגם בעז שבאומות אנו רואים את הכח הנעלה הזה, שהוא נר לגוים, הולך בראש עדר העמים, ואף כי האילים הבריאים והחזקים קופצים בראש, אף כי בקרני ברזל יגרשהו מלכת בראש, הוא מדרכו לא יסיר, היה הוה ויהיה נר לגוים.

„ויש אומרים אף צלף באילנות". הצלף הזה הוא עושה פירות בכל יום (ראה שבת ל׳ אתוי לית צלף) וכל הצומח בו ראוי לאכילה, עליו ופרותיו וקליפתם כלם ראוים לאכילה ולברכה (ברכות ל"ו, על מיני נצפה, על העלין ועל התמרות וכו׳ ועל האביונות ועל הקפריסין וכו׳). ולכן יש אומרים שהצלף הוא ה„עז שבאילנות" (ורש"י כתב לא ידעתי מהו עזות שלו) כי אין דומה לו באילנות בכח הפריה, שהוא מוציא פירות בכל יום, ואינו מוציא דבר לבטלה. וגם העז שבאומות מפליא בפירות שהוא מוציא תמיד ברוחו, שהוא כמעין המתגבר, ובכל הזמנים הוא עושה פרי, ופריו לברכה בקרב הארץ. למרות הלחץ שלוחצים אותו ואת רוחו, למרות המפריעים אותו מגשת אל העץ הדעת, בניו הם למודי ד׳ חכמים בכל חכמה ומדע, והם מצטינים בכל מקצעות המדע ומלאכת מחשבת, ושמם לברכה בפי הישרים בלבותם שבאומות, כי רוחו כח עז, בשרונותיו כה טובים ואהבתו לחכמה ולכל דבר קולטורי כה גדולה, עד כי לא נצחה הגלות המרה את רוחו. ובכל יום, גם ביום מר, הוא עושה פרי. ולא רק בטובי בניו הוא מצטין, אלא אפילו הריקנים שבו ינחילו כבוד לשמו, כי כל בניו למודי ד׳ גם ההדיוטים שבבניו למדו מעט או הרבה עד כי קשה למצא בבני עמנו בור שלא ידע לקרא בתורה, להתפלל ולברך. גם עמי־הארץ שבתוכנו יודעים את החגים והרבה מפרטי דיניהם ומנהגיהם, מה שאין כן בעמים אחרים, אפילו המקולטרים שבהם. וכצלף הזה שכל צמחו לברכה כן עמנו גם ההדיוטים שבו ראוים להתכבד בהם. וגם בחיים המוסרים כבר העידו חז"ל שאפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרימון, כי נפשם נפש ישראלית, רוחם נשאר רוח ישראל, אף כי נטמטם מעט. מכל הדברים האמורים נוכחנו כי כח החיים אשר בנפש עמנו הוא כביר ונצחי, לא יחות מפגעי הזמן ולא יכנע בפני מלאכי משחית העוכרים רוח עם ועם, ולכן לא נצחה אותו הגלות הארוכה והמרה, כי קשה הוא להנצח, עז הוא באומות. הלא זה הדבר אשר דברנו כי עמנו הוא נצחי ונשמתו בת אל־מות.

ויודע אני שאלת המשכילים אשר שאפו אל תוך נשמתם את רוח השכלת־תסיף, ולמדו לשעבד לבם ושכלם לקנינים אחרים, הם ילעגו לדברי, הנאמרים

בצדק, כי עמנו היה, הוה ותיה נר לגוים וכי הוא הולך בראש עדר העמים, כי הם התרגלו לחשוב אחרת ולהביט על עמנו ועל העמים שכניו לא כמבטנו אנו, אבל לו חכמו השכילו להביט על ערך העמים משפופרת האנושית הצרופה, לו למדו למדוד את האדם במדת תורת הספר, המדות והמוסר הזך והנקי, אז אחרת דברו, אז ידעו כי העמים, גם המשכילים שבהם, לא עלו עדיין אל הרמה הרוחנית שעמד עליה עמנו זה אלפי שנים, וכי עמנו הוא להם מורה דרך שלא בטובתם וגם שלא מדעתם, כי האור חודר אל העין שלא מדעתה, ומי יתן ובחרו בדרכו!

(ישראל ותורתו).

אוצר הדרוש וההטפה

פון דער בימה

מרדכי היהודי

(פורים דרשה)

הרב שלום ראבינאוויץ.

די חכמי התלמוד און די פוסקים האבען געמאכט א גרויסען פאראד פון מגילת אסתר („נביאים וכתובים עתידים להבטל אבל חמשה חומשי תורה ואסתר אין עתידים ליבטל", ירושלמי מגילה פ"א — „כיון דנקראת ס"ת נותנים לה כל דיני ס"ת", טור או"ח תרצ"א בשם ר"ת).

ווערענד די העלדענטהאטען פון די מאקאבעער זיינען אין גאנצען נים דערמאנט אין תנ"ך, איז מגילת אסתר (אין וועלכע דער שם הוי"ה איז אפילו איינמאל נים דערמאנט) אריינגענומען געווארען צווישען די ספרי הקודש. — און וואס איז דאס דער גרויסער יחום מיט דיזער מגילה? געפינט מען דען עטוואס איבערנאטירליכעס אין די געשיכטע וואס ווערט דארט באשריבען, אז מען זאל קענען אנצייגען דערויף א נס מן השמים? אומגעקעהרט, די געשיכטע פון אחשורוש און אסתר איז אזעלכע וואס קען פאסירען אין יעדען דעספאטישען קייזערליכען הויף. דער קעניג לאזט זיך איבעררײדען פון זיינעם א ליעבלינג אומצוברענגען א געוויסע קלאס פון זיינע אונטערטאהנען וואס דיענען נים צו זיין גאט; ער שרייבט אונטער דעם דעקרעט מיט זיין האנד און שיקט אוים בריעף צו די בעאמטע פון זיינע פראווינצען מען זאל דאס אין א געוויסען טאג דורכפיהרען; אבער צופעליגערווייזע פארליעבט ער זיך דערווײלע אין א מיידעל פון דעם זעלבען פאלק; די מיידעל, ווען זי איז שוין זיין פרוי, דערצעהלט איהם מיט ריהרענדע ווערטער, ווי אזוי זי באלאנגט צו דעם זעלבען פאלק, וואס מען האט איהם איינגערעדט אומצוברענגען; דער קעניג ווערט שטארק אויפגערעגט — נים אויף זיין אייגענעם לייכטזיניגקייט, נאר — אויף דעם וואס האט איהם געבראכט דערצו, און גיט ארוים א באפעהל מען זאל אויפהענגען זיין געוועזענעם ליעבלינג אנשטאט זיין אפפער. קען מען אזא געשיכטע באצייכענען אלס א וויכטיגען נס, וואס זאל בארעכטיגען די מגילה אריינגענומען צו ווערען צווישען די ספרי הקודש, און איהר צו געבען אלע דינים פון א ספר תורה?

דער אמת איז אז די וויכטיגקייט פון מגילת אסתר באשטעהט אין דעם וואס זי ענטהאלט דעם קווינט־עססענץ פון אלע אנטיסעמיטישע באַשולדיגונגען וואס זיינען געמאכט געווארען געגען אונז אין אלע צייטען פון אונזער גלות, און אויך די שטארקסטע פארטהיידיגונג געגען זיי. מגילת אסתר ווייזט ווי א שפיגעל דעם פיינד און זיינע כלי זין; דעם פריינד און די טאקטיק וואס ער האט באנוצט געגען שונא, און נאכהער דעם זיעג און די ענדע.

ווער איז געווען המן? אן אייניקעל פון די צוויי גרעסטע שונאי ישראל, עשו און עמלק. ער האט געהאט עשו'ס רמאות און עמלק'ס רציחה. ווען מרדכי האט ניט געבויגען זיין קאפ פאר איהם, האט ער ארויסגעוויזען די רציחה פון עמלק. די בלוט פון מרדכי אליין איז ניט גענוג געווען צו לעשען זיין כעס, נאר ער האט געזוכט די בלוט פון דעם גאנצען אידישען פאלק (ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו ויבקש להשמיד וכו' את כל היהודים עם מרדכי).

אט דאס איז געווען די מעטהאדע פון אלע אנטיסעמיטען אין אלע דורות; ווען זיי האבען געהאט א תביעה צו איין איינציגען אידען, האבען זיי געוואלט פארניכטען אלע אידען. ווען איהר טרעפט אן אן אנטיסעמיט, וועלכער גיסט אויס זיין גאל אויף דעם אידישען פאלק, דארפט איהר נאר גוט חוקר ודורש זיין זיין פריוואט ביאגראפיע, וועט איהר געפינען, ענטוועדער אז ער האט געליהען געלד ביי א אידען און דער איד האט געצוואונגען אבצוצאהלען דעם חוב אדער ער האט געוואלט לייהען פון א געוויסען אידען און דער איד האט איהם ניט געליהען — אדער אן אנדער עהנליכע סיבה.

ווען המן איז געגאנגען דורכפיהרען זיין פלאן האט ער אנגענומען די רמאות פון עשו'ן (ליכא אינש דידע לאשתעויי לישנא בישא כחמן — מגילה י"ג). זיין גאנצע מסירה איז אזוי כיטרע און אזוי גיפטיג אויסגעארבייט אז זי איז ווידערהאלט געווארען פון די אנטיסעמיטען פון אלע דורות ביז היינטיגען טאג. „ישנו עם אחד" — זיי בילדען א פאלק פאר זיך אין מיטען פון דעם פערזישען פאלק; א מלוכה אין א מלוכה: „מפוזר ומפורד בין העמים" — זיי האבען א טהייל אין אלע לענדער און וואהנען צווישען אלע פעלקער, און אויף דעם אופן קענען זיי ציהען נוצען פון אלעמען; זיי האבען א געלעגענהייט אימער צו געווינען, און זיי קענען קיינמאל ניט פארלירען; איז עס א מלחמה צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, מוז דאך איינע פון זיי פארליערען, אבער די אידען זיינען זיכער צו געווינען. וועט פראנקרייך זיעגען וועלען די אידען פון פראנקרייך פייערען א זיעג, וועט דייטשלאנד געווינען, וועלען די אידען פון דייטשלאנד זיך פרעהען מיט'ן זיעג. און וואהנענדיג צווישען די פעלקער, און ציהענדיג חיונה פון זיי, זעהט מען פונדעסטוועגען אז „ודתיהם שונות מכל עם" — זיי האבען זיך אן אייגענע רעליגיאן; בויען זיך אייגענע שוהלען; און זאגען אפען אז זיי גלויבען ניט אין די געטער פון די פעלקער ביי וועמען זיי זיינען שכנים — דאס איז א העזה!

דאָס איז די ערשטע זייט פון מגילת אסתר. צום ערשטען מאָהל הערען מיר די מסירות אויף אידען, וואָס זיינען ווידערהאָלט געוואָרען אין פאַרשיעדענע פאָרמען פון די אַנטיסעמיטען פון אַלע צייטען. פון אַפּיון ביז שטעקער, און פון אייזענמענגער ביז אונזער אייגענעם פּאָולטני ביגעלאָו. יעדער פון זיי זאָגט, אַז ער אַליין האָט די גרויסע תורה מחדש געווען, אָבער אין אמת'ן האָבען זיי דאָס אַלע גע'ירשה'נט פון דעם ערטש־אַנטי־סעמיט, דעם אַלטען המן.

דער גרעסטער וואונדער פון די גאַנצע געשיכטע איז, אַז ניט מרדכי און ניט אסתר האָבען געמאַכט אַ פּראָבע אָבצושלאָגען אָדער עטוואָס צו ענטפערען אויף די טענות פון המן — ווען מרדכי האָט געשיקט אסתר'ן צו אחשורוש בעטען פאַר איהר פאָלק, האָט ער ניט גע־ראַטהען זי זאָל באַווייזען דעם קעניג די פאַלשקייט פון המן'ס טענות, נאָר „לבוא אל המלך להתחנן לו" — זי זאָל בעטען רחמים פאַר איהר פאָלק. מיר וואַרטען פיללייכט ווען זי דאָס אַליין טהאָן; אָבער אומזיסט! ניט אַ וואָרט געפינען מיר אין דער מגילה וואָס זאָל קענען דיענען אַלס אַנט־וואָרט אויף המן'ס באַשולדיגונגען. מיר וואַרטען פיללייכט צום סוף, ווען מרדכי איז שוין געוואָרען אַ קרוב למלכות וועט ער דאָס אַליין טהאָן מיט זיין פרייען ווילען, כדי דער קעניג זאָל אין דער צוקונפט ניט גלויבען אַזעלכע בלבולים — אָבער דער ספר ענדיגט זיך אָהן איין איינציגען וואָרט וועגען דעם ענין. ביידע מרדכי און אסתר פאַרשווייגען המן'ס בלבולים אין גאַנצען.

ווייסט איהר וואָס דאָס באַווייזט? דאָס לערנט אונז אַ וויכטיגען לעסאָן, אַז קיין תירוצים און קיינע אַרגומענטען וועלען קיינמאָל ניט העלפען געגען די בלבולים פון אַנטיסעמיטען.

ווען „רבשקה" האָט זיך געשטעלט פאַר די טויערען פון ירושלים און האָט געלעסטערט דאָס אידישע פאָלק און זייער גאָט, האָט חזקיהו דער פרומער אידישער קעניג אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צום פאָלק „לא תענוהו" — ענטפערט איהם ניט! (מלכים ב', י"ח—ל"ו).

דער בעסטער תירוץ אויף אַנטיסעמיטישע בלבולים דאַרף און מוז זיין דער אידישער כאַראַקטער, און אידישע מעשים אין פּראַק־טישען לעבען.

אַט דיעזע לעקציאָן לערנט אונז די צווייטע זייט פון מגילת אסתר — דער בילד פון מרדכי.

איש יהודי היה בשושן — ניט אומזיסט באַצייכענט איהם דער פסוק מיט'ן טיטעל „איש יהודי" — ער איז געווען אַ מאַן און אַ יהודי דורך און דורך; זיין ווייכע אידישע האַרץ ווייזט ער אַרויס צו די אָרימע יתומה, אסתר — „ויהי אומן את הדסה", ער האָט איהר ערצויגען ווי אַ צערטליכער פאָטער אויף זיינע הענד (כאשר ישא האומן את היונק) — ער האָט איהר אויסגעהאָדעוועט צו זיין אַן אמת'ע אידישע טאָכטער. ער

האָט איינגעפלאַנצט אין איהר האַרץ אַ פייערדיגע ליעבע צו איהר פאָלק, און צו דער זעלבער צייט אַ באַשיידענהייט און צניעות, וואָס מען האָט דאָס ניט אַרויסגעזעהן ביי די טעכטער פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, וואָס האָבען זיך געפינען אין פּערזיען צו יענער צייט. — „ותלקח אסתר" — אסתר איז צוגענומען געוואָרען איבער געוואַלד אין קייזערליכען הויף, זי האָט זיך ניט געשטופּט ווי די אַנדערע מיידלעך פון שושן אַרויסצואווייזען דעם קעניג איהר שעהנהייט. — „ובהגיע תור אסתר וכו' לא בקשה דבר, כי אם אשר יתן לה" וכו' — אסתר האָט געוואוסט, אַז זי מעג פאַר־לאַנגען וואָס איהר האַרץ זאָל נאָר גלוסטען און אַלעס וועט ערפילט ווערען אויפ'ן שטעל, אָבער זי האָט קיין זאַך ניט געבעטען; וואָס מען האָט איהר געגעבען האָט זי גענומען.

אַט דיעזע וואונדערבאַרע ענוות האָט זי געלערענט פון איהר ערציהער מרדכי היהודי.

מרדכי איז געווען דער איידעלסטער טיפּ פון ענוות און צוריקגעצויגענ־הייט. ווען אַן אַנדערער אויף זיין שטעל וואָלט געהאַט דעם גליק צו רעטען דעם קעניג פון טויט, וואָלט ער געשריען אין אַלע גאַסען: „איך האָב עס געטאָהן!"; „איך בין דאָס דעם קעניג'ס רעטער!" אפילו ווען דיעזער רעטער וואָלט שוין צוליעב אַ געוויסע סבה פאַרשוויגען די זאַך, וואָלט עס געווען פאַסט אונמעגליך, אַז דער קעניג זאָל אינגאַנצען פאַר־געסען אָן איהם — סיידען ווען ער וואָלט זיך באַהאַלטען, און עס זעהט אויס, אַז דאָס האָט טאַקי מרדכי געטהאָן, און דאָס איז אויך געווען זיין כונה, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אסתר'ן אַז זי זאָל ניט אויסזאָגען איהר פאָלק און איהר אָבשטאַמונג. ער האָט געוואוסט, אַז ווען אסתר וועט דערצעהלען דעם קעניג פון איהר נאָהענטע פאַרוואַנדשאַפט צו איהם, און וואָס ער האָט געטהאָן פאַר איהר, וועט מען איהם גלייך באַרופען אין קעניגליכען הויף; און מען וועט איהם אָנטאָהן אַ יוניפאָרם מיט בענדער, מיט מעדאַלען, א. ז. וו. און דאָס האָט ער ניט געוואָלט — „ומרדכי יושב בשער המלך" — מרדכי זיצט זיך אויף זיין פריהערדיגען אָרט, און קיינער ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ נאָהענטער פאַרוואַנדטער ער איז צו די קעניגין.

אָבער דער זעלבער מרדכי וואָס האָט זיך באַהאַלטען און געהאַלטען זיין טהאַט אין פאַרבאָרגענהייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען גלאַנץ און כבוד פאַר זיין אייגענע פּערזאָן, האָט זיך שנעל אַרויסגעשטעלט אין פראָנט און אויפגערודערט די גאַנצע מדינה ווען ער האָט דערשפירט אַז זיין פאָלק שטעהט אין געפאַהר; ווען עס האַנדעלט זיך וועגען זיין פאָלק איז ער אַ „גבור כארי", קיין זאַך שרעקט איהם ניט אָפּ, און קיין זאַך האַלט איהם ניט צוריק.

ווען די געפאַהר איז אַריבער און מרדכי איז געגען זיין ווילען גע־וואָרען אַ „משנה למלך", האָט ער זיך ווידער צוריקגעצויגען, און זיך איינ־געוויקעלט אין זיין פריהערדיגען מאַנטעל פון ענוות — „כי מרדכי היהודי

משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים" — הגם מרדכי איז געווארען דער „משנה למלך" אויפ'ן פלאץ פון המן, האט ער ניט נאכגעטהאן המן'ען צו באפעהלען **אלע נאציאנאליטעטען** זיי זאלען זיך בוקען און קניען פאר איהם, נאר ער איז צופריעדען געווען צו זיין א גדול **בלויז ביי די יהודים אליין** — און אפילו צווישען זיינע אייגענע יהודים, אויך **ניט ביי אלעמען** — „ורצוי לרוב אחיו" (וכמו שפרשו חז"ל, מגילה ט"ז, שפרשו ממנו מקצת סנהדרין) — פון דעסטוועגען האט ער דערויף ניט געאכטעט; נאר ער האט, פארקעהרט, באוואכט און פארטהיידיגט די אינטערעסען פון דעם **גאנצען** פאלק (דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו).

דאס איז וואס די מגילה וויל אונז לערנען. **קיין תירוצים** אויף המן'ס בלבולים גיט זי ניט, נאר זי שטעלט אוועק דעם טיפ פון המן און דעם טיפ פון מרדכי זייט ביי זייט, אזוי ווי איינער זאגט: דער בעסטער תירוץ אויף המן'ס בלבולים איז מרדכי'ס כאראקטער; מרדכי'ס ארט לעבען; מרדכי'ס טהאטען אין זיין אייגענער היים און אין עפענטליכען לעבען. — און דאס גיט זי אונז א לעקציאן וואס קען אונז צוניץ קומען אויף דור דורות, אז די בעסטע פארטהיידיגונג און דער בעסטער מיטעל געגען אנטי־סעמיטיזמוס איז, א ריינער, איידעלער אונבאפלעקטער לעבען. — מיר מעגען האלטען מרדכי'ן פאר א פארבילד, זיין טרייהייט צו זיין גאט און צו זיין פאלק, זיינע עניוות און אויפאפפערונג פאר אלע מענשען, מוזען ענדליך געווינען די סימפאטהי אפילו פון ביטערסטען שונא.

אט צוליעב דעם איז די מגילה אזוי וויכטיג און וועט קיינמאל ניט בטל ווערען, ווייל זי ענטהאלט א בילד פון א פאלקאמענעם אידישען טיפ, וואס גיט דעם בעסטען תירוץ אויף די בלבולים פון אנטיסעמיטען מיט זיין כאראקטער און ארט לעבען, און דיעזער בילד קען אונז נוצען אין אלע דורות און אין אלע לענדער.